INDIANS OF CANAD

• STONEY

Strictly speaking, th Stonies were a branc of the Assiniboin tribe which, in histor times, were typica plains Indians and in veterate buffalo hun ers. With certain o their allies, the Assini boines fought fiercel with the Blackfoot fo control of the Canadian prairies.

Like the Blackfoot, the ranks of the Assini boines were thinned first by wars and late by disease. With the coming of European the herds of buffalo disappeared and th Assiniboines, unable to continue their ol free life, submitted to confinement on variou reserves.

The northern branch of the tribe, com monly known to-day as Stonies, settled i Saskatchewan and Alberta, the larger num ber going to Morley, between Calgary and Banff.

THE ROYAL BANK
OF CANADA

Students' accounts are always welcome at any branch of this bank.

שמחה בונים בראנשטיין
724 וויקטאריא רד.
סידני, נ.ס
קאנאדא
שו"ב ומוהל

ספר הדרשות
דער מאָדערנער אידישער פאָלקס רעדנער

דרשות, רעדעס, לעקטשורס, איבער שבת, ימים נוראים, אלע אידישע ימים טובים און תעניתים פון א גאנצען יאהר, הזכרת נשמות, גניזת השמות, ווי אויך

כללים פאר רעדנער

ווי און וואָס צו רעדען, ווי צו מאכען דרשות, פון וועלכע ספרים צו נעהמען שטאָף, און אלעס וואָס האָט צו טאָן מיט רעדנער, דרשנים און מטיפים

פון

הרב שמריהו ליב הורוויץ

דער רב פון ר׳ ישראל סאלאנטער תלמוד תורה אין נויאָרק.

אַרויסגעגעבען פון

ש. דרוקערמאַן

מוכר ספרים, 50 קאַנעל סטריט

ניו יאָרק, תרפ״ה

אינהאַלט פאַרצייכניס

פאָרוואָרט 14 — 10

כללים פאַר רעדנער : 53 — 15

דער תנ"ך. דער זוהר. מדרשים ווילקוטים. פוסקים. אידישע פילאָזאָפי. רעליגיאָן און נאַציאָן. ר׳ יהודה הלוי. דער עקידה. קבלה אין חסידות. ספרי מוסר. דרוש ספרים. אידישע געשיכטע. ליטעראַטור און לעבען. דער דרשן און דער טלית. די טעכניק פון ריידען. ווי צו מאַכען אַן אַפּיעל. וויפיעל אַ דרשה דאַרף געדויערען. ווי מען מאַכט אַ דרשה. די טאַקטיק פון רעדנער. דער דרשן און דער אמת. דער דרשן און דער נגון. ווי מען גרייט צו אַ אַ שבת׳דיגע דרשה. ווי אַזוי צו פאַרפאַסען דרשות. דער דרשן איז אַ פאָלקס קרבן. דער מטיף און דער כלל ישראל. דרשות פון ווירקליכען לעבען. ווי צו מאַכען אַ דרשה. די וועלט פילאָזאָפען. דער רמ"א און דער ש"ך. ווי אַזוי מען נעמט אַרויס מוסר פון הלכה. משלים, בילדער פון לעבען, און פאַבלען. די מאַטעריאַל פון דעם דרשן. דער צוועק פון יעדע דרשה. דער רעדנער און דער דאָקטאָר. דער וויץ. ווען אַ דרשן טאָר קיין דרשות ניט האַלטען. ר׳ יונתן פּראַגער און זיינע תלמידים. די דרשנים און די שוהלען. די בימה און דער לעבען. מוסר און מעדיצין. אינהאַלט און שפּראַך. דער רעדנער און דאָס פאָלק.

ש ב ת : 55

דער איד און דער שבת. אידען היטען שבת און שבת היט די אידען. שבת די נשמה פון לעבען. קדושת העבודה וקדושת השבת. ווען דער קערפּער רוהט ארבייט די נשמה. משה פיהרט איין שבת אין מצרים. דער שבת און די אידישע אַרבייטער. 5 טאָג אַרבייט וואָך. אָרגאַני־זירען פּרויען און קינדער פאַר שמירת שבת. די ריכטיגע באַדייטונג פון שבת. שבת פאַר׳ן קערפּער און פאַר דער נשמה. שמירת שבת איז דער כבוד פון פאָלק. ר׳ עקיבא און טורנוסרופוס וועגען שבת. די השפּעה פון שבת אויף פאָלק און שפּראַך. די שומרי שבת אַרבייטער און זייערע מאַנופעקטשורערס. די פרומע מאַמעס וועלכע העלפען חלול שבת. די ליכט פון שבת און די ליכט פון ציון. די פילאָזאָפי פון שבת.

הדרשנים והדרשנות 70 — 54

א ל ו ל : 75 — 71

אלול און דער שופר. חשבון הנפש. תשובה. אַ חודש פון דענקען און פילאָזאָפירען. דער שופר און דאָס אידיש קינד. שוהלען אין אונאָנשטענדיגע פּלעצער. דער יריד פון ימים נוראים. דער שופר וועקט די געלד מאַכער.

שמחה בונים בראנשטיין
724 וויקטאריא רד.
סידני, נ. ס
קאנאדא
שו"ב ומוהל

Copyright by S. Druckerman
1925

תשליך : 118 — 120

בינטלעך מיט זינד אין ים. תשובה ביים ים. מענשען און פיש. געדאַנקען ביים ים. מען פייערט די מלוכה פון גאָט. קדושים בלוט אין ים. די שיף פון שמר, און די שיף נאָך ארץ ישראל.

צום גדליה : 121 — 122

די היסטאָריע פון צום גדליה. די באַדייטונג פון דעם תענית. די גרויסע לעקציע. די שרעקליכע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. אידישע ערציהונג.

שבת שובה : 123 — 131

צוריק צום שבת. צוריק צו דער תורה. א אידישע הויז. ארץ ישראל. שבת שובה איז דער קדשי קדשים פון אַלע שבתים. די נויטיגקייט פון תשובה. דער אומגליקליכער לעבען אָהן תשובה. דער נביא פון תשובה. דאָס לעבעדיגע וואָרט. אונזערע דרשנים און מטיפים. דאָס פאָלק און די דרשנים.

ערב יום כפור : 132 — 134

די הכנות צום יום כפור. די מקוה. כפרות שלאָגען. מחילה בעטען. די מלקות. די סעודה המפסקת. דער זיידע בענטשט.

כל נדרי : 135 — 137

די ליכט. די נשמה ליכט. דער קיטעל. די תפלה זכה. די אידישע נעסט. די שמע ישראל'ניקעס. די אַלטע טאַטע און מאַמע. די אידישע ערציהונג. די מענשליכע חושים און דער יום כפור תענית.

יום כפור : 138 — 150

וואָס די תורה זאָגט וועגען יום כפור. די פילאָזאָפיע פון לעבען. אונזערע געוואהנהייטען. א ריכטער און פאָטער. דער כח פון געלד. ארבייט און פערגעניגען. יודענטהום און לעבען. עלטערען און קינדער. גאָט'ס גנב. א נייער לעבען. חשבון הנפש אום יום כפור. בלוט ווערט פארגאָסען יום כפור. זכריהו הכהן. בלוט שווייגט ניט. חורבן בית המקדש. נבוזראדאן ווערט א איד. די עשרה הרוגי מלכות. זייער בלוט און אונזער בלוט. שבת שבתון. מחילה בעטען. צו גאָט און צו לייטען. א פרומער פאָטער און קינדער אָהן א נשמה. אין שפּאַניען און אין אמעריקא. די יום כפור אידען. די מאָדערנע אנוסים. די עברינים פון אַלע צייטען. די יום כפור טראָפּענס.

נעילה : 150 — 153

די נעילה שטימונג. די נשמה און דער גוף. איד און מלאך. שופט צדק און המלך הקדוש. א גוטע חתימה. די תפלות פון נעילה. דער לענדלאָרד און דער טענענט. דער מאַנופעקטשורער און דער ארבייטער. די ליכט לעשען זיך. מען דאַרף עפענען די טויערען פון יודענטהום.

סליחות : 85 — 75

די באדייטונג פון סליחות. מען וועקט צו סליחות. די רבנים אין אמעריקא דארפען וועקען צו סליחות. מען קוילעט דעם וועקער. דער האָן און די בני אָדם יושבי חושך. אין א פינסטערע נאכט שלאָפען אלע. שטעהט אויף לעבודת הבורא. דער גוף און די נשמה. אמאָל און היינט. די אידישע ערציהונג. די אידישע יוגענד און די קדישים זאָגער. דער אלטער און דער נייער יאהר. אונזער צוקונפט. דער זינדיגער און די סליחות. עלטערען און קינדער. רבנים און שוהלען.

ראש השנה : 103 — 85

דער יום הדין. זיי און מיר. דער אלטער און דער נייער יאהר. ראש השנה אין דער אלטער און אין דער נייער וועלט. קדושה און שרעק. ימים נוראים. דער אמעריקאנער איד וויינט ניט. דער יום הזכרון. ערב ראש השנה. רבנים און פרעזידענטען. דער פרעהליכער איד. די באדייטונג פון לעבען. שמואל הנביא און ר׳ יוחנן בן זכאי. אונזערע תפלות. אונזערע קדושים. דער ונתנה תקף. אונזער מסירת נפש. קדוש השם. אידישע ערציהונג. מוטערס און טעכטער. דער איד און דער לעבען. די תפלות וועלכע ריידען וועגען לעבען. וואָס מיינט לעבען ? ווי אזוי קען מען לעבען גליקליך ? א הייליגער לעבען. ראש השנה און יום כפור. ראש השנה און די ימים טובים. די מנהגים פון ראש השנה. שמחה געמישט מיט טרויער. שמחת הגוף און שמחת הנפש. דער איינפלוס פון ראש השנה. א שטורעמדיגע צייט. די סכנה פון אונזערע קינדער. לעבען קערפערליך און גייסטליך טוידט. אידישע ערציהונג. אידישקייט פאַדערט קרבנות. די הארץ און דער מזבח. דוד המלך׳ס פידעל. אליהו הנביא׳ס גארטעל. דער שופר און די תורה. דער שופר של משיח.

תקיעת שופר : 115 — 103

דער שופר אלס נאציאָנאלער אינסטרומענט. זיין באדייטונג אין דער אידישער געשיכטע. דער למנצח פאר שופר בלאָזען. די שטימונג. די מאָראל און פילאָזאָפי פון די תקיעות. די שברים. תשובה, תפלה וצדקה. ר׳ סעדיה גאון וועגען שופר בלאָזען. דער בעל תוקע. די שברים אין דער אידישער הויז און אין אידישען לעבען. דער שופר און די אידישע פארטייען. די תורה. די העברעאישע שפראַך. דער שטן און דער שופר. ווען ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער בלאָזט שופר. דער קרעכץ פון דער אידישער מוטער אין שופר. אונזערע קדושים. אידישע ערציהונג. די זון און דער ווינט אין אידישען לעבען. די אמונה אין גלות. די ימים נוראים אידען. די משכילים. די ראַליע פון דעם שופר.

די סקאַרבאָווע נגונים : 117 — 115

אידישע נגונים בכלל. די אָריגינעלע אידישע געזאנג. די פארצייטיגע און די היינטיגע חזנים. די היסטאָריע און די באדייטונג פון די סקארבאָווע נגונים.

עשרה בטבת: 200
די היסטאָריע פון עשרה בטבת. דער חודש טבת בכלל. א שטיקעל אידישע געשיכטע.

שבת שירה: 201 — 203
א טרוקענער און א פּאָעטישער יודענטהום. די שירת היהדות. אידישע געזאנג. די וויכטיגקייט פון אידישע געזאנג אין די אידישע ערציהונג. קאַשע פאר עופות אום שבת שירה. ווארום ?

חמשה עשר בשבט: 203 — 205
די באדייטונג פון חמשה עשר בשבט. פארשידענע מנהגים. ווארום עסט מען באָקסער ? דער היינטיגער חוני המעגל. חמשה עשר בשבט אין יוראָפּ און אין ארץ ישראל. אידישע ערציהונג.

ז׳ אדר: 205 — 207
גאָט און מענש. פני משה כפני חמה. המן און דער חודש אדר. משה לעבט. אידישקייט וועט ניט אונטערגעהן. משנכנס אדר מרבים בשמחה.

פרשת שקלים: 207 — 213
די געשיכטע פון דעם שקל ביי אידען. דער סוד פון מחצית השקל. שקלים פאר פרעמדע און פאר אייגענע. ארץ ישראל און דער שקל. די ראָליע פון דעם דאָלער אין אונזער לעבען. דער שקל רופט צו אחדות. געלר פאר פּאָגראָמען און געלר פאר ארץ ישראל.

פרשת זכור: 214 — 220
עמלק און זיין באדייטונג. דער עמלק גייסט. אונזערע נחשלים. דער וואָלקען און די אידישע נשמה. לעבעדיגע און טוידטע נשמות. די מלחמה פאר חזוק הדת. די ראדיקאַלע עמלק שוהלעס. די זרעו של עמלק. עמלק אין אונזערע אנשטאַלטען און אין אונזער קהל׳שען לעבען. מארך און הארץ אידען. אונזערע כלל טהוער. משה רבינו׳ס שטיין. אהרן און חור.

תענית אסתר: 221 — 222
די באדייטונג פון אסתר תענית. כשרות און טרפות. גוטע בירגער און גוטע אידען. די געפאהר פון אסימילאציע.

פורים: 223 — 233
חנוכה און פורים. ווארום זאָגט מען ניט הלל פורים ? קעמפּפער און שקלאַפען. אן ערציהונג פון קעמפּפער. די אייביגקייט פון אידישען פאָלק. וואָס המן׳ס מפלה לערענט אונז. שנאת עולם לעם עולם. די וויכטיגקייט פון העברעאיש. די רעליגיעזע אידישע ערציהונג. וואָס איז א איד ? כשרות און טרפות.

פרשת פרה: 233 — 240
די אידישע גאולה. די פרה אדומה וועלכע געפינט זיך אין אונז. די מאַיאָריטעט און די מינאָריטעט. די פרה אדומה אידען. דער פייער פון די תורה און דער פייער פון די אינקוויזיציע.

סוכות: 154 — 167
זמן שמחתנו. ימים נוראים און סוכות. אין ארץ ישראל און אין גלות. דער פרימיטיווער לעבען. די סוכת שלום. די אידישע הויז און די סוכה. די וועלט און די סוכה. א דירת ארעי און א דירת קבע. שאָטען און זון. די סוכת דוד הנופלת. זמן האסיף. די אידישע סוכה און דער יונגער דור. דער סכך וואָס איז מקבל טומאה. די אושפיזין. די טיפע פילאָזאָפי פון דעם אתרוג, לולב, הדס, און ערבה. די הייליגקייט פון לעבען. די ארבעה מינים און די תורה. די סוכה דער סימבאָל פון בטחון. אידישע ערציהונג אָהן בטחון. מען ווארפט שטיינער אין סוכה. די שטערען שיינען ניט. די ליכט לעשען זיך. די יוגענד אנטלויפט פון דער אידישער סוכה. לכם משלכם. די וועלכע בויען אונזר סוכה. פרויען און קינדער אין סוכה. אחדות.

שבת חול המועד סוכות: 168 — 173
די געשיכטע פון גוג ומגוג. וואָס די הפטרה לערענט אונז. די מלחמת גוג ומגוג אלס סימבאָל. די אסימילאַטאָרען און די משומדים. א שטיקעל אידישע געשיכטע פון דער לעצטער צייט. דער פרומער איד איז גליקליך.

שמחת בית השואבה: 173 — 176
די היסטאָריע פון שמחת בית השואבה. די צערעמאָניע פון שמחת בית השואבה אין ירושלים. די שמחה אין גלות.

הושענא רבא: 176 — 178
די הקפות. מען קלאַפּט די הושענות. קערפּער און גייסט. די אָפּ־געשלאָגענע הושענא׳ס. די פילאָזאָפיע פון די הושענות.

שמחת תורה: 179 — 181
שמחת תורה אמאָל און היינט. דער איד און די תורה. הקפות. דער רב און דער געלד מאַכער. די תורה און דימאַנטען.

חנוכה: 182 — 199
די היסטאָריע פון חנוכה. דער שונא פון אידען און דער שונא פון יודענטהום. די ערשטע קדושים ביי אידען. די קעמפּפער פאַר די אמונה. די גבורי ישראל. די טהורים און די טמאים. דער על הנסים. דער קריגעל בוים אויל. ליכט און פינסטערניש. חנוכה ליכט און אונזערע שוהלען. עלטערען און קינדער. דער נר החנוך. די אסימי־לאַטאָרען. די נאַציאָנאַליסטען. די חסידים. ארץ ישראל מוז געבויט ווערען על פי רוח התורה. דער חנוכה לעמפּעל. ליכט וועלכע לייכטען פאַר פרעמדע. די גאָלדענע מנורה. אומריינע אויל. די פּאַרטייטיגע און די היינטיגע אידישע מוטער. די אידישע ליכט. אונזערע שוהלען און תלמוד תורה׳ס. די מחלוקת פון בית שמאי און בית הלל. די ימים היוצאים און די ימים הנכנסים. חלומות און בעלי חלומות. חנוכה ליכט און די שבת׳דיגע ליכט. שמעון הצדיק. חנה און איהרע 7 זיהן. דער סימבאָל פון די חנוכה ליכט. די מנורה און דער כהן גדול. אונזערע ליכט צינדער. העברעאיש.

בין המצרים: 316 — 314

די דריי וואכען. די נייען טעג. א פילאזאפישע ערקלערונג איבער טרויער. א לעבעדיגע ארץ ישראל און טוידטע אידען.

שבעה עשר בתמוז: 319 — 316

די היסטאריע פון שבעה עשר בתמוז. די תאוה פון געלד און דער גלות. וואס מיר לערנען פון שבעה עשר בתמוז.

שבת חזון: 326 — 319

ווען רבנים קלאגען. א ברילאנטענער געדאנק אין זוהר. אידישע טרערען און גוי'אישע טרערען. טרערען וועלכע פיהרען אין ארץ ישראל. די אידישע טאכטער און דער חורבן. די שטימע פון נביא. ווערטער און מעשים. דער חורבן.

תשעה באב: 332 — 327

די היסטאריע פון תשעה באב. טיטוס הרשע און דער פרוכת. די שליסלען פון בית המקדש אין הימעל. די טוידטע מוטערס און די קינדער. די תורה און די גאולה.

שבת נחמו: 342 — 333

דער מוסר השכל פון שבת נחמו. די נביאים און דאס פאלק. די ביבעל קריטיקער און אידען אהן אמונה. רעליגיאן און וויסענשאפט. שבת חזון און שבת נחמו. די קראפט פון אמונה. גאט און נאטור. וואס באוואוסטע פילאזאפען זאגען. רעליגיאן און נאציאן.

הזכרת נשמות: 355 — 342

די היסטאריע און די באדייטונג פון הזכרת נשמות. הזכרת נשמות און צדקה. לעבעדיגע טוידטע נשמות. א קאנווענשאן פון נשמות. די געהאנגענע אידישע קינדער אין די פארגראמען. היינטיגע אידישע נשמות וואס הענגען אין דער לופטען. דער פאטער שטארבט מיט דער ספר תורה, און די טאכטער מיט דעם רויטען פלעג. די טראגעדיע פון הזכרת נשמות. די צוויי תקופות אין אידישען לעבען. נשמות וועלכע זיינען מיט זייער טוידט מקדש השם און אזוינע וועלכע זיינען מחלל השם.

גניזת השמות: 360 — 356

א דרשה און א הספד פאר מקבר זיין אלטע שמות. די עלטערען אין אמעריקא זיינען אלטע שמות.

פרשת החדש: 248 — 240

דער איד און די לבנה. דער חדש ניסן. דער איד האָט שונאים און טאַנצט. די פגימות פון דער לבנה. פרויען זיינען ניט מחדש די לבנה. אידישע צרות און מסירת נפש. אידישע גאונים אין גלות. דער גלות אין לעבען. די וואָלקענס וועלכע פיהרען אין ארץ ישראל.

מעות חטים: 251 — 248

דער מנהג פון מעות חטים. ווער דאַרף געבען מעות חטים? מעות חטים איז אַ גוטער אינוועסטמענט. אידען וואָס גיבען ניט קיין מעות חטים.

שבת הגדול: 261 — 252

די באַדייטונג פון שבת הגדול. אליהו הנביא. די פאַרשטערטע שבתים. עלטערען און קינדער. שבת'דיגע זמירות מיט וואָכעדיגע טרערען. אליהו און משיח. אליהו'ס כוס פסח צום סדר. ווען קינדער שפּילען מיט מלאכים. כשר'ען די הארץ און נשמה פאַר פסח. די באַדייטונג פון קרבן פסח. וואָס דער מורה נבוכים און דער ספר חסידים זאָגען וועגען קרבן פסח. די תאוה צו געלד. אחדות.

פסח: 282 — 261

די שלש רגלים. די אמת'ע פרייהייט. דער נאַציאָנאַלער פריהלינג. געדאַנקען איבער די מאָראַל פון קרבן פסח. דער איד אַלס קרבן פסח. בדיקת חמץ אַ גאַנצען יאהר. דער חמץ וואָס איז אין אונז. דער תערובות חמץ. בעלי בתים זוכען חמץ ביי רבנים. מכירת חמץ. אַ חמצ'דיגער צונג. די פסח'דיגע שקלאַפען. דער שיר השירים אום פסח. די געשיכטע פון אפיקומן. דער כסא און כוסו של אליהו. די אנוסים אין שפּאַניע און דער פסח'דיגער סדר. עלטערען און קינדער. דער שאינו יודע לשאול.

ספירה און ל"ג בעומר: 287 — 282

וואָרום צעהלט מען ספירה? פסח און שבועות. פרייהייט און תורה. דער עומר אין בית המקדש, און די ספירה אין גלות.

שלשה ימי הגבלה: 291 — 287

די פילאָזאָפיע פון הגבלה. הגבלה און קדושה. די השפעה פון דער תורה אויף כאַראַקטער. די מענשליכע אויג און דער מלאך המות. גאַנצע אידען און ברעקלעך אידען. פרקי אבות.

שבועות: 313 — 291

חג הקציר. יום הבכורים. קבלת התורה. בכורים. תקון שבועות. רות. דוד המלך'ס יאהר־צייט. מילכיגס אום שבועות. די תורה און דער לעבען. דער יום הבכורים. די צוויי תורות. נעשה און נשמע. די פילאָזאָפי פון יודענטהום. טעמי המצות. דינים ומנהגים אין תלמוד תורה. שכל און אמונה. קערפּער און גייסט. קערפּער פרייהייט און נשמה פרייהייט. העברעאיש און אידיש. די פּאַבליק סקוהל און די תלמוד תורה. אָרטאָדאָקסען און ראַדיקאַלען. עלטערען און קינדער. די תורה און דער שטן. די רעפאָרם יודענטהום. פלפול אידען און סדור אידען. די תורה און די צייט. די אידישע פרוי און די תורה.

ליטעראַטור בכלל און פון אַ נייעם, גוטען אידישען ספר בפרט, וועלען געפינען אין דיזען ספר ע ר ק ל ע ר ו נ ג ע ן איבער אַלע אידישע ימים טובים פון אַ גאַנץ יאָהר, וועלכעס וועט גאַנץ גוט צו נוץ קומען פאַר זיי און פאַר זייערע קינדער וועלכע ווייסען ניט די באַדייטונג פון די אידישע ימים טובים, תעניתים, און אַלע אידישע אנגעלעגענהייטען, וועט אַט דער „ספר הדרשות" זיין ניט נור אַ ספר פון דרשות, נור אויך אַ לעהר־בוך, אַ ל ע ה ר ע ר וועלכער וועט זיי לערנען און ערקלערען די באַדייטונג פון אַלע אידישע ימים טובים, וואָס דאָס מיינט פיל, זעהר פיל, פאַר יעדען אידען וועלכער איז צו געבונדען באמת צום יודענטהום, און וויל וויסען גרינדליך, און וויל אויך ערקלערען זיינע קינדער, אַז זיי, די קינדער, זאָלען אויך וויסען די באַדייטונג פון אַלע אידישע ימים טובים, און פון דעם שטאַנדפּונקט וועט דער „ספר הדרשות" זיין אַ נוצליכער און אינטערעסאַנטער ספר פאַר יעדען אידען וועלכער קען אידיש לייענען.

די פּראָפעסיאָנעלע דרשנים און מטיפים וועלען אויך קענען באַנוצען זיך גאַנץ גוט מיט דיזען „ספר הדרשות" אַלס ספר פון אינפאָרמאַציאָן וועלכער ציינט אָן פאַרשידענע קוועלען, מקורים, צו אַ גרויסע צאָהל זעהר וויכטיגע ספרים וועלכע באַהאַנדלען די אַלע ענינים וועלכע ווערען באַהאַנדעלט און בעאַרבייט אין דיזען ספר, אַזוי אַז איינשפּאָרענדיג זעהר פיל אַרבייט פון זוכען און פאָרשען אין פאַרשידענע ספרים, וועלען זיי גלייך קענען צוטרעטען צו דער אַרבייט, צו רייכער און פעטער מאַכען זייערע דרשות מיט פאַרשידענע פיל זייטיגע ידיעות, און די יעניגע דרשנים און מטיפים וועלכע זיינען ניט גוט באַקאַנט מיט די „מאָדערנע" דרשה אין אַמעריקא וועלען דאָ האָבען זעהר אַ גוטע געלעגענהייט צו באַקענען זיך מיט די מאָדערנע דרשה און צופּאַסען זיך צו איהר, אום צו קענען בעסער משפּיע זיין אויף זייערע שטענדיגע צוהערער, ווייל די דרשה מוז זיין נאָך דער צייט נאָך, און ניט די צייט נאָך דער דרשה, און ווען די דרשה איז ניט נאָך דער צייט נאָך, קען זי גאָר ניט אויפטאָן, און קען ניט משפּיע זיין אויפ'ן לעבען.

די „כללים פאַר רעדנער" וועלכע מיר לאָזען דרוקען אין אנפאַנג פון דיזען ספר, וועלען זיין, האָף איך, פון גרויס וויכטיגקייט און זעהר נוצליך פאַר אַלע אָנפאַנגער רעדנער. ביי זיי, ביי די אומות העולם, לערענט מען ווי צו ריידען, דאָס איז ווירקליך אַ גרויסע וויסענשאַפט. אַ רעדנער מוז לערנען די קונסט פון ריידען „עלאָקיושאָן," און עס געפינען זיך אויך ביכער וועלכע לערנען ווי צו ריידען. איך בין זיך אָבער מודה ומתודה, אַז איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט גענומען קיין לעקציעס ווי צו ריידען. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געלייענט און האָב ניט געהערט, האָב ניט געזעהן ניט אין קיין בוך און ניט אין קיין זשורנאַל געוויסע כללים ווי צו ריידען. אָבער די ערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט פאַר די לעצטע 30 יאָהר פון מיין שטעהען אויף דער בימה און ריידען צום פאָלק, אַט די ערפאַרונג מיינע, אַט די 30 יאָהר ריידען צום פאָלק, געפינען זייער אויסדרוק אין די

פאָרוואָרט

עס איז ניט לייכט צו ווערען א באוואוסטער און בארימטער רעדנער אין אמעריקאנער יודענטהום, ווייל אמעריקא איז ניט נור א לאנד פון ארבייט און טהעטיגקייט, נור אויך א לאנד פון רעדען: אלע רעדען אין דיזע לאנד ביי יעדע געלעגענהייט. עס איז „הכל מדברים,“ אפילו חרש שוטה וקטן. אין שוהל, אין לאדזש, אין פעראיין, אין דער סאָסייעטי אויף א מיטינג, אויף א צוזאמענפאָהר, אויף א קאָנווענשאָן, מעלדען זיך זעהר א גרויסע צאהל מענשען מיט דעם פארלאנג דאָס זיי ווילען — דאָס וואָרט! און — זיי האָבען דאָס וואָרט, און ריידען! ווען א קינד ווערט דאָ בר מצוה, איז מען איהם מחנך אלס איד אנשטאט תפלין און דאווענען, מיט — א בר מצוה רעדע! אלע מוזען ביי א געוויסע צייט פון לעבען עפּעס פאָרטראָגען, זאָגען עפּעס, ריידען! און דערפאר דער יעניגער וועלכער ווערט דאָ באוואוסט און בארימט אלס גוטער רעדנער, איז ער ניט קיין געוועהנליכער רעדנער, נור ער איז, און ער מוז זיין א נאטור געבוירענער, אן אויסערגעוועהנליכער גוטער רעדנער.

ניט אלע אָבער וואָס ווילען האלטען א רעדע, און ניט אלע וועלכע מוזען מאנכעס מאָל האלטען א רעדע קענען זיין געבוירענע רעדנער. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען ניט געבוירענע, נור געוואָרענע רעדנער. און ווירקליך, יעדערער וואָס האָט דעם פארלאנג און די נויטיגקייט צו ווערען א רעדנער, קען מיט דער צייט, נאך פיל אנשטרענגונג ענטוויקלען זיך אלס ניט קיין שלעכטער רעדנער, וועלכער זאָל אויסגעהערט ווערען פון עולם גאנץ גוט און זאָל מאכען אָפטמאָל דעם געווינשטען איינדרוק. די פראגע איז אָבער וואָס זאָל ער ריידען? וואו זאָל ער נעמען שטאָף צום ריידען? ווי אזוי זאָל ער אויסארבייטען ביי זיך די טעכניק פון ריידען? וואו זאָל דער אידיש־שפּרעכענדער רעדנער נעהמען א האנד־בוך, א וועג־ווייזער, וועלכער זאָל איהם צייגען ווי אזוי און וואָס צו ריידען?

אָט פאר אזוינע אנפאנגער רעדנער איז געשאפען געוואָרען דער „ספר הדרשות“ אָדער „דער מאָדערנער אידישער פאָלקס רעדנער. ווען דער אנ־פאנגער רעדנער וועט גוט דורך שטודירען דיזען ספר וועלכען איהר האלט יעצט אין אייערע הענד, איז קיין ספק ניט אז דער יעניגער וועלכער באזיצט א ברעקעל פונק פון א רעדנער טאלאנט, וועט וויסען ווי צו באנוצען זיך מיט דיזען „ספר הדרשות,“ וועלכער וועט איהם לערנען ווי צו ענטוויקלען זיין רעדנער טאלאנט, און כאפּען דעם „שניט“ פון א געניטען, ערפארענעם רעדנער, און, מעגליך, אז מיט דער צייט וועט זיך א טאלאנט ענטוויקלען און ער וועט נאך מרעיש עולם זיין אלס גוטער טאלאנטפאָלער רעדנער.

און אפילו ניט קיין רעדנער, נור אידען וועלכע האָבען א חוש פאר דרשות, רעדעס און לעקטשורס, וועלכע זיינען ליבהאָבער פון דער אידישער

ווייל ווען מען טראַכט זיך אריין אביסעל טיפער, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז זעהר וויכטיג דאָס די גוטע דרשנים און מטיפים זאָלען לאָזען אָפּדרוקען זייערע דרשות פונקט ווי זיי האָבען גערעדט אויפ'ן בימה, און אין דער זעלבער שפּראַך אין וועלכער זיי האָבען גערעדט צום פאָלק: ווען זיי האָבען גערעדט אין העברעאיש, דארפען די דרשות געדרוקט ווערען אין העברעאיש, און ווען זיי האָבען גערעדט אין אידיש, דארפען זיי דרוקען זייערע דרשות אין אידיש, ווייל נור דאן וועט גאנץ בלייבען דער טאלאנט פון דעם רעדנער און מען וועט קענען האָבען פון די דרשות דעם פולען נוצען.

דער קעלעמער מגיד, למשל, האָט אויפגעשטורעמט די וועלט מיט זיינע דרשות. נעמען מיר אָבער אין האנד דעם ספר וואָס דער קעלעמער מגיד האָט אָפּגעדרוקט, וואונדערען מיר זיך און מיר קענען ניט פארשטעהן — איז דאָס דער קעלעמער? דער ספר האָט קיין לעבען ניט, ער איז טוידט, ווארום איז דאָס? ערשטענס ווייל מען קען ניט דרוקען א קרעכץ, א זיפץ, אן אויסגעשריי פון דער נשמה, און צווייטענס, ווען דער קעלעמער וואָלט געקענט דרוקען זיינע דרשות פונקט ווי זיי זיינען ארויס פון זיין מויל אויף דער בימה, דאן וואָלטען זיינע דרשות אויך איצט מרעיש עולם געווען, און די זעלבע זאך איז מיט ר' ישראל האראדנער, איצעל הארודנער, ר' חיים רומשיסקער, דער קמעניצער, דאיינאוו, יעווזעראוו און אנדערע. דרשות וועלכע ווערען געהאלטען אין אידיש, דארפען זיי געדרוקט ווערען אין אידיש פונקט ווי זיי זיינען געהאלטען געוואָרען אויפ'ן בימה.

דער מחבר פון דיזען ספר איז זיך נוהג איין מאָל אין מאנאט צו האלטען אין זיין שוהל א דרשה אין העברעאיש. יענע העברעאישע דרשות צייכענען זיך אויס, דאכט מיר, מיט זייער רייכען אינהאלט, ווייל רייכער אינהאלט פאָדערט א רייכע שפּראַך, און צו רעיונות איז מסוגל די העברעאישע שפּראַך, פיל מעהר ווי אידיש. אָבער די דרשות וועלכע ווערען אין אידיש געהאלטען, דארפען געדרוקט ווערען אין אידיש, פאר דעם נוצען פון די וועלכע לייענען און ריידען אידיש.

מאנכע געדאנקען פון מיין ספר „חגים וזמנים" האָב איך געבראַכט אין דיזען „ספר הדרשות," ווייל דער „חגים וזמנים" איז א יקר המציאות, מען קען איהם יעצט מעהר ניט קריגען. זעהר פיעל רבנים האָבען מיך געבעטען צו שיקען זיי דעם „חגים וזמנים" און איך שיק זיי ניט, ווייל איך האָב איהם מעהר נים. דערפאר האָב איך די געדאנקען פון „חגים וזמנים" אויך דאָ דערמאָנט. און די יעניגע וועלכע האָבען דעם „חגים וזמנים," וועלען האָפענטליך זעהען ווי אזוי מען נעהמט א העברעאישע דרשה און מען שרייבט איהר אין אידיש, און ווי אזוי מען דארף זיך באנוצען אויפ'ן בימה מיט א דרשה וועלכע איז געשריבען אין העברעאיש. יונגע אונערפארענע רעדנער וועלען פון דעם פיל לערנען.

„וויכטיגע כללים פאר רעדנער,“ וועלכע וועלען, האפענטליך, מאכען דעם גע־ווינשטען רושם און וועלען ברייגגען פראקטישען נוצען פאר א גרויסע צאהל אונערפארענע רעדנער, וועלכע וועלען וויסען ווי צו באנוצען זיך מיט די „כללים“ פאר זייער אייגענער טובה און פאר די טובה פון זייערע צוהערער.

עס בלייבט מיר נור צו זאגען א פאר ווערטער וועגען די שפראך פון דיזען ספר וועלכע איז ניט אונזער נאציאנאלע שפראך, ניט העברעאיש, נור — אידיש. איך האב קיינמאל אין מיין לעבען ניט געדענקט צו שרייבען א ספר אין אידיש. אלע מיינע ספרים וועגען דרוש, וועגען חינוך און לעהר־ביכער, ווי אויך אין אידישע וויסענשאפט, האב איך געשריבען נור אין העברעאיש, אויף דערויף זיינען עדות מיינע ספרים : „חגים וזמנים,“ „אוצר היהדות,“ „שלחן ערוך לתלמידים,“ דיני ישראל ומנהגיו,“ „ספר המזוזה“ מיט „אור המצות,“ קונטרס ההלכה.“ און אפילו ווען איך בין געווען דער רעדאקטאר פון „דעם אידישען וועג־ווייזער“ וועלכער איז געווען אן ארטאדאקסישע צייט־שריפט אין אידיש, פלעג איך דעם „לייט ארטיקעל“ שרייבען אין העברעאיש, ווייל עס איז א גרויסער אונטערשיעד פון שרייבען ארטיקלען און ספרים : אן ארטיקעל וועלכער באהאנדעלט א צייט פראגע און וויל גרייכען דעם גרויסען אידיש שפרעכענדען און אידיש לייענענדען עולם, מוז געשריבען ווערען אין די שפראך פון פאלק, אין אידיש, אבער א ס פ ר וועלכער באהאנדעלט ניט נור צייט פראגען, נור וויכטיגע ענינים וועלכע האבען א דויערענדען שטענדיגען ווערטה, אזא ספר דארף געשריבען ווערען אין די שפראך וועלכע וועט לעבען אייביג, אין — העברעאיש.

דער פארלעגער און ארויסגעבער פון דיזען ספר צוזאמען מיט באוואוסטע רבנים און חכמי ישראל, האבען מיר אבער אן עצה געגעבען צו דרוקען דיזען ספר אין אידיש, ווייל א גוטער דרוש ספר אין אידיש וועט זיין פון פיל נוצען פאר רעדנער און פאר אלע וועלכע קענען אידיש לייענען, און אזא ספר — האבען זיי מיר פארזיכערט — וועט זיין א גוטער מיטעל צו פארשטארקען דאס יודענטהום אין דיזע לאנד. האב איך געפאלגט זייער עצה, האב זיך געלאזט איינרייידען, האב אנגעשריבען דיזען ספר אין אידיש, און ווען זיי וועלען ניט זיין ענטוישט מיט מיין ארבייט, און ווען אט דיזער „ספר הדרשות“ וועט ווירקליך פארשפרייט ווערען און געלייענט ווערען ביי די אלע וועלכע דארפען איהם לייענען און ציהען פון איהם דעם פולען נוצען, דאן וועל איך אם ירצה השם, ארויסגעבען אין גיכען די איבעריגע טהיילען פון דעם „ספר הדרשות,“ וועלכע וועלען ענטהאלטען דרשות, רעדעס און לעקטשורס איבער אלע אידישע אינסטיטושאנס, ווי אויך וועגען ברית מילה, פדיון הבן, אידישע ערציהונג, ארץ ישראל, בר מצוה, תנאים, חתונה, גאלדענע און זילבערנע חתונה, הספדים, הקמת מצבה, חברה קדישא סעודה, אינסטאליישאנס, חנוכת הבית, סיום ספר תורה, הדרנ׳ס אויף ש״ם און חברה משניות און אויף אלעם וויכטיגעס וואס עס קומט פאר אין דעם לעבען פון דאס אידישע פאלק בכלל און אין דעם לעבען פון יעדען אידען בפרט.

וויכטיגע כללים פאר רעדנער

וואס א רעדנער דארף זיין, וואס ער דארף לערנען, לייענען,
שטודירען, פון וואנענט ער זאל נעהמען שטאף פאר זיינע
רעדעס און ווי ער זאל זיך אויפפיהרען.

דער יעניגער וועלכער וויל ווידמען זיין לעבען צו דער קונסט פון דרשנות והטפה — צו די רעדנער קונסט, דער יעניגער וועלכער וויל דיענען זיין פאלק מיט זיינע רעדעס ; וועלכער וויל זיין איינער פון די גרעסטע אידישע רעדנער וואס די וועלט פארמאגט ; דער יעניגער וועלכער פיהלט אז דער רעדנער קונסט, דער רעדנער טאלאנט איז געבוירען מיט איהם, אז ער האט פון דער נאטור א גרויסען טאלאנט צום ריידען פאר'ן פאלק, און ער וויל ענטוויקלען זיין טאלאנט און באגייסטערען דאס פאלק מיט זיינע פייערדיגע רעדעס ; דער רעדנער וועלכער וויל קויפען מיט זיין רעדנער קראפט מענשליכע הערצער און נשמות, וועלכער וויל לערנען דעם פאלק, פיהרען איהם, זיין דער אמת'ער „פאלקס לעהרער" און דער „וועג ווייזער" פונ'ם פאלק, דער מוז גוט געדענקען און פאלגען די פאלגענדע וויכטיגע כללים, וואס אהן זיי קען מען ניט זיין דער אמת'ער גרויסער פאלקס רעדנער, דרשן, מטיף, וועג ווייזער און לעהרער פון פאלק.

א) דער רעדנער אדער דרשן ומטיף מוז זיי קלאהר אויסוועניג דעם גאנצען תנ"ך. יעדען טאג פון זיין לעבען מוז ער דעם תנ"ך לערנען, שטודירען, און פארשען. ווען עס געהט דורך איין טאג פון זיין לעבען אין וועלכען ער האט קיין תנ"ך ניט געלערענט, איז יענער טאג ניט קיין געלעבטער, נור א טוידטער טאג, און ער האט באגאנגען א שרעקליכען פארברעכען דאמיט וואס ער האט דורך געלאזען א טאג לעבען אהן דעם תנ"ך.

דער גרויסער נאטור פארשער, געלעהרטער און רייזענדער א ל כ ס נ ד ר פ א ן ה ו מ ב א ל ד ט ווערט שטארק באגייסטערט פון די פאעזי פון תנ"ך. דער באוואוסטער געלעהרטער ב. מ ע ק א פ י זאגט אז דער תנ"ך האט זעהר פיעל משפיע געווען אויף די געשיכטע און די קולטור פון ענגלאנד. די קעניגען ו ו י ק ט א ר י ע פון ענגלאנד פלעגט אימער האלטען דעם תנ"ך ארום זיך און ווען עס איז געקומען א דעלעגאציע פון אריענט, האט זי ארויף געליינט איהרע הענד אויפ'ן תנ"ך און האט געזאגט : דער תנ"ך איז דער פונדאמענט פון ענגלאנד ; פון דעם תנ"ך באקומט יעדער ענגלענדער באגייסטערונג און אינהאלט צום לעבען.

פראפעסאר ע. ק א ו ט ש, דער פראפעסאר פון טעאלאגיע אין האללער אוניווערזיטעט, זאגט אז ער האט אין זיין גאנצען לעבען ניט געפונען א ספר פול מיט רעליגיעזע שעהנקייט ווי דער ספר א י ו ב.

איך האב געזוכט, ווי ווייט מעגליך, צו שרייבען די דרשות פון דיזען ספר אין מיין אייגענער וועג, זיי זאלען אלע זיין ארי גי נעל, ניט געגומען און ניט גענאשט פון קיינעם. איך גלויב און האף אז אזוי זיינען זיי טאקע, און דערפאר ווען א באוואוסטער דרשן וועט אפשר געפינען א ווארט אדער א געדאנק וועלכען ער האט געטראפען אין אנאנדער ספר, מוז ער דאך פאר־שטעהן אז שטעהענדיג אויפ׳ן בימה 30 יאהר, און לערנענדיג און לייענענדיג פארשידענע ספרי דרוש, קען דאך טרעפען אז דער מחבר זאל ברייגנען א ווארט אדער א געדאנק וועלכער איז ניט זיינער און האט זיך פאר׳גנב׳עט אין זיין מוח, און די פען האט דאס אויסגעדריקט אויפ׳ן פאפיער. יעדענפאלס, קען דאס טרעפען כמעט ווי גאר ניט אדער זעהר, זעהר זעלטען.

מיט דער האפנונג אז דיזער „ספר הדרשות" וועט ברייגנען נוצען צו אונזער רעליגיאן און נאציאן, גיב איך איהם יעצט איבער אין די הענד פון די רעדנער, דרשנים ומטיפים, און ווינש זיי פון טיפען הארצען אז זייערע ווערטער זאלען מאכען דעם געווינשטען איינדרוק, זיי זאלען נעהענטער מאכען די אידישע הארץ צו אונזער פאטער אין הימעל, צום רבונו של עולם, און אז זיי, די דרשנים און מטיפים, זאלען זוכה זיין, צו זיין די ווארט פיהרער פון דאס אידישע פאלק אין ארץ ישראל, און מיר אלע זאלען זוכה זיין צו א גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן !

כ"ח מנחם אב, תרפ"ה, נויארק.

שמריהו ליב הורוויץ

די גייסטליכע אוצרות פון פאָלק ישראל. און דער וואָס לערנט ניט דעם תלמוד יעדען טאָג פון זיין לעבען, איז ווייט פון דעם אמת׳ען אידישען גייסט, ווייט און פרעמד פון די אידישע מחשבה, און איהם פעהלט דער אמת׳ער טיעפער לאָגישער אידישער געדאנקען גאנג, די אידישע אָריגינעלע „כח המחשבה.“ דער תלמוד איז אן אוצר פון טיעפע געדאנקען און יעדער דרשן, מטיף און רעדנער דארף און מוז תלמוד לערנען.

ג) אגדות ומדרשים — איך קען זיך ניט פאָרשטעלען ווי איז מעגליך צו זיין באמת א גוטער אידישער דרשן, מטיף, רעדנער, ניט זייענדיג גוט באהאווענט אין די אוצרות פון אגדה ומדרש, איך קען דאָס פשוט ניט פארשטעהן ! די אגדות פון תלמוד בבלי און ירושלמי, די פערשידענע מדרשים און ילקוטים, זיי זיינען די ברויט און פוטער פון דעם דרשן. איך בין זיכער, אז עס איז גאָר ניטאָ אזא ענין אויף דער וועלט איבער וועלכען מען וויל זאָגען א פאָר ווערטער און מען זאָל ניט געפינען שטאָף, פאסענדע, גוטע שטאָף, אין די בריליאנטען און פערעל וועלכע געפינען זיך אין אן אויסערגעוועהנליכע גרויסע צאָהל אין די מדרשים און ילקוטים.

דער אמת׳ער רעדנער דארף לערנען, שטודירען, און דענקען פיעל, טיעף, וועגען דעם אינהאלט און די טיעפע געדאנקען און געפיהלען וועלכע געפינען זיך אין די אגדות פון תלמוד, מדרשים און ילקוטים. א מטיף דארף לערנען אגדה ומדרש יעדען טאָג פון זיין לעבען.

ד) דער זוהר — ניט אלע ווייסען פיליייכט אז דער זוהר הקדוש איז אן אוצר פון שטאָף פאַר דרשנים און רעדנער. א גוטער דרשן, א געניטער, טאלאנטפאָללער מטיף, קען האָבען גענוג שטאָף פאר יאהרען און יאהרען ווען ער וועט נור ווייסען ווי צו באנוצען די טיעפזיניגע מיסטישע געדאנקען פון זהר. די מעשה׳לעך פון זוהר, די משלים, די ווערטלעך, די רמזים, זענען אן אונערשעפּליכער אוצר פון דרוש והטפה, א קוואל פון שטאָף צום רעדען, וואָס קען זיך כמעט ניט אויסשעפּען. ניט נור איז דער זוהר דער וויכטיגסטער ספר פון חכמת הקבלה, ניט נור איז ער הייליג, און דאָס אידישע פאָלק רופט איהם, און מיט רעכט „הזוהר הקדוש,“ נור ער איז אויך דער בעסטער דרוש ספר וואָס איך האָב ווען געזעהן. ניט אומזיסט רופט איהם רבינו בחיי, דער תלמיד פון דעם רשב״א מיט דעם נאָמען „מדרש רשב״י“ (על הפסוק וכי ינצו אנשים, דף ח׳), און אויך דער „עבודת הקודש“ און דער „נפוצות יהודה“ (וויניציא שמ״ט) און ר׳ יהודה מוסקאטו (כוזרי דף קט״ז, רי״א) און ר׳ יואל אבן שועיב אין זיין ספר „עולת שבת“ (וויניציא, של״ז, דף ט׳), זיי אלע רופען דעם זוהר מיט דעם נאָמען „מדרש רשב״י. דער „ספר היוחסין“ רופט איהם „מדרש יהי אור,“ ווייל דער זהר איז א וואונדערבארער מדרש. און אזוי אויך זיינע אָפּטיילונגען „אדרא רבא,“ „אדרא זוטא,“ „ספרא דצניעותא,“ „תקוני זוהר,“ „זהר חדש,“ „רעיא מהימנא,“ „מדרש הנעלם,“ אן אוצר פון דרשות וועלכע קענען אויפשטורעמען מיליאָנען אידישע נשמות, ליגען באהאלטען אין זוהר, מען דארף נור ווייסען ווי אזוי צו שלייפען די פערעל און די דיאמאנטען וועלכע ליגען אין זוהר, ווי אזוי צו ארויסגעבען זיי פאר׳ן פאָלק, ווייל נאך אלעמען, דער גוטער דרשן איז

פראָפעסאָר ג א ר ד נ ע ר זאָגט אז די ענגלישע שפראַך איז פיעל שולדיג דעם תנ"ך, און דער שעהנסטער סטייל פון דער ענגלישער שפראַך איז דער תנ"ך סטייל, און מען שעצט יעדען ענגלישען שריפטשטעללער ווי ווייט זיין סטייל איז נאָהענט צום ס ג נ ו ן ה ת נ " ך!

פראָפעסאָר ט ש. פּ. ק ע נ ט, פראָפעסאָר פאר די ליטעראַטור פון תנ"ך זאָגט אז צייט ארץ ישראל און דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז דער תנ"ך האַלט אויף און פאראייניגט די אידען פון דער גאַנצער וועלט.

פראָפעסאָר ק. ה י י נ ר י ך ק א ר נ י ל, פראָפעסאָר פאַר די געשיכטע פון תנ"ך אין דעם אוניווערזיטעט פון האללע שרייבט א וואונדערבארען ארטיקעל איבער די וויכטיגקייט פון ספר תהלים.

ד ז ש א ה ן ר א ס ק י ן, דער גרויסער קונסט קריטיקער אין דער ענגלישער ליטעראַטור און באוואוסטער פּראָפּעסער אין ענגלאנד, דערצעהלט דאָס ווען ער איז געווען א קליין קינד, האָט איהם זיין מוטער געצוואונגען צו שטודירען דעם תנ"ך יעדען טאָג פון זיין לעבען און ער זאָל וויסען אויסוועניג יעדען טאָג א נייעם קאפּיטעל תנ"ך, און יעדען יאהר פלעגט ער דורך לערנען גאַנץ תנ"ך, און דאָס האָט איהם געהאָלפען צו ווערען אזוי גרויס אין ענגלאַנד.

פראָפעסאָר ע ל י א ט, דער פּרעזידענט פון הארוואַרד אוניווערזיטעט און ע ר ע נ ס ט פ אָ ן ד א ב ש י ץ, פראָפעסאָר פאַר די תנ"ך ליטעראַטור אין די אוניווערזיטעט פון האללע, ו ו י ט ע נ ב ע ר ג און זעהר פיעלע אנדערע וועלט באריהמטע געלעהרטע, האָבען געשריבען זעהר פיעל ארטיקלען און ביכער איבער די וויכטיגקייט פון „אונזער" תנ"ך וועלכען די גוים שטודירען און לערנען איהם פיעל מעהר פון אונז. אויף קיין ספר אין דער וועלט איז ניט געשריבען געוואָרען אזוי פיעל פירושים וביאורים ווי אויף דעם ספר התנ"ך.

דער געלעהרטער אַמעריקאַנער גייסטליכער ק. ב. מ ע ק א פ ע ע, באוואוסטער פּראָפּעסער פון בעריהמטע ביכער אין אמעריקא, זאָגט דאָס יעדע וואָך ווערט אין אַמעריקא אָפּגעהאַלטען 4 הונדערט טויזענד מיטינגען וועגען רעליגיאָן און רעליגיעזע ערציהונג און דער תנ"ך איז דער איינציגער ספר וועלכער איז דער אינהאַלט פון אָט די אַלע מיטינגען . . . מעהר פון דריי הונדערט טויזענד דרשות, רעדעס און לעקטשורס ווערען געהאַלטען אין אמעריקא יעדע וואָך וואָס די הויפּט טהעמא איז — דער תנ"ך.

און עס איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט א ספר וועלכער זאָל זיין א קוואַל, אַן אוצר פון שטאָף פאַר דרשות, רעדעס און לעקטשורס, ווי דער תנ"ך איז. עס איז ממש ניטאָ איין ווינקעלע אין לעבען, אַן ענין איבער וועלכען מען זאָל דארפען זאָגען א פאָר ווערטער, וואו מען זאָל ניט קענען געפינען א טהעמא, א געדאַנק, א וואָרט, אין דעם תנ"ך. א דרשן, מטיף און רעדנער מוז זיין גוט קלאָהר אויף אויסוועניג דעם גאַנצען תנ"ך, און מוז לערנען, שטודירען, אריינטראַכטען זיך אין יעדען אות פון תנ"ך, יעדען טאָג פון לעבען.

ב) ת ל מ ו ד — דער תלמוד איז א ריעזיגע גרויסע ענציקלאָפּעדיע, וואָס דער אידישער מארך צוזאמען מיט דעם אידישען גייסט האָבען געשאַפען אין פערלויף פון פיעלע הונדערטע יאהרען. דער תלמוד איז די פעקטאָרי וואו דאָרט ווערט געשלייפט דער אידישער מארך, און וואו דאָרט ליגען באַהאַלטען

פילאָזאָפי וועט איהם באַקאַנט מאַכען מיט'ן יודענטהום, מיט דעם מאַרך פון יודענטהום, מיט דעם מהות פון יודענטהום, מיט דעם גייסט פון יודענטהום, אָהן זיי וועט ער זיין אַ בלינדער איד, מיט זיי וועט ער זיין אַ זעהענדיגער איד, אַ ליכטיגער איד, און ניט אומזיסט האָט דער רמב"ם געענדיגט זיין „מורה נבוכים" מיט די פסוקים פון תנ"ך וועלכע ריידען וועגען די נויטיגקייט פון פאַרטרייבען פינסטערניש און פאַרשפרייטען ליכטיגקייט, עס איז דערפאַר זעהר נויטיג פאַר יעדען דרשן ומטיף וועלכער רעדט וועגען יודענטהום, אַז ער זאָל אַליין וויסען וואָס איז יודענטהום, און דערפאַר מוז מען לערנען די פאָלגענדע ספרים: דעם „האמונות והדעות" פון ר' סעדיה גאון, דעם „מורה נבוכים" פון רמב"ם, איבערהויפּט דעם 3טען חלק, דעם „חובות הלבבות" פון רבינו בחיי הספרדי, דעם ספר „הכוזרי" פון ר' יהודה הלוי, דעם „עקידה," דעם „מלחמות השם" פון דעם רלב"ג, דעם „עקרים" פון ר' יוסף אלבו.

ז) דער „האמונות והדעות" פון רב סעדיה גאון וועט איהם באַקענען מיט די גרונד פרינציפּען פון דער אידישער רעליגיאָן, די „יסודי היהדות" ווי א) חדוש העולם. ב) אחדות הבורא. ג) מציאות הנפש. ד) תורה מן השמים. ה) נבואה, און אויך וועגען ו) בחירה חפשית. ז) שכר ועונש און וועגען פיעלע אַנדערע ענינים פון יודענטהום און מענשליכען לעבען לויט דעם שטאַנדפּונקט פון יודענטהום.

וואָס אַנבעלאַנגט צום רמב"ם, וואָלט איך אַן עצה געגעבען מיינע איינגערע חברים אין דעם קדשי קדשים פון דרוש והטפה, אַז זיי זאָלען לערנען דעם פירוש המשניות להרמב"ם, זיי וועלען דאָרט געפינען זעהר פיעל שטאָף, איבערהויפּט די „פתיחות" זיינע צו „סדר זרעים," „סדר טהרות," צו דער משנה פון „חלק" אין סנהדרין, „מסכת אבות," און די „שמונה פרקים להרמב"ם," און פיעל, זעהר פיעל שעהנעם בריליאַנטענעם מוסר געפינט מען צווישען די דינים אין זיין „יד החזקה" אָדער „משנה תורה" און — דער „מורה נבוכים" וואו ער זוכט צו ערקלערען די „ספקות הדת ולהראות אמתות נסתריה אשר נעלמים מהבנת ההמון" — די ספקות פון דער רעליגיאָן און צו אנצייגען דעם גרויסען הייליגען אמת וואָס ליגט באַהאַלטען אין דער אידישער אמונה וואָס דער פּראָסטער עולם ווייס דאָס ניט." און ווען דער רעדנער וועט זיין גוט באַקאַנט מיט די געדאַנקען פון דעם רמב"ם וועט ער דאַן זיין אַ ליכטיגער, קלוגער איד, און אויך אַ מאַן פון סיסטעם, ער וועט האָבען אַ געוויסע שיטה אין יודענטהום און ער וועט זיין אַ בעל מדות טובות און ער וועט דאַן וועלען און קענען באַלערנען און איינפלאַנצען גוטע מדות אין זיינע צוהערער.

ח) אַ גוטער, אַנערקענטער דרשן ומטיף וועלכער רעדט וועגען יודענטהום, מוז וויסען די פילאָזאָפי פון יודענטהום און — די עטהיק, די מאָראַל פון יודענטהום, און דער בעסטער ספר אין דער וועלט פאַר דיזען צוועק איז דער וואונדערבאַרער ספר —דער „חובות הלבבות" פון ר' בחיי בן יוסף ל' פקודה, איינער פון די חכמי ספרד, וועלכער איז געווען אַן אַנערקענטער פילאָזאָף, דענקער, מאָראַליסט ביי אידען און אויך ביי די אראַבישע פילאָזאָפען. עס איז אונמעגליך פאַר מיר אין אַ קורצען אַרטיקעל איבער געבען די וויכטיגקייט און די נויטיגקייט פון דעם „חובות הלבבות," איך וויל נור דערמאַהנען בקצור

מטיף ניט נור וויסען   וואס   צו זאָגען, נור   ווי   צו זאָגען ! די טיעפסטע, די רייכסטע, די שעהנסטע געדאנקען, ווען זיי פאַלען אריין אין דעם מויל פון ניט קיין גוטען, געניטען רעדנער, ווערען זיי אָן דעם אמת'ען טעם, און קענען ניט מאכען דעם געווינשטען איינדרוק. דער אמת'ער דרשן און מטיף מוז אריינקוקען מיט א קלאָרען קאָפּ יעדען טאָג אין דעם זוהר, און ווען ער געהט שאפען א דרשה איבער די סדרה פון דער וואָך, וועט איהם דער זהר   אימער געבען די בעסטע שטאָף צום רעדען, גוטע, מוסר'דיגע און זאגאר מאָדערנע דרשות. דאָס איז דער כח פון אונזער תנ"ך, פון די מדרשים און פון דעם זוהר : זיי ווערען קיין מאָל ניט אַלט, זיי זענען אימער יונג. און ווען מען לערענט זיי און מען פארשטעהט זיי גוט, קען מען אימער זיין א גוטער   מאָדערנער   רעדנער ! און דאָס איז דער טעות פון פיעלע יונגע אונערפאַרענע רעדנער, זיי זוכען אימער   נייע   ספרים, מאָדערנע, און זיי ווייסען ניט אז מאָדערנע דרשות קען מען אימער געפינען אין תנ"ך, אין די מדרשים, אין דעם זהר . . . . און אין די אלטע, גאנץ אלטע ספרים.

ה)   פוסקים — א דרשן און מטיף דאַרף לערנען פוסקים, איבערהויפּט די ראשונים. און דער סדר הלמוד, נאָך מיין מיינונג, דאַרף זיין אזוי : לערנען דעם בלאַט גמרא, די תוספות, נאכהער דעם רא"ש, אלפסי, רמב"ם, דעם טור און דעם בית יוסף, און נאכהער דעם שלחן ערוך און די אחרונים, און לערנען זיי גלייך פון מקור. צוזאַמען מיט דער גמרא, ווען, למשל, ער פאַנגט אָן מאימתי קורין את שמע בערבית, דאַן דאַרף ער דורך געהן אין די פוסקים, ראשונים און אחרונים, דעם גאַנצען ענין פון קריאת שמע, אזא סאָרט לערנען איז דרך ארוכה וקצרה, עס נעהמט פיעל צייט, אָבער עס באצאהלט זיך, עס איז א גוטער „אינוועסטמענט," ער וועט דאַן זיין באהאוועגט אין די ענינים פון קריאת שמע איבער אַלעס וואָס געפינט זיך וועגען דעם אין ש"ס ופוסקים, און נאכהער אין קבלה, חסידות, דרוש, מוסר א. ז. וו. און אויב ער איז פון דער נאַטור א   מחדש,   קען ער א גדול ווערען אין לערנען, און דאַן נעמט ער א דין און שאפט א וואונדערבאַרע דרשה על דרך המוסר. עס זענען געשאַפען געוואָרען וואונדערבאַרע ספרים אין מוסר, אין חסידות, איבער די דינים פון דעם ערשטען חלק יורה דעה, ער נעהמט דינים פון שחיטה, טרפות, דם, מליחה, בשר בחלב און תערובות, און האַלט פייערדיגע   מאָדערנע   רעדעס איבער מענש און גאָט, איבער אידען און יודענטהום לויט די אויבענ־דערמאהנטע דינים. א רעדנער וועלכער איז ניט באהאוועגט אין פוסקים, וועט ניט קענען שאַפען אזוינע וואונדערבאַרע רעדעס וועלכע זאָלען קענען אנצייגען דעם מוסר, די בריליאַנטענע מאָראַל וואָס ליגט באהאַלטען אין די ווערטער פון די גדולי הפוסקים. א גוטער רעדנער מוז האָבען א באַשטימטע צייט צו לערנען פוסקים.

ו)   אידישע   פילאָזאָפי — עס איז נויטיג פאַר א גוטען דרשן און מטיף צו האָבען א ידיעה אין פילאָזאָפי בכלל און די אידישע רעליגיעזע פילאָזאָפי בפרט. דיזע למודים וועלען רייך מאכען זיינע ידיעות, וועלען איהם לערנען דענקען טיעף, וועלען איהם לערנען די טעכניק ווי צו שאַפען געדאנקען און ערקלערען זיי פאַר די צוהערער, און די רעליגיעזע אידישע

ווען, למשל, אַ דרשן איז אַ פייערדיגער מאמין, און ער זעהט ווי דער שבת ווערט פאַרשוועכט, אידען ווערען גאָטלאָז, מען עסט טרפות, קינדער וואַקסען גוים, ווען אַם דער רעדנער איז ב א מ ת אַ פרומער איד, אַ צדיק, מיט אַ טיעף פיהלענדע רעליגיעזע נשמה, ווערט זיין נשמה פאַרציטערט, ער קען דאָס ניט צוזעהן, און ער באַקומט דאַן אַן אידעאַל אין לעבען, וואָס איז ווערט צו לעבען פאַר דעם אידעאַל, זיין לעבען איז ניט פוסט. ניט ליידיג, ער באַקומט אַן אינהאַלט, ער האָט שוין פאַר וואָס צו לעבען און קעמפפען, און זאָגאַר זיך מוסר נפש זיין, ער וועט אריין אין די שוהלען, אין די בתי מדרשים, אין דער אידישער גאַס און ער וועט ד ו נ ע ר ע ן ווי די נביאים אין זייער צייט, ער וועט מוסר זאָגען, פייערדיגען מוסר, ער וועט ניט לאָזען מחלל שבת זיין, ער וועט ניט לאָזען אידען טרפות עסען, ער וועט ניט לאָזען אַז אידישע קינדער זאָלען אויסוואַקסען גוים, ער געהט קעמפפען! ער וועט ניט לאָזען! און דאַן ווערט פון איהם אַ — ק ע ל ע מ ע ר מ ג י ד, אַ ר׳ א ל י ק ו ם ג ע צ ע ל.

י) מען האָט נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריג איז דעם אויסערגעוועהנליכען טאַלאַנט און די ווערדע פון דעם ק ע ל מ ע ר מ ג י ד זכרונו לברכה. די משכילים פון זיין צייט, האָבען איהם ניט פאַרשטאַנען, אַזוי גוט ווי זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען און האָבען ניט געזעהן די פּאָעזי און די שעהנקייט פון דעם טראַדיציאָנעלען יודענטהום בכלל, און די גרויסע לומדים אונזערע האָבען, נעבעך, ניט געקענט פיהלען די השפעה פון דעם קעלעמער מגיד און זיין גרויסען כח פאַר חזוק הדת און בכלל האָט דער אומגליקליכער גלות בלינד געמאַכט פיעלע פון אונזערע וועג ווייזער אַז זיי זאָלען ניט קענען זעהען די נויטיגקייט פון אַ גוטען רעדנער פאַר חזוק הדת והיהדות, און דער גלות האָט געמאַכט אַז ביי אונז שעצט מען ניט און מען גיט ניט אָפּ קיין כבוד און רעספעקט צו טאַלאַנטען בכלל און צו אַ טאַלאַנטפאָלען רעדנער בפרט, דער אומגליקליכער גלות האָט פאַרקריפּעלט אונזער הארץ און אונזער מאָרך . . .

ווען, למשל, אַ נאַציאָנאַלער איד, אַן אמת׳ער נאַציאָנאַלער איד, אַ פייערדיגער איד זעהט ווי מען רעדט אַלע שפּראַכען און ניט העברעאיש, ארץ ישראל ווארט מען זאָל איהר בויען און קיינער טוט גאָר ניט, דאַן ווען ער איז אַ פייערדיגער נאַציאָנאַליסט, אַן אידעאַליסט באמת, און דאַצו אַ טאַלאַנט־פאָללער גוטער רעדנער, וועט ער דאַן מיט זיינע פייערדיגע דרשות געוויס העלפען, שטאַרק העלפען, אויפלעבען העברעאיש און בויען ארץ ישראל, אין דער צייט פון דער חבת ציון באַוועגונג, ווער האָט אויפגערודערט די אידישע וועלט, די אידישע פאָלק, צו אַרבייטען פאַר די אויפלעבונג פון ארץ ישראל? דער נאַציאָנאַלער אידישער מטיף! ר׳ צבי הירש מאַסליאַנסקי, ר׳ יהודה ליב יעוועזראָוו, ר׳ יצחק ניסענבוים, דער קאַמעניצער מגיד זכרונו לברכה, צאַדיקאָוו, קאַראַטקין, ר׳ שמעון דיסקין ז״ל, דער סקידלער מגיד ר׳ צבי הירש אַרליאַנסקי, ר׳ מאיר העכט, ווי אויך דער מחבר פון דיזען ספר, און פיעלע אַנדערע רבנים וועלכע האָבען אויפגעהאַלטען די ציון באַוועגונג ביי אידען, ווייל דער אידישער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער מטיף און דרשן איז אַ גרויסע נאַציאָנאַלע פיגור, אַ פּראָדוקטיווער כח, וועלכער קען שאַפען און בויען וועלטען!

אז עס ווערט געבראַכט אין דעם ספר „מגיד מישרים“ אין פרשת בהר, אז דער מ ג י ד האָט געזאָגט צום ב י ת י ו ס ף ז״ל אז ער זאָל לערנען א ל ע ט אָ ג אין דעם ספר „חובות הלבבות“ — להכניע היצר הרע ולהשפילו מתוקפו וכו׳, אז ווען מען לערענט אַלע טאָג דעם „חובות הלבבות“ ווערט מען דאַן זיין פעהיג צו צוברעכען דעם יצר הרע, די חיה, די בעסטיע אין דעם מענשען, און ווערען מאָראליש הייליג און גלייכצייטיג זאָגט פּראָפעסאָר גרעץ אז דער „חובות הלבבות“ איז דער איינציגער ספר און קיין צווייטער איז ניטאָ וועלכער זאָל זיך קענען פארגלייכען צו איהם מיט זיין שעהנקייט און גוטסקייט, אין אונזער ליטעראַטור, און אויך אין די ליטעראַטורען פון אַלע אנדערע נאציאָנען פון דער וועלט, איז ניטאָ אזא גוטער ספר ווי דער „חובות הלבבות“ וועלכער זאָל קענען מאַכען אזא טיפען בריליאַנטענעם איינדרוק אויף טויזענדער מענשען און זאָל מאַכען פון זיי באַגייסטערטע אידען און גוטע מענשען וועלכע באַזיצען גוטע מדות, ווי דער „חובות הלבבות“ האָט באַוויזען צו טאָן אין פארלויף פון פיעלע דורות, און ער איז איבערזעצט געוואָרען אין די רוימישע שפּראַך, אין שפּאניש, אין לאַטיין, אין דייטש, אין אידיש און ענגליש, און איז געשריבען געוואָרען אין אַראַביש. דרשנים און מטיפים מוזען קלאָר זיין אויסווענדיג דעם „חובות הלבבות.“

ט) אַ אידישער רעדנער, דרשן ומטיף מוז זיין רעליגיעז און נאַציאָנאַל. ווען דער רעדנער איז ניט אַ פייערדיגער מאמין, וועלכער איז פעהיג זיך מוסר נפש זיין ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט פאר די הייליגע אידישע אמונה, ווען ער איז ניט אַ גוטער נאַציאָנאַלער איד, וועלכער האָט ליעב דאָס אידישע פאָלק, די העברעאישע שפּראַך, די אידישע געשיכטע, די אידישע תורה, די אידישע ליטעראַטור, די אידישע לאַנד, ארץ ישראל, מיט אַ שטאַרקע, פייערדיגע, ברענענדע ליעבע, אַ ליעבע וועלכע איז פעהיג צו ברייגגען די גרעסטע קרבנות, ווען ער איז דאָס ניט, דאַן טאָר ער קיין מטיף ודרשן, קיין רעדנער ניט זיין ביי אידען, און עס איז ווירקליך אַ פארברעכען ווען אַ מאַן וועלכער איז ניט אַ פייערדיגער רעליגיעזער נאַציאָנאַלער איד זאָל וואַגען זיין אַ רעדנער, אַ דרשן און מטיף ביי אידען! עס דאַרף זיין דברים היוצאים מן הלב, די ווערטער דאַרפען אַרויסגעהן פון די טיעפעניש פון הארצען און נור דאַן קענען זיי זיין „נכנסים אל הלב,“ קענען זיי אַריינקריכען טיעף אין יענעמס הארץ. דער רעדנער מוז אַפריהער אַליין גוט וויסען וואָס ער וויל, וואָס פעהלט איהם, וואָס באַצוועקט ער מיט זיין ריידען, וואָס וויל ער אויפטאָן מיט זיינע דרשות, וואָס ?! עס דאַרף דאָך ניט זיין ריידען לשם ריידען, נאַרישקייטען! די געשיכטע לערענט אונז אז מענשען וועלכע האָבען געוואָלט רעוואָלוציאָנען מאַכען, האָבען געשטורעמט די וועלט מיט זייערע רעדעס. אַ רעדע וואָס קומט פון אַן אויסערגעוועהנליכען מאָמענט, מוז זיין אַן אויסערגעוועהנליכע רעדע! ווייל דער רעדנער האָט דאַן גערעדט ווערטער וועלכע זענען געקומען פון זיין הארץ, פון זיין נשמה; ער האָט גע פ י ה ל ט דאָס, וועגען וואָס ער האָט גערעדט, און אַזוינע ווערטער מ ו ז ע ן מאַכען אַ שטאַרקען און טיעפען איינדרוק.

ווערט אזוי שוואך, אויב זיי וואָלטען זייערע דרשות צוגעפּאסט צו היינטיגער צייט. דער יסוד אָבער, דעם הויפּט פונדאמענט, דעם מאסשטאב, די טעכניק, די וועג פון צו בויען און שאפען אזוינע דרשות — מוז מען נאָך היינט אָנקומען צום „עקידה." יעדער דרשן דאַרף קענען און וויסען דעם „עקידה."

י"ב) חכמת הקבלה והחסידות — איך מיין ניט צו זאָגען דאָס יעדער דרשן מוז א מקובל זיין, דאָס וואָלט דאָך געווען א גזירה שאין רוב הדרשנים יכולים לעמוד בה, אָבער איך בין דאָך זיכער אז דער העכערער סאָרט דרשן, דאַרף האָבען א ידיעה אין קבלה, ווייל קבלה איז די הארץ פילאָזאָפי פון יודענטהום. פילאָזאָפי איז א „תורה שבמוח," א תורה פון מארך, די קבלה אָבער איז א תורה שבלב, א „תורת הרגש." די קבלה איז די נשמה פון יודענטהום. דער וואָס וויים קבלה, איז א נשמה איד, דער וואָס וויים קבלה און חסידות, איז א הארץ און נשמה איד, די קבלה בריינגט אריין נשמה אין די לעהרע פון עטיק און מוסר פונ'ם אידישען פאָלק; די קבלה בריינגט אריין רוחניות און פילאָזאָפיש רעליגיעזען אינהאלט צו די מצות המעשיות און צו די מנהגי הדת, און די קבלה איז מסוגל און פעהיג צו אויפוועקען און פאנאנדער ברענען דעם רעליגיעזען געפיהל אין די הארץ פון פאָלק. דער וואָס וויים קבלה, היט אידישקייט מאהבה, ער האָט ליעב דאָס יודענטהום. קבלה וועקט אויף די כוונה, דעם תוך, דעם אינהאלט פון יודענטהום. די פילאָזאָפי בריינגט טעמים צו די מצות, און די קבלה האָט אויך „טעמי המצות." די טעמי המצות פון די פילאָזאָפען האָבען געבראכט צו כפירה, די טעמי המצות אָבער פון די מקובלים, בריינגט צו קדושה און צו א שטארקען אינערליכען חשק צו מקיים זיין די מצות פון יודענטהום. קבלה שטארקט דעם מענשען, גיט איהם אן אינהאלט אין לעבען. אויסער דעם „זוהר," דאַרף מען זיין באקאנט מיט די כתבים פון אר"י הקדוש, ר' חיים וויטאל, דעם „פרדס רמונים" פון ר' משה קורדוביראָ, דער של"ה הקדוש, און דעם „עשרה מאמרות" פון ר' מנחם עזריה מפאנו, „פתחי חכמה," „חוקר ומקובל" פון ר' משה חיים לוצאטו, און אויך אין די חסידישע ליטעראטור ווי למשל די ווערטער פון ר' ישראל בעש"ט און זיין שיטה, פון ר' דובער מעזעריטשער מגיד, דער „תולדות יעקב יוסף," די מאמרים פון ר' נחמן בראסלאווער, די ספרים פון ר' שניאור זלמן מלאדי, דער „תניא," דער „לקוטי תורה און נאך, און פון ר' מנחם מענדעל פון ליובאוויטש, דער „נועם אלימלך" פון ר, אלימלך מליזענסק, דער „קדושת לוי" פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער און פיעל אנדערע צדיקים וקדושים. אין דער חסידישער ליטעראטור געפינט זיך אן אוצר פון שטאָף פאר דרשנים ומטיפים: ווערטלעך, קורצע ווערטלעך מיט וועלכע א פעהיגער דרשן, א געניטער מטיף און רעדנער קען ווירקליך מרעיש עולם זיין! — א העכערער סאָרט דרשן דאַרף האָבען א ידיעה אין חכמת הקבלה!

י"ג) ספרי מוסר — עס איז קיין ספק ניט דאָס עס איז די הייליגע פליכט פון יעדען דרשן צו אריינקוקען אין ספרי מוסר ניט נור צוליב זיינע צוהערער, נור טאקע צוליב זיך אליין. מען דערצעהלט דאָס דער באוואוסטער גאון און צדיק ר' ישראל סאלאנטער זכרונו לברכה האָט געזאָגט:

י"א) דער רעדנער וועלכער וויל באמת זיין רעליגיעז און נאציאָנאַל, און ליעב האָבען אידען און אידישקייט מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין נשמה, מוז לערנען און שטודירען גוט דעם — „ספר הכוזרי" פון דעם גרויסען אידישען פילאָזאָף און דיכטער ר׳ י ה ו ד ה ה ל ו י. דער „כוזרי" וועט שאפען אין דעם רעדנער א גאַנץ נייע נשמה, א געזונטע פילאָזאָפישע וועלט אַנשויאונג וועגען אידען, וועגען יודענטהום און וועגען ארץ ישראל, און וועט שאפען אין איהם א קוואל פון ליעבשאַפט צו אידען און יודענטהום און ער וועט רייך ווערען מיט אן אוצר פון אָריגינעלע געדאַנקען. עס איז אויך גאַנץ וויכטיג און נויטיג צו לייענען די ש י ר י ם פון ר׳ יהודה הלוי, זיי זיינען, ווי ער אליין זאָגט:

ושירי יהודה כפיר התעודה
חרוזים אחוזים בכנפי כרובים
היוכלון ספריו להכיל דבריו
ואינם באצבע אלהים כתובים ? !

א רעדנער מוז זיין גוט באקאנט מיט די שירים און מיט די געדאנקען פון ר׳ יהודה הלוי.

יעדער דרשן און מטיף וועלכער איז באמת רעליגיעז נאציאָנאַל, מוז שטודירען דעם „ספר העיקרים" פון דעם באוואוסטען אידישען פילאָזאָף און חוקר פון דער אידישער רעליגיאָן ר׳ י ו ס ף א ל ב ו, דער „עקרים" איז ניט נור א פילאָזאָפישער ספר, ניט נור א חקירה ספר, ניט נור א וויסענ־שאַפטליכער ספר, זאָנדערען אויך א גוטער דרוש ספר פאַר דרשנים ומטיפים.

דער אידישער רעדנער דאַרף זיין באהאוונט אין דעם באוואוסטען קלאסיקער פון דרוש ליטעראַטור — דער „עקידה" פון דעם באוואוסטען רב, דרשן און פילאָזאָף ר׳ יצחק ב"ר משה עראמה. עס איז געווען צייטען ווען א מגיד, א דרשן, האָט ניט געוואגט ארויף געהן אויפ׳ן בימה ניט וויסענדיג דעם „עקידה." די אידישע בימה האָט בעלאַנגט צו דעם „עקידה." היינטיגע „מאָדערנע" דרשנים ומטיפים דענקען אָבער אַז מען קען גאַנץ גוט אויסקומען אָהן דעם „עקידה." אָבער זיי האָבען א גוואַלדיגען טעות ! דעם המון קען מען טאַקע אָנקאָרמענען מיט ביליגע, וואולגארע וויצען און איינשלעפערען איהם מיט אזיסען נגון, דאָס איז ליידער א טרויעריגער אמת, אָבער א ריכטיגער דרשן, אַן אמת׳ער מטיף, א מטיף בחסד עליון, וועט זיך קיין מאָל ניט אַראָפּ־לאָזען צו אַזא נידעריגער מדרגה. דער אמת׳ער דרשן פיהלט א גרויסע, הייליגע פאַראַנטוואָרטליכקייט, און אום צו קענען בויען א גאַנצע דרשה, טיעף און ברייט, מיט א גרויסער מאָס, מיט לאָגיק, מיט אינהאַלט, מיט א סדר, עס זאָל ארום נעהמען א גאַנצען ענין פון אנפאנג ביז׳ן סוף, מוז מען דעם „עקידה" לערנען, און טאַקע גוט קענען איהם. ווען מען שטודירט דעם „עקידה," זעהט מען פאַר זיך אַן אויסערגעוועהנליכען גרויסען ד ר ש ן מיט זעהר פיעל זייטיגע טיעפע ידיעות, וועלכער קעמפפט מיט גאָטלאָזע, מיט כופרים, מיט אפיקורסים, און שטאַרקט און באפעסטיגט די אידישע אמונה. דער „עקידה" האָט באשאפען א ספעציעלע שוהלע פאַר דרשנים, „דרשנים חוקרים," וועלכע וואָלטען זעהר גוט צונוץ געקומען היינטיגע צייטען ווען די אידישע אמונה

און מטיף ר' גרשון פּיעסטון, דער שטאָדט מגיד פון מאהליוו ווען איך האָב געלערנט אין צוקערמאַנ'ס שוהל אין מאָהליב, נאך אַלס יונגער באָי, אז ווען מען איז גוט קלאָר אין דעם רובנער'ס „קול יעקב" אויף די חמש מגילות, ווערט מען אַן אויסגעצייכענטער דרשן, ווייל דער „קול יעקב" איז אַ וואהרער אוצר פון דרוש און הטפה!

ג) דער „אברבנאל" איז ווירקליך אַן אוצר פון געדאנקען, טיעפע, ערלע, גוט דורך געטראַכטע, און יעדער מטיף מוז וויסען דעם „אברבנאל."

ד) דער „עוללות אפרים" און דער „כלי יקר" פון ר' אפרים מלונטשיץ, זיינען זעהר נוצליכע ספרים פאַר אַ דרשן. ר' גרשון פּיעסטון פון מאהילעוו האָט מיר געצייגט אַ בריעף פון ראבינער מ ז ה פון מאסקווא וועלכער איז געוועזן איינער פון די גרעסטע רעדנער אין דער לעצטער צייט, און מזה שרייבט איהם אז פון אַלע ספרי דרוש געפעלט איהם מעהר פון אַלע דער „עוללות אפרים," ווייל ער איז „פול מיט לעבען." דער „כלי יקר" אָבער האָט אזוינע פּערעלדיגע געדאנקען און מוסר וועגען לעבען און אידישקייט אז יעדער דרשן דאַרף זיין קלאָר אָט אין דעם „עוללות אפרים" און „כלי יקר."

ה) אַ דרשן מוז זיין גוט באקאנט מיט די מפרשי התורה, איבערהויפּט רש"י, אבן עזרא, רמב"ן, ספורנו, ווי אויך דער מלבי"ם אויף תורה און נביאים. דאָרט וועט ער געפינען אַ ים פון דרשות און געדאנקען.

ו) די פאָלגענדע ספרים זענען וויכטיג, זעהר וויכטיג, אַלס ספרי דרוש. איך וואָלט זעהר געוואָלט געבען אַן אָפּשאַצונג וועגען יעדען ספר באַזונדער, אָבער איך פיהל אז דאָס איז אַן אונמעגליכקייט, ווייל דאַן וועל איך מוזען אָנשרייבען וועגען דעם גאַנצע ספרים, אלזא איך בין דערפאַר געצוואונגען צו אנצייגען נור די נעמען פון די ספרים.

ז) דער בינה לעתים, ח) יערות דבש, ט) ערבי נחל, י) אפיקי יהודה, י"א) נפוצות יהודה, י"ב) בית מועד, י"ג) יד יוסף, י"ד) מדבר יהודה, ט"ו) קול אומר קרא.

ט"ז) פון די נייע ספרי דרוש פון די לעצטע צייט זיינען זעהר וויכטיג די ספרים פון הרב הגאון ר' יצחק יעקב ריינעס זכרונו לברכה, איבערהויפּט זיין ספר „נאד של דמעות," און די ספרים פון הרב ר' יצחק ניסענבוים, וועלכע זיינען אַלע וויכטיג און נוצליך פאַר יעדען דרשן און פאַר יעדען מאָדערנעם מטיף, און אויך די ספרים „דרשות הרמ"ה," „דרשות אל עמי," „דברי יעקב," „וידבר משה," „מנחת יהודה," „המדרש והמעשה," „לוח ארז," „ילקוט אליעזר," „דמשק אליעזר," „ילקוט תהלים" פון די סופר'ס אין אונגאַרן, די ספרי דרוש פון די אונגאַרישע רבנים און דרשנים צייכענען זיך אויס, ווייל אָט יענע רבנים דרשנים האָבען געדאַרפט באַקעמפּפען דעם רעפאָרם יודענטהום, זיינען זיי געווען געצוואונגען צו ריידען צום פונקט, נאָך דער צייט, און — פול מיט לעבען און קאַמפּף.

געוויס זיינען דאָ נאָך פיעל גוטע, אויסגעצייכענטע ספרי דרוש, אָבער איך ברייננ נור די וואָס איך ווייס, און איבערהויפּט די וועלכע זיינען אנערקענט געוואָרען ביי די דרשנים ומטיפים פון דער גאַנצען וועלט.

— אייגענטליך האָבען דאָך די מגידים געדאַרפט זיין זעהר פרום, זיי קוקען דאָך אריין אַלע מאָל אין ספרי מוסר, ווארום זיינען זיי ניט אזוי פרום ווי זיי האָבען געדאַרפט זיין? איז דער תירוץ: ווייל זיי קוקען אין ספרי מוסר צוליעב זייערע צוהערער, זאָגען ז י י מוסר, דערפאַר בלייבען זיי אליין אָהן מוסר, דעם מוסר גיבען זיי אוועק דעם עולם. דערפאַר טאַקע איז נויטיג דאָס יעדער אידישער רעדנער וועלכער וויל אָנווארעמען די נשמות פון זיינע צוהערער, זאָל אפריהער אנווארימען זיין אייגענע נשמה דורך די ספרי מוסר וואָס ער זאָל קוקען פאר זיך אליין. די הויפט ספרים אין וועלכע א דרשן מוז זיין קלאָר, זיינען די פאָלגענדע ספרים: דער ספר „תקון מדות הנפש“ פון ר׳ שלמה בן גבירול, דער „מסילת ישרים“ פון ר׳ משה חיים לוצאטו, דער „ראשית חכמה“ פון ר׳ אליהו די ווידאש, די מאמרים פון ר׳ ישראל סאלאנטער. אָט דיזע ספרים, איבערהויפט דעם ספר „מסילת ישרים“ דאַרף יעדער דרשן זיין קלאָר ממש בעל פה, און דאַצו דאַרף מען אריין קוקען פון צייט צו צייט אין פערשידענע מוסר ספרים, איבערהויפט פון די ק ד מ ו נ י ם, אלס יוצא מן הכלל דאַרף אָבער יעדער דרשן ומטיף זיין גוט באַהאַוועגט אין די מוסר ספרים פון א היינטיגען גאון און צדיק — אין די ספרים פון ר׳ ישראל מאיר הכהן מראדין. אַלע זיינע ספרים זיינען זעהר וויכטיג, פּראַקטיש און זעהר נוצליך, א דרשן קען זיך ניט באַגעהן אָהן זיי. זיי וועלען איהם זעהר שטאַרק צו נוץ קומען.

י״ד) ד ר ו ש ס פ ר י ם — די דרוש ליטעראַטור איז זעהר רייך און גרויס. ניט אַלע ספרים זיינען אָבער וויכטיג און נוצליך, און עס איז ווירקליך א שאד די צייט צו קוקען א ל ע ס פ ר י ם, ווייל מען דאַרף דאָך לערנען אויסער דרוש, פיעל, זעהר פיעל אנדערע ענינים וועלכע זיינען זעהר וויכטיג. די צייט איז קורץ און צו לערנען איז דאָ זעהר פיעל. איך וועל דערפאַר אנצייכענען א קורצע רשימה פון „ספרי דרוש“ פאַר דעם יעניגען רעדנער וועלכער איז אַן אנפאַנגער און וויים ניט צו וואָס צו כאַפּען זיך: א) דער א ל ש י ך. דער „אלשיך“ איז א גרויסער אוצר פון דרוש און הטפה. עס ווענדט זיך ו ו ע ר עס זאָגט דעם „אלשך“ און ו ו י א ז ו י מען זאָגט איהם. ביים קעלמער מגיד ווערט פון דעם „אלשיך“ א פייערדיגע „גיהנם דרשה,“ און ביים גענימטען מאָדערנעם מטיף ווערט דער „אלשיך“ א פייערדיגע „מאָדערנע רעדע.“ מען דאַרף נור וויסען ו ו י א ז ו י צו זאָגען דעם „אלשיך,“ אָבער „זאָגען“ איז דאָ א וועלט, פאַר יאהרען און יאהרען!

ב) ד ע ר ד ו ב נ ע ר — די ספרים פון דעם דובנער מגיד דאַרפען ליגען אימער אויפ׳ן טיש ביי יעדען דרשן און מטיף. ניט א טראָט אָהן זיי! דער וואָס וויים דעם סוד ווי צו באַנוצען זיך מיט א ספר בכלל און מיט דעם דובנער מגיד׳ס ספרים בפרט, יענער וועט מיט זיינע דרשות מרעיש עולם זיין. דער דובנער איז דער גאון פון דרוש, און דער וואָס איז גוט קלאָר אין זיינע ספרים, מוז ווערען אַן ערשטער קלאַסיגער דרשן. זיינע משלים שפּאַלטען דעם הימעל, מען דאַרף נור וויסען ווי צו נוצען זיי, און ווי צו ענדערען זיי נאָך דער צייט נאָך און נאָך די היגע אומשטענדען. דער „אהל יעקב“ זיינער איז דער וועג ווייזער פון דרשנים, און מיר האָט געזאָגט דער באַוואוסטער דרשן

קלאַר אַט דיזען בוך, וואָלטען אַלע זייערע דרשות, רעדעס און לעקטשורס געקראָגען אַ גאַנץ אַנדער אינהאַלט, פאָרם, סטייל, וואָלטען דאַן אַלע אונזערע ספרי דרוש אַנדערש, גאַנץ אַנדערש געשריבען געוואָרען. די אידישע בימה וואָלט דאַן אַ „נאַציאָנאַלע פּלאַטפאָרם," אַ „מרכז הרוחני" פאַר'ן פאָלק געוואָרען, און דאָס פֿאָלק וואָלט דאַן גאַנץ אַנדערע דרשות געהערט. די בימה וואָלט דאַן געווען אַ פאָלקס אוניווערזיטעט, און דער מטיף וואָלט דאַן אַ פ י ה ר ע ר פון פאָלק געווען. „המות והחיים ביד הלשון," דער טוידט און לעבען איז ביים צונג, אַ רעדנער וועלכער באַזיצט לשון, איז אַ גרויסע, ריזיגע קראַפט. דער לשון אָבער וואָס זאָגט וויצען, ברעכט פסוקים, זינגט אַ נגון, רעדט ניט צום לעבען, איז אַ פאַרפראָרענער, טוידטער לשון. דער לשון אָבער וואָס רעדט צו אַ לעבעדיגע פאָלק אין דער שפראַך פון זיין געשיכטע, אַזאַ לשון קען שאַפען געשיכטע און קען אויפלעבען דאָס פאָלק.

„געשיכטע ווידערהאָלט זיך" : אַלעס וואָס עס קומט פאַר מיט אידען יעצט, איז שוין פאָרגעקומען, אין כל חדש ! ווען דער מטיף ווייס וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די אידען און נעהמט אין זיין דרשה און ציהט אַ פאַראַלעל פון יעצטיגע צייט און פון אַ גאַנץ אַלטע צייט, ער ערקלערט וואָס דאַן איז געווען און וואָס קומט יעצט פאָר, און ציהט אַרויס דערפון אַ מוסר השכל, אַזאַ דרשה איז אַ לאָגישע, אַ וויסענשאַפטליכע, און מוז מאַכען אַ טיעפען איינדרוק אי אויף די הערצער אי אויף די מוחות פון פאָלק.

די אידישע געשיכטע איז אַ דרוש ספר „לא נתנו דברי הימים אלא לידרש" (ויקרא רבה, ילקוט ד"ה). געשיכטע לאָזט זיך טייטשען, ערקלערען, און בעט זיך מען זאָל דרשנ'ען וועגען די געשיכטע, וועגען די אידישע פאַרגאַנגענהייט, און די תורה זאָגט : „רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך והודעתם לבניך ולבני בניך" (דברים ד', ט'). עס איז אַ הייליגע פליכט איבערצוגעבען די געשיכטע פון אידישען פאָלק צו אונזערע קינדער און „למען ידעו דור אחרון בנים יולדו יקומו ויספרו לבניהם" (תהלים ע"ח, ו'), אום דער צוקונפטיגער דור זאָל וויסען די געשיכטע פון זיין פאָלק און זאָלען איהר איבערגעבען צו זייערע קינדער. די תורה זאָגט : „זכר ימות עולם בינו שנות דור ודור שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך" (דברים ל"ב, ז'), אַ איד דאַרף געדענקען און וויסען וואָס אַמאָל האָט פּאַסירט, מען דאַרף פרעגען די עלטערען זיי זאָלען אונז דערצעהלען פון אַלעס וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט.

די אידישע געשיכטע ביי אַ גוטען דרשן ומטיף איז דער שטאַרקסטער מיטעל פאַר חזוק הדת והיהדות, און דערפאַר איז די אידישע געשיכטע זעהר אַ וויכטיגער און נוצליכער למוד. און ישעיה הנביא אין זיין צייט האָט געפונען פאַר נויטיג צו שרייבען געשיכטע, ער האָט פאַרשריבען פאַר די צוקונפטיגע דורות די געשיכטע פון עזיהו און פון יחזקיהו (דה"ב כ"ו, כ"ב, ל"ג, י"ט), פון עדו החוזה מיט עזרא הסופר ביז רב שרירא גאון, דער רמב"ם און דער ראב"ד (בעל הקבלה) או פיעל אַנדערע ביז ר' זאב יעבץ און הלוי האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט שטודירען די אידישע געשיכטע, ווייל דורך אידישע געשיכטע ווען זי ווערט געלערענט אין דעם אידישען טראַדיציאָנעלען זינן, לויט יעבץ

אין אמעריקא געפינען זיך איצט די גרעסטע דרשנים און מטיפים פון היינטיגער צייט, און אין אמעריקא האט זיך אפגעדרוקט פיעל ספרי דרוש, מאנכע פון זיי זעהר גוטע און נוצליכע. וועגען די דרשנים ומטיפים פון אמעריקא און זייערע ספרים — אן אנדערש מאל, אם ירצה השם.

י"ז) אידישע געשיכטע — דער אידישער מטיף וועלכער איז ווערטה צו טראגען דיזען פעראנטווארטליכען נאמען, האט קיין רעכט ניט צו רופען זיך אידישער מטיף, ער האט ניט קיין רעכט ארויף צו געהן אויף דער בימה, אויב ער ווייס ניט די געשיכטע פון זיין פאלק. איהר קענט ניט טרעפען אזא פאסירונג ביי קיין עם ולשון, איהר קענט ניט טרעפען א וועלט באוואוסטען אמעריקאנער רעדנער וועלכער זאל ניט וויסען די געשיכטע פון אמעריקא, א באוואוסטער רעדנער און לעקטשורער אין ענגלאנד, זאל ניט וויסען די געשיכטע פון ענגלאנד, א דייטשער פאלקס רעדנער זאל ניט וויסען די געשיכטע פון דייטשלאנד, דאס קען טרעפען נור ביי אונז דאס א אידישער רעדנער זאל ניט וויסען די געשיכטע פון אידישען פאלק.

דער יעניגער וועלכער נעהמט זיך אונטער צו זיין א פאלקס לעהרער, א וועג ווייזער, א רעליגיעזער נאציאנאלער ווארט פיהרער, מוז וויסען וואס מיט אידען האט פאסירט פון דעם טאג וואס זיי זיינען ארויס פון מצרים ביז היינטיגען טאג, און ווי אזוי אידען זיינען ביז דאן ניט אונטערגעגאנגען, ווי גרויס איז די געטליכע השגחה, און דאן וועט דער מטיף האבען אן אוצר פון שטאף פאר זיין גאנצען לעבען, צו ריידען צום פאלק וועגען דאס אידישע פאלק, זיינע גדולים וקדושים, און וועגען די השגחה העליונה, דאן וועט ער קענען אויסטייטשען די פאר ווערטער פון דוד המלך, וועלכע ער האט געזונגען מיט 3 טויזענד יאהר צוריק: „רבת צררוני מנעורי יאמר נא ישראל, גם לא יכלו לי.‟ אט די ווערטער וועט ער קענען אויסטייטשען אין זיינע דרשות מיט היסטארישע פאקטען און פאסירונגען וועלכע וועלען אויף שטורעמען די הערצער און די נשמות פון זיינע צוהערער.

דער דרשן ומטיף דארף אימער זיין דער נאכפאלגער פון די נביאים: געהן אין זייערע פוס טריט, נאכמאכען זיי אימער, לערנען זיך פון זיי. דער נביא ווען ער האט גערעדט צום פאלק האט ער זיך אימער באנוצט מיט היסטאריישע פאקטען: גערעדנקט וואס איז געווען אין מצרים! געדענקט וואס דאן האט פאסירט. די ביסעל אידישע געשיכטע וואס דער נביא האט געהאט אין זיין צייט, האט ער זיך באנוצט מיט איהר, האט געמאכט זעהר א גוטען געברויך פון דער אידישער געשיכטע. דאס איז געווען דאן, אין דער צייט פון די נביאים. יעצט פון דער צייט פון די נביאים ביז היינטיגען טאג, האבען מיר דאך די גרעסטע געשיכטע. קיין פאלק אין דער וועלט האט ניט אזא רייכע, מערקווירדיגע און אינטערעסאנטע געשיכטע ווי מיר האבען. און הונדערטער טויזענדער דרשות, רעדעס און לעקטשורס קען און זאל געבויט ווערען אויף דער אידישער געשיכטע.

דער גרעסטער דרוש ספר וואס די וועלט פארמאגט איז — „די געשיכטע פון אידישען פאלק.‟ וואלטען אונזערע מטיפים, אונזערע רעדנער געווען

אַ מטיף מוז וויסען די לאַגע פון אידען און יודענטהום אויף דער גאַנצער וועלט, גרינדליך, אַלעס וואָס קומט פאָר אין דער אידישער וועלט, דאַרף זיין פאַר איהם אָפען און קלאָר, און צוליב דיזען צוועק מוז ער לייענען יעדען טאָג צייטונגען און זשורנאַלען, אַלגעמיינע און אידישע. דער אידישער מטיף דאַרף זיין אַ לעבעדיגע „צייטונג" ער דאַרף ניט נור לייענען די נייעס פון טאָג, נור ל ע ר נ ע ן, שטודירען, און פונקט ווי דער עדיטאָריעל שרייבער און אַרטיקעל שרייבער אין צייטונגען און זשורנאַלען פ אַ ר ט י י ט ש ע ן די נייעס פון טאָג, און גיבען זייערע אייגענע פירושים וביאורים, דאָס מיינט: „זיי פאַרטייטשען דעם לעבען," אַזוי דאַרף דער מאָדערנער מטיף זיין איינער פון די מפרשים פון לעבען. ווען ער שטעהט פאַר'ן פאָלק, דאַרף ער זיך אָפרופען אויף אַלע פראַגען פון לעבען, אויף יעדע צייט פראַגע און געבען זיין מיינונג, זיין השקפה, און באַזאַלצען און באַפעפערען זיין מיינונג מיט אַ פסוק, מיט אַ מאמר חז"ל, און כמעט פון יעדע פאַסירונג אין לעבען קען דער געניטער און פעהיגער מטיף ציהען אַ מוסר השכל פאַר חזוק התורה והיהדות.

מיט איין וואָרט, אַ גוטער דרשן, אַ פאַראַנטוואָרטליכער מטיף, מוז זיין אַ גרויסער מתמיד, ער דאַרף אַ ל ע ס לערנען, שטודירען און וויסען, און זאָל פאַרשטעהן ווי אַזוי צו מאַכען געברויך פון זיינע טיעפע, פיעל זייטיגע ידיעות. אַ גוטער דרשן ומטיף דאַרף לערנען און לייענען אַלע סאָרטען ספרים וואָס ער קען נור קריגען, און פון אַלע פערשידענע ספרים קען ער ארויסנעהמען שטאָף צו זיינע דרשות. פונקט ווי דער ביהן וועלכער קלייבט זיין האָניג פון אַלעס וואָס קען איהם צונוץ קומען. נור אין איין ספר דאַרף אַ דרשן און מטיף ניט קוקען, דאָס איז דער ספר — „וועלכער איז נאָך ניט געדרוקט געוואָרען." און אָט אַזוי האָט געטאָן דער באַוואוסטער מ כ בי, דער קאַמעניצער מגיד זכרונו לברכה, ער האָט זיך ממית געווען באהלה של תורה, האָט יעדע מינוט פון זיין לעבען געלערענט און געלייענט, און אַזוי דאַרפען טאָן אַלע מגידים, דרשנים און מטיפים, ווי דער קאַמעניצער מגיד האָט געטאָן.

י"ט) דער גרעסטער און דער בעסטער דרשן טאָר ניט אַרויף געהן אויף דער בימה ריידען, סיידען ער האָט זיך צוגעגרייט זיין דרשה בעפאָר, אָדער ער זאָל שרייבען זיין דרשה בעפאָר ער געהט רעדען, ווען ער געהט רעדען אין העברעאיש, זאָל ער אָנשרייבען זיין דרשה אין העברעאיש, און ווען ער געהט רעדען אין אידיש, זאָל ער פריהער אָנשרייבען זיין דרשה אין אידיש, אין דער שפּראַך אין וועלכע ער וועט ריידען צום פאָלק. שרייבענדיג וועלען אַרויף קומען געדאַנקען און אויסדריקע וועלכע וועלען איהם גאַנץ גוט צונוץ קומען, און ווען ער איז בטבע ניט קיין שרייבער, זאָל ער מאַכען זיך „נאָטיצען," ער זאָל אויסשרייבען ראשי פרקים פון די פסוקים און מאמרים וועלכע ער געהט פאָרטראָגען. מען מוז צוגרייטען און פאָרברייטען יעדע דרשה בעפאָר מען זאָגט זיא פאַר'ן עולם. דער מדרש זאָגט אַז ווען גאָט איז געגאַנגען געבען די תורה צו אידען, האָט ער אפריהער געזאָגט די תורה צו זיך 4 מאָל און דאַן האָט ער געזאָגט צו די אידען, שנאמר אָז ראה, 2) ויספרה, 3) הכינה וגם 4) חקרה ואחר כך ויאמר לאָדם (שמות רבה, פל"ט, א'). און אַ דרשן, זאָגט

און הלוי, קען מען איינפלאנצען אין די הארץ פון פאָלק ליבשאפט און רעספעקט צום אידישען פאָלק און צו אַלעם וואָס ביי אידען איז ליב, הייליג און טייער.

ווען דער עולם וועלכער קומט הערען די דרשנים ומטיפים פון לאנד, ווען זיי וועלען באקאנט ווערען מיט די וויכטיגסטע פאסירונגען פון דער אידישער געשיכטע, וועלען זיי דאן וויסען אז ניט אומזיסט האָט דער איד געלעבט 4 טויזענד יאהר אַן אויסער געוועהנליכען, וואונדערליכען לעבען, וואָס קיין פאָלק אין דער וועלט קען אזא ביישפּיל ניט האָבען, זיי וועלען דאן וויסען אז ניט אומזיסט האָבען אונזערע עלטערען פארגאָסען זייערע הייליגע בלוט פאר זייער גאָט, פאר זייער פאָלק און פאר זייער לאנד, און זיי וועלען דאן פערשטעהן אז אידען און אידישקייט וועלען קיינמאָל ניט אונטערגעהן.

דרשנים ומטיפים מוזען זיין באהאוועגט אין דער געשיכטע פון זייער פאָלק !

י"ח) ליטעראטור און לעבען — עס איז דורכאויס נויטיג פאר דעם מאָדערנעם מטיף צו זיין באהאוועגט אין די קלאסיגער פון דער וועלט ליטעראטור בכלל און אין די העברעאישע און אידישע ליטעראטור בפרט. די פּערעל פון דער וועלט ליטעראטור וועלען איהם צייגען די ווינקעלעך פון לעבען, וועלען איהם עפענען די אויגען, וועלען איהם מאכען קלאָר מיט פערשידענע פּראָבלעמען פון לעבען, און די העברעאישע און אידישע ליטעראטור וועלען שאפען אין איהם א מאָדערנעם, שטאָלצען אידען, וועלכער זאָל פארשטעהן בעסער און טיפער די לאגע פון אידען און אידענטהום.

דער אומגליק פון דער נייער העברעאישע ליטעראטור איז וואָס זי איז ניט רעליגיעז : זי איז ניט א פאָרטזעצונג פון תנ"ך, משנה, גמרא, תשובות און דרוש, נור זי איז נאכגעמאכט נאָך פרעמדע, ניט אידישע ליטעראטורען, ווייל די שאפער און בויער און מיט ארבייטער פון אונזער ליטעראטור זיינען קיין רעליגיעזע אידען, צו אונזער אומגליק האָבען מיר ניט גענוג דענקער, שריפטשטעלער און דיכטער וועלכע זאָלען אמת'ע רעליגיעזע אידען זיין, וועלכע זאָלען אליין שאפען ליטעראטור, און עס געפינען זיך ביי אונז אויך פיעל ביכער און זשורנאלען וועלכע ענטהאלטען כפירה און זנות, אָבער עס געפינען זיך דאָך פיעל ביכער וועלכע זענען זעהר וויכטיג און נוצליך, און די נייע מאָדערנע העברעאישע ליטעראטור קען פיעל, זעהר פיעל העלפען צו ענטוויקלען דעם אידישען מטיף, לערנען איהם ווי צו דענקען, ווי צו פּאָרטראָגען זיינע געדאנקען, און ער וועט זיך דאן איינשאפען א ספּעציעלע אידישע וועלט אנשויאונג, די ליטעראטור וועט איהם באקענען מיט פערשידענע בילדער פון לעבען, און וועט איהם, דעם מטיף, אויסלערנען צו שאפען אליין בילדער פון לעבען. און ווען איינער איז גוט באהאוועגט אין דער העברעאישע ליטעראטור, ווען אפילו ער זאָל ניט אנקוקען קיין ספר דרוש, וועט ער זיין בכח צו האלטען פערשידענע רעדעס אויב ער איז בטבע א רעדנער. די העברעאישע ליטעראטור גיט פיעל, זעהר פיעל שטאָף צום רעדען איבער אידען און יודענטהום.

א מטיף מוז פיעל לערנען און לייענען ווי אויך זיין גוט, זעהר גוט, באקאנט מיט אלע צייט פראגען בכלל און מיט אידישע צייט פראגען בפרט ;

אראנסאן האָט די אינפאָרמאציע זיינע ווענגן די וואסער קוואלען ענטנומען פון ספר יוסיפון.

דער דרשן און דער טלית

עס איז אן אלטער מנהג ביי מגידים און דרשנים צו איינוויקלען זיך אין א טלית ווען מען זאָגט א דרשה. די היינטיגע מאָדערנע מטיפים האָבען דאָס אָפּגעשאפט. עס איז ווירקליך טראדיציע: דער טלית מאכט א שיינעם הייליגען איינדרוק. און ווען דער גאנצער עולם זיצט אין שוהל אָהן טליתים און עס שטעהט א מאן נעבען אָרון קודש איינגעוויקעלט אין א טלית און רעדט, מאכט דאָס א גוואַלדיגען גרויסען איינדרוק. דער דרשן דארף זיך איינוויקלען אין א ריינעם, שעהנעם טלית, צוגעהן צום אָרון קודש, א בויג טאָן זיך מיט רעספּעקט, א קוש טאָן דעם פרוכת, און דאן צוגעהן צום בימה ריידען.

די טעכניק פון ריידען

ווען דער דרשן פאנגט אָן זיין דרשה, דארף ער אָנפאנגען גאנץ שטיל, כדבר איש אל רעהו, נאכהער א ביסעל העכער, העכער, ביז ער צוואווארעמט זיך און פאלט אריין אין התלהבות. ווען ער פאנגט אָן זיין דרשה שטיל, דאן מוז דער עולם גוט צוהערען זיך, און פסיכאָלאָגיש שטריינגט זיך דאן אָן דער צוהערער בעסער צו הערען. אין שוהל ווערט דאן גאנץ שטיל, און דער דרשן האָט דאן די מעגליכקייט צו געווינען דעם אויער פון דעם צוהערער, און נאכהער זיין הארץ און נשמה. ווען אָבער ער פאנגט אָן הויך, וועט ער אויסגעמאטערט ווערען, וועט הייזעריג ווערען, און דער עולם וועט נערוועז ווערען. דער גוטער געניטער רעדנער קען ריידען שטונדען לאנג און ניט הייזעריג ווערען.

מען טאָר ניט ש ר י י ע ן נור ריידען, ריידען ווארעם, מיט באגייסטערונג, און וואו עס בעט זיך אן אויסגעשריי, א שפּריץ טאָן מיט פייער, מיט א העכערע שטימע, צו באטאָנען געוויסע ווערטער מעהר ווי אלע אנדערע, מוז מען דאָס טאָן, מען דארף נור וויסען ווען און ווי אזוי, אָבער ניט אריינפאלען אין א משונה׳דיגע לאגע פון ניט קיין געניטען רעדנער וועלכער שרייט קולות וואו מען דארף און וואו מען דארף ניט, פארמאטערט זיך און פארמאטערט דעם עולם.

ווי צו מאכען אן אפיעל

ווען דער דרשן מאכט אן אפיעל פאר תלמוד תורה׳ס, ישיבות, ארץ ישראל וכדומה, מוז ער אפריהער ארומריידען די וויכטיגקייט פון דעם אנשטאלט פאר וועלכען ער מאכט אן אפיעל, בריינגען פאקטען וואָס דער אנשטאלט טוט אויף; פארוואָס מוז יעדער איד איהם שטיצען — ער כאן מארך, דאָס האָט ער אן אפיעל געמאכט צום מארך, צום ניכטערען שכל, נאכהער — יעמוד הלב העברי! מוז ער אָנהייבען אפעלירען צום הארץ. דאן פאָדערט זיך פייער, התלהבות, שעהנע פראזען, שארפע ווערטער, און ווען ער קומט צו די שטארקסטע רירענדע ווערטער פון זיין אפיעל, זאָל ער גלייך ענדיגען און דאן אויפפאָדערען דעם עולם צו געבען געלד אָדער שנדר׳ען. ווייס מען אָבער ניט וואו אויפ־

דער מדרש — דארף גוט איינשטודירען זיין דרשה בעפאר ער געהט זאגען פאר'ן עולם.

כ') מען מוז הערען גוטע, באוואוסטע, אנערקענטע דרשנים און מטיפים, הערען און לערנען זיך פון זיי ווי צו האלטען א דרשה, ווי אזוי צו באלערנען און באגייסטערען אן עולם, דאס איז „שמושה של תורה.“

כ"א) עס איז ניט פאסיג און זעהר ניט שעהן פאר א דרשן צו ריידען אויפ'ן בימה ווענען זיך. די בימה מוז זיין היילינ. דאס ווארט „איך“ טאר ניט דערמאנט ווערען. מען דארף זיך לערנען פון די נביאים: דער נביא האט קיינמאל ניט דערמאנט דאס ווארט „איך,“ נור „נאום ה',“ אזוי זאגט גאט. דער דרשן דארף זאגען אזוי זאגט די תורה, דער מדרש, ספרים זאגען, אבער ניט „איך“ זאג. און ער זאל קיינמאל בכלל ניט ריידען ווענען זיך אדער ווענען פערזאנען אדער פערזענליכע זאכען, ווייל דאמיט וועט ער מחלל זיין די קדושה און דעם כבוד פון דער בימה, וועלכע איז זיין כבוד און דער כבוד פון די אידישע דרשנות והטפה.

כ"ב) דער דרשן ומטיף מוז זיין א „איש אמת,“ א בעל מדות טובות. ער זאל זיין א „נאה דורש ונאה מקיים,“ דער עולם זאל וויסען אז ווען ער רעדט ווענען עפעס, איז דאס ערענסט און הייליג, דאן וועלען זיין דבריו נשמעים, וועט מען איהם הערען און פאלגען. ווען אבער ער קען שעהן רעדען און זיין רעקארד איז נים גוט, ער האט ניט קיין שעהנעם נאמען, ווען מענשען קענען איהם זאגען: קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים, זאג מוסר זיך בעפאר דו זאגסט אונז מוסר, אזא רעדנער איז מחלל השם און זיינע רייד זיינען ארוים געווארפען.

דער אידישער דרשן ומטיף מוז זיין א „מופת לרבים,“ מיט זיין ריינעם כאראקטער, מיט זיין אמת'ע פרומקייט, מיט זיין מסירת נפש פאר אידישקייט. ער דארף און מוז זיין אן אמת'ער אידעאליסט, דאן וועט די אידישע הטפה קריגען איהר תקון, און דער מטיף וועט זיין דער אמת'ער לעהרער און וועג ווייזער פון פאלק.

ווען דער מטיף ערקלערט דעם עולם די וויכטיגקייט פון לערנען אידישע געשיכטע, איז כדאי ער זאל זיי איבער געבען די פאלגענדע וויכטיגע פאסירונג:

סער באזיל טהאמסאן, געוועזענער טשיעף און פאלים פון לאנדאן, האט געשריבען אן ארטיקעל אין דער „סאנדעי ניוס“ איבער דעם לעבען און אויפטואונגען פון אהרן אראנסאן פון „זכרון יעקב,“ ארץ ישראל, וועלכער איז דער'הרג'עט געווארען באלד נאכ'ן וואפען שטילשטאנד ווען ער איז געפלויגען מיט אן עראפליין פון פאריז קיין לאנדאן.

סער באזיל שטעלט זיך אפ אויף אראנסאן'ס לייסטונגען צו ענגלאנד בעת'ן קריג און דערצעהלט צווישען אנדערעס אז אראנסאן האט געהעטעט גענעראל אלענבי'ס ארמעע דורך די וואונדערבארע אינפארמאציע ווענען דעם שונא וואס ער האט איהם צוגעשטעלט, און אויך וואס ער האט געוויזען די ענגלישע ארמעע אינזשיניערען וואו זיי קענען געפינען וואסער אויפ'ן פלאץ וואו די ענגלישע ארמעען זיינען געשטאנען, און מיט דעם פארשפארט דער ארמעע צו ברייננען וואסער פון קאירא.

פאר שמירת שבת, חנוך הבנים, כשרות, טהרת המשפחה, ארץ ישראל וכדומה; ער מוז דאן שטעהן העכער פון פאלק, קיין זאך אין דער וועלט טאר איהם ניט אפשרעקען פון צו שליידערען דעם אמת אין פנים אריין; דער עולם מוז דערקענען אין דעם מטיף א גרויסען, שטארקען איש האמת, און אונער־מידליכען קעמפפער פאר'ן יודענטום. אבער זיין מוסר און זיין פייערדיגער אמת דארף געזאגט ווערען צום כלל, ניט צום פרט, ניט צום יחיד. ער דארף זיך היטען ער זאל ניט זאגען דעם אמת און ניט שטראפען דעם יחיד ב ר ב י ם, ווייל דאס הייסט פארגיסען בלוט, מלבין פני חבירו ברבים זיין און דאס קען פיהרען צו מחלוקת ביי אידען. מען דארף צום אמת שכל האבען, שכל מיט אמת קענען באזיגען די וועלט!

דער דרשן און דער נגון

מען דארף ניט ז י נ ג ע ן בשעת מען האלט א דרשה, אדער ווען מען רעדט צום עולם. זינגען דארף א חזן, א רעדנער דארף ריידען: ער וויל דאך עפעס פון עולם, ער אפעלירט דאך צו זיי אין יעדער דרשה וועגען חזוק היהדות, צו וואס די נגונים? דאך אבער בעט זיך אמאל אין א שבת'דיגע דרשה אין געוויסע מאמענטען פון דער דרשה, דארט וואו דער דרשן צו־ווארעמט זיך זעהר שטארק, בעט זיך דאן א זיסער הארציגער מיסטישער סגיד נגון. דער נגון שאפט דאן א הייליגע שטימונג אין שוהל, איבערהויפט שבת פאר נאכט ווען אין שוהל ווערט שוין אביסעל פינסטערליך, דאן איז א הארציגער נגון וואס קומט פון שטארקע התעוררות פון דער בחינה „צעק לבם אל ה'" קומט זעהר גוט צונוץ און מאכט א שטארקען און טיפען איינדרוק.

ווי מען גרייט צו א שבת'דיגע דרשה

ווען דער דרשן דארף צוגרייטען א שבת נאכמיטאגדיגע דרשה, דארף ער איבערקוקען די סדרה פון דער וואך, און אזוי ווי אין יעדער סדרה געפינען זיך פארשידענע ענינים, זאל ער אויסקלייבען נור איין ענין, און אט דעם ענין זאל ער דורכקוקען מיט רש"י, אבן עזרא, רמב"ן, ספורנו, די מדרשים און ילקוטים וואס באלאנגען נור צו דעם ענין, און דאן וועט ער האבען געוויס נענוג שטאף וואס צו ריידען וועגען דעם ענין, ווייל אפריהער וועט ער פאר־לייענען פאר'ן עולם דעם טעקסט פון חומש וועגען דעם ענין, נאכהער פאר־שידענע געדאנקען וואס ער וועט געפינען אין די מפרשי התורה און אין די מדרשים און ילקוטים וועגען דעם ענין. און אויב דער דרשן פיהלט אז טראָטץ דעם האט ער נאך אליץ ניט קיין גאנצע, גוטע דרשה, איז א סימן אז דער דרשן איז נים פיל באלעזען, האט וויייניג געלערענט און געלייענט און איז בכלל ניט קיין גרויסער בעל מחדש, דאן זאל ער קוקען דעם אלשיך, דעם דובנער, דעם אברבנאל, דעם עקידה, אדער אנדערע ספרי דרוש וועלכע געפעלען איהם מעהר ווי אנדערע, דאן וועט ער געווים האבען פיעל גוטע שטאף צו זיינע דרשות.

ווי אזוי צו פארפאסען דרשות

עס איז זעהר נויטיג פאר א דרשן ער זאל זיך לערנען א ל י י ן שאפען א דרשה, אהן די הילף פון די ספרי דרוש, און צוליב דעם צוועק איז נויטיג, ער זאל האבען אייניגע שטונדען אין וואך אין וועלכע ער זאל אויפזוכען

צוהערען, אָדער הערט מען אויף ניט ביי די שטאַרקסטע ווערטער פונ'ם אפּיעל, אזוי איז דאָן די גאַנצע רעדע ארויסגעוואָרפען. דער עולם ווערט קאַלט, און קיין געלד וועט ניט געשאַפען ווערען. פיעלע רעדנער מאַכען זיך אַליין קאַליע וואָס זיי ענדיגען ניט אין דער ריכטיגער צייט ווען זיי דאַרפען ענדיגען.

וויפיעל א דרשה דאַרף געדויערען

א שבת'דיגע דרשה אין שוהל טאָר ניט געדויערען מעהר ווי א שטונדע. שבת אין דער פריה, פאַר מוסף — ניט מעהר ווי 20 מינוט; א רעדע אָדער אַן אפּיעל — ניט מעהר ווי 20 מינוט; א לעקטשור — א שטונדע. דער רעדנער מוז זיך איינגעוועהנען רעכענען זיך מיט צייט, ער מוז קוקען אויפ'ן זייגער: צופיעל זאָגען איז אומגעזונט פאַר'ן רעדנער און פאַר'ן עולם, מען ווערט גיך צוגעגעסען, און דאָס איז א סכנה!

דער מחבר פון דיזען ספר האָט געהאַלטען לאַנגע דרשות אין יוראָפּ, צו 2—3 שעה א דרשה. אמעריקא האָט איהם אויסגעלערענט דאָס ניט צו טאָן. דער דייטש זאָגט „אין די בעשריינקונג דערקענט מען דעם מייסטער,“ וואָס צו, איז אומגעזונט — צופיעל ריידען טויג ניט, מען טאָר ניט זיין קיין מרבה דברים!

ווי מען מאַכט א דרשה

א דרשה דאַרף צונויף געשטעלט ווערען אין אמעריקא פּונקט ווי א צייטונג: נייעס, עדיטאָריעלס, אַרטיקלען און אַדווערטייזמענטס. דער דרשן דאַרף זאָגען 1) א געדאַנק, 2) מוסר, 3) חדושי תורה, 4) אַן איבערבליק איבער די וויכטיגסטע פּאַסירונגען אין אידישען לעבען און וואָס מיר, אַלס אידען, קענען לערנען דערפון, און 5) 2 דינים, הלכות פסוקות און — אַדווערטייזען די וויכטיגסטע ענינים וואָס וועט פּאַרקומען אין שוהל, אין תלמוד תורה, אָדער אין שטאָדטישע אנגעלעגענהייטען. דער עולם וועט דאַן הערען א וויכטיגען געדאַנק איבער די סדרה פון דער וואָך, וועט הערען א ביסעל מוסר, איינגעטייטשטע פּסוקים און מדרשים פון דער סדרה פון דער וואָך, די נויטיגע דינים ומנהגים פון אַלטעגליכען לעבען און אַן ערקלערונג וועגען די טעמי המצות והמנהגים, און ער וועט פאַרשטעהן וואָס עס קומט יעצט פאָר אין דער אידישער וועלט. אזא דרשה איז באַלערענד, אינהאַלטסרייך, נוצליך און זעהר אינטערעסאַנט.

די טאַקטיק פון רעדנער

דער דרשן און מטיף זאָל קיינמאָל ניט זאָגען צום עולם **איהר** דאַרפט טאָן, **איהר** דאַרפט וויסען, **איהר** טוט ניט ריכטיג, נור **מיר** דאַרפען טאָן, **מיר** דאַרפען וויסען, **מיר** טוען ניט ריכטיג. ווען ער זאָגט **מיר** נעהמט ער זיך אויך אריין אין כלל, דאָס קלינגט שעהנער, איידעלער, און מאַכט דערפאַר א גוטען איינדרוק.

דער דרשן און דער אמת

דער דרשן טאָר ניט חנפ'ענען דעם עולם, און טאָר זיך ניט שרעקען פאַר זיינע בעלי בתים, פאַר זיין געמיינדע, ער מוז זאָגען דעם אמת, און נור דעם אמת! דער עולם וועט מוזען דרך ארץ האָבען פאַר'ן אמת; ער מוז פייערען

באַרע ספרים נאָך א גרעסערען און טיפערען איינדרוק געמאַכט. און דערפאַר רעכען איך אַז זיין „נאד של דמעות" איז דער בעסטער פון זיינע דרוש ספרים, ווייל נראדע אין איהם האָט ער אריינגעפלאַכטען פיעל גוטע, בריליאַנטענע געדאַנקען מיט וועניגער ווערטער און ער איז אין גאַנצען געווידמעט צום אידישען פאָלק. א דרשן דאַרף ריידען וואָס מעהר וועגען דאָס אידישע פאָלק, וועגען די לאַגע פון כלל ישראל.

דרשות פון ווירקליכען לעבען

א מטיף אין אונזער צייט מוז זיין גוט באַקאַנט מיט היינטיגען לעבען, אום ער זאָל וויסען וואָס עס פעהלט אין היינטיגען לעבען, און ווי אַזוי מען דאַרף דאָס פאַרבעסערען. אונזער פאָלקס־רעדנער ר' צבי הירש מאסליאַנסקי, למשל, אויסער די העברעאישע ליטעראַטור, אידישע געשיכטע, צייטונגען און זשורנאַלען וואָס ער מוז האָבען צו זיינען רעדעס, אויסער זיי, דאַרף ער קיין ספרים ניט האָבען, ווייל ער קוקט אריין גאַנץ טיף אין איין גרויסען וואונדער־באַרען ספר פון וועלכען ער שעפּט זעהר פיל רעדעס, און דער ספר איז — דער „ספר החיים," דער לעבען אליין. דער לעבען איז רייך, גיט גענוג שטאָף, איבער גענוג, צו יעדען טאַלאַנטפאָלען רעדנער, אויב ער ווייס און פאַרשטעהט נור דעם לעבען. דער אַלטער ק א ר ע ל י צ ע ר מ ג י ד ז"ל, וועלכער פלעגט דערצעהלען אויפ'ן בימה מעשיות פון ווילנער פנקס, האָט אַמאָל געזאָגט אַז ער געהט אין גאַס פאַר דער דרשה, און הערט זיך צו וועגען וואָס מענשען רעדען, און דאַן האָט ער גענוג מוסר, גענוג שטאָף צום רעדען, און דער קאַרעליצער מגיד פלעגט דאָס ענדיגען מיט איינטייטשען א פסוק אויף זיין שטיינער ; אַז דוד המלך האָט שוין דאָס לאַנג געזאָגט „ואתהלכה ברחבה, איך געה זיך דורך אין גאַס, כי פקודיך דרשתי, ווען איך דאַרף האַלטען א דרשה . . . ." אויב דער אַלטמאָדישער קאַרעליצער מגיד ז"ל האָט דאָס פאַר־שטאַנען מיט פיעל יאהרען צוריק, איז א היינטיגער מאָדערנער דרשן ומטיף, דאַרף ער פאַרשטעהן און באַנוצען זיך מיט דעם אַמבעסטען.

ווי צו מאַכען א דרשה

פריהער האָבען מיר ערקלערט ווי אַזוי דער דרשן דאַרף צוטרעטען צו מאַכען א דרשה פאַר שבת איבער די סדרה פון דער וואָך, יעצט וועל איך ערקלערען ווי אַזוי דער רעדנער זאָל מאַכען א דרשה פאַר יעדער געלעגענהייט אין לעבען, און דערפאַר וועל איך געבען א ביישפּיעל פון אַזא טהעמא, פון אַזא רעדע, וועלכע ווערט ניט דערמאָנט אין די ספרי דרוש, אום מען זאָל קענען מעהר פיהלען די אָריגינעלע זייט פון אַזא סאָרט שאַפען דרשות, רעדעס און לעקטשורס.

למשל, דער דרשן מוז האַלטען יעדען זונטאָג פאַר נאַכט א דרשה פאַר'ן עולם, ווי עס טוען אַלע דרשנים אין ניו יאָרק. דער געוועהנליכער דרשן גריבעלט זיך אין ספרי דרוש און זאָגט גלאַט דרשות. דער אָריגינעלער, העבערער דרשן ומטיף אָבער שאַפט עפּעס נייעס : ער אַראַנזשירט א גאַנצע סעריע דרשות אָדער לעקטשורס וועגען א געוויסע טהעמא, מיט פאַרטזעצונגען יעדען זונטאָג, אום דער עולם זאָל עפּעס ווירקליך לערנען און גלייכצייטיג פערגעניגען האָבען.

וואונדערבארע מאמרים אין די מדרשים און ילקוטים, מאמרים וועלכע זיינען שווער צו פארשטעהן, וועלכע קוקען אויס ווי א רעטעניש, און אט דוקא אזא אגדה זאל ער גוט און פארזיכטיג איבער לייענען, פארמאכען דעם מדרש, בלייבען מיט זיך אליין, און קאנצענטרירען זיינע געדאנקען נור צו איין פונקט, צו דערגעהן וואס פאר א געדאנק ליגט באהאלטען אין דיזע וואונדערבארע אגדה. ער וועט זיך דאן לערנען טראכטען, טראכטען טיף, מאכען „עקסערסייז" מיט זיין מארך, און אויב ער איז נור ניט קיין „עקר" פון דער נאטור, וועט איהם געלינגען אליין צו שאפען וואונדערבארע דרשות און שעהנע געדאנקען. יענע דרשנים אבער וואס גיבען זיך ניט א ריהר אהן ספרי דרוש, זיינען ווי יענער קינד וועלכען מען פיהרט אימער פאר'ן האנד, אזא קינד וועט קיינמאל ניט קענען געהן אויף זיינע פיס. א דרשן וואס גיט זיך ניט א ריהר אהן ספרי דרוש, וועט קיינמאל ניט קענען אליין שאפען דרשות. די צייט וואס ער וועט אוועק געבען פאר לערנען און לייענען, וועט איהם מיט דער צייט ברייגען מעהר נוצען און מעהר שטאף צו דרשות און רעדעס, פיעל מעהר ווי ווען ער גיט אפ זיין גאנצע צייט אויף ספרי דרוש און האט ניט קיין צייט צו לערנען און לייענען, און מוז דאן בלייבען אומוויסענד. א דרשן מוז פיעל לערנען און לייענען, און דאן וועט איהם לייכטער זיין צו שאפען זיינע דרשות.

דער דרשן איז א פאלקס קרבן

א דרשן מוז האבען רעספעקט פאר זיך אליין. ער מוז וויסען דאס זיין ארבייט איז א נוצליכע און א הייליגע. און ווען בעלי בתים גיבען געלד און משעקס פאר אידישקייט, גיט ער מעהר פאר זיי אלעמען, ווייל ער גיט זיך אליין: ער איז א קרבן פאר אידישקייט, זיין מארך, זיין קאפ, זיין הארץ, זיין צייט, ווען ער גיט אוועק פאר געלד מאכען, ניט פאר תורה און דרוש, וואלט ער אויך געהאט געלד און הייזער ווי זיי האבען, ווייל ער האט אבער זיך מוסר נפש געווען פאר תורה, איז ער דער קרבן פון יודענטהום, און דערפאר דארף ער פאדערען רעספעקט פאר זיין תורה און פאר זיין טאלאנט, ער זאל זיך אליין ניט ביליג מאכען, און קיינעם ניט הנפנ'ען. און יעדע דרשה ברבים קאסט מארך, געזונט, בלוט און נערווען „חכם שיושב ודורש בקהל, מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב חלב ודם על גבי המזבח" (אבות דר"נ, פ"ד).

דער מטיף און דער כלל ישראל

א מטיף דארף ריידען וואס ווייניגער וועגען דעם יחיד און וואס מעהר וועגען דעם כלל ישראל, וועגען דאס אידישע פאלק. הרב ר' יצחק יעקב ריינעס ז"ל האט זיך געמאכט אן אייביגען נאמען מיט זיינע ספרי דרוש, ווייל ער איז ניט געגאנגען אין די אלטע, אויסגעטראטענע וועגען פון די דרשנים ביז זיין צייט, וועלכע האבען גערעדט, געזאגט מוסר און דרשות וועגען דעם איינצעלנעם איד, ווי ער דארף זיין פרום און גוט א. ז. וו., זאנדערען הרב ריינעס האט גערעדט אין זיינע ספרים וועגען דאס אידישע פאלק בכלל, און גערעדט ברייט, פון דער הויך, ווי א גרויסע נאציאנאלע פיגור דארף ריידען. ער איז געווען א „מאריך," ווען ער וואלט ניט געווען אזא מאריך, וואלט גערעדט מעהר צום פונקט, וואלטען זיינע וואונדער-

דער וועלט בארימטער ש ע ק ס פ י ע ר לאכט זעהר שארף פון די וואס זוכען כבוד אין לעבען, און ער רופט דאס ווי אונזערע ספרי מוסר רופען דאס „כבוד מדומה,“ אט יענע כבוד זוכער, זאגט ער, קריכען זוכען דעם כבוד אפילו אין דעם מויל פון די שרעקליכע קאנאנען! . . . .

איינער פון די גאנץ־אלטע גריכישע פילאזאפען ה י ר ק ל י ט איז זעהר מרה שחורה'דיג, זעהר פעסימיסטיש וועגען לעבען. ווען מען לייענט איהם, ווילט זיך אין גאנצען אנטלויפען פון לעבען (זעה: די געשיכטע פון פילאזאפיע ביי קירכנער; און זעה קונא פישר אין זיין בוך „ארטור שאפענהאער“).

ווען איהר לייענט די געדאנקען פון די גרויסע פילאזאפען ווי ס א ק ר א ט ע ס און א פ א ל ט ו ן וועגען דעם מענשליכען לעבען און ווען איהר פארטיפט זיך אין זייערע געדאנקען גרינדליך און ווער איהר ווערט בעציינפלוסט פון זיי, דאן באפאלט אייך אן אומעט, א פוסטקייט, א שרעקליכער, שרעקליכער אומעט. און דער גרויסער פילאזאף א ר י ס ט ו זאגט: „עס גיט א ספעציעלער טרויער אין דעם מענשליכען לעבען, וועלכער איז די ירושה פון די ריזען אין גייסט . . . .“ (זעה: קארא אין זיין ווערק „פעסימיזמוס“).

און מיט אט אזוינע מיינונגען האב איך געקענט אנפילען א גאנצען בוך, וואו מען קען ברייגנען די מיינונגען פון די גרעסטע דענקער און פילאזאפען פון דער וועלט איבער לעבען, און נאכהער בריינגט דער דרשן ומטיף די מיינונגען פון די גרויסע אידישע געלערטע, דענקער, דיכטער, פילאזאפען און חכמי המוסר, און א כלל איז: „געה צום תנ״ך!“ איבערהויפט צו דער תורה. דארט געפינסטו טהעמאס און דרשות מעהר וויפיעל דו דארפסט. דו דארפסט וויסען דעם שטאנדפונקט פון דער תורה, פון יודענטהום, וועגען לעבען? ביסטו דאך קלאר אין תנ״ך — ווי מיר האבען ערקלערט דאס יעדער דרשן ומטיף מוז זיין קלאר אין תנ״ך — און דארט נעהם פסוקים וועלכע ריידען וועגען לעבען, למשל, ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה, דו לייענסט וועגען דעם ל ע ב ע ן פון שרה, זעה די מפרשי התורה, זעה אלע מדרשים און ילקוטים טאקע דארט וועגען ל ע ב ע ן, אין זוהר דארט געפינט זיך א בריליאנטענער פילאזאפישער געדאנק וועגען מענשליכען לעבען, זעה די פארשידענע ספרי דרוש אויף דיזע פסוקים און דאן האסטו גענוג צו קוקען אין קבלה און מוסר ספרים און דו האסט דאן גענוג שטאף צו דיינע דרשות און לעקטשורס וועגען לעבען פאר א לאנגע, גאנץ לאנגע צייט.

דאן וועסטו וויסען אז דאס יודענטהום, די תורה, די אידישע געלערטע, זיינען אפטימיסטיש וועגען לעבען, און דערפאר עקזיסטירען מיר אין אזא שרעקליכען גלות אזא לאנגע צייט, און דאן וועסטו קענען באקאנט מאכען דיינע צוהערער מיט דעם מאמר „עתיד אדם ליתן את הדין על כל מה שראו עיניו ולא נהנה מהן“ (ירושלמי סוף קדושין), א מענש — זאגט דער ירושלמי — וועט זיין פאראנטווארטליך פאר גאט דערפאר וואס ער האט קיין הנאה ניט פון דער וועלט, און — „כל הקץ בחיים טובים בעולם הזה, סימן רע הווא לו“ (תדב״א רבה, פי״ד) דער יעניגער וועלכער האט ניט ליב צו לעבען, איז דאס פאר איהם זעהר א שלעכטער סימן, אדער — נשמה שנתתי בך, החיה

קלייבט ער אויס, לאָמיר זאָגען אַט אַזאַ סעריע פון דרשות: וואָס איז לעבען? וואָס איז דער זינען פון לעבען? וואָס איז דער צוועק פון לעבען? וכדומה. די צוהערער דארפען זיך אינטערעסירען אין אַזאַ וויכטיגע פּראָבלעם ווי לעבען איז. וואו זאָל ער אָבער נעמען שטאָף צו אַזאַ סעריע דרשות אָדער לעקטשורס? ער קוקט אין ספרי דרוש און דאָרט געפינט ער ניט קיינע דרשות וועגען אַזאַ טהעמא, וואו זאָל ער אַלזאָ נעהמען שטאָף צו זיינע דרשות?

אויב דער דרשן ומטיף איז באַלעזען און באַלערענד — און ווען ניט, קען ער דאָך ניט זיין אַ העכערער סאָרט דרשן ומטיף — ברייננגט ער אין זיין רעדע אַפריהער די מיינונגען פון די גרעסטע פילאָזאָפען, דענקער און דיכטער פון די אומות העולם. ער דערצעהלט, למשל, דעם עולם אַז דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער דענקער און פילאָזאָף עמערסאָן האָט געזאָגט: „דער לעבען איז אַ זייפען־בלאָז, סקעפּטיזם, און אַ שלאָף אין שלאָף."

דער גרויסער פילאָזאָף יום זאָגט: „אין דער צייט וואָס מיר דע־באַטירען און פילאָזאָפירען וועגען לעבען, געהט דער לעבען אַוועק."

סער וואַלטער ראַללי רופט דעם מענשליכען לעבען, אַ שרעקליכע טראַגעדיע.

דער גרויסער פראַנצויזישער פילאָזאָף און ערציהער מאָנטיין וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען געדענקט און האָט נאָכהער באַשריבען און ערקלערט זיינע טיפע, פילאָזאָפישע געדאַנקען, זאָגט וועגען לעבען אַזוי: „דער לעבען אַן און פאַר זיך איז ניט גוט און ניט שלעכט, עס איז נור דאָן גוט אָדער שלעכט, ווען דו מאַכסט דאָס גוט אָדער ווען דו מאַכסט דאָס שלעכט."

דזשאָהנסאָן, דער גרויסער געלערטער, רופט דאָס לעבען: „אַ זאַך וועלכע פאָדערט זעהר פיעל געדולד, און גאַנץ וויינעג פערגעניגען. . . . "

דער באַוואוסטער וואַלפּאָל זאָגט: „דער לעבען איז אַ קאָמעדיע צו דעם וואָס דענקט, און אַ טראַגעדיע — צו דעם וואָס פיהלט. . . ."

דער באַוואוסטער גאָלדסמיטה שרייבט: „דאָס לעבען איז ווי אַ שטיפעריש, צולאָזען קינד, וועלכעס מען מוז שמייכלען און נאָכגעבען אַ ביסעל ביז ער ווערט איינגעשלאָפען, און דאַן איז אַלעס געענדיגט. . . "

דזשאָרדזש עליאָט שרייבט: „דאָס לעבען איז ווי אַ שפּיעל אין קאָרטען, מיך שטעלט ניט צופרידען דיזער שפּיל זעהר פיעל, אָבער איך האָב ליעב צו שפּילען ריכטיג, און זעהען וואָס וועט זיין די ענדע דערפון. . . "

דער גרויסער זשעני פון דייטשלאַנד געהטע זאָגט: „שפּרינג אַריין אין דעם עצם לעבען מיט קוראַזש! פיעלע לעבען און ווייסען ניט אַז זיי לעבען, כאָטש דאָס בעסטע, וואו נור דו קומסט צום לעבען, איז דאָרט זעהר אינטע־רעסאַנט."

דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאַטסמאַן און דענקער בענדזשאַמין פּרענקלין זאָגט: „אונזער יעצטיגער לעבען איז אַ פּאָרבערייטונג צום אמת'ען לעבען וואָס וועט אַמאָל קומען, אַ הקדמה צום צוקינפטיגען לעבען, צום לעבען נאָכ'ן טוידט."

דער דרשן דאַרף דאַן געבען נאָך אַ שטאַרקערען ביישפּיל פון דעם לעבען פון דעם באַוואוסטען גאון און פּוסק ר׳ שבתי ב״ר מאיר הכהן, וועלכער רופט זיך דער ש״ך, צוליב זיין אומשטערבליכען ספר דער „שפתי כהן,“ וועלכער איז נפטר געוואָרען אין דעם יאהר תר״ג און האָט אין גאַנצען געלעבט 41 יאהר און צו 24 יאהר האָט ער געענדיגט זיין גרויסע, געטליכע, נוצליכע ווערק דעם „שפתי כהן,“ אַ וואונדערבאַרער פּירוש אויף דעם טור יורה דעה אין פּלפּול פון אַלע פּוסקים און שאלות ותשובות פון ראשונים און אחרונים און אויך אויף דעם טור חשן משפט, גאונישער בעל סברה, אַ וואונדערבאַרע העברעאישע שפּראַך, און דעם „נקודות הכסף,“ „תקפו כהן“ וועלכער האָט געמאַכט אַ שטורעם אין די מחות פון גאונים, און „גבורות אנשים,“ שאלות ותשובות, כללים און פּסקים, און „פּעל צדק,“ אַ קצור פון די תרי״ג מצות נאַכ׳ן רמב״ם נאָך פאַר די זיבען טעג פון וואָך, און סליחות צו כ׳ סיון וועגען די גזירות ת״ח, און אַ היסטאָרישען איבערבליק איבער די צרות וועלכע אידען האָבען געליטען אין פּוילען און ליטע דורך דעם צורר כמעלניצקי ימ״ש, מיט דעם נאָמען „מגילת עיפה“ און אַנדערע, און דאָס אַלעס האָט ער געשאַפען אין אַ קורצען לעבען פון איין און פערציג יאהר! עס זיינען דאָ אידען וועלכע לעבען 80־90 יאהר, און האָבען גאָרניט געלעבט, וויל זיי האָבען גאָרניט אויפגעטאָן, גאָרניט איבערגעלאָזען, און דער ש״ך האָט געלעבט נור 41 יאהר און האָט אַזוי פיעל געאַרבייט, געשאַפען, אויפ־געטאָן, אַזוי אַז ער איז גאָר ניט געשטאָרבען, ער לעבט מיט אונז און וועט לעבען. דער דרשן דאַרף דאַן דערצעהלען די אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע פון דעם ש״ך (זעה ישורון חלק ז׳, כתר כהונה, גרעץ, לקורות הגזירות בישראל, 5טער חלק זייטע 64, גוראַלאַנד, כוכבי יצחק חלק א׳ זייטע 78, קריה נאמנה, פון 77, ש״ך חו״מ סימן ע״ט וק״ז, עבודת הגשוני סימן י״ז, שם הגדולים ערך שפתי כהן, שו״ת צמח צדק סימן ק״ג, אורים ותמים סימן כ״ה לר׳ יונתן אייבשיץ).

איך האָב נור געבראַכט אַלס ביישפּיל אָט די צוויי אומשטערבליכע גאונים דעם רמ״א און דעם ש״ך. דער דרשן אָבער קען ברייגנען פיעלע אַנדערע און פּילייכט שטאַרקערע ביישפּילע, איך וויל נור אַנצייגען די וועג ווי אַזוי צו זוכען שטאָף פאַר דרשות און לעקטשורס, אום אַז די דרשות זאָלען זיין באַלערענד, נוצליך און זעהר אינטערעסאַנט.

אָדער דער דרשן וויל ריידען וועגען כבוד אב ואם, ער געהט גלייך צו די מצוה פון דער תורה: כבד את אביך ואת אמך, קוקט אריין אין די מפרשי התורה, אין דער גמרא, אין זוהר, אין די מדרשים, אין ילקוטים, אין די ספרי דרוש וועלכע ריידען וועגען דעם כבד את אביך, און ער האָט דאַן פיעל מעהר שטאָף צום רעדען וויפיעל ער קאָן נוצען, און דאַן ברייגגט ער אַרויס פאַר׳ן עולם די שעהנע, אינטערעסאַנטע מעשה׳לעך וועגען כבוד אב ואם וועלכע געפינען זיך וועגען דעם אין בבלי, ירושלמי, מדרשים און ילקוטים, זוהר, און וועגען גרויסע גאונים און צדיקים וועלכע האָבען מקיים געווען די מצוה פון כבוד אב, אַרויסגענומען פון ספרים און פון דער אידישער געשיכטע, און אָט

אותה (תענית) — מאמרים וועלכע צייגען אויף דעם אָפּטימיזם פון דעם אידען. און דאָ בעט זיך געדען אַ היסטאָרישען איבערבליק — און אַ מטיף מוז וויסען היסטאָריע — איבער די גריכען, רוימער און אידען בנוגע צו זעלבסטמאָרד, אום צו באשטעטיגען דאָס דער איד האָט דוקא ליב דאָס לעבען, און דאן דאַרף דער דרשן ערקלערען וואָס מיינט אַ ריכטיגער לעבען, און וואָס מיינט אַ ט ו י ד ט ע ר לעבען. אַ לעבעדיגער לעבען, אַ רייכער לעבען, אַן אינהאַלטס־רייכער לעבען, אַ גליקליכער לעבען, איז — אַ לעבען פון מעשים טובים ; אַ לעבען וואָס איז אין גאַנצען געווידמעט צו עבודת הבורא, צו קדושה וטהרה, צו התרוממות הנפש, צו מדות טובות, צו העלפען אומגליקליכע, הונגעריגע, נויטליידענדע, עלענדע, הילפלאָזע, קראַנקע, יתומים און אלמנות, אַ לעבען וואָס לעבט און שאַפט פאַר דעם צווייטען, אזא לעבען איז אַן אייביגער לעבען ; מען דאַרף עפּעס אויפטאָן און שאַפען אין לעבען, עפּעס איבערלאָזען נאָך זיך אַ נוצליכע, ממשות'דיגע זאַך ; און ווען מען לעבט אָפּ הונדערט יאהר און מען האָט גאָרניט אויפגעטאָן, הייסט דאָס דאן אז מען האָט גאָרניט געלעבט, און ווען מען לעבט ניט פיעל, אָבער מען האָט עטוואס הייליגעס, נוצליכעס באַשאַפען, אזוי לעבט מען אייביג.

און דאָ פאָדערט זיך ביישפּילע וועלכע זאָלען שטאַרק מאַכען, באַפעסטיגען די רייד פונ'ם דרשן און מטיף, און דער מטיף דאַרף ניט קאַרגען מיט ביישפּילע וועלכע ער קען נעהמען געננג פון דער אידישער געשיכטע, אַלס ביישפּיעל וועל איך אָנצייגען, למשל, דעם ר מ " א.

ר' מ ש ה א י ס ע ר ל ש, דער באַוואוסטער פּוסק און פילאָזאָף, באַקאַנט צו די אידען פון דער גאַנצער וועלט אונטער דעם נאָמען ד ע ר ר מ " א, האָט געלעבט אין גאַנצען ביי צוויי און פופציג יאהר, זעהר אַ קורצער לעבען, וואָס איז 52 יאהר אין דעם מענשליכען לעבען ? אַ קורצער אָבער זעהר אַ לאַנגער לעבען, ער לעבט נאָך יעצט, און וועט לעבען אייביג, ווייל אָט אין זיינע 52 יאהר לעבען האָט ער געשאַפען, אויפגעטאָן אזוינס וואָס עס מאַכט איהם אומשטערבליך : זיין ספר „דרכי משה" הארוך והקצר, זיינע „תשובות," זיינע ישיבות וועלכע ער האָט געגרינדעט און אויסגעהאַלטען מיט זיין געלד, זיין „מפה," זיינע „הגהות" אויף די 4 חלקים שלחן ערוך, זיין ספר „מחיר יין," זיין וואונדערבאַרער פילאָזאָפישער ספר „תורת העולה" אין דריי טייל, וואו עס געפינען זיך 83 פּרקים אין פילאָזאָפי, דרוש און סודות התורה, און מיט זיינע פיעלע אַנדערע ספרים, מיט זיינע מדות און קדושת החיים, איז ער אַנערקענט געוואָרען אַלס איינער פון די גרעסטע פּוסקים ביי אידען און איז געבליבען אומשטערבליך און — אין אַ קורצען לעבען פון 52 יאהר ! (זעה : שאלות ותשובות „משאת בנימין" סימן כ"ז, און די הקדמה פון „פרי מגדים" צום שלחן ערוך יורה דעה, און דעם של"ה דף קכ"ח ע"א, דפוס ברעסלוי, ובמבוא ל„כלילת יופי" דף ט' ים של שלמה פ"ק דחולין סימן כ"ט, תשובות מהרש"ל סימן ט"ז, ובספר „נובלות חכמה" ליש"ר מקאנדוא, מאיר עינים פרק י"א, עיר הצדק בסופו, שו"ת „זכות אבות").

די טומאה פון לעבען און וועגען די ריינקייט פון לעבען על דרך המוסר, און אזא דרשה וועט באלערנען דעם עולם און וועט קענען שטורעמען מענשליכע הערצער און נשמות.

איך האב בכיון אנגעכאפט אן ענין פון טומאה וטהרה, ווייל וועגען דעם איז דאך קיינע דרשות און קיינע רעדעס ניטא אין די גאנצע ליטעראטור פון דרוש און הטפה, אום צו צייגען ווי דער דרשן דער למדן קען געפינען שטאף און פייערדיגען מוסר ניט קוקענדיג אין ספרי דרוש נור לערנען די הלכה, ש"ס ופוסקים. אזוינע ביישפילע קען איך געבען פיעל, אהן א צאהל, נור דאן וואלט דאך דאס א גאנצער ספר געווען, ווען איך זאל ארום ריידען באריכות און דייטליך ווי צו ערקלערען על פי מוסר די ווערטער פון די גדולי הפוסקים, פאר מבינים אבער, איז דער ביישפיל וואס איך האב דא געבראכט, גענוג, און -- ישמע חכם ויוסיף לקח, ונבון — תחבולות יקנה ודי למבין ! . . . .

משלים, בילדער פון לעבען, און פאבלען

איינע פון די שטארקסטע אינסטרומענטען אין די הענד פון דעם מטיף ודרשן איז — דער מ ש ל, מיט א גוטען משל קען מען געווינען דעם עולם, פאר החזקת התורה והיהדות, און ווי דער מדרש זאגט : „אל יהי המשל קל בעיניך, שעל ידי המשל אדם יכול לעמוד על דברי תורה" (שיר השירים רבה), פארשטעהן די תורה — זאגט דער מדרש — קען מען דורך דעם משל, דעם שווערסטען, דעם טיפסטען ענין קען מען לייכט ערקלערען דורך א משל. שלמה המלך — זאגט דער מדרש — איז געווען דער ערשטער וועלכער האט געוויזען א וועג צו פארשטעהן, ווי צו ערקלערען די טיפע ענינים פון דער תורה דורך א משל. נעהמט די משלים פון תלמוד בבלי, פון ירושלמי, פון אלע מדרשים און ילקוטים, באטראכט נור גוט, ווי דורך א משל ווערט ערקלערט טיף און גוט אן ענין און איהר וועט דאן פיהלען און פארשטעהן די נויטיגקייט, די נוצליכקייט פון א משל. ווען איך זאל וועלען אנאליזירען, פארשען, ערקלערען גרינדליך און אנצייגען ביישפילע, וואלט איך דאן געמוזט שרייבען א גאנצען ספר וועגען „משלים ביי אידען," אזוי אבער ווי דאס איז פאר מיר אונמעגליך איצט, וועל איך זיין געצוואונגען צו געבען א גאנץ קורצען און איינפאכען ביישפיל : ר' אבהו און ר' חייא האבען זיךביידע געטראפען אין איין פלאץ. ר' חייא האט גע'דרשנ'ט אין הלכה, און ר' אבהו האט גע'דרשנ'ט אין אגדה. דער עולם איז אוועק פון ר' חייא מיט זיין הלכה און זיי זיינען אלע געקומען צו הערען בעסער ר' אבהו'ן ווי ער זאגט אגדה. ר' חייא בר אבא, זעהענדיג ווי דער עולם וויל איהם ניט הערען, איז ער ביי זיך זעהר אראפגעפאלען, ווייל איהם ר' אבהו דער דרשן, דער בעל אגדה, טרייסטען, דורך וואס ? דורך א משל, איך וועל דיר געבען א משל — זאגט ר' אבהו צו ר' חייא — 2 מענשען זיינען געקומען אין א שטאדט, איינער פארקויפט דיימאנדס, בריליאנטען און פערעל, און דער צווייטער פארקויפט נאדלען און אנדערע ביליגע זאכען. צו וועמען לויפען קויפען מעהר מענשען ? געווים צו דעם נאדלען פארקויפער, ניט צו די דיימאנדס, ווייל ניט אלע פארשטעהען די ווערטה פון א גוטען דיימאנד, און ניט אלע קענען קויפען דיימאנדס (סוטה מ'). א קורצער משל,

אזוי קען זיך נוהג זיין דער דרשן און מטיף ווען ער דארף האבען שטאף צו דרשות, רעדעס און לעקטשורס, וועגען אלע ענינים פון לעבען.

ווי אזוי מען נעמט ארויס מוסר פון הלכה

מיר האבען שוין פריהער באמערקט ווי נויטיג עס איז צו זיין באקאנט מיט דער הלכה און ארויסנעמען מוסר פון דער הלכה. מיר ווילען דא געבען זעהר א קורצען ביישפיל: דער דרשן דארף זאגען, למשל, א דרשה שבת פ' תזריע, דארט געפינט זיך א מצות לא תעשה אז א טמא'ער טאר ניט עסען קיין קדשים בעפאר ער איז זיך טובל, זאנדערען ער מוז זיך אפריהער טובל זיין און דארף האבען הערב שמש, און ווען נויטיג א כפרה, מוז ער פריהער די כפרה ברייננגען. דער דרשן דארף דאן ערקלערען דעם עולם דייטליך וואס עס געפינט זיך וועגען דעם אין מסכת מכות דף י"ד, זבחים ל"ב, ק"ו, נדה נ"ו, פרה פרק י"א, רמב"ם הלכות פסולי מוקדשים פרק י"ח, ספר המצות להרמב"ם לא תשא קכ"ט, סמ"ג לאוין של"ט, און דאן זאגט ער: רבותי! ווי שלעכט עס איז ווען א איד איז א טמא, א איד איז א זוהן פון אידישען פאלק, א פאלק פון קדושים, און די תורה זאגט דאך אונז אן, אונז אלעמען, והתקדשתם והייתם קדושים! איהר אלע זאלט הייליג זיין, און ווען א איד ווערט חס ושלום א טמא, ווי שרעקליך דאס איז! אבער נאך ערגער איז ווען דער טמא קריכט צו קדושה, ווען ער ווערט א פרעזידענט פון א שוהל, פון א תלמוד תורה, זאגט מבינות אויף רבנים, אויף שוחטים, אויף מלמדים, אויף דעם סדר הלמוד פון תלמוד תורה, ווי שרעקליך דאס איז! און די תורה זאגט אין היינטיגע סדרה צום טמא — בכל קודש לא תגע!!.... קריך ניט צו קדושה, שטעק ניט דיין נאז און זיי ניט מטמא אונזערע שוהלען, אונזערע תלמוד תורה'ס, אונזערע ישיבות, אונזער ארץ ישראל!

ווען דער רעדנער וויל דאס מאכען גרינדליך און האלטען א לומדישע דרשה וועגען טומאה וטהרה און נאכהער האלטען א פייערדיגע מוסר דרשה וועגען טומאת וטהרת הנפש, דאן מוז ער אריינקוקען אין חומש אין די פאלגענדע פלעצער: (ויקרא, מ"ד, ויקרא ג', מ"ה, שם י"ד נ"ב, שם ט"ו ל"א, שם ט"ז, י"ח כ"ה, במדבר ה', י"ד, דברים כ"ג, י"א, שמואל ב' י"א, ד', ישעיה ו' ה', ירמיה ב' ז', יחזקאל ד', י"ד, כ"ב, כ"ו, כ"ד, י"ג, הושע ט' ד', עמוס ז', י"ז, זכריה י"ג, ב', תהלים נ"א, ט' משלי, כ', ט', איוב י"ד ד', איכה א' ט', ד', ט"ו, דניאל א' ח', עזרא, ט', י"א), און דאן אין זוהר, מדרשים און ילקוטים בנוגע צו די אויבען דערמאנטע פלעצער, ווי אויך אין די גדולי הפוסקים וואס באציהען זיך צו יענע פסוקים, ווי אויך אין (ב"ק דף צ"ב, קדושין ע', ע"ז ל"ט, שבת קל"ח, פסחים י"ז, ברכות י"ט, סנהדרין צ"ד, הקדמת הרמב"ם לסדר טהרות, יבמות ס"א, נדה ט', שבת פ"ו, פסחים ע"ז, יומא ו', שבת ט"ו, שבת פ"ב, ע"ז כ"ט, י"ד, ט"ו, ט"ז, רמב"ם הלכות כלים פי"ג הלכה א', מכשירין פרק ד' ח', חגיגה י"ח, ידים פרק ט"ו, ו', תוספתא שם, מגילה ז', ירושלמי פסחים פ"ו, ראש השנה ט"ז, נדה ל"ד, ברכות כ"ב).

ווען דער רעדנער וועט ווערען גוט באהאווענט אין די אלע פלעצער וועלכע מיר האבען דא אנגעצייגט, וועט ער פאזיטיוו האבען אן אוצר פון שטאף וועגען

המלך והנזיר,״ „מחברות עמנואל,״ און איבערהויפּט מוז א דרשן זיין גוט קלאָר אין די משלים פון דעם דובנער מגיד ז״ל וועלכע געפינען זיך אין זיינע ספרים „אהל יעקב,״ „קול יעקב,״ און אין זיין פירוש אויף הגדה, און אין אנדערע ספרים. אין אידיש איז יעצט ערשינען „אלע משלים פון דובנער מגיד״ ביי דעם באוואוסטען שריפטשטעלער און ליטעראט י. זעווין (תשר״ס), און אין העברעאיש האָט זיך יעצט אָפּגעדרוקט פאר קינדער א ספר מיט דעם נאָמען „משלי המגיד מדובנא.״ ווען דער רעדנער וועט קלאָר ווערען אין די אלע אויבען דערמאָנטע ספרים און משלים, וועט ער דאן זיין בכח אליין צו שאפען א פּאסיגען משל צו אלעם וואָס ער דארף נור האָבען, און זיינע דרשות וועלען מרעיש עולם זיין. זעה (משלי חכמים, ווילנא מיכעל שטאדט, מלין דרבנן, פפר״א, דוד כהנא, אין האסיף תרמ״ז חלק ג׳ זייטע 125 ; בלאך, אמרי אינשי, ברעסלוי, ווייסבערג, משלי קדמונים, ראבניצקי וביאליק, ספר האגדה, כרך ג׳ ספר ו׳, אדעסא, משה לעוין, אראמעאישע שפּריכווערטער און פאָלק שפּריכע, פפד״מ, דעסויער ; שפּראך לעקסיקאָן דעם תלמוד׳ס אונד מדרש, בודאפּעסט).

א גוטער רעדנער מוז זעהר נויטיג האָבען בילדער, בילדער פון לעבען. ווען ער שטעלט פאָר א בילד פון לעבען, קען ער דורך דעם געווינען די הארץ און די נשמה פון דעם צוהערער. ווען דער מחבר פון דיזען ספר האָט געוואָלט מאכען א שטארקען אפּיעל וועגען מעות חטים אין דער שוהל פון ר׳ ישראל סאלאנטער תלמוד תורה אין ניו יאָרק, וואו ער איז רב און מנהל רוחני פאר די לעצטע 18 יאהר, האָט ער פאָרגעשטעלט א בילד ווי א פרוי איז געקומען צו איהם אין אָפּיס בעטען מצה פאר פסח, און נעבען איהר זיינען געשטאַנען איהרע 2 קליינע קינדער. איהר מאַן און איהרע אנדערע 3 קינדער זיינען געקוילעט געוואָרען אין די אוקראינער פאגראָמען, און איך האָב פאָרגעשטעלט ווי די אלמנה רעדט און וויינט און בעט מצה אויף פסח. מיין אָרימע פעדער איז ניט אימשטאנד פאָרצושטעלען וואָס דאן האָט זיך אָפּגעטאָן אין שוהל : דער געוויין, די געשרייען, די קרעכצען, די זיפצען, איז ממש אין לשער, און — געלד האָט זיך געשאָטען, א מבול פון געלד. באלד נאָך שבת, זונטאג, האָט פשוט גערעגענט מיט געלד, און אלע האָבען געוואָלט אז זייער געלד זאָל געהן נור פאר יענע פרוי פון אוקראינע, ניט פאר קיין אנדערע ! . . .

בילדער פון לעבען איז א נויטיגקייט פאר יעדען דרשן און מטיף.

יעדער דרשן און מטיף דארף זיין באהאוועוונט אין פאבלען, און דארף קענען אליין שאפען א פאבעל און צו פּאסען איהר צו זיין מוסר זאָגען. מיט א גוטע פאבעל, קען מען שיסען פיילען פון מוסר גלייך אין הארץ אריין און מאכען דאָרט א גרויסען, טיפען איינדרוק. די שעהנסטע מדות, מוסר, און יראת שמים קען מען לערנען דורך פאבלען. אלסביישפּיעל וועל איך אנצייגען :

און ער האָט געראַטעוועט די גאַנצע סיטואַציע, און ער האָט געגעבען אַ פּאַל־שטענדיגע, גוטע ערקלערונג.

אָדער אַן אַנדער ביישפּיל: רב אמי און רב אסי זיצען פאַר ר׳ יצחק נפחא, דער וויל פון איהם הערען הלכה, דער צווייטער וויל ער זאָל זאָגען אגדה. זאָגט ער הלכה, לאָזט ניט דער בעל אגדה, זאָגט ער אגדה, לאָזט ניט דער בעל הלכה, זאָגט צו זיי רבי יצחק נפחא, איך וועל אייך געבען אַ משל: ווייסט איהר צו וואָס דאָס איז גלייך? איינער האָט געהאַט 2 פרויען, איינע אַ יונגע, די צווייטע אַן אַלטע. די יונגע קלייבט אויס, רייסט אַרויס פון זיין קאָפּ די גרויע האָר, אום ער זאָל בלייבען יונג; די אַלטע — קלייבט אויס די שוואַרצע האָר פון זיין קאָפּ, אום ער זאָל האָבען נור גרויע האָר אין קאָפּ אַזוי ווי זי, נמצא קרח מכאן ומכאן (בבא קמא, ס׳) דער סוף איז, ער בלייבט גאָר אָהן האָר! דער נמשל איז פאַרשטענדליך גענוג.

עפענט אויף דעם תנ״ך און איהר וועט ענטציקט ווערען פון די וואונדער־באַרע שעהנע משלים וואָס איהר וועט דאָרט געפינען. ווילט איהר האָבען אַ גוטען משל וועגען די פּרעזידענטען פון די שוהלען, תלמוד תורה׳ס, ישיבות, לאָדזשען, סאָסייעטיס, פעראיינען, לייענט אין שופטים קאַפּיטעל ט׳, פּסוק ט״ו, ווי די בוימער האָבען געוואָלט מאַכען אַ מלך און וועמען זיי האָבען אויס־געקליבען . . . און דער יעניגער רעדנער וועלכער וויל אוועק געבען צייט און שטודירען וועגען די וויכטיגקייט פון אַ משל אין דרוש, און ווי נויטיג עס איז פאַר אַ דרשן ומטיף צו שאַפען אייגענע משלים, איז נויטיג צו שטודירען די פאָלגענדע פּלעצער (שמואל ב׳ י״ב, י״ד, משלי י״ג, ג׳, ישעיה מ״ה ט׳, משלי כ״א, ל״א, ירמיה ח׳ כ״ב, ישעיה י״ד כ״ט, משלי ו׳ — ח׳, במדבר, כ״ג, ז׳ מלכים א׳ ה׳ י״ב, במדבר כ״ג ז׳, ישעיה י״ד, ד׳, יחזקאל י״ז, ב׳, י״ח, ב׳, י״ח, ג׳, כ״א, ה׳, תהלים מ״ט, ה׳, ע״ח, ב, משלי, א׳, א׳, ו׳, כ״ו, ז׳, איוב כ״ז, א׳, קהלת י״ב, ט׳, און פיעל אַנדערע).

טויזענדער משלים געפינען זיך אין תלמוד בבלי וירושלמי, אין די מדרשים און ילקוטים, און רבי מאיר פלעגט אַ דריטעל פון זיין דרשה ווידמען פאַר משלים, און ר׳ יוחנן דערצעהלט אונז אַז 300 משלים וועגען פוקסען „משלי שועלים,“ האָט רבי מאיר געהאַט (סנהדרין ל״ח).

וואונדערבאַרע שעהנע משלים קען געפינען דער דרשן אין (מגילה י״ג, סנהדרין ל״ח, ב״ר פ׳ פ״ו, קהלת רבה, ב״ר פס״ד, ילקוט שמות, ירושלמי סנהדרין פ״י, ילקוט קהלת ו׳, ברכות ס״א, און נאָך טויזענדער פּלעצער).

עס געפינען זיך אויך בריליאַנטענע משלים אין ספר בן סירא, מוסר השכל מרב האי גאון, בן משלי פון ר׳ שמואל הנגיד, משלי שועלים פון ר׳ ברכיה הנקדן, משל הקדמוני פון ר׳ יצחק סאהולא, תרשיש פון ר׳ משה אבן עזרא, מבחר הפנינים פון ר׳ ידעיה הפניני הבדרשי, תקון מדות הנפש פון ר׳ שלמה בן גבירול, כלילא ודומנא, משלי אגור, משלי יהודה.

דער דרשן מוז וויסען די אויבען דערמאָנטע ספרים און ער מוז אויך זיין באַקאַנט מיט די משלים וועלכע געפינען זיך אין „חובות הלבבות,“ „בן

ער האָט פיעל גוטע שטאָף צום ריידען, ווערט ער פארלאָרען און פארמאטערט, ער ווייס ניט ווען אויף צו הערען, און ווי אזוי צו בעארבייטען דעם מאטעריאל, ער זאָל לייכט זיין צום פארדרייהען, ער זאָל זיין ניט נור באלערענד און נוציליך, זאָנדערען אויך א י נ ט ע ר ע ס א נ ט, ווייל מעג דער דרשן פארמאָגען די בעסטע מאטעריאל צו זיינע דרשות: חדושי תורה, מוסר, משלים, פאבלען, בילדער פון לעבען, בקיאות אין אידישע וויסענשאפט, אויב אָבער ער ווייס ניט ווי צו בעארבייטען דיזען רייכען מאטעריאל, אויב ער ווייס ניט ווי צו מאכען דאָס א י נ ט ע ר ע ס א נ ט פאר'ן עולם, וועלען זיינע דרשות קיינמאָל אין זיין לעבען ניט מאכען דעם געווינשטען איינדרוק, און דאצו פאָדערט זיך א געבווירענער טאלאנט צום ריידען, ווי אויך זעהר פיעל איבונג, און הערען וועלט בארימטע רעדנער.

דער צוועק פון יערע דרשה

דער רעדנער דארף שטרעבען ניט צו זאָגען גלאט א דרשה, איינטייטשען א פסוק אָדער א מדרש גלאט אזוי זיך, נור צוליב א צוועק, צוליב א תכלית, צוליב נעפינען א מוסר השכל אין דעם. ווייל דער דרשן און מטיף היינטיגע צייטען, איבערהויפט אין אמעריקא, דארף זיין ניט נור א דרשן, מגיד און מטיף, נור אויך אן א ג י ט א ט אָ ר, א פראפאגאנדיסט פאר יודענטהום, און ער דארף זיך באנוצען נור מיט אזוינע דרשות און מאמרים וועלכע האָבען אין זיך החזקת היהדות, און באזייטיגען שלעכטע מדות, ווי כעס, גאוה, קנאה, תאוה, נקמה, שנאה, רכילות, לשון הרע, דאגות, לצנות, חניפה, און איינ־פלאנצען אין די הערצער פון די צוהערער אמונה אין גאָט, בטחון, ענוה, זריזות, גערעכטיגקייט, ליבשאפט צו גאָט און צו מענשען, שלום און ברידער־ליכקייט, באנוגענען זיך מיט ווינציג, האָפענונג, קדושה, שמחה און טהרה, און דורך אזוינע דרשות און מאמרים ווערט מען א ריכטיגער גוטער איד (זעה ספרי עקב, מ"ט), אָבער גלאט אגדות וועלכע האָבען ניט אין זיך קיין מוסר השכל, אויף זיי זאָגט דער רמב"ם „לעולם לא יעסוק האָדם בדברי אגדות ולא יאריך במדרשות שאינם מביאים לא לידי יראה ולא לידי אהבה," (רמב"ם הלכות מלכים, פרק י"ב, הלכה ב', און ירושלמי שבת, פרק ט"ו, הלכה א').

דער רעדנער און דער דאָקטאָר

דער דרשן ומטיף דארף זיך באטראכטען און ער דארף קוקען אויף זיך ווי אויף א דאָקטאָר, מיט דעם קליינעם אונטערשיעד, וואָס דער דאָקטאָר היילט דעם מענשליכען קערפער, און ער, דער דרשן ומטיף, דארף היילען דעם אידען'ס נשמה. ער איז ניט קיין רופא הגוף, נור א רופא הנפש. און פונקט ווי א דאָקטאָר מוז ער וויסען די קראנקהייט זעהר גוט, דער עיקר איז שטודירען די קראנקהייט, אוועק שטעלען די ריכטיגע דיאגנאָזיע, ווען דער דאָקטאָר ווייס נים די קראנקהייט, וועט ער קיינמאָל ניט וויסען ווי צו היילען דעם קראנקען. דער מטיף מוז גוט שטודירען די קראנקהייט פון חלול שבת, טרפות, פון נים האָבען קיין טהרת המשפחה, פון ניט געבען קיין אידישע ערציהונג אונזערע קינדער, און ווען ער ווייס גוט די קראנקהייט און ווייס פון וואַנענט זי נעהמט זיך, דאן דארף ער זיך נעהמען צו זיינע רפואות, צו זיין מעריצין.

ווען, למשל, דער דרשן האלט א דרשה אום סוכות וועגן לולב און אתרוג, נעהמט ער ארויס פון זיי א מוסר השכל דורך פאלגענדע פאבעל:

דער לולב און דער אתרוג האבען אנגעפיהרט א סארט דעבאטע.
דאביי, דער לולב האט דעם אתרוג קריטיקירט.
הלמאי ער האלט זיך פאר א יחסן און שטאלצירט.
באהאלט זיך און פארשטעקט זיך אין א קעסטעלע מיט וואטע.
ער מאכט זיך פאר אזא מין טייער שטיקעל סחורה.
אט ווי ממש ער זאל פאר גנבים דארפען האבען מורא.
„דו דארפסט זיך גאר צו מיר ניט גלייכען, לאנגער רוט!"
געענטפערט האט דער אתרוג זעהר שטאלץ,
„ביסט טרוקען, אהן א טעם און ריח, ווי א האלץ.
דו האסט ניט וואס צו אנווערען, דאגעגען ווייסטו גוט,
אז איך פארמאג פיעל זאפט און אויך א פיינעם דופט
און קען עס לייכט פארלירען אויף דער פרייער לופט."

דער איד איז ווי דער אתרוג, צופיעל פרייהייט שאדט איהם
ער מאר ניט לעבען ווי דער פרייער לולב ראטה איהם . . . .

דיזע פאבעל האב איך ארויסגענומען פון א ספעציעלען בוך מיט פאבלען, געשריבען ביי דעם באוואוסטען שריפטשטעלער און ליטעראט ה. הירש, וועלכער ענטהאלט 191 פאבלען, וועלכע זענען גוטע שטאף פאר דרשות און רעדעס.

א דרשן דארף זיין באהאוועגט מיט די בעסטע פאבלען, און דארף קענען אליין שאפען פאבלען צו זיינע דרשות און רעדעס.

מאטעריאל דארף סארטירט און בעארבייט ווערען

ווען דער מטיף האט אנגעגרייט צו זיינע דרשות פיעל מאטעריאל, גענוג גוטע שטאף, דאן דארף ער זעהר פארזיכטיג זיין מיט אויסקלייבען דעם בעסטען און פאסיגסטען מאטעריאל וועלכע ער דארף באנוצען צו זיינע דרשות, און באזייטיגען דעם מאטעריאל וועלכער איז ניט אזוי גוט, ניט אזוי נוצליך און אינטערעסאנט פאר'ן עולם. ער דארף אויך סארטירען דעם מאטעריאל מיט גרויס ישוב הדעת, וואס עס קומט פריהער און וואס עס דארף זיין שפעטער. די שטארקסטע, פייערדיגסטע ווערטער מוזען קומען גאר צום סוף, ענדיגען די דרשה דארף ער מיט פייער, מיט התלהבות, און די ענדע פון דער דרשה מוז זיין ווירקליך אויסגעצייכענט. די ענדע פון דער דרשה מוז מאכען זעהר א שטארקען איינדרוק. דאצו פאסט ווירקליך דאס ווערטעל „ענדע גוט, אלעס גוט." ער מוז אויך זיין געניט און קלוג גענוג, דאס ניט דער מאטעריאל זאל איהם בהערשען, זאנדערען ער זאל בהערשען די פיעל מאטעריאל וועלכע ער האט געזאמעלט. דער ניט געניטער רעדנער ווען

אָהן מילך, אָהן קרים און אָהן פוטער. ווען זי האָט איהם דערלאַנגט צום טיש אביסעל ביטערע מעל צום עסען, פארקרימט זיך דער שניידער און זאָגט: — שדים ווייסען די גבירים, וואָס פאר א מאכלים זיי עסען דאָס, עס האָט דאָך ניט קיין טעם! . . .

ווען אונזערע קינדער פלעגען לערנען חומש, נביאים, רש"י, משניות, גמרא, מפרשים, פוסקים און ספרי מוסר, האָבען זיי דאן געפיהלט א טעם אין יודענטהום, האָבען ליב געהאט און האָבען זיך מוסר נפש געווען פאר אידישקייט. היינט אָבער, דאָ אין אמעריקא, ווען מען לערענט מיט זיי א ביסעל עברי זאָגעכץ, ניט וויסענדיג אפילו דעם פירוש המלות, וואונדערען זיי זיך פונקט ווי יענער שניידער, ווארום דער עלטערער דור איז אזוי שטאַרק צוגעבונדען צו אידישקייט וועלכע האָט — נאָך זייער מיינונג — קיין טעם ניט, ווייל זיי ווייסען, נעבעך, ניט וואָס איז יודענטהום! . . .

דער וויץ מוז זיין קורץ, קלאָר, שארפזיניג, ניט ווּלגאר חס ושלום, און מוז ענטהאלטען א מוסר השכל, אזא וויץ ווען דער רעדנער בראַקט אריין אין א דרשה, קען ער זעהר פיעל אויפטאָן פאר החזקת היהדות. גוטע וויצען געפינט מען אויך אין „יערת דבש" חלק ב' דף קל"ו, קכ"ה, און זעה וואָס דער רשב"ץ זאָגט אין ספר „מלחמת מצוה."

וואו א דרשן טאָר קיין דרשות ניט זאָגען

דער רעדנער דאַרף ניט זוכען דרשות אין יעדען מאמר, פיעל, זעהר פיעל מאָל איז נויטיג פאר איהם צו ברייננגען א פסוק פון תנ"ך, א מאמר אָדער אַן אגדה פון מדרשים און ילקוטים, ניט צו זאָגען א דרשה, נור לאָזען דעם מאמר אזוי ווי ער איז, ווייל מיר האָבען אין תנ"ך, אין תלמוד בבלי וירושלמי, אין ספרא, ספרי, תוספתא, מכילתא, מדרשים וילקוטים, אין זוהר, הונדערטער טויזענטער מאמרים וועלכע זיינען אמת'ע בריליאנטען, אזוי ווי זיי זיינען, און מען טאָר זיי ניט פוצען מיט קיינע דרשות און פשט'לעך. די בעסטע דרשה אין דער וועלט קען דאן איבער פיהרען דעם מאמר, ווייל דער מאמר אליין איז א בריליאנט, און דער מטיף דאַרף ברייננגען דעם מאמר צוליב דעם מוסר וואָס דער מאמר ענטהאלט אין זיך אַן און פאר זיך.

מען דערצעהלט דאָס דער וועלט בארימטער גאון ר' יהונתן אייבשיץ זכרונו לברכה איז געזעסען אמאָל ארומגערינגעלט פון זיינע פיעלע תלמידים און ער האָט זיי געשטעלט אַן איינפאכע פראגע: מיט וואָס קערט מען אויס די הויז? עס איז באלד געוואָרען א טומעל צווישען זיינע תלמידים. דער האָט געזאָגט אז דער גרויסער רבי האָט געמיינט מיט זיין פראגע די מצוות און מעשים טובים וועלכע רייניגען דעם קערפער וועלכער איז געגליכען צו א הויז; דער האָט געזאָגט אז דער רבי האָט דאָ געמיינט א טיפען געדאנק אין חכמת הקבלה, בית ווערט אָנגערופען די בחינה פון מלכות, און אור איז בגימטריא בית און האָט זיך פארטיפט אין קבלה; דער דריטער תלמיד האָט געזאָגט אז דאָס מיינט דער בית המקדש, און האָט גלייך גענומען האלטען טיפזיניגע דרשות וועגען דעם. ר' יהונתן אייבשיץ האָט זיך צולאכט, האָט אריינגערופען די רבי'צין און האָט איהר געפרעגט: מיט וואָס קערט מען אויס א הויז?

די רפואות אָבער ווען זיי שטעהען אין אפטייק, אין דראָג סטאָר, שטעהט דאָס אַלעס סאָרטירט און קלאַסיפיצירט, יעדער זאַך אויף זיין אָרט. דער דאָקטאָר אָבער נעהמט און מישט צונויף פארשידענע זאַכען צוזאמען און פון דערפון ווערט א רפואה, א מעדיצין. דער מטיף מוז נעהמען זיינע רפואות, זיין מעדיצין, פון פערשידענע פלעצער, פון תנ"ך, פון מדרשים וילקוטים, פון זוהר א. ז. וו., אָבער ער מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג ווי אזוי ער מישט דאָס צוזאמען, עס זאָל ניט זיין צו שארף . . . ניט צו ביטער . . . ניט צו זיס . . . עס מוז זיין די ריכטיגע מאָס, ניט צופיעל מוסר, ניט צופיעל משלים, ניט צופיעל וויצען, ניט צופיעל חדושי תורה, אַלעס מיט א מאָס. עס טאָר קיין זאַך ניט פעהלען וואָס מען דארף צום היילען דעם קראַנקען, און קיין זאַך טאָר ניט זיין צופיעל, און דערפאַר איז דער שארפער וויץ אויך נויטיג צו דער מעדיצין זעהר פיעל מאָל. און מאַנכעס מאָל, קען מען דורך א שארפען וויץ מאכען שוויצען דעם קראַנקען מעהר ווי פון אַנדערע רפואות . . . און ווען א קראַנקער שוויצט דורך, ווערט ער געזונט . . . .

עס שטעהט, למשל, דער רעדנער און ווייזט אָן די נויטיגקייט פון קענען די העברעאישע שפראך, און ווי שלעכט עס איז אז מען איז אומוויסענד, און פארבייגעהענדיג דערצעהלט ער דעם עולם א וויץ : „א ישוב'ניק האָט געהאַט יאהר־צייט. איז ער געגאַנגען אין שטעדטעל אריין דאַווענען פאר'ן עמוד. די שטעדטעל איז געווען אין קאָוונער גובערניע, און האָט געהאט א העברעאישען נאָמען „עזרת." אויפ'ן וועג האָט איהם אנגעטראָפען אַן אוריאדניק און האָט איהם געפרעגט : — וואוהין געהסטו, זשיד ?

— אין „עזרת." — ענטפערט דער ישוב'ניק.

— אך דו זשידאָווסקע מאָרדע — האָט זיך צושריען אויף איהם דער אוריאדניק — ווייסטו דען ניט אז מען רופט שוין ניט די שטעדטעל „עזרת" ? אז זי הייסט שוין „נאָוואָ אלעקסאנדראָווסק ?"

דער ישוב'ניק איז געקומען אין שטעדטעל אריין אין שוהל, איז צוגע־גאַנגען צום עמוד און האָט אנגעהייבען דאַווענען.

אז עס איז געקומען צו דער תפלה „עזרת אבותינו," האָט דער ישוב'ניק א געשריי געטאָן — נאָוואָ אלעקסאנדראָווסק אבותינו אתה הוא מעולם ! . . .

דיזער וויץ פאַסט זיך אויך ווען דער רעדנער וויל שילדערען די צרות וועלכע אידען האָבען געליטען אין גלות . . . . .

דער רעדנער וויל ריידען, למשל, וועגען די נויטיגקייט פון א גוטע אידישע ערציהונג. דערצעהלט ער דעם עולם אזא סאָרט וויץ : א פארצייטיגער, אָרימער שניידער ברייננט א בגד צום גביר פון שטעדטעל. זעהט ער ווי דער גביר עסט פארפעל מיט מילך. קומט ער אהיים און בעט זיין פרוי, די אָרימע שניידערקע, זי זאָל אויך קאָכען פארפעל מיט מילך, ער וויל עסען וואָס דער גביר עסט. זאָגט די שניידערקע, אז עס איז ניטאָ קיין גוט מעל. — עס איז א דאגה — זאָגט דער שניידער — מאך פון די ביסעל אַלטע צופוילטע מעל ; עס איז דאָך אָבער ניטאָ קיין מילך קיין קרים, קיין פוטער ! נו, ועט זיין

די דרשנים און די שוהלען

עס איז זעהר וויכטיג דאָס יעדער שוהל זאָל רעספּעקטירען איהר דרשן און מטיף, ווייל נור דאַן קענען זיינע דרשות, זיינע רעדעס, האָבען דעם געווינשטען איינדרוק, נור דאַן קענען די דרשות און די רעדעס אויפטאָן עפּעס פאַר אידישקייט, נָוּר דאַן קען „ראָס לעבעדיגע וואָרט" בויען און שאַפען וועלטען. דאָרט אָבער וואו די געמיינדע, וואו די שוהל רעספּעקטירט ניט איהר גייסטליכען פאָרשטעהער, דעם רב, דעם דרשן ומטיף, דאָרט זיינען זיינע דרשות ארוים געוואָרפען — א גרויסער, שאָפענדער, בויענדער כח ווערט דאַן פאַרלאָרען פון אונז.

איינע פון די אורזאַכען וואָרום אונזערע רבנים, דרשנים ומטיפים ווערען ניט גענוג רעספּעקטירט, איז ווייל זיי לעבען ניט זעלבסטשטענדיג, זיי לעבען ניט נור פון דער קאַסע פון דער געמיינדע, זאָנדערען יעדער יחיד גיט זיי א דאָלער פון צייט צו צייט דורך שנדר'ען אויפ'ן בימה ביי קריאת התורה, און די שנדר'ס האָבען געמוזט אָפּגעשאַפט ווערען אַזוי שנעל ווי מעגליך. יעדע געמיינדע, יעדע שוהל האָט געדאַרפט באַזאָרגען איהר רב, דרשן ומטיף מיט פּ ר נ ס ה ב כ ב ו ד אַזוי אַז ער זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צו די שנדר'ס. די שנדר'ס זיינען פאַרבונדען מיט דעם גרעסטען שפיכת דמים. עס איז פשוט א חלול השם דאָס „מיסטער בלאָפמאַן" שטעלט זיך אויפ'ן בימה און ש ע נ ק ט א דאָלער דעם רב, דעם דרשן ומטיף אין די אַנוועזענהייט פון א געפּאַקטע שוהל מיט אידען ! און ווען „מיסטער גראָביונג" ווערט אין כעס אויפ'ן רב, שנדר'ט ער פאַר דעם חזן, פאַר דעם שמש, און ניט פאַר דעם רב פון שוהל ! . . . און ווען א בעל הבית גיט דעם רב א דאָלער פון צייט צו צייט, ווערט דער רב ביי איהם ביליג, ווייל ער, „מיסטער פייקמאַן" איז א „דזשענטעל־מאַן," ער גיט געלד, און דער רב איז — א שנאָרער. קיין אינערליכען רעספּעקט האָט ער ניט פאַר איהם, און טאַקע דערפאַר קענען די דרשות פון אונזערע רבנים, דרשנים און מטיפים קיין ווירקונג ניט האָבען.

רב סעדיה גאון ז"ל זאָגט : „ואם ישליך עצמו בצרכו על אנשים אחרים, יהיה נבזה ואין סומכין עליו, ואין מקבלים דבריו, כמ"ש חכמת המסכן בזויה ודבריו אינם נשמעים" (האמונות והדעות מאמר י' פ"ג שי"א), און זעה וואָס דער רד"ק זאָגט אין זיינע שרשים (שורש צ' בפירושו על הפסוק בצל החכמה בצל הכסף. און עס איז א באַוואוסטע הלצה אז „ותהי אסתר נושאת חן בעיני כל רואיה," אסתר איז אַלעמען געפעלען געוואָרען, ווייל — „לא בקשה דבר !" זי האָט קיין זאַך ניט געבעטען ! און זעה וואָס דער באַוואוסטער גאון יעב"ץ ז"ל שטורעמט וועגען דעם אין זיין ספר „לחם שמים" אויף אבות פרק ד' משנה ז', און זעה (במ"ר פ"י, סי' ט"ו, נדרים ל"ח, שמואל א' י"ב ג, במדבר ט"ז, ט"ו, שמו"ר פ"ד סי' א', דברים רבה פי"א סי' ב', שיר רבה פ"ד, שוחר טוב מזמור כ"ד, תנדב"א רבה ר"פ י"ז, תנחומא קרח סי' ז', מדרש שמואל פי"ד, מגלה עמוקות אופן ל"ג וקל"ז, ב"ר פ"ה סי' י"ב, בחיי קרח ט"ז, ט"ו, ווייי העמודים עמוד השלום פכ"ו, רמב"ם הלכות ת"ת פ"א הלכה ז', ר"ן נדרים ל"ז, אבנט בד כ"א, ב"י בחו"מ סימן ח', ירושלמי סוף בכורים, מרפא לשון

— מיט א בעזים — האט געענטפערט די רבי'צין. — זי האט גע־טראפען ! זי וויים ! האט ר' יהונתן אייבשיץ געזאגט צו זיינע תלמידים: ער האט געוואלט דאמיט לערנען זיי אז פ ש ט איז א גרויסע זאך, נים אלע מאל דארף מען קריכען אויף א גלייבע וואנט.

דרשנים און מטיפים דארפען וויסען אז ניט אלע מאמרים זיינען געשאפען געווארען פאר דרשות. דער פראסטער פשט קען אמאל ווירקען פיעל שטארקער ווי די בעסטע דרשה, און „אין מקרא יוצא מדי פשוטו," און עס איז אבסאלוט נויטיג פאר יעדען דרשן און מטיף צו וויסען דעם פ ש ט פון דער תורה, פון נביאים וכתובים, דעם פשט פון תלמוד בבלי און ירושלמי, און אום צו וויסען פשט, מוז מען גוט קענען די העברעאישע שפראך און דעם „דקדוק הלשון." אהן דקדוק, אהן העברעאיש, קען מען קיין פשט ניט וויסען. און ווען מען וויים גוט דעם פשט פון תנ"ך, פון בבלי און ירושלמי, קען מען דאן גאנץ פיינע דרשות האלטען ; און ווען מען וויים ניט דעם פשט פון תנ"ך און תלמוד, טויגען דאן די דרשות לחלוטין ניט ! . . .

און פשט קומט פריהער פון רמז, דרוש, סוד, פריהער קומט פשט ! פשט איז העכער פון דרוש און העכער פון פלפול ! זעה וואס דער באוואוסטער גאון דער בעל „קצות החושן" ז"ל שרייבט וועגען דעם אין דעם נאמען פון הר"ם אלמושנינו ז"ל (שבשמעתתא הקדמה סימן י') און אין „חות יאיר" ס"ס קכ"ג, צמח דוד חלק א' אלף השישי סימן ר"צ, מהרש"א ב"מ פ"ה, תשובות מהר"י פאלאק סימן ל', „פלגי מים" הלכה ב', הגהות הרמ"א יו"ד סימן רמ"ב ס"ג, מהרי"ק שורש ק"ע, תשובות מהר"י ווייל סימן קס"ד, תוס' סנהדרין י"ז, „מטפחת ספרים" ליעב"ץ צד ק"א, כוזרי שני וכוח ג', סימן קט"ז, וכוח ד' סימן ש"ח, „עבודת הקודש" לאבן גבאי ז"ל, חלק העבודה פר"ט, עשרה מאמרות, מאמר חקור דין פי"ג, עקידה שער א', הגיון הנפש לרבי אברהם בר חייא הנשיא ילה"ה, יקוו המים להר"ש אבן תבון פ"כ צד קל"ב וצד קע"ד, מאור עינים אמ"ב, פ"ה, קול יהודה על הכוזרי מאמר ג' סימן ע"ג, אלפי מנשה לר' מנשה מאיליא סימן ק"ב, ריקאנטי עה"ת פסוק ויגרש את האדם, נשמת חיים לר' מנשה, מאמר א' פי"ב, אלשיך תהלים א', א', הר"ש אלקבץ ז"ל בספר אילת אהבים, הרמב"ן בספר צרור החיים פ"ט, מהר"ל מפראג בספרו באר הגולה באר ג', ור' שעפטיל ז"ל בן השל"ה בווי העמודים עמוד התורה פ"א, הרמ"ע מפאנו ז"ל בהקדמתו לספר פלחה רמין, המזרחי שמות כ"ב ח', גור אריה שמות כ"ט, ט', רשב"ם ריש פרשת וישב, הרמב"ן האמונה והבטחון פ"ט, נתיבות עולם לר"ש ק"ב דף ק"ט, תשובות הרשב"א סימן תט"ז, נזר הקודש בהקדמתו למדרש רבה, עץ חיים שער ל"ב, פ"ב, תורת חיים, דרוש ה' פי"ח, תשב"ץ בספר מלחמת מצוה, מלמד התלמידים פ' חיי שרה, י"ט, אברבנאל בספר הויכוח כ"ב.

איך וואלט זעהר וועלען אז אלע רעדנער, דרשנים און מטיפים זאלען גוט איינקוקען אין די אלע פלעצער וועלכע איך האב דא אנגעצייכענט, דען וועלען זיי וויסען, דאן וועלען זיי האבען זעהר א גוטען באגריף וואס פשט מיינט, און ווען דרוש און פלפול איז נויטיג.

און עס איז אויך וויכטיג פאר'ן דרשן צו וויסען און געדענקען אז „לא המדרש עיקר, אלא המעשה עיקר" דער עיקר איז די מעשה, עפּעס טאָן, עפּעס אויפטאָן מיט זיינע דרשות, גרינדען תלמוד תורה'ס, ישיבות, גני ילדים, א ועד הכשרות, א שבת באוועגונג, מקואות כשרות, א חברה ש"ס, א חברה משניות, א חברה תנ"ך. די דרשה דארף עפּעס שאפען ממשות'דיג. די דרשה מוז אריינקריכען אין דעם פראקטישען לעבען, ווען ניט די דרשות פון די רבנים, דרשנים און מטיפים פון אמעריקא, וואָלטען אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות און פיעל אנשטאַלטען ניט עקזיסטירט. די דרשות בויען ארץ ישראל; די דרשות האָבען געשאפען ברויט און קליידער פאר אונזערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים. די דרשות האלטען אָפּ די שוהל אידען פון אוועק געהן פון דרך היהדות. אויב מיר האָבען א ביסעל כשרות, א ביסעל שמירת שבת, איז דאָס צו פאַרדאַנקען אונזערע דרשות. דער אומגליק איז וואָס די דרשות זענען ניט ארגאניזירט, די אידישע בימות אין אמעריקא זיינען ניט ארגאניזירט. וואָלטען די בימות געווען פאראייניגט, וואָלטען זיי געהאט איין פּראָגראַם, א פּראָגראַם פון — ריידען און טאָן, וואָלט דאן די בימה געווען די שטארקסטע קראפט ביי אידען. אפילו די ניט ארגאניזירטע בימה האָט געשאפען פיעלע מיליאָנען אין אמעריקא פאר ארץ ישראל און פאר די הונגעריגע אידען אין אייראפּא. וואָלטען מיר געהאט אן ארגאניזירטע בימה, וואָלט געוואָרען דאן אן ארגאניזירטע יודענטהום, און די גרעסטע ישועה פאר אידען.

די בימה מוז פיהרען צו מעשים, די בימה קען, דארף און מוז שטארקען און אויפלעבען אַלעס וואָס ביי אונז דארף זיין ליב, הייליג און טייער. די בימה דארף זיין די טאָן-געבערין, די וואָרט-פיהרערין, די וועג-ווייזערין פון יודענטהום. די בימה דארף פיהרען צו מעשים טובים.

„לא המדרש עיקר, אלא המעשה!"

אינהאלט און שפּראך

פריהער האָבען מיר גערעדט וועגען דעם אינהאלט פון די דרשות, רעדעס און לעקטשורס, יעצט נעפינען מיר פאר נויטיג צו זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען די שפּראך פון דער דרשה, פון דער רעדע. די שפּראך איז אזוי וויכטיג ווי דער אינהאלט. שטעלט זיך פאָר ווען איינער איז א גרויסער דענקער, א פילאָזאָף, האָט זעהר פיעל צו זאָגען און ער וויל דאָס זאָגען אין ענגליש, איז ווען זיין ענגליש האָט אן „אקצענט," ניט קיין גוטער ענגליש, וועט ער ניט אנגעשטעלט ווערען אין קיין שוהל וואו די מיטגלידער זענען ענגליש שפּרעכענדע אידען. און עס איז א גוט באוואוסטער פאקט אז אין די „טעמפּלען" וואו מען זוכט א „ראבי," וועט מען בשום אופן ניט אננעמען אַלס „ראבי" א „פּאריינער," א מאַן וועלכער רעדט ניט א נאטירליכען, גוטען, עכטען ענגליש, און אזוי־אויך אין אַלע אנדערע שפּראכען, ווייל ווען א רעדנער רעדט צום פאָלק א־ אירגענד וועלכע שפּראך, דארף ער קענען יענע שפּראך פאָלקאָם.

מיר האָבען צווישען זיך רבנים און דרשנים וועלכע האָבען וואָס צו זאָגען, עס פעהלט זיי אָבער „לשון," זיי קענען ניט קיין גוטען אידיש, ע

לר' רפאל מהאמבורג, עמוד העבודה נ"ד, זוה"ק משפטים קי"ז, פסיקתא דרב כהנא פיסקא י"א).

ווען די רבנים, דרשנים און מטיפים וועלען גוט אריינקוקען אין די אויבען דערמאָנטע פלעצער וואָס איך האָב ערשט געבראַכט, און דאצו וועלען זיי אריינקוקען טיף אין זייער נשמה, ווי פארוואונדעט זי איז, ווי פארשעמט זי איז, ווי צוריסען, ווי באליידיגט זי ווערט אזוי אָפט ווי מעגליך, דאַן וועלען זיי פילייכט פיהלען די נויטיגקייט צו ארגאניזירען אלע רבנים, דרשנים און מטיפים פון לאַנד אין איין גרויסע, שטארקע ארגאניזאציאָן, וועלכע וועט דאַן, נור דאַן, קענען באַזייטיגען דעם חלול השם, דעם חלול כבוד התורה, דעם עלבון הנפש, און דאַן ווען אלע רבנים און אלע דרשנים און מטיפים פון לאַנד וועלען זיין אין איין פארבאנד, דאַן וואָלט מען אויך געקענט ארגאניזירען די שוהלען פון לאַנד, און דאַן וואָלט די אידישע לעבעדיגע וואָרט געפינען איהר תקון, דאָס לעבעדיגע וואָרט וואָלט דאַן אָפּגעלעבט ביים פאָלק, די קדושת התורה און די אידישע דרשה וואָלט דאַן געקענט ווירקליך שטאַרקען און בויען דאָס יודענטהום, און דאַן וואָלט געוועזן יעדען שבת אין די שוהלען „קריאת התורה" און ניט „קריעת התורה! . . . ."

דיַ בימה און דער לעבען, מוסר און מעדיצין

דער רעדנער, דרשן ומטיף מוז זאָגען פאַר'ן עולם דעם ריינעם אמת. דער באוואוסטער גאון מוהרי"ל מרגליות ז"ל זאָגט אין דעם ספר „טל אורות," אז יעדער איד וועלכער זעהט ווי אידען טוען וואָס ניט ריכטיג איז און ער שטראָפט זיי ניט, איז גלייך ווי ער איז איינער פון זיי, עס קוקט דאַן אויס ווי ער איז מסכים מיט זיי (זעה : סניגור, זייטע כ"ט), און וואָס ר' עובדיה מספורנו ז"ל זאָגט וועגען דעם אין דעם ספר „אור עמים" ד', און זעה דעם ספרא (פ' קדושים, ערכין ט"ז). און די פליכט פון דעם דרשן איז צו שטראָפען, צו זאָגען מוסר, ווי מיר האָבען פריהער באַמערקט וועגען דעם, אָבער מען דאַרף האָבען שכל, מען דאַרף וויסען ווען, וואו, און ווי אזוי צו זאָגען מוסר. לדעת חכמה ומוסר, פרעגט דער ילקוט אם מוסר, למה חכמה ? ואם חכמה, למה מוסר ? אלא, אם יש באדם חכמה הרי הוא לומד מוסר, ואם אין בו חכמה, אינו יכול ללמוד מוסר (ילקוט שמעוני, משלי א'). נור דער וואָס האָט חכמה לערענט מוסר, דער יעניגער אָבער וועלכער באַזיצט ניט קיין חכמה, וויל קיין מוסר ניט האָבען. דער עולם, היינטיגע צייטען, אין אמעריקא, וויל ניט הערען קיין מוסר, און דער דרשן וועלכער איז א דאָקטאר, א רופא הנפש, דאַרף זיך נוהג זיין ווי דער געוועהנליכער דאָקטאר, ווי דער רופא הגוף טוט צו דעם וואָס וויל ניט נעמען קיין ביטערען רעצעפּט, קיין ביטערען מעדיצין : ער גיט איהם א פּיל, צונויף געמישט מיט א ביסעל זיסקייט, און שפּעטער ווירקט דאָס שטאַרק און ער קריגט א רפואה שלימה. אָט אזוי דאַרף אויך טאָן דער דרשן, דער מטיף, ער דאַרף געבען דעם עולם וואָס וויל ניט הערען קיין מוסר — א פּיל צו שלינגען : א משל, א וויץ, און דורך דעם משל און דעם וויץ זאָל ער אָפּשלינגען א ביטערען מוסר, א שטיק אמת, און ווען דאָס וועט אריינ־גען אין זייערע הערצער און נשמות, וועלען זיי דאַן האָבען א רפואה שלימה! . . . . .

אויב רבינו הקדוש און ר׳ עקיבא האָבען געמוזט נוצען אזעלכע מיטלען אום דער עולם זאָל ניט שלאָפען, מעגען מיר אויך אַ מאָל זאָגען אַ וויץ, אום דער עולם זאָל ניט שלאָפען ! אָבער נור אזוינע וויצען ווי רבינו הקדוש און ווי ר׳ עקיבא האָבען געזאָגט, אָבער. אַ דרשן מוז אנטלויפען פון ליצנות, פון ברחנות, פון אַ גראָבען, וואולגארישען וויץ, וועלכער איז מחלל דעם כבוד התורה, מען דארף אימער זאָגען צו אונזערע רעדנער : חכמים, הזהרו בדבריכם !

אונזער גורל איז, דרשנים ומטיפים, צו וועקען דעם עולם. עס איז נאַכט, פינסטער, דער עולם שלאָפט, און מיר זיינען אין גלות די נאַכט־וועכטער, די וועכטער פון פאָלק, די שומרי האומה, מיר מוזען אָבער וועקען, און וועקען דאָס פאָלק, דאָס פאָלק זאָל אויפהערען שלאָפען . . . און ווען מיר וועלען טאָן אונזער הייליגע, שווערע ארבייט באמונה, דאַן וועט דאָס פאָלק אויפשטעהן, און ווען דאָס פאָלק וועט אויפשטעהן, וועט ליכטיג ווערען, וועט טאָג ווערען . . . און דאַן וועלען מיר זוכה זיין אויסשרייען צום פאָלק די ווערטער פון דעם נביא :
— קומי אורי, כי בא אורך ! ! . . . .

דורות לאַנגע האָבען מיר גערעדט צום פאָלק פון גלות, פון צרות פון יסורים, זאָל אונז דער רבונו של עולם העלפען צו דערלעבען די גאולה, און מיר זאָלען ריידען צום פאָלק פון די בערג פון ציון וירושלים, אמן !

הרב שמריהו ליב הורוויץ

פעהלט זיי פשוט אויס ווערטער מיט וואס צו באגייסטערען דעם עולם. א דרשן האלטענדיג א דרשה וועגען אחדות, האט אויסגשריען — מיר דארפען אחדות האבען! ביז וואנען וועלען מיר זיין צוריסען? לאמיר האבען א **מיספארשטענדנים** און . . . — דאס איז דערפאר ווייל זיי לייענען ווייניג, זיי זיינען ניט באקאנט מיט דער אידישער ליטעראטור. דערפאר איז נויטיג פאר א דרשן און מטיף וועלכער רעדט אין אידיש, צו לייענען פיעל אידיש. א אידיש וואס איז געשריבען געווארען ביי גרויסע אידישע שריפטשטעלער און ליטעראטען, א ריכטיגען, גוטען אידיש.

איך האף און ערווארט, אז דיזער „ספר הדרשות" וועלכען איהר האלט יעצט אין אייערע הענד, וועט פיעל העלפען די יעניגע וועלכען דארפען האבען א גוטען אידיש פאר זייערע דרשות און רעדעס.

א רעדנער דארף ניט ריידען וואס דער עולם ו ו י ל, נור וואס דער עולם ד א ר ף, ווייל ניט אלע מאל מעג מען געבען דעם עולם ו ו א ס ער וויל. אין א געפאקטע שוהל מיט אידען, אין ניו יארק, שטעהט א מגיד און האלט א דרשה, און ער ערקלערט דעם עולם אז טראטץ דעם וואס כ ע ס איז א מדה מגונה, און א איד טאר אין כעס ניט זיין, און די גמרא זאגט דאך — כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה, דאך מוז מען אמאל כעס האבען, אהן כעס — זאגט דער מגיד — וואלט די וועלט ניט קענען עקזיסטירען, און ער גיט א ביישפיל: למשל, זאגט ער, פאר א יאהרען האב איך געזאגט ביי אייך אין שוהל און האב געמאכט זעהר ווייניג געלד, בין איך אין כעס געווארען, יעצט ווייסט איהר אז מען דארף מיר געבען מעהר, און דער כעס וועט אם ירצה השם העלפען; אדער, למשל, מען זאל קומען און וועלען צונעמען מיין יארמולקע און מיין טאבאק פושקע, זאל איך ניט ווערען אין כעס, וועט מען מאסע צונעמען, וועל איך אבער אין כעס ווערען, וועט מען ניט נעמען . . . אזוי אז כעס איז א תקון פאר דער וועלט, און דאס זאגט דוד המלך עליו השלום — אף תכון תבל בל תמוט: אף, כעס, תכון, איז א תקון, אז תבל בל תמוט, אז די וועלט זאל ניט אונטערגעהן! . . . . און דער עולם-גולם האט געקוואלען פון אזוינע בריליאנטענע משלים און ווי גוט מען טייטשט דאס א פסוק! . . .

דער רעדנער און דאס פאלק

דער מדרש דערצעהלט דאס ווען רבינו הקדוש האט א דרשה געהאלטען, האט ער דערזעהן אז נתנמנם הצבור, ובקש לעוררן, אמר: ילדה אשה אחת במצרים ששים רבוא בכרס אחד וכו׳ (ב"ר, פל"ג) דערמאנט זיך נור, אזוינע גרויסע, וויכטיגע, און הייליגע פערזאנען ווי רבינו הקדוש און ר׳ עקיבא האלטען דרשות און — הצבור מתנמנם, דער עולם שלאפט, מוז רבינו הקדוש דערציילען זיי א מעשה׳לע אז אין מצרים האט א פרוי געבוירען מיט א מאל ששים רבוא אידען, כאפט זיך אויף דער עולם פון שלאף, רייבט זיך אויס די אויגען, און ווערט שטארק נתפעל. דאן דערצעהלט זיי דער דרשן אז דאס איז געבוירען געווארען משה רבינו וועלכער איז שקול, ער איז אזוי גרויס, אזוי וויכטיג, ווי טויזענדער אידען! . . .

שבת

אם תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי, וקראת לשבת עונג, לקדוש ה' מכובד, וכבדתו מעשות דרכיך, ממצוא חפצך ודבר דבר, אָז תתענג על ה' וכו (ישעיה נ״ח).

שבת פאַר'ן קערפּער און פאַר דער נשמה. די ריכטיגע באַדייטונג פון שבת. תענוג שבת. שמירת שבת איז דער כבוד פון פאָלק, חלול שבת איז דער אום־כבוד פון אונזער נאַציאָן. ר' עקיבא און טורנוסרופוס וועגען שבת. די השפעה פון שבת אויף פאָלק און שפּראַך. די שומרי שבת ארבייטער און מאַנופעקטשורערס. די פרומע מאַמעס וואָס העלפען צו חלול שבת. די ליכט פון שבת און די ליכט פון ציון.

דער טאָג שבת איז ניט ווי מאַנכע וועלכע פאַרשטעהען ניט און דענקען צוליב אָפּרוהען זיך פון די ארבייט פון א גאַנצע וואָך, און עס איז בלויז א טאָג פון רוהע, נעמען זיך א טאָג אין וואָך „וואקיישאַן.“ וואָלט דער צוועק פון שבת געווען בלויז צו אויסרוהען דעם קערפּער, דאַן וואָלט ניט נויטיג געווען צו רוהען דוקא דעם 7טען טאָג פון שבת, דעם אידישען, הייליגען שבת, עס וואָלט נענוג געווען דאָס יעדער איד זאָל זיך אויסקלייבען א טאָג אין וואָך אויף צו רוהען, דעם טאָג וועלכער איז פאַר איהם פּאַסיגער, לייכטער און בעסער. זעלבסטפאַרשטענדליך אז דאַן וואָלטען אַלע אידען ביי היינטיגען טאָג נעמאַכט זייער שבת זונטאג — ווי די רעפאָרמער ווילען — און ניט א ו נ ז ע ר א מ ת ' ע ן שבת, און אונזער אמת'ער, הייליגער שבת, וואָלט חס ושלום אָפּגעשטאָרבען אין גאַנצען. דער אמת אָבער איז דאָך ניט אזוי. דער ריינער אמת איז אז היטען שבת דאַרף מען נור דעם 7טען טאָג פון וואָך, שבת קודש, און ניט חס ושלום זונטאג אָדער יעדען אנדער טאָג פון וואָך. און וואָלט געווען דער טעם פון שבת היטען נור צוליב אָפּרוהען דעם קערפּער, האָבען נור געדאַרפט היטען שבת ארבייטער, וועלכע ארבייטען שווער א גאַנצע וואָך, רבנים אָבער און אַלע אַנדערע וועלכע ארבייטען ניט שווערע פיזישע ארבייט, וואָלטען ניט געדאַרפט שבת היטען. ווען דער טעם פון שבת וואָלט געווען נור צוליב אָפּרוהען דעם קערפּער, דער אמת'ער טעם איז אָבער ניט נור צוליב אָפּרוהען דעם קערפּער, זאָנדערען דורך דעם וואָס דער קערפּער רוהט, זאָל מען דאַן האָבען די מעגליכקייט צו ערווערבען קדושה פאַר דער נשמה און אנערקענען דאמיט אז „קדוש היום לאדונינו,“ אז שבת איז הייליג, און דער יעניגער וועלכער היט שבת לויטן שלחן ערוך, ווערט ער אויך הייליג.

און אָט דער געדאַנק ליגט באַהאַלטען אין די ווערטער וועלכע מיר לייענען אין דער תורה וואָס גאָט ברוך הוא זאָגט צו משה'ן: „ואתה דבר אל בני ישראל לאמר, אך את שבתותי תשמורו, כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם, לדעת כי אני ה' מקדשכם (תשא), זאָלסט ניט דענקען — זאָגט גאָט צו משה'ן — אז די מצוה פון שבת איז נור צו אויסרוהען דעם קערפּער, ניין, עס איז פיל העכער, פיל וויכטיגער, עס איז צוליב דעם אז דורך די מצוה פון שבת זאָלט איהר ה י י ל י ג ווערען, לדעת כי אני ה' מקדשכם! . . . .

הדרשנים והדרשנות

טוב לשמוע גערת חכם — אלו הדרשנים (קוה"ר, ז' ה').

העבודה ! אם יש ברור הזה יודע איך מוכיחים (ספרא, קדושים).

יש נאה דורש ואין נאה מקיים, נאה מקיים ואין נאה דורש, נאה דורש ונאה מקיים (חגיגה י"ד).

נאים הדברים כשהם יוצאים מפי עושיהם ! (תוספתא יבמות, פ"ח).

לקרוא את יודע, לדרוש אין את יודע (ירושלמי ברכות פ"ב, הלכה ג').

דרוש וקבל שכר (סנהדרין ע"א).

פנים של אימה — למקרא, פנים בינונית — למשנה, פנים שוחקות — לתלמוד, פנים מסבירות — לאגדה (מסכת סופרים, פט"ז, הלכה ב').

בשעה שחכם יושב ודורש, הקב"ה מוחל ומכפר עונותיהן של ישראל (מדרש משלי, י').

כששומעין הגדה מפי חכם ואחר כך עונין אמן יהא שמיה רבא, באותה שעה הקדוש ברוך הוא שמח (ילקוט משלי, תתקנ"א).

כל מי שיש בידו הלכות ואין בידו מדרש, לא טעם טעם של יראת חטא (אבדר"נ פר"ט).

בכל הארץ יצא קום — אלו ההגדות, שמקדשין שמו הגדול בהם (תנא דבי אליהו פ"ב).

בניתי לי בתים — אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות, ברכות מים — אלו הדרשות (מ"ר קהלת).

פון זיי, אַז די זעלבע זאַך איז מיט דעם שבת: דער שבת איז ניט בלויז אַ טאָג פון ניט ארבייטען, ווי דו דענקסט, זאָנדערען אַ טאָג פון קדושה עליונה, פון העכערע קדושה, און דערפאַר איז דער שבת וויכטיגער פון אלע אנדערע טעג פון וואָך.

טורנוסרופוס אָבער וויל דאָס ניט אנערקענען, ווארום? אויב ער זאָל מודה זיין אז דערפאַר שטעהט דער שבת העכער פון אלע אנדערע טעג פון וואָך ווייל ער איז הייליגער פון אלע אנדערע טעג, דאַן וועט ער דאַך מוזען מודה זיין דעם ביטערען אמת וואָס די גאַנצע וועלט וויל ניט מודה זיין: אַז אידען שטעהען העכער פון אלע גוים פון דער גאַנצער וועלט, ווייל — דאָס אידישע פאָלק איז אַ הייליגע פאָלק, כי עם קדוש אתה לה' אלהיך, אידען זיינען הייליג צו גאָט, און אזא אמת שמעקט ניט טורנוסרופוס הרשע, דערפאַר ענטפערט ער ר' עקיבא'ן דמרא צבי, האָסט אַ טעות, רבי עקיבא, ניט דערפאַר ווייל איך שטעה באמת העכער פון פאָלק, דערפאַר בין איך דער פיהרער, נור מיין האַר, דער מלך, ער וויל מיך, וועט ער וויל אַן אנדערען, ווערט יענער דער פיהרער. זאָגט איהם ר' עקיבא— גוט, ביי שבת איז אויך אזוי, דמרא צבי, דער רבונו של עולם וויל ניט קיין אנדער טאָג פאַר שבת, ניט זונטאַג, ניט פרייטאַג, נור דוקא דעם שבת וועלכען אידען היטען אלס שבת און נור דער שבת און ניט קיין אַנדערער איז אונזער שבת קודש.

און דאמיט ערקלערט זיך וואָס די גמרא זאָגט אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון שנאמר ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט וכו' וכתיב בתריה ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים, ווי באלד אַז אידען זיינען מחלל שבת, ציינען זיי דאמיט אַז עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד פון קדושה און וואָכעדיגקייט, אַלעס איז גלייך, איז דאַך דאַן אויך ניטאָ קיין אונטערשייד פון אידען ביז ניט אידען, און ווי באלד אַז מען נעמט צו ביי אידען די קדושה וואָס זיי פאַרמאָגען, שטעהען זיי ניט העכער און פילייכט נידריגער אין מאנכע הינזיכטען פון מאנכע אנדערע פעלקער, און דאַן ווי באלד אידען זיינען מחלל שבת, ציינען זיי דאמיט אַז זיי שטעהען נידעריגער פון אנדערע פעלקער, איז דאַן ויבא עמלק וילחם עם ישראל, דאַן קומט עמלק און באַקעמפפט אידען, ווען אָבער אידען וואָלטען שבת געהיט, וואָלטען זיי געמאַכט פיהלען דאַן אַז זיי שטעהען הויך זעהר הויך דאמיט וואָס זיי זיינען אַ הייליגע פאָלק, וואָלט די קדושה פון שבת ארויס געררופען פאַר זיי דעם רעספּעקט פון אלע אַנדערע נאַציאָנען און זיי וואָלטען ניט הערשען אויף אידען, און אידען וואָלטען דאַן ניט פארקויפט זייער נשמה, זייער נאַציאָנאַלען שטאָלץ, זייער כבוד, זייער שבת, צו אלע אנדערע פעלקער „אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון" (שבת קי"ז).

און נעהמען מיר און מיר טראַכטען זיך אריין טיפער אין די פאַר ווערטער פון דער גמרא — לא שלטה בהם אומה ולשון, געפינען מיר איצט אויס אונזער גרויסע טראַגעדיע, אַז ווען דאָס אידיש פאָלק היט ניט קיין שבת, הערשט אויף דאָס פאָלק אומה ולשון, פאָלק און שפּראַך, מען אסימילירט זיך אין דעם פרעמדען פאָלק, מען מאַכט נאַך זיינע מנהגים, זיינע זיטען, זיינע טראַדיציעס,

און דאָס זאָגען מיר אין איינע פון אונזערע שבת'דיגע תפלות: יום מנוחה וקדושה לעמך נתת, מנוחה שלמה שאתה רוצה בה . . . מאתך היא מנוחתם" ווען נור דער קערפּער רוהט, איז דאָס ניט קיין פאָלשטענדיגע רוהע, ווייל עס איז ניט קיין מנוחה שלמה, עס איז ניט דאָן קיין טאָג פון הייליגקייט, ווען אָבער מען היט שבת בקדושה, ווי דער דין איז, דאָן איז דער שבת א טאָג פון רוהע און הייליגקייט, מנוחה וקדושה, און דער שבת איז דאָן א געטליכקייט, ניט א טאָג וועלכען מענשען האָבען באַשטימט ווען צו רוהען, זאָנדערען כי מאתך היא מנוחתם, די רוהע איז געטליך, און אָט פאַר אזא געטליכע רוהע וועלען זיך אמת'ע אידען מוסר נפש זיין און וועלען מקדש השם זיין, ועל מנוחתם יקדישו את שמך! און די תורה זאָגט דאָך — על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו! שבת איז א ברכה פון גאָט, און שבת איז געהייליגט ביי גאָט!

און דאָס זאָגט דער נביא ישעיה — אם תשיב משבת רגליך, — ווען שבת וועסטו ניט געהן, וועסט זיך ניט פיהרען ווי די פיהרסט זיך אויף א גאַנצע וואָך, עשות חפציך ביום קדשי, ווען דו וועסט שבת ניט טאָן קיין זאַך וואָס דו ווילסט טאָן ניט צוליב אָפּרוהען זיך, זאָנדערען ווייל שבת איז דער יום קדשי, א טאָג פון קדושה, דאָן איז וקראת לשבת עונג, וועסטו דאַן פיהלען דעם אמת'ען פערגעניגען וואָס א מענש קען נור פיהלען אין לעבען. און די גמרא זאָגט אז ענג שבת איז אחד מששים לעולם הבא (ברכות נ"ז), א טייל פון דעם אויסערגעוועהנליכען פערגעניגען וואָס דער צדיק וועט האָבען עולם הבא. און אויסער דעם גרויסען תענוג פון שבת ולקדוש ה' מכובד, וועסטו פיהלען די קדושה און דעם כבוד פון שבת, ווייל אויסער קדושה געפינט זיך אין שמירת שבת דער כבוד פון אידישען פאָלק, דער כבוד האומה העברית. און ווען דער שבת ווערט פאַרשוועכט עפענטליך, ווערט דערמיט געטראָטען אונטער די פיס דער אידישער כבוד, דער כבוד פון אונזער נאציאָן.

און דערמיט ערקלערט דער „אפיקי יהודה" דעם באַוואוסטען מאמר חז"ל וואָס טורנוסרופוס האָט געפרעגט ר' עקיבאַ'ן „מה יום מיומים? אמר לו ומה גבר בגוברין? אמר ליה דמרא צבי, אמר לו שבת נמי דמרא צבי (סנהדרין ס"ה) אין איינפאַכען אידיש הייסט דאָס: אז טורנוסרופוס פרעגט רבי עקיבאַ'ן מיט וואָס איז שבת וויכטיגער ווי אַלע אנדערע טעג? וועסטו מיר ענטפערען ווייל שבת איז א טאָג פון רוה, ווען דער מענש רוהט זיך אויס פון זיין שווערע ארבייט א גאַנצע וואָך און קלייבט כחות צו ארבייטען אין דער צוקונפט, אויב אזוי דאַרפען די אַלע אנדערע טעג פון וואָך זיין וויכטיגער און הייליגער, עס דאַרף זיין ביי זיי קדושת העבודה, ווייל אין אָט יענע טעג ארבייט מען דאָך פאַר דעם נוצען פון דער מענשהייט? אזוי פרעגט טורנוסרופוס, ענטפערט איהם אָבער רבי עקיבא: ומה גבר בגוברין? וואָרום ביסטו, טורנוסרופוס, וויכטיגער ווי אַלע אַנדערע הונדערטער טויזענדער מענשען פון וועלכע דו ביסט דער הערשער? זייי ארבייטען דאָך מעהר פון דיר, וואָרום האָט מען אויסגעקליבען דיך אַלס פיהרער פון פאָלק און ניט זיי? איז דאָך דער תירוץ, ווייל דו ביסט העכער פון זיי, פעהיגער פון זיי, וויכטיגער

ליכטיגקייט איז דאן אריינגעגאָסען געוואָרען אין די נשמות פון די יונגע קינדער, און היינט — ווען דער שבת ווערט חרוב, וועה איז צו מיר, ווערט חרוב צוזאמען מיט דעם שבת דער יונגער אידישער דור, אונזערע יונגע קינדער, מיט דעם חורבן פון שבת ווערט חרוב די אידישע הויז, מיט דעם חורבן פון שבת ווערט חרוב די־אידישע נשמה, די שוהל, און דער גאנצער אידישער לעבען. און מיר זעהען פרומע מאמעס פון דעם אלטען דור וועלכע נעהמען צו מיט פרייד, מיט שטאָלץ, די שבת'דיגע געלד וואָס זייערע זיהן און טעכטער ברייננען זיי אום שבת פון חלול שבת, און זיי, די אומוויסענדע, אומגליקליכע פרומע מאמעס נעהמען צו די חלול שבת געלד און באהאלטען די געלד אין דעם שבת'דיגען פארוק אָדער אין דעם גראָבען קרבן מנחה . . . ווי גרויס איז דער צער ! ווי שטארק איז דער וועהטאג ! און אז מען מאכט זיי אויפמערקזאם, אָם די פרומע מאמעס אויף דעם גיפט פון חלול שבת פון זייערע קינדער, זוכען זיי צו רעכטפערטיגען, צו פארענטפערען זייערע מחללי שבת קינדער ! אזא מוטער זאָלט איהר ניט מקנא זיין, זי איז א טוידטע, א טוידטע אידישע מוטער. די גמרא זאָגט : „בעון שמכבסות צואת בניהן בשבת, נשים מתות בשעת לידתן (שבת ל"ב), דערפאר ווייל אָט די מוטערס פארענטפערען נאָך די מחללי שבת קינדער, זיי וואשען די קינדערס צואה אום שבת . . . דערפאר זיינען די מוטערס טוידטע, טוידט זיינען זיי גלייך ווי זיי געבוירען זייערע קינדער, זייער לעבען איז קיין לעבען ניט . . . . געבוירען און ערציהען קינדער וועלכע זאָלען חרוב מאכען אונזער שבת קודש, אזא מוטער איז א טוידטע . . .

די הויז וועלכע איז מחלל שבת, דאָרט איז ניטאָ קיין ריכטיגע כשרות, קיין טהרת המשפחה, קיין תורה ויראת שמים, און די קליינע קינדער וועלכע ווערען ערצויגען איז אזא הויז, קענען ניט אויסוואקסען קיין שטאָלצע, באַוואוסטזיניגע און באגייסטערטע אידען ; אין אזא הויז זיינען די קינדערלעך טוידטע קינדער. דאָס זאָגט די גמרא אין שבת — בעון מזוזה ובעון בטול תורה בנים קטנים מתים — אין דער הויז וואו עס איז קיין מזוזה ניטאָ, קיין תורה ניטאָ, אין יענע הויז זענען די קליינע קינדער, טוידטע קינדער ! טוידטע מוטערס און טוידטע קינדער ! ווי גרויס איז דער בראָך פון מיין פאָלק ! וואו נעמט מען דעם מקונן וועלכער זאָל קענען באקלאָגען דעם חורבן פון דעם שבת קודש ? !

רבותי ! לאָמיר זיך אלע פאראייניגען צו היטען שבת, ובזכות השבת וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה. אזוי זאָגט אונז דער ילקוט אין בהעלותך : „אם שמרתם נרות של שבת, אני מראה לכם נרות של ציון" ווען איהר וועט היטען די ליכט פון שבת, וועל איך אייך ווייזען די ליכט פון ציון !

רבותי ! שוין באלד 2 טויזענד יאהר ווי מיר זעהען ניט די ליכט פון ציון וירושלים. פינסטער, שרעקליך פינסטער . . . לאָמיר אָבער ערציהען אונזערע טעכטער זיי זאָלען צינדען די שבת'דיגע ליכט, די ליכט פון שבת וועלען דאן ליכטיג מאכען די אידישע וועג . . . די אידישע נשמה . . . דעם אידישען לעבען . . . און דאן וועלען מיר דערזעהן — די ליכט פון ציון וירושלים, במהרה בימינו, אמן ! ואמן !

זיין קולטור, זיין ליטעראטור, און אויסער די אסימילאציע פון פאָלק קומט די אסימילאציע פון ש פ ר א ך, דאָס אידישע פאָלק רעדט ניט זיין נאציאנאלע שפראך, העברעאיש, זאָנדערען ער און זיינע קינדער ריידען פ ר ע מ ד ע שפראכען— שלטה בהם אומה ולשון, פאָלק און שפראך.

רבותי ! די קדושה פון שבת טאָר ניט פארשוועכט ווערען. אין היינטיגע צייטען דער וואָס היט שבת, איבערהויפט דער וואָס איז רייך און באשעפטיגט פיל אידישע ארבייטער, און ווען עס קומט שבת מאכט ער צו זיין געשעפט, אזא שומר שבת איז מקדש השם, און דער וואָס איז מחלל שבת בפרהסיא, איז מחלל השם. מיר דארפען אָבער אכטונג געבען אז פון דעם קדוש השם זאָל ניט ארויס קומען א חלול השם ! האָבען מיר דאָך צווישען אונז זעהר רייכע אידען, גרויסע מאנופעקטשורערס, וועלכע מאכען צו שבת זייער פעקטאָרי, זיי באשעפטיגען נור שומרי שבת ארבייטער, איז דאָך גוט און שעהן, זיי גיבען א געלעגענהייט די שומרי שבת ארבייטער, די פרומע אידישע ארבייטער, זאָלען ניט דארפען מחלל שבת זיין, איז אָבער דער אומגליק אז פון זייער קדוש השם ווערט גאָר א חלול השם, ווייל זיי עקספלואטירען, בארויבען דעם פרומען אידישען ארבייטער, אנשטאט צו צאָהלען איהם דעם פולען פרייז ווי ער איז ווערטה, צאָהלען זיי איהם פונקט א העלפט, מאנכעס מאָל נאָך וויינינער, וויסענדיג אז דער אמת׳ער פרומער ארבייטער וועט ניט אוועק געהן פון דעם פלאַץ אפילו ווען ער באקומט פאר זיין שווערע ארבייט א הונגער לוין, ווייל דער אמת׳ער פרומער אידישער ארבייטער וועט זיך מוסר נפש זיין פאר׳ן שבת, און אָט די זאָגענאַנטע פרומע שומרי שבת מאנופעקטשורערס מאַכען געלד דורך דעם שמירת שבת אויף דעם חשבון פון דעם פרומען אידישען ארבייטער. אויף יענע מאנופעקטשורערס פאסט זיך די מליצה פון ישעיה הנביא — אשרי אנוש יעשה זאת, שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע, גליקליך איז דער מענש וועלכער היט שבת און ער היט זיין האנד פון צו טאָן שלעכטעס, אייגענטליך איז דאָך די קשיא וואָס פאר א שייכות האָט היטען שבת מיט טאָן אלע שלעכטעס ? אָבער, רבותי, ווען מיר זעהען ווי דיזע מאנופעקטשורערס ווערען רייך פון שמירת שבת דורך דעם וואָס זיי בארויבען זייערע פרומע אידישע ארבייטער דורך דעם שבת היטען, צו זיי קען מען זאָגען די שטארק הייליגע ווערטער פון דעם נביא — גליקליך איז דער וואָס היט שבת, אָבער ער זאָל היטען זיין האנד פון טאָן שלעכטעס, ער זאָל ניט דורך שומרי שבת ארבייטער רייך ווערען, ער זאָל ניט בארויבען זיינע ארבייטער דערפאר וואָס זיי ארבייטען ניט שבת, ווייל דאן טוט ער אל דאָס בייז דורך דעם שבת היטען, עס דארף זיין שומר שבת מחללו, ושומר ידו מעשות כל רע !

שבת ! ווי הייליג האָט אונז דער שבת געמאכט ווען מיר אלע האָבען געהיט דעם שבת. דער שבת האָט באשאפען אן אויסערגעווערהנליכע הייליגע סביבה; דער שבת קודש ביי אידען איז געווען דער גרעסטער, דער וויכטיגסטער, דער נוצליכסטער פאקטאר אין די אידישע ערציהונג פון דעם יונגען דור. די ליכט בענשען ! די שבת׳דיגע זמירות ! די שבת׳דיגע תפלות ! די שבת׳דיגע כעודה, דער שבת׳דיגער תהלים זאָגען, די שבת׳דיגע דרשות פון די מגידים, דער חסידישער שלש סעודות, די הבדלה, די מלוה מלכה — וויפיל הייליגע

מעהר ווי א קליינער שוואכער פיצעל זאמד, א ברעקעל שטיין, וואס מיט א שטארקען בלאז אנטלויפט ער פון דער וועלט אין קבר אריין, און זיין געלד און זיינע הייזער וועלען איבער בלייבען פאר אנדערע נאראנים אזוי ווי ער וועלכע לעבען אויך אין טעות אזוי „ווי ער האט געלעבט, און וועלען אויך אזוי נאריש אוועקשטארבען. וועלכער כח, וועלכער מיטעל, וועלכע מעטאדע קען אנגעווענדעט ווערען צו געבען צו פערשטעהן דעם נארישען מענשען אז ער איז א גארניט, און דער אמת'ער בעל הבית, דער ריכטיגער אייגענטהימער פון דער וועלט איז ניט מענש נור ג א ט ? !

דער שבת!!

דער שבת קומט יעדע וואך, און דערמאנט דעם מענשען אז גאט האט באשאפען די וועלט, און גאט פיהרט די וועלט. שבת וועלכער איז דער ע ר ש ט ע ר טאג פון דעם מענשען, ווייל דער מענש, דער ערשטער מענש, איז געבוירען געווארען פרייטאג, ערב שבת, און דער ערשטער טאג פון לעבען איז דער שבת, וועלכער איז א טאג פון קדושה, גאט האט איהם געבענשט און הייליג געמאכט — ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו — גאט האט געבענשט דעם זיבעטען טאג און האט איהם הייליג געמאכט, און יעדער וואך קומט דער שבת און בריינגט מיט זיך קדושה און געטליכען פערגעניגען, און דורך דעם שבת דערמאנט זיך דער מענש אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, וועלכער האט באשאפען די וועלט, און האט גערוהט שבת אום דער מענש זאל אויך רוהען אום שבת. — שבת וינפש — שבת האט גאט גערוהט און ו י נ פ ש, ער האט זיך באפעסטיגט אין דעם נ פ ש, אין דער נשמה פון יעדען שומר שבת איד !

אבער מיט וואס און דורך וואס וועט שבת צייגען זיין ערציהערשען ווערטה ? ווי אזוי קען דער שבת זיין דער פערבאנד צווישען גאט און איד, דער „אות ברית", ווי אזוי ? דורך דעם וואס „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה' אלהיך," 6 טעג ארבייט, און דער 7טער טאג איז שבת צו גאט. מיט וואס אבער צייגט זיך ארויס די פאלשטענדיגע קדושה פון שבת ? מיט דעם וואס „לא תעשה בו כל מלאכה," מען טאר קיין ארבייט ניט טאן אום שבת ! וואס איז אבער דער טיעפער סוד פון ניט טארען ארבייטען אום שבת ? וואס מיינט ארבייטען שבת ? וואו איז דא די פילאזאפי פון שבת ? ווען מיר טראכטען זיך אבער אריין טיעפער, געפינען מיר אויס דעם טיעפען פילאזאפישען געדאנק וואס געפינט זיך אין דעם ניט ארבייטען אום שבת.

עס איז אמת דאס דער מענש באהערשט איצט די וועלט און די נאטור, אבער אין וואס באשטעהט זיין כח ? אין דעם וואס דער מענש איז פעהיג צו ענדערען, צו צוגרייטען און פאררעכטען, בעסער מאכען אלעס וואס רינגעלט איהם ארום צוליעב זיין בענעפיט : ער ריכט צו און גרייט צו די ערד זי זאל זיין פאסיג פאר איהם, און זאל איהם ארויסגעבען וואס מעהר שפייז צום

שבת

ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו, כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות (בראשית ב׳, א׳).

זכור את יום השבת לקדשו, ששת ימים תעבד ועשית כל מלאכתך, ויום השביעי שבת לה׳ אלהיך, לא תעשה כל מלאכה, אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך ובהמתך וגרך אשר בשעריך, כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ, את הים ואת כל אשר בם, וינח ביום השביעי, על כן ברך ה׳ את יום השבת ויקדשהו (שמות כ׳ ח׳ — י״א).

וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים ויצאך ה׳ אלהיך משם ביד חזקה ובזרע נטויה על כן צוך ה׳ אלהיך לעשות את יום השבת (דברים ה׳, י״ב).

אך את שבתותי תשמרו, כי אות היא ביני וביניכם לדרתיכם, לדעת כי אני ה׳ מקדשכם, ושמרתם את השבת כי קדש היא לכם, מחלליה מות יומת, כי כל העושה בה מלאכה ונכרתה הנפש ההיא מקרב עמיה. ששת ימים יעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון קדש לה׳, כל העושה מלאכה ביום השבת מות יומת. ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדרתם ברית עולם, ביני ובין בני ישראל אות היא לעלם, כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש (שמות ל״א, י״ב).

ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון מקרא קדש, כל מלאכה לא תעשו, שבת היא לה׳ בכל מושבתיכם (ויקרא כ״ג, ב׳).

ששת ימים תעבד וביום השביעי תשבת בחריש ובקציר תשבת (שמות, ל״ד, כ״א).

מיר לעבען אין א גרויסע, רייכע וועלט, עס פעהלט קיין זאך ניט. שעהן, שטארק און מעכטיג איז די נאטור, און די נאטור דיענט דעם מענשען, שטעלט איהם צו אלעס וואָס ער באדארף. אלע ווייסען אז ג אָ ט האָט באשאפען די וועלט ; גאָט פיהרט די גרויסע, ברייטע און וואונדערבאר שעהנע וועלט, און דער מענש קען נור דאן זיין גליקליך, ווען ער פיהלט אויס דעם אינהאלט פון זיין לעבען מיט גאָטהייט, ווען דער מענש דינט גאָט מיט זיין מארך, הארץ, געפיהל, נשמה, צייט, און מיט אלע זיינע פעהיגקייטען.

די געפאהר איז אָבער דאָ, און ווירקליך א שרעקליכע געפאהר, טאָמער וועט דער מענש ניט פערשטעהען, ניט פיהלען, אָדער טאָמער וועט ער פארגעסען אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, און נאָך א זאטען, גוטען און פעטען מאָלצייט, ליגענדיג אויף דער ווייכער זאָפע, טאפענדיג דעם פעטען טשעק בוך, קען ער דענקען דאָס ע ר א ל י י ן, ער מיט זיין דאָלאר, איז אלמעכטיג, ער מיט זיין פעטען טשעק בוך איז דער אייגענטימער פון דער וועלט: ער פארמאָגט דאָך א געזונטען, שטארקען קערפער און האָט שכל צו מאכען געלד, און האָט פיעל געלד און הייזער, אזוי אז ער איז דער הערשער פון דער וועלט, ער און ניט קיין אנדערער, היינט ווי מאכט מען אז דער נארישער קליין מענשעלע זאָל זיך אויף כאפען פון זיין נארישען ליטארגישען שלאף, זאָל פערשטעהען אז ער מיט זיינע געלד און הייזער וואָס ער פארמאָגט, איז ניט

צו טראָגען, צוטומעלט, אריינגעטאָהן צופיעל אין די נארישקייט פון דער וועלט, און דו האָסט פארגעסען אויף גאָט, און דערפאר מענש, ביסטו געפאַלען, געפאַלען, זעהר זעהר נידריג געפאַלען, דערפאר אָבער ווען דער שבת קודש קומט, ה ו י ב ט ער דיך אויף, דער שבת הויבט אויף דיין גייסט, ער הייליגט דיך, ער מאכט דיך נעהענטער צו גאָט, ער בינדט צו דיין נשמה צום רבונו של עולם, און דו פיהלסט דאן אז דו געפינסט זיך שבת אין א העכערע וועלט, דו באזיצסט דאן א נ ש מ ה י ת י ר ה ! !

אויב אזוי, רבותי, ווערט אונז קלאָר, פארשטעהען מיר יעצט גרינדליך, פילאָזאָפיש, דעם ריכטיגען בעגריעף פון ניט טאָרען טאָן קיין ארבייט אום שבת, אז טאָן ארבייט מיינט : ארויס ברייננגען א געוויסען געדאנק, א מחשבה, אן אידעאל, און פארווירקליכען די אידעע, דעם געדאנק, די מחשבה דורך דעם מענשליכען טאלאנט, דורך זיין האנד און מארך, דאָס רופט זיך אין העברעאיש „מלאכת מחשבת,“ אן ארבייט וואָס דריקט אויס א מחשבה . . . שאפען פון דאָס ניי, אָדער ענדערען עפּעס פאר דעם נוצען אין פערגעניגען פונ׳ם מענשען, אָבער דאָס מיינט ניט דוקא שווערע ארבייט, קענסט ארבייטען שווער און ביטער א גאנצען טאָג, ווי באלד אָבער אז דו האָסט ניט געשאפען עפּעס, האָסטו גאָר ניט אויפגעטאָהן, גאָר ניט געענדערט, דאן האָסטו קיין ארבייט אום שבת ניט געטאָהן ! דאגעגען אָבער ווען דו האָסט א קליינע ענדערונג געמאכט אין עפּעס, האָסט עפּעס בעשאפען, עפּעס אויפגעטאָהן, ווען אפילו דאָס איז דיר אָנגעקומען זעהר, זעהר לייכט, דאן האָסטו מחלל שבת געווען ! און דו האָסט געצייגט דיין אומוויסענהייט און דיין חוצפה אז דו ביסט דער אייגענטימער פון דער וועלט, דו לייקענסט דאמיט אין גאָט, אנשטאט וואָס דיין פליכט איז צו באַשטעטיגען און אנערקענען דורך ניט ארבייטען אום שבת אז צו גאָט באלאנגט די וועלט !

יעצט, נאָך אונזער אויבען דערמאהנטע ערקלערונג וועלען פערשטעהען די יעניגע וועלכע האָבען געלערענט גמרא און שלחן ערוך דעם שכל ווארום „מלאכת מחשבת אסרה תורה“ און ווארום „כל המקלקלין פטורין . . . “ און דערמיט וועלען זיי קענען ערקלערען זעהר פיעל דינים וועגען שבת וואָס מען מעג און מען טאָר ניט, און דעם פילאָזאָפישען גרונד פון יעדער דין לויט די אלגעמיינע ערקלערונג וועגען דעם הויפט פרינציפּ פון דעם איסור ניט צו ארבייטען שבת וועלכען מיר האָבען יעצט בקיצור ערקלערט (זעה שו״ע או״ח סימן של״ו, שבת ר״ט ע״ב, ע״ג ע״א, או״ח סימן של״ט, שכ״ד, ש״כ, שי״ט, שכ״א, שכ״ח, שי״ח, רנ״ב, רנ״ט, שכ״ו שי״ג, שכ״ז, ש״מ, שט״ז, שי״ד, של״ט, של״ז, רע״ה, רע״ג, רע״ו, ש״ח, ושי״ג, רמ״ג, שכ״ח של״ה ; און וועגען שבת בכלל זעה : מכילתא כי תשא פ״א, רמב״ם הלכות שבת, סוף ירושלמי פאה פ״ה הלכה ח׳, מטה אפרים סימן תרכ״ד, פתחי תשובה ליו״ד סימן קע״ט, של״ה מסכת שבת קל״ה ע״ב, ראב״ן סימן ב׳, ספר המצות להרמב״ם לת׳ שכ״ב, תוספתא שבת פ״ו, אגור סימן תכ״ח, המנהיג הלכות שבת סימן ר׳, מטה משה חלק ד׳ סימן ת״נ, לבוש סימן קפ״ח י׳, כל בו, סימן ל״א).

עסען; ער ווייס ווי ארום צו געהן ארום די גראָזען, פרוכט, וועדזשעטייבעלס, און אַלע בעלי חיים וועלכע געפינען זיך מיט איהם, אז זיי זאָלען מאכען גרייט פאר איהם שפייז און קליידער, אָט אזוי קאָמאנדעוועט דער מענש מיט דער וועלט, מיט דער נאטור, מיט אַלעם וואָס ארום איהם. גאַנץ גוט! ששת ימים תעבוד! זעקס טעג הערש דו מענש! נעהם איין די גאַנצע וועלט, שאַף, בוי, שפּאַן איין די כחות פון דער נאטור זיי זאָלען דיך דינען, אָבער ווי עס קומט שבת, דאַן ג ע נ ו ג!! טשעפּע ניט קיין זאַך, בוי ניט און ברעך נים, ענדער ניט און שאַף נים, ווייל שבת האָט דיר גאָט ניט ערלויבט צו ט אָ ן, דער שבת קומט און זאָגט דיר אז די גאַנצע וועלט אין וועלכע דו מענש לעבסט, שאפסט און ארבייסט, איז ניט דיין וועלט, די וועלט באַלאַנגט צו גאָט, און דו אַליין באַלאַנגסט אויך צו גאָט, ע ר האָט דיר געגעבען כח און שכל צו באהערשען די וועלט און די נאטור, אָבער צו טאָן אַלעס ווי גאָט וויל! א גאַנצע וואָך איז די וועלט דיינע, אָבער ווען עס קומט שבת, דאַן קער אום צוריק צו גאָט זיין וועלט, פערשטעה, דו מענש, אז די וועלט איז נור אנטליהען געוואָרען צו דיר פון גאָט, אַן הלואה, ער האָט דיר אנטליהען אויף 6 טעג, ווי עס קומט אָבער שבת, קער אום צוריק די וועלט צו גאָט, און געדענק ווער איז דער אמת'ער בעל הבית, ווער איז דער ריכטיגער אייגענטימער פון דער וועלט, און געדענק אז אָט די אנטליהענע וועלט, איז גאָט'ס וועלט, ער איז דער אייגענטימער און דער הערשער, און ניט דו, מענש!

און דערפאר איז די גרינגסטע ארבייט וואָס ווערט געטאָהן אום שבת, אפילו ווען די ארבייט איז זעהר גרינג, זעהר לייכט, איז זי א כפירה אין גאָט, ווייל דאמיט וואָס מען געהט עפּעס טאָהן שבת, ענדערען, שאפען, ארויס־ברייגגען עפּעס, בויען, ברעכען, עפּעס אויפטאהן, דאמיט לייקענט מען אין דעם „בורא עולם“ און מיט גרויס חוצפה און עזות און מיט גרוים אונוויסענהייט און גראָבקייט זעצט מען זיך אוועק אויף גאָט'ס שטוהל צו פיהרען און באהערשען די וועלט, אזוי אז דאָ איז ניט קיין פראגע פון טאָן ש ו ו ע ר ע ארבייט אָדער ל י י כ ט ע ארבייט אום שבת, איינער נעהמט און מאכט, למשל, פייער, היינטיגע צייטען איז זעהר לייכט צו מאכען פייער, עס פאָדערט זיך דאצו ניט קיינע אנשטרענגונג פון קרעפטען, אָבער פריהער איז געווען פינסטער, קומט דער מענש און ע נ ד ע ר ט, ער שאפט, ער מאכט ליכטיג, אָדער פארקערט, ער פארלעשט דעם פייער, ער מאכט פינסטער, ער האָט עפּעס אויפגעטאָן אום שבת, אין דעם טאָג אין וועלכען ער האָט ניט די ערלויבניש צו ט אָ ן, צו שאפען, צו אויפטאָן, און דערפאר איז — מחלליה מות יומת! דער וואָס איז מחלל שבת, פארדינט דעם טוידט, זיין נשמה ווערט אָפּגעשניטען פון אידישען פאָלק, און פערקערט, דער ניט טאָן קיין ארבייט אום שבת, עס מאכט ניט אויס וועלכע ארבייט עס איז, אפילו די לייכטסטע, די קלענסטע, אָט דער ניט ארבייטען שבת באשטעטיגט דאָס: — גאָט האָט באשאפען די וועלט און ער איז דער אייגענטימער פון דער וועלט.

און טאקע דערפאר איז דער שבת הייליג, ווייל אויב א גאַנצע וואָך קענסטו פארגעסען אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, ווען א גאַנצע וואָך ביסטו

אָרימע וואהנונג, גאָט'ס ברכה וועט איהר ניט געפינען נור — דאָרט וואו דער שבת איז ! !

וויסענשאפט, קונסט, טעכניק, שעהנקייט, וועט איהר געפינען איבעראל, אָבער הייליגקייט און ריינקייט, קדושה וטהרה, די שהענקייט פון דעם מענשליכען כאראקטער, די שעהנקייט פון דער נשמה, די הייליגקייט און די ריינקייט פון וויסענשאפט וועט איהר ניט געפינען נור דאָרט וואו דער שבת קודש איז ! פארגעסט ניט, אז די וועלט, די מענשהייט, קען ניט עקזיסטירען אויף געלד און ארבייט וואו עס איז ניטאָ דאצו ברכה און מנוחה ! . . . . די מענשהייט וועט ניט קענען עקזיסטירען אויף הנאה און פערגעניגענס וואו עס זאָל ניט זיין אויך קדושה וטהרה, און וועו אפילו דער מענש וועט גאָר אין גיכען פליהען אין הימעל מיט זיין עראָפליין, און ער וועט זיין פעהיג צו מאכען פון אלט יונג, און ער וועט ענטדעקען דעם נאָרד פאָל, און ער וועט דערגעהן אלע סודות פון דער נאטור, אויב דעם שבת וועט ער אויסמעקען פון זיין וועלט, אויב ער וועט אויף גאָט פארגעסען, און וועט פארלירען זיין מענשליכע ווירדע, דאן וועט דער הימעל און ערד וועלכע גאָט האָט באשאפען און גערוהט אום שבת, זיי וועלען ווערען די געגנער פון דעם מענשען . . . די נאטור וועט די מענשהייט באקעמפפען . . . און גאָט, דער בעל הבית פון דער נאטור, וועט ניט שווייגען ! שרעקט זיך פאר'ן יום הדין ! א וועלט אָהן א שבת וועט מוזען אונטערגעהן !

לאָמיר זיך שטארקען, רבותי, לאָמיר באקעמפפען אונזער חלול שבת, לאָמיר אלע היטען שבת בקדושה ובטהרה, וועלען מיר זוכה זיין צו היטען שבת אין אונזער הייליגע לאנד, אין ארץ ישראל, וואו מיר וועלען זוכה זיין צו לעבען דאָרט על פי רוח התורה אלס זעלבסטשטענדיגע פרייע און גליקליכע נאציאָן, אמן! ואמן !

ש ב ת

אָמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל, אם תזכו לשמור את השבת מעלה אני עליכם כאילו שמרתם כל המצות שבתורה, ואם חללתם את השבת מעלה אני עליכם כאלו חללתם כל המצות שבתורה (מדרש שמות רבה, פ' כ"ה).

שבת קודש : ווי הייליג, ווי שעהן עס קלינגט אין אונזערע אויערען די ליבע, זיסע וואָרט ש ב ת ק ו ד ש ! ווי הייליגע הימלישע מוזיק שפּילען אויף די סטרונעס פון אונזער נשמה די הייליגסטע געפיהלען וועלכע דער שבת שאפט אין אונז. אָהן שבת קענען אידען ניט עקזיסטירען. אידען האָבען געהיט שבת אין אלע צייטען און אין אלע לענדער ; האָבען זיך מוסר נפש געווען פאר שמירת שבת. אָבער דער יעניגער וועלכער איז גוט באקאנט מיט דער אידישער געשיכטע ווייס אז מעהר ווי אידען האָבען געהיט דעם שבת, האָט דער ש ב ת ג ע ה י ט ד י א י ד ע ן זיי זאָלען ניט אונטערגעהן, זיי זאָלען זיך ניט אסימילירען, זיי זאָלען ניט פארגרעבט ווערען, ניט מגושמ'דיג ווערען אין גלות צווישען פרעמדע, ווילדע פעלקער. דער שבת האָט אימער

אידען ! איז ניט צייט אז מיר זאָלען האָבען א חשבון הנפש און גוט באטראכטען וואָס מיר טוען, אז צוליעב די עטליכע דאָלער וואָס מיר פארדינען שבת חס ושלום, ערקלערען מיר אָבער דורך דעם אז מיר לייקענען אין גאָט ! אז מיר באַזיצען ניט גענוג אינערליכע שטארקייט צו קעמפפען פאר שמירת שבת. זעהט, רבותי, זעהט אידישע קינדער, אידישע זיהן און טעכטער, ווי שוואך מיר זיינען, מיר זיינען געפאלען אזוי נידעריג, וועלען מיר, חס ושלום, בלייבען אין אזא מצב ? וועלען מיר זיך ניט קענען אויפהייבען אביסעל העכער און פארשטעהען די טיפע געטליכע פילאָזאָפי וואָס ליגט אין היטען און ניט ארבייטען שבת ? אידישע ארבייטער ! איהר ארבייט אום שבת, איהר קריגט דאדורך מעהר געלד, איהר פארדינט, און איהר פיהלט, נעבעך, ניט, אז צוליעב די עטליכע דאָלער פון חלול שבת, האָט איהר אייער נשמה פארלאָרען ? ! האָט איהר אייערע קינדער פארלאָרען, אייערע קינדער, קינדער פון מחללי שבת, קינדער וואָס וואקסען אויס אָהן שבת, ווערען פרעמד בלייבען צו אייך, צו אייער פאָלק, צו אייער הייליגע אמונה — פארלירט איהר ניט מעהר וויפיעל איהר פארדינט ? !

ווען איהר וועט פעהיג זיין צו קעמפפען פאר'ן שבת, וועט איהר דאן פיהלען אז אייער לעבען איז ניט קיין פוסטער, אייער לעבען איז אינהאלטס רייך, אייער לעבען איז הייליג, און קיין איד איז ניט געשטאָרבען פון הונגער צוליעב היטען שבת. אונזערע עלטערען אין דער מדבר, אין דער ווילדערניש, האָט זיי גאָט געוואָרפען מן פון הימעל, און פרייטאג האָבען זיי געהאט דאָבעל, פאר פרייטאג און שבת צוזאמען, און דער „צנצנת המן" איז געבליבען „למשמרת עולם . . . . " דער מן איז היינט אויך פאראן . . . . עס לעבען אידען אויס זייער וועלט, מאכען חתונה קינדער, ניט וויסענדיג ווי אזוי און פון וואנענט . . . אָט גאָט שיקט צו ! . . . דער מן איז נאָך היינט אויך פאראן . . . כאָטש ניט אלע זעהען איהם . . . ניט אלע פערשטעהען איהם, דערפאר — בחריש ובקציר תשבות ! עס קען זיך זיין אין דיין געשעפט, אין דיין ארבייט איז יעצט פיעל, זעהר פיעל צו טאָהן, עס איז זעהר „ביזי," עס איז א צייט פון „חריש וקציר," י ע צ ט איז די צייט פון אקערען און זייהען, ווען דו טוסט ניט יעצט, וועסטו ניט האָבען פון וואנענט צו לעבען, גלויב דאָס ניט ! בחריש ובקציר ת ש ב ו ת ! ! גאָט וועלכער גיט ל ע ב ע ן, וועט געבען צום לעבען, און וואָס איז דער לעבען ווען ער איז ניט א הייליגער לעבען ? דערפאר לאָמיר קעמפפען פאר שבת, און הקדוש ברוך הוא וועט אונז העלפען !

רבותי, איך וויל איהר זאָלט מיך פארשטעהן, איך וויל איהר זאָלט אָנהויבען פיהלען מעהר, גרינדליכער, טיפער, וואָס שבת מיינט פאר אונז. גאָלד, זילבער, דימאנטען, ברילאנטען, שעהנע מאָדערנע מעבעל, כבוד, פערגעניגען, דאָס איז דאָ גענוג אויף דער וועלט, אָבער, רבותי, גאָט'ס ברכה, וועלכע גיט די מנוחת הנפש, וועלכע בארוהיגט די צורודערטע מענשליכע נשמה, וועלכע בארוהיגט די הארץ, די נערוועז, די געדאנקען, וועלכע גיט דעם מענשען שלום און שלוה די פרייד פון לעבען אפילו ווען מען איז אָרים, ווען מען וואָהנט אין אן

לײדיג געהער אָבער פֿיהלט די פּוסטקייט פון לעבען, זאָגט רבי טרפון — אין אָדם מת אלא מתוך הבטלה (אָבות דרבי נתן, פי"א). און גליקליך קען זיין א מענש נור ווען ער ט ו ט עפּעס, דאן קומט אריין די מזל ברכה „אין הברכה שורה אלא ב מ ע ש ה י ד י ו של אָדם (תוספתא, ברכות פ"ו).

ארבייט איז הייליג און ווען — ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, — ווען מען ארבייט 6 טעג באַכאַנאַנד און מען טהוט די ריכטיגע, די גאַנצע ארבייט וואָס א מענש קען טאָן, איז דאן ווערט פון דער „קדושת העבודה" פון די הייליגקייט פון מענשליכע ארבייט, ווערט באַשאַפען א גאָלדענע פּאָדעם וועלכע וועבט זיך אריין אין די קדושת השבת. פון קדושת השבת ווערט קדושת העבודה, און קדושת העבודה העלפט צו קדושת השבת . . . ווען ששת ימים תעבוד איז ויום השביעי שבת לה' אלהיך ! . . . נאך ארבייט פון א גאַנצע וואָך וועסטו דאן פיהלען די וויכטיגקייט און די הייליגקייט פון שבת.

שבת רוהט דער קערפּער און עס איז אָבער טהעטיג די נשמה. די נשמה ארבייט פאַנגט זיך ערשט אָן אום שבת. שבת איז א טאָג פאר שפּייזען די נשמה : דאַווגען, לערנען און לערנען. שבת דארף זיין געווידמעט פאר תורה. שבת דארף יעדער איד האָבען א קאָנפערענץ מיט זיין נשמה, און דאָס איז אפשר די טיעפע כוונה פון מדרש „אמרה שבת לפני הקדוש ברוך הוא : רבונו של עולם ! לכולם יש בן זוג, ולי אין בן זוג ! אמר לה הקדוש ברוך הוא, ישראל הוא בן זוגך ! וכיון שעמדו ישראל לפני הר סיני, אָמר להם הקדוש ברוך הוא, זכרו הדבר שאמרתי לשבת — ישראל הוא בן זוגך, וזהו הדבור זכור את יום השבת." (ב"ר, פ"א).

שבת טענה'ט צו גאָט — אזוי זאָגט דער מדרש — יעדער טאָג האָט צו זיך א פּאָר, א בן זוג, איך, שבת, בין אַליין, האָב ניט קיין פּאָר צו זיך, דאָס מיינט : יעדער טאָג פון וואָך שאַפט עפּעס, פּראָדוצירט עפּעס, מיליאָנען מענשען אויף דער גאַנצער וועלט ארבייטען און שאַפען יעדען טאָג פון וואָך, יעדער טאָג פון וואָך קען זיין שטאָלץ ביי זיך, קען אָנצייגען פיעל נוצליכע, נויטיגע זאַכען עס איז אויפגעטאָן געוואָרען און באַשאַפען געוואָרען אין יענעם טאָג, איך, אָבער, דער טאָג פון שבת, האָב צו זיך קיין בן זוג ניט, אין מיר שאַפט מען ניט, מען ארבייט ניט, מען פּראָדוצירט ניט ; איך, שבת, טהו גאָר ניט אויף אויף דער וועלט. זאָגט גאָט — דו, שבת, טהוסט מעהר פון אַלע טעג פון א גאַנץ יאהר : דו שאַפסט די נ ש מ ה פון לעבען, פון ארבייט, פון טהעטיגקייט. אָהן דעם שבת, אָהן די נשמה, וואָלט די גאַנצע ארבייט פון אַלע טעג פון וואָך גאָר ניט ווערט געוועזן. שבת לערנען אידען תורה א גאַנצען טאָג. שבת הויבט אויף דעם גייסט און דעם עקזיסטענץ פון א גאַנצע נאַציאָן, פון דעם אידישען נאַציאָן. שבת איז די נשמה פון דאָס אידישע פּאָלק, און די אידישע פּאָלק איז די נשמה, דער גייסט פון דער גאַנצער מענשהייט, דאָס איז די ממלכת כהנים וגוי קדוש ! כנסת ישראל תהיה בן זוגך ! שבת און איד, איד און שבת, זענען פאַראייניגט צוזאַמען, אָהן דעם אידען קען קיין ריכטיגער שבת ניט זיין, און אָהן שבת קען דער איד ניט זיין, דער איד איז דער בן זוג פון שבת קודש ! און ווייל דער איד און דער שבת

געהאט בכח צו פארוואנדלען דעם אָרימען, אומגליקליכען, געיאָגטען און פאַרפּאָלגטען אידען אַ גאַנצע וואָך, אין אַ בן מלך, אין אַ פּרינץ, אין דעם טאָג פון שבת.

און דערפאר זאָגען אונזערע חכמים — שקולה שבת כנגד כל המצות — נעהמט אַלע מצות אויף איין וואָג־שאָל און שבת אויף דער אנדער וואָג־שאָל, וועט שבת אריבער וועגען, ווייל איהר קענט געהן אין שוהל, לייגען תפלין, טראָגען ציצית, איהר קענט טאָן אַלע מצות, נאָר קוים היט איהר ניט קיין שבת, ווי נור איהר זענט אַ „מחלל שבת," האָבען אַלע אייערע מצות קיין טעם ניט, קיין נשמה ניט. ווייל „שבת איז די נשמה פון דער וועלט," שבת איז די „נשמה פון לעבען." אָהן שבת, חס ושלום, לעבט מען אַ וואָכענדיגען, ביליגען, פּראָסטען קערפּער־לעבען, עס פעהלט דעם לעבען אַ נשמה, עס פעהלט דער יום טוב פון לעבען.

עס איז אַ מצוה צו היטען שבת און עס איז אַ מצוה צו ארבייטען, די איבעריגע טעג פון וואָך. די תורה זאָגט אונז „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך," זעקס טעג אין וואָך ז אָ ל ס ט ו א ר ב י י ט ע ן, און דו זאָלסט טאָן דיין גאַנצע ארבייט. ארבייט איז הייליג, אויף ארבייט שטעהט די וועלט, אָהן ארבייט וואָלט די וועלט ניט קענען עקזיסטירען, אַ מענש איז באשאפען געוואָרען צו ארבייטען. אונזערע חכמים זאָגען : „אָדם הראשון לא טעם כלום עד שעשה מלאכה, שנאמר ויניחהו בגן עדן ל ע ב ד ה ולשמרה (בראשית ב׳ ט״ו) והדר, מכל עץ הגן תאכל" (אבות דרבי נתן פי״א).

דער ערשטער מענש אויף דער וועלט האָט גאָר נישט ניט פארזוכט, ביז ער האָט ניט געארבייט אַפּריהער. די תורה זאָגט אַז ער האָט זיך געפונען אין גן עדן ניט אויף אַרום געהן ליידיג, נור ל ע ב ד ה צו א ר ב י י ט ע ן, און נאכדעם ווי ער האָט זיין ארבייט געענדיגט, האָט מען איהם געזאָגט קענסט יעצט עסען — מכל עץ הגן אכול תאכל — דער וואָס ארבייט ניט, שאפט ניט, איז ניט בארעכטיגט צו עסען. די גאַנצע וועלט איז איינגעאָרדערט ווי דער אמעריקאַנער זאָגט — „טו טייק ענד טו גיוו," נעהם און גיב. קענסט ניט אָבער, דו טאָרסט ניט, נעהמען פון דער וועלט און גאָר ניט געבען. געניסטו פון דער וועלט, פון לעבען, אַזוי מוזסטו געבען עפּעס דער וועלט : שאפען, פּראָדוצירען, ארבייטען. און רבי יהושע בן לוי זאָגט — בשעה שאמר הקב״ה לאָדם קוץ ודרדר תצמיח לך, זלגו עיניו דמעות, אמר לפניו : רבונו של עולם ! אני וחמורי נאכל באבוס אחד ! כיון שאמר לו „בזעת אפיך תאכל לחם," נתקררה דעתו (פּסחים קי״ח). גליקליך האָט זיך געפיהלט אָדם הראשון ווען גאָט האָט איהם געשאָלטען אַז ער זאָל שווער ארבייטען, ער זאָל נור דאן קענען ברויט עסען ווען ער וועט נענוג ארבייטען — מיט דעם שוויים פון דיין פּנים וועסטו ברויט עסען — אָט די קללה האָט אָדם פּארשטאַנען איז אַ ב ר כ ה, ניט אַ קללה. אום געהן לעדיג איז אַ קללה. אַלע צרות אָבער נעהמען זיך פון ליידיג אַרום געהן. רבי טרפון זאָגט — מענשען שטארבען פאר דער צייט ווייל זיי זענען ניט באשעפטיגט, ווייל זיי געהען אַרום ליידיג. ווען מען איז באשעפטיגט, פיהלט דער מענש אַן אינטערעס, אַן אינהאַלט אין לעבען. דער

שבת קודש ? ניט די מאַמע'ס ליכט בענשען, ניט דעם פאָטער'ס קידוש, ניט די שבת'דיגע זמירות, ניט די שבת'דיגע הייליגע תפלות — אָרימע, עלענדע, אידישע ארבייטער קינדער !

און וואו נעהמט מען יעצט די גרויסע נאַציאָנאַלע פיגור, דעם איש הרוח, וואו נעהמט מען אַ משה רבינו וועלכער זאָל קענען ווירקען אויף די פרעה'ס פון די אידישע יוניאָנס, אויף די פרעה'ס פון די מאַנופעקטשורערס, אַז די אידישע ארבייטער זאָלען ניט ארבייטען אום שבת. עס זאָל איינגעפיהרט ווערען אַ סיסטעם פון אַ 5 טאָגיגע ארבייטס וואָך : מען זאָל ארבייטען לענגערע שטונדען 5 טעג אין וואָך און מען זאָל אין גאַנצען ניט ארבייטען שבת און זונטאַג, ווייל דאָס איז די איינציגע לייזונג פון דעם שבת פּראָבלעם דאָ אין אַמעריקא !

און וואָס איז מכח די אידישע געשעפטען וועלכע זענען אָפען שבת ? דער חלול השם, דער חלול הקודש פון דעם שבת איז הימעל שרייענד ! מיר האָבען דאָך געדאַרפט קורע זיין, רייסען קריעה און באַוויינען דעם ט ו י ד ט פון דעם שבת קודש אין דיזע לאַנד ; ווי אבלים האָבען מיר דאָך געדאַרפט זיצען אויף דער ערד, קלאָגען און וויינען, און אונזערע קולות זאָלען שפּאַלטען אַלע הימלען, עס זאָל אויפגעשטורעמט ווערען יעדע אידישע הארץ, מיר האָבען דאָך געדאַרפט אַלע צוזאַמען ארגאַניזירען זיך און בעטען יעדע אידישע פרוי פון לאַנד ניט געהן קויפען קיין זאַך אום שבת, ווען אונזערע אידישע פרויען וואָלטען באָיקאָטירט מחללי שבת, ווען די אידישע פרוי וואָלט קיין זאַך ניט איינגעקויפט אום שבת, וואָלטען הונדערטע טויזענדע אידישע געשעפטען, וועלכע שטעהען אָפען שבת אין די געדיכטע אידישע געגענדען, אָט די אַלע אידישע געשעפטען וואָלטען זיך געמוזט צו מאַכען אום שבת, און עס וואָלט דאַן געווען אַ גרויסער קדוש השם ! מיר האָבען געדאַרפט ארגאַניזירען די הונדערטער טויזענדער קינדער פון אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות, ז י י זאָלען ארויס מיט אַ שרעקליכע גרויסע ק י נ ד ע ר ש ע דעמאָנסטראַציע אקעגען דעם חלול שבת קודש אין דיזער לאַנד ; מיר האָבען געדאַרפט, מיר האָבען ג ע מ ו ז ט עפּעס טאָן אַזוינס וועלכעס זאָל אויפשטורעמען די פאַרשלאָפענע אידישע הארץ, וועלכעס זאָל מאַכען זידען די אידישע בלוט, וועלכעס זאָל מאַכען אומרוהיג די אידישע נשמה, און אַ גרויסע, אַ שטאַרקע, אַ ברענענדע, אַ פייערדיגע ש ב ת ב א ו ו ע ג ו נ ג זאָל ארום כאַפּען די גאַנצע לאַנד ווי אַ פלאַם פייער, און יעדער איד זאָל טראָגען אויף זיין הארץ אַ „שבת צייכען,“ און דער וואָס טראָגט דאָס ניט, זאָלען אַלע איהם דערקענען אַז אָט איז ער, דער מחלל שבת, אָט איז ער דער אידישער פאַררעטער ! עס האָט געדאַרפט אויף געוועקט ווערען די אידישע עפענטליכע מיינונג וועגען שבת אין אַזאַ גרויסע מאָס, אַז דער וואָס היט ניט שבת, זאָל זיך דאַרפען ש ע מ ע ן דערמיט פונקט ווי אַ גנב. אין יעדע שוהל און שוהלכעל פון לאַנד האָט געדאַרפט געפינען זיך אַ ספּעציעלע „שבת קאָמיטע,“ און אָט די אַלע טויזענדער שבת קאָמיטעס האָבען געדאַרפט האָבען אַ ריעזען גרויסען „שבת פאַרבאַנד“ וועלכער זאָל קאָנטראָלירען די טהעטיגקייט פאַר שבת דורך

זענען ענג פארבונדען צוזאמען, איז צוליעב דעם פקוח נפש פון א אידען, מען מען, דארף מען, מחלל שבת זיין — פקוח נפש איז דוחה שבת — ושמרו בני ישראל את השבת, אמרה תורה חלל עליו שבת אחת, כדי שישמור שבתות הרבה (יומא פ"ה) מען איז מחלל שבת צו ראטעווען דעם לעבען פון א איד, ווייל ווען ער וועט לעבען, וועט ער היטען פיעלע מאל דעם שבת קודש, ווייל **א י ד און שבת איז איינס!**

און דער ערשטער וועלכער האט פארשטאנען די וויכטיגקייט, די נוצליכקייט און די הייליגקייט פון שבת, איז געוועזן משה רבינו! משה רבינו זעהט אידען ארבייטען שבת, האבען ניט קיין רוה, האט ער געפיהלט און פארשטאנען וואס דאס מיינט, דאס מיינט אז ארבייטענדיג אום שבת וועלען זיי אזוי פארגרעבט ווערען, אסימילירט ווערען מיט די גוים, אז עס וועט פשוט אונמעגליך זיין צו באפרייען זיי פון דעם גלות מצרים. די קייטען פון שקלאפעריי וועלען זיך איינעסען אין זייערע נשמות, און דער אידישער פאלק וועט אין גאנצען פארשווינדען פון דער וועלט, און משה באשליסט: אידען מוזען שבת היטען, דאן וועט דער שבת די אידען היטען, זיי זאלען ניט אונטערגעהן! משה ערקלערט פרעה'ן ווי וויכטיג עס איז פאר איהם, פון עקאנאמישען שטאנדפונקט, אז אידען זאלען שבת היטען, זיי וועלען א טאג אין וואך ניט ארבייטען, וועלען זיי אנקלייבען געגוג כחות פאר א גאנצע וואך, און דאן וועט די ארבייט זיין בעסער, גרינדליכער. ווען אבער זיי וועלען כסדר ארבייטען, אהן אויפהער, וועסטו זיי פארלירען אין גאנצען, זיי וועלען אויסשטארבען. און פרעה וויליגט איין דאס אידען זאלען שבת היטען. געהט משה און מאכט אז דער טאג פון רוה זאל ניט זיין קיין אנדער טאג נור דער שבת קודש. „וירא בסבלותם, ראה משה שאין להם מנוחה, הלך ואמר לפרעה: מי שיש לו עבד אם אינו נח יום אחד בשבוע הוא מת, ואילו עבדיך אם אין אתה מניח להם יום בשבוע הם מתים! ואמר לו: לך עשה להם כמו שתאמר, הלך משה ותיקן להם את יום השבת (שמות רבה, פ"א, ל"ב).

פרעה איז מסכים אז זיי, זיינע ארבייטער, **מוזען** רוהען איין טאג אין וואך, טאקע פאר זיין טובה וועגען, אבער עס מאכט איהם לחלוטין ניט אויס **וועלכען** טאג זיי וועלען רוהען. געוויס וואלט ער געוואלט אז זיי זאלען רוהען אין דעם טאג ווען די מצריים רוהען. משה אבער לייזט דעם פראבלעם פון „שבת און ארבייט," און ער פיהרט אויס אז זיי זאלען ניט ארבייטען אין דעם **אידישען שבת!**

מיליאנען אידישע ארבייטער ארבייטען ניט א טאג אין וואך, דאצו זענען מסכים די מאנופעקטשורערס, אלע סארטען ארבייטס געבער, דאס איז די שטרענגע פאדערונג פון די יוניאנס. אידישע ארבייטער ארבייטען ניט א טאג אין וואך, זיי ארבייטען ניט זונטאג, און זיי ארבייטען אבער אום שבת קודש!

און עס טוט וועה די הארץ! אט די מיליאנען אידישע ארבייטער האבען דאך קינדער צו ערציהען, אט זייערע קינדער דארפען דאך ערצויגען ווערען אלס אידישע קינדער, ווי קענען אבער אידישע קינדער ערצויגען ווערען אלס אידען, ווען זיי זעהען, נעבעך, ניט אין זייער פאטער'ס הויז קיין סימן פון דעם

אלול

בראש חדש אלול אמר הקב"ה למשה עלה אלי ההרה, והעבירו שופר במחנה שמשה עלה להר שלא יטעו עוד אחר ע"ז וכו' ע"כ התקינו חכמים שיהיו תוקעים בשופר בר"ח אלול (פרקי דר"א, פמ"ו).

אלול ! ווי פיעל מיליאָנען אידישע הערצער פלעגען אנפאנגען ציטערען, ווי פיעל מיליאָנען אידישע נשמות פלעגען זיך טובל זיין אין די בעגייסטערונג פון גאָטהייט אין דעם מאנאט אלול ! ווי נור דער שופר פלעגט אנפאנגען בלאָזען אזוי האָט ארום געכאפט א היילינגער ציטער יעדע אידישע נשמה.

אלול ! א מאנאט פון תשובה, פון התעוררות, פון ווערען פרימער, בעסער, ערהאבענער, נאָבעלער, הייליגער ווי א גאנץ יאהר. אין אלול גרייט מען זיך צו „ימים נוראים," וועלכע פאנגען זיך אָן אין אלול און ענדיגען זיך הושענא רבה. האָבען דאָך די פארצייטינגע פרומע אידען סימנים געהאט א' ר' י' ה' שאג מי לא ירא, ווען א לייב שרייט, האָבען אַלע מורא, און דאָס וואָרט אריה איז א ראשי תיבות פון — "אלול, "ראש השנה, "יום כפור, "הושענא רבה, אָדער "אני "לדודי "ודודי "לי, איז דער ראשי תיבות פון אלול (של"ה דף רי"ג, ע"א).

אלול איז דער לעצטער מאנאט פון יאהר און דער פאר וועקט ער אין דעם מוח פון יעדען אידען טיעפע פילאָזאָפישע געדאנקען ; ער רופט צו האָבען א „חשבון הנפש," בעטראכטען בעסער, טיעפער גרינדליכער דעם מענשליכען לעבען בכלל און דאָס אידישען לעבען בפרט ; צו געבען אַן איבערבליק איבער דעם פערגאנגענעם יאהר, פערשטעהן די פערגאנגענהייט און קוקען די צוקונפט מיט קלאָהרע אידישע אויגען.

א גוטע גליקליכע צוקונפט, ניט נור אין קערפערליכען זין, נור אויך אין גייסטיגען זין ! א רוהיגען, ריינעם און היילינגען לעבען ווינשט זיך און זיינע פריינד דער איד די גאנצע צייט פון אלול און ימים נוראים : שרייבט מען א בריעף צו א פריינד אין דער צייט פון אלול ביז יום כפור, פערגעסט מען ניט צו בענשען דעם פריינד אז ער זאָל האָבען א „כתיבה וחתימה טובה." פון יום כפור ביז שמיני עצרת בענשט מען איהם מיט א „גמר חתימה טובה" (מטה אפרים, סימן תקפ"א).

אין דער צייט פון אלול, אין דער פריה נאכ'ן דאווענען, זאָגט די גאנצע שוהל תהלים, מען בעט גאָט, מען לערענט ספרי מוסר, מען רייניגט די אידישע הארץ, די מחשבות, מען זוכט אויסצובעסערען די מדות און די מענשליכע אויפפיהרונג : מען טהוט תשובה ! ערב ראש חדש אלול פאסט מען, מען זאָגט „יום כפור קטן," מען גרייט צו די הארץ צו תשובה און מעשים טובים

אלול, דער לעצטער מאנאט פון יאהר, דערמאָהנט אז עס וועלען אמאָל קומען די לעצטע מינוטען פון לעבען, מען וועט דארפען געהן אין א ווייטען, ווייטען וועג, און מען האָט אנגעגרייט זעהר ווייניג שפייז : ווייניג מצוות

א צענטראַלע קערפּערשאַפט פאַר שבת וועלכע זאָל האָבען פערטרעטער אין יעדע שוהל, און ווען אזא פאָרטרעטערשאַפט וועט האָבען די יעהרליכע „שבת קאָנווענשאַן“ זאָל אָט די קאָנווענשאַן אדרעסירט ווערען ניט נור פון רבנים, גאונים, נור אויך פון די וויכטיגסטע בעאַמטע פון לאַנד. מען דאַרף, מען מוז, אויפהויבען די שטימע פון שבת אזוי הויך און שטאַרק, אז די שטימע פון שבת זאָל דערשטיקען דעם חלול שבת. די אידישע פרעסע וואָלט דאַן געהאַט די מעגליכקייט צו אגיטירען פאַר שבת און באַריכטען וועגען די טהעטיגקייטען פאַר שמירת שבת. די אַלע פרומע ארבייטער פון לאַנד האָבען דאַן געדאַרפט ארגאַניזירט ווערען אַלס א „רעליגיעזער ארבייטער פערבאַנד“ אָדער „שומרי שבת ארבייטער פערבאַנד.“ מיט איין וואָרט, רבותי, לא עת לחשות היא! עס איז יעצט ניט א צייט פון שווייגען, עת לעשות! עס איז יעצט אַ צייט פון טאָן, טאָן פאַר שמירת שבת.

יעדער איד אין אמעריקא דאַרף אריינשטעלען ביי זיך אין אָפיס, אין געשעפט, אין זיין פעקטאָרי, די פאָלגענדע פייערדיגע ווערטער פון מדרש: „אָמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל, אם תזכו לשמור את השבת מעלה אני עליכם כאילו שמרתם כל המצות שבתורה, ואם חללתם את השבת, מעלה אני עליכם כאילו חללתם את כל המצוות (מדרש שמות רבה, פכ"ה). גאָט זאָגט צו די אידען: ווען איהר וועט זוכה זיין היטען שבת, וועל איך אייך רעכענען גלייך ווי איהר האָט מקיים געווען אַלע מצוות פון דער תורה, און ווען איהר האָט, חס ושלום, מחלל שבת געווען, איז גלייך ווי איהר האָט פאַרשוועכט אַלע מצוות פון דער תורה. ווען דער שבת ווערט פאַרשוועכט, ווערט דאָס גאַנצע יודענטהום פאַרשוועכט.

רבותי! פאַר־צייטען, אין יוראָפּ, אין די קליינע שטעדטלעך, וואו עס איז ניט געווען קיין שטאָדטיגע פייערלייט, און א שריפה פלעגט אויסברעכען, פלעגט יעדערער כאַפּען א האַק מיט אַן עמער וואַסער און געהן לעשען די שריפה כדי ער און זיינע קינדער זאָלען ניט פאַרברענט ווערען. רבותי! א שרעקליכע שריפה האָט אויסגעבראָכען — אונזער שבת קודש ווערט פאַרברענט! וואַרט ניט אויף קיינעם, פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיינעם! זאָל יעדער איד טאָן וואָס ער קאָן, זאָל יעדערער נעהמען זיין האַק און זיינע וואַסער און העלפען לעשען דעם פייער פון חלול שבת, וואו מיר און די נשמות פון אונזערע קינדער ווערען פאַרברענט. לאָמיר היטען דעם שבת, וועט דער שבת אונז היטען פון אַלע שלעכטעס, און מיר וועלען זוכה זיין צו ישועות ונחמות, צו ביאת הגואל, במהרה בימינו אמן! ואמן!

דאס פאר א מקום קדוש, צוליעב די אונפעראנטוואָרטליכקייט פון א פּאָר אידען וועלכע ווילען מאכען געלד פון חלול הקודש, פערשוועכען אלעס וואס ביי אונז איז ליעב, הייליג און טייער. און אונזערע יונגע אידישע קינדער אין אמעריקא, קומען ראש השנה און יום כפור צוזאמען מיט זייערע עלטערען אין דעם פלויסטער, די קירכע געפעלט זיי: גראָם, גרויס, שעהן, לופטיג, ליכטיג; בער אָרט ווערט זיי באקאנט, און נאָך ימים נוראים ווען פון דער שוהל ווערט צוריק, להבדיל, א קירכע, דאן קומען אונזערע קינדער אין דער זעלבער קירכע צו הערען די דרשות פון דעם גלח און ווערען צו נעצווינגען צום קריסטענטהום.

און ווען די קינדער אין אמעריקא זעהען דאס פון דעם טאנץ־זאל און פון דעם פלאץ וואו מען ציינט א גאנץ יאהר ניט קיין ריינע, אנשטענדיגע „בע־וועגליכע בילדער,“ אין א פלאץ וואו מען טרינקט א גאנץ יאהר שארפע גע־טרענקע און פערשידענע אנדערע נים פאסינע און ניט גענוג ריינע פלעצער, און זייערע עלטערען, צוליעב א פאָר דאָלער, מאכען אָט אזוינע ערטער פאר א „מקום קדוש“ אום ימים נוראים, דאן פיהלען די יונגע אידישע אמעריקאנער קינדער אן עקעל צו זייערע עלטערען, צו די אידען פון דעם אלטען דור, און א האָס צום גאנצען יודענטהום.

עס שטעהען תלמוד תורה'ס, ישיבות, וואו יעדער דאָלער און סענט וואס וואָלט אריין געקומען דאָרט ימים נוראים פאר סיטס און עליות, וואָלט זעהר שטארק צו נוץ געקומען פאר דעם היילינען צוועק צו געבען אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג, און אין אונזערע אידישע ערציהונגס אנשטאלטען בלייבען ימים נוראים פיעל פלעצער ליידיג, ווייל דער עולם געהט ימים נוראים אין די וואדעוויל הייזער, און אין די מואווינג פיקטשור פלעצער, וואו מען פארשפּרעכט זיי צו געבען זיי אלס מתנה א פאָר לעבעדיגע זנות בילדער אוים'ן לייוועגט בעפאָר כל נדרי, אזא נבלה בישראל טאָר ניט פערשווינען ווערען!

און עס האָט פּאסירט דאָס הונדערטער אידען זענען געקומען צו כל נדרי דאווגען, און האָבען זיך אָנגעשטויסען מיט אנדערע וועלכע זענען געקומען זעהן פיקטשורס, און די כל נדרי אידען האָבען געוואָלט דאווגען און ניט קיין פיקטשורס — איז געוואָרען א געשלעג, פּאָליסלייט זענען ארויסגערופען גע־וואָרען, און די כל נדרי אידען האָבען געמוזט פערלאָזען זייער פלאץ, און טראָטץ דיזע שרעקליכע פאסירונג וועלכע איז ניט קיין פּראָדוקט פון א רייכע פאנטאזיע נור א פאקט גענומען פון ווירקליכען לעבען וועלכעס האָט ווירקליך פּאסירט דורך א מיספערשטענדניס פון דעם פערוואלטער פון די מואווינג פיקטשורס, טראָטץ דעם איז אויף דעם צווייטען יאהר ווידער פערדונגען געוואָרען דער זעלבער פלאץ פאר א „מקום קדוש“ און אידען האָבען אָנגעפילט דעם פלאץ, אין דער צייט ווען אין די תלמוד תורה'ס פון יענעם געגענד וועלכע האָבען פראכטפאָללע שוהלען זענען געבליבען פיעלע פלעצער ליידיג.

און עס קלייבען זיך צונויף אָט אזוינע אידען ימים נוראים אין אזעלכע אומווירדיגע פלעצער וועלכע זיי פערוואנדלען אין בלומר'שטע שוהלען און בעטען גאָט: „ובכן תן כבוד לעמך,“ סען דען זיין אן ערגערער „כבוד האומה“ ווי דאָס איז?

און מעשים טובים, און מען דערמאָהנט זיך די ווערטער פון תהלים: „אדם להבל דמה ימיו כצל עובר“ (תהלים סמ"ד, ג') א מענש איז א שטיק נארישקייט, זיינע טעג זענען ווי א שאטען וואָס געהט פערביי, און אז — „אנוש כחציר ימיו, כציץ השדה כן יציץ, כי רוח עברה בו ואיננו ולא יכירנו עוד מקומו“ (שם, ק"ג, ט"ו). א מענש איז גלייך ווי גראָז, אָט שפּראָצט ער, ער בליהט, און שפּעטער, א ווינד נימ א בלאָז און ער איז שוין אויף דער וועלט נימאָ, גלייך ווי ער איז גאָר ניט געבוירען געוואָרען. און דערפאר איז טאקע דער חודש אלול מסוגל צו וועקען אידען צו תשובה „כדי להזהיר ישראל שיעשו תשובה“ (טור אורח חיים, תקפ"א).

אין אלול איז יעדער איד און יעדע אידישע פרוי געוואָרען א פילאָזאָף: האָבען אנגעפאנגען צו ד ע נ ק ע ן טיעף איבער דעם מענשליכען לעבען, און א שטארקע אויסערגעוועהנליכע אינערליכע אומרוהיגקייט האָט ארום נעכאפּט יעדען אידען, און מען האָט זיך אנגעפאנגען שטעלען פראגען: וואָס איז לעבען? צו וואָס לעבט מען? אָט, מען ארבייט שווער און ביטער, מען לויפט, מען האוועט, מען יאָגט, וואוהין? אָט קומט דער מלאך המות און מאכט א תל פון דיין לעבען, פון דיינע חלומות, האָפענונגען, שטרעבען! קורץ איז דער מענשליכער לעבען, זעהר קורץ, אלע זענען שטערבליך, דארף מען דאָך עפּעס אויפטאָהן אין דער צייט וואָס מען לעבט, חשבון הנפש!

און די קליינע יונגע אידישע קינדער האָבען אויך איבערגעלעבט הייליגע מינוטען אין די צייט פון אלול, איבערהויפּט האָט אויסגעפילט דעם אינהאלט פון זייער לעבען — דער שופר בלאָזען, האָבען די זכיה צו טאפּען דעם שופר, און טאקע אליין בלאָזען, ווערען מיט דער צייט א בעל תוקע, אזוי האָבען אלע, מענער, פרויען און קינדער געפיהלט הייליגע געפיהלען אין דער צייט פון אלול. דאָס איז געוועזען פארצייטען, אמאָל, וואָס זעהען מיר אָבער יעצט?

נענוג שאנדע און הארצוועהטאג האָבען מיר יעצט יעדען יאהר פון די ניט פּאסיגע חזנים ביי אידען, און ווי שרעקליך מוז פיהלען יעדער איד ווען מען זעהט אז אזא גרויסע שטאָדט ווי נויאָרק, למשל, וועלכע איז די גרעסטע אידישע קהלה אין דער גאנצער וועלט, זינט אידען זענען א פאָלק, אן עיר ואם בישראל, וועלכע האָט אידען גבירים, מיליאָנערען, בעלי צדקה, בעלי מעשים טובים, הונדערטער רבנים, גדולים, גאונים, און די בעסטע און שעהנסטע פאָלקס אינסטיטוציאָנען, וועלכע ווארפט מיליאָנען אויף שוהלען, האָספּיטעלער, מושב זקנים, תלמוד תורה'ס, ישיבות, און פערשידענע וואהלטהעטיגע אנשטאלטען, און אין דער זעלבער נויאָרק זעהען מיר א שרעקליכען גרויסען חלול השם, און רוקא אין אלול צייט: עס ווערען פערוואנדעלט קירכען, סאלונס, מואווינג פּיקטשור פלעצער, האָלס, און פערשידענע ניט פאסיגע פלעצער פאר שוהלען צו ימים נוראים.

אין דער זעלבער קירכע, סלויסטער, וואו דאָרט ווערט א גאנץ יאהר געפּרעדיגט קריסטענטהום, קומען אהין אידען אום ימים נוראים און מאכען

תלמוד תורה'ס, די ישיבות, די פרומע שוהלען, לאָמיר אנשטעלען חזנים וואָס זענען פאסיג צו זיין די שלוחי צבור, לאָמיר היטען שבת ויום טוב, לאָמיר געבען אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג, דערצו רופט אונז דער שופר.

זאָגען אונזערע אַבֿישע געלעהרטע דאָס ראש חדש אלול אמר הקב"ה למשה עלה אלי ההרה, גאָט זאָגט צו משה'ן — געה ארויף צו מיר אויפ'ן בארג, והעבירו שופר במחנה שמשה עלה להר שלא יטעו עוד אחר עבודה זרה — און בלאָזט שופר, מאכט בעקאנט אלעמען דורך דעם שופר אז משה איז דערהויבען געוואָרען, ער איז אויף גאָט'ס בארג, כדי מענשען זאָלען ניט זיין פערקאָכט אין עבודה זרה'ס, אין דעם עגל הזהב, זאָלען ניט אוועק געבען זייער גאנצען לעבען פאר געלד, זאָלען ניט פערקויפען זייער נשמה, זייערע קינדער, זייער שבת, — פאר געלד! און דערפאר בלאָזט מען שופר, וועקען דעם עולם צו תשובה (פרקי דר"א פרק מ"ו, מחזור וויטרי צד 362). אני לדודי ודודי לי — מיר וועלען זיך איבערגעבען צום רבונו של עולם, און ער, כביכול, וועט זיך איבערגעבען צו אונז, און וועט אונז געבען א נייעם גליקליכען יאהר, שנת גאולה וישועה לעמנו, לארצנו, ולהרמת קרן תורתינו הקדושה, אמן.

סליחות

קומי רוני בלילה לראש אשמורות, שפכי כמים לבך נכח פני ה', שאי אליו כפיך על נפש עולליך, העטופים ברעב, בראש כל חוצות (איכה ב', י"ט).

שבת פאר סליחות, די אידישע הארץ קלאפט, איז אומרוהיג — אָט, אָט, קומט דער יום הדין, היינט ביינאכט, וועט מען דאָס דארפען קלאפען אין די טירען פון בית דין של מעלה, מען וועט דאָס דארפען אריבער כאפען זיך דעם גרעניץ, פון דעם אלטען יאהר צום נייעם יאהר. פיעלע וואָס כאפען זיך אריבער דעם גרעניץ ווערען געשאָסען, דערטרונקען, וואָס וועט זיין מיין שיקזאל? — פרעגט זיך יעדער — וועל איך בלייבען לעבען אויף דעם נייעם יאהר? און מיין פרוי און מיינע קינדער? וועט מען אונז לאָזען פון הימעל אריבער כאפען דעם גרעניץ ריכטיג, אָדער דאָס וועט שמעקען מיט טוידט?

ווער ווייס? א שרעקליכע אומרוהיגקייט כאפט ארום די נשמה פון יעדען אידען, מען דארף בעטען גאָט, און אָט דיזער שבת פאר סליחות איז גענומען אין גאנצען און געווידמעט צום רבונו של עולם. שבת נאך מנחה, אין שוהל ווערט פינסטער, און עס לאָזט זיך הערען דער אומעטיגער, וויינענדיגער און זעהר הארציגער קול פון דעם תהלים־זאָגער:

„אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה'".

און אלע אידען פון שוהל ענטפערען:

„אשר נוצרי עדותיו בכל לב ידרשוהו."

אַנדערע פּערשטעהען ניט און פרעגען: זאָגט דאָך די תורה „בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך“ — וואו דו וועסט דערמאָנען גאָט'ס נאָמען, וועט גאָט קומען צו דיר און וועט דיך בענשען. אלזא, פרעגען יענע חכמים — עס שטעהט דאָך ניט אַז מען דאַרף גאָט'ס נאָמען דערמאָנען דוקא אין א שוהל, תלמוד תורה אָדער אין א ישיבה געביידע, זאָנדערען „בכל המקום“ אשר תזכיר את שמי, מאכט דאָך ניט אויס וואו מען בעט גאָט?

דער אמת אָבער איז ניט אזוי. ווי אונזערע חכמים באַמערקען טאקע אויף די ווערטער בכל המקום אשר אזכיר את שמי „אתן לך רשות להזכיר את שמי,“ וואו איך, גאָט, וועל דיר ערלויבען צו דערמאָנען מיין נאָמען, און גאָט ערלויבט ניט צו דערמאָנען זיין הייליגען נאָמען אין פּלעצער וועלכע זענען ניט ריין און הייליג. גאָט'ס נאָמען דאַרף דערמאָנט ווערען נור אין גאָט'ס הויז, אין די אָרטהאָדאָקסישע שוהלען, תלמוד תורה'ס און ישיבות, און ניט אין קירכע, ניט אין די טאַנץ־האָלען און מואוויננ פּיקטשור פּלעצער. אזא הפקרות מוז אָפּגעשאַפט ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך!

דער אומגליק איז דאָס וואָס דער אמת'ער פרומער איד ווערט ניט אויס־געהערט און רעספּעקטירט ווי געהעריג איז; ער האָט קיין איינפלוס ניט אויפ'ן לעבען, אַלעס וואָס איז עכט אידיש, האָט ניט קיין פּלאַץ: דאָס אידישקייט ווערט פעררוקט אין א ווינקעל פון שוהל און בית המדרש, אין די תלמוד תורה'ס און ישיבות, און דער לעבען געהט זיך זיין וועג, דאָס יודענטהום פאַרנעמט ניט זיין ריכטיגען פּלאַץ אין דעם לעבען גופא, מען שעהמט זיך מיט אידישקייט. אונזערע עלטערען האָבען שווער געארבייט טויזענטער יאהרען און האָבען אונז איבערגעלאָזען א רייכע ירושה: ש"ס בבלי וירושלמי, ספרא, ספרי תוספתא, מכילתא, אגדות ומדרשים, מוסר און פּוסקים, און אונזערע קינדער שעהמען זיך מיט דער ירושה, מען שעהמט זיך מיט אידישקייט „והבושת אכלה את יגיע אבותינו,“ דער שעהמען זיך מיט אידישקייט האָט אויפגעגעסען אַלעס וואָס אונזערע עלטערען האָבען שווער געארבייט איון איבערגעלאָזט פאַר אונז, און די גמרא זאָגט „מקום יש להקב"ה ומסתרים שמו“ (חגיגה דף ה') גאָט אליין, כביכול, וויינט, ווייל פאַר איהם האָט מען געמאכט א פּלאַץ וואו קיינער זעהט ניט — „מקום יש להקב"ה ומסתרים שמו“ און דאָרט הקב"ה בוכה! זעהר א טיעפע מליצה. די טראַגעדיע איז אזוי גרויס, אז כביכול גאָט אליין וויינט!

לאָמיר אָבער, אין דיזען מאנאט אלול תשובה טהאָן, לאָמיר פערשטעהן וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט "ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים — דא הוא ירחא דאלול, דביה סליק משה לטורא למבעי רחמא“ (זוהר, תצא, דף נ"ח). אין מאנאט אלול — זאָגט דער זוהר — איז משה רבינו ארויף אויף דעם בארג צו בעטען רחמנות ביי גאָט, און אין אלול מוזען מיר זיך אויפהויבען א ביסעל, קלעטערען אויף גאָט'ס בארג, און בעטען גאָט פאַר א שנת חיים ושלום. אונזערע חכמים זאָגען, דאָס ר"ח אלול איז משה ארויף צום בארג סיני נעהמען די אַנדערע לוחות און איז אראָפּ פון בארג אום יום כפור (סדר עולם, ו'), און דערפאַר איז אלול די ריכטיגע צייט פאַר תשובה. לאָמיר אָנפילען ימים נוראים די

פון שבת ויום טוב, אונזערע קליינע קינדער ברענען, זייערע אידישע נשמה'לעך ווערען פערברענט ! אונזערע קינדער געניסען ניט, וועה איז מיר, קיין ברעקעל אידישע ערציהונג, און צוזאמען מיט דעם נעטליכען מקונן רוף איך צו אייך, צו דיר מיין פאָלק — „קומי, שמעה אויף פון שלאָף ! רוני בלילה לראש אשמורת, זינגט צו גאָט־ביינאכט, צו סליחות ! שפכי כמים לבך נכח פני ה', גיס אויס דיין הארץ ווי עס גיסט זיך וואסער, סעגען גאָט, שאי אליו כפיך על נפש עולליך, העטופים ברעב בראש כל חוצות, הייב אויף דיינע הענד, דו איד, צו גאָט, און בעט איהם וועגען די יונגע נשמה'לעך פון דיינע קליינע קינדער, וועלכע וואלגערען זיך אין די ניט אידישע גאסען, און געהען נעבעך אויס פון הונגער, „לא רעב ללחם ולא צמא למים, כי אם לשמוע את דבר ה'.“ דער הונגער בעשטעהט ניט אין ברויט, קיין אידיש קינד האָט ניט אזוי פיעל ברויט צום עסען ווי דאָס אידיש קינד אין אמעריקא, נור דער הונגער פון וועלכען דאָס אידיש קינד אין אמעריקא געהט נעבעך אויס, איז א נשמה הונגער, ער הונגערט נאך א אידישען וואָרט, נאך גאָט'ס וואָרט, און האָט נעבעך ניט, עס האָרעוועט זיך אויס א נייער דור וועלכער ווייס ניט וואָס אידישקייט איז, אה, ווי שרעקליך דאָס איז ! שטעהט אויף, אמעריקאנער אידען, לעבודת הבורא, נענוג שלאָפען, מיר ווילען חס ושלום בלייבען אָהן קינדער, ווי אזוי ווילען מיר קענען קומען ימים נוראים צום גרויסען וועלט־געריכט, אין דעם יום הדין, פאָדערען פון דעם רבונו של עולם ער זאָל אונז שענקען דאָס לעבען צוליעב די קליינע קינדער וואָס לערנען גאָט'ס תורה — „עשה למען תינוקות של בית רבן“ אז אונזערע קינדערלעך לערנען ניט גענוג גאָט'ס תורה ? ווייסען זיי דען די העברעאישע שפראך, לשון הקודש ? ווייסען זיי דען חומש, רש"י, נביאים, משנה, גמרא, דינים ומנהגים, אידישע געשיכטע ? ניין ! טויזענד מאָל ניין ! העטופים ברעב בראש כל חוצות ! געהט ארוים אין די גאסען פון נויאָרק און איהר וועט זיי טרעפען אין די הונדערטער טויזענטער פער־שמאכטע פון תורה־הונגער, פרעמד צו זייער פאָלק, צו זייער גאָט, צו אלעס וואָס ביי אידען איז ליעב, הייליג און טייער, און ניט אומזיסט זאָגען מיר היינט צו סליחות — „אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור“ מיר זענען שולדיג מעהרער פון אלע פעלקער, אלע פעלקער פון דער וועלט גיבען זייער געלד, זייער צייט, מארך, און אלעס וואָס די נאציאָן פערמאָגט פאר די ערציהונג פון דעם יונגען דור, מיר, אידען, אָבער, דער אתה בחרתנו מכל העמים פאָלק, מיר פערנאכלעסיגען די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער ערגער ווי אלע פעלקער פון דער וועלט, בושנו מכל דור, מיר דארפען זיך ווירקליך שעהמען פון אלע פריהערדיגע דורות : אונזערע פערצייטיגע עלטערען האָבען פער־משכון'ט די שבת'דיגע לייכטער און די לעצטע קישעלע פון קאָפּ, אום צו געבען זייערע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג, און מיר, די רייכע אידען פון אמעריקא, עס איז אוי לי אם אומר, ואוי לי אם לא אומר, עס איז אז אך און וועה צו מיר ווען איך וועל אנצייגען אייערע שרעקליכע פערברעכענס בנוגע צו די אידישע ערציהונג פון אייערע קינדער, איהר וועט דאך מיר שונאים ווערען פאר זאָגען דעם אמת, דער אמת איז דאך שרעקליך ביטער און שארף, און ניט אומזיסט זאָגט די וועלט א ווערטעל „ער קוסט ווי א האָן אין די בני

דער עולם איז בעגייסטערט, די פנים'ער שטראהלען פון אינערליכע התלהבות, און מען גרייט זיך צו סליחות.

* * * *

צוויי אזייגער ביינאכט איז דער שוהל־רופער ארומגעלאָפען מיט זיין גראָבען שטעקען און מיט א גרויסע לאַמטערען, און האָט געוועקט דעם עולם צו די ערשטע סליחות. ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, האָט אנגעקלאַפּט אין לאָדען פון יעדען אידען, שרייענדיג:

„שטאַרקט זיך לעבודת הבורא!"

„שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות!"

א קראַנקער ליגט אין בעט, האָט היץ, ער דערהערט די שטימע פון דעם שוהל־רופער

„שטאַרקט זיך לעבודת הבורא!"

„שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות!"

איז קראַנקערהייד וויל ער שפּרינגען פון בעט און לויפען צו די ערשטע סליחות.

א קאַלטער ווינד בלאָזט, א דריבנער רעגען קאַפּעט, אלעס שלאָפט, די לאָדענס פון די הייזער פערמאַכט, און אידען לויפען אין דער גרויסער ליכטיגער שוהל, און דער שטאַרקער ווינד בלאָזט פאַנאַנדער אין דער גאַנצער שטעדטעל די שטימע פון דעם שוהל־רופער:

„שטאַרקט זיך לעבודת הבורא!"

„שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות!"

* * * *

די שוהל איז איבערגעפּאַקט; א הייליגע געטליכע שטימונג — עס איז די ערשטע סליחות! דאָס איז געווען אמאָל, פאַרצייטען.

היינט, אָבער, אין אמעריקא, געהט מען ניט קלאַפען אין די לאָדענס, מען וועקט ניט צו סליחות. איך אָבער, אלס דער רב פון שוהל, פיהל מיין הייליגע פליכט אז איך מוז אייך וועקען, רבותי, צו סליחות! ניט אין אייערע לאָדענס וועל איז אנקלאַפען, נור אין אייערע אידישע הערצער, איך וואָלט זעהר געוואָלט, אז דער איד אין אמעריקא זאָל קענען זאָגען מיט שטאָלץ „אני ישינה ולבי ער," דאַכט זיך איך שלאָף, אָבער, מיין, הארץ, די אידישע הארץ, איז וואַכענדיג, אימער אָפען פאַר אלעס וואָס עס איז הייליג און טייער ביי אידען.

איך וויל ניט וועקען דעם בעל הבית פון שוהל, איך וויל אָבער אויפוועקען דעם איד, דאָס פּינטעלע איד, וואָס ליגט און שלאָפט געשמאַק אין דעם בעל הבית פון שוהל. זאָל דער איד אין אייך ערוואַכען, גענוג שלאָפען, אונזער הויז ברענט, די אידישע הויז ווערט פאַרברענט! ניטאָ אין איהר קיין סימן

דער חזן איז אונזער שליח צבור, מיר דארפען אין היינטיגע הייליגע „סליחות־נאכט“ זיך מתודה זיין אויף אַלעס וואָס מיר האָבען געזינדיגט צו אונזערע נשמות, צו אונזערע קינדער, צו אונזערע עלטערען, צום שבת קודש, צו אַלעס וואָס איז הייליג, און לאָמיר בעטען גאָט ער זאָל אונז פערגעבען אַלע אונזערע זינד. דער רבונו של עולם איז דאָך ווי דער תהלים זאָגט — טוב וסלח (תהלים פ"ז, ה'), ער איז גוט און ער פערגיט די זינד, אָדער ווי נחמיה זאָגט „אלוה סליחות“ (נחמיה ט', י"ז), דער גאָט פון סליחות, פון פערצייהונג. און מיר בעטען דיך, רבונו של עולם „רצה עתירתנו בעמדם בלילות,“ הערצו דעם קרעכץ פון יעדען איד וואָס שטעהט יעצט אין שוהל האלבע נאכט און בעט מחילה וסליחה ביי דיר, גיב אַלע אידען אַ נייעם גוטען און גליקליכען יאהר, מיר זאָלען אַלע דערלעבען אומקערען זיך צוריק צו אונזער לאַנד, צו זעהן בנחמת ציון וירושלים, אמן, ואמן!

סליחות

כי אתך הסליחה למען תורא.

לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כי אם כדלים וכרשים דפקנו דלתיך.

הנשמה לך והגוף פעלך, הנשמה לך והגוף שלך.

דער איד און די סליחות. דער גוף און די נשמה. אַמאָל און היינט. די אידישע ערציהונג. מקום טמא א גאַנץ יאהר און אַ מקום קדוש ימים נוראים. די אידישע יוגענד און די קדיש זאָגער.

גליקליך איז דער מענש וועלכער קומט סליחות ביי נאכט אין שוהל מיט א גוטען רעקאָרד, מיט א בריליאַנטענע פארגאנגענהייט, מיט א פעקעל פון מעשים טובים וואָס ער האָט אויפגעטאָן לעצטען יאהר. אנדערע קומען ניט מיט וויכטיגע מעשים, נור מיט „חסד,“ זיי האָבען געטאָן אויף דעם פעלד פון טובות טאָן א צווייטען, דאָס איז אויך מעשים, אויך גוטע ארבייט. אָבער מען קען דאָס ניט אָנרופען מיט דעם אלגעמיינגנעם גרויסען, וויכטיגען נאָמען מ ע ש י ם. ווען מיר קומען אָבער היינט ביי נאכט צו סליחות, צו בעטען ביי גאָט ס ל י ח ה ומחילה, פארגעבונג און פארצייהונג פאַר אונזערע זינד פון לעצטען יאהר, קומען מיר ניט מיט „חסד“ און ניט מיט „מעשים,“ — לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך — ווארום, לאָמיר זיך אַליין ניט נארען, וואו איז אונזער ח ס ד ? מיליאָנען אידען אויף יענעם זייט ים שטרעקען אויס זייערע הענד צו אונז נאָך ברויט, נאָך הילפע; אומגליקליכע און אָרימע, יתומים, בלינדע, ווענדען זיך צו אונז נאָך הילפע דורך די פארשידענע אינסטיטוציעס פון לאַנד, האָבען מיר דען ווירקליך אַלעמען געהאָלפען? וואו איז אונזער חסד? לא בחסד באנו לפניך!

און וואָס האָבען מיר געטאָן דעם לעצטען יאהר פאַר די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער? מיליאָנען אידישע קינדער געניסען ניט קיין ריכטיגע

אדם" עס ליגט אין דעם, רבותי, א טיעפער געדאנק. עס איז פאר ימים נוראים, די רעכטע צייט, ווען מען דארף וועקען א אידען לעבודת הבורא, דער האן מיט זיין קוקוריקו, וועקט דעם עולם, וואס באצאהלט מען איהם פאר זייע שווערע און נוצליכע ארבייט ? אז עס קומט סאמע ערב יום כפור, די הייליגסטע צייט פון יאהר, וואס דאן איז דאך אזוי נויטיג צו וועקען פון שלאף, נעהמט מען דעם האן, דעם אידישען וועקער, מען מאכט איהם פאר א כפרה פאר פרעמדע זינד, און מען קוילעט איהם, קוקט דער האן אויף די בני אדם יושבי חשך, און קען זיי ניט פערשטעהן : סטייטש, בני אדם, איהר מענשען, איהר זענט דאך יושבי חשך, איהר זיצט אין דער פינסטער, איך וועק אייך און רוף צו ליכטיגקייט, ווארום קוילעט איהר מיך און מאכט מיך פאר א כפרה פאר אייערע זינד ? דער האן וויים אבער ניט די געשיכטע פון דער מענשהייט, אז קיינער וויל ניט ליידען ווען מען וועקט איהם פון שלאף . . . ער וויים אז צו פיעל שלאפען איז אומגעזונד . . . . אבער, עס שלאפט זיך אזוי געשמאק ! און ווען עס קומט א וועקער, א שלאף־שטערער, דארף מען איהם אפראמען פון וועג, דארף מען איהם קוילען ! אזוי האט מען דאך געטהאן צו די געטליכע נביאים, אט אזוי טוען דאך די „יושבי חשך וצלמות" און טאקע דערפאר אוי לי אם אומר, אז אך און וועה איז צום רב וועלכער דארף וועקען זיין עולם פון זיסען שלאף, דארף זיי דערמאנען אויף חלול שבת בפרהסיא, טרפות, עס פעהלט טהרת המשפחה, קינדער וואקסען אויס גוים, עס איז ניט אנגענעם און פיליכט א סכנה צו זיין א וועקער, היינטיגע צייטען, אז ניט דער שמש דארף וועקען צו סליחות, לעבודת הבורא, נור דער רב, און מען דארף ניט אנקלאפען אין לאדען, נור אין די הארץ פון יעדען אידען, „אויפוועקען דעם אידען" וואס שלאפט אין דעם היגען איד, איז אוי לי אם אומר, אבער אוי לי אם לא אומר, טויזענד מאל וועה וואלט מיר געווען ווען איך וואלט געווען, חס ושלום, א כובש נבואתי, און ניט זאגען דעם אמת, רבותי ! איך וועק צו סליחות ! איך טהו מיין הייליגע פליכט, ואתם עשו את שלכם ! איהר דארפט אבער טאן אייער הייליגע פליכט : פערגעסט ניט אידישע קינדער ערציהונג, שבת, כשרות, טהרת המשפחה, די זיילען פון יודענטהום ! און דאן וועט דער רבונו של עולם אויף אייך ניט פערגעסען.

פערגעסט ניט, רבותי ! דאס אונזערע חכמים זכרונם לברכה, האבען געזאגט דאס דוד המלך עליו השלום האט געהאט גרוים צער, — ווען אידען וועלען אמאל זינדיגען, וואס וועט זיין א כפרה אויף זייערע זינד ? האט איהם גאט פערזיכערט דאס ווען צרות וועלען קומען אויף אידען, זאלען זיי אלע זיך פעראייניגען אין איין פערבאנד, זיי זאלען זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד און זיי זאלען זאגען פאר גאט ס ל י ח ו ת און דאן וועט זיי גאט ענטפערען, און דאן, זאגען אונזערע חכמים, האט גאט געצייגט משה רבינו ווי אזוי דער חזן דארף זיך איינוויקלען אין טלית און ווי מען דארף סליחות זאגען. (תנא דבי אליהו זוטא, פ' כ"ג, ט"ז, סימן תקפ"א, בשם זכרון משה).

רבותי ! מיר טארען זיך אליין ניט נארען, יעצט איז די צייט וואס מיר דארפען זיך אלע פעראייניגען אין איין גרויסען הייליגען רעליגיעזען פערבאנד,

וועט זיין ר י נ ה — געזאַנג, אָבער ווי קומט דאָרט ת פ ל ה ? ריכטיגע, היילינע תפלות קען נור זיין אין א פּלאַץ וועלכער איז אַ מקום קדוש א גאַנצען יאהר, און ניט אין א פּלאַץ וואו א גאַנץ יאהר איז דאָס א „מקום טמא“ און צוליב עטליכע דאָלער ווערט דאָס פאַרוואַנדעלט אום ימים נוראים אין אַ מקום קדוש ? מיר קלאָגען דאָך היינט ביי נאַכט צו סליחות „זבול בית מקדשינו חרב בעינינו, טירתינו היתה לשמה, יופי אדמתנו לזרים, כחנו לנכרים,“ מיר וויינען צו גאָט ווייל אונזער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, און מיר שעמען זיך ניט, דאָס מיר אליין מאַכען חרוב אונזער קליינעם בית המקדש : דאָס איז די שוהל וועלכע איז יעצט אין גלות אַ „מקדש מעט,“ וועלכע ליידט פון שלעכטע קאָנקורענטען ימים נוראים און פון וועניג רוח הקודש אין זיי א גאַנצען יאהר.

און ניט אומזיסט ברעכט אוים א שרעקליכער געוויין אין שוהל ווען דער חזן זאָגט הארציג „אל תשליכני מלפניך,“ וואַרף אונז ניט אוועק פון דיר, ורוח קדשך אל תקח ממנו, און נעהם ניט צו פון אונז דיין היילינען גייסט, דעם רוח הקודש, וואלטען מיר ניט געווען צו פיעל קערפּערליך, צו פיעל פארטהן מיט דעם ג ו ף, וואָלטען מיר נעהענטער געווען צו אונזער נשמה, דאַן וואָלטען מיר באַזיצען ניט קערפּערליכקייט, זאָנדערען גייסטליכקייט, און א פאָלק וואָס באַזיצט „רוח הקודש“ וואָלט ניט דערלאָזען צו אזא שרעקליכען פארברעכען, צו אזא גרויסען קאָלאָסאַלען, נאציאָנאַלען אומגליק, צו פארנאַכלעסיגען די אידישע ערציהונג פון זיינע קינדער, גיט אַ קוק, איך בעט אייך, אין אַלע אונזערע שוהלען, ווער פאַקט אָן די שוהלען? די זקנים, די אלטע לייט, די אלטע אבער ניט די יונגע, וואו זיינען אונזערע יורשים, וואו זיינען די י ו נ ג ע אידען? וואו זענען אונזערע זיהן און טעכטער? זיי זענען ניטאָ ! אומזיסט אייער זוכען, און ווען איהר זעהט יונגע קינדער קומען אלע מאָל אין שוהל, קענט איהר זיכער זיין, אז דאָס זענען א ב ל י ם, קדיש זאָגער, וועלכע קומען אין שוהל צוליעב א טויטען פאטער אָדער צוליעב א טויטע מוטער, ווען ניט די קדיש זאָגער און די אבלים וואָלט איהר קיין יונגען אידען קיין מאָל אין שוהל ניט געזעהען, אָך און וועה איז צו א פאָלק וועלכע האָט צו טאָן מיט אלטקייט און האָט ניט אונטער זיך די יוגענד, דאָס איז די גרעסטע און שרעקליכסטע טראַגעדיע : א פאָלק אָהן קינדער ! מיר לעבען אין א צייט פון א ל ט ק י י ט, די כחות געהען אוים, און דאָס מיינען מיר ווען מיר זאָגען היינט ביי נאַכט און א טיעפער קרעכץ רייסט זיך ארוים פון אונזער הארצען „אל תשליכנו לעת זקנה“ וואַרף אונז ניט אוועק, רבונו של עולם, אין א צייט פון אַלטקייט, וואו קיין יוגענד איז ניטאָ, עס איז נור דאָ א „עת זקנה,“ ככלות כחנו אל תעזבנו, ווען אונזערע קרעפטען געהן אוים, די קרעפטען פון א פאָלק איז די יוגענד, ווען אָבער מיר פארלירען דאָס וויכטיגסטע, דאָס היילינסטע, דאָס נויטיגסטע, דאַן אל תעזבנו ! פאַרלאָז אונז ניט, גרויסער גאָט !

און ווי שרעקליך אָרעם עס קלינגט אונזער תפלה היינט ביי נאַכט, „לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כי אם כדלים וכרשים דפקנו דלתיך,“ מיר קלאַפּען אין דיינע טויערען, אין די שערי רחמים, היינט, יעצט, האַלבע נאַכט, ווי בעטלער, ווי שנאָרער, מיר האָבען לעצטען יאהר גאָר ניט אויפגעטאָן, זביגי

אידישע ערציהונג ; עס איז ניטאָ געגוג תלמוד תורה׳ס און ישיבות, און די וועלכע זיינען דאָ, האָבען ניט גענוג קינדער אין די קלאַס צימערען ; און די וועלכע האָבען גענוג קינדער צום לערנען, האָבען ניט גענוג געלד צו האָבען די מעגליכקייט צו אָנשטעלען אמת׳ע גוטע לעהרער און פרינסיפּאַלס וועלכע זאָלען קענען ממשות׳דיגס אויפטאָן פאַר אונזערע יונגע קינדער, פאַר דעם נייעם צוקינפטיגען דור. וואָס האָבען מיר געטאָן פאַר חינוך הבנים ? וואָס האָבען מיר געטאָן פאַר שמירת שבת ? פאַר אויפהאַלטען אידישקייט אין דיזע לאַנד ?

פאַרצייטען, פלעגען אונזערע גוטע און פרומע עלטערען זאָרגען גאַנ׳ץ ווענינ פאַר׳ן קערפּער, פאַרן ג ו ף. דער וואָס איז געווען גראָב און אומוויסענד, האָבען זיי איהם געגעבען דעם נאָמען „בעל גוף,“ דאָס איז געווען די גרעסטע, די ערגסטע באַליידיגונג. זיי, אונזערע פאַרצייטיגע אידעאַליסט׳ישע עלטערען, פלעגען נור זאָרגען צופרידען צו שטעלען די נ ש מ ה , ווייל ווען די הייליגע געטליכע נשמה איז צופרידען, דאַן, און נור דאַן, קען דער איד זיין צופרידען און גליקליך.

היינטיגע צייטען אָבער איז פונקט פאַרקערט : מיר לעבען יעצט אין א מאַטעריאַליסטישע וועלט. די נשמה שפּילט קיין ראָליע ניט. קיינער רעכענט זיך ניט מיט דער מענשליכער נשמה. מען זוכט גאָרניט צופרידען צו שטעלען די נשמה, מען זוכט נור איין זאַך : נאָכגעבען דעם קערפּער מיט זיינע ליידענ־שאַפטען, נאָכגעבען און צופרידען שטעלען דעם ג ו ף. און אז מיר קומען היינט ביי נאַכט צו סליחות, זיינען מיר זיך מתודה פאַר׳ן רבונו של עולם, מיר זאָגען איהם, דעם בוחן כליות, דעם ריינעם אמת — הנשמה לך — די נשמה באַלאַנגט אין גאַנצען צו דיר גאָט, די נשמה בענקט צו גאָטהייט, זי וויל זיך באהעפטען אין גאָט, אין איהר מקור און שורש, והגוף ? אָבער דער גוף איז ניט לך, שטרעבט ניט, וויל ניט, און בענקט ניט צו דיר גאָט, נור הגוף שלך, ער איז דיין אייגענטהום, הגוף „פעלך,“ דער גוף איז דיין ארבייט, ווילסטו — איז ער געזונט ; ווילסטו ניט — ווערען די אויגען פון גוף בלינד, די הענד און די פיס און דער מאָגען און אלע גלידער קענען זייער ארבייט ניט טאָן ווי געהעריג איז, און דער מענש, דער „בעל גוף,“ אָדער ער ווערט קראַנק, אָדער ער שטאַרבט אָפּ אין גאַנצען. און דער „בעל גוף“ בעט גאָט — חוסה על עמלך — האָב רחמנות, טהו עפּעס, העלף צוליב דעם כבוד פון דיין הייליגען נאָמען — עשה למען שמך !

וואָלטען מיר אָבער געזאָרגט צופרידען צו שטעלען אונזער הייליגער נשמה, וואָלטען מיר היינט ביי נאַכט צו סליחות געהאַט א חשבון הנפש מיט זיך אליין, וואָלטען פילע פון אונזערע ברידער ניט געגאַנגען הערען סליחות זאָגען ווי מען געהט צו א קאָנצערט, אָדער אין א וואדעוויל פּלאַץ, צו געהן קויפען טיקעטס און געהן „הערען סליחות זאָגען“ אין א פּלאַץ וועלכער איז ניט פּאַסיג פאַר א מקום קדוש. מיר זעהען יעצט הענגען „סיינס“ אויף יעדען מואַווינג פּיקטשור פּלאַץ, אויף יעדען טאַנץ־זאַל — לשמוע אל הרנה ואל התפלה — עס קען אפשר זיין דאָס אין יענע אונאַנשטענדיגע פּלעצער פאַר א מקום קדוש,

געוואָרען אין א שרעקליכען גיהנם, א קעסעל פון פאַרדאָרבענהייט, אז עס וואָלט געווען אונמעגליך צו לעבען אין אזא וועלט. מענשען וואָלטען דאן פאַר־לאָרען דעם לעצטען פונק פון מענשליכקייט, מען וואָלט אויפגעהערט אין גאנצען מורא האָבען פאר גאָט, און די וועלט וואָלט געוואָרען א שטייג פון ווילדע חיות, ווען אָבער א איד זינדיגט אמאָל און טהוט תשובה מיט אן אמת, און בעט גאָט סליחות, ער זאָל איהם פארצייען, און ער וויים און פיהלט דער זינדיגער, אז דער רבונו של עולם ווי א גוטער פאָטער האָט איהם מוחל געווען, און במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, דער געווע־זענער זינדיגער, דער יעצטיגער בעל תשובה, פארנעהמט א וויכטיגען, באַ־דייטענדען פלאץ אין דער אידישער וועלט, דאן פיהלט ער אויף זיך א הייליגע פאראנטוואָרטליכקייט, און ער וועט שוין מורא האָבען צו זינדיגען נאָך אמאָל. „כי אתך הסליחה למען תורא, דו, רבונו של עולם, ביזט מוחל א אידען זיינע זינד, אום מען זאָל פאר דיר מורא האָבען!

און ווען מיר שטעהען אין שוהל היינט ביי נאכט צו סליחות און מיר בעטען ביי גאָט ער זאָל אונז מוחל זיין, דארפען מיר, רבותי, מוחל זיין איינער דעם צווייטען. זאָל אונזער אידישע הארץ ריין זיין, ניט קיין קנאה ניט קיין שנאה, ניט קיין פרוד לבבות — אין אזא הייליגען מאָמענט, ווען מיר דארפען אלע אין גיכען באגעגענען דעם נייעם יאָהר.

טייערע עלטערען! זייט מוחל אין היינטיגע סליחות נאכט אייערע זיהן און טעכטער וועלכען גיבען אייך ניט אָפּ קיין ריכטיגען כבוד אב ואם, וועלכע זיינען מחלל שבת ויום טוב, וועלכע היטען ניט קיין כשרות, וועלכע געהען ניט אין דער אלטער הייליגער טראדיציאנעלער אידישער וועג, אייך טהוט געווים וועה די הארץ, איהר זענט פיליכט בייז אויף זיי וואָס איהר זענט געקומען צו סליחות און זיי פארברייגגען היינטיגע נאכט אין א פלאץ וואו איהר ווילט ניט לײדען, זייט זיי מוחל, זייט מוחל די זינד פון אייערע קינדער, זיי זענען דאך ניט שולדיג, זיי האָבען דאָך ניט גענאָסען קיין אמת'ע נוטע, אידישע ערציהונג, זיי זענען דאָך פרעמד פון אלע אונזערע הייליגע אוצרות, וואָס זענען זיי שולדיג? די אידישע אמעריקאנער קינדער, ווען מען וואָלט זיי געגעבען א גוטע אידישע ערציהונג וואָלטען זיי געווען די בעסטע קינדער, זיי וואָלטען ווירקליך געווען א שטאָלץ פאר אונזער פאָלק, אָבער יעצט ביי די איצטיגע אומשטענדען זיינען זיי, נעבעך, קרבנות פון א שלעכטע אידישע ערציהונג, זייט זיי מוחל!!

רבנים, דרשנים און מטיפים! היינט איז דאָך א נאכט פון פארגעבונג, איהר דארפט פארגעבען, איהר דארפט מוחל זיין די פרעזידענטען, די גבאים, די מעמבערס פון אייערע שוהלען, וועלכע, מאנכע פון זיי, ווייסען נעבעך, ניט אז מען דארף אפגעבען כבוד די תורה און די טרעגער פון דער תורה, דאָס זענען אונזערע רבנים, זאָלען געזונט זיין, זיי ווייסען נעבעך ניט וואָס הייסט באמת א רב, וואָלטען זיי דאָס יאָ געוואוסט, וואָלטען זיי געלערענט און פאַר־שטאנען גאָט'ס תורה, וואָלטען זיי געוואוסט ווי נויטיג איז פאר דעם כבוד־פון אידענטהום, פאר די טובה פון זייערע אייגענע קינדער, וועלכע דארפען

ביז וואנענט וועלען מיר זיין „דלים ורשים?" ביז וואנענט וועלען מיר זיין אזוי אָרים גייסטליך? ביז וואנענט וועלען מיר זיין קינדערלאָז? לאָמיר זיך אַלע פאראייניגען צו טאָן אויף דעם נייעם יאהר "חסד ומעשים," לאָמיר אויפלעבען אונזער אידישע יוגענד, זאָלען מיר ערציהען אונזערע יונגע אידישע קינדער אין דעם גייסט פון אונזער הייליגער תורה. און דער רבונו של עולם וועט אונז שיקען זיין ברכה אויף דעם נייעם יאָהר, ער וועט אונז געבען גליק און א כתיבה וחתימה טובה, און ביאת הגואל צדק במהרה בימינו, אמן ! ואמן !

סליחות

יעצט, האַלבע נאַכט, ווען די נאַטור און מענשען שלאָפען ; יעצט, ווען מיליאָנען און מיליאָנען מענשען ליגען אויף זייערע בעטען און רוהען זיך אויס פון זייער טאָג ארבייט ; יעצט, אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, האָבען מיר זיך צונויף געקומען אַלע צוזאמען אין גאָט'ס הויז, אין שוהל, אויסגיסען אונזער הארץ פאר גאָט, און בעטען אונזער גאָט, דעם גאָט פון ס ל י ח ו ת, פון פארצייאונג : רבונו של עולם, סלח לנו ! פארצייע אונז ! זיי מוחל !

א נייעם יאָהר דארפען מיר באגעגנען, אָט נאָך אביסעל און מיר וועלען זיך זעגענען מיט דעם אלטען־יאָהר תרפ"ה און מיר וועלען אם ירצה השם באגעגענען דעם נייעם יאָהר תרפ"ו. און די הארץ ציטערט און קלאפט; ווער ווייס וואָס די צוקונפט האט אנגעגרייט פאר אונז? די צוקונפט איז דאָך פאר־דעקט און באהאַלטען פון אונז, קיינער ווייס ניט וואָס מאָרגען וועט זיין, און אין אזא וואונדערליכע, ערנסטע, הייליגע, סליחות שטונדע שרייען מיר צום רבונו של עולם, פארגיב אונזערע זינד, סלח לנו !

ווען דער זינדיגער וואָלט געוואוסט אז זיינע זינד וועלען קיינמאָל ניט פארגעבען ווערען, אז עס העלפט ניט קיין תשובה, דאן וואָלט זיך די וועלט געטרונקען אין א שרעקליכען גרויסען ים פון שמוץ און זינד. מענשען וועלכע זינדיגען, און וועלכער מענש זינדיגט דאס ניט? — כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא — עס איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט אזא צדיק וועלכער זאָל זיין גאנצען לעבען טאָן נור גוטס און קיינמאָל ניט זינדיגען, א שטערבליכער מענש, א בשר ודם, פלייש און בלוט, מוז אמאָל זינדיגען, ווען דער מענש אָבער וועלכער האָט זיך אמאָל באנארישט און האָט געזינדיגט, ווען ער וואָלט געוואוסט אז עס איז ניטאָ פאר איהם קיין סליחה ומחילה, עס העלפט ניט קיין תשובה, ער איז א פארפאלענער, וואָלט מיט איהם פאסירט ווי מיט יענעם מאן וועלכער האָט באשלאָסען צו איבעראנדערשען זיין לעבען, אָנהויבען פיהרען א נייעם לעבען, א ריינעם, א הייליגען, צו טאָן תשובה. האָט זיין פרוי איהם געזאָגט : דו פוסטער, ליידיגער מענש ! דו ווילסט תשובה טאָן ? וועט דיר דען העלפען די תשובה ? אפילו דעם גארטעל וואָס דו טראָגסט איז דאָך ניט דיינער, ווען מען דענקט אזוי, אז אלעס איז שוין פארפאלען, און מען האָט שוין גאָר ניט וואָס אָן צו ווערען, דאן פאלט דער מענש וועלכער האָט אמאָל געזינדיגט, אזוי נידעריג, וואָס נידעריגער קען ניט זיין, און לאָזט זיך אריין אין אזוינע שרעקליכע פארדאָרבענע וועגען, פון וועלכע ער קען שוין ניט קומען צוריק, אזוי אז אָהן סליחה ומחילה וואָלט די גאנצע וועלט פארוואנדעלט

דאָך איז משה רבינו געשטראָפט געוואָרען דערפאר וואס ער האט געזאָגט צו גאָט „והן לא יאמינו לי,“ דאָס די אידען וועלען איהם ניט גלויבען, און ישעיה הנביא איז געשטראָפט געוואָרען דערפאר וואָס ער האָט געזאָגט אויף אידען „ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב,“ ״דאָס אידען זיינען א פאָלק פון טמא ליפּען. און טאקי דערפאַר האט דער באוואוסטער גאון ר' יונתן פּרעגער ז"ל, געזאָגט אין זיין דרשה צו סליחות, דאָס אזוי ווי ער האָט מורא זאָגען מוסר, פּילייכט וועט ער זיך אויסריידען מיט א שלעכט וואָרט חס ושלום אויף אידען, דערפאר האָט ער באשלאָסען ער וועט ריידען נור דאָס וואָס געפינט זיך שוין אין ספרים, ער וועט זאָגען מיט זיין מויל די ווערטער וועלכע זיינען אָפּ־געדרוקט אין פארשידענע מוסר ספרים וועט ער זיין ווי אן אינסטרומענט אין וועלכען מען רעדט אריין און ער גיט נאכהער ארויס אָט די ווערטער וועלכע מען האָט אין איהם אריינגערעדט, און דאָס זאָגט גאָט צום נביא ישעיה: „קרא בגרון אל תחשוך, שריי מיט'ן האלז, ניט דו שרייסט, ניט דו רעדסט, נור דיין האלז, כשופר הרם קולך, הויב אויף דיין שטימע פונקט ווי א שופר, דער שופר וועקט צו תשובה, דער שופר מיט זיין בלאָזען, איז דער גרעסטער מוסר זאָגער, קיינער אָבער האָט אויף איהם קיין פאראיבעל ניט וואָס ער שטראָפט און וועקט, ווייל, אלע ווייסען, אז ער איז ניט שולדיג, ער גיט נור ארויס דאָס וואָס דער בעל תוקע האָט אין איהם אריינגעבלאָזען, „כשופר הרם קולך, והגד לעמי פשעם ולבית ישראל חטאתם.“ און דאן ווען דו גיבסט איבער וואָס די ספרים הקדושים האָבען אין דיר אריינגערעדט, דאן קענסטו און דארפסטו זאָגען מיין פאָלק זייערע זינד און זייערע פארברעכענס, ווען רבנים און דרשנים זאָגען מוסר צו סליחות און צו ימים נוראים, דארפט איהר אויף זיי קיין פאר־דרוס ניט האָבען, זיי זאָגען דאָס וואָס די תורה האָט אין זיי אריינגערעדט, יעדער רב, יעדער דרשן, איז א שופר, א לעבעדיגער שופר, ער גיט אייך ארויס די געדאנקען, די געפיהלען, די מחשבות פון די אידישע ספרים וועלכע ער לע־רענט און שטודירט, די רבנים וועלען אייך מוחל זיין, איהר דארפט די רבנים מוחל זיין, און גאָט ברוך הוא וועט אונז אלעמען מוחל זיין, און וועט אונז געבען א נייעם גליקליכען יאהר, און מיר וועלען זוכה זיין צו ישועות ונחמות, צו א ביאת הגואל. אמן! ואמן!

ראש השנה

דער איד וויל לעבען. די תפלות וועלכע ריידען וועגען לעבען. וואָס מיינט לעבען? ווי אזוי קען מען לעבען גליקליך? א הייליגער לעבען. ראש השנה און יום כפור.

היינט איז א נייער יאהר, מענשען ווילען לעבען, און גוט לעבען, און ווען א איד קומט אין שוהל ראש השנה, קומט ער אויסבעטען ביי גאָט א גוטען יאהר. און ווען ער בעט זכרנו לחיים, כתבנו בספר החיים, און אלע תפלות וועלכע אין זיי בעט דער איד גליק און לעבען אויפ'ן נייעם יאהר, דאן צייגט דער איד ארויס זיין גאנצען פארלאנג צו לעבען א גליקליכען לעבען. ווען צום ביישפּיעל

דאָך רעספּעקטירען דאָס אידענטהום און די רבנים וועלכע זענען די פּארטרע־טער פון אידענטהום, צו געבען זייערע רבנים פּרנסה בכבוד, דער רב מוז אַרויס־געהן שעהן געקליידעט, ער מוז האָבען זעהר שעהנע צימערען צום וואָהנען, דאָס ווען אַ איד באַזוכט די הויז פון רב זאָל ער דרך ארץ און רעספּעקט האָבען, ער זאָל לעבען אַ פיינעם לעבען און דערצו פּאָדערט זיך פיעל געלד, און די געמיינדע באַדאַרף דאָס איהם באַזאָרגען, דער רב דאַרף זיין דער אמת'ער און דער איינציגער גייסטליכער פיהרער פון זיין געמיינדע, פון זיין שוהל. אָבער ווען מאַנכע פּרעזידענטען און פיהרער פון קהלות און פון שוהלען זענען, נעבעך, ווייט פון דעם רוח התורה, ווייסען זיי ניט און פאַרשטעהען ניט די נויטיגקייט צו אויסהאַלטען בכבוד זייער רב, אַנדערע ערנידעריגען זיין כבוד וועלכער איז דאָך גלייכצייטיג דער „כבוד התורה,“ איהר דאַרפט אָבער, רבנים, היינט ביי נאַכט צו סליחות מוחל זיין מיט'ן גאַנצען האַרצען אייערע פּרעזי־דענטען און מעמבערס וועלכע האָבען קעגען אייך געזינדיגט לעצטען יאהר, און איהר דאַרפט בעטען גאָט פאַר זייער געזונט און גליק, ווייל אָט די אַלע פּרעזידענטען און מעמבערס פון שוהלען קומען דאָך היינט ביי נאַכט צו סליחות און זיי זאָגען דאָך מיט טרערען אין די אויגען „לא הקשבנו לשמוע למוכיחים, אנחנו נרדחים, נהרגים, נשחטים ונטבחים, שורדנו מתי מעט בין קוצים כסוחים,“ מיר האָבען ניט געוואָלט הערען צו אונזערע פיהרער וועלכע האָבען אונז גע־שטראָפט, און דערפאַר ווערען מיר אויסגע'הרג'עט, מיר ווערען געקוילעט און געשאָכטען, מיר זיינען געבליבען אַ קליין הייפעל צווישען שטעכעדיגע דערנער! זיינען ניט די ווערטער פון סליחות אַ שרעקליכער ו ד ו י וואָס דאָס פאָלק איז זיך מתודה דאָס אַלע צרות, אַלע אומגליקען זיינען אויף אונז געקומען נור דערפאַר ווייל מיר האָבען ניט געוואָלט הערען אונזערע מוכיחים! מיר האָפען אַז פון היינטיגע סליחות נאַכט און ווייטער, וועלען אונזערע פיהרער פון די שוהלען אָנפאַנגען זיך בעסער צו הערען צו אונזערע רבנים, צו אונזערע מ ו כ י ח י ם, די דרשנים און מטיפים, און דאַן וועלען מיר אַלע פון קיינע שלעכטעס ניט וויסען.

רבותי! פון היינט ביי נאַכט פאַנגט זיך אָן מיין הייליגע און שווערע ארבייט פון זאָגען התעוררות און זאָגען מ ו ס ר דעם עולם, דאָס איז אַ הייליגע ארבייט אָבער אויך אַ געפעהרליכע, ווייל ערשטענס, האָט דער עולם ניט ליב קיין מוסר, און ער האַסט דעם יעניגען רב אָדער מגיד וועלכער וואַרפט זיי דעם אמת אין פּנים אריין, זיי זאָגען ניט ער זאָגט מ ו ס ר, נור זיי זאָגען ער זידעלט זיך, אָבער דיזע אורזאַכע איז ניט וויכטיג גענוג, ווייל אַ רב, אַ דרשן, אַ מטיף, וועלכער איז ווערטה צו טראָגען אָט דיזע הייליגע פאַר־אַנטוואָרטליכע נעמען, ער ווייס זיין הייליגע פליכט און ער האָט דאָס וואָס ער דאַרף טאָן, ניט וואָס דער עולם וויל, עס איז אָבער אַ גרעסערע געפאַהר, די געפאַהר איז אַז מען זאָגט מוסר רעדט מען דאָך שלעכטס אויף אידען, און דער רבונו של עולם וויל ניט מען זאָל ריידען שלעכטס אויף אידען אַז אפילו משה רבינו, און ישעיה הנביא, וועלכע זיינען געווען הייליג און גרויס אָהן אַ שיעור, און האָבען ליב געהאַט אידען מעהר ווי מיר קענען זיך פאַרשטעלען, און

ווען א איד קומט צו אזא הויכע מדרגה, ווען א איד פילט אוים זיין לעבען מיט קדושה וטהרה, ווען יעדער מינוט פון זיין לעבען טהוט ער עפעס אויף, שאפט און ווירקט, דאן איז דער איד וועלכער העלפט צו פארשטארקען תורה און אידישקייט אליין א געהאָלפענער, א גליקליכער, ניט אומזיסט האָט ער געלעבט אויף דער וועלט. ער האָט געהאָלפען צו מאכען שטארק דאָס אידענ־טהום, און מיט דיזע הייליגע ארבייט, האט ער געהאָלפען זיך אליין, זיין נשמה האָט אין דיזע הייליגע ארבייט איהר תיקון געפונען, אזא ישועה א געטליכע ישועה וואָס קומט צו אויסלייזען די מענשליכע נשמה און באפרייען איהר פון נשמה שקלאפעריי, און מאכען איהר געטליך פריי. אזא הילף, אזא געטליכע נשמה ישועה מוז קומען דורך א „הארה אלהות,“ א געטליכע באַ־לייכטיגונג, די נשמה פון דעם אידען ווערט דאן באלויכטען מיט פונקען און שטראהלען פון דער שכינה, פון גאָטהייט. און אָט די באלייכטונג פארטרייבט אלע אינערליכע זעעלען טונקעלקייט, אלע פגימות פון דער געטליכער נשמה, און „אור זרוע לצדיק“, און אָט די אור, וועלכע איז געטליך, ברייננגט די גליק־ליכע געטליכע הילף, די אינערליכע בארוהיגונג פון דער מענשליכער נשמה, און שאפט אונענדליכען גליק, די העכסטע אינערליכע געטליכע גליק וואָס די מענשליכע פאנטאזיע קען זיך פאָרשטעלען. און אָט דיזע געטליכע ליכטיג־קייט ווערט געשאפען ראש השנה, ווייל די ראש השנה׳דיגע סביבה, די שוהל, דער הארציגער גוטער חזן, די געטליכע נשמה׳דיגע תפלות, די שטימונג פון יום הדין, די ווארימע, באגייסטערטע, פייערדיגע דרשה פון דעם רב פון שוהל, אָט די אלע זאכען צוזאמען גענומען באלייכטען די אידישע הארץ און נשמה, און אָט די ליכטיגקייט ברייננגט צו תשובה, און פון ראש השנה ביז יום כפור זיינען די עשרת ימי תשובה. און ווען עס קומט יום כפור, דער „יום גדול, קדוש ונורא“, איז דער איד אין גאנצען א געהאָלפענער, א גליקליכער, אן אָט דאָס האָבען פארשטאנען אונזערע חכמים זכרונם לברכה, און זיי דריקען אוים דיזען פילאָזאָפישען געדאנק אין א פּאָר ווערטער„רבנן פתרין קרא בראש השנה ויום הכפורים, אורי — בראש השנה, וישעי — ביום הכפורים (מדרש וי״ר פרשה כ״א, ירושלמי פ״ז יומא).

ראיש השנה קומט די ליכטיגקייט פון דער נשמה, וועלכע פיהרט צו די אמת׳ע ישועה, צום גליק פון דעם אידישען געטליכען לעבען, וועלכער ווערט פאָלשטענדיג אום יום כפור.

און מיר בעטען דיך, רבונו של עולם, שלח אורך ! שיק דיין געטליכע ליכטיגקייט, מאך ליכטיג מיט די שטראלען פון גאָטהייט אונזערע הערצער און נשמות, און שיק דיינע ברכות און ישועות אויף די מיליאָנען אידען וועלכע קומען אין דיזען הייליגען טאָג בעטען זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים. זאָלען מיר האָבען א נייעם גליקליכען יאָהר. אמן !

עס קומט צו דער תפלה פון ונתנה תקף וואו דארט ווערט באהאנדעלט דער גאנצער פראצעס פון לעבען, אז אום ראש השנה שרייבט מען, אום יום כפור פאר'חתמ'עט מען פיעל מענשען זאלען דעם קומענדען יאהר אוועק פון דער וועלט, און פיעל זאלען געבוירען ווערען „מי יחיה ומי ימות", ווער זאל בלייבען לעבען אויפ'ן נייעם יאהר, און ווער עס זאל שטארבען, ווער עס זאל שטארבען א נאטירליכען טויט, און ווער זאל שטארבען פאר דער צייט, ווער זאל לעבען א רוהיגען לעבען, און ווער זאל לעבען א לעבען פון צרות, פון דאגות, פון עגמת נפש, און יסורים, און קראנקהייט, ווער עס זאל פאראָרימט ווערען, און ווער עס זאל רייך ווערען, ווער עס זאל אויפ'ן נייעם יאהר געפינען זיין טויט אין וואסער, און ווער עס זאל חס ושלום פארברענט ווערען, ווען אט דאס ווערט געזאגט, איז דער ארון קודש אין שוהל אפען, דער גאנצער עולם שטעהט אויף די פיס, אין שוהל הערשט אן אויסערגעוועהנליכע הייליגע שטימונג, ווייל דער איד פיהלט דאן זיין לאגע, אז דא האנדעלט זיך יעצט וועגען זיין גאנצען לעבען, וועגען די צוקונפט און שיקזאל פון זיין לעבען, דאס גלייכען ווען עס קומט צו דער תפלה „אבינו מלכנו כבוש כעסך וכלה דבר וחרב ורעב, ווי נור די תפלה ריהרט אן די סטרונעס פון דעם ווירקליכען לעבען, דאן שטורעמט אויף די שוהל, די הערצער קלאפען, און די נשמה ציטערט, ווייל עס איז גאנץ נאטירליך, דער איד וויל לעבען.

ווען אבער מיר אלע וואלטען געוואוסט דעם סוד פון לעבען, וואס מיינט לעבען? וואס איז דער זין פון לעבען? וואס איז דער תכלית פון לעבען? לעבען מיר? ווארום ווילען מיר לעבען? האט אונזער לעבען א אינהאלט? אין וואס דארף זיין דער אינהאלט פון לעבען? און ווען קען אונזער לעבען זיין אינטערעסאנט, נוצליך, אינהאלטסרייך, און ווען קענען מיר שאפען גליק אין לעבען? ווען מיר וואלטען זיך ראש השנה אפגעשטעלט אויף דיזע וויכטיגע, ערנסטע, טיפע, פילאזאפישע פראגען, דאן וואלטען מיר געמוזט קומען צום באשלוס דאס נור דאן קען דער לעבען האבען פאר אונז א ווירקליכען ווערטה, נור דאן קען אונזער לעבען ענטהאלטען אינהאלט, און גליק, ווען אונזער לעבען איז א ריינער, הייליגער לעבען, ווען מיר שאפען עפעס מיט אונזער לעבען, ווען מיר בויען, פלאנצען, העלפען, ווען מיר האבען עפעס אויפגעטאן פאר די צוקונפטיגע קומענדע דורות. ווען מיר ווען מיר ווילען אוועקגעהן פון דער וועלט, אין דעם לעצטען מינוט פון אונזער לעבען, ווען מיר ווילען זאגען דעם לעצטען „גוד באי" צו דער וועלט אין וועלכער מיר האבען געלעבט, זאלען מיר קענען זיך פיהלען גליקליך אז מיר לאזען איבער די וועלט שעהנער און בעסער און הייליגער ווי ווען מיר האבען איהר געטראפען, ווייל מיר האבען געגעבען אונזער מארך, אונזער צייט, אונזער הארץ און נשמה צו פארבעסערען די וועלט. מיר האבען געהאלפען פארשטארקען דאס אידענטהום דא אין לאנד, מיר ווילען אלע שטארבען, ווייל מיר זענען דאך ניט מעהר ווי שטערבליכע מענשען, אבער מיר ווילען דאן ניט אפשטארבען אין גאנצען, די פרוכט פון אונזער מארך, צייט און געלד האבען מיר איבערגעלאזען נאך זיך, אונזערע מעשים ווילען בלייבען לעבען.

רעליגיעזער ציטער עס באהאלט זיך אין דער נשמה פון יעדען אידען. מען איז הייליג פרעהליך, און די שמחה פון יום טוב, פון די פייערונג פון דעם נייעם יאהר זעהען זיך אָן אויף די ראש השנה'דיגע מחזורים נאסע ווארימע אידישע טרעהרען, אויף דעם נייעם יום טוב'דיגען בגד וואָס די אידישע מוטער מאַכט זיך לכבוד ראש השנה, פאַלט א טרער, א טרער פון א מאמען, וועלכע בעט גאָט ראש השנה אין שוהל אז זי זאָל דערלעבען שוין צו פיהרען איהר טאָכטער צו דער חופה, און איהרע קינדער זאָלען אידען בלייבען, און נאָך פארשידענע בקשות וואָס א מוטערליכע הארץ בעט ביי גאָט ראש השנה אין שוהל. ראש השנה צייגט אָן ווי אזוי ביי אידען דארף געפייערט ווערען א יום טוב, ניט ווי ביי זיי, ביי די גוים, ניט מיט שכרות און קערפער פרייד, נור מיט תפלות און „שמחת הנפש.“ און דערפאַר איז דער ראש השנה אונ־זערער, דער פרינץ פון אלע אונזערע ימים טובים א גאנצען יאהר. ראש השנה איז דער תכלית פון אלע ימים טובים, ווי אונזערע חכמים ז"ל זאָגען „תכלית המועדים ראש השנה,“ (מדרש, מובא בשל"ה בסידורו).

און דורך די הייליגע תפלות פון ראש השנה, דורך די פייערדיגע הייליגע ראש השנה שטימונג, ראש השנה סביבה, ווערט דער איד ניי באשאפען. ראש השנה איז דער ווידערגעבורט פון יעדען אידען, ווי דער מדרש זאגט: „אמר להם הקב"ה מכיון שנכנסתם לדין לפני ראש השנה, ויצאתם בשלום, מעלה אני עליכם כאילו נבראתם בריה חדשה“ (ראש השנה פ"ד, ומדרש רבה אמור).

גאָט אליין, כביכול, זאָגט צו אידען, זענט איהר געקומען ראש השנה פאר מיר צום יום הדין און זענט ארויס בשלום, דאן זאָלט איהר וויסען, דאָס איהר ווערט ניי געבוירען, און איהר דארפט אָנפאנגען לעבען אין דעם קומענ־דען יאָהר א נייעם לעבען, שעהנער, בעסער, הייליגער ווי איהר האט געלעבט דעם לעצטען יאהר, און דאן וועט אונז גאָט געבען א נייעם גליקליכען יאָהר, א כתיבה וחתימה טובה, אמן! ואמן!

ראש השנה

אמרו מלאכי השרת לפני הקדוש ברוך הוא, רבונו של עולם! מפני מה אין אומרים לפניך ישראל שירה בראש השנה וביום הכפורים? אָמר להם: אפשר, מלך יושב על כסא דין, וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו, וישראל אומרים שירה?! (מסכת ראש השנה).

א שטורעמדיגע צייט. די סכנה פון אונזערע קינדער. לעבען קערפערליך און טוידט גייסטליך. אידישע ערציהונג.

היינט, ראש השנה, ווען מיר שטעהען אלע צום יום הדין, דער יום הדין פון יחיד, פון דעם איינצעלנעם אידען, און דער יום הדין פון פעלקער און פון אלעם וואָס לעבט און ווירקט, ווי מיר זאָגען אין מחזור: כבקרת רועה עדרו מעביר צאנו תחת שבטו, כן תעבור ותספור ותמנה ותפקוד נפש כל חי: אזוי ווי דער פאסטוך וועלכער באזוכט זיין סטאדע, ער פיהרט די שעפסען און צעהלט זיי איבער אונטער זיין רוט, אזוי, דו, גאָט, דו צעהלסט און דערמאָנסט

ראש השנה

תכלית המועדים ראש השנה (מדרש).
ראש השנה און די אידישע ימים טובים. די מנהגים פון ראש השנה. שמחה געמישט מיט טרויער. שמחת הגוף און שמחת הנפש. דער איינפלוס פון ראש השנה.

גרויס, שעהן און הייליג זענען אלע אידישע ימים טובים. יעדער יום טוב ברייננט אריין א הייליגע באגייסטערונג, אן אידעאל, אן אוצר פון קדושה אין דעם לעבען פון יעדען אידען, א וואָכעדיגער מגושם׳דיגער לעבען איז ארעם, פוסט, ליידינ, אינהאלטסלאָז, קומט דער אידישער יום טוב און צוטרייבט די וואָכעדיגקייט, די ז ו ה מ א פון לעבען. די נשמה ווערט אויסגעלייטערט, דער מענש באקומט פליגלען, ער ווערט גייסטיג העכער ווי געוועהנליך, די נשמה באקומט איהר נשמה וואקיישאָן, דער איד ווערט א פרינץ אין זיין יום טוב. גרויס, זעהר גרויס איז דער מאָראלישער איינפלוס פון די אידישע ימים טובים.

ניט אלע פון אונז ווייסען אבער ווי אזוי אויסצונוצען אָט דיזע יום טוב שטימונג, אָט די קדושה פון די אידישע ימים טובים און באהאלטען זייער מאָראלישע השפעה אויף דעם געוועהנליכען אלטעגליכען לעבען פון א גאנצען יאָהר, קומט דער יום טוב ראש השנה, דער פרינץ פון אלע אידישע ימים טובים, און ער איז דער לעהרער, דער וועג ווייזער פון אלע אונזערע אידישע ימים טובים.

ראש השנה איז אייגענטליך א יום טוב ווי אלע ימים טובים. עס ווערט דאָך געפייערט דער נייער יאָהר, מען טאָר דאן קיין ארבייט ניט טאָן, אזוי שטעהט אין דער תורה „בחדש השביעי באחד לחדש יהי לכם שבתון,“ דער ערשטער טאָג פון תשרי, ראש השנה דארף זיין שבתון, פאָלשטענדיגע רוהע, און „כל מלאכת עבודה לא תעשו“ קיין ארבייט קיין מלאכה, טאָר נים געטאָן ווערען (ויקרא כ״ג — כ״א), און מיר געפינען אין אונזער תנ״ך דאָס עזרא הסופר האָט געלייענט אין דער ספר תורה פאר׳ן עולם אום ראש השנה, האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבן וויינען, האָבען עזרא און נחמיה, די צוויי גרויסע אי־דישע פיהרער, געזאָגט צו די אידען : געהט אהיים, עסט און טרינקט וואָס אייער הארץ גלוסט, און שיקט מתנות אויף יום טוב צו דעם וואָס האָט ניט, ווייל היינטיגער טאָג איז א הייליגער, און איהר זאָלט ניט זיין אומעטיג, ווייל גאָט׳ס פרייד וועט אייך שטארקען — לכו אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות לאין נכון לו, כי קדוש היום לאדונינו, ואל תעצבו, כי חדות ה׳ הוא מעוזכם (נחמיה ח׳ ב׳ י׳), און עס איז א מנהג צו אָנטאָן זיך ראש השנה אין ווייסע, קלאָרע, ריינע בגדים, עס איז יום טוב ! ! און מען עסט דאָך ראש השנה ביינאכט זיסע עפּעל מיט האניג, און מען מאכט שהחיינו אויף א נייע פרי די צווייטע נאכט פון ראש השנה, און מען עסט גוטע יום טוב׳דיגע סעודות. עס איז יום טוב ! און דאָך טוען אידען ראש השנה ווי דער תהלים זאָגט „וגילו ברעדה,“ מען פרעהט זיך טאקע, מען ווינשט איינער דעם צווייטען „גוט יום טוב !“ און „לשנה טובה תכתבו !“ און דאָך וואָס פאר א

שמחות, גיבען ניט קיין קרעכץ אויף אונזער אומגליק, ווייל זיי האָבען ניט גענאָסען א גוטע, אידישע ערציהונג, אין אזא אומרוהיגע צייט איז א געפאהר דאָס אונזערע קינדער וועלען חס ושלום ברעכען און פארניכטען אלעס וואָס אלט און הייליג איז ווען מלך יושב על כסא דין, ווען א מלך ווערט גע׳משפט. ער זיצט על כסא דין, און בלייבט שולדיג, וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו, אונזערע קינדער, דער יונגער דור, זיינען חיים און מתים צוזאמען, קערפערליך זיינען זיי חיים, זיי אלע זיינען געזונט און שטארק, גאָט צו דאנקען, שפיעלען באָל, האָבען פארשידענע „עקסערסייזעס“ און פארשידענע אמערי־קאנער „גיימס“, קערפערליך זענען זיי פול מיט לעבען, אָבער גייסטליך, וואָס אָנבעלאנגט צו אידישקייט, צו ש״ס ופוסקים, צו תורה ומצות, וועה איז מיר, איך מוז דאך דעם שרעקליכען ביטערען אמת זאָגען זענען זיי דאך מ ת י ם. טויט פון אלעס וואָס עס איז אידיש, געפינען זיי זיך דערפאַר בספרי חיים ובספרי מתים, אין אין א צייט ווען מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מות פתוחים לפניו, אין אזא שרעקליכע צייט, וישראל אומרים שירה? קענען דען אידען זינגען, איז דאָס מעגליך? !

רבותי ! ווען א שטורעם איז אויפ׳ן גאס, עס קערט וועלטען, עס רייסט דעכער, ווארפט פענסטער, שטורעמט, ברומט, ברעכט, ווארפט, לויפט די גוטע געטרייע מוטער און נעהמט אריין איהרע קינדער אין שטוב אריין, פאר־מאכט די טירען און די לאָדען און היט איהרע קינדער פון די בייזע ווינטען. מיר לעבען יעצט אין א שטורעמדיגע צייט, דאָס איז ווי מען זאָגט אין העברע־איש „תקופת המעברה“, אן איבערגאנגס צייט. עס איז א שטורעם, די וועלט האָט זיך צוקאָכט, עס שטורעמט, עס ברענט, עס פייערט, די חיה אין דעם מענשען וועלכער האָט ניט קיין געטליכע תורה, האָט זיך צוקאָכט. אין אזא שטורעם, אין אזעלכע בייזע ווינטען, היט אייערע קינדער זיי זאָלען ניט אוועק אין דעם שטראָם און שטורעם פון לעבען, גרינדעט גוטע סיסטע־מאטישע תלמוד תורות און ישיבות וואו עס זאָל אלעס געלעהרענט ווערען על פי התורה והמצוה, האלט זיי דאָרטען וואָס לענגער, דאן ווען דער שטורעם וועט אויפהערען, די ווינטען וועלען זיך איינשטילען, די זון וועט אָנפאנגען צוריק שיינען פאר אונז אין אונזער לאנד, אין ארץ ישראל, דאן וועלען מיר נחת האָבען פון אונזערע שטורעם קינדער.

דערוויל חנוך לנער על פי דרכו, און הקדוש ברוך הוא וועט אונז היטען אויף דעם נייעם יאָהר, און מיר וועלען זוכה זיין צו א שנת חיים ושלום, גאולה ליעמנו ולארצנו והרמת קרן תורתנו הקדושה, אמן ! ואמן !

היינט, אום ראש השנה, די נשמה פון יעדער לעבעדיגען וועזען, היינט, אין דיזען יום הדין, אין דעם „יום הזכרון“ דארפען מיר זיך דערמאָנען און פאַרשטעהן די צייט אין וועלכע מיר לעבען. מיר לעבען יעצט, רבותי, אין אַ אויסערגעווענליכע שרעקליכע און שטורמדיגע צייט, די וועלט שאָקעלט זיך, זי קען זיך ניט בארוהיגען פון די שרעקליכע וועלט מלחמה וועלכע האָט זיך ניט לאַנג געענדיגט אָפיציעל און וועלכע ווערט נאָך פאָרטגעזעצט אין די מחות און הערצער פון פעלקער און רעגיערונגען, אין אַ צייט ווען עס איז אַ שאַנדע און אַ געפאהר צו זיין אַ קעניג פון אַ נאציאָן, ווייל קעניגע טרייבט מען ארויס פון זייער לאַנד, מען האַקט קעניגליכע קעפּ. אזא לאַנד ווי רוסלאַנד האָט מעהר ניט קיין צאַר, דייטשלאַנד האָט מעהר ניט קיין קייזער, און אין אַנדערע לענדער קומט אויך פאַר פארשידענע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אין אַזא צייט ווען די וועלט משפט דעספּאָטיזם, אין אַ צייט ווען דער קעניג זיצט אַ פאַר'משפט'ער פאַר'ן פאָלק, איז אַ סכנה, אַ גרויסע סכנה, דאָס די אומרוהיגקייט פון דער וועלט וועט אָנקלעפּען זיך אויך אָן אונזער יוגענד די אידישע יוגענד, וועלכע ווערט שנעל בעאיינפלוסט, און וויל נאָכטאַנצען נאָך די פרעמדע, ניט אידישע באַוועגונגען, און ווען זיי האַלטען אין ברעכען און צושטערען אַלעס וואָס אַלט איז, קענען זיי נאָך חס ושלום ברעכען אונזער אַלטע הייליגע אמונה, אונזערע אַלטע טראַדיציעס און מנהגים, און אַלעס וואָס ביי אונז דאַרף זיין ליעב, הייליג און טייער. האָט דאָך דאָס פּאַסירט אין רוסלאַנד אַז אונזער יוגענד וועלכע קוועלען אָן וואָס מען האָט ארונטער געזעצט דעם דעספּאָטישען צאַר, די זעלבע יוגענד וויל אויך אָפּטוייטען די אַלטע הייליגע אידישע רעליגיאָן, און מיר ווייסען דאָך אַלע וואָס די אידישע באָלשעוויקעס אין סאָוויעט רוסלאַנד טוען בנוגע צו ברעכען די אידישע אמונה, די האָר שטעלט זיך קאַפּויר, די בלוט, די אידישע בלוט, פריהרט אין די אָדערען ווען מיר דערמאָנען זיך זייערע שרעקליכע ווילדע מעשים תעתועים. אָט די אומעטיגע געדאַנקען, רבותי, מוטשען מיך און וואהרשיינליך פיעלע אַזעלכע ווי איך וועמעס הארץ בלוטעט צוזעהענדיג דעם גרויסען אידישען חורבן.

און אויף היינטיגער שטורעמדיגער, רעוואָלוציאָנערער צייט פּאַסט זיך זעהר גוט די מליצה פון דער גמרא און מדרש: „אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה: רבונו של עולם, מפני מה אין ישראל אומרים לפניך שירה בראש השנה ויום הכפורים“? די מלאכים פון הימעל פרעגען גאָט אום ראש השנה, פאַרוואָס זאָגען די אידען קיין שירה צו גאָט אום ראש השנה און יום כפור. ענטפערט גאָט צו די מלאכים: אפשר מלך יושב על כסא דין, וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו, וישראל אומרים שירה! אַ בריליאַנטענער געדאַנק וועלכער שטעלט פאַר היינטיגע לאַגע, איז באהאַלטען אין דיזען מאמר „מלך יושב על כסא דין“: אין היינטיגער צייט ווען עס איז אַ סכנה צו זיין אַ מלך פון אַ לאַנד, ווען מען זעצט אַוועק דעם מלך אויף דער באַשולדיגונגס באַנק, אויף דעם כסא הדין, און אין דער זעלבער צייט אונזערע קינדער געניסען ניט קיין ברעקעל אידישע ערציהונג, ווייסען אבסאָלוט גאַר ניט פון אידישקייט, זענען טויט פאַר אונזער נאציאָן, פרעהען זיך ניט אין אונזערע

מזבח הפנימי," אין דער הארץ, אין דער נשמה פון יעדען אידען איז דאָ א מזבח, וואו ער פארברענט אלע זיינע ליידענשאפטען, דאָס איז א „מזבח הפנימי", א אינערליכער מזבח, און דער י ס ו ד פון אָט דעם מזבח הפנימי איז דער איל, דער מסירת נפש, די עקידה, וואו דער פאָטער ברייננגט זיך און זיינע קינדער אלס קרבנות אויף דעם הייליגען מזבח פון א גוטע, אידישע ערציהונג . . . „גידיו של איל כנגד הנבלים של כנור שהיה דוד מנגן בהם," די אָדערען פון דעם איל זיינען אקעגען די סטרונעס פון דוד המלך'ס פידעל אויף וועלכען דוד פלעגט שפיעלען און זינגען, דוד איז דער ביישפיעל, דער סימ־באָל פון דאָס אידישע פאָלק אין גלות, דער לעבען איז ביטער, מען פארפאָלגט פון אלע זייטען און דער 17 מיליאָנענדיגער דור, די כנסת ישראל, דאָס אידישע פאָלק איז אָפּטימיסטיש, איז פרעהלעך . . . די פידעל און דער [illegible]לים באַ־שיצען דעם אידען פון אלע צרות, ווען פון אלע זייטען איז פינסטער, „חצות לילה", האלבע נאכט, די רעכטע צרות, און דוד זינגט . . .

„עורו של איל הוא אזור מתניו של אליהו," די פעל פון דעם באראן איז דער גארטעל פון אליהו הנביא — דער געדאנק איז: אליהו הנביא איז דער בילד, דער ביישפיעל, דער סימבאָל פון דאָס אידישע פאָלק, אליהו, דאָס אידישע פאָלק ווערט פארפאָלגט פאר'ן אמת, פאר'ן גרויסען געטליכען אמת, האָט א שרעקליכע מלחמה מיט די פאלשע נביאים פון אלע זייטען . . . קעמפט פאר גערעכטיגקייט און דאָס אלעס דורך „עורו של איל", דער דעם וואונדער־בארען כח פון מסירת נפש! „קרניו של איל של שמאל תקע בו הקדוש ברוך הוא על הר סיני, שנאמר ויהי קול השופר הולך וחזק מאד," די תורה קען ניט געהיט, געשטודירט און געלעהרענט ווערען נור דורך גרויסע קרבנות, דורך מסירת נפש. „קרן של ימין גדול מן השמאל, ועתיד לתקוע בו בקבוץ גליות לעתיד לבא, שנאמר והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול," און דער רעכטער הארען פון דעם באראן איז נאָך גרעסער ווי דער תורה הארען, אין איהם וועט גאָט בלאָזען אין משיח'ס צייטען און וועט מיט יענעם שופר צונויף רופען די אידען פון דער גאנצער וועלט אין ארץ ישראל, צו דער גאולה.

דער שופר איז דער קרן פון דעם איל, פון דער עקידה, פון מסירת נפש. גענוג מסירת נפש האָבען אידען געצייגט אין די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר, גענוג בלוט האָבען מיר פארגאָסען, בלוט פון קדושים . . . קדושים פון תורה, פון אמונה און אין די לעצטע צייט האָבען מיר אידען וועלכע זענען געשטאָרבען „על קדושת הארץ" האָבען פארגאָסען בלוט פאר ארץ ישראל . . . און אָט די הייליגע מסירת נפש בלוט, אָט די קדושים בלוט זאָל פאראייניגען די אידי־שע לאנד, ארץ ישראל ,די תורה, גאָט, און דאָס אידישע פאָלק!

שאָ! מיר הערען די טריט פון משיח! דער שופר של משיח לאָזט הערען זיין שטארקע גאולה שטימע, לשנה הבאה בירושלים! ! !

ראש השנה

אידישקייט פאַרערט קרבנות. די האַרץ איז דער מזבח. דוד המלך און זיין פידעל. אליהו הנביא'ס גאַרטעל. דער שופר און די תורה. דער שופר של משיח.

עס איז אוממעגליך צו בלייבען א ריכטיגער גוטער איד אָהן מסירת נפש. אידישקייט פאַדערט קרבנות: שמירת שבת קאָסט גוטע געלד; צו ערציהען אין אמעריקא קינדער וועלכע זאָלען ריכטיגע אידען בלייבען דערצו פאַדערט זיך קרבנות, כשרות קאָסט געלד און צייט, און ווען עס קומען אָן צייטען אין וועלכע מען צווינגט דעם אידען ער זאָל זיך שמד'ען — און אזוינע צייטען האָבען מיר געהאַט מעהר ווי גענוג — דאַן מוז דער איד פארגיסען זיין לעצטען טראָפּען בלוט, געהן צום טוידט מיט פרייד און שטאַרבען א איד.

אונזערע אידישע געטליכע געלעהרטע ז"ל האָבען געזאָגט: אותו האיל שנברא בין השמשות, לא יצא ממנו דבר לבטלה," דער באַראַן, דער איל, וועלכער איז באשאפען געוואָרען פאַר נאכט, איז אלעס וואָס ער פאַרמאָגט איז צונוץ געקומען: „אפרו של איל הוא יסוד של מזבח הפנימי, גידיו של איל הם עשרה, כנגד עשרה נבלים של כנור שהיה דוד מנגן בהם, עורו של איל — הוא אזור מתניו של אליהו, קרניו של איל — של שמאל תקע בו הקב"ה על סיני, שנאמר ויהי קול השופר וכו', וקרן של ימין הוא גדול מן השמאל, ועתיד לתקוע בו בקבוץ גליות לעתיד לבוא, שנאמר והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול, (פרקי דרבי אליעזר, פרק א'), דאָס מיינט: די אַש פון דעם באַראַן וועלכען מען האָט געבראַכט פאַר א קרבן צו דער עקידה אנשטאַט יצחק'ען, די אַש איז דער פונדאַמענט פון דעם אינערליכען מזבח, די אָדערען פון דעם איל זענען קענען די סטרונעס פון דוד המלך'ס פידעל מיט וועלכע דוד פלעגט שפּיעלען, די פעל פון דעם איל — איז אקעגען דעם גאַרטעל פון אליהו הנביא, די הערנער פון דעם איל, מיט דעם לינקען האָרען האָט גאָט געבלאָזען אויפ'ן באַרג סיני ווען ער האָט די תורה געגעבען, און דער האָרען דער רעכטער איז פיל גרעסער ווי דער לינקער, און גאָט וועט בלאָזען אין איהם שופר ווען משיח וועט קומען.

זעהר א טיפער פילאָזאָפישער געדאַנק ליגט באהאַלטען אין דיזען מאַמר: דער איל פון יצחק צו דער עקידה איז דער סימבאָל פון מסירת נפש, פון זעלבסט אויפאָפּפערונג. דער איל, דער כח פון מסירת נפש, ווערט באשאַפען, ער צייגט זיך ארויס אם מעהרסטענס אין דער תקופה, אין דער צייט פון א בין השמשות, א צייט וועלכע איז צווישען ליכטיגקייט און פינסטערניש, צווישען טאָג און נאכט, אזוי ווי אונזער יעצטיגע צייט אין וועלכע מיר לעבען יעצט: פון איין זייט פארגעהט די זון פון יודענטהום, פון דעם צווייטען זייט זעהען מיר די אויפלעבונג פון ארץ ישראל און נייע תלמוד תורה'ס און ישיבות ווערען געגרינדעט, דאָס איז „בין השמשות", שבת פאַר נאכט, דער שבת דאַרף נאָך קומען! . . . אָט דער איל פון דער עקידה, דער סימבאָל פון מסירת נפש, לא יצא ממנו דבר לבטלה. זיין איינפלוס איז טיעף און גרויס אין אלע צייטען פון דער אידישער געשיכטע, „אפרו של איל הוא יסוד של

אין אמעריקא בעסער, זיכערער, פעסטער, און דערפאר פיהלט איהר דאָ כמעט ניט דעם ימים נוראים.

אָט, אין דער אַלטער וועלט, פלעגט די שוהל פערציטערט ווערען, איבער־הויפט צו ונתנה תוקף. מען קען ניט איבערגעבען מיט ווערטער וואָס יעדער איד האָט דאן געפיהלט, ווען עס האָט זיך געלאָזט הערען דעם חזן׳ס שטימע:

מי יחיה ומי ימות.

שטעהט א מוטער אין ווייבערשער שוהל און גיסט מיט טרערען, איהר זוהן פאָהרט, נעבעך, נאך אמעריקא, עלענד ווי א שטיין, אפשר וועט ער דאָרט קיין מנוחה ניט האָבען, וועט פערגעסען אויף דער מאַמען, און וועט אפילו דער מאמען א בריוועלע ניט שרייבען? און א צווייטע אידישע מוטער וויינט מיט די לעצטע כחות — 4 קינדער האָט זי אויפגעהאָדעוועט מיט איהר בלוט, און וואו זענען זיי יעצט? אין אמעריקא, אין ענגלאנד, אין קאנאדא, און אין אפריקא. זיי אַלע האָבען איהר געשיקט פאָטאָגראפישע בילדער. אויף די ווענט פון איהר אָרימע הויז הייגגען די בילדער פון איהרע קינדער, אָבער וואו זענען די קינדער אליין, וואו? אה, ווי זי וואָלט וועלען זעהען זיי, ריידען צו זיי, הערען זייער לעבעדיגע שטימע, דריקען זיי צו איהר הארץ, די הארץ פון א מוטער, אָבער וואָס העלפט די רייד, אויסגעהאָדעוועט קינדער און פון זיי איז נור בילדער געבליבען, און די תחינה האלט זי פעסט אין איהרע הענד, און וויינט, וויינט....

און, אויסער דעם, דער פערצייטיגער איד, איז געווען נעהענטער צום רבונו של עולם, האָט געפיהלט טיעפער, שטארקער, די הייליגקייט פון יודענ־טהום, און דאָרט וואו קדושה איז פאראן, דאָרט איז אויך מורא און שרעק פאראן, ווען יעקב אבינו געהענדיג פון באר שבע צו חרן און פיהלענדיג פלוצים א שרעקליכע מורא, שטעהט אין דער תורה — וייראַ יעקב ויאמר מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים — ווען יעקב באקומט מורא, פערשטעהט ער אז וואהרשיינליך איז דאָ קדושה. ווען מען זעהט אָן אמת׳ען קדוש, באקומט מען מורא פאר איהם, און דערפאר די מורא פאר ימים נוראים, די מורא פאר׳ן יום הדין, די מורא פאר גאָט׳ס משפט. מיר אָבער, רבותי, זענען אמעריקאניזירט געוואָרען, קעלטער געוואָרען צו אידישקייט: מען קומט ימים נוראים אין שוהל מיט א רעקאָרד פון חלול שבת, טרפות, קינדער וואקסען ניט קיין אידען, די קאָפ טראכט ניט אידישע הייליגע געדאנקען, די הארץ פיהלט ניט אידיש, מען לעבט אין א פרעמדע גוי׳אישע וועלט, מען איז פערהאָוועט אין דער וועלט, אַלעס ווערט דאָ געמאכט, געמאנופעקטשורט, מען מאכט א לעבען, מען מאכט געלד. און אז מען קומט ראש השנה אין שוהל אין גאנצען קאַלט, פרעמד פון גאָט, פון אידען און אידישקייט, טאָ פון וואַנען זאָל קומען דער שרעק, די מורא פון יום הדין, וואצו זאָל מען וויינען?

ביי די עלטערע אידען. אידען פון דעם אַלטען דור, קענט איהר נאך הערען א קרעכץ, א פרומער פאָטער גיט א זיפץ און קלערט, אפשר וועט זיינע טאָכטער ארונטער פון גלייכען וועג? וועט ער האָבען א קדיש נאך זיך ווען

לראש השנה

בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם שבתון זכרון תרועה מקרא קודש : מלאכת עבודה לא תעשו, והקרבתם אשה לה׳ (ויקרא כ׳, ג׳).

ראש השנה ! נייער יאהר ! געלויבט איז השם יתברך וואָס מיר האָבען דערלעבט דעם נייעם יאהר, און אין שוהל הערט זיך א געוויין, א קרעכץ, איבערהויפט פון דער ווייבערשער שוהל. וואָס וויינט איהר, אידען ? ווארום וויינט איהר, אידישע פרויען ? איהר לייענט אין מחזור דאָס היינט איז א יום הדין, מיר שטעהען היינט אין דעם העכסטען וועלט־געריכט, פאַר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה, און טאַקע דערפאר וויינט זיך, מען קלערט און מען שרעקט זיך : גאָט ווייס, וועלען מיר אַלע דערלעבען קומענדען יאהר ? און ווער ווייסט וואָס עס קען נאך פאַסירען אין דעם נייעם יאהר ?

אָבער מערקווירדיג, ווי גרויס איז דער אונטערשיעד פון זיי ביז אונז : זיי, די אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען אויך זייער ראש השנה, זייער ניי יאהר, זיי וויינען ניט, זיי ניסען ניט קיין טרערען, איהר וועט ניט הערען פון זיי קיין קרעכץ, ניט קיין זיפץ, פערקעהרט, מען פרעהט זיך, מען הוליעט, ווארום זאָל מען זיך ניט פרעהען ? עס איז דאָך א נייער יאהר! און מען באגעגענט דעם נייעם יאהר ניט מיט טרערען און מען שיקט ניט קיין קרעכצען און זיפצען מקבל פנים זיין דעם נייעם יאהר, נור אדרבא, מען באגעגענט איהם מיט מיוזיק, מיט וויין, מען קלאַפּט טרעוואָגע, מען פויקט און מען פייפט, די שמחה איז גרויס, א גאסט אין שטעדטעל, דער נייער יאהר איז געקומען ! און ווארום, פרעגט זיך, באגעגענען מיר אידען, דעם נייעם יאהר מיט טרערען און יללות ווי מען באוויינט א טוידטען ? עפענט אויף די גאנצע דרוש ליטעראטור ביי אידען, קוקט דאָרט איבער, זייט מוחל, אַלע דרשות פון ימים נוראים, און א שרעקליכער אומעט וועט פערכאפּען אייער נשמה, געדאנקען און משלים וועלכע סטראשען אייך מיט דעם טוידט, מיט אומגליק, און דער גאנצער לעבען אין אלול און אביסעל אין תשרי, איז א לעבען פון קרעכצען און וויינען, ווארום איז דאָס אזוי ? ווארום ?

דער תירוץ איז : זיי, די אנדערע פעלקער, באגעגענען דעם נייעם יאהר, מיר אידען, ווען מיר באגעגענען דעם נייעם יאהר, באוויינען מיר האָן און מיר מאַכען א הספד אויף דעם אלטען יאהר. יעדער יאהר לאָזט איבער נאך זיך א טייך פון אידישע בלוט, פון אידישע צרות, פאגראָמען, גזירות, רדיפות, גרושים, פערפאָלגונגען, ערנידערונגען, באליידיגונגען, און אורטהיילענדיג נאך די שלעכטע מעשים פון דעם אלטען יאהר, שרעקט מען זיך פאַר דעם נייעם יאהר, ווער ווייס וואָס פאַר א צרות ער וועט ברייננגען אויף אונז, און דערפאַר די שרעק, די אומרוהיגקייט, די טרערען, באגלייט מיט א קרעכץ און זיפץ. איהר וועט דערפאר ניט געפינען אין אמעריקא די שרעק און אומעט און קרעכצען און זיפצען וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט ימים נוראים אין דער אלטער וועלט אויף יענער זייט ים, ווייל די אידישע לאגע בכלל איז

פשוט פערגעסען אויף די אידישע נשמה'לעך פון די אידישע קינדער. אָבער היינט, ראש השנה, היינט איז דער יום הדין, יום הזכרון, ווילט איהר אז דער העכסטער ריכטער פון דער וועלט, דער רבונו של עולם, זאָל אייך דערמאנען צו גוטען? דערמאנט די נשמות פון אייערע קינדער, בעשליסט צו געבען זיי א גוטע אידישע ערציהונג, שטיצט די הייליגע תורה אנשטאלטען, תלמוד תורה'ס און ישיבות, ווייל כי הם חיינו ואורך ימינו, תורה גיט אונז לעבען, אונזער תורה איז „תורת חיים," און נור דאן וועט איהר זיין בערעכטיגט צו בעטען ביי גאָט — זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים, דערמאָן אונז צום לעבען, וכתבנו בספר החיים, און שרייב אונז אריין אויף דעם נייעם יאהר אין דעם בוך פון לעבען.

און די הייליגקייט פון ראש השנה פון דעם יום הזכרון, פאנגט זיך אָן מיט א טאָג צוריק, מיט ערב ראש השנה. און דער ירושלמי דערצעהלט אונז דאָס ר' יונתן פלעגט פאסטען ערב ראש השנה (ירושלמי, תענית, ב' ג', נדרים ה' ב'), און דערפאר ווערט געבראכט אין שלחן ערוך דאָס „נוהגין להתענות ערב ראש השנה" עס איז א מנהג ביי אידען צו פאסטען ערב ראש השנה (שו"ע או"ח, תקפ"א, ב') אום מען זאָל זיך צוגרייטען צו די הייליגקייט פון דעם יום הדין. און דערפון נעהמט זיך דער מנהג צו געהן אויף דעם הייליגען אָרט ערב ראש השנה, באזוכען די טוידטע, זעהען די קברים, דעם סוף פון דעם מענשליכען לעבען, און טהיילען צדקה צו אָרימע לייט אויף דעם הייליגען אָרט. און טאַקע דערפאר דאַרף מען זיך טובל זיין ערב ראש השנה, אַרום וואשען זיך, אַרום שערען זיך, מאכען זיך ריין און הייליג און דערמאָנען זיך אויף די גרויסע הייליגע ווערטער פון דעם געטליכען נביא ישעיה — רחצו! הזכו! הסירו רוע מעלליכם מנגד עיניכם! — וואשט זיך איין! ווערט ריין! זייט קלאָהר, ווארפט אוועק אייערע שלעכטע מעשים!

ראש השנה! היינט, רבותי, איז א טאָג פון תשובה, פון חשבון הנפש, עפעס דאַרף אויפגעטאָהן ווערען היינטיגען טאָג, מען טאָר ניט שלאָפען היינט! דער ירושלמי זאָגט — דער וואָס שלאָפט אום ראש השנה, שלאָפט זיין מזל — פערשלאָפט ניט אייער צייט! וואָס וואָלט איהר געדענקט ווען איהר האָט זעהר א וויכטיגען משפט אין די העכסטע קאָורט פון לאנד, און אייער לעבען אָדער טוידט ווענדט זיך אָן דעם פסק דין פון דעם ריכטער, וואָלט איהר דאַן, ווען דער שרעקליכער משפט קומט פאָר, זיך געגאנגען שלאָפען לעגען? איז דאָס מעגליך?

רבותי! בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון, כמה יעברון וכמה יבראון, מי יחיה ומי ימות, מלאכים ציטערען אין הימעל, זיי שרייען מיט הייליגע ציטערנים: הנה יום הדין! אָט איז דער יום פון דין, היינט שרייבט מען ווער עס זאָל בלייבען לעבען און ווער עס זאָל פער'משפ'ט ווערען צום טוידט, און מיר וועלען שלאָפען געהן?

היינט איז דער יום הדין! די וואָס האָבען מחלל שבת געווען! וואָס האָבען טרפות געגעסען! די יעניגע עלטערען וועלכע האָבען ניט געגעבען

ער וועט שטארבען ? די פרומע מוטער קלערט איבער : אפשר וועט סומען דער שרעקליכער טוידט און וועט ארויסרייסען איינעם פון די קינדער חס ושלום, מען איז דאך ביי גאט אין די הענד, קיינער ווייס ניט וואס מארגען וועט זיין, מען שטעהט דאך אויף אין דער פריה, מען געהט אוועק צו דער ארבייט, צו געשעפט, און מען קומט ניט צוריק, אן אומגליק טרעפט אויף דער „סאבוועי" אויף דער „קאר," אן אטאמאביל פאהרט איבער, און — צדקה תציל ממות, אויס לעבען, יונגערהייט פון דער וועלט אוועק. און דערפאר איז ביי אונז אידען אומעטיג און שרעקעדיג אין די „ימים נוראים," שרעקעדיגע, מורא'דיגע טעג. לאמיר אבער ערציהען אונזערע קינדער אין דעם גייסט פון דער אידישער תורה, לאמיר ארבייטען פאר די וויעדעראויפלעבונג פון ארץ ישראל, וועלען מיר דאן פיהלען א פעסטען באדען אונטער אונזערע פיס, א פאלק וואס לעבט אין אן אייגענע לאנד זארגט ניט, ווייגט ניט, קרעכצעט ניט, א פאלק וואס לערענט גאט'ס תורה איז שטארק און דארף פאר קיין זאך קיין מורא ניט האבען, דאן וועלען מיר פאלגען דעם ווילנער גאון ז"ל און מיר וועלען ניט וויינען ראש השנה און יום כפור און מיר וועלען באגעגענען דעם נייעם יאהר אין ארץ ישראל אין דער בחינה פון וגילו ברעדה, אין דער ציטערנים פון יום הדין וועט זיין פרייד, די פרייד פון א פאלק וואס היט זיין געטליכע תורה, רעדט זיין אייגענע העברעאישע שפראך, אין זיין אייגענע הייליגע לאנד. לאמיר דאס דערלעבען צוזאמען מיט אונזערע קינדער און מיר אלע זאלען האבען א כתיבה והתימה טובה וגאולה שלמה, אמן, ואמן !

לראש השנה

דער יום הזכרון. יום הדין. ערב ראש השנה. רבנים און פרעזידענטען. דער פרעהליכער איד. די באדייטונג פון לעבען. שמואל הנביא און ר' יוחנן בן זכאי.

צעהן טעג פון תשובה האבען מיר, צעהן טעג פאר דער נשמה, צעהן טעג פון רייניגען די אידישע הארץ. און היינט, ראש השנה, איז דער ערשטער טאג פון די „עשרת ימי תשובה," פון די צעהן תשובה טעג, און היינט איז דערפאר „יום הזכרון" דער טאג פון גערענקען, פון דערמאנען זיך פון דאס וואס מיר טארען ניט פערגעסען און מיר פערגעסען אזוי אפט.

יום הזכרון ! אט שטעהט א קינד אין א שוהל און „דערמאנט" זיך אין דעם יום הזכרון ווי קאלט און פרעמד ער איז צו זיינע עלטערן, ער האט פערגעסען שרייבען א בריוועלע צו דער מאמען ; אט דערמאנט זיך א איד, אז ער האט לעצטען יאהר ניט געהיט שבת ; אט שטעהען היינט אין שוהל יום טוב'דיג פערפוצט פאטערס און מוטערס און דערמאנען זיך אין דעם „יום הזכרון" אז זייערע זיהן און טעכטער האבען ניט געקראגען קיין אידישע ערציהונג, זיי ווייסען ניט פון דער אידישער תורה, פרעמד, ווילד פרעמד איז פאר זיי אלע אונזערע גרויסע הייליגע גייסטליכע אוצרות. און אט די קינדער וועלען דאס אויסוואקסען פרעמד צו אידען און אידישקייט. אה, ווי שרעקליך, ווי גרויס איז דער אומגליק ! פון צופיעל ארבייט, ביזנעס, דאגות, האט מען

וכתבנו בספר החיים למענך אלהים חיים ! עס זאָל זיין א ריינער, הייליגער, געטליכער לעבען, עס זאָל געלעבט ווערען. צוליעב גאָט, למענך אלהים חיים, צוליעב דיר גאָט, זאָל מען־לעבען, א לעבען וואָס איז אין גאַנצען געווידמעט צו גאָט, איז א הייליגער און גליקליכער לעבען. זכרנו לחיים, דערמאָן אונז צום לעבען, אָבער וואָס פאר א לעבען ? מלך חפץ בחיים, א לעבען וואָס דער רבונו של עולם, דער מלך פון דער וועלט וויל אזא לעבען.

ווען ר׳ יוחנן בן זכאי איז קראנק געוואָרען, און ער האָט געהאלטען ביי די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען — דערצעהלט אונז די גמרא — זענען אריינגעקומען זיינע תלמידים געוואָרע ווערען איהם. האָבען זיי דערזעהן ווי ער ליגט און וויינט. פרעגען זיי איהם — אונזער לעהרער, דו אידישע ליכט, דו רעכטער זייל פון אידישקייט, דו פטיש החזק, שטארקער האמער, צו קלאפפסט אלע אידישע צרות, ווארום וויינסטו? האָט ער זיי געענטפערט: ווען מען פיהרט מיך משפט׳ען פאר א קעניג, וועלכער איז ניט מעהר ווי פלייש און בלוט, היינט לעבט ער און מאָרגען איז ער אין קבר, וואָלט איך דאָך געוויינט פון שרעק, היינט אז איך דארף באלד שטעהן צום משפט פאר דעם רבונו של עולם וועלכער איז דער מלך מלכי המלכים, דער קעניג פון אלע קעניגע, דארף איך דאָך געוויס וויינען ! — דער גרויסער הייליגער רבי יוחנן בן זכאי וויינט פון שרעק, ער האָט מורא פאר׳ן יום הדין, (ברכות, כ״ח). שאול מאכט דאָס שמואל הנביא ווערט געבראכט פון קבר, און שמואל טענה׳ט צו שאול — למה הרגזתני, להעלות אותי, ווארום האָסטו מיך געמאכט ציטערען, ברייננגען מיר פון קבר ? זאָגען אונזערע חכמים ז״ל „שסבור שהוא יום הדין ונתיירא,״ ער האָט געמיינט אז עס איז דער יום הדין, האָט ער מורא געהאט.

רבותי ! ווען אזעלכע הייליגע אידען ווי שמואל הנביא און ר׳ יוחנן בן זכאי האָבען געציטערט פאר דעם יום הדין, וואָס זאָלען מיר שוין טאָן ווען מיר שטעהען היינט פאר דעם יום הדין ווען מלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון ויאמרו הנה יום הדין לפקוד על צבא מרום בדין כי לא יזכו בעיניך בדין, ווען עס פאלט א שרעק, א ציטערנים אויף אלע הימעלשע מלאכים ? אין דיזען יום הדין, רבותי, לאָמיר ערוואכען צו תשובה, תפלה וצדקה, וועלכע זענען מעבירין את רוע הדין, לאָמיר ערציהען אונזערע קינדער אין דעם אידישען גייסט און מיר וועלען זוכה זיין צו שנת חיים ושלום, כתיבה וחתימה טובה, גאולה וישועה אמן, ואמן.

לראש השנה

אונזערע תפלות. אונזערע קדושים. דער ונתנה תקף. מסירת נפש. קדוש השם. אידישע ערציהונג. אידישע מוטערס און אידישע טעכטער.

עס איז כדאי צו אויסלערנען גוט די העברעאישע שפראך, לשון הקודש, אום צו פערשטעהן די הייליגע תפלות אונזערע. אין וועלכער שפראך איהר וועט זיי איבערזעצען, וועט איהר ניט קענען פיהלען די שעהנקייט און די הייליגקייט פון די תפלות, זאָנדערען אין דער שפראך אין וועלכע זיי זענען

זייערע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג, די וואס האבן מחלל השם געווען, און די וואס האבן מבזה געווען דעם כבוד פון דער הייליגער תורה און פון די וואס לערנען גאט'ס תורה, דעם כבוד פון די רבנים און אלע תלמידי חכמים — אט די אלע שטעהען היינט צום משפט ! עס איז א יום הדין ! אזוי זאגט דאך דער זוהר הקדוש — „דינא קדמאה במאן דלא יוקיר לאורייתא ולעבדוהי (זוהר, פנחס, דף רל"א) — דער וויכטיגסטער משפט איז צו די וועלכע האלטען ניט טייער די תורה און גאט'ס קנעכט, די צדיקים.

א גאנצען יאהר שטעהען די רבנים, די פארשטעהער פון דער אידישער אמונה, די טרעגער פון די געטליכע תורה, זיי שטעהען צום דין ומשפט פאר די פרעזידענטען און מעמבערס פון די שוהלען, וועלכע פערשטעהען ניט ווי צו שעצען און רעספעקטירען זייערע גייסטליכע פארשטעהער, און היינט, צום יום הדין, שטעהען די פרעזידענטען און די מעמבערס פון אלע שוהלען, צום משפט פאר דעם רבונו של עולם און זיי וועלען דאס דארפען ענטפערען ווארום האבען זיי געזינדיגט צו דער תורה און צו איהרע טרעגער און ליכט פער־שפרייטער ?

דער מענש איז זינדיג ! אזוי זאגט דאך אונזער תורה — „כי יצר לב האדם רע מנעוריו," און דער מדרש זאגט אז ראש השנה איז בעשאפען געווארען דער ערשטער מענש — אדם הראשון — און אין דעם זעלבען טאג האט ער געזינדיגט. א מענש איז ניט קיין מלאך — אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" א מענש וועלכער זאל גאר ניט זינדיגען, דאס קען ניט זיין ! אזעלכע צדיקים האבען מיר ניט ! און דערפאר לאמיר ניט זיין פערצווייפעלט, עס העלפט תשובה ביי אידען ! מען דארף ניט זיין מרת שחורה'דיג און אומעטיג אום ראש השנה, אדרבא, מען דארף זיך פרעהען, עס איז יום טוב ! און עס איז א מנהג ביי אידען צו עסען זיסע זאכען און בעטען אז „תתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה," עס זאל בענייט ווערען א גוטער און א זיסער יאהר, גוט און זיס ! תשרי איז דער מזל מאזנים, דער מענשליכער לעבען הענגט אויף א וואגשאל, און דער איד פוצט זיך אויס יום טוב'דיג און פרעהט זיך, ער איז זיכער אז גאט וועט איהם געבען א גוט יאהר.

דער איד איז בטבע אפטימיסטיש, א שמח בחלקו : אין דער צייט וואס דער ניט־איד ווען דער לעבען איז ניט ווי ער וויל, באגעהט ער זעלבסטמארד, האט דער איד באוויזען צו לעבען 2 טויזענד יאהר אין גלות אונטער די שרעקליכסטע אומשטענדען, און לעבען א פולען לעבען, און עס האט ניט פאסירט אז א איד, א פרומער איד, זאל זעלבסטמארד באגעהן. דערפאר דער וואס איז בעקאנט מיט דער גריכישער געשיכטע ווייס דאס זייערע נאבעלע לייט פלעגען באגעהן זעלבסטמארד פאר א קליינע אורזאכע, דאס איז געווען א טעגליכע ערשיינונג, וואס פלעגען זיי טהאן ? פלעגען זיך אוועק זעצען אין א ווארעמע וואנע, פלעגען אויפעפענען זייערע אדערען, און די בלוט פלעגט ארויס רינען פון קערפער ביז דעם לעצטען טראפען, און מען פלעגט זיי געפינען טוידטע אין זייערע ווארעמע וואנעס. דער איד אבער וויל לעבען און קען לעבען און ער בעט גאט אום ראש השנה — זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים,

אלעמען. האָט איהם גערופען צו זיך דער רעגירונג פאָרשטעהער פון מאגאנצא און האט איהם שטארק געבעטען ער זאָל זיך שמד'ען, ווען ער שמד'ט זיך, וועט ער איהם גליקליך מאכען. וויל דאָך ר' אמנון ארויסדרעהען זיך, פטור ווערען פון איהם, זאָגט ער איהם — גיב מיר 3 טעג און איך וועל דיר אן ענטפער געבען. — און ר' אמנון קומט אהיים און ווײנט מיט ביטערע טרערען, וואָס הייסט ער וועט איהם אַן־ענטפער געבען ? מיינט דאָס ער דאַרף זיך מישב זיין, איז דען ביי איהם א ספק ? וואָס האָט ער דאָס געטאָהן ? וועט ער דען זיך שמד'ען ? וועט ער דען ניט פערגיסען דעם לעצטען טראָפען בלוט פאר די הייליגקייט פון דער אידישער אמונה ? און ר' אמנון בעשליסט צו שטארבען על קדוש השם, און ווען מען שיקט נאך ר' אמנון, זאָגט ער צום רעגיערונגס פאָרשטעהער — מיין צונג האָט געזאָגט שקר, איך וויל זיך גאָר ניט מישב זיין, איך בין געבאָרען א איד און וועל שטארבען א איד. — האָט מען איהם גענומען שניידען זיינע גלידער לעבעדיגערהייד, און ביי יעדען אבר וואָס מען האָט געוואָלט רייסען פון איהם, האָט מען איהם געזאָגט : — שמר זיך ! וועט מען דיך ניט שניידען לעבעדיגערהייד — און ר' אמנון האָט איין ענטפער : — איך בין גליקליך צו שטארבען על קדוש השם ! עס איז געוועזען ראש השנה ווען ער איז געלעגען אין גאנצען א צושניטענער, בעפאָר זיין הייליגע נשמה האָט געדארפט ארויס פון איהם, האָט ער געבעטען מען זאָל איהם ברייגנען אין שוהל, נעבען חזן, און אז עס איז געקומען פאר קדושה, האָט ר אמנון געזאָגט צום חזן : — וואַרט ! לאָז מיך מקדש השם זיין פאר'ן טוידט — וואַרט דער חזן, וואַרט דער עולם, א הייליגער היסטאָרישער מאָמענט, און ר' אמנון זאָגט די תפלה זיינע ונתנה תקף, און זאָגט קדושה, און ווי ער ענדיגט דעם ונתנה תקף מיט דער קדושה, איז ארויס זיין הייליגע נשמה בקדושה ובטהרה. איז געקומען נאכהער רבינו קלונימוס און האָט פאנאנדער געשיקט אַט דיזען שטיקעל הייליגען פיוט צו אלע אידישע קהלות פון דער וועלט אלס אייביגען אנדענקונג צו די נשמה פון ר' אמנון, און דערפאר זאָגען מיר דעם ונתנה תקף בעפאָר קדושה ראש השנה און יום הכפורים. (זעה שלשלת הקבלה כ"ו, צמח דוד זייטע 52, אור החיים, זייטע 295, הגהות אשרי ריש מסכת ראש השנה).

דער ונתנה תקף און דער מחבר ר' אמנון דערמאָנען אונז אין די הייליגסטע טעג פון יאהר, ראש השנה און יום כפור, דאָס אנדערש קענען מיר ניט בלייבען קיין אידען, ביידען ווען מיר ווערען זיך קענען מוסר נפש זיין פאר'ן יודענטהום. אזוי האָבען געטאָהן אידען אין אלע צייטען און אין אלע לענדער. ר' אמנון איז ניט געוועזען דער איינציגער קדוש ביי אידען. אידען זענען רייך מיט קדושים, די קדושי האומה, וועלכע זענען געשטאָרבען על קדוש השם מיט „שמע ישראל" אויף זייערע ליפען. ר' אמנון איז נור געוועזען א גוטער נאכפאָלגער פון ר' עקיבא וועלכען מען האָט געריסען זיין פלייש מיט אייזערנע קאמען און ער האָט דאָן, אין די שרעקליכסטע יסורים וואָס א מענש קען האָבען, האָט ער געלייענט קריאת שמע און איז אוועק פון דער וועלט מיט שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד !

געשריבען געוואָרען — אין לשון הקודש, די נאַציאָנאַלע הייליגע שפּראַך פון דאָס אידיש פאָלק. און היינטיגע צייטען ווען מיר האָבען ניט קיין נביאים, ניט קיין בית המקדש וועלכער זאָל מכפר זיין אויף דעם כלל ישראל, איז געבליבען פאַר אונז נור אונזערע תפלות, איבערהויפּט די תפלות פון ראש השנה ויום כפור. און דאָס זאָגט דער מדרש — פנה אל תפלת הערער ולא בזה את תפלתם — (תהלים ק"ב, י"ז), א"ר יצחק, כלפי דורות אמרו שאין להם לא נביא ולא כהן ולא בית המקדש שמכפר עליהם, אלא תפלה אחת שנשתיירה להם שהם מתפללין בראש השנה וביוהכ"פ (מדרש תהלים, ק"ב).

און וואָס פאַר א געטליכקייט און שעהנקייט און פּאָעזי עס ליגט אין אונזערע תפלות בכלל און אין די תפלות פון ראש השנה און יום כפור בפרט! נעהמט אלס ביישפּיעל די תפלה ובכן תן פחדך — יעדער וואָרט איז א מעסעדזש, דער איד בעט אז אלע און אלעם זאָל מורא האָבען פאַר גאָט, און דאָס אלע פעלקער זאָלען זיך פעראייניגען, א ליגע פון פעלקער זאָל ווערען, ועמעס צוועק עס זאָל זיין טהאָן גאָט'ס רצון מיט א גאַנצע האַרץ „ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם" דאָס איז א הייליגער געבעט פאַר דעם גליק פון די אומות העולם, דאָס אלע פעלקער פון דער וועלט זאָלען הייליג און גליקליך זיין, און די תפלה תן כבוד ה' לעמך, איז א געבעט פאַר דעם אידישען פאָלק, א נאַציאָנאַלע תפלה. מען בעט נאָט פאַר דעם אידישען כבוד „כבוד לעמך," מען בעט גאָט פאַר ארץ ישראל, פאַר ירושלים — „שמחה לארצך וששון לעירך," מען בעט גאָט אידען זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות — „צמיחת קרן לדוד עבדך ועריכת נר לבן ישי משיחך" עס זאָל קומען משיח במהרה בימינו. און ווי שטאַרק און מעכטיג איז די תפלה פון ובכן צדיקים — דאָ צייגט זיך ארויס די הויפּט פּרינציפּען פון יודענטהום, דאָס יודענטהום פאָדערט גערעכטיגקייט! דער צדיק זאָל פערנעהמען דעם אויבען אָן פון דער וועלט, דעם פּראָנט פון לעבען, די צדיקים וועלען זיך פרעהען, און די אומגערעכטיגקייט וועט פערשליסען איהר מויל, און די שלעכטעס פון דער וועלט וועט אוועק ווי מיט רויך, און שלעכטע רעגיערונג וועט פערניכטעט ווערען. די תפלות פון ראש השנה און יום כפור צוזאַמען מיט די יוצרות און די פּיוטים פון מחזור, קענען ריהרען א שטיינערנע האַרץ, קענען שטורמען די אידישע נשמה, קענען אומקערען די אידישע האַרץ צום רבונו של עולם אין הימעל.

זעהר א שטאַרקען, אויסערגעוועהנליכען איינדרוק מאַכט אויף אונז אָט יענער הייליגער מאָמענט ווען עס עפענט זיך דער ארון קודש: אלע שטעלען זיך אויף די פיס, און מען זאָגט דעם ונתנה תקף, די לופט פון שוהל ווערט אנגעזאָפּט מיט קדושה וטהרה; א הייליגע שטימונג כאַפּט ארום אלע אידישע נשמות, און געוויס ווייסט איהר די געשיכטע פון דעם ונתנה תקף, געוויס ווייסט איהר וועגען דעם מחבר פון דיזע הייליגע תפלה, איהר ווייסט דאָך דאָס זיין נאָמען איז געווען ר' אמנון, פון דעם לשון אמונה, גלויבען, ווייל ער האָט שטאַרק געגלויבט אין גאָט, איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, א מיוחס, א בילד שעהנער, און זעהר רייך; איז געווען בעוואוסט און רעספּעקטירט ביי

איז הייליג און טייער, דאן וועלען מיר האָבען אזוינע אידען ווי ר׳ אמנון דער מחבר פון דעם ונתנה תקף, און מיר וועלען האָבען לעבעדיגע אידישע קינדער.

ווייל די גמרא זאָגט די צדיקים גמורים ווערען פערשריבען אום ראש השנה באלד צום לעבען, ווייל צדיקים אפילו ווען זיי זענען טוידט, לעבען זיי. א צדיק איז אונשטערבליך. און רשעים גמורים ווערען פערשריבען ראש השנה צום טוידט, ווייל רשעים בחייהם קרוים מתים, ווייל דער לעבען פון א רשע איז א טוידטער. די אידישע מוטער אָבער דאַרף ערציהען לעבעדיגע אידישע קינדער, און מיר אלע וועלען זוכה זיין צו פערשריבען ווערען בספרם של צדיקים, לאלתר לחיים, אמן ! ואמן !

תקיעת שופר

כשתיטלו את השופר לתקוע חדשו מעשיכם ועשו תשובה (פסיקתא הרנינו, מכילתא יתרו).

לא נברא שופר אלא לטובה לישראל (תנא דבי אליהו ח״ב, פרק כ״ב).

דער שופר אַלס נאַציאָנאַלער אינסטרומענט. זיין באַדייטונג אין דער אידישער געשיכטע. דער למנצח פאַר שופר בלאָזען. די שטימונג. די מאָראַל און פילאָזאָפי פון די תקיעות. די שברים. תשובה, תפלה וצדקה.

דער שופר בלאָזט ! ער וועקט, ער רופט, ער וויינט, ער קרעכצעט, ער ציטערט און מאַכט ציטערען יעדע אידישע הארץ. וואָס וויל ער, דער שופר ? ועמען רופט ער ? צו וואָס וועקט ער ? זאָגט דער רמב״ם ז״ל — ער וועקט אידען פון שלאָף, עורו ישינים משנתכם ! ער בלאָזט, וועקט, און שרייט — שטעהט אויף פון שלאָף, איהר נארישע מענשען ! אין וואָס ליגט אייער קאָפ ? וואָס אינטערעסירט אייך ? די הכלי הזמן ! נארישקייט ! איהר פערשטעהט נים דעם זינן פון לעבען, איהר שלאָפט, שטעהט אויף פון שלאָף, שטעהט אויף !

דער שופר איז דער אידיש נאציאנאלער אינסטרומענט. אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע האָט דער שופר געשפּיעלט זעהר א וויכטיגע ראָלע. אין דער מדבר וואו אידען זענען געלעגען צוואָרפען אין זייערע געצעלטען, האָט מען דורך דעם שופר געגעבען דעם סיגנאַל פון באַוועגען זיך, מאַרטשען, געהן אהיים צוריק אין ארץ ישראל. ווען מען האָט געדאַרפט איינגעהמען די שטאַרקע פעסטונג פון יריחו, האָט מען זיך באַנוצט מיט דעם שופר. האָט מען געדאַרפט רופען דאָס פאָלק צו מלחמה, אנוואָרפען א שרעק און א ציטערניס אויף דעם שונא, האָט מען געבלאָזען שופר (יהושע קאַפּיטעל ו׳ ג׳) ווען גדעון מיט זיין ארמעע האָבען געוואָלט מאַכען ציטערען די ארמעע פון מדין, האָבען זיי שופר געבלאָזען (שופטים ז׳, י״ז). דער נביא עמוס פרעגט : איז דען מעגליך אַז מען זאָל שופר בלאָזען און דאָס פאָלק זאָל ניט ציטערען ? אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו ? (עמוס ג׳ ו׳). אין דעם הייליגסטען מאָמענט פון דער אידישער געשיכטע און פון דער גאַנצער מענשהייט, ווען מען האָט אידען די תורה געגעבען, האָט דער שופר שטאַרק געבלאָזען און אלע זענען פּאַראַליזירט געוואָרען „קול שופר חזק מאד ויחרד כל העם אשר במחנה“ (שמות י״ט, ט״ז).

און פיעל, זעהר פיעל הרוני מלכות און פערשידענע צדיקים און חסידים האָבען אידען פערמאָגט וועלכע זענען געשטאָרבען על קדוש השם. און עלטערען האָבען זיך געפרעהט ווען זייערע קינדער זענען געשטאָרבען על קדוש השם. ביי אהרן הכהן ווערען פערברענט זיינע ליעבע זיהן, און משה רבינו זאָגט איהם — ליעבער ברודער! דיינע קינדער זענען געשטאָרבען צו הייליג מאַכען גאָט'ס נאָמען. — ווען אהרן דערהערט דאָס, וויינט ער ניט אויף זייער טוידט, לאָזט ניט ארויס קיין טרערען און קיין זיפץ, ווייל זיי זענען גליקליך, ער איז גליקליך, זיי זענען דאָך געשטאָרבען על קדוש השם. — אמר לו משה לאהרן, אהרן אחי! לא מתו בניך אלא להקדיש שמו של הקב"ה, וכיון שידע אהרן שבניו ידועי מקום הם, שתק וקבל שכר, שנאמר וידום אהרן — (זבחים סט"ו).

עס שטארבען די קינדער פון אהרן דורך קדוש השם און עס שטארבען אויפ'ן „עלעקטריק טשער" אהרן'ס קינדער היינט צו טאָג אלס פערברעכער, און זיי שטארבען „על חלול השם." קדוש השם און חלול השם! היינטיגען טאָג, ראש השנה, דארפען מיר, רבותי, האָבען א ריכטיגען חשבון הנפש וועגען די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער: צו ערציהען זיי אין דעם קדושים נייסט, ווייל דאָס אידיש פאָלק איז א קדושים פאָלק, „קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם." גאָט איז הייליג, און אידען דארפען לעבען און שטארבען אלס קדושים.

און ווען מיר ריידען וועגען די קדושה פון לעבען און וועגען ערציהען קינדער אלס אידען, מוזען מיר מודה זיין אז דאָס אלעס ווענדט זיך אָן די אידישע מוטערס, ווייל נור די אידישע מוטער האָט ערצויגען קדושים, נור די אידישע פארצייטיגע מוטער האָט ערצויגען דורות וועלכע האָבען געקענט שפּרינגען אין פייער מיט שמע ישראל אויף די ליפּען. די אידישע געשיכטע דערצעהלט אונז וועגען א הייליגע אידישע מוטער חנה וועמעס זיבען זיהן זענען אומגעקומען על קדוש השם. יעדערער איז געשאָרבען מיט א פּסוק פון תנ"ך אויף זיינע ליפּען. האָבען זיך אויסגעלאָכט פון דעם שרעקליכען מיתה משונה טוידט, ווייל זייער מוטער חנה האָט זיי בעגייסטערט און ערצויגען צו שטאַרבען על קדוש השם. און ווען איהר לעצטער קינד ווערט צושניטען אויף שטיקער, קושט די מוטער חנה איהר ליבען טוידטען קינד און שיקט איהם צו אברהם אבינו, און זאָגען איהם דאָס ער האָט געבראכט איין עקדה צו גאָט און זי, די אידישע מוטער, חנה, האָט געבראכט 7 עקידות, און אָהן איהרע קינדער קען זי ניט לעבען, אָן פאלט אראָפּ פון דאך און שטאַרבט, און א בת־קול פון הימעל זאָגט — אם הבנים שמחה (מדרש איכה, סימן כ"ג).

ווילען מיר ערציהען א ריכטיגען אידישען דור, מוזען מיר ערציהען אידיש אונזערע טעכטער: מיר מוזען צוגרייטען אידישע מוטערס, ווייל שבת, כשרות, טהרת המשפחה, חנוך הבנים, דאָס אלעס בעלאנגט דערהויפּט צו דער אידישער מוטער, און דערפאַר מוזען מיר ערציהען אונזערע יונגע טעכטער זיי זאָלען קענען די העברעאישע שפראַך, די העברעאישע ליטעראטור, חומש, רש"י, נביאים, אידישע געשיכטע, דינים ומנהגים, און איינפלאנצען אין זייערע יונגע צארטע הערצער און נשמות ליעבע און רעספּעקט צו אלעס וואס ביי אידען

יאהר גלות, גרושים, גזירות, רדיפות, צרות, איז אין שוהל יעצט און דער שופר דארף דאָס אַלעס פערטרייבען און רופען צו דער גאולה, צו ארץ ישראל. דער שופר של משיח! און הערצער קלאַפען, און תשובה געדאנקען הויבען אָן ארייגדרינגען אין דעם אידישען מוח, און תשובה געפיהלען גלעטען די אידישע נשמה.

מען זאָגט דעם למנצח לבני קרח מזמור, ווארום? ווען דוד המלך האָט איינגענומען די הייליגע־שטאָדט ירושלים פון דעם יבוס', האָט ער געזאָגט אָט דעם זעלבען קאַפּיטעל תהלים, און ווען ער איז געוואָרען קעניג ביי אידען, האָט ער אויך געזאָגט דיזען מזמור, און ווען עס וועט קומען יענע גליקליכע צייט ווען אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלען אנערקענען די גאָטהייט, וועלען זיי פּראקלאַמירען דאָס גאָט איז אמת, זיין תורה איז אמת, און גאָט פיהרט די גאַנצע וועלט. „כל העמים תקעו כף, הריעו לאלהים בקול רינה כי ה' עליון נורא מלך גדול על כל הארץ" און דערפאַר זאָגען מיר דיזען וויכטיגען קאַפּיטעל תהלים (סופרים פרק י"ט, הלכה ב'; ילקוט תהלים סימן תשנ"ד). מען זאָגט דיזען קאַפּיטעל, ווייל אין איהם ווערט דערמאָנט „תרועה וקול שופר." מען זאָגט איהם 7 מאָל, ווייל די וועלט איז בעשאפען געוואָרען אום ראש השנה — היום הרת עולם — און דער רבונו של עולם האָט דאן בעשאפען זיבען הימלען, און דאמיט פּראקלאַמירען מיר זיין אַלמעכטיגקייט (מנהגי ישורון, סימן קמ"ד).

* * * *

עס הערט זיך די שטימע פון שופר,

תקיעה תרועה תקיעה

די תקיעה רופט צום אידען — גאָה אוועק, אנטלויף פון די וואָכעדיגקייט פון לעבען, פון אַ פוסטען, אינהאַלטסלאָזען לעבען, פון אַ נארישען לעבען, קער זיך אום צו גאָט! די תרועה — זי ברייגגט דעם אידען צום חשבון הנפש, זי מאכט איהם פיהלען די גרויסקייט פון גאָט, און ווי קליין דער מענשעלע איז אקעגען דעם גרויסען גאָט. די לעצטע תקיעה שטארקט דעם אידען, זי הויבט און שטארקט זיין גייסט, רופט איהם צו בעגייען זיין לעבען, און זיין גרייט פאַר אַ נייע, הייליגע צוקונפט. ווען מען פערשטעהט דעם הייליגען אפּיעל פון די תקיעה, תרועה, תקיעה, דאַן, נור דאַן, קען מען קומען צו דער הויכער מדרגה פון

תשובה תפלה צדקה

און די אויבען דערמאָנטע וויכטיגע ענינים פון דעם אידישען לעבען: תשובה, תפלה און צדקה, שטימען זעהר גוט מיט אנדערע דריי וויכטיגע ענינים פון ראש השנה: תקיעה — מלכיות, תרועה — זכרונות תקיעה — שופרות און זיי אַלע רופען צו די בענייאונג פון לעבען, צו אַ גאַנץ נייעם הייליגען לעבען.

ראש השנה רופט זיך אין דער תורה מיט דעם נאָמען „יום תרועה" (במדבר כ"ט, א') אָדער „זכרון תרועה" (ויקרא כ"ג, כ"ד), ווייל ראש השנה בלאָזט מען שופר. אין א תענית פלעגט מען אמאָל בלאָזן שופר ביי אידען, מיט דעם צוועק צו וועקען אידען צו טהאָן תשובה (תענית פרק א' ו'). אין ירושלים ווען עס געהט קיין רעגען ניט, איז מען גוזר תענית און מען בלאָזט שופר. ווען מען האָט איינעם ארייננעלעגט אין חרם, האָט מען שופר געבלאָזען (מ"ק ט"ז). ווען די אידישע חכמים האָבען גע'אסר'ט אָדער מתיר געמאכט עטוואָס, האָט מען דאָס בעקאנט געמאכט דורך דעם שופר (ע"ז מ', סנהדרין ז'). ווען מען פלעגט אין די אמאָליגע צייטען דארפען מקבר זיין א מת, פלעגט מען שופר בלאָזען. דער שופר האָט גערופען אַלעמען צו קומען צו דער לויה (מו"ק כ"ז). אין ארץ ישראל פלעגט מען יערען פרייטאג בלאָזען שופר אלס סיגנאל מען זאָל אויפהערען ארבייטען און גרייטען זיך צו שבת (שבת ל"ת, רמב"ם הלכות שופר פ"א — פ"ג ; שו"ע או"ח סימן תקפ"ח — תס"צ). און לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען, ווען עס וועט זיין דער גרויסער קבוץ גליות, ווען מען וועט דארפען צונויפקלייבען אלע צוזייטע און צושפרייטע אידען פון אלע טהיילען פון דער גאנצער וועלט, וועט מען דאָס טאָהן דורך דעם שופר.

דער שופר צוטרייבט די שרעקליכע וואָלקענס פון דעם אידישען הימעל. ער פערטרייבט דעם שטן פון אידען. דער שופר צומישט דעם שטן, ער שרעקט זיך איבער, ער האָט מורא טאָמער איז דאָס א סיגנאל דאָס משיח קומט, אפשר איז דאָס דער שופר של משיח, אפשר, ווער ווייסט, אפשר איז געקומען די צייט פון תחית המתים וואָס דאן וועט קיין שטן ניט מעהר זיין (ראש השנה דף ט"ז ; פסיקתא דרב כהנא סנ"ב ; זוהר אמור צ"ט, פנחס דף רל"ב).

גרויס און הייליג איז דער סיגנאל פון שופר וועלכער רופט צו תשובה. צום שופר בלאָזען קומען אלע, אלט און יונג, קליין און גרויס, די קראנקע לאָזען איבער די בעט, די מאמעס — די זויגלינגע, אלע, אלע קומען הערען שופר בלאָזען.

אין בית המדרש איז שטיל. אלע שטעהען מיט די טליתים איבער די קעפּ, מיט'ן פנים צום מזרח און מען וואַרט. די קליינע קינדער שטעהען לעבען די מאמעס וועלכע וויקלען זיי איין מיט זייערע טליתים. דער בעל תוקע וועלכער איז ערשט געקומען פון מקוה, וואו ער האָט זיך טובל געווען פאַר די תקיעות, שטעהט אויפ'ן בימה אנגעטאָהן אין א קלאָר ווייסען קיטעל און איינגעוויקעלט אין א גרויסען טלית.

דער בעל תוקע הויבט אָן מיט א וויינענדיגער הארץ־רייסענדער שטימע :
למנצח לבני קרח מזמור . . . .

און גלייך ווי דער בעל תוקע זאָגט ארויס די ערשטע ווערטער, פאַנגט אָן די גאנצע עדה זאָגען דעם למנצח.

א ים־שטורעם, כוואַליעס וואַרפען, א שטאַרקער ווינד בלאָזט, עס ציטערט, עס ברענט, עס פייערט. פון דער ווייבערשער שוהל הערט זיך א געוויין, א קרעכץ שיסט אויס און פערוואונדעט הערצער. מען זעהט א שטן וועלכען דער שופר מוז באַלד פערטרייבען ווייט, ווייט. א הייליגע שטימונג. 2 טויזענד

און פערשפרייטען די אידעאַלען פון דער תורה צווישען אונזערע יונגע קינדער, זיהן און טעכטער, און שטיצען די תלמוד תורה'ס און ישיבות פון לאַנד מיט דער פולער האַנד.

4) דער שופר דערמאָנט אונז אויף די ווערטער פון די אידישע נביאים, שטאַרקע, גרויסע, פייערדיגע און הייליגע ווערטער, וועלכע האָבען געשטורעמט הערצער און געמאַכט זיי ציטערען ווי דער שופר טהוט היינט. און דאָס מיר און אונזערע קינדער מוזען לערנען די ווערטער פון די נביאים אין זייער אָריגינעל, אין דער הייליגער העברעאישער שפּראַך, ווי זיי זענען אַרויס פון דעם מויל פון דעם נביא, און ניט פערשוועכען און פערביליגען זיי דורך אַן איבערזעצונג אין אַנדערע שפּראַכען.

5) דער שופר דערמאָנט אונז דעם חורבן פון בית המקדש. ווי דער נביא ירמיה וועלכער האָט באַקלאָגט דעם גרויסען אידישען אומגליק, דעם חורבן פון אונזער לאַנד און בית המקדש, דריקט זיך אוים: — איך הער די שטימע פון דעם שופר, ווי דער שונא יאָגט אונז, כי קול שופר שמעתי תרועת מלחמה (ירמיה ד'). און דער שופר דערמאָנט אונז אַז אונזער הייליגע פליכט צו העלפען אויפבויען און אויפלעבען צוריק אונזער הייליגע לאַנד אין דעם גייסט פון אונזער הייליגע תורה.

6) דער שופר דערמאָנט אונז די עקידת יצחק. דער שופר איז דאָך געמאַכט פון דעם האָרען פון אַ באַראַן, דער באַראַן וועלכער האָט געזאָלט זיין אַ קרבן אנשטאַט יצחק אבינו. און די עקידה איז דאָך דער סימבאָל פון מסירת נפש, ווי ווייט מיר דאַרפען זיין גרייט צו פערגיסען אונזער לעצטען טראָפּען בלוט פאַר די הייליגקייט פון גאָט'ס נאָמען, פאַר די הייליגקייט פון אונזער תורה.

7) ווען מיר דערהערען ווי דער שופר בלאָזט, דאַרפען מיר מורא האָבען פאַר די גרויסקייט פון דעם אַלמעכטיגען גאָט, אַזוי איז דאָך די אויפגאַבע פון דעם שופר צו אַרויף וואַרפען אויף אַלעמען אַ הייליגען שרעק, היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו?

8) דער שופר דערמאָנט אונז אויף דעם קומענדען גרויסען „יום הדין" וואָס אויף איהם האָט געזאָגט דער נביא צפניה — עס איז נאָהענט דער גרויסער טאָג פון גאָט, ער איז נאָהענט, אַ טאָג פון שופר און שאַלען. „קרוב יום ה' הגדול, קרוב ומהר מאד, יום שופר ותרועה (צפניה א' י"ד, ט"ז).

9) דער שופר דערמאָנט אונז יענע גליקליכע אידישע צוקונפט ווען אַלע פעריאָגטע און פערפאָלגטע אידען פון אַלע טהיילען פון דער וועלט, די נדחי ישראל, וועלען זיך פעראייניגען אַלס איין גרויסע, שטאַרקע, מעכטיגע, אידישע נאַציאָן, ווען די אידישע פאָלק וועט צוריק אויפלעבען אין איהר הייליג לאַנד, וואָס דאַן וועט — ווי דער נביא ישעיה פערזיכערט אונז — געבלאָזען ווערען אין אַ גרויסען שופר און עס וועלען קומען צוריק אין ארץ ישראל אַלע פער-לאָרענע אידען פון דער גאַנצער וועלט „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים" וכו' (ישעיה כ"ז, י"ג).

דער שופר ברעכט די הארץ, דאָס איז ש ב ר י ם. גאָט האָט ליעב די צובראָכענע אידישע הארץ — לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה. און עס הערט זיך פון שופר א י ל ל ה, עס וויינט די אידישע הארץ און בענקט צום רבונו של עולם. א גאַנצען יאהר געזינדיגט, די אידישע נשמה איז געווען פּערוואָגעלט, נע־ונד, אוועק פון מקור, פון די ליכטיגקייט פון גאָט, דער שופר רופט אָבער, און די הארץ, די נשמה קומט צוריק, צום מקור, צוריק צו גאָט!

איהר אלע פערבלאָנדזשעטע נשמות, אין דעם גרויסען מדבר פון לעבען, א שרעקליכע קעלט מאַכט פרירען אייער נשמה, ווייל איהר זענט אוועק פון גאָט'ס ליכטיגקייט און ווארעמקייט, איהר עלענדע און פערבלאָנדזשעטע! דער שופר רופט אייך, צוריק, צוריק צום שבת קודש, צוריק צו דער הייליגער אידישער תורה! צוריק צו גאָט! צוריק אין אייער הייליגע לאַנד!

עס הערט זיך דער שופר של משיח! לאָמיר זוכה זיין צו דער גאולה! אמן, ואמן!

שופר

ר' סעדיה גאון וועגען שופר בלאָזען. דער בעל תוקע. די שברים אין דער אידישער הויז און אין אידישען לעבען. דער שופר און די אידישע פּאַרטייען. ד תורה. די העברע־אישע שפּראַך. דער שטן און דער שופר. ווען ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער בלאָזט שופר.

מיר בלאָזען היינט שופר. די שוהל איז געפּאַקט. אלע זענען געקומען הערען דעם שופר. ניט אלע פון אונז ווייסען אָבער וואָרום מיר בלאָזען שופר? עס איז דערפאַר כדאי איבערגעבען וואָס דער גרויסער אידישער קעמפּפער און רעליגיאָנס פילאָזאָף, דער אונשטערבליכער ר ב ס ע ד י ה ג א ו ן זאָגט וועגען דעם, און ער, רב סעדיה גאון זכרונו לברכה, גיט אָן 10 אורזאַכען פאַר שופר בלאָזען.

1) ווייל היינט, ראש השנה, איז די וועלט בעשאַפען געוואָרען און גאָט ברוך הוא איז געוואָרען דער מלך פון דער וועלט. און עס איז אַן אלטער מנהג דאָס אין דעם טאָג ווען דער מלך ווערט געקרוינט אלס קעניג, בלאָזט מען שופר, צו אנערקענען און באשטעטיגען זיין רעכט אויף דער טראָהן. מיר טהוען אויך אזוי, ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים (צ"ח, ו') — בחצוצרות וקול ש ו פ ר הריעו לפני ה מ ל ך ה', מען שרייט אויס „המלך" און מען בלאָזט שופר צו באשטעטיגען זיין קעניגליכע טראָהן.

2) ראש השנה איז דער ערשטער טאָג פון עשרת ימי תשובה, בלאָזט מען שופר, צו אויסרופען און מאַכען בעקאַנט, אז דער וואָס וויל תשובה טהאָן, זאָל יעצט תשובה טהאָן, ווייל יעצט איז די ריכטיגע צייט.

3) דער שופר דערמאָנט אונז אָט יענעם הייליגען און גליקליכסטען מאָמענט אין אונזער געשיכטע ווען מיר האָבען גענומען די תורה אויף דעם בארג סיני, שטעהט אין חומש (שמות י"ט) — וקול שופר חזק מאד, — עס האָט געבלאָזען שופר דאָן, און דער שופר היינט דערמאָנט אונז אונזער הייליגע פליכט צו לערנען די תורה, שטיצען די יעניגע וועלכע לערנען גאָט'ס תורה

גרויסער גאָט ! ווי צוברעקעלט מיר זיינען — ציוניסטען, מזרח'איסטען, פּועלי ציון, חסידים, מתנגדים, ליטווישע אידען, פּוילישע אידען, גאַליציאַנער אידען, טערקישע אידען, שפּאַנישע אידען, תימן'ער אידען, אַפריקאַנער אידען, רוסישע, דייטשע, אַמעריקאַנער אידען, ליובאַוויטשער חסידים, פּוילישע חסידים, און וויפיעל מדרגות חסידים געפינען זיך ? היינט קלאַסען, פּאַרטייען, קלייזלעך, אָהן אַ שיעור און אָהן אַ ערך ! איין פּאַרטיי וויל ניט פאַרשטעהן די אַנדערע פּאַרטיי. היינט וואו זענען די אָרטהאָדאָקסישע אידען, קאָנסערוואַטיווע אידען, ליבעראַלע אידען, רעפאָרמער, ראַדיקאַלע אידען, פריי געזאָנענע אידען, ? אנשטאַט איין גרויסער הייליגער נאָמען וואָס אַמאָל איז געווען — ד ע ר א י ד ! דער שטן, ער נעהט ניט אַוועק פון דער אידישער גאַס. ער פאַר־טומעלט דאָס די מחות, צושטערט הערצער, לאָזט ניט פאַראייניגען אַלע שאַפענדע פּראָדוקטיווע כחות פון אידישען פאָלק. ווען נור מען וויל שופר בלאָזען, וועקען אידען צו מעשים טובים, צו פאַראייניגונג, אחדות, אַזוי קומט דער שטן און לייגט זיך אַריין אין שופר און לאָזט ניט בלאָזען ! . . . .

ווען דער גרויסער צדיק און אוהב ישראל ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער זצ"ל, האָט געבלאָזען שופר און עס האָט זיך ניט געבלאָזען, האָט ער אַ וואַרף געטאָן דעם שופר — אַזוי דערצעהלט די וועלט — און האָט אַ געשריי געטאָן צום רבונו של עולם — ווילסט ניט איך זאָל בלאָזען, זאָל איוואַן בלאָזען שופר !

און דאָס איז אונזער אומגליק ! ווען איוואַן בלאָזט שופר, געפינט מען צישטאָכענע, געקוילעטע, צוריסענע מאַמעס מיט קינדער אין די גאַסען, בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, און די אייניקלעך פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער ווילען קושען די הענד פון איוואַן, לערנען זיין תורה, זיין געשיכטע, זיין שפּראַך, זיין קולטור, זיינע טראַדיציעס, זיין ליטעראַטור, און אונזערע קינדער אין אַלע לענדער אסימילירען זיך מיט איוואַן, און ווען נור ער בלאָזט שופר, פאַרגעסען זיי אויף די טייכען בלוט און לויפען נאָך די תקיעות פון איוואַנ'ס שופר. און ווען, להבדיל בין קדושה לטומאה, ווען ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער בלאָזט שופר, לייגט זיך דער שטן אַריין אין שופר, און לאָזט ניט בלאָזען !

שטן ! שרעקליכער שטן המשחית ! אַוועק פון אונזער שופר ! לאָז בלאָזען ! זאָל ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער'ס שופר שטורעמען די אידישע הארץ, זאָלען די טרוקענע ביינער פון אידישען פאָלק באַקומען זייער אויפ־לעבונג פון דעם אידישען גייסט, זאָלען זיך אַלע אידען פאַראייניגען ! זאָל נעהמען אַן ענדע פון גלות ! פון פּרוד לבבות ! זאָל זיך לאָזען הערען די שטימע פון ארץ ישראל, די שטימע פון פרייהייט ! — תקע בשופר גדול לחרותינו ! לאָמיר פאַרטרייבען דעם שטן, לאָמיר זיך באַפרייען פון די געדאַנקען און ליטעראַטורען פון איוואַנען, צוריק צו אונזער תורה, צוריק צו אַלעם וואָס איז אידיש, לאָמיר צוריק אויפבויען אונזער א י ד י ש ע ה ו י ז !

די א י ד י ש ע ה ו י ז איז צוברָאָכען, רואינירט, חרוב, און מען דאַרף רייסען קריעה ווען מען זעהט ווי די אידישע הויז איז חרוב, אָהן די הייליגקייט פון שבת, יום טוב, כשרות, טהרת המשפחה. אַ צ ו ב ר אָ כ ע נ ע

10) דער שופר דערמאָנט אונז און מאַכט אונז גלויבען אין תחית המתים, דאָס דער שופר וועט בלאָזען און אַלע טוידטע וועלען צוריק אָפּגעלעבט ווערען, ווי דער נביא ישעיה זאָגט — כל יושבי תבל ושוכני ארץ כנשוא נס הרים תראו וכתקוע שופר תשמעו וכו׳ (ישעיה י״ח, ג׳). זעה (אבודרהם, הלכות ראש השנה, און ראש השנה דף ט״ז, מחזור וויטרי, זייטע 372, מטה משה סימן תח״ג).

און ווי הייליג דער שופר איז, אַזוי דאַרף זיין דער יעניגער וועלכער דאַרף בלאָזען שופר, דער בעל תוקע. ער מוז זיין אַן אמת׳ער פרומער איד; ער דאַרף פערשטעהן זיין הייליגע אויפגאַבע. 3 טעג פאַר ראש השנה מוז ער זיך צוריק ציהען פון דער גאַנצער וועלט און פערטיעפען זיך אין די הייליגקייט פון לעבען, פון גאָטהייט, פון דער תורה. דער זוהר זאָגט דאָס ר׳ אלעזר׳ס פאָטער האָט ניט געוואָלט הערען שופר בלאָזען זאָנדערען פון אַ בעל תוקע וועלכער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און פערשטעהט די הייליגע סודות פון דעם שופר — א״ר אלעזר המינא לאבא ביומי ראש השנה ויום הכפורים וכו׳ דלא מקבל תקיעותא דבר נש דלאו איהו חכים למתקע ברזא דתקיעה (זוהר ויקרא, דף י״ח).

און עס האָט פּאַסירט מיט ר׳ מענלין זכרונו לברכה, דאָס אין זיין שטאָדט זענען געווען 3 בעלי תקיעות, וועלכע זענען געווען ספּעציאַליסטען אין שופר בלאָזען, און אַז עס איז געקומען ראש השנה, האָט איינער גענומען בלאָזען שופר און — מען הערט ניט קיין שטימע! מען האָט גערופען דעם צווייטען בעל תוקע — ער קען אויך ניט! און דער 3טער בעל תוקע בלאָזט, און קיינער הערט איהם ניט! אַ שרעק איז געפאַלען אויף דעם גאַנצען עולם. ר׳ מענלין ז״ל האָט זיך ניט פאַרלאָרען, ער האָט געהייסען איבערקערען דעם שופר און לייענען אין איהם „ויהי נועם.“ ווען דער בעל תוקע האָט אַזוי געטאָן, האָט דאַן דער שופר אַרויסגעגעבען די קולות קלאָר און פיין. האָט ר׳ מענלין דערקלערט די אורזאַכע: דער שטן איז דאָרט געווען און ער האָט פאַרהאַלטען די תקיעות, דער שטן האָט ניט געלאָזען שופר בלאָזען. אַזוי ווערט געבראַכט אין דעם באַוואוסטען ספר „מטה משה,“ 5טען טהייל, סימן תת״ח.

אידען האָבען געקענט בויען וועלטען, שאַפען גרויסע, ריזיגע, קאָלאָסאַלע, הייליגע אַרבייט פאַר ארץ ישראל, פאַר שמירת שבת, כשרות, חנוך הבנים; זיי האָבען געקענט אויפוועקען די גאַנצע וועלט פון זייער ליטאַרגישען שלאָף, אידען וואָלטען מיט זייער שופר בלאָזען אויפגעוועקט די וועלט צו גאָטהייט, צו מאָראַל, צו הייליגקייט פון לעבען, דאָס אידישע פאָלק קען וועקען פון שלאָף, ווען ניט אידען וואָלט נאָך די וועלט געווען פאַרזונקען אין די ווילדעסטע באַרבאַריזם, אין די נידעריגסטע פאַרזונקענהייט. דער איד איז אַ גוטער וועלט בעל תוקע. אויף דאָס אידיש פאָלק זאָגט דאָך דער פסוק „אשרי העם יודעי תרועה“ גליקליך איז דאָס אידיש פאָלק וואָס ווייס ווי צו בלאָזען שופר. דער אומגליק אָבער איז — דער שטן מישט זיך אַריין און לאָזט ניט שופר בלאָזען! דער שטן פון שנאת חנם, פירוד לבבות, פון פּאַרטייאישע צו־שפּאַלטענקייט און צוברעקעלקייט.

תקיעת שופר

שרה בכתה שלש בכיות כנגד ג׳ תקיעות, שלש יללות כנגד שלש יבבות ופרחה נשמתה ומתה (פרקי דרבי אליעזר, פל״ב).

א שרעק פאַלט אויף אַלעמען. דער שופר בלאָזט, וועקט, רופט, וויינט, קלאָגט, קרעכצעט. וואָס וויל דער שופר? פאַרוואָס מאַכט ער אונז אַזוי אומטעיג? וואָס וויינט אין איהם? זאָגט דער מדרש אַז ווען יצחק איז געקומען צוריק פון דער עקידה, איז ער געקומען צו זיין ליבע, געטרייע מוטער, אונזער אַלעמענס מוטער שרה, פרעגט זי איהם: — וואו ביסטו געווען מיין קינד? — דערצעהלט ער איהר די גאַנצע געשיכטע פון דער עקידה. גיט די מוטער שרה א שרעקליכען קרעכץ און זאָגט — וויי על ברי, אלולי המלאך כבר היית נשחט! — וועה איז צו מיר פאַר מיין זוהן! ווען ניט דער מלאך, וואָלסטו שוין לאַנג געווען א געקוילעטער? — ענטפערט יצחק — יע מוטער, ווען ניט דער מלאך פון הימעל וועלכער האָט אויסגעשריען: „אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה,“ טשעפּע ניט דיין זוהן יצחק, ווען ניט ער, וואָלט איך שוין לאַנג געווען געקוילעט דורך די הענד פון מיין פאָטער. באותה שעה — זאָגט דער מדרש — צווחה ששה קולות, כנגד ששה תקיעות, דאַן האָט די מוטער שרה געשריען זעקס קולות אקעגען די 6 תקיעות (ויקרא רבה, פ״ כ). און אונזערע חכמים זאָגען אויך — שרה בכתה שלש בכיות, כנגד ג׳ תקיעות, שלש יללות כנגד שלש יבבות, ופרחה נשמתה ומתה (פרקי דר״א, פ׳ ל״ב). שרה האָט געוויינט דריי געוויינען קעגען דריי תקיעות, דריי קלאָגען קעגען די דריי קלאָגען און זיפצען פון דעם שופר, און איהר נשמה איז ארויס געפלויגען און זי איז געשטאָרבען.

שרה שטאַרבט צוליב קינדער, שרה וואָלט נאָך פיל געלעבט, נור הערענדיג אַז איהר ליבער, הייליגער זוהן יצחק איז געראַטעוועט פון טוידט, פון א טוידט צו וועלכען ער איז געווען גרייט, א טוידט פון א קדוש, א הייליגער טוידט, ער איז געגאַנגען מיט גרויס שמחה שטאַרבען על קדוש השם, ווערען א קרבן פאַר גאָט, פון אַזא גליקליכע בשורה, פון אַזוי פיל נחת, האָט געפּלאַצט די מוטער שרה׳ס האַרץ, די האַרץ האָט ניט געקענט אריבער טראָגען אַזוי פיל גליק און פרייד און שרה איז געשטאָרבען.

און היינט איז ראש השנה, מיר בלאָזען שופר, זאָגט אונז דער מדרש אַז דער געוויין פון שופר איז שרה׳ס געוויין, ווען איהר הערט ווי דער שופר כליפּעט, קרעכצעט; ווען איהר הערט ווי דער שופר וויינט, זאָלט איהר וויסען, רבותי, אַז די שטימע פון דער אידישער מוטער וועלכע האָט מיט איהר מאַרך האַרץ און בלוט ערצויגען קינדער און האָט זיי נאָכהער צו דער עקידה געפיהרט, די פאַרצייטיגע הייליגע שרה׳ס וועלכע האָבען ערצויגען קינדער וועלכע זיינען געשפּרונגען אין פייער על קדוש השם, אָט די מאַמעס וועמעס הייליגע, אומשולדיגע קינדער האָט מען אויף בוימער געהאַנגען, אין וואַסער געוואָרפען, אין פייער געברענט, הענד און פיס געבראָכען, זיי זאָלען זיך

אידישע הויז ! און ווען מען דערהערט ווי דער שופר בלאָזט, ווען דער מקריא גיט א קרעכץ : ש ב ר י ם, פיהלען מיר ווי אונזער גאנצער לעבען איז א לעבען פון ש ב ר י ם, אלעס צובראָכען, ניטאָ קיין אידישע לאנד, אידישע הויז, די אידישע לאנד איז נאך אין פרעמדע הענד, די אידישע הויז טאנצט נאך די תקיעות פון איוואן און ניט להבדיל, פון ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער ! דער אלטער פרומער פאָטער „די אלד מען" האָט דאָרט קיין פלאץ ניט, חרוב איז די אידישע הויז, צובראָכען, אין גאנצען צובראָכען, ש ב ר י ם ! אונזערע קינדער ריידען פארשידענע שפראכען אין די פארשידענע לענדער און ריידען ניט אונזער שעהנע הייליגע העברעאישע שפראך, א פ אָ ל ק אָ ה ן א ל ש ו ן, ש ב ר י ם !

עלטערען און קינדער, פאָטערס און זיהן, מוטערס און טעכטער, ווי צוטהיילט איהר זייט ! ביי איין טיש זיצען פארשידענע דורות ! דער פאָטער פארשטעהט ניט זיין זוהן, די טאָכטער פארשטעהט ניט די מוטער, צובראָכען, אלעס צובראָכען, ש ב ר י ם !

מיין גרויסע הייליגע פאָלק, ווי צוטהיילט און צוברעקעלט דו ביסט ! קינדער פון איין פאָלק, ווי פערשידען זיי זענען איינער צום צווייטען, פער־שידענע זיטען, מנהגים, שפראכען, פרעמדע, צובראָכענע, צובראָכענע קינדער פון איין פאָלק, ש ב ר י ם !

און מיר ווען אָבער דערלעבען יענע גליקליכע צייט ווען דער רבונו של עולם אליין וועט ווערען דער בעל תוקע, ווען ער וועט שופר בלאָזען, דאן וועט די וועלט פארציטערט ווערען, דער יום הדין וועט קומען, און די שטימע פון שופר וועט זיך הערען פון ציון וירושלים, ווי ר׳ לוי זאָגט אז אלעס גוטעס, ברכות, ונחמות וואָס גאָט וועט געבען אידען, וועלען זיי קומען נור פון ציון, און דער שופר וועט רופען צו פרייהייט, צו דער גאולה, אזוי זאָגען דאך אונזערע חכמים זכרונם לברכה — „אמר ר׳ לוי כל טובות וברכות ונחמות שהקב"ה עתיד ליתן לישראל אינו אלא מציון, ישועה — שנאמר, מי יתן מציון ישועת ישראל, ברכה מציון—שנאמר, יברכך ה׳ מציון, שופר מציון—שנאמר תקעו שופר בציון (מ"ר קדושים, וילקוט ישעיה ב׳) ואין שופר אלא של חירות, שנאמר והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול וכו׳ והתוקע הוא הקב"ה, שנאמר וה׳ אלקים בשופר יתקע (ספרי בהעלותך, ילקוט זכריה תקע"ח).

לאָמיר ארבייטען אלע צוזאמען פאר אלעס וואָס איז הייליג און טייער ביי אונז אידען און מיר זאָלען זוכה זיין צו הערען שופר של משיח און קומען צוריק אין ארץ ישראל, אמן ! ואמן !

ויבעט ! — און ווען דער איד איז אָרים, פארפאָלגט און אונטערדריקט, דאַן האלט ער זיך שטארק אָן זיין הייליגע אמונה. עס איז דאָ אַן אלטער גוט באַקאַנטער משל, ווי א וואנדערער געהט אין וועג, און די זון מיט דעם ווינד האָבען זיך געוואָטען צווישען זיך, וועֶר פון זיי ביידע איז שטארקער, און ביידע דארפען צייגען זייער שטארקייט אויף דעם אָרימען וואנדערער וועלכער געהט אין וועג, זיי מוזען ביי איהם די קליידער זיינע אראָפּ רייסען. נון פאַנגט אָן דער בייזער ווינד זיין שרעקליכע, גרויזאַמע ארבייט. דער ווינד בלאָזט, ניט נאַטירליך, ער רייסט דעכער, ווארפט אַלעס צו דער ערד, דער וואנדערער שרעקט זיך אָבער און גארטעלט זיך שטארקער ארום. דער ווינד ווערט בייזער, שטארקער, גרויזאמער, ער רייסט, ער שטורעמט, ער פייפט, ער ברעכט, בוימער אין וואלד קרעכצען, דער אָרימער וואנדערער פאלט אוועק צו דער ערד אָהן כחות, דער ווינד רייסט איהם, ווארפט איהם, שמייסט איהם אין פּנים, אָבער פיהרט גאָר ניט אויס : די קליידער בלייבען אויף איהם. קומט אָבער די גוטע, די ליבע זון, שטילט איין דעם ווינד, עס ווערט ווארעם. דער וואנדערער, פיהלענדיג די ווארעמקייט פון דער זון, נעמט אראָפּ פון זיך די אויבערשטע שווערע קליידער. די זון טהוט זיך איהר'ס : עס ווערט ה י י ס, שרעקליך הייס, און דער וואנדערער מוז אראָפּוואַרפען זיינע קליידער פון זיך און געהן אזוי לייכט געקליידט ווי מעגליך. זאָגט די זון צום ווינד — זעהסטו ? דו בייזער ווינד, מיט בייזען קען מען גאָר ניט טאָן, אָבער מיט גוטען, קען מען אַלעס טאָן ! — מיר זאָגען אין אונזערע תפלות, האדרת והאמונה, די אמונה איז פונקט ווי די אדרת, דער שווערסטער מאנטעל פון דעם וואנדערער. דער בייזער ווינד, רדיפות, צרות, פארפאָלגונגען, קענען דעם מאנטעל, דעם אדרת האמונה ניט אראָפּרייסען, דער איד איז זיך דאַן מוסר נפש פאר זיין אמונה און שטארבט ווי א קדוש. אָבער די זון ? גלייכע רעכטע, בירגער רעכטע, א סך געלד, אייגענע הייזער, אויטאָמאָבילען, קאטעדזשעס, אָט די זון, זי פיהרט אראָפּ פון אמונה.

ווען א מענש געפינט זיך אין אַן אומגליק, פיהלט ער דאַן אזוי ווי זיין זון איז אונטערגעגאַנגען : פינסטער איז איהם זיין וועלט ; פינסטער איז איהם זיין לעבען. ווען אָבער איהם געהט זעהר גוט, ער פיהלט זיך רייך און גליקליך, דאַן הייסט דאָס על דרך המליצה — זיין זון שיינט. און דאָס איז, רבותי, דער טיפער היסטאָרישער און פילאָזאָפישער געדאַנק וואָס ליגט באַ־האַלטען אין מדרש — החמה מקטרגת בראש השנה — די זון איז מקטרג צו גאָט אויף אידען אום ראש השנה. זי זאָגט — זעה גאָט, וואָס פון אידען איז געוואָרען ווען די זון שיינט פאר זיי. וואו זיינען די געפאַקטע בתי מדרשים יעדען טאָג פון יאהר און יעדע שטונדע פון טאָג ? וואו זיינען אהינגעקומען די טויזענדער אידישע חדרים וואו אידישע קינדער האָבען תורה געלערענט ? עס געפינען זיך יעצט מיליאָנען אידישע קינדער וועלכע געניסען ניט קיין ברעקעל אידישע ערציהונג, און דאָס האָבען געמאַכט די שטראַהלען פון דער זין — פון גליק און פרייהייט — די זון האָט א שיין געטאָן און דאָס יודענטהום ווערט צושמאָלצען. החמה מקטרגת בראש השנה, אָט אזוי איז די זון מקטרג

שמד׳ען, און זיי, די יונגע קינדער, האבען פארגאסען זייער לעצטען טראפען בלוט און זיינען געגאנגען צום טוידט, שטארבען על קדוש השם, אט די אלע הינדערטער און טויזענטער היילינגע אידישע מוטערס וועמעס קינדער זיינען צו דער עקידה געגאנגען, זיינען געשטארבען על קדוש השם, אט די אלע טויזענטער אידישע מוטערס באוויינען זייערע ליבע קינדער, זייער קרעכץ, זייער וועהטאג, זייערע קולות, זייער געוויין, פון טויזענדער יאהרען, דער געוויין פון א מוטער וועלכע האט איהרע קינדער פארלארען, הערט זיך יעצט דורך דעם שופר. דער שופר לאזט הערען זייער וועהטאג, זייער קרעכץ, און זייער שרעקליכער פארצווייפעלטער געוויין, און דערפאר וויינט דער שופר. און פאר אונז שטעהען איצט אויף גאנצע דורות פון קדושים וועלכע זיינען פארברענט געווארען על קדוש השם. דער שופר רופט ארויס אט די אלע היילינע נשמות. און די אלע קדושים בעטען אונז, אפעלירען צו אונז דורך דעם שופר, אז מיר זאלען ערציהען אונזערע קינדער אין דעם גייסט פון דער תורה, אז אונזערע קינדער זאלען קענען אזוי ווי יצחק אבינו זיך מוסר נפש זיין פאר דאס יודענטהום.

די וויינענדיגע שטימע פון אונזער מוטער שרה רופט צו אלע אידישע מוטערס, און בעט זיי: — אידישע מוטערס! ערציהט אייערע קינדער אזוי ווי איך האב ערצויגען מיין זוהן יצחק, וועלכער איז געגאנגען מיט שמחה געקוילעט צו ווערען פאר דעם כבוד פון גאט! — ניט אומזיסט מוזען אלע אידישע פרויען קומען שופר הערען, ווייל דער שופר איז א היילינער מעסעדזש צו אלע אידישע מוטערס פון לאנד, וועלכער דערמאנט זיי זייער היילינע פליכט פאר די אידישע ערציהונג פון זייערע קינדער.

דורך דעם זכות פון די נשים צדקניות זיינען אונזערע עלטערען אויס־געלייזט געווארען פון מצרים, און דורך דעם זכות פון די נשים צדקניות פון היינטיגען דור, און דעם זכות פון יענע אידישע מוטערס וועלכע העלפען די תלמוד תורה׳ס און ישיבות פון לאנד, וועלכע העלפען צו ערציהען א נייעם אידישען דור אין דעם גייסט פון דער אלטער היילינער אידישע תורה, וועלען מיר זוכה זיין צו הערען דעם שופר של משיח במהרה בימינו, אמן! ואמן!

שופר

תחמה מקטרגת בראש השנה, אומר לה הקדוש ברוך הוא, את עד אחד, ואין דבריו של אחד נשמעים, והולכת לתביא עמה הלבנה, ואינה יכולה למצוא, שהיא מתכסה בו, והיינו דכתיב תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגינו (ילקוט ראובני, פ׳ בראשית, וסמ״ג סוף הלכות ראש השנה).

ווען מיר עפענען די אידישע געשיכטע און מיר לייענען אין איהר, ווערען מיר ענטציקט און איבערראשט פון א מערקווירדיגע, זאנדערבארע ערשיינונג: אז ווען דער איד איז רייך, פריי, און גליקליך, פארגעסט ער אויף אידישקייט, און ווערט אסימילירט מיט די גוים צווישען וועלכע ער לעבט — וישמן ישורון

* * * *

און עס בלאָזט דער שופר, ער רופט צו די זון אידען, צו די לומדים און משכילים, ער רופט צו די פראָסטע אידען, צו די לבנה אידען, ער רופט צו די גבירים, צו די קאַפּיטאַליסטען, ער רופט צו די אָרימע אידישע ארבייטער, ער רופט צו די קאָנסערוואַטיווע אידען, צו די ליבעראַלע אידען, צו די ארטאָדאקסישע אידען, ער רופט צום אַלטען דור, און ער רופט צום נייעם דור: דער שופר רופט צו אַלע קלאַסען אידען, צו אָרים און רייך, צו אַלט און יונג — אידען! פאַראייניגט זיך! זאָגט דער מדרש נעשין בני ישראל אגודה אחת מיד הן נגאלין, ווען נור אַלע קלאַסען אידען וועלען זיך באמת פאַראייניגען אין איין גרויסען, שטאַרקען, מעכטיגען, הייליגען, אידישען פאַרבאַנד, ווען ביי אַלע אידען פון דער וועלט וועט הערשען אַחדות און שלום, אָט ווי דער שופר פאַרלאַנגט דאָס. שטעהען די אידען פון אַמעריקא און בלאָזען שופר און רופען די אידען פון ארץ ישראל און פון דער גאַנצער וועלט צו ארבייטען צוזאַמען פאַר אידען און יודענטהום, דאַן — יתקע בשופר גדול ובאו האובדים והנדחים, וועלען מיר דערלעבען יענעם גרויסען, הייליגען מאָמענט דאָס מיר וועלען זוכה זיין צו הערען דעם ג ר ו י ס ע ן שופר, דעם שופר גדול, דעם „שופר של משיח,“ אז עס וועלען קומען אַלע קלאַסען און פאַרטייען פון פאָלק צוריק אין ארץ ישראל, און עס וועלען אויך קומען צוריק, צוריק צום פאָלק, צוריק צום יודענטהום, צוריק צו אונזער לאַנד, די אובדים און די נדחים. עפענט די אידישע געשיכטע און לייענט, וועט איהר פאַרשטעהן ווי פיעל מיליאָנען אובדים און וויפיעל נדחים מיר האָבען געהאַט אין אונזערע לעצטע צוויי טויזענד יאהר גלות, פאַרלאָרענע און פאַרשטויסענע, ווי גרוים איז זייער צאָהל! און ווי גליקליך, און ווי רייך זיי האָבען געקענט מאַכען דאָס אומגליקליכע און אָרימע אידישע פאָלק ווען זיי וואָלטען ניט געווען פאַרלאָרען און פאַרשטויסען פון אונז. דער שופר וועקט! דער שופר רופט! ער רופט צוריק, צוריק צו גאָט! צוריק צו דער תורה! צוריק צו ארץ ישראל! וואוהין מיר וועלען אין גיכען זוכה זיין צו קומען במהרה בימינו, אמן! ואמן!

די סקאַרבאָווע נגונים

אידישע נגונים בכלל. די אָריגינעלע אידישע נגינה.

יעדע נאַציאָן האָט איהרע אייגענע נאַציאָנאַלע מיוזיק, נאַציאָנאַלע ליעדער און פאָלקס ליעדער, ווי אויך נאַציאָנאַלע און פאָלק געזאַנג. אידען, וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייער לאַנד און וואַלגערען זיך ארום שוין באלד 2 טויזענד יאהר, האָבען כמעט אַלעס פאַרלאָרען, און לעבענדיג אזוי פיעל צייט אין פרעמדע לענדער אַלס מינאָריטעט, איז גאַנץ נאַטירליך דאָס דער איד אַסימילירט זיך און טאַנצט נאָך די פרעמדע פעלקער. און אזוי האָט פאַסירט דאָס אין אונזערע הייליגע. שוהלען האָבען היינטיגע מאָדערנע חזנים אריינגעבראַכט פ ר ע מ ד ע געזאַנג, ניט אידישע, ווייט פון אידישען גייסט, פון דער אידישער נשמה, ווייל זיי וויסען נעבעך ניט, דאָס די געשמאַקסטע נגינה, דאָס די געזאַנג וואָס קען אריינדרינגען טיעף אין דער אידישער הארץ איז דוקא דער

אום ראש השנה. ענטפערט גאָט — איין עדות הערט מען ניט אויס, מען דארף הערען 2 עדות, וואָס זאָגט די לבנה? ווי טוען אידען ווען זיי פיהלען זיך אָרים און פארפאָלגט? האָבען מיר אָבער יעצט א מערקווירדיגען פאַל וועלכער איז ווירקליך א נייעס אין דער אידישער געשיכטע, דאָס איצט נאָך דער גרויסער וועלט מלחמה, איז געוואָרען אן איבערקערעניש, א רעוואָלוציאָן אין די מענשליכע מחות און נשמות, אז אפילו גערדריקטע, פארפאָלגטע, און אָרימע אידען זיינען, ניט צוגעבונדען צו אידישקייט ווי עס באדארף צו זיין! האָבען מיר דאָך אָרימע ארבייטער וועמעס קינדער ווייסען ניט פון דעם אידישען גאָט און די אידישע תורה, און דערפאר — הולכת להביא עמה הלבנה — געהט די זון מיטברייננגען מיט זיך די לבנה, צו צייגען דאָס צייטען האָבען זיך געביטען, אפילו די לבנה — דער סימבאָל פון חשך — קען עדות זאָגען אויף אידען אום ראש השנה, אז זיי, די אָרימע לבנה אידען, וועלכע געניסען ניט קיינע זונען שטראהלען אין זייער לעבען, דאָך קען מען אויף זיי גענוג מקטרג זיין, אָבער — ואינה יכולה למצוא שהיא מתכסה בו שנאמר תקעו בחדש שופר ב כ ס א ליום חגינו — אָבער מען קען ניט געפינען די לבנה אום ראש השנה, זי ווערט דאן פארדעקט, באהאלטען, זי וויל ניט און קען ניט קומען מקטרג זיין אויף אידען, ווייל ראש השנה קומען אפילו די אָרימסטע און אומגליקליכסטע אידען בעטען גאָט: די שוהלען, די טעמפלען, די האָלען, די קירכען, יעדער פאסיגער און ניט פאסיגער פלאַץ, ווערט פארפאַקט מיט אידען וואָס קומען דאווענען. ניט אומזיסט רופט זיך דאָס „דער ימים נוראים יאריד,“ און דאָס צייגט אז „וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער אידען זיינען מיר,“ דער איד בלייבט איד! א גאַנצען יאהר פארגעסט ער אביסעל אויף זיין אידישקייט, אָבער אז עס קומט ימים נוראים, קומט ער צו זיך. און דערפאר בלאָזט דער שופר: ער רופט צו אלע נדחי ישראל, צו אלע פארשטויסענע אידען, זיי זאָלען זיך אומקערען צוריק צום יודענטהום. דער שופר רופט צו די לומדים, צו די משכילים, וועלכע זיינען באוואוסטזיניגע, אויפגעקלערטע אידען, דאָס זיינען די „זון אידען,“ און זי רופט אויך צו די פראָסטע אידען די „לבנה אידען.“ די זון איז מקטרג צו גאָט אום ראש השנה, אז דוקא די היינטיגע, מאָדערנע אויפגעקלערטע אידען זיינען ניט גאָר פרום, די משכילים וואָס דארפען דאָך זיין אז — והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע — זיי, די משכילים, די אויפגעקלערטע, דארפען דאָך זיין ז ו נ י ג ע אידען, זאָלען שיינען ווי דער הימעל, צום סוף וואָס זעהען מיר — היש משכיל דורש אלקים? עס איז שווער צו קריגען א משכיל וועלכער זאָל זיין א פרומער איד, א דורש אלקים. פארצייטען אָבער פלעגט דער פראָסטער איד, דער לבנה איד, ניט אזוי אויפגעקלערט, אָבער פרום, אמת פרום זיין; היינטיגע צייטען אָבער, ווייל די זון ברייננגען אום ראש השנה אלס עדות אפילו די לבנה, דאָס אפילו פראָסטע ארבייטער וועלכע האָבען קיין צייט און קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו לערנען, לייענען, שטודירען, פילאָזאָפירען, און דאָך זיינען זיי פרעמד פון אידישקייט. אָבער די לבנה באהאלט זיך ראש השנה! זי איז צוגעדעקט! ראש השנה און יום כפור קומען אָט די לבנה אידען כאפען א אידישע וואָרט, מען קען ניט און מען טאָר ניט מקטרג זיין אויף אידען אום ראש השנה!

די ערשטע אידישע נגונים זענען אויך די סקאַרבאָווע נגונים, איבערהויפּט פון ימים נוראים. דאָס זענען אַלטע און הייליגע נגונים. זיי שטאַמען פון דעם מהרי"ל מפראג ז"ל וועלכער איז געווען אַ וואונדערבאַרער גוטער חזן מיט פיעל משוררים. און אַט די נגונים וועלכע זענען אַרויס פון זיין ריינע הייליגע האַרץ, זענען אַריין טיעף אין די האַרץ און נשמה פון דעם אידישען פאָלק און זענען געבליבען הייליג און טראַדיציאָנעל.

מען זאָגט, דאָס ווען אידען אין שפּאַניען האָבען געמוזט באַהאַלטען זייער אידישקייט, וועיל ווען מען האָט זיך דערוואוסט דאָס איינער איז אַ איד, פלעגט מען איהם פאַרברענען לעבעדיגערהייד, אין יענער שרעקליכער און פינסטערער צייט, האָט זיך דער איד געפיהלט זעהר עלענד, און יעדער שפּאַנישער איד האָט געבענקט נאָך אידען, צו שליסען מעהר באַקאַנטשאַפט מיט אידען, און טרעפענדיג איינעם וועלכער קוקט אויס ווי אַ איד, אָבער נים זענענדיג זיכער, און פיליכט טרעפט ער גאָר אָן אַ דעטעקטיוו פון דער רעגיערונג, און ווען ער צייגט נור סימנים דאָס ער איז אַ איד, איז זיין לעבען אין דעם גרעסטען געפאַהר, פלעגט ער דאַן אַנפאַנגען זינגען שטילערהייט אַ סקאַרבאָווען ימים נוראים'דיגען נגון, און דער אמת'ער איד ווען ער דערהערט אַ ימים נוראים נגון, גיט זיך זיין אידיש האַרץ אַ צאַפּעל צום רבונו של עולם, פלעגט ער אריינשטעקען דעם זינגער פון דעם סקאַרבאָווען נגון זיין האַנד מיט פרייד און גליק „עברי אנכי" איך בין אַ איד! און אַט אַזוי האָבען די סקאַרבאָווע נגונים פאַראייניגט אַט די אַלע באַהאַלטענע און עלענדע אידען אין שפּאַניען, און זיי צינדען אָן און בעגייסטערען מיליאָנען אידישע נשמות היינט צו טאָג.

די סקאַרבאָווע נגונים זענען טיף איינגעוואָרצעלט אין דעם אידען'ס נשמה, זיי זיינען געבוירען געוואָרען צוזאַמען מיט די אידישע צרות, דער אידישער וועהטאָג, דער אומגליקליכער אידישער קרעכץ פון 2 טויזענד יאהר גלות הערט זיך פון זיי. די געטריבענע פון פרעמדע לענדער, די פליכטלינגע, די געקוילעטע און די פּאָגראָמירטע, אַט דיזער 2 טויזענד יעהריגער שרעקליכער קרעכץ פון אַ גאַנצען פאָלק לאָזט זיך הערען פון די סקאַרבאָווע ימים נוראים'דיגע נגונים.

די אידישע נגונים דאַרפען נים האָבען קיין אָרגעל באַגלייטונג. די סטרונעס פון דער אידישער נשמה באַגלייטען און גיבען צו אַ זיסען האַרמאָנישען קאָלאָריט צו די האַרציגע נגונים, און דערפאַר אונזערע רעפאָרמירטע ברידער וועמעס אידישע נשמה שטאַרבט אָפּ, איז אַט די נשמה וועלכע האָט נים קיין יניקה פון דער אידישער תורה, פון ש"ס ופוסקים, אַזאַ נשמה קען נים באַגלייטען און מיטפיהלען די אידישע נגונים, און ווען די אידישע האַרץ ווערט קראַנק און שוואַך, און די אידישע סקאַרבאָווע נגונים ווערען פעריאָגט דאַן מוז מען אָן אָרגעל האָבען. דער אָרגעל גיט אַ קרעכץ און באַקלאָגט אַ טוידטען יודענטהום. דער אָרגעל קרעכצעט נעבעך אויף די גרויסע אידישע אָרימקייט פון די רייכע טעמפּלען.

די הייליגע סקאַרבאָווע נגונים און די הייליגע ימים נוראים טעג, מאַכען ציטערען הערצער און שאַפען אַ הייליגע שטימונג אין אונזערע ריכטיגע אידישע שוהלען.

אָריגינעלער אידישער געזאַנג. און אַט אַזוי האָבען זיי אריינגעשלעפּט די קירכע געזאַנג אין אונזערע שוהלען, אַ גוי'אישע נשמה, גוי'אישען גייסט אין אונזערע שוהלען. און זיי, די היינטיגע חזנים, ווילען ניט וויסען דאָס אַ פּאַרצייטיגער אמת אידישער „והכהנים“ אָדער „יתגדל“ צו ימים נוראים, צו בענשען טל און גשם, פון די אַלטע אידישע חזנות, שטעהט מיליאָנען מאָל העכער פון די היינטיגע מאָדערנע גוי'אישע געזאַנג. מען זעהט איינפיהרען אין אונזערע רייכע און שעהנע שוהלען אָדער טעמפּלען, דאָס די דרשה זאָל זיין אין ענגליש, און דער גרויסער טויזענדער דאָלאַרדיגער „מאָדערנער“ חזן זאָל זינגען נאָך פּרעמדע פּעלקער גייסט. אַזוי אַז די שכינה מוז אנטלויפען פון יענער שוהל. און אין דער צייט ווען אונזערע רעפאָרמער זינגען גוי'אישע געזאַנג, איז די גרעסטע גוים קינסטלער וועלכע האָבען זיך געקויפט אַ גרויסען וועלט נאָמען, זוכען ווי מיט ליכט דוקא אָן אַלטע אידישע נגינה פון די אַלטע חזנות. אַזאַ וויכטיגע מוזיקאַלישע פּערזאָן ווי בעטהאָווען, האָט זיך באַנוצט מיט דעם ניגון פון אונזער „כל נדרי,“ און סאַנסאַנס אין זיין באַריהמטע „שמשון און דלילה“ האָט זיך באַנוצט מיט אונזער „ונסלח,“ און מאיר בער אין זיין וועלט באַריהמטע אָפּערא „הוגענאָטען“ האָט זיך באַנוצט מיט אונזער „ויכולו השמים,“ רובינשטיין, טשאַיקאָווסקי, באָראָדין און אנדערע וועלט באַריהמטע קאָמפּאָזיטאָרען האָבען געזוכט ווי מיט ליכט א ל ט ע אידישע נגונים וועלכע אַפּעלירען אַזוי שטאַרק צו דער נשמה, און מיט זיי האָבען זיי באַשיינט זייערע שאַפונגען (זעה מינקאָווסקי, אין „השלח“ 5טער טהייל, זייטע 206 ; צונץ ז"פ 13).

אמת'ע אָריגינעלע אידישע נגונים זענען אונזערע טראָפּ, ווען מיר זענען מעביר די סדרה און פון דער הפטרה, דאָס זענען די נאָטען פון אונזער אָריגינעלער נאַציאָנאַלער געזאַנג און די ספּעציעלע טראָפּ צו די ספרים איוב, משלי, תהלים, וועלכע רופען זיך אין העברעאיש מיט דעם ראשי תיבות א' מ' ת'.

די היינטיגע מאָדערנע ראַדיקאַלע אידען וועלכע טראַכטען מיט פרעמדע גוי'אישע קעפּ, און אַלעס וואָס די מאָדערנע „וויסענטשאַפטליכע“ אנטי־סעמיטישע ביבעל קריטיק זאָגט, איז פאַר זיי הייליג, אַט די עלענדע אומ־גלקיליכע אידען האָבען נעבעך געזוכט „וויסענשאַפטליך“ צו ערקלערען דאָס די טראָפּ און די נקודות זענען ניט געווען באַוואוסט צו די חכמי התלמוד, און אפילו דער גרויסער געלעהרטער ר' א ל י ה ו ב ח ו ר האָט געהענקט אַזוי. ווען זיי וואָלטען אָבער וועניגער געזוכט חכמות און הסכמות ביי גוים, און וואָלטען בעסער אריינגעקוקט אָפטער אין גמרא, אנשטאַט צו לייענען אַן אנטיסעמיטישע אָפּהאַנדלונג וועגען ביבעל קריטיק, ווען זיי וואָלטען בעסער אַ בלאַט גמרא געלערענט, וואָלטען זיי געוואוסט אַז די חכמי התלמוד האָבען יאַ געוואוסט פון נקודות און טעמים, זיי רופען דאָס „פּסקי טעמים.“ רש"י ערקלערט : הנגינות קרוין טעמים (מגילה ג', נדרים ל"ז, ברכות ס"ב, און זעה „פּרדס רמונים“ שער הטעמים), זעה אויך דעם „(מאור עינים“ פּרק נ"ט, אבן ספיר ח"א נ"ו, אשתדלות שד"ל ב' חלקים, ווארשא, 1896).

ווען מען שטעהט ביים טייך, ביים ים, און מען זעהט די שעהנקייט פון דעם ים, מען באוואונדערט די שעהנקייט פון דער נאַטור, גאָט'ס ארבייט, דערמאָנט מען זיך, היינט, ראש השנה, איז דאָך די וועלט באשאפען געוואָרען, אָה, ווי מעכטיג איז דער באשעפער פון דער וועלט! ווארום האָב איך געזינדיגט קעגען איהם א גאַנצען יאָהר? און דער מענש האָט חרטה און טוט תשובה. אזוי שרייבט דער גרויסער פוסק און פילאָזאָף דער רמ"א ז"ל אין זיין ספר „תורת העולה" (חלק ג', פרק כ"ו, און זעה זוהר פ' אמור, דף ק"א).

דער מדרש דערצעהלט אונז דאָס ווען אונזער פאָטער אברהם איז געגאַנגען בינדען זיין זוהן יצחק און ברייננגען איהם א קרבן צו גאָט, האָט דער שטן איהם פארשלעפּט אין א גרויסע טייך און אברהם האָט זיך אנגעפאנגען טרינקען, האָט אברהם געשריען צו גאָט — העלף גאָט! איך בין אין געפאהר! איך ווער דערטרונקען! — און גאָט האָט איהם מציל געווען. און ווען מיר שטעהען ראש השנה ארום טייך, דערמאָנען מיר זיך אויף יענע טייך אין וועלכע אברהם אבינו האָט זיך געטרונקען; מיר דערמאָנען זיך אויף די מסירת נפש פון אברהם און יצחק ביי דער עקידה, און מיר באשליסען צו אוועק געבען אונזער גאַנצען לעבען, אונזער לעצטען טראָפּען בלוט, פאר די הייליגקייט פון יודענטהום (לבוש לאו"ח, סימן תקצ"ו, מהרי"ל הלכות ראש השנה, של"ה דף רי"ד ע"י, דפוס אמשטרדאם, קדמוניות סי"ד פ' כ"ג).

היינט, ראש השנה, פייערען מיר די הערשאַפט פון גאָט, מיר זאַלבען דעם רבונו של עולם פאר אונזער מלך, מיר שרייען אויס — המלך! און עס איז אן אלטער מנהג ביי אידען צו זאַלבען א קעניג נעבען א קוואל וואסער, דאָס זייער מלוכה זאָל זיך ציהען ווי א קוואל. און דערפאר געהען מיר צום תשליך, מיר פייערען די קרוינונג פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא נעבען דעם ים (הוריות י"ב, כריתות ה'), מיר שאָקלען די ברעגען פון אונזערע קליידער, מיר שאָקלען ארויס אלעס וואָס איז שלעכט אין אונז און ארום אונז, אלע שלעכטע הערשער, דעספּאָטישע רעגירונגען, און מיר מאכען פאר א מלך דעם רבונו של עולם וועלכער קיניגט מיט גערעכטיגקייט און רחמנות (זעה איוב, קאפּיטעל ל"ח, פסוק י"ג, און דעם „אוצר התפלות" דף תקל"ז ע"ב).

פיער הונדערט אידישע יונגע קינדער, זיהן און טעכטער — דערצעהלט אונז די גמרא און דער מדרש — האָבען די רוימער פארפּאַקט אין א גרויסע שיף און האָבען געפיהרט די אידישע קינדער צו אָפּ'שמד'ען זיי. עס פרעהט זיך דער קאַפּיטאַן פון דער רוימישער שיף, עס פרעהען זיך די רוימער, אָט, אָט, באלד וועלען מיר שמד'ען 400 אידיישע קינדער, אָט באלד וועלען מיר אריינכאַפּען פאר אונזער אמונה פיער הונדערט יונגע אידיישע נשמה'לעך און — די קינדער האָבען געפיהלט צו וואָס מען פיהרט זיי, און זיי אלע האָבען הייליג באשלאָסען, אריינוואַרפען זיך לעבעדיגערהייד אין ים, און שטאַרבען על קדוש השם.

תשליך

בינטלעך מיט זינד אין ים. תשובה ביים ים. מענש און פיש. גערדאַנקען ביים ים. מען פייערט די מלוכה פון גאָט. קדושים בלוט אין ים. די שיף פון שמד און די שיף נאָך ארץ ישראל.

היינט, דעם ערשטען טאָג ראש השנה, באַלד נאָך מנחה, בעפאָר די זון פארגעהט, וועלען מיר אַלע געהן צום ים, אריינוואַרפען דאָרט אַלע אונזערע זינד, און מיר וועלען דאן זאָגען צום רבונו של עולם „ותשליך במצולות ים כל חטאתם,“ און דו, גאָט, זאָלסט אריינוואַרפען אין די טיעפעניש פון ים אַלע אונזערע זינד. און א שרעקליכער גרויסער פעקעל מיט זינד וועט דאָס אריינגעוואָרפען ווערען היינט אין ים און אין די טייכען פון אמעריקא ! די זינד פון דעם רייכען לענדלאָרד וועלכער האָט פיעל הייזער און זויגט אויס די בלוט פון זיינע אָרימע שכנים (טענענטס), די זינד פון דעם מיליאָנער וועלכער ווערט רייך אויף די שווערע ארבייט פון זיינע אָרימע ארבייטער, ווען ער קוועטשט אויס ווי א לימענע און וואַרפט זיי נאָכהער אַוועק ; די זינד פון חלול שבת, פון עסען טרפות, די זינד פון די פיהרער און מאַכערס פון אונזערע שוהלען וועלכע גיבען זייערע רבנים א הונגער־לוין, און באַליידיגען דעם כבוד התורה ; די זינד פון עלטערען וועלכע ערציהען ניט זייערע קינדער אין דעם גייסט פון אונזער הייליגע תורה און פיעל אַנדערע שרעקליכע און שווערע פארברעכענס.

אָרימער ים ! אָדער מען קומט צו דיר זינדיגען אין די הייסע זומער מאַנאַטען, ווי אין קאָני איילאַנד און דאָס גלייכען, אָדער מען קומט און מען וואַרפט אריין אין דיר, אומשולדיגער ים, אַזוינע פעק מיט עבירות ! דער ים קען קיין זאַך ניט האַלטען אין זיך, די פיש פון ים שלינגען ניט קיין עבירות, און דער ים וואַרפט צוריק אַרויס די זינד, און דער אומגליק איז וואָס יעדערער כאַפּט צוריק זיין פעקעל זינד און זינדיגט ווידער אויף דעם נייעם יאהר, גלייך ווי גאָרניט האָט פאַסירט, ווייל קיין תשובה טוט מען ניט, דער עיקר איז דאָך צו טאָן תשובה, חרטה האָבען אויף די שלעכטע פארגאַנגענהייט און נעמען אויף זיך צו זיין ריין און הייליג אין דער צוקונפט, צו האָבען געבען ים א חשבון הנפש, און ווען דאָס פעהלט, פעהלט דאָך דער עיקר, און וואָס העלפט דאַן דער תשליך ? !

ווען מען געהט צום תשליך, שטעהענדיג ביים ים, וואו פיש שווימען אַרום, דאַרף מען טראַכטען : די פיש ווייס נעבעך ניט איהר צייט, זי איז ליסטיג, פרעהליך, און פיהלט נעבעך ניט אַז מען האָט איהר געכאַפּט אין נעץ און זי מוז שטאַרבען. און דער מענש איז דען גליקליכער פון די פיש ? ווייס דען דער מענש וואָס מיט איהם וועט שפּעטער, מאָרגען, זיין ? ! און ווען דער מענש שטעהענדיג ביים ים ווען ער פאַנגט נור אָן צו מאַכען א חשבון הנפש, צו געבען א בליק אין זיין נשמה צו טראַכטען וועגען לעבען און טוידט, דאַן וועלען אין זיין מוח אריינקומען תשובה גערדאַנקען, און ער וועט געוויס ווערען א בעסערער איד ווי ער איז געווען בעפאָר.

צום גדליה

די היסטאָריע פון צום גדליה זיין באַדייטונג. די גרויסע לעקציע. אידישע ערציהונג.

נעכטען, ראש השנה, זענען מיר אַלע געווען אין שוהל, האָבען תשובה געטאָן, און היינט, צום גדליה, פאַסטען מיר. און באַלד וועלען מיר דאַווענען מעריב, מיר וועלען געהן אהיים אָפּפאַסטען זיך און פאַרגעסען אויף דעם תענית און מיר וועלען גאָרניט לערנען פון דעם צום גדליה. דערפאַר געפין איך פאַר נויטיג, רבותי, צו ערקלערען וואָס מיינט צום גדליה און וואָס מיר קענען לערנען, זעהר פיעל לערנען, פון דיזען צום גדליה:

ירושלים איז חרוב געוואָרען און אויך דאָס גאַנצע אידישע לאַנד. דער נאַציאָנאַלער מקונן ירמיה הנביא האָט אונז געלאָזען ירושה אַ ספר פון קלאָג, וואו ער באַוויינט דעם חורבן בית המקדש, דעם חורבן פון ארץ ישראל, און דעם שרעקליכען חורבן פון דאָס אידישע פאָלק. די אידישע לאַגע נאָכ'ן חורבן איז געווען שרעקליך. די קינדער פון די צעהן שבטים „עשרת השבטים,“ זענען צוטריבען געוואָרען אין פאַרשידענע לענדער און האָבען זיך אויסגעמישט מיט די פעלקער. פיעלע זענען אומגעקומען פון הונגער, שווערד און קראַנקהייטען.

נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל, לאָזט איבער גדליה בן אחיקם אַלס דער פיהרער, דער „האַי קאָמישאָנער“ פון די אידען. אידען פון פאַרשידענע לענדער הערען דאָס אין ארץ ישראל איז געבליבען אַ אידישער ישוב, און דאָס גדליה איז דער פיהרער, באַשליסען זיי צו קומען אין ארץ ישראל. און אָט אַזוי האָט געהאַלטען דערביי דאָס די אידישע באַפעלקערונג אין ארץ ישראל זאָל גרויס ווערען און עס זאָל באַשאַפען ווערען אַ אידישער צענטער, וועלכער וואָלט מיט דער צייט געבראַכט צו די צוריקקערונג פון דעם אידישען פאָלק אין דער אידישער לאַנד.

איז אָבער ביי אידען קיין אחדות ניטאָ: קומט ישמעאל בן נתניה וועלכער האָט געשטאַמט פון די אידישע קעניגליכע פאַמיליע און וועלכער האָט וואַרשיינליך מקנא געווען גדליה'ן ווארום האָט מען איהם געמאַכט פאַר דעם פיהרער פון אידען, און ניט איהם אליין, ישמעאל'ען, וועלכער איז מעהר באַרעכטיגט דערצו ווי גדליה, ווייל ער שטאַמט דאָך פון אַ קעניגליכע פאַמיליע, און וואַרשיינליך אַלס גוטער אידישער פאַטריאָט, האָט אין זיין האַרץ געברענט אַ שרעקליכער פייער פון האַס צום אידישען שונא וועלכער האָט חרוב געמאַכט דאָס אידישע לאַנד. די ביידע מאָטיוון האָבען געטריבען ישמעאל'ען צו באַגעהן אַ שרעקליכען שענדליכען פאַרברעכען: ער איז געקומען צוזאַמען מיט 10 מאַן צו גדליה'ן און האָבען איהם שטילערהייד ערמאָרדערט, און האָבען אויך ערמאָרדערט און געקוילעט אַלע וועלכע זענען געווען מיט גדליה'ן. מיט דעם טוידט פון גדליה איז חרוב געוואָרען דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל. די ביסעל אומגליקליכע אידען וועלכע זענען געבליבען לעבען, האָבען זיך צושפרייט אויף אַלע זייטען פון דער וועלט. ארץ ישראל איז געוואָרען וויסט און לעער (ירמיה קאַפּיטעל מ' און מ"א).

* * * *

די זון שיינט, עס איז ליכטיג, ווארעם. זונען־שטראַלען ווערען פאַר־גאָסען אויפ'ן גרויסען ים, אויף דער שיף, און 400 יונגע אידישע קינדער נעמען זיך פאַר די הענד, שרייען אויס מיט הייליגע באגייסטערונג „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד !" און — פיער הונדערט יונגע אידישע קערפערס ווארפען זיך אריין אין ים מיט שמע ישראל אויף די ליפען.

קדושים ! הייליגע יונגע אידישע גבורים ! הייליגע נאָבעלע נשמות ! יונגע קינדער ! איהר האָט אוועק געלאָזען א וועלט פון רייכטהום, גליק, געלד, פערגעניגען, איהר האָט יונגערהייט אָפּגעהאַקט דעם פאָדעם פון אייער יונגען לעבען און איהר זענט לעבעדיגערהייד, יונגערהייד, אנטלאָפען פון אזא לעבען וועלכער צווינגט אייך צו אוועקווארפען אייער הייליגע אמונה ! און זעהר פיעל טויזענדער קדושים אין אלע צייטען, אין אלע לענדער, האָט דער ים און די טייכען פון דער וועלט איינגעשלונגען ; פיעלע טויזענדער אידען האָבען געפונען זייער קבר אין ים דורך די שרעקליכע פאָרגראָמען, די טייכען, דער ים איז פול מיט בלוט . . . . רויטע בלוט . . . . הייליגע בלוט . . . . אידישע בלוט . . . . בלוט פון קדושים וטהורים . . . . און מיר קומען ראש השנה, דער יום הדין, צום טייך, צום ים, מיר זעהען אין ים טייכען הייליגע פארגאָסענע אידישע בלוט . . . . און מיר שעפּען באגייסטערונג, מסירת נפש גייסט, מיר לעבען זיך אריין אין דעם קדושים גייסט, און מיר באשליסען צו זיין קדושים וטהורים, און מיר זאָגען צום רבונו של עולם — זיי אונז מוחל, גאָט, אויף אלע אונזערע זינד, זיי ניט צופיעל מקפיד אויף א פאָלק פון קדושים !

* * * *

די שיף פון וועלכע 400 אידישע קינדער האָבען זיך געוואָרפען אין ים אויף קדוש השם, האָט געבוירען אן אנדער שיף — די אידישע שיף — וועלכע פיהרט אידען פון נויאָרק ביז ירושלים ; שווימט מיט נאציאנאלען שטאָלץ אויף דעם גרויסען ים און די אידישע נאציאנאלע פלעג פלאַטערט אויף איהר, און קומענדיג היינטיגען יאהר צום תשליך, וועלען מיר זיך דערמאָנען אויף אָט די צוויי שיפען, און מיר וועלען באשליסען צו אריינווארפען אין ים אונזער גלות, און שטרעבען מיט אלע אונזערע כחות קומען צוריק אין אונזער אייגענע הייליגע לאַנד, אין ארץ ישראל, אמן ! ואמן !

שבת שובה

שובה ישראל עד ה׳ אלהיך (הושע י״ד). יעזוב רשע דרכו
ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו (ישעיה כ״ו, ז׳).
צוריק צום שבת. צוריק צום תנ״ך. צוריק צו דער גמרא.
די משנה. די אגדות. אַ אידישע הויז. ארץ ישראל.

היינטיגער שבת, רבותי, איז אַן אויסערגעוועהנליכער שבת, ער טראָגט א גרויסען הייליגען נאמען „שבת שובה,״ ווייל אין דיזען שבת לייענען מיר די ווערטער פון דעם אומשטערבליכען נביא הושע „שובה ישראל עד ה׳ אלהיך,״ סער זיך אום, דו איד, צו גאָט, דיין גאָט ! עס איז א שבת פון תשובה, א שבת פון אומקערען זיך.

שובה ישראל ! קער זיך אום צוריק צו דיין הייליגען שבת ! מיר קענען ניט זיין קיין אמת׳ע, קיין גאנצע, קיין ריכטיגע אידען, אויב מיר זענען ניט קיין ריכטיגע ש ו מ ר י ש ב ת. מיר קענען ניט ערציהען א ריכטיגען, גוטען, אידישען דור אין א הויז וואו דער שבת ווערט ניט אָפּגעהיט. אך און וועה צו אונזערע יונגע אידישע זיהן און טעכטער וועלכע האָבען נעבעך ניט זוכה געוועזן צו לעבען און אויסוואקסען אין א ריכטיגע ש ב ת ׳ ד י ג ע ה ו י ז ! זיי פעהלט, נעבעך, די פּאָעזי פון שבת, א שטיק שעהנקייט האָט מען צוגענומען פון זייערע יונגע נשמה׳לעך. דער גאנצער לעבען ווערט, אָהן שבת, פארגרעבט, וואָכעדיג, ביליג, אָהן אינהאלט. דער שבת איז הייליג און ער מאכט הייליג די וואָס היטען איהם. און אום צו לעבען א ריינעם הייליגען אידישען לעבען, אום צו קענען ערציהען אונזערע קינדער ריכטיג, מוזען מיר זיך אומקערען צוריק צום שבת.

שובה ישראל ! קער זיך אום צוריק צו דיין תנ״ך, תורה, נביאים וכתובים, דאָס איז אונזער געטליכער אוצר, דער גרעסטער אוצר וואָס א פאָלק קען פארמאָגען. יעדער וואָרט פון תנ״ך איז א מעסעדזש פון גאָט ; יעדער פסוק — אַן אוצר פון געדאנקען, דימענטען, בריליאנטען, א קרוין פון פערל, זעהט די גייסטליכע אויג אין יעדער ווינקעלע פון אונזער תנ״ך. יעדער איד און יעדע אידישע פרוי האָט געדארפט זיין קלאָר אין תנ״ך אויסווענינ ! יעדער טאָג פון לעבען דארף געלערענט און געשטודירט ווערען דער תנ״ך, דער בעסטער טעקסט בוך אין אונזערע העברעאישע שוהלעס, תלמוד תורה׳ס און ישיבות, האָט געדאַפט זיין ד ע ר ת נ ״ ך, קיין בעסערע מעטאָדע פון תנ״ך גיט ניט. און ווי שרעקליך פארנאכלעסיגט דער תנ״ך איז ביי אונז ! די הארץ טוט וועה ווען מען דערמאָנט זיך נור ווי פיעלע מיליאָנען אידען ווייסען ניט דעם תנ״ך, און וויפיעל מיליאָנען אידישע קינדער ווערען ערצויגען אָהן דעם גייסט פון תנ״ך ? ! זיי, די גוים, לערנען און שטודירען דעם תנ״ך זעהר פאָרזיכטיג, גוי׳אישע געלעהרטע גיבען ארויס זעהר פיעל ביכער אין אלע שפּראכען פון דער וועלט וועגען אונזער תנ״ך, און מיר, דאָס אידיש פאָלק, וועלכער האָט געשאפען דעם תנ״ך, לערענט ניט און ווייס ניט דעם תנ״ך ! דער תנ״ך איז דער יסוד פון יודענטהום, דער טעקסט בוך פון דער מענשליכער

דער נאָמען פון גדליה איז געבליבען פאראייביגט אין דער אידישער געשיכטע, און דער טאָג ווען ער איז אומשולדיגערהייד אוועק פון דער וועלט, איז געבליבען ביי אידען אלס א טאָג פון פאסטען און טרויער. „צום“ מיינט אין העברעאיש א טאָג פון פאסטען, „צום גדליה,“ דער תענית פון גדליה, מען פאסט און מען טרויערט אויף דעם טוידט פון גדליה. און גלייכצייטיג טרויערען מיר אויף דעם וואָס ביי אונז איז קיין אחדות ניטאָ: וואָס איינער בויט, קומט דער צווייטער און ברעכט. און דאָס גיט אונז צו פארשטעהן, דאָס אויב מיר ווילען קומען צוריק אין אונזער הייליגע לאנד, מוזען מיר זיך פאראייניגען, אלע קלאסען אידען, רייכע און אָרימע, פרומע און ניט פרומע, אלגעמיינע ציוניסטען, מזרחים, אגודת ישראל, פועלי ציון, אלע, אלע, מוזען זיך פאראייניגען און מיט פאראייניגטע קרעפטען בויען ארץ ישראל.

מאנכע דענקען דאָס גדליה איז גע'הרג'עט געוואָרען ראש השנה, און צוליב די הייליגקייט פון ראש השנה האָט מען דעם תענית אָפגעלעגט אויף מאָרגען, אלס ספעציעלער תענית אונטער דעם נאָמען „צום גדליה“ (זעה רד"ק ירמיה מ"א א', אבן עזרא זכריה ח', י"ט, בית יוסף בשם רבינו ירוחם, ועיין ט"ז, שם).

און נאך עפעס זעהר וויכטיגעס לערנען מיר פון „צום גדליה,“ דאָס אויב מיר ווילען ערציהען א נייעם דור וועלכער זאָל איבער־נעמען אויף זיך די גרויסע הייליגע ארבייט פון אויפלעבען צוריק דאָס אידישע פאָלק אויף דאָס אידישע לאנד, מוזען מיר ערציהען ד י ע ל ט ע ר ע ן, ווייל וואָס פאר א עלטערען, אזוינע קינדער, ווען די עלטערען אליין זענען מחלל שבת, עסען טרפות, לייגען ניט קיין תפלין, קענען ניט קיין העברעאיש, ווי קענען מיר ערוואַרטען דאָס זייערע קינדער זאָלען אויסוואקסען גוטע און ריכטיגע אידען ? !

גדליה האָט געהאט א פאָטער, אחיקם, וועלכער האָט געשטיצט דעם גרויסען נביא ירמיה אין זיין הייליגע ארבייט פאר די אידען פון ירושלים, וועלכע האָבען דעם נביא ניט געקענט פארשטעהן און האָבען געוואָלט טויטען איהם. אחיקם האָט איהם געשטיצט און פארטיידיגט (ירמיה כ"ו, כ"ד), האָט ער געהאט א זוהן גדליה וועמעס נאמען איז געבליבען אין דער אידישער געשיכטע פאר אימער. דאגעגען ישמעאל בן נתניה, האָט געהאט א פאָטער וועמען די אידישע חכמים האָבען גערופען ר ש ע, האָט ער ערצויגען א זוהן א מערדער, ישמעאל, וועמען די גמרא רופט „רשע בן רשע“ (מגילה ט"ו עמוד א').

גוטע און פרומע עלטערען ערציהען גוטע און פרומע אידישע קינדער, האָט לערענט אונז הייניטיגער תענית צ ו ם ג ד ל י ה.

הייליג, גייסטליך, אריסטאָקראַטיש, ערעל, און שטארק אין זייער הײַליגע אמונה, און זיי, אַט די אַלע פעלקער, האָבען זיך טאַקע גענומען צו פארניכטען דעם תלמוד, מען האָט דעם תלמוד געברענט אין די גאַסען. עס איז ארוים גזירות רעות אויף דעם תלמוד־ ווי אויף דעם אידישען פאָלק. אידען האָבען ניט געטאָרט לערנען דעם תלמוד, אויף וועלכען אונזערע שונאים האָבען אויסגע־טראַכט שרעקליכע בלבולים. עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען, די גמרא און דער איד וועלען לעבען אייביג !

דער וואָס לערענט גמרא, געהט אריין אין „אַ פעקטאָרי פון מארך.“ מיר זעהען אין דער גמרא ווי עס וואקסען, בליהען, און ענטוויקלען זיך טיעפע געדאַנקען, דער העכסטער מענשליכער פערשטאַנד געפינט זיך אין גמרא. אַלע טהיילען פון וויסענשאַפט, געפינט זיך אין דער גמרא, און אַלעס וואָס דער מענשליכער גייסט זוכט, פאָרשט, און בענקט, האָט דער איד געפונען אין דער גמרא. פאַרשטעהט ער נור גוט די גמרא, אזוי דאַרף ער קיין זאַך ניט, ווייל אַ ל ע ס געפינט ער אין דער גמרא. דאָס איז די גרעסטע, הייליגסטע און וויכטיגסטע ענציקלאָפּעדיע וואָס די מענשהייט האָט ווען פערמאָגט. דער תלמוד איז געוועזען דער גרעסטער אידישער ערציהער, וועלכער האָט איהם ערצויגען צו קדושה וטהרה, צו מאָראַל, צו די העכסטע מענשליכקייט און האָט פאַראייניגט אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט אַלס איין פאָלק. דער תלמוד אין גלות איז געוועזען די אידישע לאַנד, די אידישע אוניווערזיטעט. תנ"ך, אידישע געשיכטע, מוסר ומדות, האָט ער געוואוסט פון גמרא, און צו קעמפּפען ביז דעם לעצטען טראָפּפען בלוט פאַר אידישקייט, האָט איהם געלערענט די גמרא. די אגדות פון תלמוד האָבען שעהן געמאַכט זיין לעבען. די אגדות, דאָס זענען געוועזען זיינע גערטנער, זיינע בלומען, זיין אָפּערא הויז. דאָס שעהנסטע וואָס געפינט זיך אין אַ מענשליכע נשמה, געפינט איהר אויסדרוק אין די בריליאַנטענע אגדות. דער וואָס לערענט די אגדות פון תלמוד, איז אַ מענש וועלכער באַזיצט נשמה און געפיהל. אזוי איז דער תלמוד געוועזען און וועט אימער בלייבען דער פונדאַמענט און די נשמה פון יודענטהום. לאָמיר זיך צוריק קערען צוריק צום תלמוד ! זאָלען אונזערע קינדער לערנען וואָס מעהר גמרא : אַ בלאַט גמרא יעדען טאָג פאַר יעדען אידען — דאָס זאָל זיין אונזער הייליגסטע פאָדערונג. און דער תלמוד בבלי וועט אונז ברייננגען צום תלמוד ירושלמי, ניט נור אין אינהאַלט פון לערנען, נור אויך אין פּלאַץ, דאָס מיינט : דער תלמוד בבלי און דער תלמוד ירושלמי וועלען אונז ברייננגען צוריק צו אונזער לאַנד. און דערפאַר, שובה ישראל, צוריק צום תלמוד !

שובה ישראל ! צוריק צו אַ כשר'ע הייליגע אידישע הויז ! כשר זאָל זיין אונזערע אידישע קיכען, די אידישע קיך מוז כשר זיין ! אַ טריפה קיך, חס ושלום, איז אַ טריפה הויז, טריפה נשמות, טריפה געדאַנקען ; אַ כשר'ער עס־צימער, מען זאָל ניט אריינברייננגען טריפה דעליקאַטעסענס און אַנדערע טריפה מאכלים אויף דעם אידישען טיש. דער אידישער טיש מוז הייליג זיין ! מען דאַרף האָבען אַ כשר'ען שלאָף־צימער, די קינדערלעך זאָלען כשר זיין לויט דעם אידישען דין, מקוה, און אַלעס אין וואָס אַ אידישע פאָר־פאָלק

ציוויליזאציע. דאָס גאַנצע יודענטהום: משנה, גמרא, מדרשים און ילקוטים, פוסקים און מוסר, זיי אַלע זענען געבויט אויף דעם תנ"ך, אָהן תנ"ך קען קיין יודענטהום ניט זיין! לאָמיר היינטיגען שבת, שבת שובה, האָבען א חשבון הנפש וועגען דעם און לאָמיר באשליסען פייערליך נעמען זיך צוריק צום תנ"ך, לאָמיר גרינדען חברות צו שטודירען דעם תנ"ך, לאָמיר לערנען מיט אונזערע קינדער דעם תנ"ך, זאָלען אונזערע מאַסען האָבען צום ווייניגסטענס א באַגריף וואָס דער תנ"ך איז! א פּרעזידענט פון א באוואוסטער שוהל, הערענדיג אימער מיינע דרשות פון דער בימה און וואו איך ציטיר אזוי אָפט ווי מעגליך וועגען תנ"ך, און רעד גאַנץ אָפט וועגען די הייליגקייט פון תנ"ך, רופט זיך אָפּ צו מיר אמאָל נאך מיינע א פייערדיגע דרשה וועגען די גרעאַנקען פון תנ"ך, בזה הלשון — „סעי, רבי, דער תנ"ך האָט געמוזט זיין א סמאַרט מען!" אין איינפאַכען אידיש מיינט דאָס, א פּרעזידענט פון אן אָרטאָדאָקסישער שוהל דענקט דאָס „דער תנ"ך איז געווען א קלוגער מאַן" . . . . און אזוינע אָרטאָדאָקסישע אידען וואָס האָבען אזא באַגריף וועגען תנ"ך ווי יענער שוהל פּרעזידענט, האָבען מיר, ליידער, צופיעל! עס איז דערפאַר די העכסטע צייט צו תשובה טאָן, און אומקערען זיך צוריק צום תנ"ך!

שובה ישראל! צוריק צו דער גמרא, צו תורה שבעל פה! אָהן תורה שבעל פה קען מען בשום אופן ניט פארשטעהן תורה שבכתב! ווייל די גמרא איז א פּירוש, און דער בעסטער פּירוש אויף אונזער תנ"ך. דער גרעסטער און דער הייליגסטער אוצר איז די גמרא, מען קען בשום אופן ניט זיין א איד אָהן גמרא. אונזערע גאונים האָבען געשאַרפט זייערע מחות און זענען גאונים געוואָרען פון דעם למוד הגמרא. א איד וועלכער האָט ניט געלערענט גמרא, איז א טרוקענער, אונוויסענדער איד, גמרא איז די נשמה פון יודענטהום.

און ווילען מיר און אונזערע קינדער גמרא לערנען, מוזען מיר גוט זיין באקאַנט מיט משנה, וויסענדיג דעם תנ"ך, איז דער גרעסטער פערגעניגען צו באקענען זיך מיט משנה. די שפּראַך פון משנה איז א ברילויאַנטענע העברעאישע שפּראַך. איהר געפינט אין משנה גריכישע, אראמישע און רומישע ווערטער, אָבער די משנה האָט אָט די אַלע ווערטער פּאַראַידישט און זיי באקומען א העברעאישען פּנים. רבי יהודה הנשיא דער מחבר פון משניות, איז אַליין געווען א גרויסער קענער אין העברעאיש, און ער האָט געוואָלט אז מען זאָל אין ארץ ישראל רעדען העברעאיש (בבא קמא דף פ"ב), און אפילו די דינסט פון זיין הויז, די דינסט פון רבנו הקדוש, האָט גערעדט א גוטען העברעאיש. און דעם וויכטיגסטען טהייל פון יודענטהום געפינט איהר אין משנה. די משנה כאַפּט ארום די גאַנצע אידישע נשמה, און דאָס וואָס א לאַנד איז צו א געוועהנליכע פאָלק, דאָס איז אימער געווען די משנה, די אגדה, די גמרא וועלכע ענטהאַלט דאָס אַלעס, צום הייליגען גייסטליכען אידישען פאָלק. די ווירקונג פון דעם תלמוד, פון דער גמרא, אויף דעם אידישען פאָלק, איז גאָר ניט אָפּצושאַצען. און די אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען דאָס אינסטינקטיוו געפיהלט, דאָס די גמרא, דער תלמוד איז שולדיג אין דעם וואָס דאָס אידישע פאָלק קען ניט באַזיגט ווערען, קען ניט פארניכטעט ווערען, איז

האָט מורא פאַר אומגליק, פאַר דער עלטער, מען איז אומרוהיג, שרעקעדיג, נערוועז און איינזאַם, עלענד . . . דאָס איז דער שרעקליכער שטראָף פאַר אוועק געהן פון גאָט, כי כשלת בעוניך, דו ביסט דורכגעפאַלען, דו ביסט געשטרויכעלט געוואָרען, דו ביסט אומגליקליך פאַר דיינע זינד, און דערפאַר — ש ו ב ה י ש ר א ל !

הושע הנביא — זאָגט דער מדרש — האָט זוכה געוועזן צו זיין „דער נביא פון תשובה," און דאָס איז אַ גרויסער זכות, ווייל ווענדען אידען צו תשובה, איז אַ גרויסע הייליגע און זעהר נוצליכע ארבייט, און ווי דער מדרש ווייל האָבען, האָט ער דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען צו ראובנ׳ען, וועלכער האָט געוואָלט אומקערען יוסף הצדיק, צוריק צו זיין פאָטער יעקב, און דערפאַר איז פון איהם אַרויס געקומען דער נביא הושע וועלכער האָט געזוכט אומצוקערען צוריק צו גאָט דעם פאַרבלאָנדזשעטען אידען, זאָגט דער מדרש — שובה ישראל, זה שאמר הכתוב מפרי פי איש ישבע בטנו (הושע ב׳) זה ראובן, שנאמר וישב ראובן אל הבור (בראשית ל״ז) אמר לו הקדוש ברוך הוא, אתה בקשת למחזרא ברא חביבא לאבוי, חייך שבן בנך מחזיר את ישראל לאביהם שבשמים, ואיזה הוא? זה הושע!

הושע הנביא שטאַמט פון ראובן׳ען און זעצט פאָרט זיין הייליגע ארבייט צו אומקערען קינדער צום פאָטער, אידען צום רבונו של עולם. אין דער מדרש זאָגט — אמר לו הקדוש ברוך הוא לראובן, מעולם לא חטא אדם לפני ועשה תשובה, ואתה פתחת בתשובה תחלה, חייך שבן בנך הושע בא ופותח בתשובה תחלה, ואומר שובה ישראל עד ה׳ אלהיך (ב״ר פ׳ מ״ד, ילקוט שם). די ברידער פאַרקויפען זייער אייגענעם ברודער יוסף׳ען, און — שאַ, שטיל, רוהיג, ניט קיין ביסעל חרטה, ניט קיין תשובה. ראובן אָבער איז געווען דער איינציגער וועמעס האַרץ האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן צום רבונו של עולם, ער האָט תשובה געטאָן, און דערפאַר איז פון איהם אַרויסגעקומען דער נביא הושע וועלכער האָט געשריען צו אידען, טהוט תשובה, שובה ישראל!

ווי זינדיג און פאַרדאָרבען אַ איד איז, העלפט איהם תשובה. ווען אפילו ער האָט געלייקענט אין גאָט. ווען אָבער ער פיהלט, דענקט, און פאַרשטעהט ווי אומגליקליך ער איז דאַמיט געווען, און קערט זיך אום צוריק צו גאָט, העלפט תשובה — עד ה׳ אלהיך — אפילו כפרת בעיקר! (ילקוט הושע).

אַ לעבען אָהן גאָט, אַ גאָטלאָזער לעבען, חס ושלום, איז אַ ליידיגער, אַ פוסטער לעבען, אָהן אינהאַלט. ווען אָבער מען טהוט תשובה און מען קערט זיך אום צוריק צו גאָט, ווערט דער לעבען אינטערעסאַנט, אינהאַלטסרייך, פול מיט קדושה. אָט דער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון ילקוט: „אדם הולך לכבד את השלטון, הולך מלא וחוזר ריקם, אבל הקדוש ברוך הוא אינו כן, אלא הולכים אליו ריקנים, וחוזרים מלאים, שנאמר כל תשא עון וקח טוב" (ילקוט, רמז תקל״ב). ווען מען געהט צו אַ הערשער, קומט מען צו איהם פול, פול מיט מתנות פאַר איהם, ווען אָבער מען געהט אוועק פון איהם, איז מען ליידיג, מען געהט צוריק מיט גאָרניט, ווייל וואָס מען האָט געהאַט האָט מען איהם אוועק געגעבען, צו גאָט אָבער — זאָגט דער ילקוט — קומט מען

דארפען נזהר זיין. די טהרת המשפחה זאָל הייליג בלייבען. א אידישער ספר זאָל זיך געפינען אין יעדער אידישער הויז ; א מזוזה, שבת, יום טוב, צוריק צו דער אידישער הויז !

שובה ישראל ! קער זיך אום צוריק צו דיין הייליגע לאַנד, צוריק אין ארץ ישראל ! די קדושה פון ארץ ישראל ווארט אויף אונז ! לאָמיר געבען געלד און קרבנות צו העלפען מיט גאָט'ס הילף ווידעראויפלעבען אונזער הייליגע לאַנד ; לאָמיר ערציהען אונזערע קינדער אין דעם ארץ ישראל גייסט, און דאַן וועלען מיר זוכה זיין צו א שנת חיים ושלום, גאולה לעמנו ולארצנו, אמן, ואמן !

שבת שובה

שובה ישראל עד ה׳ אלהיך כי כשלת בעוניך, קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳ (הושע י״ד).

שבת שובה איז דער קדשי קדשים פון אַלע שבתים. די נויטיגקייט פון תשובה. דער אומגליקליכער לעבען אָהן תשובה. דער נביא פון תשובה. דאָס לעבעדיגע וואָרט. אונזערע דרשנים ומטיפים. דאָס פאָלק און די דרשנים.

היינטיגער שבת איז אַן אויסערגעוועהנליכער הייליגער שבת. יעדער שבת איז הייליג, און היינטיגער שבת איז דער קדשי קדשים פון אַלע שבתים, ווייל אין היינטיגען שבת טוען אידען תשובה, האָבען א חשבון הנפש, און דערפאר רופט זיך היינטיגער שבת „שבת תשובה“ אָדער „שבת שובה.“

מען רופט היינטיגען שבת „שבת שובה“ ווייל מען לייענט היינט אין דער הפטרה די שטאַרקע, גרויסע און הייליגע ווערטער פון דעם נביא הושע וועלכער זאָגט צו יעדען אידען ש ו ב ה ישראל אל ה׳ אלהיך, קער זיך אום, דו איד, צו גאָט דיין גאָט ! א גאַנצען יאהר געבלאָנדזשעט, אוועק פון גאָט, היינט, שובה ישראל ! קער זיך אום צוריק, כי כשלת בעוניך, דער אוועקגעהן פון גאָט האָט דיר קיין גוטעס ניט געטאָן. דער פאַרצייטיגער פרומער איד האָט געלעבט לאַנג, איז געווען שטאַרק און געזונד, האָט געלעבט רוהיג ווייל ער האָט אמונה און בטחון אין גאָט געהאַט, און דער וואָס האָט אמונה און בטחון האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט, ער זאָגט דאַן דאָס וואָס דוד המלך עליו השלום האָט געזאָגט — ה׳ רועי, לא אחסר ! ווען גאָט איז מיין פיהרער, וועט מיר קיין זאַך ניט פעהלען, וצדיק באמונתו יחיה ! דער צדיק מיט זיין שטאַרקע און טיפע אמונה אין גאָט, לעבט, ער לעבט א רוהיגען, צופרידענעם, גליקליכען לעבען, ער האָט ניט וואָס צו זאָרגען און וואָס צו שרעקען זיך ווייל ער האָט דאָך אמונה און בטחון אין גאָט, און — נעמט צו פון א מענשען דאגות, זאָרג, און שרעק, דאַן איז ער גליקליך, אָבער ווי נור מען האָט אנגעפאַנגען אנטלויפען פון גאָט, האָט מען אָנגעהייבען בלאָנדזשען . . . אין חשך׳דיגע, פינסטערע וועגען פון לעבען . . . עס ווערט קאַלט און פינסטער . . . ניטאָ קיין אמונה, ניטאָ קיין בטחון, דאַן ווערט מען עלענד . . . שרעקליך עלענד, מען איז דאַן ניט זיכער היינט וואָס וועט זיין מאָרגען, מען האָט מורא פאַר׳ן מאָרגען, מען

דרשנים טובים ! גוטע דרשנים ! דאָס איז וואָס דאָס פאָלק דאַרף זעהר נויטיג האָבען, און דאָס איז אויך די טראַגעדיע פון א גלות פאָלק וועלכע האָט זיך דערוויטערט פון לעבען און קען ניט אָפּשאַצען ווי געהעריג איז די כחות וואָס שאפען לעבען, און איינע פון די גרויסע כחות וועלכע שאפען און שטארקען דאָס אידישע לעבען, זיינען — די דרשנים טובים, די מטיפים טובים, דער גוטער אידישער מטיף, ביי איהם ליגט דער שליסעל פון דער נשמה פון פאָלק. אין זיין רעדנער קראפט ליגט דער שליסעל פון דאָס אידישע הארץ. קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳, נעמט מיט די שטארקע לעבעדיגע ווערטער פון די דרשנים ומטיפים היינטיגען שבת און קערט זיך אום צו גאָט. עס טרעפט אָבער אז דער גוטער דרשן ווארפט ברילי‌אנטען, ער רעדט שעהנע, שטארקע, הייליגע ווערטער, אָבער די ווערטער בלייבען ליגען אין שוהל, די צוהערער ווילען זיי ניט מיטנעמען אהיים, ארויס פון שוהל — און אלעס פארגעסען ! דאן איז ווירקליך שרעקליך טרויעריג ! די ווערטער קענען ניט געבען דעם גרויסען נוצען וואָס זיי זיינען פעהיג צו געבען, דערפאר זאָגט דער נביא קחו ע מ כ ם דברים, נעהמט מיט ז י ך די ווערטער, פאסט זיי איין אין אייערע הערצער און נשמות, און דאן — ושובו אל ה׳, ! וועט איהר זיך אומקערען צו גאָט. שובה ישראל ! צוריק צו גאָט, וועט גאָט ברוך הוא זיך צוריק קערען צו זיין פאָלק ישראל, און דאן וועלען מיר זוכה זיין אום צו קערען זיך צוריק אין אונזער לאנד, אין ארץ ישראל, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

שבת שובה

פגע אָדם הראשון בקין, א״ל מה נעשה בדינך ? א״ל עשיתי תשובה ונתפשרתי, התחיל אָדם הראשון מטפח על פניו, אמר : כך הוא כחה של תשובה ? לא הייתי יודע, מיד עמד אָדם הראשון ואמר : מזמור שיר ליום השבת (מ״ר בראשית, פ׳ כ״ב, ילקוט תהלים צ״ב).

שבת שובה ! דיזער שבת רופט אונז דאָס מיר זאָלען זיך אומקערען צוריק צום שבת קדש, ווייל עס קען ניט זיין קיין ריכטיגער אידישער לעבען אָהן דעם שבת ; עס קען ניט זיין קיין ריכטיגע אידישע הויז אָהן דעם שבת. אונזערע קינדער וועלען ניט אויסוואקסען ריכטיגע, גוטע אידען, ווען זיי האָדעווען זיך אין א הויז וואו דער שבת קודש ווערט ניט אָפּגעהיט. און היינט, שבת שובה, מוזען מיר באשליסען, און אָפּהיטען אונזער באשלוס מיט דעם גאנצען פייער פון אונזער אידישע נשמה : צו געבען די גרעסטע קרבנות וועלכע דער שבת פאָדערט פון אונז און דאָס מיר זאָלען היטען דעם שבת קודש.

פוסט און לײדיג, און מען געהט אװעק פון איהם פול, אינהאלטסרײך, א לעבען װעלכער איז פול מיט קדושה, קדושת החיים.

שבת שובה איז די צײט פון תשובה. דער שבת דארף מכפר זײן אויף אונז פאר אלע שבתים פון יאהר װעלכע מיר האבען ניט געהיט. אין דיזען שבת דארפען די רבנים, די דרשנים, די מטיפים, אלע װעלכע האבען רעדנער טאלאנט, זײ אלע דארפען שטורעמען די אידישע הארץ און װעקען צו תשובה היינטיגען שבת.

קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳ — נעמט מיט זיך װערטער און מיט שטארקע, פײערדיגע װערטער װעט איהר זיך אומקערען צוריק צו גאט. די „לעבעדיגע װארט" איז הייליג, שטארק, נויטיג, און זעהר נוצליך. מען האט נאך בײ אונז ניט אפגעשאצט גענוג די װיכטיגקײט פון דאס לעבעדיגע װארט. װער װײס װאס מיט אידען װאלט געװען, װער װײס צי עס װאלט געװען אידען אויף דער װעלט, װען ניט די שטארקע, לעבעדיגע װארט פון אונזערע געטליכע נביאים.

אין אלע צײטען פון גלות האט דאס װארט אונז געשטארקט און געטרײסט, און די השפעה פון די מגידים װעלכע האבען געװעקט דעם עולם פון שלאף, װעלכע האבען איהם געטרײסט אין זײנע צרות און לײדען, װעלכע האבען דעם אידען אין גלות געמינטערט מיט דעם שעהנעם, זיסען, הארציג טרויעריגען מגיד נגון. די השפעה פון די מגידים איז ניט אפצושאצען! דער מגיד איז געװען דער פאלקס לעהרער, דער ערציהער, דער לעקטשורער, דער פאלקס רעדנער, דער װעג װײזער פון פאלק, און דאס פאלק האט געליבט און פארגעטערט און איז נאכגעלאפען נאך גרויסע מגידים בײ אידען. און װען מיר האבען ניט געהאט קײן פארמע פון א ליטעראטור, האט די דרוש ליטעראטור אויסגעפילט דעם פלאץ פון א פאלקס ליטעראטור. א פרק משניות, א בלאט גמרא, פוסקים, דאס איז די הײליגע, גײסטליכע שפײז פון דעם למדן. דער יודע ספר אבער און אויך דער גרויסער למדן װעלכער איז א „בעל רגש" געװען, האט געשטילט זײן נשמה דורשט אין דער דרוש ומוסר ליטעראטור. און װער װײס װיפיל ערגער עס װאלט אויסגעקוקט דער אידישער ארטא־אקסישער לעבען אין ניו יארק, װען ניט די הונדערטער דרשות װאס װערען אפגעהאלטען יעדען שבת, כמעט אין אלע שוהלען פון דער גרעסטער אידישער קהלה אין דער װעלט. די לעבעדיגע װארט קען אויפלעבען דאס יודענטהום, די שטארקע װארט קען שטארקען דאס יודענטהום און אלעם װאס בײ אונז איז ליב, הײליג און טײער. און דערפאר לײענען מיר הײנטיגען שבת אין דער הפטרה די שטארקע און לעבעדיגע װערטער פון דעם נביא הושע, קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳, נעמט מיט אײך װערטער און דורך דאס װארט װעט איהר זיך אומקערען צוריק צו גאט. זאגט דער ילקוט קורץ און שארף, קחו עמכם דברים — קחו עמכם קראים טובים דרשנים טובים כגון לוי בר סיסי וחביריו (ילקוט הושע, רמז תקל"ג).

הראשון ואמר: „מזמור שיר ליום השבת.“ (מדרש רבה, בראשית פ' כ"ב, ילקוט תהלים צ"ב).

אָדם הראשון באַגעגענט דעם אומגליקליכען קין וועלכער איז נע ונד און געפינט נעבעך ניט קיין רוה, און אָדם פרעגט איהם: — וואָס הערט זיך מיט דיין שרעקליכען דין? ווי פיהלסטו יעצט? — ענטפערט קין — איך האב תשובה געטאָן און האָב א „פשרה“ געמאַכט מיט מיין געוויסען, מיט מיין נשמה, עשיתי תשובה ונתפשרתי. האָט אָדם הראשון אנגעפאַנגען פאַטשען זיך אין פנים אריין פון גרויס ענטציקונג און האָט אויסגעשריען: אזוי גרויס איז דער כח פון תשובה? און איך האָב גאָר ניט פארשטאַנען די וויכטיגקייט פון תשובה טאָן! באלד האָט זיך אָדם הראשון אוועק געשטעלט און האָט געזאָגט: דאָס איז צו פארדאַנקען דעם שבת, אָהן דעם שבת קודש וואָלט ער ניט געהאַט דעם מאָראלישען כח צו תשובה טאָן און דערפאַר מזמור שיר ליום השבת!

היינטיגער שבת רופט זיך שבת שובה, און ניט אומזיסט! ווייל די ריכטיגע תשובה מוז זיך אנפאַנגען פון היטען שבת, אומקערען זיך צוריק צום שבת, ווייל אָהן שבת קען קיין יודענטהום ניט זיין, און — מעהר ווי די אידען האָבען געהיט דעם שבת, האָט דער שבת געהיט דעם אידען — ער זאָל ניט אונטערגעהן, ער זאָל ניט אסימילירען זיך צווישען די פעלקער צווישען וועלכע ער לעבט!

אונזערע עלטערען זענען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים דורך די „מגילות“ וואָס משה רבינו האָט זיי געגעבען זיי זאָלען אין זיי לייענען אום שבת „שהקדוש ברוך הוא גואלן“ דאָס גאָט וועט זיי אויסלייזען פון גלות. און היינט אויך, עס קען ניט זיין קיין אמת'ע ריכטיגע גאולה אָהן די קדושה פון שבת. און דערפאַר — שובה ישראל, צוריק צום שבת! און דאַן וועלען מיר האָבען א גאולה שלמה, במהרה בימינו, אמן!

דער ערשטער ברודער מערדער אויף דער וועלט איז געוועזן קין. קין האָט א מענשען ערמאָרדעט, אן אייגענעם ברודער, זיין ברודער הבל. ער האָט אומשולדיגע הייליגע ברודער בלוט פארגאָסען. ער קען ניט רוהען, די בלוט שווייגט ניט. די פארגאָסענע בלוט פארפאָלגט איהם אויף שריט און טריט. ביי נאכט — ער קען ניט שלאָפען, ווילדע, שרעקליכע חלומות, צו היצטע פאנטאזיעס רויבען זיין שלאָף און רויבען זיין מנוחת הנפש. זיין הארץ איז ניט רוהיג, זיין נשמה ציטערט אין איהם. זיין נשמה האָט ניט קיין רוהע, ער איז שטענדיג אומרוהיג, ער איז נע ונד. זיין מענשליכע נשמה שטורעמט, ער האָט חרטה, איהם פארדריסט, און ער קען ניט איינשטילען זיין נשמה שטורעם. ער וויל א פשרה מאכען מיט זיין געוויסען, ער וויל בארוהיגען זיין געוויסען, און — ער קען ניט! עס איז אונמעגליך, ער האָט דאָך מענשליכע בלוט פארגאָסען, ער האָט דאָך אן אייגענעם ברודער ערמאָרדעט, ער איז דאָך א ברודער מערדער! אומגליקליכער! זיינע יסורים, זיינע יסורי הנפש זיינען שרעקליך. ער ווייס ניט וואס צו טאָן, ער קען זיך קיין עצה ניט געבען, שלעכט, ביטער, ער איז פארצווייפעלט!

נור אָט קומט דער הייליגער שבת טאָג. ער פאלט אריין אין די אָרעמס פון הייליגע שבת רוהע, ער מאכט הייליג דעם שבת און דער שבת הייליגט זיין גייסט, זיין נשמה, די השפעה פון שבת אויף דער אידישער נשמה איז זעהר גרויס און טיף, די קדושה פון שבת בארוהיגט זיין שטורעמדיגע, צו וועהטאָגדיגע הארץ, מאכט גאנץ זיין צריסענע נשמה. די קדושה פון שבת פארטרייבט דאָס אומעט, דאָס הארץ שמערץ. און קין, דער אומגליקליכער, דער זינדיגער נע ונד'ניק, געפינט פלוצים אין די הייליגקייט פון שבת א רפואה צו זיין קראנקע נשמה. די קדושה פון שבת האָט איהם געלייטערט, ער האָט א פאָלשטענדיגע חרטה געהאט אויף זיין פארגאנגענהייט, און האָט באשלאָסען צו באנייען זיין לעבען, צו טאָן תשובה, און קין דער בעל תשובה האָט דורך די קדושה פון שבת געפונען ענדליך די נשמה רוהע, די מנוחת הנפש, נאָך וועלכע ער האָט אזוי שטארק געביינקט, אין וועלכע זיין קראנקע נשמה האָט זיך אזוי שטארק גענויטיגט.

דער שבת גיט דעם אידען „מנוחה ושמחה אור ליהודים,“ רוה, פרייד און ליכטיגקייט גיט דער שבת, אָבער א ברודער מערדער, א קין, א רוצח, א הורג נפש, קען ניט האָבען קיין אמת'ע מנוחה, קיין מנוחה שלמה, א ריס אין דער נשמה קען מען ניט אין גאנצען פארנייהען, אָבער ער האָט געקענט מיט זיין געוויסען, מיט זיין נשמה א „פשרה“ מאכען, און דאן בארוהיגען זיך, און איינשטילען דעם שרעקליכען שטורעם פון זיין הארץ און נשמה, און דערפאר דערצעהלט אונז דער מדרש — „פגע אָדם הראשון בקין אמר ליה: מה נעשה בדינך? אמר ליה: עשיתי תשובה ונתפשרתי. התחיל אָדם הראשון מטפח על פניו, אמר: כך הוא כחה של תשובה? לא הייתי יודע! מיד עמד אָדם

מען בעט מחילה ערב יום כפור

יום כפור איז מכפר נור אויף די זינד פון מענש צו גאָט — בין אָדם למקום, יום כפור איז אָבער ניט מכפר אויף די זינד פון מענש צו מענש — בין אדם לחברו — און דערפאר מוז מען ערב יום כפור געהן און איבערבעטען אלע פריינד און בעקאַנטע, טאָמער האָט מען געזינדיגט קעגען זיי אפילו מיט אַ שלעכט וואָרט, מוז מען זיי בעטען מחילה, און אויב יענער וויל ניט מוחל זיין, דאַרף מען ברייננגען — אַזוי איז דער דין — דריי מענשען זיי זאָלען איהם בעטען ער זאָל איהם מוחל זיין, אַזוי מוז ער טאָן דריי מאָל נאכאנאנד, און ווען מען זינדיגט צו אַ רב, מוז מען איהם בעטען מחילה אפילו טויזענד מאָל ביז ער זאָל איהם אין גאַנצען מוחל זיין. און אַ איד טאָר קיין אכזר ניט זיין, און ווי שרעקליך יענער האָט געזינדיגט קעגען דיר, זיי איהם מוחל ! ערב יום כפור טאָר ניט בלייבען אין קיין אידישע הארץ אפילו איין פונק פון שנאה, איין ברעקעל האס צו אַ אידען — אלע אידען דארפען זיך ליעב האָבען ווי ברידער יעדען טאָג פון יאהר, איבערהויפּט ערב יום כפור בעפאָר דעם הייליגען יום הדין (שו"ע או"ח, סימן תר"ו, שו"ע חו"מ סימן ע"ג, מהרי"ק, שורש י', ענף ו', שו"ת גלאנט, סימן קט"ז, יומא דף פ"ז, זוהר מקץ ר"א).

שלאָגען מלקות — איינע פון די הייליגסטע בילדער אין לעבען איז צו זעהען ערב יום כפור ווי דער אָרימער שמש פון שוהל שלאָגט מלקות די רייכע אידען פון שטאָדט, די שטארקע, די תקיפים, און ווי 60 און 70 יעהריגע אידען לעגען זיך אוועק אויף די קניה, די קאָפּ ארונטער געבויגען צו דער ערד, די אויגען פערמאכט, די הארץ קלאַפּט, און דער מויל זאָגט ווידוי — אשמנו, בגדנו, גזלנו ! אָט דיזע אומשולדיגע הייליגע זקנים זענען מקבל באהבה די ניין און דרייסיג מלקות און לייטערען זייער הארץ און נשמה צום הייליגען יום הדין.

די קערות — אין שוהל צו מנחה שטעהען קערות. אַ איד דאַווענט אָפּ מנחה, געהט צו דער סעודה המפסקת און פארבייגעהענדיג גיט ער צדקה, ווארפט אריין געלד אין די שיסלען פאר תלמוד תורה'ס, ישיבות, ארץ ישראל, און גלאַט צדקה, צדקה אָהן אַ שיעור, און געהט אַהיים צו דער סעודה המפסקת.

די סעודה המפסקת

דער טיש איז געדעקט מיט אַ קלאָר־ווייסען טישטוך. די זילבערנע לייכטער שטעהען אויפ'ן טיש. אין די לייכטער זענען אריינגעשטעקט גרויסע וועקסענע אָדער סטארינעווע ליכט. מען עסט לאָקשען און כפרות, עוף. די קיטקעס, די חלות זענען קיילעכדיג, קוקען אויס ווי עופות מיט פליגלען, אום צו דער־מאָנען זיך דאָס יום כפור איז יעדער איד הייליג ווי אַ מלאך, און אַ מלאך האָט דאָך פליגלען (ישעיה ז', ב', ספר מטעמים, זייטע 101), און די ערב יום כפור'דיגע קרעפּלעך געפילט מיט פלייש, האָבען אַ טיעפען זין, זיי ווינקען צו טיעפע סודות אין קבלה און אידישע רעליגיעזע פילאָזאָפי : פלייש איז לויט חכמת הקבלה מרמז צו דין, טייג איז מרמז צו רחמים, און ערב יום כפור פאראייניגט מען זיי צוזאַמען אום צו פאראייניגען און זיס מאַכען די גבורות

ערב יום כפור

די הכנות צו יום כפור. די מקוה. כפרות שלאָגען. מחילה בעטען. שלאָגען מלקות. די סעודה המפסקת. דער זיידע בענשט.

ערב יום כפור! עס גיט אַ ציטער די אידישע נשמה; עס קלאפּט די אידיש הארץ — היינט איז דאָך ערב דעם יום הדין הגדול והנורא, און מען דארף זיין גרייט. מען דארף זיך צוגרייטען צום גרויסען, הייליגען תענית. מען דארף היינט מאכען אַ חשבון הנפש פון אַלעס וואָס מען האָט מיטגעמאכט און דורכגעלעבט אַ גאַנץ יאהר.

און מען געהט זיך טובל זיין ערב יום כפור. אה, ווי הייליג די טבילה איז! מען רייניגט דעם קערפּער און מען רייניגט די הארץ, די נשמה: איין זאַך האָט צו טאָן מיט דער צווייטער. דער געהן טובל זיין זיך אין מקוה ערב יום כפור, שאפט אַ הייליגע ספּעציעלע שטימונג וועלכע מען קען ניט איבער־געבען מיט ווערטער, מען דארף דאָס פיהלען (וועגען טבילה בכלל, זעה רמב"ם הלכות מקואות י"א, י"ב, ספר המצות להרמב"ם עשה ק"ט און טור א"ח תר"ו).

כפרות שלאָגען

און מען שלאָגט כפּרות, נאכהער לייזט מען אויס די כפּרות און די געלד גיט מען אוועק צו אָרימע לייט.

און די שטימונג ביי כפּרות שלאָגען איז איבערנאטירליך. אַ שטימונג פון הייליגע תשובה. מען דרעהט די כפּרה איבער'ן קאָפּ און מען טראַכט בשעת מעשה אַלעס וואָס ווערט געטאָן מיט דיזע אומשולדיגע עוף, האָט דאָך געזאָלט און געדארפט פּאַסירען מיט דעם זינדיגען מענשען, נור גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף מיר, לאָמיך פערדינען זיין רחמנות!

ווען מיר האָבען געלעבט אין אונזער לאַנד, אין ארץ ישראל, ווען דער בית המקדש האָט עקזיסטירט, האָבען אידען קרבנות געבראַכט צו מכפּר זיין אויף די מענשליכע זינד. יעצט איז די ערב יום כפור'דיגע עופות אונזער קרבן, און אַ קרבן פּאָדערט ודוי און אינערליכע, טיעפע, הייליגע תשובה.

דער גאַנצער ענין פון כפּרות איז זעהר הייליג און ענהאַלט זעהר טיעפע געדאנקען, וואָס אַ דורכשניטליכער מענש איז אומפעהיג צו פארשטעהן. אין די צייט פון בית המקדש האָט מען געשיקט אַ „שעיר לעזאזל" אויף וועלכען דער כהן גדול פלעגט אויף איהם זיך מתודה זיין אויף אַלע אידישע זינד, און וועגען דעם איז דאָ זעהר פיעל סודות, טיעפע הייליגע סודות, און היינט איז די כפּרה דער שעיר לעזאזל (זעה שו"ע או"ח סימן תר"ה, משנה ברורה, מרדכי סוף יומא, רא"ש יומא פ"ח, מחזור וויטרי צד 373, של"ה דף רכ"ז, כל בו, סימן ס"ח, פּרדס הגדול לרש"י, סימן קפ"ו, ירושלמי, שקלים, פּרק ה', הלכה ד').

ווען איינער זאָל זיך נעמען די מיהע און אריינקוקען אין די אַלע פּלעצער וועלכע איך צייג דאָ אָן, וועט ער דאַן פארשטעהן ווי וויכטיג און ווי הייליג דער מנהג פון כפּרות איז, און וועט זיך באַציהען צו דיזען מנהג מיט גרויס ערנסטקייט ווי מעגליך.

צו כל נדרי

די ליכט. די נשמה ליכט. דער הימעל. די תפלה זכה. די אידישע נעסט. די שמע ישראל'ניקעס. די אַלטע טאַטע און מאַמע. די אידישע ערציהונג. די מענשליכע חושים און דער תענית.

רבותי ! יעצט, אין דער הייליגסטער נאכט פון יאהר, יום כפור נאכט, שטעל איך זיך ריידען צו אייך, און מיין האַרץ קלאפט, מיין נשמה ציטערט, די קדושה פון היינטיגער נאכט שרעקט מיך. ווער בין איך, איך זאָל זאָגען מוסר אין היינטיגע הייליגע נאכט ?

איך זעהר פאר זיך אן אויסערגעוועהנליכע געפּאַקטע שוהל פון אידען און אידישע פרויען, כן ירבו, איך פיהל א הייליגע שטימונג. וועלכער איד קומט דאָס ניט היינט ביי נאכט אין שוהל ? פונקט ווי פייגעלעך וועלכע צופליהען זיך אין אַלע זייטען, אָבער ווען עס קומט אָן א שטורעם, לויפען זיי אהיים, אין זייער נעסט, צו באהאַלטען זיך, אזוי קומען אַלע וואָס שטאַמען פון אידען אין דעם שטורעם פון יום הדין, אין דעם הייליגען נעסט פון דער אידישער נשמה — אין שוהל אריין.

און איך רוף צו דיר גאָט ! שומר ישראל ! דו גאָט וועלכער היט די אידען פאר די לעצטע 2 טויזענד יאהר אין גלות זיי זאָלען חס ושלום ניט אונטערגעהן — שמור שאירית ישראל, היט, גאָט, די ביסעל פרומע אידען, וועלכע היטען שבת, כשרות, טהרת המשפחה, וועלכע העלפען תלמוד תורה'ס און ישיבות, וועלכע שטארקען דאָס יודענטהום, זיי זענען אין היינטיגער צייט די „שאריתישראל," די איבערגעבליבענע אמת'ע אידען, היט זיי גאָט! אָבער „ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל !" עס זאָלען ח"ו ניט אונטערגעהן יענע ראדיקאַלע ניט פרומע אידען, וועלכע קומען איין מאָל אין יאהר, אום יום כפור און זיי זאָגען דאן : שמע ישראל ! כי לא ידח ממנו נדח, זיי זענען דאָך אַלע גליעדער פון דעם אידישען אָרגאניזם, א שוואכער אבר, אָבער דאָך אָן אבר ! ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא — זאָגען אונזערע חכמים זכרונם לברכה — א איד וועלכער האָט געזינדיגט, ווערט ניט אין גאנצען אויס איד, נור ער איז א „זינדיגער איד," אָבער א איד איז ער !

עס איז א מנהג צו אנצינדען א סך ליכט היינט ביי נאכט. אין דער אַלטער היים געדענקט איהר דאָך, באלד ווי מען פלעגט אריין קומען אין שוהל צו כל נדרי, האָט מען געזעהען פאר זיך א ים מיט ליכט, ליכט, ליכט, און ליכט. דער איד האַלט פון ליכטיגקייט. דער איד פארטרייבט פינסטערנים. האָבען מיר דאָך אָט ערשט געזאָגט „אור זרוע לצדיק," אן אוצר פון ליכט איז פאר־זעעט ביים צדיק. א רשע לעבט אין דער פינסטערניס, קיינער טאָר ניט זעהן זיינע שלעכטע מעשים, ער האָט ליעב פינסטערניס. דאָס אידיש פאָלק איז א ליכט־צינדער. ווי מען ברייננגט נור אריין דאָס אידיש קינד אין דעם הייליגען אידישען פערבאנד, מען איז איהם מל, צינדט מען אָן ליכט (שבלי הלקט הלכות מילה, סימן ז'). עס איז געווען אמאָל א מנהג ביי אידען, דאָס דעם ערשטען מאָל ווען א פאָטער פלעגט בריינגען זיין קינד אין שוהל, פלעגט ער מיטברייננגען

(זעה „זרע קודש“ און „טעמי המנהגים“ פרק ז'), און עס איז ווירקליך א גרויסע מצוה צו עסען און טרינקען ערב יום כפור וואס מעהר און וואס בעסער (ש"ע או"ח, סימן תר"ד, סעיף א', באר היטב).

מען זיצט און מען עסט די סעודה המפסקת. די מחזורים און דעם טאטענ'ס טלית און קיטעל ליגען שוין אנגעגרייט. אלע זיצען שטיל און פארטראכט, פארטיעפט אין געדאנקען, האבען א חשבון הנפש: מען טראכט וואס' וועט זיין אין דער צוקונפט, וועט אויך איבער א יאהר זיצען די גאנצע פאמיליע צוזאמען און פארפאסטען זיך אדער . . . . . ווער וויים ? און אפגעגעסען אין אן אויסערגעוועהנליכע הייליגע שטימונג די סעודה המפסקת און מען פאנגט אן בענשען און — דער ים גיט א שטורעם, כוואליעס ווארפען זיך, עס שטורעמט דאן די אידיש הארץ, עס ברעכט אויס א געוויין, א הייליגער חשבון הנפש געוויין, עס וויינען אלע, איבערהויפט ד י מ א מ ע, די א י ד י ש ע מ א מ ע ! אלעס וואס עס האט זיך אנגעקליבען אויף איהר הארץ א גאנצען יאהר, ליידיגט זי אויס אין דעם געוויין פון בענשען !

נאכ'ן בענשען, דער טאטע נעמט ארונטער די שיך פון די פיס, טהוט אן דעם קיטעל, וויקעלט זיך איין אין א טלית, און קלייבט זיך אין שוהל אריין. די מאמע מיט די קינדער געהען אוועק צום זיידען זיך בענשען.

דער זיידע בענשט — בענשען ערב יום כפור דארפען די עלטערען, דער פאטער און די מוטער, און די ברכה ווי זי איז געדרוקט אין די מחזורים און סדורים, איז הארציג, הייליג, ריהרענד, אבער מען באנוגענט זיך ניט מיט טאטע־מאמע ברכה, נור מען געהט אויך צום אלטען זיידען.

דער זיידע, גראה ווי א ווייסע טויב, א פארמעט שטערען, אין גאנצען צוקנייטשט, ער איז אנגעטאהן אין טלית און קיטעל. די גרויסע יום כפור'דיגע ליכט באלייכטען די קנייטשען פון זיין פנים. די אייניקלעך האבען אנגעפאקט זיין ענגען חדר'ל. ער הויבט אויף זיינע מאגערע, אלטע, ציטרדיגע הענד, לייגט זיי ארויף אויף די יונגע קעפ פון זיינע אייניקלעך און אור אייניקלעך און בענשט. ער בענשט זיי מיט כונה, מיט הארץ. די אויגען זיינע ברענען, די הארץ ברענט, די נשמה ברענט, אלעס אין איהם ברענט, עס פייערט, עס איז אן אינערליכער נשמה פייער. אלט און יונג ווערען פאראייניגט. די אייניקלעך פארשטעהען און פיהלען דאן דעם אלטען זיידען.

ווען מען פארלאזט דעם זיידענ'ס הויז באגעגענט מען אין די גאסען פון שטעדטעל מענער אין טליתים און קיטלען, און פרויען אנגעטהאן אין ריינע ווייסע קליידער —

מען געהט אין שוהל צו כל נדרי !

שוהלען, אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות, אונזערע קהל'שע אנשטאַלטען, אונזער ש"ס ופוסקים, אונזער הייליגע תורה. אידען! עס איז יום כפור נאַכט, מיר געהען דאָך יעצט צום יום הדין, לאָמיר זיך אַליין ניט נאַרען, מיר בעטען דאָך גאָט „עשה למען תינוקות של בית רבן," העלף אונז צוליעב דעם זכות פון אונזערע קליינע קינדער וועלכע לערנען תורה — לערנען אונזערע קליינע קינדער אונזער הייליגע תורה? קענען אונזערע קינדער אונזער הייליגע נאַציאָנאַלע שפּראַך, העברעאיש? ווייסען אונזערע קינדער די תורה, רש"י, משנה אגדה, גמרא, דינים ומנהגים? ווייסען דען אונזערע קינדער די גרויסע געשיכטע פון זייער פאָלק? זענען זיי דען באַקאַנט מיט דער היסטאָריע פון דער אידישער פאָלק? וואָס ווייסען אונזערע קינדער פון אידישקייט?! און ווען זיי לערנען ניט, ווען זיי ווייסען ניט, וועלען זיי דאָך אַוועק פון אונז, אין גאַנצען אַוועקגעהן, און מיר אַלע וועלען דאָך ח"ו אונטערגעהן, מיר וועלען בלייבען קינדערלאָז! דאָס איז דאָך די גרעסטע קללה אויף דער וועלט! לאָמיר באַשליסען היינט ביי נאַכט צו העלפען גרינדען און אויפהאַלטען גוטע תלמוד תורה'ס און ישיבות פאַר אונזערע קינדער און זיי וועלען זיין די בעסטע נשמה ליכט וואָס מיר קענען אָנצינדען.

רבותי! היינט ביי נאַכט זענען מיר מקבל אויף זיך די הייליגקייט פון יום כפור און דעם תענית. מיר געהען פאַסטען, ניט עסען און ניט טרינקען גאַנצע 24 שעה, ווייל מיר האָבען געזינדיגט מיט אונזער עסען, אונזער עסען איז ניט נענוג הייליג ווי עס דאַרף צו זיין, עס איז ניט גענוג כשר, מיר האָבען נים געהייליגט אונזערע 5 חושים, וועלכע יעדער געזונטער מענש פאַרמאָגט, און דערפאַר האָבען מיר יום כפור פינף ענוים: ניט עסען, ניט טרינקען, ניט וואַשען זיך, ניט שמירען זיך, ניט אָנטאָן קיין שיך, און ניט קיין תשמיש המטה. און דורך די 5 ענוים וועלען מיר מאַכען הייליג אַלע אונזערע חושים, די אויג, דעם אויער, די הענד, די פיס, אַלע אונזערע טהעטיגע גלידער אין אונזער קערפּער, און מיר וועלען זיין אין דער מדרגה פון מלאכים. די בהמה, די חיה וואָס ליגט אַ גאַנצען יאהר אין אונז, וועט אָפּשטאַרבען, דער איד, דער מלאך אין אונז, וועט אָפּלעבען, און מיר וועלען קומען צו דער מדרגה פון אדם הראשון בעפאָר ער האָט געזינדיגט. און דערפאַר, רבותי, האָבען מיר 5 תפלות: יום כפור אבענד, שחרית, מוסף, מנחה, נעילה. די 5 תפלות פון יום כפור זענען אַקעגען די 5 ענוים. און יעצט, הייליגע אידען, לאָמיר אויף זיך מקבל זיין דעם תענית פון יום כפור. דער תענית זאָל מכפר זיין אויף אונזער גוף און נשמה. גאָט זאָל אונז אַלעמען שטאַרקען מיר זאָלען כח האָבען צו פאַסטען, עס זאָל ח"ו קיין אומגליק טרעפען צו קיין איד און צו קיין אידישע פרוי אין דיזען תענית. גאָט זאָל געבען אַז אונזערע תפלות זאָלען אָנגענומען ווערען ביים רבונו של עולם, ווי שלמה המלך האָט געבעטען: „זאָלסט הערען פון הימעל די אידישע תפלות, און דו זאָלסט מוחל זיין, גרויסער גאָט, צו דיין פאָלק ישראל וועלכע האָבען געזינדיגט צו דיר." גיב אַלע אידען אַ נייעם גליקליכען יאהר, קיינער זאָל ניט פעהלען פון אונז איבער אַ יאהר צ' כל נדרי. מיר זאָלען זוכה זיין צו ישועות ונחמות און צו אַ גאולה שלימה במהרה ובימינו אמן!

מיט זיך אַ וועקסענע ליכט (ב"י או"ח סימן ש"ח). ווען ער וואַקסט אויף און געהט צו דער חופה, צינדט מען ליכט; ווען עס קומט דער לעצטער מינוט פון לעבען, ביי יציאת נשמה, צינדט מען ליכט; צו יאהר צייט — ליכט, און ערב יום כפור ברייננגט מען אין שוהל ליכט. אַט אַזוי האַלט דער איר אין צינדען ליכט פון וויגעלע ביז'ן קבר.

מען צינדט ליכט ווייל די נשמה איז געגליכען צו אַ ליכט „נר ה' נשמת אדם" אַ געטליכע ליכט איז די מענשליכע נשמה (תנחומא אמור, מחזור וויטרי, צד 373, שו"ע או"ח סימן תר"י סעיף ב', ג', ד', ובמשנה ברורה שם). און היינט, צו כל נדרי, איז אונזער אויפגאַבע צו אָנצינדען אונזער נשמה מיט די הייליגקייט פון יודענטהום.

עס איז אַ מנהג ביי אידען צו ברייננגען ערב יום הכפורים אין שוהל אַ „נשמה ליכט," צו מכפר זיין אויף פאָטער און מוטער וועלכע זענען טוידט (מרדכי ומהרי"ו, כל בו, שו"ע או"ח סימן תר"י סעיף קטן ד'), און דאָס מיינט, אַז היינט ביי נאַכט דאַרף מען זיך דערמאָנען אויף די טוידטע עלטערען, און וואָס איז, רבותי, מיט די ל ע ב ע ד י ג ע עלטערען? טוען מיר פאַר זיי אַלעס וואָס מיר דאַרפען טאָן? פיעלע פון זיי, אַלטע טאַטעס און מאַמעס, האָבען ניט וואו זייער אַלטען קאָפּ אין די נאַכט פון זייער לעבען אוועקצולייגען? פיעלע פון זיי קענען ביי זייערע אייגענע קינדער, ביי זייער פלייש און בלוט, גאָר ניט עסען, ווייל ביי זייערע אייגענע קינדער איז ניט כשר! עלטערען וועלכע האָבען זיך געאָפּפערט צוליעב זייערע קינדער, דאַרפען איצט וואַלגערען זיך אין מושב זקנים? ! ווי שרעקליך זענען די ווערטער פון אַלטע פאָטערס און מוטערס וועלכע וועלען בעטען ביי גאָט היינט ביי נאַכט — „אַל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כחנו אַל תעזבנו," וואַרף אונז ניט אַוועק, רבונו של עולם, אויף די עלטערע יאהרען, ווען די כחות געהן אויס, פאַרלאָז אונז ניט, גרויסער גאָט!

און וואו איז היינט אונזער נשמה ליכט פאַר די טוידטע עלטערען? ווען, למשל, אונזערע טוידטע עלטערען וואָלטען צוריק לעבעדיג געוואָרען און וואָלטען געקומען אין אונזערע הייזער און וואָלטען געזעהן אונזערע שבת'דיגע הייזער, אונזער היטען זיך אין כשרות, אונזער טהרת המשפחה, און ווי אונזערע קינדער ווייסען פון אידישקייט אַזוי גוט, וואָלטען זיי דאַן ניט געבעטען דעם טוידט אויף זיך? !

רבותי! מיר האָבען ניט לאַנג צוריק די „תפלה זכה" געזאָגט, איינע פון אונזערע שעהנסטע תפלות. דער וואָס פאַרשטעהט העברעאיש, און זאָגט די תפלה זכה, די ר י י נ ע תפלה, ווערט זיין נשמה ריין. מיר זענען אָנגיטאָן אין קיטלען, ריין, ווייס, ווי מלאכים. די קיטעל דערמאָנט אונז אָבער אויך אונזער לעצטער בגד וואָס מען וועט אונז אַלעמען אָנטאָן ווען מיר וועלען געבען דעם לעצטען סרעבץ אויף דער וועלט, ווען מיר וועלען זאָגען דעם לעצטען גוד באַי. די קיטעל דערמאָנט אונז אָן די תכריכים וואָס מען וועט אונז אָנטאָן, און דאָס דערמאָנט אונז אַז מיר זיינען שטערבליכע מענשען, אייביג לעבט מען ניט, דער לעבען איז קורץ. מיר וועלען אוועקגעהן פון דער וועלט. אונזערע קינדער וועלען דאָס דאַרפען איבערנעמען אונזער ירושה, אונזערע

מענשליכער לעבען איז א „בינטעל פון געוואהנהייטען. געוואהנט מען זיך איין צו טהאָן גוטעס, איז איין מצוה ברייגנט די צווייטע מצוה — מצוה גוררת מצוה — טהוט מען אָבער שלעכטעס אין לעבען, איז איין עבירה ברייגנט צו שלעפּען א צווייטע עבירה — עבירה גוררת עבירה — און וועה איז דעם מענשען וועלכער קען זיך אליין ניט קאָנטראָלירען. וועה, טויזענד מאָל וועה, ער זינדיגט דאן, ווערט פארשלעפּט אין שלעכטע וועגען, קריכט אריין אין א זומפּ, און וויל ער ארויסקריכען, איז איהם שווער, זעהר שווער !

מיר שטעהען היינט, יעצט, מיר און אונזערע פרויען און אונזערע קינדער, פאר דעם גרעסטען וועלט געריכט, די ספרים קאָורט, און גאָט איז אונזער ריכטער, אָדער, ווי מען זאָגט אין העברעאיש, דער ש ו פ ט, ער וועט דארפען דאָס באשטימען ווער עס זאָל בלייבען לעבען אויף דעם נייעם יאהר, און ווער — ניט ! ווער עס זאָל שטארבען מיט א נאַטירליכען טוידט, און ווער עס זאָל ח"ו אומקומען פון פייער, פון וואסער, פון פערשידענע עקסידענטען. ה י י נ ט ווערט מען גע'משפט, ווער עס זאָל אויסלעבען זיינע יאהרען, שטארבען אין צייט, און ווער עס זאָל ח"ו שטארבען פאר דער צייט, ווער עס זאָל לעבען א רוהיגען, געזונטען לעבען, און ווער עס זאָל ח"ו לעבען א לעבען פון צרות און יסורים. מיר זענען אלע ביי גאָט אין די הענד !

גליקליכערווייזע אָבער איז אונזער גאָט א „שופט צדק," ער משפט מיט גערעכטיגקייט, און ניט נור איז ער א שופט צדיק, נור אויך אן „אָב רחמן," א פאָטער פון רחמנות, און דאָס איז אונזער גליק ! דער ערשטער מענש אין דער וועלט, אָדם הראשון, האָט געזינדיגט, און דער שופט צדק האָט איהם פאראורטהיילט צום טוידט, האָט אָבער אָדם תשובה געטאָן, האָט איהם דער אב הרחמן מוחל געווען זיינע זינד און האָט איהם בארוהיגט.

היינט, יום כפור, האָבען אונזערע עלטערען אין דער מדבר געזינדיגט. אין דיזען טאָג האָבען זיי צום עגל הזהב געדינט, און זיי זענען פאראורטהיילט געוואָרען צום טוידט, זיי זאָלען אין גאנצען אפּגעמעקט ווערען פון דער וועלט. אָבער ווען זיי האָבען טיעף דערפיהלט דאָס זיי האָבען ווירקליך געזינדיגט, האָבען זיי געקלאָגט און געוויינט, האָבען זיך אומגעקערט צו גאָט מיט זייער גאנצען הארצען (שמות ל"ג), און גאָט, דער שופט צדק און דער אב הרחמים, האָט צוריק געצויגען זיין שרעקליכען טוידט אורטהייל, און די אידען האָבען געקראָגען פון גאָט כפּרה און סליחה, ער האָט פערגעבען זייערע זינד און האָט זיי מוחל געווען. און אָט דיזען טאָג האָט גאָט געמאַכט פאר דעם גרויסען און שרעקליכען טאָג ! דעם צעהנטען טאָג אין תשרי, ווען גאָט האָט מוחל געווען אידען די זינד פון דעם עגל הזהב, דיזען טאָג האָט גאָט מיט זיין גרויס רחמנות באשטימט צו זיין א טאָג פון פערגעבונג „יום הכפּורים."

און אין דיזען טאָג דארפען מיר באשליסען ניט צו דינען צום עגל הזהב, ניט פארקויפען אונזערע נשמות און די נשמות פון אונזערע קינדער פאר דעם עגל הזהב, פאר די הארטע, קאלטע דאָלארס, פאר געלד !

געלד מוז א מענש האָבען. אָהן געלד קען מען ניט לעבען. אָבער צוליעב געלד מחלל שבת זיין, עסען טרפות, אפּנארען מענשען, געבען פאלשע וואָג

יום הכפורים

וואָס די תורה זאָגט וועגען יום כפור. די פילאָזאָפיע פון לעבען. אונזערע געוואהנהייטען. אַ ריכטער און פאָטער. דער כח פון געלד. ארבייט און פערגעניגען. יודענטהום און לעבען. עלטערען און קינדער. דער גאָט'ס גנב. אַ גייער לעבען.

וידבר ה' אל משה לאמר, אך בעשור לחדש השביעי הזה יום הכפורים הוא, מקרא קודש יהיה לכם, ועניתם את נפשתיכם והקרבתם אשה לה', וכל מלאכה לא תעשו בעצם היום הזה, כי יום כפרים הוא לכפר עליכם לפני ה' אלהיכם. כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה, וכל הנפש אשר תעשה כל מלאכה בעצם היום הזה והאבדתי את הנפש ההיא מקרב עמה. כל מלאכה לא תעשו חקת עולם לדרתיכם בכל משבתיכם, שבת שבתון הוא לכם ועניתם את נפשתיכם בתשעה לחדש בערב, מערב עד ערב תשבתו שבתכם (ויקרא כ"ג כ"ו).

והיתה לכם לחקת עולם, בחדש השביעי בעשר לחדש תענו את נפשתיכם וכל מלאכה לא תעשו, האזרח והגר הגר בתוככם, כי ביום הזה יכפר עליכם, לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו (ויקרא ט"ז כ"ט).

„און גאָט האָט גערעדט צו משה'ן זאָגענדיג איהם, דעם צעהנטען טאָג פון תשרי איז אַ טאָג פון פערגעבונג, אַ הייליגע פערזאמלונג זאָל זיין צו אייך, און איהר זאָלט פייניגען אייערע נשמות און איהר זאָלט בריינגען אַ קרבן צו גאָט, און קיין ארבייט טאָר ניט געטאָן ווערען אין דיזען טאָג, ווייל דאָס איז אַ טאָג פון פערגעבונג, צו פערגעבען אויף אייך, פאר גאָט אייער גאָט. יעדע נשמה וואָס וועט ניט געפייניגט ווערען אין דיזען טאָג, וועט זי אָפּגעשניטען ווערען פון איהר פאָלק. און יעדער נפש וואָס וועט טאָן וועלכע עס איז ארבייט אין דיזען טאָג וועל איך מאכען פערלירען דיזע נפש פון איהר פאָלק, איהר זאָלט פייניגען אייערע נפשות אין דעם נייענטען טאָג אין מאנאט אין אבענד, פון אבענד ביז אבענד זאָלט איהר פאָלשטענדיג רוהען."

„אין דעם טאָג וועט גאָט מכפר זיין אויף אייך, צו רייניגען אייך פון אלע אייערע זינד, פאר גאָט זאָלט איהר ריין זיין."

אָט דיזע ווערטער וועלכע איך האָב פאר אייך יעצט פאָרגעלייענט, זענען די ווערטער וואָס געפינען זיך אין אונזער הייליגע תורה וועגען די בעדייטונג, וויכטיגקייט, און הייליגקייט פון יום כפור.

רבותי ! היינט איז אַ טאָג פון פערגעבונג, יום הכפורים, ווען דער רבונו של עולם פארגיט, ער איז מוחל דעם מענשען פאר זיינע זינד. זאָל היינט, יום כפור, יעדער איינער פון אונז פארשטעהן די פילאָזאָפיע פון לעבען, דאָס אלעס וואָס דער מענש טהוט, בריינגט רעזולטאטען : גוטע מעשים — בריינגען גוטע רעזולטאטען, גוטעס און גליק פאר דער מענשהייט בכלל און פאר דער מענשליכער נשמה בפרט ; שלעכטע מעשים — שלעכטע רעזולטאטען, אַ קללה פאר דער וועלט און פאר זיך. און פארגעסט ניט, דאָס דער גאנצער

תּורה שטעהט נור „ועניתם את נפשותיכם“ פייניגט איין מאָל א יאהר, יום כפּור אייערע נשמות, ניט דעם גוף ! דאָס מיינט איינצאמען, קאָנטראָלירען די חיה אין דעם מענשען, טהאָן תשובה, און אינערליכע באוואוסטזיניגע תשובה, וועלכע ברייננט די נשמה פייניגונג, „ענוי הנפש.“ און אום דער יום כפּור איד וועלכער איז א גאַנץ יאהר ווייט פון אידישקייט, קומט קיין מאָל ניט אין שוהל, ווייס ניט פון אידישע שמחות, און ווען ער קומט יום כפּור אין שוהל, עסען גיט מען ניט, טרינקען גיט מען ניט, און די גאַנצע צייט זיץ אין שוהל, און אין שוהל הערט מען דאָך יום כפּור א קרעכץ, א זיפץ, מען זעהט א וואַרעמע אידישע טרער, און אָט דער יום כפּור איד קען דאָך מיינען אז אידישקייט מיינט ניט עסען, ניט טרינקען, ניט האָבען קיין פערגעניגען, נור קרעכצען, קלאָגען, וויינען און זיפצען, זאָגט מען איהם : מיין ליבער יום כפּור איד ! קיין פאָלק אין דער וועלט האָט אזוי ניט ליעב צו לעבען ווי דער איד ! דער איד לעבט נאָך 2 טויזענד יאהר גלות, אין דער צייט וואָס פיעלע אַנדערע פעלקער וועלכע האָבען ניט געהאט אזא אויסערגעוועהנליכע לעבען קראַפט ווי דער איד באַזיצט, זיינען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, איז דער איד לעבט און וועט לעבען ! דער איד איז אן אָפּטימיסט, און אויב יום כפּור טאָרסטו ניט עסען און טרינקען, דערפאַר אָבער איז א מצוה, א גרויסע מצוה ערב יום כפּור צו עסען און טרינקען (או"ח סימן תר"ד), ערב יום כפּור איז א טאָג פון פערגעניגען, און יום כפּור דאַרפסטו זיך ניט אַנטהאָן קיין יסורים, נור דו קענסט ניט האָבען די הנאה און פערגעניגען וואָס דו האָסט געהאַט ערב יום כפּור, ווייל דו האָסט אין פאַרלויף פון לעצטען יאהר געזינדיגט מיט דיין קראַפט און ארבייט און מיט דיין פעהיגקייט און טהעטיגקייט, און יום כפּור דאַרפסטו תשובה טהאָן און האָבען א כפּרה אויף דיינע מענשליכע שוואַכקייטען און זינד.

אידישע עלטערען ! איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען די נשמות פון אייערע יונגע קינדער, פון אייערע יונגע זיהן און טעכטער. יעדען טאָג פון יאהר מוזט איהר זיי געבען א גוטע אידישע ערציהונג, און אייער ערציהונג דאַרף אנהאַלטען אויך יום כפּור. קינדער וועלכע זענען עלטער פון 9 יאהר, דאַרפען מיר זיי אנפאַנגען צו ערציהען אז זיי זאָלען פאַסטען, ניט א גאַנצען טאָג, אָבער איניגע שטונדען פון טאָג. קינדער וועלכע זיינען עלטער פון 11 יאהר, ווען זיי זיינען געזונט און שטאַרק, דאַרפען זיי פאַסטען יום כפּור א גאַנצען טאָג. זיהן וועלכע זיינען 13 יאהר אַלט, און אידישע טעכטער עלטער פון 12 יאהר, האָבען אויף זיך די הייליגע פליכט פון טאָן אַלע מצוות פון דער תורה, און, זעלבסטפערשטענדליך, דאָס זיי דאַרפען טאָן אַלעס וואָס א איד דאַרף טאָן יום כפּור. קינדער אינגער פון 9 יאהר, דאַרפען גאָר ניט פאַסטען. (ווענען קראַנקע און קימפעטאָרינס, זעה שו"ע תרי"ז און תרי"ח). פאַסטען דאַרף מען ביז די נאַכט פון 11טען טאָג אין תשרי, דאָס מיינט ביז עס געהען אַרויס אויפ'ן הימעל דריי שטערען פון א מיטעלען גרויס און עטוואָס שפּעטער האַלט נאָך אָן דער פערבאָט פון ארבייט און פערגעניגען.

אָבער ווען דו האָסט א גאַנצען יום כפּור פערבראַכט אין שוהל, האָסט מחזור געזאָגט, געקלאַפּט זיך על חטא, אָבער דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען

און פאַלשע מאָס, שלעכטע וואַרע, זאָגען ליגען, טהאָן שלעכטס מענשען, אזא נעלר מאכען, פיהרט צום טוידט און ניט צום לעבען!

דער אינהאַלט פון דעם מענשליכען לעבען באשטעהט אין ארבייט און פערגעניגען. אָהן ארבייט קען די וועלט ניט עקזיסטירען. ווען גאָט האָט באשאפען דעם מענשען און האָט איהם אריינגעזעצט אין גן עדן, איז דאָס געווען „לעבדה" ער זאָל ארבייטען. דורך ארבייט וועט ער געניסען דעם גן עדן. ארבייט מאכט דעם לעבען זיס; ארבייט גיט אַן אינהאַלט צום מענשליכען לעבען, און דער שכר פון דער ארבייט איז, דער מענש זאָל געניסען די פרוכט פון זיין ארבייט, ער זאָל האָבען פערגעניגען.

ווען די מענשליכע ארבייט איז ריין און הייליג, דאַן איז ער בארעכטיגט צו האָבען פערגעניגען פון זיין ארבייט, ווייל דער פערגעניגען וועט דאָך געוויס זיין ריין און הייליג ווי די ארבייט איז געווען. ווען אָבער די ארבייט פון דעם מענשען איז אומריין, וואָכעדיג, ווען זיין קראַפט איז ניט קיין ריינע קראַפט, ניט קיין הייליגע, ווייל ער זינדיגט, דאַן האָט ער קיין רעכט ניט צו האָבען פערגעניגען, צו געניסען פון דער אומריינער ארבייט, ווייל אזא פער־גניגען איז אַן אומריינער, שלעכטער, פאַרדאָרבענער פערגעניגען.

און ווייל דו מענש האָסט געזינדיגט מיט דיין קראַפט, מיט דיין ארבייט, דערפאַר טאָרסטו יום כפור קיין ארבייט ניט טאָהן. טשעפע קיין זאַך ניט, נוץ ניט דיין קראַפט. און יום כפור האָב ניט קיין פערגעניגען פון דער וועלט, פון מענשליכע ארבייט, דו ביסט דאָס ניט ווערטה! דערפאַר יעדערער וואָס שטאַמט פון אידען, אידישע זיהן און טעכטער, וועלכע ארבייטען יום כפור, אָדער עסען און טרינקען און האָבען פערגעניגען און פייניגען זיך ניט, וועט זייער נשמה פערשניטען ווערען פון דאָס אידישע פאָלק, זיי וועלען האָבען דעם שרעקליכסטען, אומגליקליכסטען שטראָף — כ ר ת! ווייל דער יעניגער וועלכער פערשוועכט יום כפור דורך ארבייט און פערגעניגען, ווען ער איז ניט אין גאַנצען ריין און הייליג, ווען ער איז ניט א צדיק תמים וועלכער האָט גאָר נים געזינדיגט, און וועלכער מענש איז דאָס דען? אזא פערזאָן צייגט מיט זיין ארבייט און מיט זיין פערגעניגען אום יום כפור, דאָס ער דאַרף פאַר קיינעם ניט אָפּגעבען דין וחשבון פאַר זיין לעבען, פאַר זיינע מעשים, פאַר זיין אויפ־פיהרונג, ווייל ער גלויבט ניט, ח"ו, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, ער איז א הפקר מענש, און זיין שטראָף איז: כ ר ת!

און מיינט ניט דאָס יודענטהום איז אַן אָפּקומעניש, מען דאַרף זיך פייניגען, אנטהאָן זיך יסורים, ניט עסען און ניט טרינקען וכדומה, חס ושלום! ווען איהר דענקט אזוי, ווייסט איהר ניט וואָס יודענטהום איז, אדרבא, פונקט פאַרקערט, אונזער הייליגע תורה, די מוטער פון יודענטהום, איז א תורה פון ל ע ב ע ן, א „תורת חיים," און די אַלע מצוות פון דער תורה זענען צו לעבען און ניט צו מוטשען זיך „וחי בהם ולא שימות בהם," יום כפור דאַרף מען ניט — אויסער די 5 עינוים איין מאָל א יאהר — צו מוטשען דעם קערפּער. נאָך דעם באגריעף פון יודענטהום, טאָר א איד ניט אָן טהאָן זיך קיין יסורים, און טאָר ניט אנטלויפען פון לעבען, ער טאָר ניט באגעהן זעלבסטמרד. אין דער

יום כפור

חשבון הנפש אום יום כפור. דער כהן יהוידע. זיין זוהן זכריה. עס ווערט בלוט פארגאָסען אום יום כפור. בלוט שווייגט ניט. חורבן בית המקדש. נבוזראדן ווערט א איד. די עשרה הרוגי מלכות. זייער בלוט און אונזער בלוט.

היינט, דער הייליגסטער טאָג פון יאהר, יום הכפורים, היינט איז די פאסינגסטע צייט צו האָבען א ריכטיגען חשבון הנפש, צו שטודירען אונזער פארגאנגענהייט און צו נעמען פון די פארגאנגענהייט א לעקציע, א מוסר, און א גוטעןביישפיל פאר אונזער צוקונפט.

מיר עפענען יעצט אויף דעם ספר פון אלע ספרים, דעם ת נ " ך, מיר עפענען אויף דברי הימים ב׳, קאפיטעל כ"ד, און מיר לייענען דאָרט ווי עס לעבט און שטאַרבט א באוואוסטער כהן ביי אידען מיט דעם נאָמען י ה ו י ד ע, וועלכער איז אלט געווען ווען ער איז געשטאָרבען 130 יאהר און מען האָט איהם מקבר געווען אין דער שטאָדט פון דוד צוזאמען מיט די מלכים, ווייל „כי עשה טובה בישראל ועם האלהים וביתו," ער האָט גוטס געטאָן מיט אידען, מיט גאָט, און מיט דעם בית המקדש. און נאָך דעם טוידט פון יהוידע הכהן, פארלאָזען אידען גאָט, דינען פרעמדע, גוי׳אישע געטער, ווערען אסימילירט, קומען די נביאים, ריידען צו זיי, שטראָפען זיי, און עס העלפט קיין זאך, דאָס פאָלק איז שרעקליך פארדאָרבען, טיף געזונקען. און דאן קומט דער זוהן פון יהוידע הכהן, דער נביא און כהן זכריה, און דער תנ"ך דערצעהלט אונז „ורוח אלהים לבשה את זכריה בן יהוידע הכהן ויעמוד מעל לעם, ויאמר להם כה אמר האלהים למה אתם עוברים את מצות ה׳ ולא תצליחו, כי עזבתם את ה׳ ויעזב אתכם.

און גאָט׳ס גייסט האָט זיך אנגעטאָן אין זכריה דער זוהן פון דעם כהן יהוידע, און ער האָט זיך אוועק געשטעלט „העכער פון פאָלק," און ער האָט געזאָגט צום פאָלק — ווארום טהוט איהר ניט וואָס גאָט הייסט אייך ? איהר וועט ניט האָבען קיין הצלחה ! ווייל איהר האָט אוועק געלאָזען גאָט, וועט גאָט אייך אוועק לאָזען.

האָבען די אידען געמאכט א בונט, און מען האָט איהם פארוואָרפען מיט שטיינער, אזוי האָט דער קעניג געהייסען, אין דעם הויף פון גאָט׳ס הויז. און אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, פאר׳ן טוידט, האָט דער ערמאָרדעטער נביא זכריה אויסגערופען : „ירא ה׳ וידרוש," זאָל גאָט זעהען, און ער זאָל זיך אננעמען פאר מיין פארגאָסענע בלוט (דברי הימים ב׳, כ"ד).

עפענען מיר דעם מדרש און מיר לייענען דאָרט דאָס זכריה איז געווען א כהן גדול, און א דיין. מען האָט פארגאָסען זיין הייליגע בלוט אין בית המקדש, אין עזרת כהנים, און מען האָט זיין בלוט ניט צוגעדעקט אפילו ווי מען דעקט צו די בלוט פון א הירש און א באראן. האָבען 5 עבירות דאן אידען עובר געווען אין יענעם טאָג : זיי האָבען ערמאָרדעט א כהן, א נביא, א דיין, האָבען פארגאָסען ריינע בלוט, האָבען מחלל השם געווען, האָבען מטמא געווען די

בלויז פון געוואהנהייט, די ליפען האָבען תפלות און מחזור געזאָגט, אָבער די הארץ, די אידישע הארץ און די אידישע נשמה ווייסען פון גאָר ניט צו זאָגען, ווען דו האָסט ניט געטהאָן יום כפור די ריכטיגע תשובה, דאָס מיינט א טיפע אינערליכע חרטה אויף דיין פערגאנגענהייט, און אן אייזערנער באשלוס וועגען דיין צוקונפט, דאָס פון מאָרגען אָן וועסטו לעבען אן אנדער לעבען, ניט ווי דו האָסט געלעבט ביז איצט, נור אין גאנצען א נייער לעבען, א ריינער, הייליגער לעבען, ווען דו האָסט אזוי ניט געטהאָן, נור דו ווייסט ביי זיך טיעף אין הארצען אז מאָרגען וועסטו טהאָן ווי דו האָסט אימער געטהאָן, און דער צוקינפטיגער יאָהר וועט ניט זיין בעסער פון דעם פערגאנגענעם יאהר, דו וועסט זינדיגען אזוי גוט ווי דו האָסט געזינדיגט, און אפשר נאך מעהר, נור דו האָסט מורא פאר א „שווארצע חתימה,“ פאר א שלעכטען יאהר, ביסטו געקומען יום כפור אין שוהל אָפּנארען גאָט, אזוי ווי דו ביסט געוואהנט אימער אָפּנארען מענשען, דאן ביסטו א מיאס'ער גנב, „גאָט'ס גנב,“ און גאָט, מיין פריינד, קען מען ניט נארען, דו האָסט זיך גענארט, האָסט דיין הארץ און דיין נשמה אָפּגענארט, און דיין גאנצע ארבייט יום כפור איז אן ארויסגעוואָרפענע שטיקעל ארבייט. דו ביסט ווי יענער נאר וועלכער שטעהט אין מקוה, איז זיך טובל, און האלט א שרץ אין האנד, וואָס קען העלפען די מקוה וואסער ווען דער אומריינער שרץ איז אין דיין האנד ? ! ווען דו זאָגסט „אחטא ואשוב, אחטא ואשוב,“ איך וועל זינדיגען, איך וועל טאָן וואָס מיין הארץ געלוסט, נאכהער וועל איך קומען אין שוהל יום כפור וועל זיך שלאָגען על חטא — דאָס קאָסט ניט קיין פיעל געלד, א סך ווייניגער ווי קויפען דיין פרוי א פאָר קאָוט פאר ווינטער — און איך וועל זיין אָלל רייט, האָסטו א שרעקליכען טעות ! ווארף אוועק דעם שרץ פון האנד, רייניג אויס דיין הארץ און דיין נשמה, באשליס צו איבעראנדערשען, צו באנייען דיין לעבען, דאן, נור דאן, האָסטו עפּעס אויפגעטהאָן ממשות'דיג יום כפור.

לאָמיר היינט, רבותי, האָבען א ריכטיגען חשבון הנפש וועגען אידישע ערציהונג, שבת, כשרות, טהרת המשפחה, בויען ארץ ישראל, אויפלעבען די העברעאישע שפּראך, לערנען תורה און היטען מצוות, לאָמיר באשליסען מיט הארץ און נשמה צו לעבען מאָרגען, נאך יום כפור, א נייעם לעבען, אנדערש ווי לעצטען יאהר, א ריינעם, א הייליגען לעבען, דאן וועט גאָט אום יום כפור מכפּר זיין אַלע אונזערע זינד און וועט אונז געבען א כתיבה וחתימה טובה, א נייעם גליקליכען יאהר צוזאמען מיט אלע אידען בכל מקום שהם, און א גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן, ואמן!

א וויכטיגע, טראגישע פאסירונג האט מיט טויזענדער יאהרען צוריק פאסירט ביי אידען. מען האט ערמאָרדעט א נביא, אן אמת זאָגער, א מוכיח, א שטראָפער, און זעהט וואָס עס האט זיך אָפּגעטאָן ? ! און אפילו אזא ווילדער טיראַן ווי א נבוזראדאן, ווערט זיין נשמה אויפגעטרייסעלט און פארשטהעט דעם זין פון לעבען און פארשטעהט די הייליגקייט פון אידישע בלוט און ער ווערט א בעל תשובה, ער ווערט א' א י ד.

עס איז גוט אום יום כפור צו דערמאָנען זיך אויף אָט די שרעקליכע פאסירונג וואָס עס האט פאסירט מיט טויזענדער יאהרען צוריק ביי אידען אום שבת יום כפור אום מיר זאָלען זיך גוט אריינטראכטען אין דעם און לערנען און פארשטעהן ווי הייליג א מענשליכער לעבען איז, ווי הייליג אידישע בלוט איז, און ווי ווייט מיר דארפען באהאנדלען אָרענטליך און גוט אונזערע מיטמענשען, און דאָס „עבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר, יום כפור איז מכפר נור אויף די זינד פון מענש צו גאָט, אָבער עבירות שבין אָדם לחבירו, אין יום הכפורים מכפר ער שירצה את חבירו ! די עבירות פון מענש צו מענש, זיינען אזוי גרויס, אזוי שרעקליך שווער, דאָס אפילו דער הייליגער יום כפור טאָג קען דערצו גאָר ניט העלפען, סיידען מען בעט איבער דעם צווייטען און יענער איז מוחל — פארגאָסענע זכריה הנביא בלוט שווייגט ניט ! אלע אידען האלטען דערפאר ביי אונטערגעהן, און עס העלפט ניט קיין תענית, קיין מחזור, קיין פיוטים, עס העלפט קיין זאך ניט, נור — איבערבעטען ! נבוזראדן וויל איבערבעטען בלוט מיט אנדערע פארגאָסענע בלוט, דאָס איז ניט קיין אידישער באגריף, און דאָס העלפט ניט ! אידען טאָרען ניט פארגיסען קיין בלוט ! אידען טאָרען ניט פארפאָלגען די מוכיחים, די אמת זאָגער, די נביאים, די דרשנים ; אידען טאָרען ניט טאָן קיין שלעכטעס איינער צם צווייטען, און דערפאר וואָס אידען האָבען אום יום כפור פארגאָסען זכריה הנביא'ס בלוט, זיינען טייכען הייליגע אידישע בלוט פארגאָסען געוואָרען ; און דערפאר וואָס ברידער פארקויפען א ברודער, דערפאר וואָס די ברידער האָבען פארקויפט יוסף הצדיק, דערפאר — זאָגט דער מדרש און די חכמי המקובלים — זיינען טייכען אידישע בלוט פארגאָסען געוואָרען און „דערפאר די עשרה הרוגי מלכות" וועלכע מיר לייענען היינט אום יום כפור !

און מערקווירדיג ! אידען פארגיסען ניט בלוט. אידען האסען בלוט ! אידען טאָרען ניט עסען קיין בלוט. און ווען זיי האָבען איין מאָל יא פארגאָסען בלוט, זכריה הנביא'ס בלוט, קענען זיי זיך ניט אויסצאָהלען ! פארגיסט מען די בלוט פון די סנהדרין, פון די תינוקות של בית רבן, ווייל אידען זיינען רחמנים בני רחמנים, אידען זיינען ניט קיין בלוט פארגיסער. דאגעגען אָבער די ניט אידען, האלטען אין איין צאפען בלוט, אין איין פארגיסען אונזער בלוט שוין טויזענדער יאהרען, און קיינער נעמט זיך ניט אָן פאר די הייליגע פאר־יאָסענע אידישע בלוט, גלייך ווי אונזער בלוט איז הפקר !

און ווען מיר דערמאָנען זיך וואָס אידען האָבען זיך אמאָל באנארישט, און האָבען א פארברעכען באגאנגען אום יום כפור, דארפען מיר זיך אָבער דערמאָנען ווי פיל טייכען בלוט האָבען אידען פארגאָסען על קדוש השם !

עזרה, און ווייסט איהר אין וועלכען טאָג זיי האָבען דאָס אַלעס געטאָן? — אום יום כפור, עס איז דאָן געווען שבת יום כפור!

און — בלוט שווייגט ניט! נבוזראדן קומט חרוב מאַכען דעם בית המקדש. ער זעהט בלוט, מענשליכע בלוט, און ער הערט ווי די בלוט זידט, זידט און קאָכט. ער ווערט איבעראשט און ער פרעגט די אידען — מה טיבו של דם זה? וואָס איז דער מער מיט די בלוט? — ענטפערען זיי איהם — דם פרים ואילים וכבשים שהיינו שוחטין! — דאָס איז די בלוט פון אָקסען, באראנעס און שעפסען וואָס מיר האָבען געקוילעט — שיקט נבוזראדאן און בריינגט די בלוט פון די קרבנות און איבערציינגט זיך אז דאָס איז ניט ריכטיג, יענע בלוט איז ניט גלייך צו דיזע בלוט. זאָגט צו זיי נבוזראדן — וועט איהר מיר זאָגען דעם אמת, איז גוט, און ווען ניט, וועל איך שניידען אייערע לייבער מיט אייזערנע קאַמען! — זאָגען זיי — וואָס זאָלען מיר דיר זאָגען? מיר האָבען אַ נביא געהאַט, וועלכער פלעגט אונז שטראָפען, האָבען מיר איהם דערפאַר ערמאָרדעט! און שוין פיעל יאהר דאָס זיין בלוט ווערט ניט איינגעשטילט, זיין בלוט האַלט אין איין זידען. — זאָגט נבוזראדאן — איך וועל איהם איבערבעטען. — האָט ער געבראַכט די מעמבערס פון די סנהדרי גדולה און פון די סנהדרי קטנה, די וויכטיגסטע אידען וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט פאַרמאָגט, און האָט זיי געקוילעט. זייער בלוט האָט זיך באַגעגענט מיט די בלוט פון זכריה, און — עס העלפט ניט, די בלוט זידט! האָט ער געבראַכט אידישע יונגע זיהן און אידישע מיידלעך, האָט זיי געקוילעט און האָט אריין געגאָסען זייער בלוט אין זכריה׳ס בלוט, און — די בלוט זידט נאָך אַלץ! האָט ער געקוילעט אַלע אידישע קליינע קינדער און גיסט זייער בלוט אין די בלוט פון זכריה, און די בלוט זידט און קאָכט! האָט ער געבראַכט 80 טויזענד יונגע כהנים, פרחי כהונה, ער האָט זיי אַלע געקוילעט, האָט אריינגעגאָסען זייער בלוט אין זכריה׳ס בלוט, און זיין בלוט ווערט אַלץ ניט שטיל, די בלוט זיינע זידט און קאָכט. האָט נבוזראדאן געזאָגט: — זכריה! זכריה! כל טובים שבהם איבדתי, די בעסטע אידען האָב איך שוין אויסגעקוילעט, ווילסטו איך זאָל אויסקוילען אַלע אידען? — כדאמר ליה הכי מיד נח, ווי נבוזראדאן האָט דאָס געזאָגט, איז די בלוט שטיל געוואָרען. זאָגט דער מדרש „בההיא שעתא הרהר לעשות תשובה בנפשיה ואמר: ומה על נפש אחת כך, ההוא גברא דקטל כל הנהו נפשתא על אחת כמה וכמה.“ באלד האָט דער גרויזאַמער טיראַן נבוזראדן געפיהלט עפּעס וואָס ער האָט ניט געפיהלט זיין גאַנצען לעבען. זיין שטיינערנע הארץ האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען תשובה, און ער האָט צו זיך געזאָגט — צוליב איין נשמה, צוליב איין פריהצייטיגען טוידט, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, אה, רבונו של עולם, ווי שרעקליך! היינט איך, וואָס האָב אַזוי פיל בלוט פארגאָסען, וואָס וועט מיט מיר זיין? בלוט שווייגט ניט! — און דער פיהרער, דער גענעראַל פון אַ גרויסע, ריזיגע אַרמעע, איז אַנטלאָפען פון אַלעמען, און האָט זיך מגייר געווען, איז געוואָרען אַ איד (ילקוט דה״ב, רמ״ז אלף פ״ה, קהלת רבה פ״ג, איכה רבה פ״ב ופ״ד, ירושלמי תענית פ׳ ד׳, ילקוט יחזקאל, רמז שס״ד, גיטין נ״ו, סנהדרין צ״ו, ילקוט איכה, פתיחתא דאיכה רבתי, כ״ג).

יום כפור

(אַן אויסצוג פון אַ דרשה וועלכע איך האָבע געהאַלטען אין דער שוהל פון ר׳ ישראל סאלאנטער תלמוד תורה).

היינט איז דער הייליגסטער טאָג פון יאהר, יום כפור! מיר שטעהען יעצט אַלע צוזאַמען, אָרים און רייך, גרויס און קליין, אַלט און יונג, מיר שטעהען יעצט פאר׳ן רבונו של עולם צו בעטען איהם ער זאָל מכפר זיין אויף אַלע אונזערע זינד. מיר זיינען געקומען אין דיזען הייליגען טאָג אין שוהל אריין צו מאַכען ריין אונזער נשמה, און יום כפור איז דער איד ריין ווי אַ מלאך. און הערט זיך נור גוט צו, וועט איהר הערען די געטליכע שטימע וועלכע זאָגט אונז: „כי ביום הזה יכפר עליכם, לטהר אתכם, מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו,“ היינט, יום כפור, וועט גאָט מכפר זיין אויף אייך, ער וועט אייך ריין מאַכען פון אַלע אייערע זינד, פאר גאָט זאָלט איהר זיך ריין מאַכען. יום כפור! אַ טאָג פון ריינקייט און הייליגקייט, טהרה וקדושה, אַ טאָג וועלכער רופט זיך „שבת שבתון,“ דער שבת פון אַלע שבתים! אַ גרויסער, הייליגער טאָג איז היינט!

„עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חבירו.“ יום כפור — זאָגען אונזערע חכמים — איז ניט מכפר אויף די זינד וואָס אַ מענש זינדיגט צום צווייטען מענשען, זאָנדערען מען מוז איבערבעטען דעם צו וועמען מען האָט געזינדיגט, און דערפון, רבותי, נעמט זיך דער שעהנער מנהג פון בעטען מחילה איינער ביים צווייטען ערב יום הכפורים, בעפאָר דעם יום הדין. די שרעקליכסטע קאָנקורענטען, די גרעסטע שונאים, אויב זיי זיינען נור באמת פרום, וועלען זיי ניט געהן אין שוהל צו כל נדרי, וואו זיי זאָלען זיך ניט איבערבעטען פריהער. לאָמיר זיך איבערבעטען, ברידער, אין דעם גרויסען יום הדין, מיר קענען ניט ערוואַרטען אז דער רבונו של עולם זאָל מוחל זיין אונזערע זינד, אויב מיר וועלען ניט מוחל זיין די יעניגע וועלכע האָבען געזינדיגט קעגען אונז.

רבותי, איך, אַלס רב פון אייער שוהל, וועלכער האַלט דרשות פאר אייך, און זאָג מוסר אַ גאַנצען יאהר וועגען חלול שבת, כשרות, טהרת המשפחה, חנוך הבנים, פיליכט האָב איך וועמען פארשעמט מיט מיינע דרשות, פיליכט האָב איך אמאָל ארויס גערופען שנאה פאר׳ן אמת וואָס איך זאָג אייך אין די אויגען פון צייט צו צייט, בעט איך אייך איהר זאָלט מיר, רבותי, היינט, יום כפור, מוחל זיין. דער רבונו של עולם, וועלכער ווייס דאָך וואָס ביים מענשען אין הארצען טהוט זיך, דער בוחן כליות ולב, ער ווייס דאָך אז דאָס וואָס איך זאָג אייך מוסר שוין באלד 18 יאהר, מיין איך חס ושלום קיינעם ניט צו באַליידיגען פערזענליך. איך גלויב אז איהר ווייסט דאָס. און יעצט, יום כפור, וויל איך איבערבעטען אַלע מיינע צוהערער וועלכע דענקען אז איך האָב זיי באַליידיגט חס ושלום אין מיינע דרשות.

און איך, פון מיין זייט, בין מוחל במחילה גמורה צו אַלע וועלכע האָבען געזינדיגט געגען מיר. לאָמיר פארגעבען איינע די אנדערע אויף אַלעס וואָס איז ניט ריכטיג, און דער רבונו של עולם זאָל אונז אַלעמען מוחל זיין.

און דערפאר לייענען מיר היינט, אום יום כפור, די געשיכטע פון די „עשרה הרוגי מלכות.“

מיר לייענען און די הארץ קלאפט, די נשמה אין אונז שטורעמט. מיר לייענען איבער דעם שרעקליכען טוידט פון רבי ישמעאל כהן גדול, פון רבי שמעון בן גמליאל וואס לשפוך דמו מהר כשור פר, דער שונא האט זיך געהאילט צו פארגיסען זיין בלוט ווי די בלוט פון אן אקס ; מען שיילט די הויט פון דעם פנים פון רבי ישמעאל, מען שיילט די הויט פון א לעבעדיגען מענשען, פון א קדוש ! מען רייסט די אברים פון ר׳ עקיבא מיט אייזערנע קאמען ; מען ברענט לעבעדיגערהייד רבי חנניא בן תרדיון, און די אלע אנדערע וועלכע מען האט געטוידט וואס על דבר מועט נשפך דמן, לקדש שם שמים מסרו עצמן, וועלכע האבען געגעבען זייער הייליגע בלוט צו מאכען הייליג גאט׳ס נאמען, זיינען געשטארבען על קדוש השם. און מיר טארען ניט פארגעסען יענע הייליגע, אומשולדיגע פארגאסענע בלוט ! נקמה ! א שרעקליכע נקמה מוזען מיר נעמען ! אבער אונזער נקמה דארף זיין א הייליגע, א מאראלישע, א א י ד י ש ע נקמה ; אונזער נקמה דארף ניט באשטעהן אין בלוט פארגיסען, א איד איז ניט קיין בלוט פארגיסער, זאנדערען — די ניט אידישע וועלט וויל מיר זאלען ווערען אויס אידען, מיר זאלען ניט היטען קיין שבת און קיינע מצוות פון דער תורה, מיר אבער דארפען מיט זיי מלחמה האלטען, מיר דארפען היטען יעדע מצוה פון דער תורה, און מיר דארפען ערציהען יעדען אידיש קינד, באיעס און מיידלעך, אין א גוטע אידישע ערציהונג. מען האט אויסגעקוילעט אונזערע רבי ישמעאל׳ס, רבי שמעון׳ס, רבי עקיבא׳ס רבי חנניא בן תרדיון׳ס, לאמיר אוועק געבען אונזער געלד, אונזער צייט, אונזער מארך, אז מיר זאלען ערציהען אונזערע קינדער אלס פייערדיגע אידישע קעמפפער וועלכע זאלען לעבען, ארבייטען, ווירקען, און קעמפפען אין דעם גייסט פון ר׳ ישמעאל כהן גדול, פון רבי עקיבא און פון רבי חנניא בן תרדיון, און דאן, נור דאן, וועלען מיר לעבען און באקעמפפען אלע אונזערע אינערליכע און אויסערליכע שונאים.

און מיר נעמען דעם מחזור אין האנד און מיר זאגען מיט׳ן גאנצען הארצען:

חנון ! הביטה ממרומים, תשפוכת דם הצדיקים ותמצית דמים, תראה בפרגודך והעבר כתמים, אל מלך יושב על כסא רחמים ! גאט, גוטער גאט ! קוק אראפ פון דער הויך ! זעה די פארגאסענע הייליגע בלוט פון די צדיקים, זעה און נעם אראפ פון אונז אונזערע פלעקען, דו גאט וועלכער זיצסט אויף דער רחמנות שטוהל, אויף דעם כסא רחמים ! און מיר אלע זאלען האבען א נייעם גליקליכען יאהר, א כתיבה וחתימה טובה, א גאולה וישועה, אמן ! ואמן !

מען איהם גלייך פארברענט לעבעדיגערהייד על קדוש השם. א גאנצען יאהר פלעגען פילע פון זיי נדרים געבען, פלעגען שווערען געטרייהייט צו א פרעמדען גלויבען, צו א פרעמדען גאָט, האָבען זיך אָנגעגעבען אלס גוים, און שטילערהייד, ווען קיין מענשליכע אויג האָט ניט געזעהן, האָבען זיי אין די באהאלטענע קעלערען געדינט גאָט. — און יום כפור ביי נאכט צו כל נדרי, פלעגען זיי זיך פארזאמלען אין די באהאלטענע היילען מיט טוידט שרעק אז מען זאָל זיי ניט כאפּען ווי זיי דינען גאָט, און דאָרט פלעגען זיי כל נדרי זאָגען, אז כל נדרי, אלע נדרים און אלע שבועות און חרמים וועלכע זיי האָבען געגעבען, זיי האָבען געמוזט געבען, זיי זיינען געצוואונגען, אין העברעאיש האָבען זיי געהייסען אנוסים, איז „נדרנא לא נדרי,“ דער נדר איז קיין נדר ניט, די שבועה איז קיין שבועה ניט. און ווי שרעקליך טרויעריג אלע האָבען געפיהלט ווען זיי האָבען געזאָגט „על דעת המקום, ועל דעת הקהל, אנו מתירין להתפלל עם העברינים,“ דאָס אין גאָט'ס נאָמען און אין דעם נאָמען און מיינונג פון דעם קהל, איז מען מתיר דאוונען צוזאמען מיט די עברינים, די וועלכע האָבען עובר געווען אויף די אידישע אמונה, די וועלכע האָבען ניט געטאָן, האָבען עובר געווען אויף די מצוות פון גאָט, ווייל — זיי זיינען נעבעך ניט שולדיג, זיי זיינען געצוואונגען דאָס צו טאָן, זיי זיינען נעבעך אומגליקליכע עברינים.

* * * *

מיר לעבען ניט מעהר אין שפּאניע, מיר לעבען גאָט צו דאנקען, אין דער פרייער און גליקליכער אמעריקא. קיינער צווינגט אונז נים אוועק צו ווארפען אונזער הייליגע אמונה. אדרבא, די אמעריקאנער רעגירונג רעספּעקטירט די אידישע רעליגיאָן און אלע רעליגיעזע אינסטיטוציאָנען, און דאָך האָבען מיר מעהר ווי גענוג אידען וועלכע ווילען ניט מחלל שבת זיין און זיינען מחלל שבת, ווילען זיין פרומע אידען און זיינען ניט, ווייל די היגע אומשטענדען צווינגען זיי. דער היגער לעבען צווינגט זיי צו מחלל שבת זיין, צו פארשווערכען אונזער הייליגטהום. דאָס זיינען די היינטוועלטיגע „מאָדערנע אנוסים“ וועלכע זיינען, צו אונזער טיפען שמערץ, עובר אויף גאָט'ס תורה, און זיי זיינען אונזערע עברינים. און ווי שרעקליך דאָס איז אז יום כפור ביי נאכט צו כל נדרי, מוזען מיר זאָגען ווי אונזערע עלטערען אין שפּאניען פלעגען זאָגען „על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירין להתפלל עם העברינים!

מיר האָבען ליידער עברינים, מיר האָבען אזוינע וואָס זאָגען „נדרנא לא נדרי,“ זייערע נדרים האלטען זיי ניט, א שבועה איז קיין שבועה ניט, און מיר האָבען א נייעם קלאַס אידען וועלכע קומען ניט א גאנצען יאהר אין שוהל, ווערען פרעמד פון אלעם וואָס ביי אונז איז הייליג און טייער; זיי קומען נור איין מאָל אין יאהר — יום כפור! און מען רופט זיי „יום כפור אידען.“ און אָט פאַר די אידען איז נויטיג באקאנט צו מאכען יום כפור נאָך נעילה, זיי זאָלען וויסען די ריכטיגע צייט ווען מען וועט זיך שטעלען דאוונען דעם נעקסטען יום כפור, איבער א יאהר . . . . ווייל פון דעם יום כפור ביז קומענדען יום כפור, וועט איהר זיי ניט אָנקוקען. און אָט צוליב די יום כפור אידען, איז באשאפען געוואָרען די „יום כפור טראָפּענס,“ ווייל אָט די הזכרת נשמה אידען און יום

* * * *

היינט, יום כפור, וויינען מיר שטארק ווען מיר לייענען דאָס די זיהן פון אהרן הכהן זיינען געשטאָרבען. און איהר לייענט אין מחזור אז — ווער עס גיסט טרערען מיט דעם גאנצען הארצען אויף דעם טוידט פון אהרן'ס קינדער, איז ער זיכער דאָס זיינע קינדער וועלען ניט שטארבען, רחמנא ליצלן ביי זיין לעבען — אָט די ווערטער לייענט איהר אין אלע מחזורים, און איהר פארשטעהט וואהרשיינליך ניט פארוואָס דארף מען גיסען טרערען אויף דעם טוידט פון אהרן הכהן'ס קינדער וועלכע זיינע געשטאָרבען מיט טויזנדער יאהרען צוריק, און פארוואָס וועלען זיינע קינדער ניט שטארבען ווען ער לעבט אויב ער וועט באוויינען דעם טוידט פון אהרן הכהן'ס קינדער ? אָבער ווען מיר טראכטען זיך אריין טיף, געפינען מיר אז דאָ ליגט באהאלטען א טיפער געדאנק.

אהרן הכהן איז באמת פרום, איבערגעגעבען צו גאָט מיט הארץ און נשמה. ער איז א גייסטליכער, א כהן גדול, א שטרענגער ארטאדאָקסישער איד. און זיינע קינדער ? זיינע זיהן ? — זיינע זיהן שטארבען אין דער צייט ווען ער לעבט, זיי זיינען טוידטע קינדער . . . וואָס פאר א טוידט ? זיי ווערען פארברענט ! וואָס ברענט אין זיי ? שריפת נשמה וגוף קיים ! . . . די אידישע נשמה זייערע איז א פארברענטע, זיי האָבען ניט קיין נשמה, די נשמה איז פארברענט געוואָרען און דוקא פון פרעמדען פייער . . . אש זרה, אשר לא צוה ה' . . . פייער וועלכער איז ניט הייליג, ניט געטליך . . . און די קינדער פון אהרן האָבען געזונטע קערפערס „גוף קים," זיי ווערען „בעלי גופים," אָבער די נשמה ? — די נשמה איז פארברענט, צוריסען, צובראָכען, אוי וועה ! ווי גרויס איז דער צער, ווי שרעקליך איז דער אומגליק, ווי גרויס איז די טראגעדיע ! און ווי שרעקליך איז די נאציאָנאלע שאנדע !

„כל הבוכה על מיתת בני אהרן מובטח הוא שלא ימותו בניו בחייו," דער וואָס וויינט אויף דעם טוידט פון אהרן'ס קינדער, איז דאָך א באווייז, אז זיין הארץ פיהלט דעם גרויסען אומגליק פון האָבען קינדער מיט פארברענטע נשמות, פון שריפת נשמה וגוף קים, און ער פארשטעהט און פיהלט דאן די נויטיגקייט און וויכטיגקייט פון געבען קינדער א גוטע אידישע ערציהונג, ער פארשטעהט ווי שרעקליך עס איז פאר דעם פרומען ארטאדאָקסישען אהרן צו האָבען קינדער מיט פארברענטע נשמות פון פרעמדע התלהבות, פון פרעמדע פייערען, אָט אזא איד וואָס וויינט אויף דער טראגעדיע, וועט שוין וויסען זיין הייליגע פליכט צו אידישע ערציהונג, און ער וועט געוויס געבען זיינע אייגענע קינדער אן אמת'ע גוטע אידישע ערציהונג. און קינדער וועלכע ווערען ערצויגען בדרך התורה והמצוה, אזעלכע קינדער שטארבען ניט, „רשעים בחייהם קרוים מתים," רשעים ווערען אָנגערופען טוידטע — זאָגט די גמרא — אפילו ווען זיי לעבען, אָבער צדיקים אפילו במיתתם קרוים חיים, אפילו ווען זיי זיינען קערפערליך טוידט, לעבען זיי דאָך.

אין שפאניע האָבען אונזערע גוטע פארצייטיגע עלטערען געמוזט באהאלטען זייער אידישקייט אז קיינער זאָל ניט זעהן, קיינער זאָל ניט וויסען אז זיי זיינען אידען, ווייל טאָמער האָט יעמאנד דערוואוסט זיך אז ער איז א איד, אזוי האָט

יעצט פאר נעילה, איז דער ריכטיגער און וויכטיגסטער מאָמענט צו מאכען זיך גרייט פאר קדושה וטהרה. אָט, אָט, שליסט מען צו די טויערען פון הימעל, פארזאמט ניט די צייט! יעדע מינוט איז טייער און הייליג. און מיר פיהלען יעצט ווי די יעניגע וועלכע אנטלויפען פון דער אַלטער וועלט וואו זיי האָבען פארלאָרען דאָס בעסטע און טייערסטע פון זייער לעבען, אנטלויפען פון הונגער, צרות, דריפות, אנטלויפען פון טוידט, קלאַפּען אין די טירען פון די רייכע, זאַטע, גליקליכע אמעריקא. און אין א פּאָר געצעהלטע מינוטען וועט מען זיי לאָזען וויסען זייער שיקזאל, וועט מען עפענען פאר זיי די טויערען פון לאנד, וואָס דאָס מיינט פאר זיי לעבען און פרייהייט, אָדער מען וועט פארהאקען די טויערען פון לאנד פאר זיי און מען וועט זיי אָפּשיקען צוריק. זיי שטעהען פאר־צווייפעלטע און שרייען, נעבעך, מיט די לעצטע קרעפטען — פתח לנו שער בעת נעילת שער! — עפענט פאר אונז די טויערען! מיר שטעהען יעצט פאר'ן שופט צדיק, פאר דעם המלך הקדוש, יעצט אין די לעצטע מינוטען ווען אונזער צוקונפט און די צוקונפט פון אונזערע קינדער און אלע וועלכע זענען ביי אונז ליעב און טייער ווארטען אויף גאָט'ס חתימה, ווען מיר ווענען באלד בעטען — וחתום לחיים טובים כל בני בריתך — א גוטע חתימה, אין דיזען הייליגען מאָמענט שרייען מיר — פתח לנו שער בעת נעילת שער — אין צייט ווען די טויערען פון הימעל האלטען ביי געשלאָסען ווערען, עפען פאר אונז, רבונו של עולם, די טויערען פון רחמנות, די שערי רחמים, מיר זאָלען אויף דעם נייעם יאהר פון קיינע יסורים, פון קיינע אומגליקען ניט וויסען, ניט דער פרט און ניט דער כלל ישראל.

ווי שעהן און הייליג אונזערע נעילה תפלות זענען! באלד וועלען מיר טענה'ן צום רבונו של עולם „אתה נותן יד לפושעים.“ געבען א האנד מיינט שליסען שלום, פריינדליכקייט. גאָט, כביכול, גיט די האנד, שליסט שלום יעצט צו נעילה אפילו מיט די פושעי ישראל, „וימינך פשוטה לקבל שבים,“ דיין רעכטע האנד איז אויסגעשטרעקט צו עמפּפאנגען די וואָס קערען זיך אום צוריק צו גאָט. רבותי! יעדערער ווייס ביי זיך טיעף אין הארצען זיינע באציהונגען צו גאָט און אידען, מיר ווייסען וואָס אונז פעהלט, אָבער, וואָס געווען איז געווען, כמעט אויף אַלעם העלפט תשובה. דאָס יודענטהום רופט יעצט צו אונז — קערט זיך אום צו מיר, די אלע וואָס ווילען יעצט אומקערען זיך מיט אַן אמת צוריק, צוריק צו גאָט, צוריק צו אונזער הייליגער תורה, צוריק צום שבת קודש, צוריק צו אַלעם וואָס ביי אונז איז הייליג און טייער, קומט צוריק! גאָט ווארט אויף אייך! יעצט איז די צייט, יעצט צו נעילה. „ידך פשוטה לקבל שבים,“ גאָט'ס האנד איז אויסגעשטרעקט צו עמפּפאנגען די אלע וועלכע ווילען זיך צוריק קערען!

רבותי! דערמאָנט זיך נור וויפיעל מאָל מיר האָבען זיך דאָס געקלאַפּט אין הארצען זאָגענדיג על חטא שחטאנו, וויפיעל מאָל האָבען מיר זיך מתודה געווען פאר גאָט אויף אונזערע זינד? ! אָבער ווייסט איהר, רבותי, וואָס איז דער צוועק פון די קלאַפּעניש אין הארצען, פון מתודה זיין זיך? די תפלה פון נעילה וועלכע מיר וועלען באלד זאָגען, אָט די שעהנע הייליגע תפלה

כפור אידען, זיינען דאָך זעהר שוואכע, פאַר׳חלש׳טע אידען, קומען די יום כפור טראָפּענס און מינטערען די נשמה פון די יום כפור אידען! ....

יעצט, יום כפור, זיינען אָבער אַלע אין שוהל, לאָמיר בעטען גאָט ער זאָל מכפר זיין אויף די זינד פון אַלע אידען, „ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא,“ א איד אפילו ווען ער זינדיגט, איז ער א זינדיגער איד, אָבער א איד איז ער! און זאָל הקדוש ברוך הוא שטאַרקען די שוואכע אידישע הערצער, זאָלען די ניט פרומע אידען פרום און הייליג ווערען, און זאָל אונז אַלעמען דער רבונו של עולם געבען א נייעם גליקליכען יאהר צוזאמען מיט כלל ישראל בכל מקום שהם, און מיר זאָלען זוכה זיין צו ישועות ונחמות מיט א גאולה שלמה, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

צו נעילה

רבותי! מיר האַלטען יעצט ביי נעילה. די טויערען פון הימעל האַלטען זיך ביי שליסען. קנאַפּע צוויי שעה איז געבליבען צו די ענדע פון ימים נוראים. מיר געהען דורכלעבען יעצט די נעילה שטימונג, די שעהנסטע און הייליגסטע שטימונג פון יאהר. ביי א אידען וועלכער האָט דורכגעלעבט די ימים נוראים צייט אין קדושה וטהרה, איז יעצט צו נעילה די נשמה ריין ווי גאָלד. זי איז שעהן ווי די שכינה. יערער פיהלט זיך יעצט רוהניות׳דיג, די נשמה האָט זיך באפרייט פון גוף.

אין יעצטיגען אויסערגעוועהנליכען הייליגען און שעהנעם מאָמענט — דער נעילה מאָמענט — מוזען מיר אין אזא גרויסען, שעהנעם, הייליגען מאָמענט געבען אויסדרוק צו אונזערע רייכע, הייליגע אידישע נעילה געפיהלען, און דער נעילה נגון גלעט אונזער נשמה. און ווען די לעצטע שטראַלען פון דער יום כפור זון וועלען באַלייכטען דעם עמוד פון אונזער שוהל, וועט איהר זעהן, הייליגע אידען, ווי די מלאכים פון הימעל וועלען קומען און העלפען אונז מיטזינגען, ווייל נעילה איז דער קדשי קדשים פון די ימים נוראים. יעצט פיהלען מיר הייליגקייט אין אונז און ארום אונז, די וועלט איז הייליג און דער מענש איז הייליג.

די טויערען פון די הימלען זענען יעצט אָפען פאַר אונז, עס איז ניטאָ קיין מחיצה צווישען אונז און די מלאכים פון הימעל. לאָמיר נור אנהאַלטען, רבותי, אָט די נעילה שטימונג אין אונזערע נשמות א גאַנצען יאהר, און מיר וועלען ווערען באמת מלאכים! מיר וועלען דאַן לעבען שטענדיג מיט אמת, צדק און יושר.

מיר ווענדען זיך יעצט, נעילה צייט, ניט נור צום שופט צדק, נור אויך צום המלך הקדוש, גאָט איז הייליג, זיין פאָלק ישראל איז הייליג, קדושים תהיו כי קדוש אני! לאָמיר שטרעבען צו לעבען א הייליגען לעבען א גאַנץ יאהר, יעדען טאָג פון אונזער לעבען, לאָמיר זיך דערמאָנען יעצט צו נעילה אויף אונזערע קדושים פון אַלע צייטען און פון אַלע לענדער און לאָמיר זיין אַזוי שטאַרק אין אונזער הייליגע אמונה דאָס מיר זאָלען אימער זיין גרייט צו מקריב זיין זיך על קדוש השם.

און וואָס טהוען מיר פאַר דעם למוד התורה צווישען אונזער יונגען דור אין אמעריקא ? דער יונגער דור, אונזערע יונגע זיהן און טעכטער, וועלכע וועלען דאָס דאַרפען איבערנעמען פון אונז אלס ירושה דאָס יודענטהום און אונזערע שוהלען און בתי מדרשים, האָבען מיר זיי געגעבען א גוטע אידישע ערציהונג אזוי אז זיי זאָלען זיין פעהיג איבערצונעמען פון אונז אונזער גרויסע הייליגע ירושה ?

מיר וועלען באלד זאָגען „היום יפנה, השמש יבא ויפנה," די זון האלט ביים אונטערגעהן, און ניט וועלענדיג רייסט זיך ארויס א קרעכץ פון אונזער הארצען ווען מיר דערמאָנען זיך אז די זון פון יודענטהום, וועלכע האָט געשיינט טויזענדער יאהרען נאכאנאנד, און יעצט, די זון פון יודענטהום האלט ביים אונטערגעהן ! הונדערטער טויזענדער אידישע קינדער געניסען ניט א ברעקעל אידישע ערציהונג, און וועלען אויסוואקסען פרעמד צו גאָט, צום אידישען פאָלק, צו ארץ ישראל, און צו אלץ וואָס עס איז ביי אונז אידען ליעב, הייליג און טייער !

די צייט אין וועלכע מיר לעבען יעצט איז א צייט פון נעילה. נעילה מיינט אין העברעאיש, פארשלאָסען. דאָס גאַנצע יודענטהום, די העברעאישע שפּראַך, תורה, רש"י, נביאים, משנה, אגדה, גמרא, זוהר, אלעס איז פארשלאָסען פאַר אונזערע קינדער. דער יונגער דור הויבט ניט אָן צו וויסען ווי רייך מיר זיַנען : מיר האָבען א ש"ס ופוסקים און א גרויסע העברעאישע ליטעראַטור, און ווי שרעקליך אָרים, עלענד און אומגליקליך מיר זיינען, אז דער ש"ס ופוסקים, אז אלע אונזערע גייסטיגע אוצרות, זענען פארשלאָסען פאַר אונזערע קינדער. אונזערע קינדער זענען שרעקליך אומוויסענד און דערפאַר זענען זיי אזוי ווייט און פרעמד פון אונז און פון אונזערע הייליגקייטען. עס איז נעילה, נעילה, אלעס פארשלאָסען פאַר אונזערע קינדער.

איהר זעהט, די ליכט לעשען זיך . . . די אידישע נשמה'לעך פון אונזערע יונגע קינדער דאָס זיינען די נשמה ליכט וואָס איהר זעהט אין די שוהלען יום כפור. אונזערע ליכט לעשען זיך . . . עלטערען ! צינדט אָן אייערע ליכט ! מיט דעם פייער פון אונזער הייליגער תורה און אמונה, אָבער רופט קיין גוי, ער זאָל אָנצינדען אייערע פארלאָשענע ליכט . . . דער אומגליק איז וואָס דאָ ביי אונז אין אמעריקא, איז גוים צינדען אונזער ליכט . . . אונזערע קינדער ווערען ערצויגען אין גוי'אישע שוהלעס, גוי'אישע לעהרער, פרעמדע שפּראַך און פרעמדע קולטור, פרעמדע ליטעראטור, פרעמד, זעהר פרעמד ! און זיי וויסען, נעבעך, גאָר ניט פון אידישקייט — נ ע י ל ה ! נ ע י ל ה !

לאָמיר עפענען פאַר אונזערע קינדער, פאַר דעם יונגען דור אין אמעריקא, די טויערען פון יודענטהום, וועט דער רבונו של עולם עפענען פאַר אונז די שערי רחמים, און מיר וועלען האָבען א חתימה טובה, א שנת חיים ושלום, עם ישראל, תורת ישראל, בארץ ישראל, אמן ! ואמן !

ערקלערט דאָס אזוי שארף ווי מעגליך: „ותלמדנו ה' אלהינו להתודות לפניך על כל עונותינו, למען נחדל מעשק ידינו," דו האָסט אונז געלערענט, גאָט אונזער גאָט, אז מיר זאָלען זיך מתודה זיין פאַר דיר אויף אַלע אונזערע זינד, אום אונזער האַנד זאָל מעהר ניט ראַבירען, דער שטארקער זאָל ניט דריקען דעם שוואַכען, דער רייכער — דעם אָרימאַן, דער ארבייט־געבער — דעם ארבייט נעמער, דער לענדלאָרד — זיינע שכנים (די טענענטס), רויב ניט! גזל ניט! גנב'ה ניט! זאָג קיין ליגען ניט! נאַר ניט אָפּ קיינעם! ווען דו ביסט אַן ארבייטער, טהו דיין ארבייט ריכטיג און ערנסט, ווען ניט, ביסטו אַ גנב, וויל דו קריגסט באצאהלט פאַר דיין צייט, דיין צייט איז פארקויפט, און דו טהוסט ניט דיין ארבייט באמונה, דאָס מיינט ריכטיגע גזילה. דאָס זעלבע ווען ביי דיר ארבייטען ארבייטער און זיי קריגען ניט גוט באצאהלט פאר זייער ארבייט, זיי ארבייטען פאר דיר, זיי מאַכען דיך רייך, ווען דו באצאהלסט זיי ניט ריכטיג, הייסט דאָס אז דו באַגזל'סט זיי. און אָט די שארפע הייליגע ווערטער זאָגען מיר אין נעילה ווען מיר ווערען פארטיג מיט די ימים נוראים און מיר געהען צוריק צום געוועהנליכען אלטעגליכען לעבען, ארבייטער, געשעפטסלייט, ארבייט געבער, אייגענטהימער פון הייזער, יעדערער אין זיין פאַך, זאָל אריינשטעלען ביי זיך אין הויז, אין פעקטאָרי, אין געשעפט, וואו נור דו מענש ארבייטסט אָדער מאַכסט געשעפט, שטעל אריין אין יעדען פלאַץ וואו דו געפינסט זיך אָט די פאָר ווערטער פון נעילה „למען נחדל מעושק ידינו," מיר זאָלען קיינעם ניט בארויבען.

יעצט, צו נעילה, ווילען מיר זאָגען אַ פּאָר ווערטער, וועלכע עס איז כדאי מיר זאָלען זיך גוט אריינטראַכטען אין זיי, און עפּעס לערנען פון אָט די פּאָר ווערטער. מיר ווילען באלד זאָגען „העיר הקדש והמחוזות, היו לחרפה ולבזות, וכל מחמדיה נטולות וגנוזות, ואין שיור רק התורה הזאת." די הייליגע שטאָדט ירושלים און אומגעגענד זענען צוגענומען געוואָרען פון אונז, אלעס האָבען מיר פארלאָרען, עס איז אונז איבערגעבליבען נור איין וויכטיגע הייליגע זאַך וואָס האלט אונז אויף אז מיר זאָלען ניט אונטערגעהן, מיר זאָלען ניט אסימילירט ווערען, מיר זאָלען ניט ארונטער פון דער וועלט סצענע אלס אידישע פאָלק, און דאָס איז — אונזער הייליגע תורה.

די תורה האָט פארנומען דעם פלאַץ פון אַ לאַנד, אַ רעגיערונג, אַן ארמעע, אַ קאָנסטיטוציאָן, אַ ליטעראַטור, אלעס, אלעס איז געווען, איז יעצט, און וועט אימער זיין פאר אונז אונזער תורה. לאָמיר זיך פרעגען יעצט, יעצט פאר נעילה ווען מיר געהען עפענען דעם ארון קודש, און די תורה וועט אריינקוקען אין אונזערע הערצער, יעצט, נעילה צייט, אין דיזען גרויסען, הייליגען מאָמענט, לאָמיר זיך פרעגען מיט אַן אמת, וואָס האָבען מיר געטהאָן ביז יעצט און וואָס געהען מיר טהאָן אין דער צוקונפט פאַר דעם למוד התורה, און פאר די לומדי התורה; ווי אזוי האלטען מיר אוים די רבנים, וועלכע זענען די נושאי דגל התורה, איז ניט שרעקליך זייער לאַגע? ! גיבען מיר זיי גענוג אויף אַן אנשטענדיגען, בכבוד'ען לעבען צו מאַכען, זיי זאָלען ניט דארפען צוליעב פרנסה, צוליעב ברויט פאר זייערע קינדער, ערנידעריגען זיך און דעם כבוד פון תורה און רבנות ביי אידען? !

וועט קיין רעגען ניט זיין, די ערד וועט דאַן ניט געבען איהר פרוכט; אָדער אפשר קומט אַ היישעריק און פארדארבט די תבואה אין פעלד. יעצט אָבער, דער זומער מיט די דאגות און שרעק פאַר'ן צוקונפט איז אוועק, און ער האָט אַל דאָס גוטס. אַ זיכערע פרעהליכע צוקונפט. דער ארץ ישראל איד איז רוהיג און צופרידען, אמת זיכער און פרעהליך, איהם וועט קיין זאך ניט פעהלען אין דעם צוקינפטיגען יאחר. קאָרען און וויין איז איבערגענוג!

און דו איד פון גלות, וועלכער איז קיין מאָל ניט זיכער מיט זיין צוקונפט, וועלכער לעבט פון לופט, און דער שרעקליכער אָרימאַן, וועלכער וויים קיינמאָל ניט אויב ער וועט מאָרגען האָבען זאט צו עסען. איהר אלע פארפאָלגטע און געדריקטע, אָרימע און שוואכע, און אויך איהר אידישע באנקירען, גרויסע ריעל עסטייטניקעס, איהר מיליאָנערען צוזאמען מיט די אָרימע, איהר אלע, קינדער פון איין פאָלק, פארלאָזט אייערע היימען און סריכט אלע אריין אין דער אָרימער שוואכער סוכה'לע, און דאַן וועט איהר זיך דערמאָנען אַז גאָט „האָט געפיהרט אונזערע עלטערען 40 יאהר אין דער מדבר אין סוכות," און האָט אלעמען גלייך געשפייזט, און אין דעם פוסטען, גרויזאמען, שרעקליכען מדבר, איז קיין איד ניט געשטאָרבען פון הונגער. און איהר אלע דארפט פארשטעהן אַז פון דאַן אָן ביז היינטיגען טאָג זיצען מיר אלע אין סוכה, אונטער די סוכה פון אונזער גאָט, וועלכער איז אונזער סכך פאַר די לעצטע 2 טויזענד יאהר אין גלות. די גאנצע וועלט וויל אונז פארניכטען און זיי געלינגט ניט, ווייל מיר זענען פראָטעקטעט, דער סכך לאָזט ניט צו די פארניכטענדע שטאָפען וואָס ווערען געוואָרפען אויף אונזערע קעפ שוין טויזענדער יאהרען, ווייל מיר געפינען זיך אלע אין גאָט'ס סוכה, בצל שדי, ער איז אונזער סכך, ער, דער שומר ישראל.

און דו גביר, קאפיטאַליסט, אידישער באנקיר, דו אידישער מיליאָנער, לעב ניט אין טעות! ניט מיליאָנען מאַכען שטארק, זיכער און גליקליך דעם מענשליכען לעבען, נור די ביסעל סכך וואָס פארדעקט דיין סוכה, נור נאָט וועלכער היט דיך און שטארקט און הייליגט דעם מענשליכען לעבען. געדענק! דיינע מיליאָנען, דיין גרויסקייט, קומט אלעס פון גאָט, און זיי וועלען זיין דיינע נור אַזוי לאַנג ווי גאָט וועט וועלען, און געדענק אַז דיינע עלטערען האָבען 40 יאהר געלעבט אין אַ מדבר און גאָט האָט זיי אויך דאָרטען געשפייזט און זיי האָט קיין זאך ניט געפעהלט; געדענק, אַז דו קענסט קיין מאָל ניט זיין זיכער מיט דיין רייכטהום, אין לעבען איז ניטאָ אזא זאך וואָס איז זיכער, זיכער איז נור דער טוידט, ניט דער לעבען, און נור דאַן ווען דו קומסט אריין אין גאָט'ס סוכה, אונטער גאָט'ס השגחה, און דו האָסט אמונה און בטחון, דאַן, נור דאַן, קענסטו זיין זיכער און גליקליך.

געה אין סוכה, דו איד פון דער גרויסער שטאָדט. דו, וועלכער איז ווייט פון דער נאַטור און פון אַ נאַטירליכען לעבען, וועלכער לעבט אַ נאַכגעמאַכטען ניט נאַטירליכען לעבען, וועלכער איז מחלל שבת, מחלל יום טוב, פיהרט ניט

סוכות

זמן שמחתינו — ימים נוראים און סכות — אין ארץ ישראל און אין גלות — דער פרימיטיוועער לעבען — די סוכת שלום — די אידישע הויז און די סוכה — די וועלט און די סוכה — א דירת ארעאי און א דירת קבע.

בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה חג הסכות שבעת ימים לה׳ וכו׳ וחגתם אותו חג לה׳ שבעת ימים בשנה חקת עולם לדרתיכם בחדש השביעי תחגו אותו; בסכת תשבו שבעת ימים, כל האזרח בישראל ישבו בסכות; למען ידעו דרתיכם, כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים, אני ה׳ אלהיכם (ויקרא כ״ג, ל״ד, מ״א, מ״ג).

מיר האָבען, גאָט צו דאנקען, דערלעבט דעם שעהנעם, פרעהליכען יום טוב סכות, וועלכער רופט זיך „זמן שמחתנו" א צייט פון פרייד. בעפאָר האָבען מיר געהאט א גאנצען חדש אלול, ווען „א פיש אין וואסער האָט געציטערט" פאר׳ן יום הדין, מיר האָבען געהאט די „ימים נוראים," געוועזען אלץ אומעטיג, פאַרזאָרגט, געהאט מיט זיך א חשבון הנפש, און יעצט, נאך די ימים נוראים, נאך די שרעקליכע טעג, קומען די פרעהליכע טעג — זמן שמחתנו!

ווייל נור דער יעניגער איד וועלכער האָט דורכגעלעבט א גאנצען חודש אלול פון גרייטען זיך צו תשובה און מעשים טובים, נור דער איד וועלכער האָט דורכגעלעבט ריכטיג א ימים נוראים מיט א לעבען פון תשובה און קדושה וטהרה, נור יענער איד איז פעהיג צו זיין אמת פרעהליך, ווייל נור „לישרי לב שמחה," א ריינע אידישע הארץ קען פרעהלעך זיין. מענשען מיט א ריינעם געוויסען, מיט א ריינע נשמה, קענען פרעהליך זיין. פארברעכער און נעמבלער לעבען אין אייביגע אינערליכע שרעק און זענען ניט פעהיג באמת פרעהליך זיין. נאך אלול און ימים נוראים ווען יעדער איד פארמאָגט א ריינע אידישע הארץ מיט א ריינע נשמה, דאן קומט דער זמן שמחתנו!

אידען אין ארץ ישראל, וועלכע האָבען בעארבייט זייערע אייגענע פעלדער און גערטנער, סוכות האָט ער געפיהלט דעם יום טוב, דעם חג האסיף, דער יום טוב פון זאמלען, ווייל ער האָט דאן נעזאמעלט פון פעלד, פון גאָרטען, פון וויין קעלער. עס איז פול די זאשיקעס, דער שייער, דער וויין קעלטער. ער האָט איבערגעגענוג פאר דעם צוקינפטיגען יאהר צו עסען און לעבען פאר זיך און די פאמיליע. ער איז מיט אלעם באזאָרגט. ער האָט ניט קיין דאגות און קיין אומעט. א גאנץ זומער פלעגט ער, דער אידישער פארמער אין ארץ ישראל, הויבען יעדען טאָג זיינע אויגען צו די שעהנע בלויע ארץ ישראל הימלען, בעטען פון דאָרט זאָל קומען דער רעגען אין צייט, און ער האָט געציטערט טאָמער

דאַרף לכתחלה געבויט ווערען, ווי א סוכה, נור לשם מצוה : צו ערציהען דאָרט א נייעם אידישען דור וועלכער זאָל זיין פעהיג צו מוסר נפש זיין זיך פאַר אַלעס וואָס ביי אידען איז ליעב, הייליג און טייער.

די גאַנצע וועלט אין וועלכע מיר לעבען איז א סוכה. דער גאַנצער לעבען איז זעהר קורץ. עס איז נור אויף׳א גאַנץ קורצע צייט „ א דירת ארעי,“ א צייטווייליגע וואהנונג, און א איד דאַרף אימער צופרידען זיין, אימער פרעהליך זיין ווען ער זיצט אין זיין סוכה. דער איד איז בטבע אָפּטימיסטיש, איז א שמח בחלקו, אימער פרהליך, לאַכט דעם גלות, דעם טוידט, אַלע צרות, — אין פנים אריין ! אין דער צייט ווען די גריכען און די רוימער פלעגען ניט זיין שטאַרק גענוג צו אריבער טראָגען צרות און דאגות, און ווען עס פלעגט זיי טרעפען אַן אומגליק, פלעגען זיי באַגעהן זעלבסטמאָרד דורך זעצען זיך אין א וואַנע, עפענען די אָדערען, און די בלוט פלעגט ארויסרינען ביז דעם לעצטען טראָפּען פון קערפּער, האָט דער פרומער איד קיין מאָל ניט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד, איז ניט געווען א „מאבד עצמו לדעת,“ אין גענענטהייל, אימער צופרידען, און די צייט ווען ער זיצט אין אַן איינפאַכע, שוואַכע סוכה׳לע, האָט ער אָט אזא צייט גערופען „זמן שמחתנו.“

און ווען די וועלט וועט זיך באַקענען מיט דעם אינהאַלט פון אונזער תורה, מיט די טיעפע פילאָזאָפישע, מאָראַלישע לעבענס אנשויאונגען פון אונזער תורה, וועלען זיי דאַן אידען ווערען, וועלען אננעמען דעם אידישען גלויבען (אזוי פאַרזיכערט אונז דער רמב״ם בסוף פי״א מהלכות מלכים, דפוס ווינעציא, ובהקדמת תשובת מהר״ץ, ובכוזרי כ״א לרביעי, ובספר חותמתכנית ח״ב צד קצ״ה — קצ״ז), און דאַן וועט די וועלט זיין גליקליך, עס וועט זיין א סוכת שלום.

די סוכה

שאָטען און זון — די סוכת דוד הנופלת — זמן האסיף — די אידישע סוכה און דער יונגער דור — סכך וואָס איז מקבל טומאה — די אושפיזין.

מיר פייערען דעם שעהנעם, פרעהליכען יום טוב סוכות, און מיר דערמאָנען זיך מיט א קרעכץ וועלכער פּאַסט ניט צו „זמן שמחתנו“ אויף אונזער שרעקליכע לאַגע אין גלות ; מיר דערמאָנען זיך אויף די „סוכת דוד הנופלת,“ אויף דאָס אידישע פאָלק, וועלכע איז א שוואַכע, אָרימע סוכה׳לע, אין דער צייט ווען די אנדערע נאַציאָנען פון דער וועלט זענען שטאַרקע פעלקער, גרויסע, ריזיגע האַלץ ציגעל אייזען און מאַרמאָר בילדינגס. מיר ווייסען אז די כשר׳ע סוכה האָט מעהר שאָטען ווי זון . . . . צלתה מרובה מחמתה . . . . די זון שיינט אריין אין דער אידישער סוכה זעהר זעלטען, גנב׳עט זיך אמאָל אריין א פּאָר שטראַלען פון דער ליכטיגער זון, אנטלויפען זיי אָבער באַלד, און דער שאָטען, דער „צל“ זעהט זיך דאַן נאָך מעהר אָן . . . .

אַ ריכטיגען אידישען לעבען, ווייל מען דאַרף אַ סך, מען מוז האָבען פּיעל געלד, געלד! געלד! און געלד! צוליעב געלד פאַרקויפט מען די נשמה, און די נשמות פון די קליינע קינדערלעך וועלכע גענּיסען ניט קיין אידישע ערציהונג, ווייל דער פאָטער קען ניט אָפּגעבען זיך מיט דער אידישער ערציהונג פון זיינע קינדער, ווייל — ער איז באַשעפטיגט צו מאַכען וואָס מעהר געלד. רייס זיך אָפּ אַ ביסעל פון דעם טומעל פון שרעקליכען הו־הא פון לעבען, און קריך אַריין אין דער פרימיטיווער סוכה! ניטאָ דאָרט קיין מאָדערנע רייך פאַרפּוצטע מעבעל, ניטאָ די אַלע לוקסוס וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען נור צו צייגען י ע נ ע ם דאָס איך בין רייך, פאַרמאָג פּיעל געלד: זעהט ווי מען קען לעבען אַן איינפאַכען נאַטירליכען, שטילען, רוהיגען לעבען. די סוכה וועט באַרוהיגען דיינע נערוועו, די צוריסענע, צוטרייסעלטע, שטאַרק אָנגע־צויגענע גרויס שטאָדטישע נערוועו. די סוכה איז דער סימבאָל פון נאַטיר־ליכקייט, איינפאַכקייט, פון אַ פרימיטיווען, רוהיגען, כשר'ען און הייליגען לעבען. זיץ אין סוכה און האָב אַ חשבון הנפש: אפשר קענסטו זיך באַפרייען פון די קייטען פון דעם היינטיגען וואָכעדיגען, ווילדען, נאַרישען לעבען! אפשר קענסטו פּטור ווערען פון די מאָדערנע אַפּאַרטמענטס מיט אַזויפיעל דאגות און יאָגעניש נאָך געלד און ליידענשאַפט, און פיהרען אַן איינפאַכען, רוהיגען, הייליגען לעבען, זיצען אין דער הייליגער, רוהיגער סוכה!

די גרויסע וועלט מלחמה וועלכע האָט זיך ניט לאַנג געענדיגט אָפיציעל און איז נאָך ניט געענדיגט אין דער ווירקליכקייט. ווען די מענשהייט בלאָנדזשעט נאָך און האָט נאָך ניט געפונען דעם ריכטיגען וועג. די נשמה פון דער גאַנצער מענשהייט בלאָנדזשעט אין עולם התוהו און האָט נאָך ניט געפונען איהר תקון. אַ שרעקליכע אינערליכע אומרוהיגקייט האָט יעצט ארומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט. קיין נאַציאָן איז ניט זיכער וואָס מיט איהר וועט מאָרגען זיין. די לאַגע איז שרעקליך און טראַגיש. און דאָס נעמט זיך אַלץ פון איין אורזאַכע: ווייל די מענשהייט איז אַוועק פון גאָט, ווייל ניט זיצען אין סוכה, דערפאַר איז קיין שלום אויף דער וועלט ניטאָ, זאָלען אָבער אַלע נאַציאָנען פון דער וועלט אַריין אין דער סוכה פון גאָט, דאַן וואָלט דער שלום זיין שטאַרק, זיכער און הייליג, דאַן וואָלט די גאַנצע וועלט געוועזען אַ ס ו כ ת ש ל ו ם און אידען וועלכע זענען אימער געוועזען אַ פאָלק פון שלום, וואָלטען דאַן געוועזען די סוכה פון שלום — ופרוש עלינו סוכת שלומך!

די סוכה איז הייליג. די אידישע הויז, די סוכה, דאַרף הייליג זיין. עס איז אַ מצוה צו לעבען, ווען דער לעבען איז אַ ריינער, אַ כשר'ער, און אַ הייליגער. די סוכה ווערט געבויט לשם מצוה, דערפאַר טאָר מען ניט נוצען קיין זאַך פון דער סוכה אַ גאַנצען יום טוב. מען טאָר ניט פאַרשוועכען קיין הייליגקייט, זאָגאַר גראָזען וועלכע מען האָט זיי באַנוצט אויף צו צודעקען די סוכה טאָר מען זיך ניט באַנוצען מיט זיי נאָך סוכות פאַן אַ נידעריגען, איינ־פאַכען, ניט שעהנעם צוועק (שו״ע או״ח סימן תרל״ח). די אידישע סוכה, די אידישע הויז, מוז געהאַלטען ווערען הייליג און ריין, און די אידישע הויז

צו אונז, אַלטע און שוואַכע — און די יוגענד, דער גרעסטער קאַפּיטאַל, דער רייכסטער אוצר פון יעדע פאָלק, מהוט גאָר ניט, בויט גאָר ניט, און מיר אַליין ניצען ניט אויס די יונגע שטורעמדיגע פּראָדוקטיווע קרעפטען פון אונזערע קינדער, און מיר דערוויטערען זיך פון זיי, און דאָן, באהיטע גאָט, וועלען מיר דאָך בלייבען אַ פאָלק וואָס איז קינדערלאָז, אוי, גאָט, ווי שרעקליך דאָס איז!

פּאַרצייטען פלעגען אונזערע עלטערען אין ארץ ישראל פייערען סוכות אַלס חג האסיף, דער יום טוב פון זאַמלען, זיי פלעגען איינזאַמלען די תבואות פון פעלד, און היינט, דאָ אין אמעריקא, פאַנגט זיך אָן באַלד נאָך סוכות, דער „זמן האסיף,“ די תלמוד תורה׳ס און ישיבות פאַנגען אָן צו זאַמלען נייע קינדער, נייע תלמידים, פאַר דעם נייעם זמן. עס איז זמן האסיף, אָבער ניט קיין חג האסיף, ווייל די הארץ טהוט וועה ווען מען זיצט אין די אָפּיסעס פון אונזערע תלמוד תורה׳ס און מען זעהט ווי מוטערס ברייננגען אריין אין די תלמוד תורה׳ס קינדער 12 - 13 יאהר אַלט וועלכע אויסער אַ ביסעל צוּקאַליעטשעטע „עברי“ קענען זיי גאָר ניט, ווייסען אבסאָלוט גאָר ניט פון אידישקייט, ווייסען ניט די העברעאישע שפּראַך, ניט קיין חומש, ניט קיין רש״י, ניט נביאים, ניט שלחן ערוך, ניט משנה און ניט גמרא. ווי שרעקליך דאָס איז! און טויזענדער אידישע קינדער וואַלגערען זיך אין די גאַסען און געניסען ניט אפילו אַ ברעקעל אידישע ערציהונג, דאָס, רבותי, דאַרף זיין אונזער וויכטיגסטע און הייליגסטע אויפגאַבע. מיר דאַרפען זאָרגען פאַר די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער.

איהר ווייסט דאָך מסתמא אַז מען דאַרף אַליין מיט די אייגענע הענד מאַכען די סוכה, און ווען עס איז אונמעגליך אַליין, שאַדט ניט ווען מען האָט מיטהעלפער און מיטאַרבייטער, אָבער מען טאָר ניט דערלאָזען דאָס אַ גוי זאָל בויען אונזער סוכה, איבערהויפּט טאָר מען ניט דערלאָזען דאָס אַ גוי זאָל מאַכען אונזער סכך (עבודת הקודש, קונטרס כף אחת, סימן כ״ד).

דער אומגליק איז וואָס אונזערע פאָטערס און מוטערס בויען ניט אַליין די צוקינפטיגע אידישע סוכה, זיי ערציהען ניט אַליין זייערע קינדער בדרך התורה והמצוה, און זיי פיהלען ניט די נויטיגקייט דאָס אונזערע ערציהער, די לעהרער און פּרינסיפּאַלס, זאָלען זיין אמת׳ע גוטע אָרטהאָדאָקסישע אידען, וועמעס הארץ זאָל וועה טאָן פאַר׳ן יודענטהום וואָס ווערט פאַרשוועכט, און, אָדער זייערע קינדער ווערען ערצויגען אין די גוי׳אישע פאָלקס שוהלען, וואו זיי ווערען דאָך דאָרטען ערצויגען דורכאויס אין אַ גוי׳אישע סביבה און לערנען פרעמדע, ניט אידישע למודים, און נאָכהער ווען זיי קומען פון פאָלקס שוהלע (פּאָבליק סקול) אַרט זיי ניט אַז דער העברעאישער לעהרער איז ניט קיין פרומער איד, עס אַרט זיי ניט אַז דער סכך וואָס דעקט צו און באַזאָרגט זייערע קינדערלעך, איז אַ סכך וואָס איז מקבל טומאה . . . און דאָס טאָר ניט פאַרשוויגען ווערען! עס איז ניט גענוג וואָס דער אידישער לעהרער פון אונזערע קינדער איז אַ גוטער לעהרער, ער דאַרף זיין אויך אַ גוטער איד, ווייל נור ווען ער איז אַ גוטער לעהרער און אַן אמת׳ער גוטער איד, וועט ער קענען אנוואַרימען די יונגע

אָבער ווען עס קומט דער ליעבער יום טוב סוכות מוזען מיר א חשבון הנפש האָבען, ניט אומזיסט זאָגען אונזערע חכמים אויף דעם פסוק ולקחתם לכם ביום הראשון — ראשון לחשבון עונות, אז דער ערשטער טאָג סוכות דארף אונז וועקען צו תשובה, צו פארטיעפען זיך אין אונזער אידישען פאָלקס לעבען, צו רעכענען און אויסגעפינען מיט וואָס מיר זינדיגען צו גאָט און צו אונזער אידישען פאָלק. לאָמיר האָבען א חשבון עונות, א רעכענונג פון אונזערע נאציאָנאַלע זינד, און דאן וועלען מיר אויסגעפינען אז מיר דארפען און מוזען צוריק אויפשטעלען און אפלעבען די סוכת דוד הנופלת! מיר וועלען דאן פארשטעהן אז קיין פאָלק אין דער גאנצער וועלט איז ניט אזוי שטארק גייסטליך און מאָראַליש, ווי דאָס אידישע פאָלק. שטארקע, גרויסע, רייכע פעלקער זענען שוין לאנג אונטערגעגאנגען, אָבער „דוד מלך ישראל חי וקים," די סוכת דוד, די אידישע פאָלק, וועט קיינמאָל ניט אונטערגעהן. און די געטליכע, פייערדיגע ווערטער פון דעם פרינץ פון די נביאים, פון ישעיה הנביא, קלינגט אָפּ אין דעם חלל פון דער גאנצער וועלט — „כי תעבור במים אתך אני, ובנהרות לא ישטפוך, כי תלך במו אש לא תכוה, ולהבה לא תבער בך" פייער און וואסער וועלען דיך ניט פארניכטען: מען האָט געוואָרפען אידישע קינדער אין די גרויסע טייכען און ימים פון דער גאנצער וועלט, מען האָט זיי געברענט אויף דעם פייער על קדוש השם, די וועלכע האָבען געברענט און געטרונקען, זענען שוין לאנג אויף דער וועלט ניטאָ, און דער איד? דער איד לעבט אייביג, דאָס איז אַן עם עולם אַן אייביגע פאָלק.

אָבער, רבותי, לאָמיר זיך אַליין ניט נארען: היינטיגער יום טוב איז זמן שמחתנו, א צייט פון פרייד, און די תורה הקדושה זאָגט אונז אַן „ושמחת בחגך" דו זאָלסט זיך פרעהען אין דיין יום טוב. אַלעס איז גוט, אָבער, ווי קענען מיר זיך פרעהען, ווען מיר ווייסען דאָס דער נייער אידישער דור אין לאנד, אונזערע זיהן און טעכטער, ווייסען ניט די ריכטיגע באדייטונג פון אונזער יום טוב, אונזער שמחה איז נים זייער שמחה. פרעגט זיי וואָס איז סוכות? וואָס מיינט דער אתרוג? דער לולב? די הדסים? די ערבה? די הושענות? הושענא רבה? וואָס איז דער זין פון אָט די אַלע מצות און מנהגים? זיי וועלען ניט וויסען וואָס צו ענטפערען אייך! אונזערע קינדער געניסען ניט קיין גרינדליכע גוטע אידישע ערציהונג. ווען מיר זענען געווען קליינע קינדער, האָבען מיר געלעבט א אידישען לעבען: מיר האָבען געהאָלפען אונזערע עלטערען בויען די אידישע סוכה, עס איז דאָך געווען די גרעסטע שמחה פון א יונגען אידישען קינד ווען מען האָט איהם געלאָזען העלפען מאכען די סוכה, דאָס אידיש קינד פון זיין פריהסטען קינדהייט און יוגענד, האָט דורכגעלעבט אידישע באגייסטערונג. ער האָט אנטהייל גענומען אין די אידישע מצוות און טראדיציאָנען. מען האָט איהם פאר א שותף און מיטארבייטער געמאכט. וואָס ווייסען אָבער אונזערע יונגע קינדער אין אמעריקא פון אזוינע שעהנע, הייליגע, פּאָעטישע קינדער מאָמענטען? ווארום, אידען, פארשטעהט איהר ניט די גרויסע געפאהר אין וועלכע מיר געפינען זיך יעצט? דאָס בויען די אידישע סוכה, די סוכת דוד הנופלת, ווערט איבערגעלאָזען אין גאנצען נור

צוליפען פון אונז, אברהם, יצחק, יעקב און די איבעריגע אושפיזין, האָבען קיין פלאַץ ניט אין אַ סוכה וואו מען באַזאָרגט ניט די אָרימע . . . און זיי, די קינדער, זענען די אָרימע קינדער פון אונזער נאַציאָן. לאָמיר זיי רייך מאַכען מיט די וויסענשאַפט פון אידישקייט, מיט די אוצרות התורה והיראה, דאַן וועלען די אושפיזין אימער זיין אין אונזער אידישער סוכה . . .

און ווייסט איהר, רבותי, וואָס דער מהרי"ל זאָגט? ער זאָגט אַזוי: 'סוכות זמן שמחתנו על כי היה בו שמחה יתירה, שהיו מדליקין ד' מנורות שהיו מאירות בכל ירושלים" (לקוטי מהרי"ל) אום יום טוב סוכות פלעגט מען אָנצינדען מנורות אין ירושלים וועלכע פלעגען באַלייכטען גאַנץ ירושלים, און ווייל ירושלים פלעגט סוכות צייט באַגאַסען ווערען מיט דער ליכטיגקייט, דערפאַר איז סכות דער „זמן שמחתנו."

דער מהרי"ל איז דאָך נערעכט, רבותי, מיר דאַרפען יעצט אויפלעבען ארץ ישראל בכלל און די היילינע שטאָדט ירושלים בפרט. ווען ירושלים וועט ליכטיג ווערען דורך אידישע מנורות, דאַן וועלען מיר ווירקליך פייערען דעם ז מ ן ש מ ח ת נ ו! זאָל אונז הקב"ה העלפען אז מיר זאָלען דאָס דערלעבען במהרה בימינו, אמן! ואמן!

לסוכות

די פילאָזאָפי פון די מינים — די הייליגקייט פון לעבען — די ארבעה מינים און די תורה.

די פיער מינים

אך בחמשה עשר יום תחגו את חג השביעי, באספכם את תבואת הארץ תחגו את חג ה' שבעת ימים, ביום הראשון שבתון וביום השמיני שבתון; ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר, כפת תמרים וענף עץ עבת וערבי נחל ושמחתם לפני ה' אלהיכם שבעת ימים (ויקרא כ"ג ל"ט).

אין דיזען שעהנעם יום טוב, הייסט אונז אונזער תורה צו פייערען דעם יום טוב סוכות און צו פרעהען זיך מיט דעם „פרי עץ הדר" זאָגט די גמרא דאָס איז דער „אתרוג," ענף עץ עבות — איז דער „הדס," און די תורה זאָגט דאָך ולקחתם לכם, דאָס זאָל באַלאַנגען אויסשליסליך נור צו אייך, אָט די פיער מינים: אתרוג, לולב, הדס און ערבה, ושמחת לפני ה' אלהיך, און באַזיצענדיג אָט די אויבען דערמאָנטע 4 מינים, זאָלסטו זיך פרעהען סוכות פאַר גאָט, דיין גאָט.

אידישע נשמה׳לעך וועלכע ליגען אין זיינע הענד, און וועט האָבען די מעגליכקייט צו אַרויסראַטעווען יונגע אידישע נשמות פון גוי׳אישע הענד!

סוכות נעמען מיר צו מיט פרייד און באַגייסטערונג די „אושפיזין.״ מען דאַרף אָבער פאַרשטהען די טיעפע כוונה, דעם פילאָזאָפישען געדאַנק וואָס ליגט באַהאַלטען אין דעם: דאָס מיינט, אז אין יעדער אידישער הויז, אין אַלע אונזערע ערציהונגס אנשטאַלטען, דאַרפען מיר מאַכען אַ וויכטיגען פּלאַץ פאַר די אושפּיזין, ווער זיינען זיי? אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף און דוד. זייער גייסט, זייער אידעאַל, זייער וועלט אנשויאונג, זייער קדושה, דאַרף זיך געפינען אין אונזערע ערציהונגס אנשטאַלטען.

מיר דאַרפען מאַכען נפשות פאַר׳ן יודענטהום, צו איינפלאַנצען דאָס יודענטהום אין די יונגע הערצער פון אונזערע קינדער, ווי דער גרינדער פון יודענטהום, אברהם אָבינו האָט געטאָן... מיר דאַרפען זיין מסירת נפש אידען, עקידה אידען, ווי יצחק איז געווען; מיר דאַרפען באַזיצען די קדושה און תמימות פון יעקב איש תם; מיר דאַרפען אַרבייטען פאַר די באַפרייאונג פון דאָס אידישע פאָלק, פאַר די פאַרשפּרייטונג פון אונזער הייליגער תורה צווישען אַלע אידען, ווי משה רבנו האָט געטאָן; מיר דאַרפען זוכען און מאַכען שלום איבעראַל, ווי אהרן הכהן האָט געטאָן, אויף דערויף זענען מיר דאָך אַ „ממלכת כהנים,״ מיר דאַרפען קענען קאָנטראָלירען אונזערע ליידענשאַפטען, און שטאָלצירען מיט אונזער אידישקייט אפילו ווען מיר געפינען זיך אין גאַנצען אין אַ גוי׳אישע סביבה, ווי יוסף הצדיק האָט געטאָן, און מיר דאַרפען באַזיצען גבורה און שירה, די פּאָעזי פון קדושה, פון יודענטהום, ווי דוד המלך האָט באַזעסען...

דער באַוואוסטער רב און דרשן ר׳ שלמה אלגאזי ז״ל פון ירושלים, ברייננגט אין זיין ספר „מעולפת ספירים,״ אַ זאַמלונג איבער די עטיק פון יודענטהום לויט דעם זוהר, דאָס עס איז אַ מצוה צו אַריינברייננגען אין דער סוכה אָרימע לייט, ווען ניט, אנטלויפען פון סוכה די אושפּיזין. דער ערשטער וועלכער אנטלויפט פון אַ סוכה וואו קיין אָרימאַן לאָזט מען ניט אַריין, איז אברהם, ער שרייט דאַן אויס צו די איבעריגע אושפּיזין: לאָמיר אנטלויפען פון דאַנען! ער לויפט און די איבעריגע אושפּיזין לויפען איהם נאָך, און די סוכה בלייבט אַליין אָהן אושפּיזין.

רבותי, אונזערע קינדער אין אמעריקא זענען די אָרימסטע פון די אָרימע. מיר האָבען בירושה פון אונזערע עלטערען די גרעסטע רייכטהום, די גרויסע רייכע אוצרות פון תנ״ך, ש״ס ופוסקים און די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור, אונזערע קינדער אָבער האָבען פון דעם אבסאָלוט גאָר ניט! פאַר זיי, פאַר אונזערע קינדער, זענען פאַרשלאָסען אָט די אַלע אוצרות. זיי, די יונגע קינדער, זענען שרעקליך אָרים! לאָמיר זיי אַריינפיהרען נעהענטער אין דער אידישער סוכה, לאָמיר זיי לערנען און באַקענען זיי מיט אונזערע רייכע אוצרות, מיט די ליידען און פריידען פון אונזער פאָלק, ווייל אויב ניט, וועלען די אושפּיזין

צו באַנוצען אַלע פּראָדוקטען פון דער וועלט מיט שכל און וויסענשאַפט, אַלס מיטעל צו לעבען מיט זיי פאַר גאָט און צוליעב גאָט און פרעהען זיך מיט זיי א געטליכע שמחה פאַר גאָט!

—

די סוכה, די צייטווייליגע וואהנונג, די דירת עראי, לערענט און צייגט אונז די פּוסטקייט פון קערפּערליכען מענשליכען לעבען, ווי די גאַנצע וועלט איז נאַריש, דער לעבען אָהן אינהאַלט, און קורץ, צייטווייליג, דירת עראי, קומט דער הויכער שטאָלצער לולב מיט דעם שעהנעם אתרוג מיט דעם הדס און ערבה און שטאַרקען אונז: דער לעבען איז טאַקע קורץ און נאַריש, נור ווייסט איהר ווען? ווען מען ווייס ניט ווי צו לעבען, ווען אָבער מען לעבט א הייליגען, א גייסטליכען לעבען, ווען מען לעבט פאַר גאָט, דאַן איז דער לעבען פול מיט אינהאַלט, אינערליכער פרייד, און געטליך גליקליך.

דער איד האַלט דעם לולב מיט'ן אתרוג, שאָקעלט דעם לולב צו אַלע 4 זייטען פון דער וועלט: מזרח, דרום, מערב, צפון, אין דער הויך, צום הימעל, און אראָפּ צו, נידעריג, צו צייגען, דאָס די גאַנצע וועלט, פון אַלע זייטען, באַלאַנגט צו גאָט, און מיט דער וועלט, מיט דעם לעבען קענען מיר, ווען מיר פאַרשטעהען און פיהלען טיעף, צו מאַכען זיך אַליין ריין און הייליג, און מאַכען הייליג די מענשליכע ארבייט און דעם מענשליכען לעבען.

די הייליגקייט פון לעבען און ארבייט קען זיין נור אין דער צייט ווען דער מענש לעבט און ארבייט, דאָס איז ביי טאָג, און דערפאַר איז די מצוה פון נטילת לולב נור ביי טאָג און ניט ביי נאַכט. די צייט פאַנגט זיך אָן, ווען די זון שיינט, איבערהויפּט ווען מען זאָגט הלל, ווען די אידישע הארץ זינגט צו גאָט, דאַן ווען דער איד פיהלט ווי אַלעס וואָס לעבט און ווירקט קען דאַרף זיין הייליג, געטליך, דאַן קומט דער נטילת לולב און טייטשט אויס די טיעפע פילאָזאָפישע געדאַנקען אין א שאָקעל דעם לולב מיט דער האַנד און א ציטער מיט דער נשמה.

און פּונקט ווי ווען דער בית המקדש איז געווען, פלעגט מען זיך אַרומ־דרעהען און מאַכען הקפות אַרום דעם מזבח, אַט אזוי היינט דרעהען מיר זיך אַרום מיט דעם לולב און אתרוג, מיט די מינים, אַרום די בימה, אויף וועלכע די ספרי תורה'ס געפינען זיך, צו צייגען דערמיט: דאָס דער גאַנצער אידישער לעבען דאַרף זיך דרעהען נור אַרום די געטליכע תורה, די תורה דאַרף זיין דער צענטער, דער מרכז, די נקודה, און אַלעס וואָס לעבט, ווירקט און איז טהעטיג אין לעבען, דאַרף זיך דרעהען אַרום די תורה. און די תורה דאַרף זיין אונזער וועג ווייזער אין יעדען ווינקעלע פון לעבען (זעה שו"ע או"ח תרנ"א, תר"ס).

—

דער אתרוג איז א פרוכט וואָס גיט דעם מענשען צוויי זאכען: שפּייז, און אויך א גוטען אנגענעהמען ריח, ער שמעקט זעהר גוט. דער לולב — דער כפת תמרים — גיט שפּייז אָבער ניט קיין ריח. דער הדס — גיט א גוטען ריח אָבער ניט קיין שפּייז. די ערבה — גיט ניט קיין ריח און ניט קיין שפּייז, נור „בוים" האָלץ, און ניט מעהר.

ווען מיר באטראכטען פילאָזאָפיש די וועלט און די נאטור, קומען מיר צו דער איבערצייגונג דאָס פון אלעס וואָס די נאטור אליין גיט דעם מענשען, פערגעניגען, פאָלשטענדיגען נוצען און פערגעניגען, אז דער מענש זאָל ניט דארפען פאררוכטען אָדער ענדערען די נאטור, ווי צום ביישפּיל, די לופט וועלכע מיר אטהעמען, די זון־ליכטיגקייט וועלכע מאכט ליכטיג אונזער לעבען, די שעהנקייט און דעם געטליכען פערגעניגען פון די נאטור וועלכע מאכט אזוי פרעהליך די מענשליכע הארץ, איז דער הויפּט ביישפּיל פון זיי אלע, פון וועלכע די מענשליכע חושים ווערען מעהר באגייסטערט איז ד ע ר ר י ח.

פון די אלע זאכען, וועלכע די נאטור גרייט צו צום מענשליכען פערגעניגען, און נאכהער קומט דער מענש מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען און ענדערט און פאררוכט די נאטור'ס מתנה און ברייננגט דאָס צו פאָלקאָמענהייט. איבער־הויפּט צו דערהאלטען דעם מענשליכען לעבען, איז די הויפּט זאך ד י ש פּ י י ז פון די אלע זאכען וואָס ווערען געמאכט פאַרבערייטעט און ענטוויקעלט נור דורך מענשליכען מארך און פעהיגקייט, וואו דאָרט צייגט דער מענש זיין גאנצע קראפט און הערשאפט, וואו דער מענש באקומט דעם נוצען פון דער וועלט נור דורך זיין חכמה, און די נאטור גיט איהם נור די מאטעריאל אליין. דאָס זענען אָט די אלע זאכען וועלכע פאָדערען זיך צו שעהנע מאָדערנע מענשליכע קליידער, הייזער, און פערשידענע מעבעל, וועלכע ווערען געמאכט נור דורך מענשליכע הענד, דער הויפּט ביישפּיל פון זיי אלע איז ד ע ר ב ו י ם.

אלזאָ, דער סימבאָל פון דעם ערשטען הויפּט ביישפּיל איז דער הדס דער ריח־געבער, דער עדות פון די שטארקייט פון דער נאטור; דער צווייטער איז — דער לולב, דער סימבאָל פון העלפען די נאטור; דער דריטער — די ערבה, דער סימבאָל פון די פארקערפּערונג פון די מענשליכע פעהיגקייט און קראפט וועלכער באפּוצט נור די נאטור, איז אָבער אליין פאר זיך שטארק. און דער יעניגער וועלכער איז דער סימבאָל פון די נאטור שטארקייט (דער הדס) דער ריח, און אויך דער סימבאָל פון די מענשליכע קראפט וועלכע העלפט די נאטור (דער לולב) דער יעניגער וועלכער פאראייניגט אין זיך ביידע מעלות צוזאמען, איז דער זעהר שעהנער, מהודר'דיגער אתרוג. דער אתרוג איז ווירקליך די פארקערפּערונג פון שלמות, פאָלקאָמענהייט. און ווען עס קומט סוכות, נעמט דער איד אין זיין האנד אָט די 4 מינים, דעם אתרוג, דעם לולב, די הדסה, די ערבה, וועלכע זענען די פאָרשטעהער פון גאָט, מענש, און נאטור, האלט זיי דער איד אין האנד, אלס זיין פּריוואט אייגענטהום, און פיהלט שטעהענדיג סוכות אין שוהל, אז גאָט גיט איהם אלעס וואָס עס באלאנגט צום לעבען און פערגעניגען, און דאָס ער, דער איד, דארף זיין זעהר פאָרזיכטיג, און וויסען ווי

אָבער וואס זעהען מיר דא ביי אונז אין אמעריקא? זעהר זעלטען א איד זאָל אן אייגענע סוכה האָבען. גאַנצע קהלות, שוהלען מאכען סוכות, אָבער יחידים, הונדערטער טויזענדער פרומע אידען האָבען ניט א סוכה פאר זיך, פאר דער פאַמיליע. אונז פעהלט טאַקע דערפאַר בטחון. וואלטען מיר באמת בטחון געהאט אין גאָט, וואלט־דאָ קיין חלול שבת ניט געווען. יעדער איד וואלט ניט געארבייט שבת, וואלט ניט געעפענט זיין געשעפט אום שבת, ווייל דער בעל בטחון איז זיכער אז ער וועט גארניט פערלירען. גאָט וועט איהם שוין צושיקען וואס ער האט פערלאָרען דורך שמירת שבת. דאָרט אָבער וואו עס איז חלול שבת בפרהסיא, דאָרט איז קיין בטחון ניטאָ.

די אידישע עלטערען אין אמעריקא האָבען ניט קיין בטחון אין א אידישער צוקונפט, אין אידישע האָפענונגען, אין דעם מאָראַלישען גליק וואס יודענטהום גיט. וואלטען זיי געהאט אָט דעם בטחון, וואלטען זיי פאַרזאָרגט זייערע קינדער מיט א גוטער אידישער ערציהונג, וואלטען זיי זיך מוסר נפש זיין זייערע קינדער זאָלען אויסוואַקסען ריכטיגע אידען, אזוי ווי זיי זוכען צו באַזאָרגען זייערע קינדער און צוגרייטען זיי צום קאַמפּף פון לעבען! אונז פעהלט בטחון! אָט דאָס איז אונזער אומגליק! און דערפאַר זאָל קומען די סוכה, דער סימבאָל פון בטחון, און זאָל אונז דערמאַנען אויף דעם גרויסען כח פון בטחון, וואס אונזערע עלטערען האָבען פערמאָגט, און זאָלען די אידישע עלטערען פון היינטיגער צייט האָבען בטחון אין דעם גרויסען כח פון דער אידישער ערציהונג, וועלען זיי דאן פאָדערען פון די תלמוד־תורה׳ס ניט נור „קדוש“ און „קדיש“ און א ביסעל טרור־קענע עברי זאַגעכץ, ווי זיי פאָדערען היינט, נור זיי וועלען פערלאַנגען דאס מען זאָל לעהרנען מיט זייערע קינדער חומש מיט רש״י, נביאים, שלחן ערוך, גמרא, אידישע געשיכטע און די העברעאישע שפּראַך.

זמן שמחתינו! סוכות איז א צייט פון פרייד! אַלע פעלקער פון דער וועלט פרעהען זיך אין זייערע ימים טובים, און זיי ווייסען ווי צו פרעהען זיך. זיי פרעהען זיך מיט׳ן גאַנצען הארצען. אָבער זייער שמחה איז א קערפּערליכע, א מגושם׳דיגע, און זאָגאר א ברוטאַלישע שמחה. גאַנץ אַנדערש איז אָבער אונזער שמחה, זמן שמחתינו. נאָך דעם חודש אלול, א חודש פון תשובה און חרטה, נאָך די עשרת ימי תשובה, נאָך יום כפור, נאָכדעם ווי מיר אַלע האָבען תשובה געטהאן און אונזערע הערצער און נשמות זענען ריין, נאָכדעם ווי מיר האָבען א חודש נאָכאַנאַנד פערגאָסען הייסע זודיגע טרעהרען פאר׳ן רבונו של עולם וועגען אונזערע גייסטליכע, נשמה פאָדערונגען, נאָכהער קומט — פרייד! גייסטליכע פרייד, נשמה פרייד! זמן שמחתנו! עבדו את ה׳ בשמחה!... דיענט גאָט — זאָגט דער געטליכער משורר — מיט פרייד, מיט שמחה! און אָפילו ווען שלעכטע ווינטען בושעווען און ווילען איינוואַרפען די אידישע סוכה... און אָפילו ווען גוים וואַרפען שטיינער אין דער אידישער סוכה... און אָפילו ווען אונזערע יונגע, מאָדערנע, ראַדיקאַלע, שוואכע אידען ווילען ניט זיצען אין אונזער אָרימער סוכה׳לע, און זיי קריכען אין פרעמדע סוכות... אָפילו דאן ווערט דער איד ניט פערצווייפעלט, ווערט ניט אָן זיין מוטה.

לסכות

יפרוש עלינו סכת שלומך.

די סוכה דער סימבאָל פון בטחון — אידישע ערציהונג אָהן בטחון — מען וואַרפט שטיינער אין סוכה — די שטערען שיינען ניט — די ליכט לעשען זיך — די יוגענד אַנטלויפט פון דער אידישער סוכה — לכם משלכם — די וואָס בויען אונזער סוכה — פרויען און קינדער אין סוכה — אחדות.

עס איז אונמעגליך צו לעבען א רוהיגען, גליקליכען לעבען, ווען מען האט ניט בטחון אין גאָט. נור דער יעניגער וועלכער האט בטחון אין גאָט איז באמת רוהיג און גליקליך, און קיין זאַך שרעקט איהם ניט, און קיין זאַך מאַכט איהם ניט אומרוהיג. דער בעל־בטחון ווייסט ניט פון קיין זאָרג און שרעק. וואָצו זאָל ער זאָרגען? ער פערלאָזט זיך דאָך אויף גאָט, און אַלעס וועט שוין זיין רעכט!

די גמרא און דער מדרש דערצעהלען אונז דאָס הלל הזקן היה בא בדרך ושמע קול צעקה בעיר אמר מובטח אני שאין זה בתוך ביתי, ועליו הכתוב אומר משמועה רעה לא יירא, נכון לבו בטוח בה'. ווען דער גרויסער הייליגער אונשטערבליכער הלל, די קאָפּ פון דעם אידישען פאָלק אין זיין צייט, ווען ער איז געווען אין וועג, האט ער דערהערט שרעקליכע פער־צווייפעלטע קולות פון שטאָדט, וואהרשיינליך האט אין שטעדטעל וואו ער וואהנט אן אומגליק פּאסירט, האט זיך הלל ניט דערשראָקען. ער האט געזאָגט: איך בין זיכער, איך האָב בטחון, אז דער אומגליק האט ניט פּאסירט אין מיין הויז. האט זיך וועגען איהם אויסגעדריקט דער תהלים און האָט גע־זאָגט: דער יעניגער וואָס האט בטחון האָט קיין מורא ניט פאַר קיין אומגליק, ווייל — ער האט בטחון אין גאָט! און ניט נור א יחיד, אן איינצעלנער מענש, קען ניט לעבען אָהן בטחון, נור אויך גאַנצע נאַציאָנען, פעלקער. א פאָלק, א נאַציאָן, קען ניט עקזיסטירען ווען זי האט ניט קיין בטחון אין גאָט און אין די כחות פון פאָלק, ווען זי האט ניט קיין בטחון אין א גלענצענדער צוקונפט. איבערהויפּט האט זיך אויסגעצייכענט אין דער מידה פון בטחון דאָס אידישע פאָלק. טראָטץ די שרעקליכע פערפאָלגונגען, צרות און רדיפות, וואָס דער איד ליידט אין גלות פאַר די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר, טראָטץ דעם לעבט דער איד און לעבט אריבער אַלע זיינע בלוט־שונאים, ווייל דער איד האט בטחון אין גאָט, און דער אידיישער בטחון איז גרויס און וואונדער־באַר! דער אידישער בטחון שאַפט באמת וואונדער!!

און די סוכה איז דער סימבאָל פון בטחון. געהט אריין דער איד אין זיין סוכה, באשיצען זיך אונטער גאָט'ס השגחה, בצל שדי, אין א סוכת שלום, אונטער דעם סכך, וואָס די געט־ליכע העכערע השגחה באדעקט און באשיצט איהם, די השגחה העליונה איז דער סכך פון דאָס אידישע פאָלק!

עס זענען געווען צייטען ווען נור דער אלטער פאטער איז געזעסען אין סוכה. אבער יעצט לעבען מיר אין אזא לאנד און אין אזא צייט, וואו עס איז זעהר הבכ׳ג און זעהר נויטיג אריינצוברייגנען אונזערע פרויען און קינדער אין דער אידישער סוכה. די אידישע פרוי אין אמעריקא איז זעהר וויכטיג און נוצליך פאר אויפהאלטען דאס יודענטהום. און די יונגע קינדער? אה, מיין גאט! ווי גרויס איז די געפאהר צו לאזען זיי אליין אין א גוי׳עשע גאס, אין א פרעמדער סביבה. נעהמט זיי שנעל אריין! קינדער, אין סוכה אריין!... אין סוכה אריין!!

אום סוכות נעהמט דער איד דעם לולב אין האנד אריין און שאקעלט דעם לולב צו אלע זייטען פון דער וועלט, גלייך ווי ער וואלט געזאגט צו אלע אידען פון דער גאנצער וועלט: אידען! ברידער! טהייערע ברידער! זעהט וואס איך האלט אין מיין האנד, א פרוכט פון ארץ ישראל. לאמיר העלפען צוריק אויפלעבען אונזער הייליגע לאנד מיט פעראייניגטע קרעפטען. זעהט, ברידער, איך פעראייניג יעצט דעם לולב מיט דעם אתרוג מיט דעם הדס מיט דעם ערבה, פיער באזונדערע, גאנץ פערשיעדענע מינים, איין מין איז ניט גלייך צום צווייטען מין, אבער יעצט זיינען זיי — פעראייניגט! אלע פיער מינים זענען פעראייניגט צוזאמען, איז א שמחה, זמן שמחתנו! איז א גליקליכער, פרעהליכער יום־טוב! זאגען מיר הלל, זינגען מיר צו גאט, לויבען מיר זיין הייליגען נאמען. און פונקט ווי די פיער מינים האבען זיך שטארק פעראייניגט. יעצט לאמיר פעראייניגען אלע קלאסען אידען אין איין פערבאנד, דאן וועט דאס אידיש פאלק זיין א שטארקע, פעסט־געבויטע סוכה, וואס קיין ווינד וועט אויף איהר קיין שליטה ניט האבען. דאס וועט זיין א סוכת שלום, און הלואי, רבונו של עולם, מיר זאלען דאס וואס גיכער דערלעבען צו זעהען. בעטען מיר דאך דיך אזוי לאנג, ופרוש עלינו סוכת שלומך, זאל דאס מקוים ווערען, זאל געבויט ווערען די סוכת דוד הנופלת, און זי זאל זיין ניט ווי די סוכות פון אלע אנדערע פעלקער, וועלכע עקזיסטירען נור דורך שווערד און בלוט, נור אונזער סוכה זאל זיין א — סוכת שלום —

אמן! ואמן!

דער איד וויים צו פרעהען זיך אפילו ווען א שלאגס־רעגען גיסט אין זיין סוכה, ווען שטיינער פאלען אין איהר, ווען בלוט גיסט זיך, אפילו דאן זינגט ער ז מ ן ש מ ח ת י נ ו ! !

און אידען, וועלכע זענען צוואוארפען אין אלע טהיילען פון דער וועלט, קומען סוכות אין שוהל אריין, און ברייננען מיט זיך די 4 מינים, דעם אתרוג, לולב, הדס און ערבה, וועלכע וואקסען אין ארץ ישראל, און זיי פרעהען זיך סוכות אין שוהל מיט ארץ ישראל פראדוקטען, זיי טהוען פונקט ווי די תורה זאגט אונז אז, ולקחתם לכם — משלכם ! באפוצט אייערע שוהלען מיט אייערע פראדוקטען, מיט אן אתרוג וועלכער וואקסט ניט אין פרעמדע לענדער נור אין ארץ ישראל, ולקחתם לכם — משלכם ! !

ולקחתם לכם משלכם ! עס זאל אימער זיין א י י ע ר ס , ניט פרעמדס. די סכך פון דער אידישער סוכה דארף זיין אייער אייגענע, מ ש ל כ ם . מיר זעהען אבער ליידער דאס אין פיעלע אידישע קהלות אין דער אלטער און אין דער נייער וועלט דעקט מען זיך צו מיט פ ר ע מ ד ע ן ס כ ך , מיט סכך וואס איז ט מ א . האט דאך דער ר א ש ה ק ה ל פון ווארשא, דער סכך פון יענער גרויסער אידיישער סוכה, וועלכער איז אימער געווען אן אסימילירטער איד, האט ער פאר'ן טוידט אפגע'שמד'ט אלע זיינע קינדער ! און אט אזא נפש איז דאס געווען א סכך, א ראש הקהל אין ווארשא ! ! ! האבען מיר דאך פ י ה ר ע ר פ א ר פ י ה ר ע ר , וועלכע זענען לחלוטין ניט פאסיג צו זיין אונזערע פיהרער, אונזער סכך, און זיי זענען דאך, עס איז ניט מ ש ל כ ם ! און נאך א שרעקליכע טראגעדיע. אין א סוכה מוז מען שטערען זעהען, אונזערע גרויסע שטערען, די פילאזאפען, די פראפעסארען, און דאס גלייכען, לייכטען אין פרעמדע סוכות, און אין אונזער ארים שוואך סוכה'לע ווערט חושך, פינסטער, ניטא קיין ברעקעל ליכטיגקייט.

מוצאי יום כפור געהט דער איד אין זיין הויף אריין און פאנגט אן בויען די סוכה ! אזוי דארף זיין, רבותי ! אין אנפאנג פון דעם נייעם יאהר דארף יעדער איד אנפאנגען בויען ד י ס ו כ ת י ש ר א ל , די סוכת דוד הנופלת. און עס איז דא פיעל, זעהר פיעל צו בויען. אלעס איז דאך אזוי חרוב, אזוי צובראכען, אז מיר ווייסען פשוט ניט וואס פריהער צו בויען. מיר דארפען יעצט בילדערס, בויערס האבען. וואו זענען זיי, די בוני בית ישראל ? וואו ? !

עס איז דא א סוכה נור פאר סוכות און עס איז דא א אידישע סוכה פאר א גאנץ יאהר. די תלמוד תורה, די ישיבה, דאס איז די אמת'ע אידישע סוכה, דאס איז א סוכה פאר'ן יודענטהום, און ווען די גאס איז ניט אידיש, און ווען די שטימע פון דעם אלמעכטיגען דאלאר מאכט אונז טויב, אז מיר קענען ניט הערען די שטימע פון גאט אין אונזער הארצען ; ווען די אסימילאציע וויל איינשלינגען אונזערע יונגע קינדער, דאן האט רחמנות אויף זיי, בעהאלט זיי, ראטעוועט זיי, ברייננט זיי אריין אין דער אידישער סוכה, אין תלמוד תורה און ישיבה, און בויט נייע סוכות, נייע תלמוד תורה'ס פאר אונזערע זיהן און טעכטער, אום דער שטראם פון דער צייט זאל זייערע נשמות ניט פערפלייצען ! !

ל"א, רש"י שם). עס וועט קומען א טאָג ווען אלע פעלקער פון דער וועלט וועלען קומען אין ירושלים צו מלחמה.

יואל הנביא רעדט אויך וועגען אזא גרויסען טאָג, וואו אלע פעלקער וועלען קומען מלחמה האלטען אין ירושלים (יואל ד, י"ב, י"ד), און אין דעם זינן רעדט אויך דער גרויסער נביא ישעיהו (כ"ה ו, ל"ד ב'). ד גמרא וויל האָבען אז אלדד ומודד האבען נביאות געזאָגט וועגען גוג ומגוג (סנהדרין י"ז). דער תרגום יונתן בן עוזיאל זאגט, אז אין משיח'ס צייטען וועלען גוג ומגוג מיט א ריעזיגער גרויסער ארמעע קומען מלחמה האלטען מיט אידען אין ירושלים און זיי וועלען קריגען די גרעסטע מפלה ביי משיח'ן (במדבר י"א, כ"ו). ווען יעקב אבינו האט געזאָגט צו זיינע קינדער פאר'ן טוידט: האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים — קלייבט זיך צונויף, קינדער, און איך וועל אייך זאגען וואס מיט אייך וועט פאסירען אין דער וייטער צוקונפט, זאָגט דער מדרש מפלות גוג הראה להם (ב"ר פצ"ח ג'), ער האָט זיי געוויזען וואס עס וועט פאסירען אין דער צוקונפט מיט גוג (זעה ברכות י"ג, אליהו רבה פ"א, ח', ויקרא רבה פי"א א', ויקרא רבה פ"ל ה').

דער צווייטער קאפיטעל תהלים רגשו גוים רעדט דורך אויס וועגען גוג ומגוג, (נאך די מיינונג פון אונזערע חכמים), וועלכע וועלען קומען מלחמה האלטען על ה' ועל משיחו, מיט גאָט און מיט משיח'ן. און אם ענדע וועט גוג כאפען א שרעקליכע מפלה און וועט באזיעגט ווערען ביי משיח'ן. עס געפינען זיך זעהר פיעל מאמרים וועגען גוג ומגוג אין ש"ס, מדרשים און ילקוטים און אויך אין די אראבישע ליטעראטור געפינען זיך ארטיקלען און לעגענדעס וועגען גוג ומגוג, אין דער הויפט־געדאנק איז דאָס גוג ומגוג וועלען פארלירען זייער גרויסע שרעקליכע מלחמה מיט אידען און אידענטהום און אידען וועלען געווינען דעם קאמף (זעה סנהדרין צ"ד, אבות דר"נ פל"ד ה', ספרי דברים סימן שמ"ג, סנהדרין צ"ז, עדיות פ"ב, י', עז"ג, בית המדרש חלק א' 56, משפט הוארים 134).

און סוכות, דער יום־טוב פון בטחון, ווען אידען זיצען אין סוכה, סוכת שדי, וואס דערמיט צייגען זיי אז ז ייהאבען פאר קיינעם קיין מורא ניט, ווייל גאָטס וועלט איז א סוכה, און דער רבונו של עולם איז זייער סכך, וועלכער באשיצט זיי פון אלע צרות און אומגליקען, דאן איז פאסיג צו לייענען וועגען דעם שרעקליכען גרויסען קאמף פון איד און גוי!

דער קאמף פון איד און ניט־איד געדויערט שוין טויזענדער יאהרען, און דער ביטערסטער, דער שרעקליכסטער, דער געוואגטעסטער, דער ענדליכער קאמף אויף לעבען און טוידט, וועט אויסגעקעמפפט ווערען אין ירושלים, אין ארץ ישראל. דאס איז די מלחמה פון גוג ומגוג. אין ארץ ישראל וועט פארקומען דער לעצטער שרעקליכסטער קאמף פון איד און גוי, וואס די וועלט האט ווען געזעהען, און דאן וועט דער איד געווינען דעם קאמף, און דאן

שבת חול המועד סוכות

די געשיכטע פון גוג ומגוג וואָס די הפטרה לערענט אונז — די מלחמת גוג ומגוג אלס סימבאָל — די אסימילאַטאָרען און די משומדים — א שטיקעל אידישע געשיכטע פון דער לעצטער צייט — דער פרומער איד איז גליקליך.

היינט, שבת חול המועד סוכות, לייענען מיר אין דער הפטרה א קאַפּיטעל תנ"ך פון יחזקאל ל"ח, ל"ט, אין וועלכע דער גרויסער אונשטערבליכער נביא יחזקאל דערצעהלט אונז, וואס עס וועט פאַסירען אין אונזער צוקונפט, אין משיח'ס צייטען. און שרעקליכעס דערצעהלט אונז דער נביא יחזקאל, און לאמיר אייך איבערגעבען אין א פּאָר ווערטער דעם אינהאַלט פון צוויי קאַפּיטלער פון יחזקאל:

עס וועט קומען א צייט — זאָגט יחזקאל — אין משיח'ס צייטען, ווען אידען וועלען זיך אומקעהרען צוריק אין זייער לאַנד, אין ארץ ישראל, און וועלען זיך באַרוהיגען, וועלען בלייבען זיצען אין לאַנד זיכער און רוהיג, וועלען מאַכען געשעפטען מיט ארומיגע פעלקער, דאַן וועט קומען גוג פון דער לאַנד מגוג מיט אַן אויסערגעוועהנליך־גרויסער ארמעע, מיט פערשיעדענע כלי זיין, און מיט זיי וועלען אויך קומען די ארמעען פון פרס, כוש, פוט גומר און תוגרמא. זיי וועלען אַלע קומען פון צפון־זייט און וועלען באַדעקען גאַנץ ארץ ישראל מיט א כמארע, און זיי וועלען דענקען צו רואינירען די אידישע לאַנד און פערניכטען דאס אידישע פאָלק. דאַן וועט קומען דער גרויסער מאָמענט, ווען גאָט וועט זיך אַננעהמען די קריוודע פון זיין פאָלק ישראל און עס וועט ווערען א שרעקליכער שטורעם אויף דער אידישער לאַנד, בערג וועלען רואינירט ווערען פון דעם גרויסען שטורעם, אַלע גרויסע מויערען וועלען איינפאַלען, א שלאַגס־רעגען מיט שטיינער פון הימעל, שוועבעל און פייער וועט דעם שונא בעפאַלען. זיי וועלען פערניכטעט ווערען אין דער שרעקליכער גרויסער מגפה, וואס גאָט וועט אויף זיי אַנשיקען. די פויגלען פון הימעל און די חיות פון פעלד וועלען עסען זייער פלייש, און אידען וועלען דאַן זאַמלען די רויב פון זייערע שונאים און די כלי זיין פונ'ם שונא וועט זיין גענוג פאַר אידען צו הייצען דעם אויווען, צו ברענען אויפ'ן פייער 17 יאָהר נאָכאַנאַנד, און עס וועט נעהמען 17 מאָנאַטען צייט צו מקבר זיין די הרוגים פון גוג, אום צו מאַכען ריין דאס לאַנד, און נאכהער וועט קומען אויף אידען די אמת'ע ישועה, די ריכטיגע גאולה. „ועתה אשיב את שבות יעקב ורחמתי כל בית ישראל וקנאתי לשם קדשי, ולא אסתיר פני עוד מהם" (יחזקאל ל"ח און ל"ט), זעה (ירושלמי מגילה פרק א', יוסיפון קדמוניות 1, 6, 1, שמות רבה פי"ב, ח').

און ניט נור דער נביא יחזקאל רעדט וועגען גוג פון מגוג, זאָנדערן אויך די איבעריגע אידישע נביאים. זכריה הנביא זאָגט: הנה יום בא לה' וחלקשלך בקרבך, ואספתי את כל הגוים אל ירושלים למלחמה (יד, א, ב, מגילה

די גרויסע, רייכע, ברוטאַלע גוי'עשע וועלט, לעבט זיך אין זיין אייגענער הייליגער, אידישער וועלט, האָט הנאה פון אַ בלאַט גמרא, פון אַ פרק משניות; שרעקליך אָבער פיהלט דעם גוג ומגוג קאמפף דער אַסימילירטער איד, דער רייכער אידישער באַנקיער, דער מיליאָנער, וועלכער שעהמט זיך מיט זיין יחוס, וואָס ער שטאַמט פון אברהם יצחק ויעקב, וועלכער וויל אויסמעקען פון זיינע מעטריקעס דעם אַלטען־הייליגען אידישען יחוס, וועלכער גלויבט ניט אַז מיר זענען אַ אתה בחרתנו פאָלק, וועלכער פאַרהייליגט און פאַרגעטערט אַלעס וואָס זיי טוען, און וועלכער האַסט און שעהמט זיך מיט אַלעס וואָס מיר טוען — אַזאַ איד פיהלט די שרעקליכע ביטערע מלחמה פון גוג ומגוג. ער וויל זיין מיט זיי, אַנטלויפען פון אונז: זיי אָבער לאָזען איהם ניט אַריין, זיי זאָגען: איד! גען ווייטער, איד! אַזאַ אומגליקליכער איד האָט, נעביך, קיין מקום מנוחה ניט, זיין נשמה איז צוריסען, ער ווייס ניט צו וועמען ער בעלאַנגט.

און, רבותי, איך וויל יעצט אייך געבען אַ ביישפיעל, וועלכער זאָל אילוסטרירען מיינע ווערטער. איך וועל אייך געבען אַ היסטאָרישען פאַקט; איך וועל דערצעהלען אַ פאַסירונג, ניט פון טויזענדער יאָהרען, נור פון עטליכע יאָהר צוריק.

ווי איהר ווייסט וואַהרשיינליך פון די צייטונגען, איז די פּאָליטישע איבערקערעניש אין אונגאַרן, וועלכע איז געקומען נאָך דעם קאָמוניסטישען רעזשים פון בעלאַ קון, געווען באַגלייט פון אַ מין שמד־מגיפה, ווי זי איז נאָך אין אידישען אונגאַרן ניט פאַרגעקומען: מען איז געלאָפען שמד'ען זיך, אַריינוואַרפען זיך אין די אָרעמס פון דער קריסטליכער קירך, אום צו געפינען חן אין די אויגען פון די קריסטען, און זיי האָבען אויסגעפונען זייער טעות און זענען געקומען צוריק אַלס בעלי תשובה. און אָט וואָס עס האָט פּאַסירט:

לויט אַן אַלטען מנהג באַשטימט די בודאַפּעסטער חברה קדישא אַ וואָך אין יעדען יאָהר, אין וועלכער עס ווערען אויף אַ פייערליכען אופן אויפגענומען נייע מיטגליעדער. נון איז ניט לאַנג צוריק געקומען צו דער חברה קדישא פייערונג אַ גרופּע פון אידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטען, וואָס מען האָט זיי געהאַלטען פאַר געבאָרענע מאַדיאַרען אָדער פאַר לאַנג גע'שמד'טע, און זיי זענען געקומען בעטען זיך מען זאָל זיי אַריננעהמען אַלס מיטגליעדער, און דער באַוואוסטער פּובליציסט קאַלנאַקי האָט אין נאָמען פון זיינע קאָלעגען געהאַלטען די פאָלגענדע רעדע, וועלכע יעדער איד דאַרף איהר לייענען:

„עס מאַכט דעם איינדרוק ווי עס וואָלטען זיך אין אַנגעזיכט פון מיינע גראָהע האָר, געבעטען אויף אייערע ליפּען צוויי פראַגען: האָט איהר זיך באַטראַכט משלנו, כּאַ פאַרוואָס קומט איהר אַזוי שפּעט צו אונז, שוין מיט גראָהע האָר? פיהלט איהר אָבער אַז איהר געהערט ניט צו אונז, טאַ צו וואָס זשע קומט איהר אַהער, און וואָס עפּעס גראַד איצט?

וועט זיין די ריכטיגע גאולה, דאן וועט משיח אליין קעמפפען מיט גוג ומגוג.

און מיר לייענען אין היינטיגער הפטרה וואס פאר א שרעקליכע מפלה גוג וועט האבען, און זיין מפלה וועט זיין דער סוף פון אידישען גלות און דער אנפאנג פון אידישער פרייהייט. און גאט רעדט צו גוג'ן, און ער זאגט צו איהם: והבאותיך על ארצי למען דעת הגוים אותי בהקדשי בך לעיניהם. גוג! — איך וועל דיך ברייננגען אין מיין לאנד, ארץ ישראל, אום די פעלקער פון דער וועלט זאלען מיך וויסען, ווייל איך וועל דאן דורך דיין מפלה גוג, ווערען הייליג אין זייערע אויגען... און גאט זאגט: דאס אין יעדער גרויסער און שרעקליכער צייט וועט ער ווערען גרויס און הייליג ביי זעהר פיעלע פעלקער, און אלע וועלען וויסען דאס איך בין גאט. והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי לעיני גוים רבים, וידעו כי אני ה'!

און ווען עס וועט קומען אט יענער גרויסער טאג, ווען עס וועט ענדליך אויסגעקעמפפט ווערען דער אייביגער קאמפף פון איד און גוי, דאן וועט זיין א גרויסער קדוש השם, גאט'ס נאמען וועט זיין הייליג און טייער ביי אידען. טויזענדער יאהרען האט זיך געגאסען אידישע בלוט ווי וואסער, אידען זענען געווען הפקר, און דאס איז געווען א צוויי טויזענד יעהריגער חלול השם, און די גוים האבען געפרעגט די אידען: איה אלהיך? וואו איז אייער גאט? ווארום העלפט ער אייך ניט? דאן אבער זאגט דער נביא אין גאט'ס נאמען: „ואת שם קדשי אודיע בתוך עמי ישראל, ולא אחל את שם קדשי עוד, וידעו הגוים כי אני ה' קדוש בישראל" (יחזקאל ל"ט), אידען וועלען דאן וויסען פון גאט'ס הייליגען נאמען, גאטס נאמען וועט שוין מעהר ניט פארשוועכט ווערען, און אלע פעלקער פון דער וועלט וועלען וויסען אז גאט איז הייליג ביי אידען.

און ווי שארף, שטארק, הייליג, זענען גאט'ס ווערטער דורך זיין נביא יחזקאל, אז ער וועט אומקערען צוריק די אידען אין ארץ ישראל, און אידען וועלען פערגעסען די צרות און די שאנדע וועלכע זיי האבען געהאט אין גלות, און דאן וועט זיין א גרויסער קדוש השם, און אידען וועלען דאן וויסען אז גאט איז זייער גאט, זיי וועלען לעבען אין זייער אייגענע לאנד, און מעהר וועלען זיי ניט וויסען פון קיין גלות, און גאט'ס השגחה וועט אויף זיי אימער זיין. „ולא אסתיר עוד פני מהם" (יחזקאל ל"ט, כ"ה—כ"ט).

די מלחמת גוג ומגוג איז דער סימבאל פון דעם אייביגען, שטענדיגען, שרעקליכען קאמפף פון איד און גוי, און דער יעניגער וועלכער איז א גאנצער איד, דער יעניגער וועלכער איז א שומר שבת, וועלכער ווייס דעם טעם פון עונג שבת, יענער פיהלט ניט זעהר שטארק דעם גוג ומגוג קאמפף, ער פיהלט ניט די צרות פון דעם גוי, ווייל ער האט מיט איהם ניט צו טאן, באזוכט ניט זייערע קלאבס, וויל ניט ווערען מיט איהם קיין מחותן, איז מבטל אין הארצען

שלש סעודות אום שבת, יענער לעבט אין א הייליגער אידישער וועלט, און ער האט ניט צו טאן מיט אסימילאציע, ווייס ניט פון גוג ומגוג מלחמה, פון דער גרויסער מלחמה פון איד און גוי, ווייל ער קריכט ניט אין דער פרעמדה, ער זיצט אין זיין סוכה!...

לאמיר ערציהען אונזערע קינדער אין דעם תורה און שבת גייסט, וועלען זיי שאפען זייער אייגענע וועלט-אנשויאונג, זיי וועלען בויען זייער אייגענע לאגר, וועלען שטודירען אונזער תורה, וועלען ניט לעבען מחוץ למחנה, און דאן וועט דער נייער אידישער דור העלפען געבען דעם לעצטען טוידט-קלאפ צו גוג ומגוג, און מיר וועלען זיצען רוהיג און זיכער אין די סוכת ישראל, אין די סוכת דוד, וועלכע וועט זיין א סוכת שלום, במהרה בימינו, אמן, ואמן!

שמחת בית השואבה

כל מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו.
(סוכה דף נ׳)

די היסטאָריע פון שמחת בית השואבה — די צערעמאָניע פון שמחת בית השואבה אין ירושלים — די שמחה אין גלות.

שמחת בית השואבה איז געווען די גרעסטע שמחה ביי אידען. די שמחה פלעגט געפייערט ווערען מוצאי יום טוב פון די ערשטע טעג סוכות אין ירושלים מיט גרויס פראכט און גלאנץ. אויף דיזער שמחה האט מרמז געווען דער נביא ישעיה, ווען ער האט געזאגט ושאבתם מים בששון (ישעיה י״ב, ג׳) — איהר זאלט שעפען וואסער מיט פרייד. און דאן פלעגט פארקומען אין ירושלים, אין דער צייט ווען דער בית המקדש האט עקזיסטירט, די שעהנע צערעמאניע פון נסוך המים, מען פלעגט גיסען וואסער אויף׳ן מזבח אין בית המקדש אין דעם יום טוב סוכות. און ווען מען פלעגט געהן שעפען די וואסער פון דעם קוואל שילוח, נאהענט צו ירושלים, פלעגט דאן פארקומען א גרויסע שמחה. דערפאר האט זיך דאס גערופען „די פרייד פון שעפען וואסער", שמחת בית השואבה (זעה תענית ב׳, סוכה ל״ד, תוספות שבת ק״ג, תענית ג׳, ירושלמי סוכה נ״ה, יומא כ״ו).

די גמרא זאגט: מפני מה אמרה תורה נסכו מים בחג? אמר הקדוש ברוך הוא, נסכו לפני מים בחג, כדי שיתברכו לכם גשמי השנה (ראש השנה ט״ז), ווארום גיסט מען וואסער אויף דעם מזבח אום סוכות? ווייל גאָט האט געזאָגט: גיסט פאַר מיר וואסער אום סוכות, כדי עס זאלען געבענשט ווערען פאר אייך די רעגענס פון דעם יאהר.

ווי אזוי פלעגט פארקומען די צערעמאניע פון גיסען וואסער? מען פלעגט נעהמען א גאלדענע פלאש, וועלכע האלט דריי קווארט, און מען פלעגט די פלאש אנפילען מיט וואסער פון דעם קוואל שילוח, וועלכער געפינט זיך נאהענט צו ירושלים, און דאן פלעגט מען צוקומען צו איינע פון די טויערען פון בית

„מייז תשובה אויף דער ערשטער פראגע איז: מיר זיינען תמיד געווען צוגעבונדען צו אייך דורך אונזער אמונה און דורך די טראדיציעס פון אונזערע אבות אבותינו. מיר זיינען בלויז ניט געווען רעגיסטרירט, ניט פארשריבען אין אייער מיטגליעדער־פארצייכניש.

„פארוואס מיר קומען גראד איצט? ווייל גרויסע שטורעמס האבען זיך פאנאנדער געטראגען איבער אונזערע קעפּ, און מיר האבען פּלוצלונג דערזעהען, דערפיהלט אז מיר געפינען זיך אין א פרעמדער וועלט!...

„מען האלט מיך אין איין פרעגען: ביזטו א איד? איך באגעגען די פראגע אין די צייטונגס־קאלומס, זי דונערט ארויס פון די רעדען אין פארלאמענט, זי ווערט פארשפרייט אויף די ווענט פון די הייזער. ביזטו א איד? — מיט אט דער פראגע נעהמט מען אויף דאס קינד אין דער שוהלע, דעם בירגער אין שטייער־אמט, און דעם עדות אין געריכט. די דאזיגע פראגע טארטשעט ארויס פון די אויגען, זי ליגט אויף אלעמענס ליפּען, און זי ווערט געשטעלט מיט א דראהענדיגער פארמאכטער פויסט.

„נו, זיינען מיר צו אייך געקומען, כדי אויף אט דער אייביגער פראגע צו געבען א תשובה. מיר זיינען געקומען אנטפלעקען אונזער נשמה, מיר זיינען געקומען אויסרופען אפען מוטיג: מיר זיינען אידען! גלויבענס־טרייע אידען, און מיר ווילען דאס אויך בלייבען!! די אינגוועניגסטע איבערצייגונג האט אונז געדופען, די טריישאפט צו דער אמונה פון אונזערע אבות און דער דרך ארץ פאר זייערע רעליגיעזע טראדיציעס.

„מיר שטעהען איצט פאר אייך מיט א דערהויבענעם קאפּ און מיר ווילען זעהען וואס אונזער גלויבענס־טריישאפט וועט אונז ברענגען: צי א בראנד־צייכען אויף אונזער שטערען, אדער א מעדאל אויף אונזער ברוסט. וואס עס זאל ניט געשעהען, ביי א סך מענשען איז די אידישע אמונה א קין צייכען, פאר אונז אבער וועט זי תמיד זיין א גלענצענדיגע אויסצייכענונג, און וואלט זי אפילו געווען א בראנד־צייכען, ווילען מיר דאס אויך אננעהמען."

דיעזע רעדע פון מענער וועלכע קיינער האט ניט געוואוסט אז זיי זענען געווען אמאל אידען, צייגט אונז ווי עס פיהלט דער איד וועלכער געפינט זיך אין א גוי'עשער וועלט. זיין גלות איז ניט אריבערצוטראגען. דער וואס איז בעקאנט מיט דער אידישער געשיכטע און מיט דער העברעאישער ליטעראטור, יענער ווייס די שרעקליכע טראגעדיע פון די אסימילירטע אידען און פון די משומדים, וועלכע ווערט געשילדערט דארט. עס איז א שרעקליכע ביטערע לאגע!!...

דער יעניגער אבער, וועלכער איז באמת א רעליגיעזער, נאציאנאלער איד, א שומר שבת, ער פיהלט ניט דעם קאמפּף פון איד און גוי, ער פיהלט ניט, ער ווערט ניצול פון דעם גוג ומגוג קאמפּף, און אט דאס זאגט אונז די גמרא: „כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול ממלחמת גוג ומגוג... (שבת קי"ח) — דער וואס איז א ריכטיגער שומר שבת איד, וועלכער איז מקיים די

און נאכהער פלעגען די כהנים פון בית המקדש אָנפיהרען דעם גרויסען הייליגען רעליגיעזען מארטש צום קוואל השלוח, ארום ירושלים, צו שעפּען וואסער און גיסען אויפ'ן מזבח. און די גמרא זאָגט: „כל מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו", דער וואָס האָט ניט געזעהען די שמחה וואָס פלעגט פּאַרקומען אין ירושלים ווען דער בית המקדש האָט עקזיסטירט, ווען אידען פלעגען שעפּען די וואַסער פון השלוח און גיסען אויפ'ן מזבח — דער האָט אויף זיין לעבען קיין אמת'ע, קיין ריכטיגע, קיין גרינדליכע שמחה ניט געזעהען.

אַט אזוי, רבותי, האבען זיך אונזערע עלטערען געפרעהט מיט'ן גאַנצען הארצען ווען זיי זענען געזעסען אין זייער אייגענער לאַנד, אין ארץ ישראל, אַלס זעלבסטשטענדיגע, פרייע נאַציאָן.

מיר, אידען אין גלות, פרעהען זיך אויך אום שמחת בית השואבה. מען קומט חול המועד סכות אין שוהל, מען זאָגט די שיר המעלות פון תהלים, די לוים מיט'ן גאַנצען פאָלק פלעגען מארטשען אויף די מעלות, די טרעפּ פון בית המקדש. מיר האָבען ניט קיין בית המקדש, אונזערע פיס קענען ניט טרעטען אויף די טרעפּ פון בית המקדש זאָגען מיר שיר המעלות, א געזאַנג אויף די טרעפּ. מיר פרעהען זיך, אָבער אונזער שמחה האָט קיין טעם ניט. מיר מוזען, מיר זאָלען, מיר דאַרפען אָבער אַרבייטען פאַר גאולת הארץ, אז מיר זאָלען האָבען די זכיה בייצואוואָהנען די גרויסע פייערדיגע, רעליגיעזע שמחה פון שמחת בית השואבה אין אונזער לאַנד. און יענע שמחה קענען מיר ניט האָבען, ווען מיר וועלען ניט פיהלען מיט דער גאַנצער נשמה די אבילות פון ירושלים, און דערפאַר זאָגט די גמרא: „כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ושאינו מתאבל על ירושלים אינו רואה בשמחתה (תענית ל'), דער וואָס קלאָגט אויף ירושלים, פיהלט ער דאָך די נויטיגקייט פון צו־ריק אָפּלעבען ירושלים, וועט ער ארבייטען מיט דעם לעצטען טראָפּען בלוט פאַר די אויפלעבונג פון ירושלים, דאַן וועט ער זוכה זיין צו זעהען די שמחה פון ירושלים!

און אמת'ע שמחה קען ניט זיין אין גלות. אמת'ע שמחה קען זיין נור אין ארץ ישראל. אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש: „בזמנא דישראל לא אשתכחו בארעה קדישא, אסור ליה לבר נש למחדי ולאחזאה חידו (זוהר במדבר קי"ח), אין דער צייט ווען אידען געפינען זיך ניט אין דער הייליגער לאַנד, אין ארץ ישראל, טאָר מען זיך ניט פרעהען, און מען טאָר זאָגאַר ניט ווייזען קיין סימן פון פרייד! און דערפאַר זאָגט די גמרא „משנכנס אב ממעטין בשמחה", ווי נור עס קומט אריין דער חודש אב, אין וועלכען חודש דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, דאַרף מען דאַן אויפהערען פרעהען זיך. די אמת'ע שמחה איז נור א שמחה של מצוה (פסחים קי"ז, זוהר ויחי רט"ז), די אמת'ע שמחה איז נור א גייסטליכע שמחה, ווי אונזערע חכמים דערצעהלען אונז „מעשה בר' אבוהו שבא לטבריא

המקדש, וועלכער האט זיך גערופען „דער וואסער־טויער", שער המים, מען האט געבלאזען שופר, מען האט געשאלט, מען האט ווידער געבלאזען, און דאן פלעגט פארקומען מיט גרויס עהרעפורכט די צערעמאניע פון גיסען די וואסער אויפ'ן מזבח.

אין בית המקדש האבען זיך געפונען מנורות, געמאכט פון גאלד, און די שפיצע פון יעדער מנורה האבען זיך געפונען 4 שעפלער פון גאלד, אין די גאלדענע שעפלער פלעגט מען אריינלייגען א גראבען קנייטעל און מען פלעגט איהם אנצינדען.

יעדע מנורה האט געהאט 4 לייטערס, יעדער שעפעל האט געהאט איהר לייטער, יעדע מנורה איז געווען זעהר הויך, א סברה אז די מנורה איז הויך געווען 50 איילען, און 4 יונגע כהנים פלעגען ארויפקלעטערען אויף די לייטערס און זיי פלעגען האלטען אין זייערע הענד קריגלען אויל, הונדערט און צוואנציג קווארט אויל, 30 קווארט אויל פאר יעדער שעפעל, און זיי פלעגען גיסען דעם אויל אין די גאלדענע שעפלער פון בית המקדש, ווען נור עס האט זיך גע־פאדערט.

די ליכטיגקייט אין ירושלים איז געווען זעהר גרויס. די גמרא זאגט „לא היתה חצר בירושלים שאינה מאירה, עד שהיו יכולין לברור חטים לאור בית השואבה, עס איז ניט געווען איין הויף אין ירושלים וועלכער איז ניט ליכטיג געווען, מען האט געקענט ביינאכט אין גאס קלייבען ווייץ פאר די גרויסע און שטארקע ליכטיגקייט. און „חסידים ואנשי מעשה היו מרקדין לפניהם", חסידים און די גדולי הדור פלעגען טאנצען פאר'ן פאלק, וועלכער פלעגט דאן שטעהן ארום די מויערען פון בית המקדש, ואבוקות של אור בידיהן, וזורקין אותן כלפי מעלה ומקבלין אותן, און די חסידים און די גדולי הדור פלעגען האלטען אין די הענד פאקעלס פון פייער, פלעגען ווארפען די פייערווערק אין דער הויך און כאפען זיי צוריק אין האנד אריין. איבערהויפט האט זיך אין דיזער קונסטדיגער ארבייט אויסגעצייכענט דער הייליגער אידישער געלעהרטער רבן שמעון בן גמליאל. ער פלעגט ווייזען וואונדערבארע קונצען מיט 8 פייערווערק; ער פלעגט ווארפען איינע אין דער הויך און כאפען צוריק א צווייטע, און איינע האט זיך ניט אנגעריהרט אז די צווייטע. מען פלעגט זינגען לויב־געזאנגען צו גאט. די שמחה פון הלל הזקן איז געווען אויסערגעוועהנליך גרויס ביי שמחת בית השואבה.

ר' יהושע בן חנניה דערצעהלט דאס די נאכט פון שמחת בית השואבה פלעגט מען ניט פארזוכען קיין שלאף, ווייל מען האט געהאלטען אין איין פרעהען זיך א גאנצע נאכט.

די לוים פון בית המקדש פלעגען זינגען מיט זייערע מוזיקאלישע אינסטרו־מענטען און פלעגען געבען א רעליגיעזען קאנצערט, זינגען שירה צו גאט אויף די 15 טרעפ וואס געהען אראפ פון עזרת ישראל צו די עזרת נשים, אנטקעגען די 15 טרעפ, די שיר המעלות, וואס געפינען זיך אין תהלים,

און אום צו ברעכען, פארניכטען די גראָבע, נארישע גאוה פון דעם מענשען, וועלכער דענקט אז ער אליין איז דער גאָט, דער פיהרער, און באהערשער פון העלפן, לעבען און ארבייט, קומט דערפאר פאָר אום הושענא רבא די „חבטת הערבה,“ מען קלאפט די הושענות, ווארום ? ווייל די הושענא, די ערבה, איז, ווי מיר האָבען פריהער ערקלערט, דער סימבאָל פון דעם מענשליכען קראפט, ענערגיע און פעהיגקייט. די ערבה, וועלכע איז נור א שטיקעל בוים, נור חומר, מאטעריאל, און דער מענש, נעמט פון דעם געוועהנליכען בוים און מאכט מיט זיין חכמה און פעהיגקייט, די גרעסטע און שעהנסטע מאָדערנע בנינים; דער מענש נעמט די געוועהנליכע פראָסטע נאטור מאטעריאל און ארבייט אויס די שעהנסטע קליידער. די ערבה צייגט די גרויסקייט און שטארקייט פון דעם מענשען, און אום צו צייגען דאָס מענשליכע קראפט אליין אָהן גייסט, האָט קיין זינן ניט, עס איז צו גראָב, ברוטאל, און איז שטערבליך, און באמת נוצלאָז, דערפאר קומט פאָר „חבטת הערבה, די ערבה וואָס שטאָלצירט מיט גראָבע, פיזישע מענשליכע קראפט, די ערבה וועלכע צייגט די גאוה פון דעם מענשען, אָט די ערבה קלאפט מען אָן דער ערד, און מען צייגט דערמיט, אז דער ברוטאלער מענש, וועלכער באזיצט נור קערפערליכע קראפט אָהן גייסט, א מענש וועלכער לעבט ניט אין דעם גייסט פון דער תורה, איז — „אן אָפגעשלאָגענע הושענא.“

הושענות

די טיעפע געדאנקען פון די הושענות.

ווי טיעף און הייליג דער איינדרוק פון די הושענות זענען ! שטעהען 15 מיליאָן אידען אין די שוהלען פון דער גאנצער וועלט און שרייען צום אל־מעכטיגען גאָט — „הושע נא !“ ביטטע, העלף אונז ! העלף ! דער שטארקער בעט ניט קיין הילף, דער שוואכער, דער פארפאָלגטער, דער געדריקטער, דער באליידיגטער, דער ערנידעריגטער, ער בעט און שרייט : גוואלד, ראטעוועט, העלפט !

דער איד אין גלות שרייט הושענא ! אָבער מיינט ניט אז דער איד בעט הילפע פאר זיך, פאר זיינע קינדער, חס ושלום ! נור — למענך אלהינו, הושע נא ! צוליעב דיר גאָט, פון דיין כבוד וועגען, העלף ! ווייל ווען אידען זענען אין גלות איז די שכינה אויך אין גלות, דאָס יודענטהום איז אין גלות, דער שבת איז אין גלות, די תורה און דער בן תורה איז אין גלות. דער נביא זאָגט דאָך „בכל צרתם לו צר“ (ישעיה ס"ג, ט') ווען די אידען איז ניט גוט איז דאָס אידישקייט, ניט גוט, די גאָטהייט פיהלט דעם צער האומה, דעם אידישען קרעכץ. און דער תהלים זאָגט : „עמו אנכי בצרה“ (תהלים צ"א). און זעהר

ראו אותו תלמידי ר׳ יוחנן שפניו מאירין, אמרו לו לר. יוחנן ר׳ אבהו מצא מציאה, להכי פניו צהובין, אמר ר׳ יוחנן לר׳ אבהו, איזהו דבר חדש שמעת שיש לך הנאה ממנו? אמר לו: תוספתא ישנה, שלא ראה אותה מימיו, וראה בה דברים חדשים ושמח בה (ירושלמי שקלים פ״ג, נדרים מ״ט).

ר׳ אבהו קומט קיין טבריא, דערזעהען איהם די תלמידים פון ר׳ יוחנן, אז זיין פנים שיינט פון שמחה, זאגען זיי צו ר׳ יוחנן, ר׳ אבהו האט געמוזט געפינען א מציאה, און איז זעהר רייך געווארען, ווייל זיין פנים לייכט און שיינט פון גרויס שמחה. פרעגט ר׳ יוחנן ביי ר׳ אבהו: דו האסט געמוזט הערען א נייע זאך אין לערנען, פון וואס דו האסט גרויס הנאה געהאט, אז דיין פנים שיינט אזש פון גרויס שמחה. ענטפערט ר׳ אבהו: איך האב דער־זעהען אן אלטע תוספתא, וועלכע איך האב אויף מיין לעבען ניט געזעהען, און האב דארט געפונען נייע געדאנקען, און דערפאר בין איך אזוי גליקליך, דערפאר בין איך אזוי פרעהליך.

דאס אידישע פאלק איז א פאלק פון גייסט, א פאלק וואס האט ארויסגע־געבען די ר יוחנן׳ס און די ר׳ אבוהו׳ס, און דער גלות קען דעם אידען ניט מאכען פרעהליך, ווייל דער שבת איז אין גלות, די תורה איז אין גלות, דאס יודענטהום איז אין גלות. דערפאר אבער בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו שמחים! די אמת׳ע שמחה אונזערע וועט זיין ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען צוריק אין ארץ ישראל, במהרה בימינו, אמן, ואמן!

הושענא רבא

די הקפות מען קלאפט הושענות — קערפער און גייסט — די אפגעשלאגענע הושענות — די פאליזאפי פון הושענות.

איבערהויפט מאכען מיר א פייערליכע הייליגע דעמאנסטראציע צו אויס־דריקען דעם טיעפען פילאזאפישען געדאנק און דעם גרויסען אמת דאס אלעס וואס לעבט און ווירקט מוז זיין געטליך, און אז נור דאן קען די מענשהייט זיין רוהיג און אמת גליקליך, ווען די מענשהייט וועט געפיהרט ווערען פון גאטהייט, פון דער געטליכער אידישער תורה — אום הושענא רבא. דאן פראווען מיר די הקפות, מיר דרעהען זיך ארום זיבען מאל ארום די ספר תורה וואס געפינט זיך אויף דער בימה, 7 מאל אקעגען די 7 טעג פון דעם מענשליכען לעבען, דאס יעדער טאג דארף געלעבט און געארבייט ווערען על פי רוח התורה.

שמחת תורה

שמחת תורה אַמאָל און היינט — דער איד און די תורה — די הקפות — דער רב און די געלד-מאַכער — די תורה און די דיימאנדס.

א שטראָם פון פרייד האָט זיך צוגאָסען אין אַלע אידישע נשמות ווען אידען האָבען זיך אַמאָל געפרעהט מיט דער תורה אום שמחת תורה. איבערהויפּט האָבען געפיהלט די פרייד די אידישע קינדערלעך און די אידישע יוגענד. יונגע קינדער טאַנצען אונטער פון פרייד. די הארץ, די יונגע הארץ, קלאַפּט שטארק און האסטיג, זינגען צוזאמען מיט דעם פרעהליכען שמחת תורה'דיגען מלמד:

קדשנו במצותיך
ותן חלקנו בתורתיך
אי, אי, אי!

די קינדער באפרייען זיך פון חדר, פון די שווערע דיסציפּלין פון עלטערען און לעהרער, און גיבען אויסדרוק צו זייער שמחה אזוי שטארק ווי מעגליך. אָט נעמט אַן איבעריגען כוס א פרומער איד, און צוזינגט זיך שטארק און די קינדערלעך העלפען איהם זינגען:

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר
אָבער אידען זיינען מיר,
און וואָס מיר טהוען, טהוען מיר —

און די קינדער כאפּען אונטער:

אָבער דאווענען, דאווענען מיר.

דער פרומער בגילופינ'דיגער שמחת תורה איד פערגלאָצט די אויגען צום הימעל מיט גרויסע, הייליגע באגייסטערונג און זינגט:

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער אידען זיינען מיר.
וואָס מיר טהוען, טהוען מיר —

די קינדער כאפּען אונטער:

אָבער ברכות זאָגען מיר.

ווען דער רב געהט אריין אין שוהל שמחת תורה און זעהט ווי די קינדערשע הערצער שטורמען מיט תורה פרייד, שרייט ער אויס אין דער הויך:

צאן קדשים!

טיעפזיניג דריקט זיך אויס דער געטליכער אידישער געלעהרטער ר׳ אבא אז „ישועתו של הקב״ה היא ישועתן של ישראל“ ווען דער איד ווערט געהאָלפען איז דאָס גלייכצייטיג אויך א ישועה פאַר׳ן רבונו של עולם (מגילה כ״ט ע״א, שוחר טוב, בובער, פרשה ט׳ סימן י״ד צ״א, ויקרא רבה פ״ט סי׳ ג׳).

ווייל ווען חס ושלום דער איד געהט אונטער, געהט אויך אונטער די הייליגע אידישע רעליגיאָן, אָהן אידען קען דאָך קיין אידישקייט ניט זיין, און אָט דאָס זאָגט טאַקע דער איד אין די הושענות, העלף אונז גאָט צוליעב דיין רעליגיאָן, דיין הייליגע אמונה „למען דתך!“

און ווי שטארק און שעהן עס זענען די בריליאַנטענע ווערטער פון די הושענות וואו רבי אליעזר הקליר, דער מחבר פון די הושענות, לייגט אריין דעם אידען אין מויל, וואו ער דערצעהלט די שבחים פון דעם אידישען פאָלק „אום אני חומה,“ איך בין א פאָלק שטארק ווי א מויער, די גאַנצע וועלט וויל מיך מאַכען אויס איד, מען ברענט, מען וואַרפט אין וואַסער, מען פייניגט, מען יאָגט, מען פאַרפאָלגט, מען קוילעט, מען מאַכט פאַגראָמען, מען וויל דער איד זאָל אוועק וואַרפען זיין תורה און זיין גלויבען, און זיי קענען ניט אויספיהרען, „אום אני חומה,“ שטארק אין דער אמונה ווי א מויער, האָט שרעקליכע צרות „גולה וסורה,“ אימער אין גלות, אימער אין דער פרעמד, פארטריבען און אוועק פון ארץ ישראל, די אייגענע לאַנד, און דאָך באַזיץ איך דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ, פאַרליר זיך ניט „דמתה לתמר,“ גלייך צו א טייטעלבוים וועלכער שטעהט שטאָלץ, מאַיעסטעטיש (זאת קומתך דמתה לתמר, שה״ש ז׳, ח׳) און ניט אומזיסט גלייכט ער דאָס אידישע פאָלק צום ת מ ר, ווייל אין דער אַלטער צייט האָט זיך ארץ ישראל אויסגעצייכענט מיט זעהר פיעל טייטעלבוימער, תמרים. עס איז געווען אין ארץ ישראל א גאַנצע שטאָדט מיט דעם נאָמען יריחו וועלכע האָט זיך גערופען די שטאָדט פון טייטלען „עיר התמרים“ (דברים ל״ד, ג׳) און די גמרא זאָגט דאָס דער תמר איז אזוי ווי דער איד: דער תמר האָט נור איין הארץ, און דער איד האָט אויך זיין גאַנצע הארץ פאַר דעם רבונו של עולם „מה תמר זה אין לו אלא לב אחד אף ישראל אין להם אלא לב אחד לאביניו שבשמים“ (סוכה דף מ״ה). דמתה לתמר! דער איד איז גלייך צום תמר, ער גיט אוועק זיין גאַנצע הארץ צו גאָט „ההרוגה עליך ונחשבת כצאן טבחה וכו׳ נתונה למכים, עניה סוערה,“ דער איד לאָזט זיך פאַגראָמירען, לאָזט זיך קוילען ווי די שאָף אין פעלד, אָן אָרים און שטורעמדיג פאָלק, אַלץ צוליעב דיר און פאַר דיר, גרויסער גאָט!

אין פאַרצווייפעלט און הילפלאָז שטעהט דער איד און שרייט צו גאָט: „אדון המושיע! בלתך אין להושיע!“ קיינער וויל מיר ניט העלפען, קיינער אויסער גאָט, קען מיר העלפען, און דערפאַר — הושע נא! און מיר דערמאָנען דעם קדושים גייסט: העלף אונז צוליעב אונזערע קדושים, די קדושי האומה וועלכע האָבען זיך געלאָזען וואַרפען אין פייער, זענען געשטאָרבען מיט שמע ישראל אויף די ליפען „למען קדושים מושלכים באש, הושע נא!“

איבערצייגען. וויפיעל הונדערטער טויזענדער אידישע קינדער ווערען ערצויגען וועלכע זיינען לחלוטין פרעמד פון דער תורה, האָבען מיין מאָל אין זייער לעבען א פסוק חומש ניט געלערענט. איהר קענט זיי ניט רופען מיט דעם נאָמען „צאן קדשים," און ווען איהר וועט זיי רופען, וועלען זיי אייך אויסלאכען, ווייל דאָס זיינען דאָך צוויי העברעאישע ווערטער, און ווי קומען זיי צו העברעאיש ? ! אונזערע אָרימע אידישע קינדער, דאָ אין לאנד, אויסער די יעניגע גליקליכע וועלכע לערנען אין א גוטע תלמוד תורה אָדער ישיבה, האָבען קיין מאָל אויף זייער לעבען ניט געזונגען א אידישע ליעד, זיי ווייסען ניט פון קיין דאווענען און פון קיין ברכות.

שמחת תורה ! מען פרעהט זיך מיט דער תורה, אָבער עס איז דאָך נור געוואָרען א פוסטע צערעמאָניע, אָהן גייסט, אָהן אינהאלט, אָהן נשמה. מען געהט מיט הקפות, מען טאנצט, אָבער שוין מעהר ניט מיט דער תורה, מיר פיהלען ניט די אמת'ע אינערליכע שמחה, ווייל מיר זענען אוועק פון דרך התורה ורוחה.

מען דערצעהלט אויף דעם אר"י הקדוש, אז זיין פראווען די הקפות שמחת תורה איז געווען אויסערגעוועהנליך, זיין טאנצען, זיין זינגען פאר דער ספר תורה, איז געווען איבערנאטירליך גרויס ; צו זיינע טענץ, געזאנג און פרייד, איז קיין סוף ניט געווען. און ווען ער האָט געענדיגט פראווען די הקפות אין זיין שוהל, און אין אנדערע שוהלען האָט מען נאך געפראַוועט די הקפות, איז ער געלאָפען אהין העלפען זיננען און טאנצען פאר דער תורה (גור' האריז"ל).

דאָס איז פארשטענדליך, ווייל דער אר"י הקדוש איז געוואָרען הייליג פון דער קדושה פון דער תורה, זיין נשמה האָט זיך געפרעהט מיט דער תורה. לאָמיר, רבותי, אומקערען זיך צוריק צו אונזער תורה, ווי פארוואָגלטע, עלענדע קינדער קערען זיך אום צוריק צו זייער אַלטע גוטע מוטער, לאָמיר ערציהען אונזערע זיהן און טעכטער אין דעם רוח התורה, דאן וועלען מיר קענען זאָגען מיט'ן גאנצען הארצען „שישו ושמחו בשמחת תורה ! כי טוב סחרה מכל סחורה, מפז ומפנינים יקרה !" ווייל די תורה איז די בעסטע סחורה, זי איז טייערער פון גאָלד און דיימאָנדס. יעצט אָבער, ווען יעדער ביזנעס שפּילט א גרעסערע ראָליע ווי די תורה ; יעצט ווען מיט „פנינים" מיט א פּאָר דיימאָנדס קען מען אָפּקויפען און פארקויפען די הייליגע פרינציפּען און די מצוות פון דער תורה ; יעצט אָבער ווען דער וואָס באזיצט „פז ופנינים" פיעל גאָלד און פערעל, קען זאָגען א דעה און הערשען איבער דעם גרעסטען רב וועלכער איז אַן אוצר פון תורה, יעצט קענען מיר ניט פיהלען די שמחת התורה, ווייל מיר פיהלען ניט די קדושת התורה. ווען אָבער אונזערע זיהן און טעכטער וועלען פיהלען די הייליגקייט פון דער תורה, די קדושת התורה, דאן וועלען מיר פיהלען די פרייד, די שמחת התורה, און עס וועט זיך הערען מיט שטאָלץ אונזער שטימע — ששו ושמחו בשמחת תורה !

און דער מלמד מיט אלע קינדער ענטפערען:

מע־ע־ע!!

מען געהט צום גבאי ראשון פון חברה קדישא. מען זיצט ארום גרויסע ווייס געגרייטע טישען אויף וועלכע עס זענען געשטאנען פלעשלעך מיט משקה און אפגעקאָכטער באָב. מען עסט, מען טרינקט און פון גרוים שמחה זינגט מען די תפלה פון נעילה:

יחביאנו בצל ידו!

און מען פיהרט דעם גבאי, דעם רב און די נכבדי העיר אין שוהל אריין אונטער חופה שטעגגלעך. די גאס איז פול, מען טאנצט און מען זינגט און איינער שרייט אוים:

צאן קדשים!

און די קינדער פון שטעדטעל שרייען אוים:

מע־ע־ע!

וואו זענט איהר יענע גליקליכע הייליגע אידישע קינדער יאהרען? מיר זענען ניט מעהר אין אייראָפּא, אין די „אָלד קאָונטרי,“ מיר לעבען אין דער רייכער, גליקליכער און פרייער אמעריקא. פיהלט איהר אָבער דאָ דעם ריכטיגען שמחת תורה? ניין, טויזענד מאָל ניין! עס וואָלט דאָך געווען אַ געלעכטער ווען מיר זאָלען זיך אליין אָפּנארען און זאָגען דאָס מיר פיהלען דאָ דעם אמת'ען היימישען שמחת תורה! עפעס איז דאָ אין דער לופט ניט אידיש, די אטמאָספערע איז ניט אידיש. דער לעבען, די אומשטענדען פון היגען לעבען, צווינגען אונז צו אסימילירען זיך, אויבען אויף טהוען מיר דאָך די זעלבע זאך וואָס מיר און אונזערע עלטערען האָבען געטאָהן אין דער אלטער וועלט, אָבער אינערליך, טיעף אין דער נשמה פיהלען מיר דוקא שמחת תורה, אַ באהאלטענעם שרעקליכען אומעט וועלכער עסט די נשמה, וועלכער מאַכט אונז אומרוהיג.

שמחת תורה! אונזערע עלטערען האָבען זיך ווירקליך געפרייט מיט דער תורה ווייל זיי האָבען געלערענט די תורה. יעדער פאָטער און מוטער האָט זיך מוסר נפש געווען דאָס זיינע קינדער זאָלען לערנען די תורה. אידען האָבען געשעפּט כחות פון די הייליגע אותיות און פון דעם גייסט פון דער תורה. דער אינהאַלט פון דער תורה איז געווען דער אינהאַלט פון לעבען, און דערפאַר איז די שמחה מיט דער תורה געווען אַזוי גרוים. אידען זענען נעגאַנגען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט מוסר נפש זיין זיך פאַר דער תורה. און ווייל זיי האָבען גע־פיהלט די הייליגקייט און וויכטיגקייט פון דער תורה, דערפאַר האָט דער שמחת תורה פאַרנומען אַזאַ וויכטיגען פּלאַץ אין דעם אידישען לעבען.

וואָס זעהען מיר אָבער היינט? וויפיעל הונדערטער טויזענדער אידישע הייזער דאָ אין לאַנד געפינען זיך וואו איהר וועט ניט געפינען אַ אידישען ספר, ניט קיין חומש מיט רש"י, ניט קיין ש"ס. רבותי! איך וואָלט דאָס אַליין ניט געגלויבט ווען מען זאָגט דאָס מיר, ווען איך זאָל זיך זעלבסט ניט

דעם איינציגען גאָט, דעם יחיד ומיוחד, און זאָל דינען און ברייננען קרבנות צו זייערע געטער, און די יעניגע וועלכע האָבען ניט אויסגעפאָלגט אָט דיזע שרעקליכע, ווילדע, באַרבאַרישע גזירה, אָדען ווען מען האָט געפונען באַ־ האַלטענערהייד אַ איד דינט גאָט, „דאַן האָט מען איהם פאַר'משפט צו אַ שרעקליכען גרויזאַמען טוידט. דאַן זיינען געפאַלען אין טייכען אומשולדיגע הייליגע בלוט די ערשטע קרבנות פאַר די אידישע תורה און אמונה, דאַן זענען אוועק פון דער וועלט די ערשטע קדושים, וועלכע האָבען מיט זייער פריה־ צייטיגען הייליגען טוידט מקדש השם געווען !

און אָט אין יענער שרעקליכער צייט, ווען די פייערדיגע אידען וועלכע זענען צוגעבונדען מיט דעם גאַנצען פייער פון זייער נשמה צו גאָט, צו זיין הייליגע תורה און צו די אידישע אמונה, ווען אָט די הייליגע אידען זענען אויסגעקוילעט געוואָרען על קדושת השם, און פיעל אסימילירטע אידען זענען געקומען, וועלכע האָבען געוואָלט נאַכטאַנצען די גריכער און סיריער, לעבען ווי זיי, און די איבעריגע אידען זענען געווען צו שוואַך צו קעמפפען, שוואַך אין גייסט, און דאָס אידיש פאָלק האָט אָנגעפאַנגען צו צופאַלען אינערליך, אָט אין יענע שרעקליכע צייט ערשיינט מתתיהו בן יוחנן כהן גדול צוזאַמען מיט זיינע זיהן די גבורי ישראל, און זיי באַשליסען הייליג צו קעמפפען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט פאַר דער גאַנצקייט און עקזיסטענץ פון דאָס הייליגע אידישע פאָלק און פאַר די הייליגע אידישע תורה. מתתיהו האָט ניט געצעהלט וויפיעל אידען געהען קעמפפען מיט איהם, ער האָט ניט געצעהלט ווי גרויס זיין ארמעע איז, ער האָט נור בטחון געהאַט אין גאָט, ער האָט נעגלויבט שטאַרק און הייליג, דאָס די תורה, דער אידישער גייסט, קען ניט און וועט ניט אונטערגעהן. און ער מיט זיינע זיהן איז אַרוים קעמפפען מיט פייער און בטחון אַקעגען אַ גרויסע שטאַרקע, גוט דיסציפּלינירטע ריזיגע אַרמעע. און וואָס האָט פּאַסירט ? „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי ובניו כשעמדה עליהם מלכות יון הרשעה, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחקי רצונך : ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם רבת את ריבם, דנת את דינם, נקמת את נקמתם, מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך." די גריכישע רעגירונג וויל דאָס אידען זאָלען פאַרגעסען די תורה, זאָלען ניט טאָן וואָס גאָט וויל, און גאָט נעמט זיך אָן פאַר די אידען אין זייער שרעקליכען אומגליק : די גבורים פאַלען אין די הענד פון די שוואַכע, גייסט באַזיעגט דעם ברוטאַלען קערפּער, די גרויסע מאַסע פאַלט אין די הענד פון די ווענינ אידען, די אומריינע גוים פאַלען אין די הענד פון די ריינע, הייליגע אידען, די צדיקים באַזיגען די רשעים, ניט אַלע מאָל טרעפט דאָס, אימער הערשען די גבורים, די רבים, די טמאים, די רשעים, נור — אַ נס האָט דאַן פּאַסירט, און מיר זאָגען דאָך טאָקע על הנסים. אָבער ווען אַ פאָלק באַשליסט צו קעמפפען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט פאַר זיין תורה און אמונה, מוז דאַן נסים פּאַסירען און ער מוז באַזינען זיינע געגנער. דער גייסט מוז באַזיגען דעם ברוטאַלען קערפּער !

חנוכה

די היסטאָריע פון חנוכה — דער שונא פון אידען און יודנעטהום — די ערשטע קדושים ביי אידען — די קעמפפער פאַר אמונה — די גבורי ישראל — טהורים און טמאים — דער על הנסים — דער קריגעל אויל.

אידען זיינען דאן, ווען דער נס חנוכה האָט פאסירט, געזעסען אין זייער אייגענע לאנד, אין ארץ ישראל. דער בית המקדש האָט נאך דאן עקזיסטירט. אָבער זייער זעלבסטשטענדיגקייט, זייער נאציאנאלע פרייהייט, האָבען זיי פארלאָרען. די סיריער זענען די הערשער פון לאנד, און זייער קעניג אנטיוכוס עפיפאנוס הערשט מיט אן אייזערנע האנד. און עס פאסירט אן אויסער געוועהנליכע שרעקליכע פאָלקס טראגעדיע: דער שונא וויל צונעמען פון זיי ניט נור זייער גוטס, זייער לעבען, זייער פרייהייט, נור עפעס וואָס איז העכער, וויכטיגער, נוצליכער, הייליגער פון געלד, פון פרייהייט, פון לעבען, און דאָס איז — די הייליגע תורה — ער וויל אויסלעשען די ליכט פון די אידישע אמונה, פארניכטען די אידישע רעליגיאָן, די וויכטיגסטע הייליגע פרינציפען, דעם אינהאלט און די נשמה פון דער אונשטערבליכער אידישער תורה.

מצרים האָט פארשקלאפט אידען קערפערליך, האָט באהערשט דעם אידישען קערפער, בבל און רוים זענען געווען ערָאבערער פון לענדער, פרס האָט געצייגט פיעל מאָל א שמייכעל צו די פעלקער און לענדער וועלכע זי האָט באהערשט, אָבער אנטיוכוס, ער האָט זיך גענומען צו עטוואס אָריגינעלעס, עפעס וואָס האָט קיין מאָל בעפאָר איהם קיינער ניט געוואגט צו טהאָן. ער, אנטיוכוס, האָט זיך גענומען צו באקעמפפען דעם אידישען גייסט. ער איז געווען דער ערשטער אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, וועלכער האָט אוועק געשטעלט די אידען פאר א גרויסען שרעקליכען נסיון, דאָס זיי זאָלען זיך אויסקלייבען וועלכען טוידט זיי ווילען: דעם טוידט פון דעם קערפער אָדער דעם טוידט פון דעם אידישען גייסט. און א שרעקליכע טוידט שטראף האָט ערווארטעט אָט די אלע אמת'ע פרומע אידען וועלכע ווען היטען די וויכטיגסטע פרינציפען פון יודענטהום ווי: לערנען תורה, היטען שבת, מל זיין די קינדער אד"ג. די גרעסטע סכנה אין דער וועלט, די סכנה פון טוידט האָט געשוועבט אויף די קעפ פון די פרומע אידען, וועלכע האָבען געוואגט עפענטליך צו מקיים זיין א וויכטיגע מצוה.

די שונאים פון אידען און אידענטהום האָבען ניט געשוויגען. זיי האָבען געזוכט צו דערשטיקען און פארלעשען דעם הייליגען פייער פון דער אידישער אמונה, האָבען געזוכט צו פארשווכען און פאראומרייניגען דאָס הייליגע אידישע פאמיליען לעבען, און יעדע יונגע פרומע אידישע טאָכטער האָט גע־ציטערט דאָס איהר ריינקייט זאָל ניט פארשוועכט ווערען. דעם בית המקדש האָבען זיי פארשוועכט, האָבען באשפריצט די ווענט פון בית המקדש מיט חזיר בלוט. האָבען צלמים אריינגעשטעלט אין בית המקדש און האָבען גע־צוואונגען מיט דעם שווערד, מיט טוידט שרעק, יעדען אידען ער זאָל פאַרלאָזען

זייערע מיילער און שרייען : — פּאָטער ! גיב עסען, ברויט ! גיב ברויט, צו שטילען דעם הונגער ! און ער געהט דער „קאַראַבעלניק," דער אידישער „פעדלער," פון דאָרף צו דאָרף. דער שנעע מיט'ן ווינד שמייסען איהם אין פּנים אריין. ארום און ארום וואַלד, פעלד, שנעע, פינסטערניש, און — די כחות געהען אויס, מח' אַט, שאַ, אַ גליק : עס זעהט זיך אַ קליין פייערעל, דאָס ברענט אַ חנוכה ליכטעל אין די הויז פון דעם אידישען ישוב'ניק אין דער גוי'אישער דאָרף. הינד בילען, זיי וואַרפען זיך אויף איהם, אָבער דער וואַנדערער איז גליקליך, ער האָט פאַר קיינעם סיין מורא ניט, די חנוכה ליכטעל טרייסט איהם. ער איז אין דאָרף, אַ איד וואהנט דאָ, און ער וועט באַלד געפינען אַ פּלאַץ וואו די קאָפּ אוועק צו לייגען. ער וועט באַלד דריקען די האַנד פון אַ אידען ווע לכער וועט איהם אַ שלום עליכם געבען. חנוכה לאַטקעס וועט ניט פעהלען. די חנוכה ליכטעל, געבענשט זאָל זי זיין, זי האָט אריינ־געבראַכט אַזוי פיעל ליכטיגקייט אין זיין עלענדע נשמה, די נשמה פון אַ אידישען וואַנדערער ! די חנוכה ליכט אין די דערפער האָט ליכטיג געמאַכט פיעל גוי'אישע פעלדער ביי נאַכט !

דער גרויסער הייליגער נביא שרייט אויס צום אידישען פאָלק : „קומי אורי, כי בא אורך ! והלכו גוים לאורך, ומלכים לנוגה זרחך." דער איד צינדט ליכט. אַלע פעלקער פון דער וועלט געהען פאַר די אידישע ליכטיגקייט. צו פאַרטרייבען פינסטערניש, מוז מען ליכט צינדען. און אָט דיזען גרויסע, ניצליכע, הייליגע ארבייט טהוט דער איד אימער. ווען ניט דער איד מיט זיין הנוכה ליכט וואָלט נאָך ביז היינט צו טאָג די גאַנצע וועלט געלעגען אין אַ שרעקליכע פינסטערניש.

ווען שלמה המלך האָט דעם בית המקדש געבויט, האָט ער געמאַכט די פענסטער פון בית המקדש — אַזוי זאָגט די גמרא און דער מדרש — צרות מבפנים ורחבות מבחוץ — שמאָל פון אינווענינ, און ברייט פון אויסווענינ. וואַרום האָט ער דאָס געטאָהן ? „כדי שיהא האור יוצא מבית המקדש ומאיר לחוץ," כדי די ליכטיגקייט פון בית המקדש זאָל ניט בלייבען נור אין בית המקדש, זאָנדערען די בית המקדש ליכטיגקייט זאָל ליכטיג מאַכען די אידישע גאַס, די אידישע הויז, דעם גאַנצען אידישען לעבען.

רבותי ! מיר האָבען דאָך מעהר ניט קיין בית המקדש, אונזער בית המקדש האָט דאָך דער שונא פאַרברענט, אונזער שוהל איז אונזער בית מקדש מעט, און מיר צינדען אָן די חנוכה ליכט אין שוהל, צו צייגען דאָס די שוהל איז ניט באַשאַפען געוואָרען נור פאַר יאהר צייטען, פאַר אבלים, פאַר קדיש זאָגער, נור אויף צו פאַרשפּרייטען די ליכטיגקייט פון די אידעאַלען פון דער תורה אויסער די שוהל. ניט נור די שוהל דאַרף הייליג זיין, נור אויך דער גאַנצער לעבען דאַרף הייליג זיין. ווען מען צינדט אָן די הנוכה ליכט אין שוהל, מוזען מיר דאַן אַ חשבון הנפש האָבען און פרעגען זיך אַליין צי טהוט די שוהל איהר פליכט. מען רופט דאָס שוהל, ניט בית תפלה, ווייל דאָס איז

(זעה מנחות ק"ט עמוד ב', מסכת סופרים פרק א' הלכה ז', אבו דרהם ע"ד עמוד א', אור זרוע חלק שני סימן שכ"ז, ספר האשכול).

און ווען די מאקאבייער, די גייסטליכע פרינצען, האָבען באזיגט די ברוטאלע שטארקע שונאים, זענען זיי אין בית המקדש אריין, האָבען אָפּ־געריינינגט דעם בית המקדש פון די גריכישע טומאה, און האָבען ווידער געוואָלט אנצינדען די מנורה פון בית המקדש, זאָל ווידער די געטליכע מנורה פאר־שפרייטען ליכט פון הייליגע אידעאלען, דער „נר מצוה ותורה אור" פארשפרייטען אויף דער גאנצער וועלט, אָבער, זיי האָבען געפונען — דערצעהלט די גמרא אין שבת — נור איין קריגעל בוימאויל וועלכער איז ריין, וועלכען די גריכען האָבען ניט מטמא געווען. און דאָרט איז געווען בוימאויל אויף צו ברענען און לייכטען נור א י י ן ט אָ ג און עס האָט פאסירט א נס, און די ביסעל בוימאויל האָט געברענט גאנצע 8 טעג. אָט דער נס וועלכער איז דער סימבאָל פון דעם אידישען פאָלק וועלכער איז א ליכט צינדער, א ליכט פארשפרייטער, א פאָלק פון גייסט, אָט דער נס ווערט געפייערט יעדען חנוכה דורך צינדען די חנוכה ליכט.

און יעדען יאהר ווען עס קומט חנוכה, דאַרף יעדער איד צינדען חנוכה ליכט, צו פייערען דעם זיעג פון ליכט אויף דער פינסטערניש, פון גייסט אויף קערפער. און די חנוכה ליכט דאַרף ליכטיג מאכען די פינסטערסטע ווינקעלעך פון לעבען, דאָס די גאנצע וועלט זאָל ניט קענען אויסלעשען די אידישע ליכט, דעם אידישען גייסט. און ווען די גאנצע וועלט איז פינסטער און ברוטאל, איז געגנוג פאר די אידישע הויז פאר עלטערען און קינדער צו אנצינדען ליכט. און די פינסטערניש וועט פארטריבען ווערען. רעספעקט, הייליגען רעספעקט פאר די חנוכה ליכטעל!

חנוכה

חנוכה ליכט אין שוהל — עלטערען און קינדער — דער נר החנוך.

עס לעבען אידען אין א פרעמדע ניט אידישע סביבה, אין פרעמדע לענדער, לערנען זייערע קינדער פרעמדע שפראכען, די געשיכטע פון אנדערע פרעמדע פעלקער. וואהנט דער איד אין א דאָרף, דורכאויס צווישען גוים. עס איז ווינטער, חנוכה צייט. דער פראָסט ברענט. א שרעקליכער ווינד בלאָזט. גאנצע קופעס מיט שנעע פארוואָרפען די גרויסע, ברייטע גוי'אישע פעלדער. עס איז פינסטער. א וואנדערער, א אידישער וואנדערער, געהט פון דאָרף צו דאָרף: ער זוכט, נעבעך, ברויט פאר זיינע קינדער. זיינע קינדער זיינען כלם אהובים, ליעבע קינדער, כלם ברורים, כלם קדושים, קלאָרע, ריינע, הייליגע אידישע קינדערלעך, וכלם פותחים את פיהם, און אָט די קינדערלעך עפענען

די כהנים האָבען זיך גענומען אסימילירען, זענען געוואָרען אנהענגער פון די גריכען, און זענען געוואָרען אין גאנצען גריכיזירט. דער יונגער אידישער דור איז אין גאנצען אוועק פון אידישקייט, איז געוואָרען אין גאנצען גריכיזירט. די סכנה איז געווען זעהר גרויס דאָס אידען זאָלען אויפהערען אידען זיין! און פארגעסט ניט, דאָס האָט פאסירט אין ארץ ישראל, ווען דער בית המקדש האָט נאך עקזיסטירט. דאָס צייגט אונז ווי מיר דארפען שטענדיג אויפפאסען און קעמפפען ווען מען דארף, פאר אונזער רעליגיאָן און נאציאָן, דאָס אפילו יעצט ווען ארץ ישראל ווערט געבויט, איז אונזער הייליגע פליכט צו זעהען דאָס ארץ ישראל זאָל געבויט ווערען על פי רוח התורה.

איין זאך מוזען מיר אָבער געדענקען, דאָס אידישקייט קען קיין מאָל ניט אונטערגעהן ווען עס געפינען זיך פייערדיגע, באגייסטערטע אידען, וועלכע זענען גרייט צו געבען קרבנות על קדוש השם והתורה. אָט די יחידים קדושים זענען פעהיג אימער צו אָנצינדען די הייליגע אידישע ליכט און צו ניט דער־לאָזען אז די ליכט פון תורה און אמונה זאָל חס ושלום פארלאָשען ווערען.

ווען די אסימילירטע גריכישע אידען האָבען געזוכט פטור ווערען פון אידיש־קייט און ארויסגעריסען אידען פון וועג, האָבען זיך דאן געפונען פייערדיגע אידען וועלכע האָבען באקעמפפט דעם העלעניזם, דעם גוי׳אישען גריכישען גייסט. ווען יוסף בן טוביהו האָט געזוכט צו אסימילירען אידען, קומט דאן דער כהן גדול שמעון הצדיק, א גרויסע, ליכטיגע און הייליגע פערזענליכקייט, וועלכער איז געווען קלוג און פרום, דער לעצטער פון די אנשי כנסת הגדולה און דער ערשטער פון די תנאים, און ער בויט דאָס וואָס די העלעניסטען, די אסימי־לאטאָרען ברעכען.

דער וואָס איז באקאנט מיט דער אידישער געשיכטע, ווייס וואָס פאר אן אומגליק די גריכיזירטע אידען האָבען געבראכט אויף דעם אידישען פאָלק, יענער ווייס אָבער אויך צו פארדאמען יענע גוי׳אישע אידען און צו רעספעק־טירען און פארגעטערען די אידישע אידען. אָט שטעהט דער אַלטער אליעזר, 90 יאהר אַלט, מען שטופט איהם אין מויל חזיר־פלייש, ער לאָזט ניט, ער ברעכט דאָס אויס. די אגענטען פון דער רעגירונג בעטען זיך ביי איהם: מען וועט דיר ברייננען, אַלטעטשקער, פון דיין הויז כשר׳ע פלייש, וועסט עסען כשר׳ע פלייש, מיר ווילען אָבער אז אַלע אידען זאָלען זעהן ווי דו עסט, זיי זאָלען מיינען אז דו עסט טרפות, וועלען זיי אויך עסען. דער 90 יעהריגער איד איז גרייט צום שרעקליכסטען טוידט און ניט מאכען גלויבען דאָס מען קען טרפות עסען. אָט איז חנה און איהרע 7 זיהן, וועלכע ווערען אַלע געטוידט על קדוש השם. אָט ליגען טויזענדער חסידים שבת אין א הייל און ווערען אויסגעקווילעט ווי שעפסען, געהען צום טוידט ווי מען געהט צו א קאָנצערט, לאָזען זיך טוידטען דאן נור דערפאר ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט מלחמה האלטען שבת און מחלל שבת זיין. אָט זענען די קינדער פון מתתיהו, גרויסע, הייליגע גבורים, וואָס קעמפפען פאר דער אידישער אמונה. ווען די גאנצע וועלט וויל אונז פאר־ניכטען, ווען אין אונזער איינענעם לאגער געפינען זיך „מרשיעי ברית,“

פון דעם לשון „שוהלע.“ אין דער שוהל מוז אימער א שוהלע זיין פאר אונטער־ריכטען אונזערע קינדער, אונזער יוגענד, אין די וויכטיגסטע פרינציפען פון דער אידישער רעליגיאן און נאציאן. די חנוכה ליכט וועלכע ברענט אין שוהל דערמאנט אונז אז מתתיהו האט געקענט פארניכטען דעם שונא נור מיט די הילף און מיטווירקונג פון זיינע קינדער „בימי מתתיהו בן יוחנן ובניו,“ וואלט דער אלטער מתתיהו ניט ערצויגען זיינע קינדער אלס גבורי ישראל, אלס אידישע קעמפפער, וואלט דער אלטער מתתיהו ניט ערצויגען זיינע קינדער אין דעם קדושים גייסט, וואלט ער אליין אבסאלוט גאר ניט געקענט מאכען. פארגעסט ניט אז דא האנדעלט זיך אימער וועגען מתתיהו ובניו, ער און די קינדער. דער נר חנוכה איז דערפאר אויך א נר החנוך, די ליכט וועלכע צייגט ווי אזוי מיר דארפען ערציהען אונזערע קינדער, און ווען מיר צינדען אן די חנוכה ליכט אין אונזער הויז, דארף מען פארשטעהן ווי נויטיג עס איז צו האבען א אידישע הויז, א הויז וועלכע זאל קענען ערציהען די קינדער אין דעם חשמונאים גייסט, און דערפאר, רבותי, הנרות הללו קדש הם! זענען די חנוכה ליכט הייליג, זיי מאכען הייליג אונזערע מחשבות, אונזערע געדאנקען, אונזערע שוהלען, אונזערע קינדער, און אונזערע הייזער.

הנרות הללו קודש הם!

חנוכה

די אסימילאטארען — די נאציאנאליסטען — די חסידים— ארץ ישראל און די תורה — דער חנוכה לעמפעל — ליכט פאר פרעמדע — די גאלדענע מנורה.

אין יענער צייט ווען דער נס חנוכה האט פאסירט, זענען געווען מתיונים ביי אידען, דאס מיינט: אידען וועלכע האבען נאכגעטאנצט די גריכען. זיי האבען געלערענט די גריכישע שפראך און די גריכישע קולטור. האבען איינ־געפיהרט אין זייערע הייזער די גריכישע מנהגים און טראדיציאנען, און האבען געשטרעבט צו אסימילירען זיך אין גאנצען מיט די גריכען. און זייט דער איד יוסף טוביהו פון ירושלים און זיין זוהן הורקנוס זענען געווארען די גאנצע מאכערס אין דעם קייזערליכען הויף, און זענען געווארען קייזערליכע בעאמטע, האבען זיי געהאט דאס רעכט און פריווילעגיום צו ארויף לייגען און קלייבען צינזען (טעקסעס) פון אלע איינוואהנער פון ארץ ישראל, ארם און צידון, און זענען געווארען איינפלוסרייך גרויס און זעהר רייך, און וועלכע זענען געווען אסימילירטע גריכישע אידען וועלכע האבען ליעב געהאט די „חכמת יון“ די גריכישע קולטור און זענען פרעמד געבליבען פון חכמת ישראל, פון די העבראאישע קולטור, האט דאס פאלק אין ארץ ישראל און זאגאר פיעלע פון

און פרינסיפאלס האָבען מיר וועלכע פארשטעהען ניט זייער הייליגע אויפגאבע, וועלכע באזיצען ניט קיין אידישען פייער אין זייערע נשמות, פיעלע וועלכע גלויבען ניט אין אלקי ישראל, און ווען זיי צינדען אונזערע יונגע ליכט, שטעהען זיי ניט העכער פון פאָלק ווי דער כהן גדול פארצייטען ביי אידען פלעגט שטעהן.

אונזערע תלמוד תורה'ס, ישיבות און שוהלען וואו אונזערע קינדער זאָלען און מוזען באזוכען, דאָס זענען די מנורה וועלכע דארף פארשפרייטען ליכ־טיגקייט, און א מערקווירדיגע זאך: די חשמונאים וועלכע האָבען געקעמפפט מיט מסירת נפש פאר דעם אידישען גלויבען, האָבען געמאכט די מנורה פון האָלץ. ווען זיי זענען רייכער געוואָרען, האָבען זיי די מנורה פון זילבער געמאכט, ווען זיי זענען נאך רייכער געוואָרען, האָבען זיי די מנורה פון גאָלד געמאכט (אבות דרבי נתן, פרק כ"ח) און מיר? אונזערע מנורות זענען פון גאָלד, מיר שיטען מיט גאָלד צו בויען שוהלען, תלמוד תורה'ס און ישיבות, זיי זאָלען זיין פראכטפאָלל שעהן און די וואָס גיבען געלד ווערען זייערע נעמען איינגעשריבען אין גאָלדענעם בוך, עס איז א מנורה של זהב, נור עס פעהלט דער רוח החשמונאים, גרויסע קערפערס מיט קליינע נשמות, ווייניג אינהאלט, ניט פיעל קדושה, און זעהר ווייניג התלהבות און מסירת נפש, און ווי נויטיג, אה גאָט, ווי נויטיג מיר דארפען האָבען די ריכטיגע מנורה!

חנוכה

שע מוטער — די אידישע ליכט.

מיר ליינען חנוכה אין דער הפטרה א קאפיטעל פון זכריה, ווי זכריה הנביא האָט געזעהן די מנורת זהב ושנים זתים עליה (זכריה ד', ב), ווייל חנוכה האָט צו טאָהן אין גאנצען מיט דעם צוועק און אינהאלט פון דער מנורה. אנטיוכוס הרשע וועלכער האָט פארפאָלגט די אידישע רעליגיאָן, האָט צוגענומען די מנורה פון היכל און האָט די מנורה צובראָכען (חשמונאים א', כ"ב). ער האָט פארשטאנען וואָס די מנורה מיינט פאר די אידישע רעליגיאָן. דערפאר ווען יהודה המכבי האָט באזיגט די גריכען, האָט ער צוריק אוועק געשטעלט די מנורה אויף איהר פאסיגען פלאץ. און ווען די רוימער האָבען פארברענט דעם בית המקדש, חרוב געמאכט ארץ ישראל, און פארטריבען די אידען פון לאנד, און האָבען געבויט א ספעציאלען עהרען טויער לכבוד טיטוס ימח שמו, האָבען זיי אויסגעמאָלט אויף דעם „קשת הנצחון" פון רוים די מנורה, דאָס זיי איז געלונגען צו פארלעשען די אידישע ליכט, צו פארניכטען די אידישע אמונה (זעה דעם זוהר פ' בהעלותך קמ"ח, כוונת האר"י, דף ס"ד, ע"ב, תורת העולה להרמ"א חלק א' פרק ט"ז).

בוגדים, גאָטלאָזע אידען, פארשידענע „פריידענקער“ און פאררעטהער צו אונזער רעליגיאָן און נאציאן, לאָמיר ניט זיין פארצווייפעלט, זאָנדערען לאָמיר טאָן ווי דער אַלטער מתתיהו האָט געטהאָן: ארגאניזירען אונזערע קינדער, מאכען פון אונזערע קינדער גבורי האומה, אידישע נאציאנאלע העלדען, גבורים און קדושים, און פאראייניגען אלע פרומע אידען פון לאנד אין איין גרויסען שטארקען הייליגען פארבאנד אלס „מחזיקי היהדות,“ און דאן, מיט פאר־איינינגטע קרעפטען, מיט פייער אין אונזערע נשמות, וועלען מיר ארויסטרייבען די פרעמדע השפעות, די ניט אידישע טענדענץ און מאכען אונזערע שוהלען, הייזער, תלמוד תורה'ס און ישיבות דורכאויס הייליג, דער גייסט פון שמעון הצדיק, פון די חשמונאים, וועט אונז העלפען אין אונזער גרויסען, הייליגען קאמפף, און דאן וועט קענען פלאטערען אויף אונזער אידישען פלאג די אותיות „מכבי,“ מי כמוך באילים ה׳. אונזער גאָט איז שטארק! און לאָמיר זיך שטארקען אין אונזער קאמפף פאר תורה, אמונה, שבת, חנוך הבנים.

מי לה׳ — אלינו!

מיר בענשען חנוכה ליכט. מיר באטראכטען דעם חנוכה לעמפעל, אָדער ווי מען זאָגט אין העברעאיש די מנורה פון חנוכה, און מיר דערמאָנען זיך וואָס מיר האָבען פארלאָרען. היינט צינדען מיר חנוכה ליכט, און אונזערע כהנים אין בית המקדש האָבען געצונדען ליכט אין דער מנורה, אָבער דאן, ווען מיר זענען געווען א זעלבסטשטענדיגע פאָלק וועלכע לעבט אויף איר אייגענע לאנד, דאן ווען מיר האָבען דעם בית המקדש פערמאָגט, דאן האָט ניט יעדערער געקענט ליכט צינדען אין א מקום קדוש נור דער כהן האָט אנגעצונדען, און בעפאָר ער האָט געדארפט ארויף קומען צו דער מנורה, האָט ער געדארפט ארויף געהן אויף דריי טרעפ, און ווען ער האָט צו רעכט געמאכט די ליכט, איז ער אויף די טרעפ געשטאנען, ער איז געשטאנען הויך, העכער פון פאָלק, אזוי זאָגט די גמרא „אבן היתה לפני המנורה ובה שלש מעלות, שעליה הכהן עומד ומטיב הנרות“ (מנחות דף כ"ט), און היינט, אין דיזע לאנד, ווער זענען אונזערע ליכט צינדער?

אונזערע קינדער זענען די קליינע ליכטעלעך, אָבער זיי לייכטען פאר דער גאנצער וועלט און ניט פאר אונז. אונזערע אידישע דענקער, פילאָזאָפען, ליטעראטען, די שארפסטע קעפ, די גרויסע גייסטער, ארבייטען און גיבען אוועק זייער אידישען מארך פאר זיי, פאר די גוים „ואין לנו רשות להשתמש בהם אלא לראותם בלבד,“ „מיר האָבען ניט די פריווילעגיום צו באנוצען זיך מיט זייערע פעהיגקייטען. פיעלע פון זיי לייקענען גאָר אז זיי זענען אידען, און ווער צינדט אָן אָט די קליינע אידישע ליכט? ווער זיינען דאָס אונזערע לעהרער, פרינסיפאלס, ערציהער, פאָטערס און מוטערס, אין וועמעס הענד עס ליגען די יונגע נשמות פון אונזערע יונגע קינדער, דער „נר ה׳ נשמת אָדם“ זענען זיי אליין גוטע רעליגיעזע נאציאנאלע אידען? האָבען זיי אליין גענוג אידישען פייער אין זייערע נשמות אז זיי זאָלען קענען אנצינדען די קינדער פון דעם נייעם דור? ניין, טויזענד מאָל ניין! זעהר פיעל עלטערען, לעהרער

איהר פאָלק, פון איהר הייליגע תורה, און דער נביא ווארענט איהר צו פאַר־שליסען די טיר פאַר פרעמדע . . . זי מיט איהרע קינדער זאָלען צוזאַמען זיין . . . אין א אידישע הויז . . . א הויז וואו עס גיסט זיך אויל . . . שמן משחת קודש.

די היינטיגע אידישע מוטער, געהט ניט צום נביא, קיין נביאים האָבען מיר ניט. זי אליין העלפט דאָס איהרע קינדער זאָלען באַלאַנגען צו א פרעמדע וועלט, צו פרעמדע שפּראַכען און קולטורען, זי גיט זיי ניט קיין אידישע ערציהונג און די הויז איז ניט פארשלאָסען נור פאַר איהר און איהרע קינדער . . . און דער משחית רייסט זיך אריין אין דאָס אידישע הויז, אין אידישען אויל, אידישען גייסט, אידישע פעהיגקייט ווערט נעגאָסען אין פרעמדע כלים . . . . אָט דאָ ליגט די שרעקליכע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע, אונזער אויל אין פרעמדע כלים . . . און ווען מען לערענט אפילו מיט אונזערע קינדער חומש, רש"י, און גמרא, גיסט מען דאָס אריין אין פרעמדע כלים . . . . אין פרעמדע שפּראַכען, און מען לערענט ניט די תורה אין דער שפּראַך פון דער תורה, לשון הקודש, העבּרעאיש!

זאָל דער חנוכה לעמפּעל, די חנוכה אויל, אונז לערנען אז אונזער אויל דאַרף געגאָסען ווערען אין אונזערע אייגענע כלים . . . און זאָל בלייבען גאַנץ, ריין און הייליג. די אידישע הויז, פארשלאָסען זאָל זי זיין פאַר א פרעמדען גייסט, פאַר פרעמדע, ניט אידישע געדאַנקען און אידעאַלען, וועלכע זענען ניט על פּי רוח התורה והאמונה.

זאָל לייכטען די אידישע ליכט! די ליכט פון חנוכה זאָלען ליכטיג מאַכען די יונגע אויגען פון אונזערע קינדער, אז זיי זאָלען דערזעהן די וועג פון די מכבים, פון די חשמונאים, און זיי זאָלען נעהן אויף יענער הייליגער אידישער וועג! אמן!

חנוכה

אונזערע שוהלען און תלמוד תורה'ס — די מחלוקת פון בית שמאי און בית הלל — די אלטע און די יונגע.

מיר האָבען זעהר פיעל שוהלען אין אמעריקא. נויאָרק אליין פאַרמאָגט אזוי פיעל שוהלען וואָס עס גלויבט זיך ניט אויב א אידישע קהלה האָט ווען אזוי פיעל שוהלען פאַרמאָגט. דעם אמת געזאָגט, מיר האָבען מעהר שוהלען ווי פיעל עס איז נויטיג, און עס וואָלט געווען פיעל שעהנער און געזינטער פאַר אונז צו האָבען ווייניגער שוהלען אָבער בעסערע ווי זיי זיינען יעצט. יעצט געפינען זיך פיעל שוהלען און שוהלכלעך אין ניט פּאַסיגע פּלעצער פאַר א מקום קדוש. אָבער יעדע קליינע אונבאַדייטענדע חברה'לע וויל דוקא האָבען איהר אייגענע שוהל וועלכע זאָל דוקא טראָגען דעם נאָמען פון דער שטעדטעל אין אייראָפּא פון וואַנען זיי קומען. מאַנכעס מאָל טרעפט דאָס איינער וויל זיין דוקא פּרעזידענט פון א שוהל, ארבייט ער אזוי לאַנג ביז ער מיט זיינע פריינד־

די מנורה, די מנורת זהב קען נור דאן טהאָן איהר פליכט ווען זי האָט די „שנים זיתים“ ווייל ניט די גאָלד איז דער עיקר, נור די זיתים וועלכע גיבען „שמן משחת קדש,“ דער שמן, בוימאויל, איז דער סימבאָל פון חכמה (מנחות, פ"ה), און די תורה איז געגליכען צו בוימאויל, די אויל מאכט ליכטיג און די תורה מאכט ליכטיג די הארץ און די נשמה. די בוימאויל איז דער סימבאָל פון דאָס אידישע פאָלק. די אויל מישט זיך ניט אויס מיט קיין משקה, דער שמן שווימט אימער ארויף פון אויבען, אזוי איז דער איד, ער אסימילירט זיך ניט מיט קיין נאציאָן, און ער איז מאָראַליש העכער פון אַלע פעלקער (שמות רבה פרשה ל"ו, דברים רבה פרשה ז', ירושלמי שבת פרק א' הלכה ד', ילקוט תהלים, תתקע"ט, ירושלמי עבודה זרה פרק ג' הלכה ט').

און אָט דיזע טיעפע געדאנקען וועגען תורה, אידען, און אידענטהום, דריקט אויס דער חנוכה לעמפּעל מיט זיין אויל, די מנורה מיט דעם שמן.

די גריכען האָבען אָבער געוואָלט מטמא מאכען די אידישע אויל — טמאו כל השמנים שבהיכל — די ביבעל קריטיק, די פרייע וועלט אנשויאונג איבער תורה און מצות, איבער גאָט און אידען, דאָס מאכט טמא די אויל, דער שמן, די תורה און דאָס אידישע פאָלק דארף זיין ריין און הייליג. ווען מען פאַר־שטעהט ניט און מען פיהלט ניט די קדושה פון אידען און יודענטהום, האָט מען זיי מטמא געמאכט, דאָס מיינט „טמאו את השמנים“ טמא'ער, אומרייננער שמן!

און מיר לייענען אַ קאפּיטעל תנ"ך וועלכער וועקט אין אונז טיעפע, הייליגע געדאנקען און וועלכער מאכט שטורעמען אונזער אידישע נשמה: אַ פרוי פון אַ נביא קומט צום אונשטערבליכען נביא אלישע, און קלאָגט זיך פאַר איהם דאָס איהר מאַן, דער נביא, איז טוידט, מען קומט מאָהנען ביי איהר געלד, זי האָט ניט מיט וואָס צו באצאהלען, ווילען זיי נעמען איהרע קינדער פאַר'ן חוב . . . . און די סכנה איז גרויס, דאָס זי וועט בלייבען אָהן קינדער . . . איהרע קינדער וועלען באַלאַנגען צו פרעמדע . . . און דער נביא פרעגט איהר וואָס האָט זי ביי זיך אין הויז, און וויסענדיג אז זי האָט גאָר ניט, מעהר ניט אַ ביסעל אויל, הייסט ער איהר לייהען פיעל כלים און פארשליסען די טיר פאַר איהר און איהרע קינדער און גיסען אויל אין די כלים, און אזוי פיעל אויל וועט זיין אז עס וועט זיין גענוג צו באצאהלען דעם „מאָהנער“ און צו לעבען מיט איהרע קינדער (מלכים ב' ד').

אמאָל, ווען נביאים האָבען גאָט'ס וואָרט צו די מענשען געלערענט, פלעגט די אידישע מוטער וויינען אויף איהרע קינדער, ווען מען פלעגט זיי וועלען צונעמען פון איהר. די פרעמדע וועלט פלעגט זיי צונעמען. די קינדער פלעגען הינגעריסען ווערען מיט דעם פרעמדען שטראָם פון פרעמדען, ניט אידישען לעבען, דער בעל, די עשתרות, די קולטען צור, צדון, ארם און אשור, יענע פאַרצייטיגע רייכע און שטאַרקע פעלקער האָבען געשלעפּט צו זיך דאָס אידישע יוגענד. און די פרומע מוטער וויינט ווען זי פיהלט דאָס איהרע קינדער געהען אין אַ פרעמדען, ניט אידישען לאַגער, און ווערען פרעמד פון איהר גאָט, פון

און וואָס ווייטער אלץ ווענינער ; און בית הלל זאָגען פונקט פאַרקערט — יום ראשון מדליק אחד, מכאן ואילך מוסיף והולך — דעם ערשטען טאָג חנוכה צינדט מען 1 ליכטעל, דעם צווייטען טאָג — 2 חנוכה ליכטלעך און די לעצטע נאַכט — 8 ליכטלעך.

בית שמאי האלט פון דאָס וואָס איז אלט, אלט איז טראַדיציאָן, רעספּעקט־פול, ערנסט, הייליג, עס שמעקט דאָן מיט חשבון הנפש, מיט תשובה, דערפאַר זאָגען בית שמאי, די ערשטע נאַכט פון חנוכה 8 ליכטלעך, פול מיט לעבען, יונג און פייערדיג, און וואָס ווייטער איז פוחת והולך, שוואַכער, שוואַך און אלט, כנגד הימים הנכנסים, מען דאַרף זיך רעכענען מיט די ביסעל איבער־געבליבענע אלטע יאהרען, די טעג וואָס דאַרפען ערשט קומען, די „ימים הנכנסים.“ בית הלל אָבער האלט פון יוגענד, די יוגענד דאָס איז אונזער מאָרגען, דאָס איז אונזער צוקונפט, און דערפאַר די ערשטע נאַכט פון חנוכה נור 1 ליכטעל, און וואָס ווייטער מוסיף והולך, פון דאָס קליין עופ'עלע, פון דאָס זויג קינד, געהט ווערען א יונגער, שטאַרקער מאַן וועלכער איז דער לעבען אליין : קאַכט, זידט, ברומט מיט לעבען. מען דאַרף זיך שטאַרק רעכענען מיט די יונגע יאהרען, מיט די „ימים היוצאים“, וואָס מען טהוט אויף אין די יונגע יאהרען דאָס בלייבט אויף אייביג. דער עיקר דאַרף מען באַזאָרגען אונזערע קינדער, אונזער יוגענד, די ימים היוצאים.

און מערקווירדיג, הלכה כבית הלל, דער דין בלייבט ווי בית הלל. מען צינדט 1 ליכטעל און נאָכהער מוסיף והולך, וואָס ווייטער אלץ ליכטיגער, שטאַרקער, פייערדיגער. דער דין בלייבט ווי די יוגענד וויל. די יוגענד פיהרען דאָס לעבען, און דערפאַר מוזען מיר פערשטעהן די גרויסע געפאַהר ווען עס ווערט ערצויגען א ניט אידישע יוגענד, דאָן וואַרט אויף אונז דער מלאך המות, דער שרעקליכער מלאך המות פון א גאַנצע אלטע הייליגע פאָלק.

און דערפאַר מוזען מיר זיך מעהר אָפּגעבען מיט די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער, און לערנען דאַרפען מיר זיי נוצליכע און פּראַקטישע ענינים, וואָס זיי זאָלען טאָן יעדען טאָג פון לעבען. זיי וועלען ניט פערשטעהן די פילאָזאָפיע פון יודענטהום, די הויכע עטישע מאָראַלישע פרינציפּען פון יודענטהום, ניט קיין „דזשודאיזם„ ווי די רעפאָרמער ראַבאַים ווילען לעקטשורען, ניט מיט פילאָזאָפישע און מאָראַלישע לעקטשורס קען מען ערציהען קינדער, נור די עקרי הדת, די מצות מעשיות, זיי דאַרפען וויסען די פאַרגאַנגענהייט פון אידישען פאָלק, און זיי מוזען וויסען די געגענוואַרט, דעם אידישען היינט, די אידישע לאַגע איבעראַל ; זיי דאַרפען דאַוונען יעדען טאָג און דערפאַר מוזען זיי לערנען און וויסען די פירוש המלות, די באַדייטונג פון די ווערטער, די כוונה פון אונזערע תפלות. זיי מוזען וויסען חומש מיט רש"י, נביאים וכתובים, משנה און גמרא, און די נויטיגע דינים ומנהגים, אָט די למודים מוזען זיי לערנען יעדען טאָג. פון אלע ספרים וואָס דער קינד האלט אין תלמוד תורה און ישיבה, וועט איהם איבערבלייבען נור איין ספר וועלכען ער

רייסען זיך אוועק פון דער עקזיסטירענדער שוהל און מען מאכט א שוהל פאר זיך אליין, וואו ער און זיינע פריינד וועלען קענען זיין די גאנצע מאכערס. מיר האבען דערפאר צו פיעל שוהלען, און מיר האבען צו וועניג תלמוד תורה'ס און ישיבות. תלמוד תורה'ס און ישיבות האבען מיר געדארפט האבען וואס מעהר, און מיר האבען ניט גענוג, און די וואס עקזיסטירען, מאטערען זיך פאר זייער עקזיסטענץ!

ווארום איז דאס אזוי? ווייל, רבותי, לאמיר זאגען דעם אמת, דעם ריב־טיגען אמת, זיך אליין, מיר פיהלען ניט און מיר פארשטעהען ניט די נויטיגקייט און די וויכטיגקייט פון צו געבען אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג.

עס טרעפט זעהר פיעל מאל, הלואי זאל ניט טרעפען ווי עס טרעפט, דאס דוקא פרומע אלטע אידען זענען געגנער פון תלמוד תורה'ס. מען האט געוואלט ברייגנען די תלמוד תורה קינדער אין שוהל דאווגען, איינגעוועהנען זיי צו תפלה בצבור, פון זייער פריהסטען יוגענד אן, האבען די שוהל פיהרער ניט געלאזען, ווייל — וואס דארף מען די „לויפערס? רבנים וועלען זיי זיין? אויף זייער פלאץ איז בעסער אוועק צו זעצען אן עלטערען אידען וועלכען מען וועט קענען געבען א פעטע עליה און ארויסקריגען עטליכע דאלאר פאר די שוהל — און אט די מאכערס פון שוהל האבען קיין שכל ניט געהאט צו פרעגען זיך אליין: וואס וועט ווערען פון דער שוהל, ווער וועט אין איהר דאווגען? ווער וועט לייענען אין דער תורה? ווען מיר וועלען ניט צוגרייטען א נייעם דור וועלכער זאל איבערנעמען פון אונז די שוהל און די תורה? —

פאראן עלטערע אידען, גאנץ פרומע, וועלכע גלויבען אז דער עיקר איז דער עלטערער איד, פאר איהם דארף מען זארגען, ער זאל האבען א שוהל צום דאווגען, א מקוה, בשר כשר, א גוטען חזן, און דאס קינד? דאס אידיש קינד? וועגען איהם קלערט ער ניט. גליקליכערווייזע געפינען זיך גענוג עלטערע פרומע אידען וואס פארשטעהען אז אונזער הויפט דאגה דארף זיין — ווי מאכט מען דאס אונזערע קינדער זאלען אידען בלייבען? — אמת, מען מוז האבען א שוהל צום דאווגען, תפלה איז וויכטיג און זעהר הייליג; מען מוז האבען א מקוה, מען מוז, ווייל דאס איז א וויכטיגער זייל אין די פעסטונג פון יודענטהום, מען מוז היטען כשרות, ווייל כשרות איז דער יסוד פון אידישקייט, אבער מען מוז צוגרייטען א נייעם דור, מען מוז ערציהען אונזערע קינדער, אז זיי זאלען געהן אין שוהל דאווגען, אז זיי זאלען היטען די טהרת המשפחה, זיי זאלען בויען מקוואות נאך דעם שלחן ערוך נאך, אז זיי זאלען היטען כשרות און אנטלויפען פון טרפות, וועלכעס מאכט טריף אונזער בלוט און אונזער נשמה.

ווי פיעל ליכט דארף מען צינדען חנוכה? וועגען דעם איז א מיינונגס פערשידענהייט, א חלוקי דעות, א פלוגתא צווישען בית שמאי און בית הלל: בית שמאי זאגען יום ראשון מדליק שמונה, מכאן ואילך פוחת והולך — דעם ערשטען טאג חנוכה צינדט מען 8 ליכטלעך, דעם צווייטען טאג — 7 ליכטלעך,

שבת חנוכה

בטלה מגילת תענית, חנוכה לא בטלה (ראש השנה, דף י"ט).
לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוחי, אמר ה' צבאות.
— חלומות און בעלי חלומות — דער חלום פון אידישען פאָלק — די חנוכה־ליכט — א גוטע אידישע סביבה — די מנורה — די ליכט — די אידען און די גריכען — אידישע גבורים — גייסט און ברוטאַליטעט — עלטערען און קינדער — חנוכה־ליכט און שבת'דיגע ליכט.

מיר לייענען אין היינטיגער סדרה וועגען חלומות, די חלומות פון יוסף הצדיק. זיינע ברידער לאַכען פון זיינע חלומות און האסען דעם „בעל החלומות", מענשען האבען ליעב א טרוקענעם „פראַקטישען" מאַן, אבער ניט קיין פאַנטאַזיאָר, ניט קיין בעל חלום, אם ענדע ווערען אבער זיינע חלומות פערווירקליכט, די גאַנצע וועלט בויגט זיך פאַר איהם, די גאַנצע וועלט בוקט זיך צו איהם, מען פארהייליגט איהם, מען פארגעטערט איהם, זיינע הענד, זיין שכל שפייזט א גאנצע וועלט. און די יעניגע וועלכע האבען געלאַכט פון זיינע חלומות לאַכען ניט מעהר, זיי בוקען זיך צו איהם, און מוזען צו איהם אנקומען. לאַכט ניט פון קיינע חלומות, לאַכט ניט פון די פאַנטאַזיאָרען, בעלי חלומות, אידעאַליסטען. זיי שאַפען, זיי בויען די וועלט. אהן זיי וואָלט דער לעבען געווען צו טרוקען, און עס וואָלט ניט ווערטה געווען די וועלט צו לעבען אין איהר.

זאָגט דער מדרש: כל מה שאירע ליוסף אירע לציון, ביוסף כתיב ויחלום חלום, ובציון נאמר בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים, אלעס וואָס עס האָט פאַסירט מיט יוסף'ן האָט פאַסירט מיט ציון, מיט דאָס אידישע פאָלק. יוסף'ן חלומט זיך חלומות, און ביי ציון שטעהט געשריעבען אז ווען גאָט וועט אומקעהרען צוריק די אידען אין ציון וועלען מיר זיין ווי די וואָס חלום'ען.

וואָס פאַר א וואונדערבאַרער שעהנער הייליגער חלום דער איד חלום'ט שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר! ער חלום'ט דאָס ער וועט זיך אומקעהרען צוריק אין זיין שעהנער הייליגער לאַנד, פון וועלכע ער איז ארויסגעטריבען געוואָרען. ער וועט פערנעהמען דעם וויכטיגסטען פלאַטץ אין דער וועלט. ער וועט ווערען דער מאָראַל־לעהרער פון דער גאַנצער מענשהייט. און די אלע הבטחות פון זיינע נביאים וועלען מקוים ווערען, אלע פעלקער וועלען קומען פון איהם תורה און גאָטהייט לעהרנען, די פאָרמע פון זיין רעגיערונג אין זיין לאַנד וועט זיין אלס גוטער ביישפיעל פאַר אלע רעגיערונגען פון דער וועלט אלס דער קוואל פון גערעכטיגקייט, פון צדק ומשפט. זיינע העברעאישע אוניווער־סיטעטען וועלען פערשפרייטען די לעהרע פון גאָט, פון די נביאים, פון די חכמי המוסר, פון די חכמי המקובלים, פון די גדולי הפוסקים, צו אלע וואָס זוכען געטליכע חכמה און וויסענשאַפט. די נאַציאָנען פון דער וועלט לאַכען זיך אויס פון די אידישע נאַציאָנאַלע חלומות, פון זיין צוקונפט'ס מוזיק, און וואָס נאָך

וועט זעהען אַפּטער און מעהרער ווי אַלע ספרים, און דאָס איז — דער סדור, דערפאַר דאַרף דער סדור ווערען אַ וויכטיגער ספר למוד אין אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות. די פּראַקטישע למודים דאַרפען געלערענט ווערען מיט אונזערע קינדער אין אונזער הייליגע שפּראַך, אין לשון הקודש, וועלען אַט די למודים מאַכען אונזערע קינדער פאַר אידען. אָבער די אבסטראַקטע לעקטשורס איבער די מאָראַל און וויסענשאַפט פון יודענטהום, איז גוט פאַר ערוואַקסענע, אָבער ניט פאַר קינדער. פאַרגעסט ניט אז „נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה,“ אַז די ליכט פון ערציהונג „נר חנוכה,“ וועלכע איז צו הויך, צו טיעף, צו וויסענשאַפטליך פאַר קינדער, אַזאַ ליכט איז פסול, זי טויג ניט. און די יעניגע וועלכע ווילען געבען אונזערע קינדער אַ נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלע אידישע ערציהונג, וואו גאָט לאָזט מען ניט אַריין אין אַזוינע שוהלעס, אַזאַ נר חנוכה איז פסול. אידישע ערציהונג אָהן די אידישע רעליגיאָן איז אַ גרויסער פאַרברעכען, און אַ מיאוס'ער ליגען ! אונזערע מאָדערנע נאַציאָנאַליסטען וועלכע פרעהען זיך אַזוי שטאַרק מיט דעם חנוכה אַלס נאַציאָנאַלען יום טוב און האַלטען ניט פון יום כפור, ווייל ער איז דורכאויס אַ רעליגיעזער טאָג, אַט די איינגלעך האָבען גערדאַרפט פּשוט נעמען אַ סדור אין האַנד און לייענען „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול“ וכו', אַז די גרויסע קעמפּפער, די גרויסע אידישע גבורים, זענען געוועזן פרומע הייליגע אידען. דער הויפּט קעמפּפער איז געווען מתתיהו דער כהן, דער פאָרשטעהער פון רעליגיאָן, און זייער קאַמפּף איז געווען אַ רעליגיעזער, ווייל די גריכען האָבען געוואָלט — להשכיחם תורתך ולהעבירם מחקי רצונך — דאָס אידען זאָלען שבת ניט היטען ; זאָלען ניט מל זיין זייערע קינדער, זאָלען עסען טרפות און דינען פרעמדע געטער. און ווילען מיר דאָס אונזערע קינדער זאָלען אויסוואַקסען גבורי ישראל, זאָלען מאָדערנע מאַקאַבייער זיין, דאַרפען מיר זיי לערנען ניט נור דעם אידישען נאַציאָנאַליזם, נור די אידישע רעליגיאָן, ווען זיי וועלען זיין שומרי תורה ומצות, וועלען זיי דאַן זיין קאַמפּפס פעהיג און וועלען אימער זיין גרייט צו פאַרגיסען דעם לעצטען טראָפּען בלוט פאַר גאָט, פאָלק, לאַנד, און אַלעס וואָס ביי אידען איז הייליג און טייער.

אָבער, דער עיקר, פאַרגעסט ניט אונזער יוגענד, די ימים היוצאים. פאַרגעסט ניט אז עס דאַרף זיין מוסיף והולך און ניט פוחת והולך, דאַן וועלען מיר זוכה זיין צו ישועות ונחמות, צו אַ גאולה שלימה, עם ישראל בארץ ישראל, על פי תורת ישראל, אמן ! ואמן !

אָבער וואָס אַט דאָס יודענטהום וויל, וואָס די גריכען האָבען געהאַלטען פאַר געפעהרליך? דאָס יודענטהום פערלאַנגט, אַז דו זאָלסט לעבען ניט נור פאַר זיך, נור אויך פאַר דעם צווייטען. דאָס איז תרומות ומעשרות. דאָס יודענטהום פערלאַנגט — פרייהייט, פאָלשטענדיגע הויכע, מאָראַלישע פרייהייט, קיינע שקלאַפעריי פון מענש צו מענש זאָל ניט הערשען. און דאָס איז דער סוד פון שמיטה און יובל — ניט איינער זאָל האָבען צופיעל און דער צווייטער גאָרניט, ווייל דאַן קען קיין פרייהייט ניט זיין. דער וואָס האָט צופיעל וועט פערשקלאַפען דעם יעניגען וועלכער האָט צו ווייניג. יובל אָבער צייגט ווי אונזערע עלטערען האָבען זיך געפיהרט אין ארץ ישראל. דאָס והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי הארץ, די ערד קען ניט און מאָר ניט פערקויפט ווערען אויף אייביג, נור אום יובל קעהרט זיך די ערד אום צוריק צום איינענטהימער, וועלכער האָט געמוזט זי פערקויפען, צוריק צום איינענטהימער. דאמיט ווערען די מענשען אַ ביסעל אויסגעגלייכט, ניט צו רייכע און ניט צו אָרימע, און שמיטה גיט אונז די פרייהייט מיט חובות, וועלכע מען איז שולדיג, און מיט דעם שבת פון דער ערד און יובל איז דאָך דער פאָל־שטענדיגער יום טוב פון פרייהייט, וואָס דאַן האָט מען דורך דעם שופר פראָ־קלאַמירט פרייהייט פאַר אַלע געוועזענע שקלאַפען. מילה — דאָס איז דער סוד פון אַ געזונטען, ריינעם קערפער מיט אַ געזונטער ריינער נשמה. כבוד אב ואם — איז דער סימבאָל פון פאַרגעטערען אַלעס וואָס איז אַלט, הייליג, טראַ־דיציאָנעל. תלמוד תורה — דאָס איז דאָס הייליגסטע פון הייליג! דער קדשי קדשים פון אידען. תלמוד תורה — דאָס איז דער כח, וועלכער ברעכט דעם גריכישען גייסט און אַלע אַנדערע פרעמדע גוי'עשע גייסטער. די מנורה איז אין בית המקדש, זי פאַרשפרייט ליכטיגקייט, זי האָט 7 ליכט, שבעה נרותיה עליה, כנגד ז' מצוות האמורות בתורה, 7 ליכט קעגען תרומות, מעשרות, שמיטה, יובל, מילה, כבוד אב ואם און תלמוד תורה. און אויך היינט, ווען מיר צינדען חנוכה ליכט, איז יעדער ליכטעל בעלייכט אַ פרינציפ, אַ יסוד פון יודענטהום.

די גריכען און אַלע אַנדערע רופען אַ גבור נור לעם, וועלכער באַזיצט ברו־טאַלישע קראַפט. דער איד אָבער ווערט ניט נתפעל פון די שטאַרקייט פון אַן אָקס, פון אַ חיה. נור דער אמת'ער גבור ביי אידען איז דער יעניגער, וועלכער קען קאָנטראָלירען די חיה וואָס איז אין איהם. „איזהו גבור? הכובש את יצרו!! דער העלד פון היינטיגער סדרה איז יוסף הצדיק, וועלכער האָט געקענט באַקעמפפען זיינע שרעקליכע ליידענשאַפטען, וועלכען פוטיפר'ס פרוי האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען אין דער וועלט מאַכען זינדיגען און זי האָט ניט געקענט בייקומען דעם גרויסען אידישען גבור, וועלכער איז שטאַרק גענוג צו קענען קעמפפען און הערשען איבער זיך אַליין. און דאָס זאָגען אונזערע חכמים זכרונם לברכה: „מושל באדם צדיק, מושל יראת אלהים, זה יוסף הצדיק שהיתה אשת פוטיפר מפתה אותו, ושלט ביצרו, אמר לו הקדוש ברוך הוא: לא שמעת לה, חייך שאני ממליכך על מצרים והכל

ערגער איז, זיינע אייגענע קינדער ווילען ניט וויסען פון זיינע חלומות, זיי חלומ'ען ניט די חלומות פון דאס אידישע פאלק. פיעלע ראדיקאלען געפינען זיך אין דעם אידישען לאגער, וועלכע, צוזאמען מיט די שונא ישראל, לאכען זיי זיך אויס אט פון די אלע חלומות פון דאס אידישע פאלק, פונקט אזוי ווי יוסף'ס ברידער האבען זיך אויסגעלאכט פון יוסף'ס חלומות. און דאך וועלען די חלומות פון אידישען פאלק פערווירקליכט, מקוים ווערען אין גיכען.

אבער, עס איז אונמעגליך אויפצולעבען דאס גאנצע פאלק, וועלכעס טאפט אין דעם חשך פון גלות און קען נעביך ניט געפינען די פארלארענע וועגען צו ארץ ישראל — וואו מיר זאלען ניט אנצינדען די חנוכה ליכט! חנוכה, איז אין העברעאיש פון דעם ווארט חנוך, ערציהען, מיר מוזען פריהער געבען א גוטע אידישע, רעליגיעזע און נאציאנאלע ערציהונג צו די עלטערען, און צו די יונגע קינדער, צו מענער און צו די אידישע פרויען. מיר דארפען צינדען ליכט. דער פאקט אבער איז, אז דארט וואו די לופט איז שרעקליך פארדארבען קען מען קיין ליכט ניט צינדען, ווייל די שלעכטע לופט לאזט קיין ליכט ניט צינדען, דערפאר דארפען מיר פריהער שאפען א געזונטע אידישע סביבה, מען דארף גרינדען וואס מעהר העברעאישע קינדער־גארטענס, גני ילדים, תלמוד תורה'ס, ישיבות, מען דארף מאכען ריין און הייליג די אידישע הויז, מען דארף ארויסטרייבען פון אונזערע שוהלען דעם ביזנעס־גייסט, די "עם הארצות טאר דארט ניט זיצען אויבען־אן, נעבען דעם ארון קודש... נאכהער ווערען מיר האבען די מעגליכקייט צו צינדען אונזערע חנוכה־ליכט. אט אזוי האבען טאקי געטאהן אונזערע גרויסע אידישע העלדען, די חשמונאים. פריהער „פנו את היכליך, טהרו את מקדשיך", זיי האבען אפגע־ליידיגט דעם געטליכען טעמפעל, זיי האבען ריין געמאכט דעם בית המקדש פון די גריכישע טומאה, און נאכהער — הדליקו נרות בחצרות קדשיך! האבען זיי ליכט געצונדען!... ווייל נור דארט וואו עס געפינט זיך ריינקייט און הייליג־קייט, טהרה און קדושה, נור דארט קענען די אידישע חנוכה ליכט ברענען!

מיר לייענען אין דער הפטרה פון היינטיגען שבת וועגען דער מנורה מיט איהרע 7 ליכט, ווי דער נביא זכריה שטעלט פאר זעהר א רייכען פאנטאס־טישען בילד, ווי ער זעהט „מנורת זהב כולה וגלה על ראשה ושבעה נרותיה עליה", א גאלדענע מנורה מיט 7 ליכט, קומען די חכמי האגדה און זאגען: שבעה נרותיה — כנגד שבע מצוות האמורות בתורה, תרומות, מעשרות, שמיטין, יובלות, מילה, כבוד אב ואם, ותלמוד תורה כנגד כולם" (ילקוט זכריה, ד').

א שרעקליכער גייסטיגער קאמפף איז אנגעגאנגען זעהר פיעל יאהרען צווישען דעם אידישען גייסט און דעם גריכישען גייסט. די גריכען האבען שרעקליך געהאסט דעם אידישען גייסט, וועלכער ליגט בעהאלטען אין די געט־ליכע אידישע תורה, און די גריכען האבען שטארק געוואלט פערניכטען פון דער וועלט דאס יודענטהום, די תורה, דעם אידישען גייסט. ווייסט איהר

ניט קיין קעמפפער, ער איז טאַקי פרום, אָבער נור פאַר זיך אַליין, פאַר'ן פאָלק קעמפפט ער ניט, פאַר זיינע אייגענע קינדער אַרט איהם ניט.

וואָס איז דער רעזולטאַט? מתתיהו'ס קינדער פערניסען זייער בלוט פאַר דאָס אידישע פאָלק, יהושע'ס קינדער נעהמען פרויען וועלכע פאַסען ניט פאַר דער כהונה. וואָס פאַר עלטערען אַזוינע קינדער! און דער־פאַר, ווען מיר צינדען היינט די חנוכה ליכטלעך, דערמאָנען מיר זיך אויף די קינדער פון מתתיהו, — יהושע'ס קינדער, קיינער קען זיי ניט, זיי זענען טויטע פאַר אונז — און יעדען אָבענד ברענען די חנוכה ליכטלעך. דאָס ברענען די יאָהרצייט ליכט, יאָהרצייט נאָך די חשמונאים, יעדע נאַכט — יאָהרצייט נאָך אַן אַנדער גבור, נאָך די אמת'ע גבורי ישראל!

און שטענדיג, אימער, דאַרפען מיר בעגייסטערען אונזערע קינדער ווען עס קומט דער יום טוב חנוכה מיט די גבורות פון די חשמונאים, דער גלות, אונ־זערע צרות, אונזערע פערפאָלגונגען, אַט די גאַנצע מגילות פון צרות און פּאַסטען, סגופים און ליידען וועט מיט דער צייט בטל ווערען, אָבער חנוכה, דער סימבאָל פון אידיישער גבורה און פרייהייט, וועט קיינמאָל ניט אונטערגעהן, „בטלה מגילת תענית, חנוכה לא בטלה“ (ראש השנה, דף י"ט).

און די גמרא דערצעהלט אונז: כשנכנסו יונים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל, אַז די גריכען זענען אין אידישען טעמפּעל אריין האָבען זיי מטמא געמאַכט אַלע אוילען פון טעמפּעל, עס איז פינסטער געוואָרען, און די חשמונאים האָבען מיט אַ קריגעלע אויל ליכטיג געמאַכט דעם היכל הקדש.

היינט אויך זעהען מיר ווי נכנסו יונים להיכל... עס קריכען אריין אין אונזערע טעמפּלען די יונים... די אַסימילירטע אידען ווערען די פיהרער פון היכל... און דערפאַר ווערט טמא דער אויל... דער אמת'ער רב האָט קיין ווערדע ניט, די תורה ווערט ניט געלעהרענט, און די עצה איז: מען דאַרף ליכט צינדען, פאַרטרייבען די „יונים“ מיט די פינסטערע עם הארצות, אונוויסענהייט פון אונזערע טעמפּלען.

זאָל דער שבת חנוכה מיט זיינע חנוכה ליכט פערטרייבען דעם חשך וואָס האָט זיך אָנגעלעגט אויף אונזערע שבתים און ימים טובים אין אמעריקא. זאָלען די חנוכה ליכט אָנצינדען די שבת־דיגע ליכט, וועלכע ברענען ניט און לייכטען ניט אין אידישע הייזער. און ווען איהר וועט היטען די שבת'דיגע ליכט — זאָגט גאָט — וועל איך אייך צייגען די ליכט פון ציון, אם שמרתם נרות של שבת אני מראה לכם נרות של ציון (ילקוט בהעלותך).

לאָמיר דערלעבען צו זעהן ווי די אידישע פרויען וועלען אָנצינדען די שבת'דיגע ליכט צוזאַמען מיט די ליכט פון ציון און ירושלים.

אמן! ואמן!

נשמעים לך, שנאמר ויאמר פרעה אל יוסף אני פרעה ובלעדיך לא ירום איש את ידו ואת רגלו (ילקוט ש"ב ר' קס"ה). דער יוסף, וועלכער האָט געקענט' הערשען איבער זיך, האָט דערפאַר זוכה געווען אַז ער איז געוואָרען דער הער־שער פון מצרים, וואָס אין יענע הונגער־יאָהרען האָט דאָס געמיינט דער הערשער פון דער גאַנצער וועלט.

לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוח! זאָגט דער געטליכער נביא, — ניט מיט אַן אַרמעע, ניט מיט ברוטאַלע קראַפט ווענען מיר קעמפפען און זיעגען, זאָנדערן מיט גייסט, מיט געטליכען גייסט. לייענען מיר אָט דיזע ווערטער פון דעם נביא און מיר פערשטעהען ניט, און מיר פרעגען זיך, וואָס הייסט דאָס לא בחיל ולא בכח, ניט מיט קראַפט און ניט מיט קיין אַרמעע. יהודה המכבי, דער אויסערגעווערהנליכער העלד און זיין פאָטער און זיינע ברידער די חשמונאים, זיי האָבען דאָך באַזיעגט די גריכען מיט'ן שווערד, מיט חיל וכח, און וואָרום זאָגט דער נביא לא בחיל ולא בכח? דער תירוץ אָבער איז, דער שווערד אַליין איז ניט גענוג. צום שווערד דאַרף מען האָבען רוח. דער רוח גיט מוטה, פייער, און אַ גרויסען זיעג צום שווערד. לא בחיל ולא בכח, מיט ברוטאַלישע קראַפט אַליין קען דער איד ניט באַזיעגען די גריכען, כי אם, סיידען, אַז צום שווערד זאָל אויך זיין ברוחי, גאָט'ס גייסט. דאַן קען ווירקליך קומען די גרעסטע ישועה, און אָט אַזוי דאַרפען מיר יעצט טהאָן. דער עיקר איז רוח ישראל, מען דאַרף ערציהען אַ נייעם דור על פי רוח ותורת ישראל, און ווען אַ נייער דור וועט ערצויגען ווערען אַלס אידישע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע קעמפפער, און זיי וועלען ניט וועלען דאָס דער אידישער כבוד זאָל געטראָטען ווערען אונטער גראָבע ברוטאַלע פיס. זיי ווילען ניט אַז פרעמדע זאָלען צונעהמען אונזער לאַנד, דאַן וועט דער רוח ישראל טרייבען די יונגע אידישע גבורים, די גבורי האומה, אַז זיי זאָלען שאַפפען חיל וכח... און דאַן וועט זיין אי אַן אַרמעע, אַ אידישע אַרמעע, אַ אידישער לעגיאָן, און די אַרמעע וועט גענוג כח האָבען... אָבער ווען קיין אידישער גייסט איז ניטאָ, ווען קיין רוח איז ניטאָ, קען קיין חיל וכח ניט זיין. אָהן רוח וועלען מיר ניט קענען האָבען די חשמונאים אין אונזער צוקונפט...

מיר לייענען אין היינטיגער הפטרה, אַז יהושע דער כהן גדול איז געווען אָנגעטהאָן אין ניט קיין ריינע קליידער. פרעגט די גמרא: „וכי דרכו של יהושע ללבוש בגדים צואים? ! אלא מלמד שהיו בניו נושאים נשים שאינן הגינות לכהונה, ולא מיחה בהן" (סנהדרין דף צ"ג עמוד א'), יהושע דער פרומער, דער כהן גדול, זיינע זיהן הייראַטען פרויען וועלכע זענען ניט פאַסיג פאַר דער כהונה, און ער זאָגט זיי גאָרניט, ער משפּעט זיי ניט, ער פּראָטעסטירט ניט.

אָט דאָ ליגט דער אומגליק! אָט דאָ זעהט איהר דעם אונטערשייד פון עלטערען, דעם אונטערשייד פון כהן און כהן. מתתיהו דער כהן, קעמפפט ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט פאַר די הייליגקייט פון דער תורה און איז זיך מוסר נפש פאַר די פריהייט און גליק פון דאָס אידישע פאָלק, און יהושע איז

שבת שירה

אַ טרוקענער און פּאָעטישער יודענטהום — די שירת היהדות — אידישע געזאַנג — די וויכטיגקייט פון אידישע געזאַנג פאַר אונזערע קינדער — קאַשע פאַר עופות אום שבת שירה — ווארום?

היינטיגער שבת איז נים קיין געוועהנליכער שבת, ער טראָגט דעם נאמען שבת שירה, דער שבת פון געזאַנג: ווייל היינט לייענען מיר אין דער תורה די שירת הים, ווי משה רבינו און זיין שוועסטער מרים האָבען געזונגען צו גאָט, משה — מיט די אידען, מרים — מיט די אידישע פרויען. און דער ירושלמי זאָגט אָם ענדע פון מסכת פסחים, אז גאָט זאָגט צו אידען, ווען נור מיט אייך פּאַסירט אַ נס, זאָגט שירה. גאָט וויל ניט אַ טרוקענעם אידענטהום, נור אַ אידענטהום וועלכע ענטהאַלט פּאָעזי. גליקליך איז דער איד וועלכער פיהלט די שירת היהדות, די פּאָעזי פון יודענטהום! און ווען מען ערציהט אַ נייעם אידישען דור אין די תלמוד תורה׳ס און ישיבות, דאַרף מען אָנזאָגען די דירעקטאָרען, די פּרינסיפּאַלס און די לעהרערס פון אונזערע ערציהונגס אנשטאַלטען, אַז אונזער קינדער וועלען ניט אויסוואַקסען קיין באַגייסטערטע אידען ווען מען וועט לערנען מיט זיי נור טרוקענע עברי זאָגעכץ, ניט וויסענדיג די באַדייטונג פון אונזערע תפלות און נים וויסענדיג פּירוש המלות. אונזערע קינדער וועלען ניט בלייבען ווארעמע אידען ווען מען וועט שטאָפּען אין זייערע קעפּ טרוקענע ידיעות און מען וועט אָפּמעסטען ווי פ י ע ל ער האָט געלערענט און ניט ווי ער האָט געלערענט. אונזערע קינדער מוזען פיהלען אַ גוטען טעם אין יודענטום, מוזען פיהלען די נשמה פון דער תורה, די פּאָעזי פון יודענטהום. גערעכט זיינען די חסידים וואָס זאָגען — טעמו, פארזוכט, וראו, און זעהט, כי טוב, אַז דאָס איז גוט, עס האָט אַ גוטען טעם, איז אַ סימן ה׳, אַז דאָס איז געטליך, אַלעס וואָס געטליך איז מוז האָבען אַ טעם. אַ יודענטהום פון עברי זאגעכץ, פון קדיש און הזכרת נשמות אליין, האָט קיין טעם ניט. מען דאַרף באַקענען אונזערע קינדער מיט דער שירה פון יורענטהום.

און עס איז נויטיג צו לערנען אונזערע קינדער אידישע געזאַנג: אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער, אין אַלע שוהלעס פון דער גאַנצער וועלט, ווערט מיט קינדער געלערענט זינגען. מען זינגט מיט זיי נאַציאָנאַלע און פאָלקס ליעדער, ווייל אין דעם געזאַנג פון אַ פאָלק ליגט באַהאַלטען זיין נשמה. די אידיישע געזאַנג וועט אריינדרינגען אין די טיעפע ווינקעלעך פון זיין יונגע, ווארימע אידישע נשמה׳לע און וועט איהם צוציהען צו אידישקייט. אידיישע קינדער דאַרפען קענען זינגען די נוסחאות התפלה, דאַרפען קענען זינגען דעם טראָפּ פון דער תורה און פון דער הפטרה, ווייל אָט די געזאַנג איז די אמת׳ע אָריגינעלע אידישע געזאַנג. אידישע קינדער דאַרפען קענען זינגען די אידיישע נאַציאָנאַלע ליעדער און די ארץ ישראל שירים, וועלכע ענטהאַלטען ליבשאַפט און בענקענייש נאך ארץ ישראל. מען פיהרט אַן ארמעע אויפ׳ן שלאַכטפעלד און מען באַ־

עשרה בטבת

די היסטאָריע פון עשרה בטבת — דער חודש טבת בכלל — אַ שטיקעל אידישע געשיכטע.

דעם 10טען טאָג אין טבת פאַסט מען און מען זאָגט סליחות, ווייל מיט 25 הונדערט יאהר צוריק, אין דער צייט פון ערשטען בית המקדש, האָט אין דעם זעלבען טאָג נבוכדנצר דער קעניג פון בבל באַלאַגערט די שטאָדט ירושלים (ירמיהו ל"ט, ב', און נ"ב, ו'). די שפייז וועלכע זיי האָבען אנגעגרייט פון פריהער איז אויסגעגאַנגען. מענשען זענען געפאַלען אין די גאַסען פון הונגער און מגפות, און די אידישע קריגסלייט, פאַרהונגערטע און אויסגעמאַטערטע, האָבען מעהר ניט געקענט פאַרטיידיגען די פעסטונגען. דער טאָג פון עשרה בטבת איז זעהר וויכטיג. און נאָט האָט אנגעזאָגט דעם נביא יחזקאל ער זאָל פאַרשרייבען דעם נאָמען פון דעם טאָג און דעם עצם טאָג, ווייל אין איהם האָט זיך אנגעפאַנגען דער נאַציאָנאַלער אידישער חורבן דורך נבוכדנצר, און אָנדער־האַלבען יאהר נאכדעם, תשעה באב, האָט זיך געענדיגט דער גרויסער נאַציאָנ־אַלער אידישער חורבן. 9 טעג אין תמוז ווען ירושלים איז איינגענומען געוואָרען ביים שונא דורך דעם שרעקליכען הונגער וואָס אידען האָבען דאַן געליטען און אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש, איז אריינגעפאַלען ירושלים אין די הענד פון שונא, טיטוס הרשע. 17 טאָג אין תמוז, שבעה עשר בתמוז, און אין דעם 9טען און 10טען טאָג פון אָב, תשעה באָב, איז פאַרברענט געוואָרען דער בית המקדש, דער ערשטער בית המקדש, דורך נבוכדנצר, און דער צווייטער בית המקדש — דורך טיטוס, אזוי אז דער אנפאַנג פון דעם אידישען חורבן האָט זיך אנגעפאַנגען עשרה בטבת.

* * * *

בכלל איז דער מאָנאַט טבת אַ מאָנאַט פון אידישע צרות: דעם ערשטען טאָג אין טבת — איז יכניה דער קעניג פון יהודה פאַרטריבען געוואָרען פון לאַנד; 5 טאָג אין טבת — איז ירושלים געשלאָגען געוואָרען (יחזקאל ל"ג, ר"ה י"ח); 8 טאָג אין טבת האָט זיך נעענדינט די איבערזעצונג פון דער תורה אין גריכיש, און דאָס איז אַן אומגליק, ווייל די תורה דאַרף געלערענט ווערען נור אין איהר אייגענע שפּראַך, אין לשון הקודש; 9 טאָג אין טבת איז געשטאָרבען עזרא הסופר (א"ח, סימן תק"פ); 20 טאָג אין טבת איז נפטר געוואָרען דער רמב"ם, און נאָך אנדערע אידישע צרות זענען פאָרגעקומען אין טבת. לאָמיר בויען אונזער הייליג לאַנד און דער מאָנאַט טבת וועט זיין אַ מאָנאַט פון שמחה און גליק, אמן!

די פרשה פון מן, מיט דעם וואָס מען ווארפט פאר זיי קאשע צום עסען (מנהגי ישורון, זייטע 134). און נאך א טעם איז דא: צו צייגען אונז דאָס גאָט האָט געשפייזט די אידען אין דער מדבר פונקט ווי ער שפייזט די פייגלעך און די עופות וועלכע געפינען זייער שפייז איבעראל. זאָל נור א איד באמת האָפען צו גאָט און האָבען בטחון, וועט איהם קיין זאך ניט פעהלען פונקט ווי די פייגלען אין וואלד (אור פני משה, לחתם סופר, טעמי המנהגים, לקוטים כ"א, ע"ב).

חמשה עשר בשבט

די באדייטונג פון חמשה עשר בשבט — די פערשיעדענע מנהגים — ווארום עסט מען באקסער? — דער היינטיגער חוני המעגל — חמשה עשר בשבט אין גלות און אין ארץ ישראל — די אידישע ערציהונג.

15 טאָג אין שבט איז — ווי די גמרא זאָגט — ראש השנה לאילנות, עס איז ראש השנה ביי די בוימער (ר"ה פ"א, א'), און דאן פאנגט זיך אָן איז ארץ ישראל די צייט פון פלאנצען בוימער. עס איז געווען א מנהג צו קומען אין שוהל אין אבענד פון חמשה עשר בשבט, עסען פארשידענע פרוכט און זאָגען „תקון" (חמדת הימים, חלק ב' סי' פ"ג). די חכמי הקבלה האָבען טיפזיניגע אָפּהאנדלונגען וועגען דעם: ר' חיים וויטאל ז"ל ערקלערט אז עס געפינען זיך דרייסיג סאָרטען בוים פרוכטען און אין עולם הבריאה געפינען זיך 10, אקעגען די עשר ספירות, און ער גיט וועגען דעם א טיפע פילאָזאָפישע ערקלערונג (זעה די הקדמה פון דעם ספר „פרי עץ הדר"). די חכמי הספרדים לערנען אין דער נאכט פון חמשה עשר בשבט ספעציעלע למודים אין זייערע ישיבות וועגען חמשה עשר בשבט, געזאמעלט פון תנ"ך, משנה, תלמוד, זוהר (זעה פרי עץ הדר), וועלכע באהאנדלען דעם ענין פון תבואה, פירות, ראש השנה, און צווישען איין ענין און דעם צווייטען עסען זיי פארשידענע פרוכטען, איבערהויפט פירות פון ארץ ישראל און זיי שלאָפען ניט כמעט א גאנצע נאכט (לונץ אין לוח ארץ ישראל, זייטע 43). דער מרדכי וויל האָבען (ראש השנה פ"א) דאָס מען טאָר ניט פאסטען חמשה עשר בשבט, און מען זאָגט ניט דאן קיין תחנון, און מען טאָר ניט דאן מזכיר נשמות זיין.

ווען מיר זיינען געווען קינדער, אין דער אלטער וועלט, אויף יענעם זייט ים, האָבען מיר חמשה עשר בשבט, ווען דער פראָסט האָט געברענט ווי פייער, פאָרגעשטעלט זיך ווי אָט די בוימער בליהען, און די גאנצע נאטור האָט אָפּ־געלעבט. אין חדר האָט יעדער אינגעל געבראכט באָקסער, ראָזשינקעס מיט מאנדלען און אנדערע פירות, און דער רבי האָט אלע חלקים צונויפגעמישט און אין קופה און האָט נאכהער געטהיילט צו אלע קינדער וועלכע זענען געזעסען

גייסטערט די קעמפפער מיט פאטריאטישע נאציאנאלע לידער. מיר טארען ניט אוועק מאכען אונטערען האנד דעם גרויסען ערציהערישען ווערטה פון אידישע געזאנג. משה רבינו פיהרט אריבער די אידען דעם ים און — אז ישיר משה ובני ישראל! און משה מיט די אידען זינגען, זינגען צו גאט! דער מדרש זאגט אז די קליינע זוינ קינדער אריבער געהענדיג דעם ים, האבען זיי זיך אוועקגעריסען פון דער מוטערס ברוסט און האבען געזאגט שירה, קליינע זינגער זינגען צו גאט! (מדרש שוחר טוב ט' און ילקוט). עפענט אויף די גראבע סדורים און איהר וועט אין זיי נעפינען פרק שירה ווי אלעס וואס לעבט אויף דער וועלט, זאגט שירה צו גאט! אלעס זינגט!

דער רעליגיעזער ארטאדאקסישער יודענטהום האט נאך ניט ארויסגעגעבן דעם מאדערנעם רעליגיעזען דיכטער וועלכער זאל פארפאסען לידער פאר אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות וועלכע זאלען פעהיג זיין אנצוצינדען די יונגע נשמות פון אונזערע קינדער מיט ליעבשאפט צום בורא עולם, צו אונזער הייליגער תורה, צום שבת קודש, און צו אלץ וואס איז ביי אונז ליעב, הייליג און טייער, א שאד! א גרויסער שאד! די תלמוד תורה'ס און ישיבות נויטיגען זיך זעהר שטארק אין רעליגיעזע נאציאנאלע אידישע געזאנג. דאס וועט קענען פארשטעהן נור דער יעניגער וועלכער פארשטעהט גרינדליך די פראבלעם פון אידישער ערציהונג היינט צו טאג. און היינטיגער שבת וועלכער רופט זיך „שבת שירה," דארף אונז דערמאנען אויף דיזע נויטיגקייט. שבת שירה דארף אונז ערקלערען די נויטיגקייט און נוצליכקייט פון יהדות של שירה.

עס איז א מנהג ביי אידען צו ווארפען שבת שירה קאשע פאר די עופות. א פראסט ברענט, די גאסען זענען אין די קליינע שטעדטלעך פון יוראפ פאר־ייארפען מיט שנעע, און אויף די שנעע ליגען קופעס מיט קאשע וועלכע אידען האבען עסענדיג דעם שבת'דיגען טשאלענט אהין געווארפען, כדי די פייגלעך זאלען קומען און עסען דאס. ווארום טוען מיר דאס?

ווייל היינטיגען שבת לייענען מיר די סדרה בשלח וואו עס ווערט דערצעהלט ווי דער מן איז געפאלען פון הימעל, און גאט האט אנגעזאגט אז שבת זאל מען ניט גערן קלייבען דעם מן, און שבת וועט ניט זיין קיין מן. דערצעהלט אונז די תורה אז — ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט ולא מצאו — אז עס איז געקומען שבת, זענען אידען געגאנגען קלייבען דעם מן, מחלל שבת זיין, אבער ולא מצאו, זיי האבען ניט געפונען קיין מן. דערצעהלט דער ילקוט אז דתן און אבירם, די געגנער פון משה רבינו, זענען ארוים שטילערהייד, שבת אין דער פריה, מיט פולע הויפענס מן, און האבען פארשפרייט דעם מן אין דעם מדבר, כדי אידען זאלען יא געפינען מן, און זאלען זעהען אז משה'ס ווערטער זענען ניט ריכטיג. זענען אבער געקומען צו פליהען די פייגלעך, און האבען אויפגעגעסען דעם גאנצען מן פון דתן ואבירם, און ווען אידען זענען געקומען קלייבען מן, האבען זיי קיין זאך ניט געפונען, ווייל די עופות האבע אויפגעגעסען דעם מן, דערפאר באצאהלט מען די עופות היינטיגען שבת ווען מען לייענט

אזא עלענדען לעבען, און ער שטארבט עלענד (תענית כ"ג, ירושלמי תענית פרק ג', הלכה י', און זעה יוחסין 63, סדר הדורות 126, לונץ, ירושלים 4טער חלק 21).

א שרעקליכע, טראגישע, אומגליקליכע פיגור זעהען מיר, ניט נור אין דעם חוני המעגל פון דער אגדה, נור אין דעם ווירקליכען חוני המגעל וועלכען מיר זעהען איהם דאָ אין אמעריקא, ער אליין גלויבט אז ער איז א פרומער איד, ער וויל אָבער באזאָרגען נור זיך אליין, ע ר זאָל האָבען א ריכטיגען פלאַץ אין גן עדן, ע ר זאָל האָבען דעם שור הבר און דעם יין המשומר, פאר די קינדער, פאר דעם נייעם דור, ארט איהם ניט. ער באלאנגט ניט צו קיינע תלמוד תורה'ס און ישיבות; ווען ער דאווענט אין שוהל, און קינדער לויפען אריין, טרייבט ער זיי ארויס, די שקצים, די לויפערס, זיי זאָלען א י ה ם ניט שטערען; ווען ער זעהט ווי יענער פלאנצט פאר'ן צוקינפטיגען דור, פארשטעהט ער איהם ניט. ער שאפט גאָר ניט פאר דער צוקונפט. ניט ער לעבט נור ער שלאָפט אָפּ 70 יאהר, נאכהער כאפט ער זיך ווי נאריש ער האָט געלעבט. ער האָט ניט קיין זוהן, דער זוהן איז פרעמד צו איהם, זיינע קינד'ס קינדער פארשטעהען ניט דעם „אַלד מען,“ שלעפט ער זיך ארום אויף דער עלטער ווי א שאטען, ער בעט אויף זיך דעם טוידט. און שולדיג איז ער אליין: ער האָט ניט געפלאנצט פאר זיינע קינדער, ער האָט אויסגעהאָדעוועט קינדער אין קערפּער, אָבער ניט אין גייסט, ער האָט זיי קיין גוטע אידישע ערציהונג ניט געגעבען, וואָס ער האָט געזייהט, דאָס שניידט ער, ער — דער עלענדער חוני המעגל פון אונזער צייט!

ז' אדר

גאָט און מענש — פני משה כפני חמה — המן און דער חודש אדר — משה לעבט — אידישקייט וועט ניט אונטער-געהען — משנכנס אדר מרבים בשמחה.

היינט, 7 טאָג אין אדר, איז דער טאָג אין וועלכען עס איז אוועק פון דער וועלט דער גרעסטער איד און דער גרעסטער מענש וואָס די וועלט האָט ווען פערמאָגט, דער א ב י ה נ ב י א י ם, דער פאָטער פון אלע נביאים — מ ש ה ר ב י נ ו, עליו השלום!

משה רבינו איז געווען, ווי דער פרקי דרבי אליעזר דריקט זיך „איש אלהים — מחציו ולמטה איש, מחציו ולמעלה אלקים, דאָס מיינט, ער איז מענש און גאָט, די אונטערשטע העלפט פון זיין קערפּער איז געווען מענש, אָבער די אויבערשטע העלפט פון זיין קערפּער, דאָרט וואו עס געפינט זיך דער ש כ ל, דער מוח, די הארץ, די נשמה, דאָרט איז ער געווען געטליך, א י ש א ל ק י ם!!!

און דערפאר איז היינטיגער טאָג פאר אונז אידען א טאָג פון טרויער און קלאָג, און ווען אונזערע חכמים וועלכע האָבען ניט צוגעלאָזען קיין טרויער אין דעם הייליגען טאָג פון שבת, דאך האָבען זיי אונז געהייסען זאָגען יעדען שבת

ביים טיש און געווארט מיט אפעטיט און גרויס דרך ארץ. דער רבי האט די ברכה מיט גרויס כונה געמאכט, און נאך איהם האט יעדער קינד געמאכט די ברכה מיט באגייסטערונג. דער רבי האט אונז געזאגט אז אין ארץ ישראל עסען די ציגען באקסער, און מיר האבען שטארק מקנא געווען די ארץ ישראל'דיגע ציגען! מען עסט געשמאק, מיט א הייליגען פערגעניגען, און אט עפענט מען א מילגרוים און דער רבי גיט אונז צו פארשטעהן אז אין דעם מילגרוים זיינען פאראן 613 קערנער געגען די תרי"ג מצות וואס אידען האבען. און די אידישע קינדער האבען דורכגעלעבט דעם חמשה עשר בשבט מיט שעהנע פאנטאזיעס וועגען ארץ ישראל מיט זייערע גאנצע פייערדיגע קינדערשע נשמה'לעך, ווי דער אידישער פאעט זינגט:

„א זיסע ווארימקייט פילט און
די יונגע הערצעלעך . . . מיר לויפען,
מיר פליען, פול מיט זארג און פרייד,
חמשה עשר — כיבוד קויפען."
(פרוג, חמשה עשר)

און אין ארץ ישראל זענען די פאראייניגטע העברעאישע לעהרער פון ירושלים אין דעם יאהר תרע"ג ארויס חמשה עשר בשבט מיט זייערע טויזענד און פינף הונדערט תלמידים אין דער קאלאניע מוצא, און יעדערער פון זיי האט דארט געפלאנצט א בוים, און מען האט זיי געטהיילט פרוכט.

די הויפט פרוכט פון ארץ ישראל וואס מען עסט חמשה עשר בשבט, איז באקסער. ווארום עפעס באקסער? נור הערט, רבותי, דא ליגט באהאלטען א טיעפער געדאנק: די גמרא דערצעהלט דאס חוני המעגל האט אנגעטראפען אין וועג א מאן וועלכער פלאנצט א באקסער־בוים, פרעגט ער דעם מאן — פיעל יאהר דארף געדויערען דאס דער באקסער זאל געבען פרוכט? — זיבעציג יאהר! — ענטפערט דער מאן. — ביסטו דען זיכער אז דו וועסט לעבען זיבעציג יאהר און דערלעבען צו עסען די פרוכט פון דעם בוים? — פרעגט איהם חוני המעגל. ענטפערט איהם דער בוים־פלאנצער — איך האב געפונען אויף דער וועלט פארטיגע באקסער בוימער, אזוי ווי מיינע עלטערען האבען געפלאנצט פאר מיר, אזוי וועל איך פלאנצען פאר מיינע קינדער. — לייגט זיך חוני המעגל אוועק שלאפען, א שטיין נעהמט איהם ארום פון אלע זייטען, ווערט פארדעקט פון דער מענשליכער אויג, און שלאפט אפ 70 יאהר. ווען ער כאפט זיך אויף, זעהט ער ווי א מאן רייסט באקסער פון דעם באקסער־בוים. פרעגט ער איהם: — האסטו געפלאנצט דעם בוים? — ניט איך, — ענטפערט דער מאן — נור מיינער א זיידע האט געפלאנצט דעם בוים. — פארשטעהט חוני המעגל אז ער האט אפגעשלאפען 70 יאהר. ער לאזט זיך געהן אין שטאדט אריין. ער קומט אין שטאדט און פרעגט וואו איז דער זוהן פון חוני המעגל. ענפערט מען איהם אז זיין זוהן איז ניטא, ער האט אן אייניקעל, דער אייניקעל קען איהם אבער ניט. ער זאגט — איך בין חוני המעגל — קיינער גלויבט איהם ניט, און ער בעט ביי גאט דעם טוידט איידער

לאַנד, מיר דאַרפען מאָביליזירען אונזערע כחות צו קעמפפען פאַר'ן יודענטהום, ניט מיט זיפצען און קרעכצען וועלען מיר בויען דאָס יודענטהום, נאָר מיט קעמפפען און בויען, שאַפען גוטע תלמוד תורה'ס און ישיבות, אויפפאַסען אז דאָרט זאָל געלעהרענט ווערען די תורה ווי געהעריג איז, צוצוגרייטען אידישע לעהרער וועלכע זאָלען פרומע בעגייסטערטע אידען זיין, און לאָמיר אויפשטעהן און בויען דאָס יודענטהום מיט שמחה, ווייל — משנכנס אדר מרבים בשמחה ידי שמחה איז וואָס בז' באדר נולד משה, משה'ס גייסט לעבט און וועט לעבען מיט אונז פאַר אימער, און די גרעסטע שמחה קומט פון לעהרנען תורה, און בזכות התורה וועלען מיר זוכה זיין צו ישועות ונחמות און א גאולה שלמה, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

פרשה שקלים

א"ר מאיר מין מטבע של אש הוציא הקב"ה מתחת כסא הכבוד שלו, והראה לו למשה, ואמר לו זה יתנו, כזה יתנו. (ירושלמי שקלים).

די געשיכטע פון דעם שקל ביי אידען — דער סוד פון מחצית השקל — שקלים פאַר פרעמדע און פאַר אייגענע — ארץ ישראל און דער שקל.

ווען אידען האָבען געלעבט אין ארץ ישראל, ווען דער בית המקדש האָט עקזיסטירט, איז געווען איינגעפיהרט דאָס יעדער איד האָט נעדאַרפט געבען א מחצית השקל, א האַלבען שקל, א זילבערנע מטבע וועלכע האָט זיך גערופען „שקל", און יעדער איד פון 20 יאהר אלט און העכער האָט געמוזט דעם האַלבען שקל באַצאָהלען. העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט. דער רייכער האָט ניט געקענט נעבען מעהר און דער אָרימאַן האָט ניט געטאָרט געבען ווייניגער, דער גאַנץ רייכער און דער גרויסער אָרימאַן זענען געווען גלייכע יחסנים בנוגע צום האַלבען שקל, וועלכער איז פערוועגדט געוואָרען פאַר בדק הבית און קרבנות צבור, פאַר די האַלבע שקלים האָט מען פערריכט דעם בית המקדש, און מען האָט געקויפט קהל'שע קרבנות. און די תורה האָט געוואָלט אוועקשטעלען דעם אָרימסטען אידען אויף דער זעלבער שטופע ווי דעם מולטי מיליאָנער בנוגע צום בית המקדש, אז דער מיליאָנער זאָל ניט קענען זאָגען אז ער איז מעהר בעל דעה אין בית המקדש ווי דער אָרימסטער פון די אָרימע. די וועלט זאָגט, ווער עס גיט די מאה, דער האָט די דעה, און דאָס איז ריכטיג ווי נאָלד, אָט טאַקי דערפאַר האָט די תורה געוואָלט דאָס אין בית המקדש זאָל דער אָרימסטער פון די אָרימע האָבען די זעלבע דעה ווי דער רייכסטער פון די רייכע. אין בית המקדש דאַרפען אלע זיין גלייך, ־ווייל פאַר גאָט זענען אלע די זעלבע מיוחסים. אָט דער מחצית השקל האָט געדעקט אלע אויסגאַבען פון בדק הבית, קרבנות, און כלים וועלכע מען דאַרף האָבען אין בית המקדש, און עס פלעגט נאָך איבערבלייבען געלד אין קאַסע (זעה מלכים ב' קאַ־

צו מנחה צדקתך צדק, וואס דאס איז א צדוק הדין נאך משה'ן וועלכער איז אוועק פון דער וועלט שבת צו מנחה, וואס זאלען מיר שוין זאגען היינטיגען טאג, זיבען טאג אין אדר, וועלכער איז דער טאג פון זיין טוידט? ! היינט, איז אונזער זוהן אונטערגעגאנגען, ווייל די גמרא זאגט פני משה כפני חמה. משה רבינו איז געווען צו אידען דאס וואס די זוהן איז צו די גאנצע מענשהייט, און דערפאר לאמיר בעשליסען היינטיגען טאג צו פערטיעפען זיך מעהרער און גרינדליכער אין גאט'ס תורה און ערציהען אונזערע קינדער אין דעם גייסט פון אונזער תורה וועלכע רופט זיך די תורה פון משה'ן, תורת משה!!

די גמרא זאגט דאס ווען המן הרשע האט געווארפען גורל אין וועלכען חודש ער זאל פערניכטען די אידען, און דער גורל איז אויסגעפאלען אויף חודש אדר, האט זיך המן זעהר דערפרעהט, ווייל אין אדר איז געשטארבען משה רבינו, ער האט אבער ניט געוואוסט אז „בז' באדר מת משה, ובז' באדר נולד משה", אז 7 טאג אין אדר איז געשטארבען משה און 7 טאג אין אדר איז געבוירען געווארען משה, און אט דא ליגט א טיעפער געדאנק, משה איז ניט געשטארבען, משה לעבט, און וועט לעבען, כל זמן אז עס געפינט זיך נאך איין איד אין דער וועלט וועלכער לעהרענט א בלאט גמרא, א פרק משניות, א פרשה חומש, כל זמן עס געפינען זיך תלמוד תורה'ס און ישיבות ביי אידען, וואו אידישע קינדער לערנען תורה, דארט לעבט משה, ער לעבט אין דעם געדאנק, אין דער נשמה, אין דעם גייסט פון יעדען בן תורה ביי אידען, און דערפאר רופט זיך יעדער תלמיד חכם מיט דעם נאמען משה, ווי דיעזער אויסדרוק געפינט זיך אין גמרא „משה שפיר קאמרת". און אט האן ווען איהר דענקט „מת משה" אוים משה, ער לעבט ניט מעהר, פערשטעהט איהר ניט, ווייסט איהר ניט אז „נולד משה" איז גראדע ווען ער שטארבט דאן לעבט ער ווידער אויף, ער לעבט אין דער נשמה, אין דעם געדאנק, אין די הייליגסטע געפיהלען פון יעדען איד וועלכער איז צוגעבונדען צו דער תורה!

אין דערפאר דארפען מיר ניט זיין פערצווייפעלט ווען מיר זעהען ווי אידישקייט געהט אונטער, און די תורה ווערט פערגעסען, און מיר דארפען ניט, מיר טארען ניט אנווערען אונזער מוט, פערלירען האפענונג, א מאך טאן מיט'ן האנד, און באווינען דאס יודענטהום ווי מען באוויינט א טוידטען. ניין, פריינדע, דאס איז א' פערברעכען, מיר טארען ניט אויפגעבען אונזער קאמפף, מיר דארפען וויסען און געדענקען אז בז' באדר מת משה ובז' באדר נולד משה", אז יודענטהום וועט קיינמאל ניט אונטערגעהן, אז ווען יודענטהום געהט אונטער אין א געוויסע פארם, ווערט דאס יודענטהום ווידער געבוירען אין אן אנדער פארם, עס איז נאר פושט צורה ולובש צורה, אבער דער תוך, דער אינהאלט, די נשמה פון יודענטהום וועט קיין מאל ניט אונטערגעהן און אונזער תורה איז אן איביגע, אזוי ווי דער רבונו של עולם, דער נותן התורה איז אן אייביגער, און מיר דארפען ארגאניזירען אלע עהרליכע פרומע אידען פון

צאָהלען זייער יעהרליכען מחצות השקל פורים אָבענד בעפאר מען לייענט די מגילה אין שוהל.

היינט צו טאָג קען ארץ ישראל ניט נעבויט ווערען אָהן דעם אידישען שקל, אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות און אלע נויטיגע און וויכטיגע אנשטאַלטען קענען ניט עקזיסטירען אָהן געלד, אָהן דעם שקל, און יעדער איד דאַרף געבען זיין שקל היהדות. העלפען בויען דאָס יודענטהום, שטיצען די תורה, בויען ארץ ישראל. אבער געבען צו געבען איז ניט גלייך, אידען גיבען טאַקע, ניט קיין קאַלטען שקל, נאָר מיט פייער. דער שקל מוז א פייערדיגער זיין, אָבער ניט אלע ווייסען ווי אזוי מען דאַרף געבען, מען דאַרף געבען מיט הארץ און נשמה. זאָגט ר' מאיר, מטבע של אש הראה הקב"ה למשה ואמר לו כזה יתנו!!! גאָט צייגט משה'ן א מטבע פון פייער און זאָגט אָט אזוי זאָלען אידען שקלים געבען, עס זאָל זיין מטבע של אש. און דאָס מיינען אפשר אונזערע חכמים זכרונם לברכה ווען זיי זאָגען אין גאָט'ס נאָמען „באש הצתיה ובאש עתיד אני לבנותה", מיט פייער האָב איך אָנגעצונדען ירושלים און פאַרברענט דעם בית המקדש — דער פייער פון מחלוקת, פּאַרטיי קאַמפּף, שנאת חנם — ובאש עתיד אני לבנותה! און מיט די פייערדיגע שקלים וואָס אידען וועלען געבען בויען אויף ארץ ישראל. ניט קיין קאַלטע נאָר פייערדיגע שקלים, וואָס צו יעדער שקל וועט דער איד געבען א טהייל פון זיין נשמה, מיט יענעם עתיד אני לבנותה וועל איך צוריק אָפּלעבען און צוריק אויפבויען ארץ ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל!

שקלים

שקל אשא בבית נכון רם ונשא.
די ראָלע פון דעם דאָלער אין אונזער לעבען — מענשען וועלכע פערקויפען זייער נשמה פאר געלד — ווען געלד באַ־
הערשט דעם מענשען, און ווען דער מענש באַהערשט די געלד —
אַ כשר'ער און א טריפ'ער דאָלאר — דער שקל רופט צו אחדות —
געלד פאר פּאָגראָמען און געלד פאר ארץ ישראל.

דער שקל, דער דאָלאר, איז הייליג און וואָכעדיג, ריין און אומריין, ער מאַכט גליקליך און אומגליקליך, דער דאָלאר מאַכט פריינד און שונאים, ער בריינגט רוהיגקייט און אומרוהיגקייטען, עס ווענדט זיך נאָר ווי אזוי דער מענש נוצט אויס דעם שקל, דעם דאָלאר, איז דער מענש קלוג גענוג צו געבען זיין דאָלאר פאר אויפהאַלטען תלמוד תורה'ס און ישיבות, שוהלען און בתי מדרשים, צו העלפען קראַנקע, אָרימע, אומגליקליכע, צו העלפען דורך דעם דאָלאר אויפהאַלטען און שטאַרקען די תורה, דעם שבת און אלעס וואָס ביי אונז איז ליעב, הייליג און טהייער, דאַן איז דער דאָלאר, דער שקל, הייליג און בריינגט גליק צו דעם אידענס נשמה ווען אָבער מען גיט

פיטעל י"ב פסוק י"א, דברי הימים ב' כ"ד ט־טו; ירושלמי שקלים פרק ו', הלכה י').

אין די צייטען פון דעם 2טען בית המקדש איז דער מחצית השקל געוואָרען א שטענדיגע יעהרליכע אינסטיטוציע, (שקלים פרק ו', ילקוט שמעוני פ' כי תשא) און זאָגאר די אידישע גייסטליכע, די כ ה נ י ם, וועלכע זענען געווען פריי פון צו צאָהלען טעקסעס, האָבען געמוזט געבען דעם מחצית השקל, און דער כהן וועלכער האָט ניט געגעבען דעם שקל איז ער געווען פערערכענט אלס זינדיגער, אזוי זאָגט די גמרא: וכל כהן שאינו שוקל חוטא (מנחות כ"א, ט"ו) און ניט נאָר עלטערען און אלטע לייט נאָר זאָגאר א קליין קינד וועלכער איז ניט פערפליכטעט צו טאָן מצוות, אויב נאָר זיין פאָטער האָט פאַר איהם איין מאָל בעצאָהלט א מחצות השקל אזוי איז ער געווען מחויב צו צאָהלען פאַר איהם דעם שקל יעדען יאהר ביז דאָס קינד איז א גרויסער ערוואַקסענער מאַן געוואָרען און איז געווען ביכולת צו צאָהלען דעם מחצית השקל פאַר זיך אליין (שקלים, פ"א, ג'). די צייט פון געבען דעם מחצות השקל איז געווען פון דעם 1טען אדר ביז דעם 15טען אדר, און אויב ער האָט ניט באַצאָהלט אין צייט, האָט מען פון איהם א משכון גענומען (זעה אין שקלים) און אויב ער האָט ניט באַצאָהלט א גאַנצען יאהר, האָט ער געמוזט באַצאָהלען דעם קומענדען יאהר פאַר ביידע יאהרען, און דערפאַר איז געווען נ י י ע און א ל ט ע שקלים, וועלכע האָבען זיך גערופען אין גמרא „תקלין חדתין ותקלין עתיקין" (שקלים פרק י', ה', יומא נ"ה) און ווען א שטאָדט האָט געשיקט איהרע שקלים אין ירושלים און זיי זיינען פערלאָרען געגאַנגען אָדער מען האָט זיי צוגע'גנב'עט אין וועג, האָט יענע שטאָדט געדאַרפט געבען אנדערע שקלים, און אויב נאָכהער האָט זיך אָפּגעזוכט די פערלאָרענע שקלים־געלד, איז די געפונענע געלד אויך באַטראַכט געוואָרען אלס הייליגע געלד „ש ק ל ה ק ד ש", און די געלד איז אַוועק געשיקט געוואָרען נאָך ירושלים (דאָרט, פרק ב', אין בבא מציעה כ"ז).

נאָכדעם ווען דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, האָבען אידען ניט אויפגעהערט צו געבען שקלים, יעצט האָבען זיי געשיקט זייערע שקלים צו אויפהאַלטען די ישיבות פון י ב נ ה און די אידישע געלעהרטע פון יבנה און נאָכהער ווען אַספּסיינום האָט אַרויסגעגעבען זיין גזירה דאָס אידען מוזען צאָהלען א יעהרליכען שקל פאַר זיין גאָט „י ו פ י ט ע ר", האָבען דאַן אידען געצאָהלט צווי שקלים, איין שקל צו רוים פאַר'ן „יופּיטער" און דעם צווייטען שקל, אז קיינער זאָל ניט וויסען, צו אויפהאַלטען די תורה און יבנה (יוסופום, מלחמות, ס"ז פ"ו) און אין ארץ ישראל ווען די נ ש י א ו ת האָט נאָך עקזיסטירט ביי אידען, פלעגען אַרויסגעשיקט ווערען משולחים „ש ל ו ח י צ י ו ן" אין בבל און אין אלע אַנדערע לענדער צונויף קלייבען די שקלים וועלכע אידען פלעגען מנדב זיין אויף אויפצוהאַלטען די ישיבות אין ארץ ישראל (זעה ירושלמי חגיגה פרק א', הלכה ו', ביצה כ"ה) און דער מנהג פון מחצית השקל איז געבליבען אלס הייליגער מנהג ביי אידען, און אלע פרומע אידען באַ־

ניט ווי היינטינע צייטען וואו די מטבע באַזיגט און באהערשט דעם מענשען, און דערפאַר ווען דער איד גיט זיין שקל, זיין דאָלאַר, פאַר דעם בית המקדש, פאַר היילינע אונטערנעהמונגען, באַזיגט ער און באהערשט דאַן די מטבע, און זיין דאָלאַר, זיין שקל איז דאַן הייליג. עס איז א שקל הקדש, און דאָס זאָגט ר' מאיר: נטל הקדוש ברוך הוא מטבע של אש מתחת כסא הכבוד והראהו למשה ואמר לו זה יתנו (מדרש וילקוט כי תשא). גאָט האָט גע־נומען א מטבע פון פייער פון אונטער דעם כסא הכבוד, און האָט געצייגט אָט די מטבע צו משה רבינו, און האָט איהם געזאָגט, אָט דאָס זאָלען זיי געבען.

א טיפער געדאנק ליגט דאָ, ווען א איד האלט די געלד נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר זיינע קערפּערליכע פערגעניגענס, אזאַ דאָלאַר איז טריף, אזאַ דאָלאַר האָט ניט אין זיך קיין הייליגען פייער, וועלכער לייכט און ווארימט, אזאַ דאָלאַר האָט ניט קיין פּלאַץ ביים כסא הכבוד, די עהרען שטול וואו די גאָטהייט זיצט, דער מקור פון קדושה, גאָט אבער האָט גענומען א היילינע מטבע פון פייער, פייער איז דער סימבאָל פון קדושה, פון הייליגקייט, אזוי ווי די מלאכים זיינען משרתיו אש, פייערדיג, און ווען משה רבינו האָט געזעהן א געטליכע ערשיינונג וועלכע האָט מרמז געווען אז אידען וועלען קיין מאָל ניט אונטערגעהן, האָט ער געזעהן „הסנה בוער באש" דער דאָרן בוים ברענט אין פייער און ווערט ניט פארברענט, דאָס מיינט אז דער אידישער פאָלק וועט קיין מאָל ניט אונטערגעהן, האָט ער געזעהן אש, פייער, וועלכער איז דער סימבאָל פון קדושה, און ווען אידען פלעגען מקריב זיין קרבנות, פלעגט קומען א פייער פון הימעל און עסען די קרבנות... ביי קבלת התורה האָט דער רבונו של עולם ערשיענען מיט פייער, ווען דער רבונו של עולם וועט פּראָטעקטען ירושלים וועט דאָס זיין מיט פייער ואני אהיה לה נאום ה' חומת אש סביב. אויף דעם מזבח האָט אימער געמוזט פייער ברענען. „אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה", אויף דעם רבונו של עולם זאָגט די תורה, איז ער בביכול פייער, כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא". ווען אידען זיינען געגאַנגען אין דער מדבר האָבען אלע פעלקער פון דער וועלט געזאָגט, דער גאָט פון די אידען נוצט נאָר פייער. „אלה של אלו כל תשמישו אינו אלא באש" (מ"ר דברים פ"ז). די שכינה איז פייער וואָס ברענט (ילקוט מלכים רי"ו) דאָס אידישע פאָלק איז פול מיט פייער, והיה בית יעקב אש, נעהמט און לייענט די לעבענס-געשיכטע פון אברהם אבינו ביי דער עקידה פון אליהו הנביא, פון חנניה מישאל ועזריה פון אלע קדושים ביי אידען, וועט איהר דאַן וויסען וואָס פאַר א וויכטיגע און היילינע ראָליע דער פייער שפּיעלט אין דעם רעליגיעזען הייליגען לעבען. אונזערע חכמים זאָגען „ישראל נמשלו כאש" (ילקוט שמות") אידען זיינען געגליכען צו פייער. מלאכים, געטליכע מלאכים זיינען פייער, דער תהלים זאָגט „עושה מלאכיו רוחות, משרתיו אש לוהט" (תהלים ק"ד) און דער זוהר הקדוש רעכענט אוים פיעלע מדרגות אין פייער, און גיט אן אפּשאַצונג ווענען „אשא דלעילא" דער העכערער פייער (זעה דעם זוהר צו, כ"ז ע"א, ע"ב, ע"ס, שלח קס"ו ע"ב), און עס איז

דעם דאָלאַר אויף זאַכען וועלכע ברעכען חס ושלום אידישקייט, ווען מען ווערט צוליב דעם דאָלאַר א מחלל שבת, א טרפות עסער; א טרפות פאַרקויפער, א גנב, א גזלן, מען נאַרט אָפּ יענעם, מען שווערט אויף פאַלש, מען נאַרט מענשען, מען נאַרט זיך אַליין, מען פערקויפט די נשמה צוליעב דעם דאָלאַר, דאַן איז דער דאָלאַר אַן אומגליק, דאַן איז ער א געפאַהר, א גרויסע סכנה פאַר אונז.

אונזערע חכמים זכרונם לברכה דערצעהלען אונז, „כד דמך ר' נחום איש קודש קדשים, חפון אפוי אונקתא מחלצתא ולמה קורין אותי נחום איש קדוש קדשים? שלא הביט צ ו ר ת מ ט ב ע כל ימיו (מדרש רבה קהלת, פ"ט) געלד מוז מען האָבען, אָהן געלד קען מען ניט לעבען ביי היינטיגע צייטען, די „מ ט ב ע" איז נויטיג און זעהר וויכטיג, אבער פערקויפען דעם אייגענעם „איך" צוליב דער מ ט ב ע, פערקויפען די נשמה צוליב דער מטבע, פערקויפען דעם שבת צוליב דער מ ט ב ע, דאָס טאָר מען ניט.

דער מדרש דערצעהלט אז ווען ר' נחום איש קודש קדשים איז אוועק פון דער וועלט, האָט זיך אָפּגעמעקט די צורה פון דער מטבע... און — מען האָט איהם גערופען נחום דער הייליגסטער פון אַלע הייליגסטע, נחום איש קודש קדשים, ווייל ער האָט קיין מאָל ניט געקוקט אויף דער צ ו ר ה פון א מטבע.

אַ מטבע איז וויכטיג, אָבער א מ ט ב ע וועלכע האָט אריינגענומען אין זיך די צ ו ר ה פון א מענשען, דאָס מיינט א מענש האָט זיך פערקויפט צו דער מטבע, האָט פערקויפט אַלעס וואָס ביי איהם איז הייליג און טהייער צוליב די מטבע, אזא מטבע איז א געפאַהר, און ר' נחום איש קודש קדשים לא הביט צ ו ר ת מ ט ב ע, ער האָט גאָר ניט געוואָלט א קוק טאָן אפילו אויף א מטבע וואָס האָט אין זיך די מענשליכע צורה, וואו דער מענש האָט אָנ־געוואוירען זיין ריכטיגע צורה און האָט דאָס פאַרקויפט פאַר דער מטבע, אזוי אז די מטבע האָט די ריכטיגע צורה, און דער מענש האָט ניט קיין צורה, האָט ניט קיין ריכטיגען פּנים...

און ווען ר' נחום, וועלכער איז געווען א הייליגער מאַן, איש קדשי קדשים ווען ער איז אוועק פון דער וועלט, האָט מען, ווי געוועהנליך, אויף איהם גרויסע הספדים געמאַכט און די ספרנים האָבען אַלע דערצעהלט פאַר'ן פאָלק ווי אזוי ר' נחום דער הייליגער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דער מטבע, ווי אזוי די מטבע האָט ביי איהם קיין ראָליע ניט געשפּיעלט, האָבען זייערע שאַרפע ווער־טער געמאַכט א שטאַרקען און טיעפען איינדרוק אויף די אַלע צוהערער, און דאָס האָט געווירקט אויף זיי אז קיינער פון זיי האָט זיין צורה, זיין מענשליכ־קייט, ניט פאַרקויפט צוליב דער מטבע, צוליב געלד, און דאָס איז די וואונדער־באַרע שעהנע מליצה אז ווען ר' נחום איש קדוש קדשים איז אוועק פון דער וועלט, האָבען זיך אָפּגעמעקט אַלע צורות פון דער מטבע, מען האָט ניט געזעהן קיין צ ו ר ת מטבע, נאָר די מטבע איז געוואָרען אן איינפאַכע מטבע, אָהן מענשליכע צורות, אָהן מענשליכע נשמות. דער מענש האָט באַזיגט די מטבע,

שקלים צו בויען דאס אידישע הייליגקייט, און צו בויען א הייליגע ארץ ישראל, און דאן וועלען די אידישע שקלים אריינפאלען אין בית המקדש, דאן „שקל אשא בבית נכון רם ונשא.“

דער וואס איז בעקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע, יענער ווייס, אז די געלד וואס מיר אידען האבען אוועקגעגעבען פאר די לעצטע צוויי טויזענד יאהר איז גלות צו אונזערע בלוטיגע שונאים, אום זיי זאלען אונזער בלוט ניט פערגיסען, אום זיי זאלען ניט קוילען אונזערע קליינע קינדער; די געלד וואס מיר האבען געגעבען אויף צו העלפען פאגראמירטע אידישע קהלות, די געלד פון „רעליעף“; ווען מיר האבען יעצט אט די פיעלע מיליאָנען, וואס מיר האבען בעצאהלט דעם גלות, וואלטען מיר געקענט מיט יענע מיליאָנען, וועלכע זענען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון אונזערע בלוטיגע שונאים, די שונאים וועלכע ווילען טאנצען אויף אונזערע קברים; ווען מיר האבען יעצט אַט יענע מיליאָנען, האבען מיר געקענט מיט יענע געלדער זעהר לייכט אויפבויען ארץ ישראל, גרינדען די גרעסטע תלמוד תורה׳ס און ישיבות אין דער וועלט, באַשיצען כשרות ביי אידען; מיר וואלטען געקענט מיט יענע געלדער אָפּלעבען אידען און אידישקייט. דער אומגליק אבער איז, אז ווען המן, המן אונזער שונא, המן הרשע, ווען ער דאַרף עשרת אלפים ככר כסף, פטור צו ווערען פון אידען, ווערט די געלד באלד געשאפען, און געשאפען ווערען זיי פון אידען: מען מאכט אויף זיי א פאגראם, מען צוראבירט זייער האב און גוטס, און דורך דעם גאראנטירט המן אז „עשרת אלפים ככר כסף אשקול להביא אל גנזי המלך“, 10 טויזענד ככר כסף, אן אייגענס מיט געלד, וועט דורך דער שחיטה אויף אידען אריינקומען אין די גנזי המלך, אין דער טרעזשורי פון אחשירות. און אז מען בעט ביי אונז „עשרת אלפים ככר כסף“ אויפצובויען אונזער לאנד, צו פערשטארקען דאס יודענטהום — אויף דערויף איז זעהר שווער צו קריגען געלד. פאר המן׳ען גיט מען געלד, פאר רייך מאכען אונזערע שונאים האבען מיר געלד, פאר בויען דעם בית המקדש האבען מיר ניט, און דאס זאגט די גמרא: „אמר רבי שמעון בן לקיש, גלוי וידוע לפני הקדוש ברוך הוא שעתיד המן הרשע לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקליו“ (מגילה דף י״ג). דער רבונו של עולם ווייס גאנץ גוט, אז המן וועט פאדערען שקלים פון אידען, דערפאר האט ער פארכאפט אז די אידען זאלען געבען שקלים פאר׳ן בית המקדש, וועלען זיי איינשפארען צו געבען שקלים פאַר אונזערע שונאים, פאר המן׳ען.

לאמיר איצט אלע געבען אונזערע שקלים פאר אידישע ערציהונג, פאר צדקה, פאר ארץ ישראל, פאר פארשטארקען יודענטהום, וועלען מיר דאן זוכה זיין צו געבען געלד פאר אונז, און ניט פאר די שונאי ישראל, דאן וועט זיין ווי מיר האבען היינט געזאגט אין די יוצרות פון היינטיגען שבת:

שקל אשא בבית נכון רם ונשא.

אמן! ואמן!

דא אש אוכלת אש. פייער וואס עסט אויף א צווייטען פייער. זאגט דער זוהר חדש און די תקונים (ק"ו עמוד ע"א) איש אוכלת אש, אשא דאורייתא דאכלא אשא נוכראה" דער פייער פון דער תורה עסט אויף פרעמדע פייערען... די תורה איז פייער, זי איז געגעבען געווארען מיט פייער, און די תורה איז געגליכען געווארען צו פייער און א איד דארף זיך ווארימען קעגען דעם פייער פון דער תורה, ווען ניט קען ער פארפרווירען ווערען. אזוי זאגט דער מכילתא (פ' יתרו) און זעה וועגען דעם מעהר און גרינד־ליכער אין (יומא כ"א, ברכות נ"ב, פסחים ע"ה, סנהדרין ק"ח, דברים רבה פ"ג, מדרש שמואל פ"ט).

אלזא, רבותי, זעהט איהר דאך אז פייער איז דער ביישפיעל, דער סימבאל פון קדושה, פון הייליגקייט. און דאס איז די כונה פון דער מליצה אז גאט האט גענומען מטבע של אש, דאס מיינט א הייליגע מטבע. וואס דער פלאץ פון דער מטבע איז „מתחת כסא הכבוד", די הייליגע מטבע געפינט זיך אין דעם פלאץ פון קדושה און האט געציינט די הייליגע מטבע צו משה רבינו, און האט איהם געזאגט. כזה — די מטבע פון דעם אידען וועט נאר דאן זיין הייליג, אזוי ווי די מטבע וועלכע איך ציינ דיר יעצט, די כסא הכבוד מטבע, ווען — יתנו! ווען אידען וועלען געבען געלד.

דער דאלער, דער שקל, וועלכען מען האלט נאר פאר זיך, איז ער ניט כשר און ניט הייליג. דער שקל אבער וועלכען מען גיט פאר אידישקייט, ווען נאר יתנו איז כזה, ווען נאר מען גיט געלד פאר אידישקייט, פאר צדקה, איז ער א הייליגער דאלאר, א שקל הקודש.

דער דאלאר איז זעהר נידעריג ווען מען ברויכט איהם ניט פאר א הייליגען צוועק; ווען מען גיט אבער דעם דאלאר פאר בויען דאס יודענטהום, דאן הויבט מען אויף דעם דאלאר צו א הויכער מדרגה, און דאס זאגען מיר אין די יוצרות פון שבת פרשת שקלים: שקל אשא, דעם שקל וועט איך אויפהויבען, אויפהויבען צו א הויכער מדרגה, צו א מטבע של אש, צו קדושה, ווען איך וועל איהם געבען בבית נכון, אין די ריכטיגע הויז, אין בית המקדש, אין תלמוד תורה, אין דער ישיבה, און דאן וועט דער שקל זיין רם ונשא, ער וועט ערהויבען ווערען אין דער העכסטער מדרגה פון קדושה.

דער שקל איז מרמז — זאגען ספרים — אויף אחדות. מען דארף געבען ניט קיין גאנצען שקל, נור א האלבען, א מחצית השקל, צו צייגען אז יעדער איד פאר זיך אליין איז נור א העלפט, ניט קיין גאנצער איד, נור דאן ווען ער פעראייניגט זיך מיט דעם כלל ישראל ווערט ער גאנץ, און דאס זאגען די חז"ל, אז דער שקל קומט מכפר זיין אויף די ברידער וועלכע האבען פערקויפט זייער ברודער יוסף, „על שמכרו בכורה של רחל" (ירושלמי שקלים, פ"ב, ילקוט), דארט וואו א ברודער פערקויפט א ברודער, דארט וואו עס הערשט שנאת חנם, פרוד לבבות, קומט דער שקל מכפר זיין און ער רופט צו אחדות. דאס אלע אידען זאלען זיך פעראייניגען און נעבען זייערע

גהעטאָ, וגונב נ פ ש ו ת מישראל, און פלעגט מיט זיין אנטי־רעליגיאָן אגי־טאַציאָן, מיט זיין גאָטלאָזיגקייט, צו'גנב'נען נ פ ש ו ת מישראל, ניט קיין געלד און ניט קיין אידישע קערפערס, נאָר נ פ ש ו ת מישראל. ער פלעגט צו'גנב'נען אידישע נפשות, אידישע נשמה'לעך, וועלכע פלעגען זיך דערוויי־טערען פון גאָט און פון אידען און פלעגען אריינגעשלעפּט ווערען אין דעם עמלק לאַגער, ווייסט איהר אָבער וואָס איז געוואָרען פון יענע אומגליקליכע עמלק נשמות? ו ה ו ר ג ן ! ! עמלק פלעגט יענע נשמות דער'הרג'נען, זיי פלעגען ווערען ט ו י ד ט ע נ ש מ ו ת.

און מיר געפינען אין מדרש אין מכילתא א וואונדערבאַרען מאמר וועלכער עפענט אונזערע אויגען און צייגט אונז דייטליך אז די גאַנצע מלחמה מיט עמלק איז א מלחמה פון ח ז ו ק ה ד ת. און עמלק איז דער סימבאָל פון דעם יעניגען וועלכער וויל חרוב מאַכען די אידישע רעליגיאָן און דערפאַר מוז מען איהם און זיין טריפ'ען גייסט אַפּמעקען פון דער וועלט. ר' יהושע זאָגט, ווען עמלק איז געקומען צוצונעהמען די אידען פון זייער גאָט, האָט משה רבינו גע־טענה'ט צו גאָט: רבונו של עולם, אָט דער רשע איז געקומען צו מאַכען פער־לירען דיינע קינדער פון דיר, דיינע קינדער וועלען בלייבען אָהן דיר, זיי וועלען ווערען גאָטלאָז, ווער וועט דאַן לעהרנען אין דער ספר תורה וועלכע דו האָסט זיי געגעבען? ! אָט הערט איצט דעם לשון פון דער מכילתא, „כשבא עמלק להזיק את ישראל מ ת ח ת כ נ פ י א ב י ה ם ש ב ש מ י ם, אמר משה: רבוש"ע! ר ש ע ז ה ב א ל א ב ד ב נ י ך מ ת ח ת כ נ פ י ך, ס פ ר ת ו ר ה ש נ ת ת ל ה ם מ י י ק ר א ב ו"? (שם).

ווייל די גרעסטע געפאַהר ליגט אין דעם עמלק גיפט בנוגע צו אונזערע יונגע קינדער, דער צוקינפטיגער אידישער דור, פאַר זיי ווערט געעפענט „ר א־ ד י ק א ל ע ע מ ל ק ש ו ה ל ע ס" וואו מען מאַכט יום כפור בעללער, און מען רייסט אַרויס פון די צאַרטע יונגע קינדערשע נשמה'לעך דעם לעבע־דיגען אידישען גאָט, מען גנב'עט צו די „נפשות מישראל" והורגן... א אידישער קינד וועלכער ווערט ערצויגען אָהן גאָט אין האַרצען, ווערט ער אויפגעהאָדעוועט און וואַקסט אויס אָהן א האַרץ מיט א קראַנקע צוריסענע און צעוועהטאָגטע נשמה! און קען קיין מאָל ניט זיין אמת גליקליך!!

און דערפאַר זאָגט די תורה מלחמה ל ה ' בעמלק, די מלחמה מיט אַן עמלק'ן איז א רעליגיעזע, א געטליכע, און זי דאַרף אָנגעפיהרט ווערען מ ד ו ר ד ו ר, פון דעם עלטערען דור צום יונגען דור, דאָס איז א מלחמה פון דורות, פון אַלט און יונג, פון עלטערען און קינדער, דיזע מלחמת דאַרף אָנגעפיהרט ווערען אין אונזערע תלמוד תורה'ס, אין ישיבות, און געווינען די מלחמה קענען נאָר די תינוקות של בית רבן, אונזערע קליינע יונגע קינדער וועלכע שטודירען און לעהרנען גאָט'ס תורה, און אונזער ערשטע ארבייט דאַרף זיין ווען מיר וועלען צוריק אויפבויען ארץ ישראל די ארבייט פון א גוטע אידישע ערציהונג. ר' יוסי זאָגט טאַקי, ש ל ש מ צ ו ת נ צ ט ו ו ן י ש ר א ל ב כ נ י ס ת ן ל א ר ץ, ל ה ע מ ו ד ל ה ם מ ל ך, ו ל ה כ ר י ת ז ר ע ו ש ל

פרשת זכור

עמלק און זיין בעדייטונג — דער עמלק גייסט — אונזערע נחשלים — דער וואַלקען און די אידישע נשמה — לעבעדיגע און טוידטע נשמות — די מלחמה פאַר חזוק הדת — די ראַדיקאַלע עמלק שוהלעס — די זרעו של עמלק — עמלק אין אונזערע אַנשטאַלטען אין קהל'שען לעבען — אונזערע כלל טוער — משה רבינו'ס שטיין — אהרן און חור.

היינטיגען שבת לייענען מיר אין דער תורה די פרשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק, געדענק וואס עמלק האט דיר געטהאן ווען דו ביזט ארויס פון מצרים, ווי שרעקליך ער האט דיך פערפאָלגט, און דערפאר ווען גאָט וועט דיך לאָזען רוהען און דו וועסט זיך פעסט באַזעצען אין דיין לאַנד, אין ארץ ישראל, זאָלסטו אַפּמעקען פון דער וועלט דעם אנדענקונג פון עמלק. עס זאָל אַפּגעמעקט ווערען זיין נאָמען און זיין אנדענקונג, און דערפאר לייענען מיר יעדען יאהר די פרשה וועגען עמלק בעפאר פורים. כדי דערמאָהנען זיך אין אונזערע קינדער אויף אונזער שרעקליכען געפעהרליכען שונא ע מ ל ק וואס פון איהם איז ארויסגעקומען המן הרשע וועלכער האט געוואָלט אומברייננגען פון דער וועלט אלע אידען.

און דער עמלק גייסט איז נאָך געבליבען ביז היינטיגען טאָג, און די מלחמה האָט ניט אויפגעהערט, די מלחמה מיט עמלק טאָר ניט אויפהערען, ווייל עמלק — זאָגט דער מדרש — האָט געוואָלט קעמפפען מיט דער אידישער אמונה, מיט גאָט, נ ת ג א ה ע ל ה ק ד ו ש ב ר ו ך ה ו א ב ח ר ו פ י ו ו ג ד ו פ י ו (במדבר רבה, פרשה י"ג) און די תורה זאָגט ו י ז נ ב ב ך כ ל ה נ ח ש ל י ם א ח ר י ך, די וואס זיינען שטארק אין אמונה יענע קען עמלק'ס גייסט ניט שאדען, אבער די נ ח ש ל י ם, די שוואַכזיניגע וועלכע האבען ניט קיין פעסטע אייגענע מיינונגען, איבערצייגונגען, א וועלט־אנשויאונג, נאָר וועלכע קענען לייכט בעאיינפלוסט ווערען פון אגיטאטאָרס און פראָפּאַגאנדיסטען מכל המינים, אָט די „נחשלים" וועמעס צאָהל איז אונגעהייער גרויס, אָט זיי נעהמט צו עמלק פון אידישען גלויבען און פון אידישען פאָלק.

און דאס איז דער טיעפער געדאנק פון אונזערע חז"ל ש ה י ה ע מ ל ק נ כ נ ס ת ח ת כ נ פ י ע נ ן ו ג ו נ ב נ פ ש ו ת מ י ש ר א ל ו ה ו ר ג ן (מכילתא פ' ישרה, פסיקתאי) ווען דער איד געפינט זיך אונטער די פליגלען פון דעם ע נ ן איז ער געראטעוועט, דער וואָלקען באגלייט דעם אידען זיין גאנצען לעבען, און דוקא ביי טאָג, ווען אלעס איז פאר אלעמען אזוי ליכטיג איז ביים אידען דער וואלקען זיין פיהרער און זיין וועגווייזער, אזוי זאָגט די תורה „ע נ ן י ו מ ם", און אזוי דערצעהלט אונז די אידישע געשיכטע, און דאס צייגט אונז יעדער טאָג די ווירקליכקייט פון לעבען, דער וואָלקען און דער איד זיינען ענג פערקניפּט און געבונדען צוזאמען, און דארט וואו דער איד פערלאָזט דעם וואָלקען, פערלאָזט ער דאס אידישע פאָלק, די מחנה ישראל און אויך די מחנה שכינה און געהט אוועק צו עמלק'ען. עמלק — זאָגט דער מכילתא — פלעגט אריינקריכען אין וואָלקען, אין דער אידישער

ביד בניה של רחל עשו נופל! ווילען מיר נעבען אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג, ווילען מיר צוגרייטען א דור פון גאנצע אידען, א דור פון קעמפפער, פון גבורי ישראל, מוזען מיר א גוטע אידישע ערציהונג געבען צו אונזערע טעכטער, די טעכטער — זיי זענען די צוקינפטיגע אידישע מו־טערס, זיי דארפען דאך ערציהען אונזערע רבנים, גאונים, צדיקים, און קדושים. ווען די יתגע אידישע טאכטער וועט ניט געניסען א גוטע אידישע ערציהונג, וועט זי דאך איהרע קינדער ניט ערציהען אלס אידען, און דאן זענען מיר פארלארען. מיר דארפען ערציהען טעכטער ווי רחל, וואס איהר זוהן איז א יוסף הצדיק און וואס פון איהר שטאמט יהושע, וועלכער איז געגאנגען באקעמפפען עמלק'ען, און עשו, דער סימבאל פון גוי'עשקייט, וועט פאלען דורך רחל'ס קינדער...

זכור! געדענק! מיר דארפען געדענקען אונזערע גבורים, צדיקים, און קדושים, און מיר דארפען אויך געדענקען די עמלק'ס, די המנ'ס, און אלע אנ־דערע רשעים. די צדיקים דארף מען געדענקען צו גוטעס, בענשען זייער נאמען, און לעהרנען זיך פון זייערע מעשים, און די רשעים דארף מען געדענקען צו שלעכטעס, און ניט טאן זייערע מעשים. ווען גאט האט געזאגט צו משה'ן: כתוב זאת זכרון בספר, מען זאל פארשרייבען אין דער ספר תורה פאר אן אייביגען אנדענקונג די געשיכטע פון עמלק, האט משה געזאגט צו גאט: רבונו של עולם! הצדיקים כתוב בהם זכרון? אמר ליה הקדוש ברוך הוא, חייך, זכרונם של צדיקים כדי ליתן להם מתן שכרן לעתיד לבא, וזכרונם של רשעים, כדי ליפרע מהם ולמחות את שמם" (פסוקתא, שם), משה רבינו וואונ־דערט זיך ווארום הייסט איהם גאט אז מען זאל געדענקען עמלק'ען? געדענקען דארף מען א צדיק, אבער ניט א רשע! ערקלעהרט איהם גאט ברוך הוא אז מען דארף ביידען געדענקען, די צדיקים — כדי צו באצאהלען זיי פאר זייער גוטס־קייט אין דער צוקינפטיגער וועלט, און די רשעים דארף מען געדענקען, אפצו־מעקען זייער נאמען. מען דארף דעם רשע אויך געדענקען, זכור את אשר עשה לך עמלק, געדענק עמלק'ן, אבער אז אך און וועה אזא געדענקען, ווייל — ימח שמו, ונמח זכורו!... מען דארף געדענקען אפצומעקען זיין נאמען, און זיין אנדענקונג פון דער וועלט (פרקי דר"א, פ' מ"ה, ומדרש תנחומא, תצא).

ווען דער עמלק־גייסט איז ווייט פון אונז, ניט אין אונזער לאגער, איז די געפאהר ניט אזוי גרויס; אבער שרעקליך און געפעהרליך איז, ווען עמלק ווערט פרעזידענט אין אונזערע אנשטאלטען, ווערט א מאכער אין אונזערע שוהלען, דאן איז די סכנה פאר'ן יודענטהום שרעקליך גרויס, און דאן מוז ער באקעמפפט ווערען מיט אלע אונזערע פעראייניגטע כחות. „צא הלחם בעמלק, מכאן אתה למד שהיה תחת ענני הכבוד, שאין אומרים צא אלא למי שהוא שרוי בפנים (שמות רבה פ' כ"ו). ווען מיר זאגען הלחם בעמלק, קעמפף מיט עמלק, דארף באשטעהן אונזער קאמפף וואס מיר דארפען זאגען צו דעם עמלק, וועלכער האט זיך אריינגעכאפט אין אונזער לאגער, דארפען מיר

עמלק, ולבנות להם בית הבחירה. אלזא די הויפט אר־בייט אין ארץ ישראל וועט דארפען זיין להכרית זרעו של עמלק. עמלק קינדער טארען אויף דער וועלט ניט זיין! די אידישע ערצי־הונג וועט זיין די הויפט פראבלעם! להכרית „זרעו" של עמלק!... און ווען מיר זעהען וואס די אידישע קאמוניסטען און די באלשעוויקעס טוען אין רוס־לאנד, ווי זייער גאנצער ביטערער קאמפף איז צו פערפאלגען די אידישע אמונה, דאן פערשטעהען מיר די וויכטיגקייט פון דער מצוה להכרית זרעו של עמלק, אט די אידישע באלשעוויקעס זיינען די אמת'ע „זרעו של עמלק" וועלכע זיינען דער גרעסטער אומגליק פאר אידען און יודענטהום און ווערען שותפים מיט המן הרשע!... און דאס זאגט ר' לוי, כל זמן שזרעו של עמלק בעולם לא השם שלם ולא הכסא שלם, אבד זרעו של עמלק השם שלם והכסא שלם (מ"ת תצא, ילקוט תהלים רמ"ג), גאט'ס נאמען און גאט'ס פיהרען די וועלט וואס דאס איז דער סימבאל פון „כסא" אין העברעאיש, וואס עס מיינט, הנהגה, פיהרערשאפט, מענערזשמענט, קען ניט זיין גאנץ, סיידען אז עס וועלען אונ־טערגעהן די עמלק קינדער, די זרעו של עמלק.

לאמיר געבען אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציהונג און מיר וועלען דאן ניט דארפען מורא האבען פאר דעם עמלק גייסט, און מיר וועלען זוכה זיין בנחמת ציון וירושלים, אמן!

לפרשת זכור

די מלחמה מיט עמלק — אידישע ערציהונג — די אידישע מוטערס און די אידישע טעכטער — דער עמלק אין אונזערע אנשטאלטען אין קהל'שען לעבען — מארך־אידען און הארץ־אידען — אונזערע כלל טהוער — משה רבינו'ס שטיין — זווי־נע מיטארבייטער אהרן און חור.

זכור את אשר עשה לך עמלק! געדענק, וואס עמלק האט דיר געטאהן! צו פארטיליגען, צו ברעכען, פערניכטען דעם גייסט פון עמלק, דאס דארף זיין אונזער הייליגע פפליכט. און ווען מיר פיהלען דאס דער עמלק־גייסט כאפט זיך אריין אין אונזער אידישען לאגער, אין אונזערע אנשטאלטען, אין אונזער הויז, דאן מוזען מיר איהם באקעמפפען מיט אלע אונזערע כחות.

דער איינציגער וועג ווי אזוי פטור צו ווערען פון דעם עמלק־גייסט, איז דורך א גוטע, גרינדליכע אידישע ערציהונג, דורך חנוך הבנים! „זכור את אשר עשה לך עמלק, ר"פ בשם רבי שמעון בן גמליאל אומר מסורת אגדה היא ביד בניה של רחל עשו נופל, לכך אמר משה ליהושע בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק, מפני שהוא משבט יוסף" (מ"ר, שם), עשו וועט קריגען זיין מפלה — זאגט דער מדרש — דורך די הענד פון רחל'ס קינדער. דערפאר האט משה געזאגט ניט צו קיין אנדערען, נור צו יהושע'ן, קלייב אויס פאר אונז מענשען און געה האב מלחמה מיט עמלק'ן, ווייל יהושע שטאמט פון שבט יוסף, רחל'ס זוהן, דערפאר דארף יהושע געהן קעמפפען מיט עמלק'ן.

אמר משה: הואיל וישראל שרוים בצער, אף אני אהיה עמהם בצער, וכל המצער עצמו עם הצבור, זוכה ורואה בנחמת צבור" (תענית י"א עמוד א').

„ווען אידען זענען אין צער, און איינער פון זיי געהט אוועק פון זיי, ער לאזט זיי איבער אליין, קומען צוויי מלאכים, לייגען ארויף זייערע הענד אויפ'ן קאפ און זאגען: יענער איז אוועק פון קהל, זאל ער ניט זעהן אין דעם טרייסט פון דעם קהל, ווען דער עולם איז אין צער — זאגט די גמרא זאל א מענש ניט זאגען, וואס ארט מיך אז זיי איז ניט גוט, איך וועל געהן אהיים, איך וועל עסען, איך וועל טרינקען, און מיר וועט זיין גוט. ניין, דאס טאר מען ניט, נור מען דארף זיך מצער זיין צוזאמען מיט דעם קהל. און אט אזוי האט געטאן משה רבינו. ווען ער האט ניט געהאט אויף וואס צו זעצען זיך, האט ער זיך געהייסען דערלאנגען א שטיין, און משה האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם שטיין. פרעגט די גמרא: האט דען משה ניט געהאט א קישען אויף וואס צו זעצען זיך, ווארום האט ער גענומען א שטיין?! ענטפערט די גמרא, אז משה רבינו האט אזוי געזאגט: אידען זענען יעצט אין גרויס צער, וועל איך אויך זיין מיט זיי א שותף אין זייער צער, אויב צו זעצען זיך איז ניט אויף א ווייכע קישען, נור אויף א הארטען שטיין, און דער וואס איז זיך מצער מיט דעם עולם וועט זוכה זיין און וועט דערלעבען צו פרעהען זיך מיט דעם עולם.

וואלטען מיר פערמאגט פיעל אידען וואס דער צער האומה, דער שמערץ פון דאס אידישע פאלק איז זייער שמערץ, דער אידישער וועהטאג איז זייער וועהטאג, וואלטען מיר ניט געהאט אזא הפקרות אויף דעם פעלד פון חנוך, פון שבת, פון כשרות, פון צדקה. אונזער אומגליק איז וואס יעדער האט צו טאן נור מיט זיך, פאר'ן פאלק, פאר'ן יודענטהום ארט זיי ניט, זיי זעהען ניט, און זיי ווילען ניט זעהן דעם שטיין, אויף וועלכען משה רבינו איז געזעסען... זיי ווילען ניט פיהלען דעם אידישען קרעכץ, דעם אידישען וועה־טאג, און דערפאר זיינען זיי אזוי פרעמד פון אונז, און טאקי דערפאר זיינען זיי ברוגז מיט גאט, זיי דאנקען איהם ניט, זיי לויבען איהם ניט, ווייל זייער לעבען איז א פוסטער, ליידיגער לעבען. זאגט די גמרא: הרואה אבן שישב עליה משה בשעה שעשה יהושע מלחמה בעמלק, צריך שיתן שבח והודאה לפני המקום (ברכות נ"ד ע"ו).

דער יעניגער וואס זעהט דעם שטיין, אויף וועלכען משה איז געזעסען ווען ער האט מלחמה געהאלטען מיט עמלק'ען, יענער דארף ווירקליך דאנקען און לויבען גאט.

דער וואס זעהט?! וויפיעל אבער זעהען דאס? געצעהלטע! די גרויסע מאיאריטעט דערזעהט דעם שטיין און די קלענסטע שטיינדעלעך, וואס לייגען זיך אוועק אין זייער אייגענעם געוועהנליכען אלטעגליכען לעבען, זיי זעהען אבער ניט, און ווילען ניט זעהען דעם אבן שישב עליה משה, דעם שטיין פון משה'ן... זיי נעהמען ניט אנטהייל אין דעם קרעכץ פון אידישען

איהם ארויסיאגנז מיט דעם געשריי צא! ארויס פון דאנען!! ארויס פון אונזערע שוהלען! ארויס פון אונזערע אידישע אנשטאלטען! צא! ארויס! דאס איז דער פראגראם פון הלחם בעמלק. און — זאגט דער מדרש — מען זאגט ניט צא, געה ארויס, נור צו דעם וועלכער געפינט זיך אינוועניג, אין אומרים צא אלא למי שהוא שרוי בפנים.

און פון א שלעכטער ערציהונג ווערט אן עמלק בעשאפען, אזוי זאגט דער מדרש: „פעולת צדיק לחיים — זה אליפז שגדל בחיקו של יצחק, ותבואת רשע לחטאת — זה עמלק, שגדל בחיקו של עשו (מ"ר דברים, פ"ב). אליפז איז אויסגעוואקסען אן אנשטענדיגער מענש,ווייל ער האט זיך ערצויגען ביי יצחק אבינו, און עמלק איז אויסגעוואקסען א געפעהרליכער רשע, ווייל ער האט זיך אויסגעהאדעוועט אין דעם שוים פון עשו'ן!...

און ווילען מיר ערציהען א נייעם דור, וועלכער זאל זיין פעהיג צו באַקעמפפען דעם עמלק־גייסט, אזוי מיז מען ארגאניזירען די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער אין אזא וועג, דאס ניט נור זייער שכל, זייער מארך צו ענטוויקלען, ניט נור זיי זאלען לעהרנען טרוקענע למודים, נור מען זאל זיי דורך די למודים ערציהען אלס צוקינפטיגע פייערדיגע אידען, ניט נור מארך־אידען זאלען זיי זיין, נור אויך הארץ־אידען, די הארץ זייערע זאל זיין א ווארעמע אידישע הארץ. די גמרא זאגט טאקי אויף דעם פסוק והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל, וכאשר יניח ידו וגבר עמלק, ווען משה האט אויפגעהויבען זיין האנד הויך, האט דער איד געשטארקט זיך אויף זיין שונא דער עמלק, און ווען משה האט אראפגעלאזען זיין האנד, האט זיך געשטארקט עמלק. פרעגט די גמרא: קענען משה'ס הענט ברעכען מלחמות און טאן מלחמות? וואס דען, כל זמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדים את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברים, ואם לאו היו נופלים (ראש השנה כ"ט עמוד א'), ווען אידען האבען געקוקט אין דער הויך, צום הימעל, צו גאט, און האבען אוועקגענעבען זייער הארץ צום פאטער אין הימעל, האבען זיי באַקעמפפט עמלק'ן, און ווען די הארץ איז ניט צו גאט, האבען זיי א מפלה געהאט. דער עיקר איז, די הארץ, די אידישע הארץ!

און ווען מיר לייענען היינט וועגען די מלחמה פון משה מיט עמלק'ען און מיר טראכטען זיך גוט אריין אין דיזער פאסירונג, דאן לעהרנען מיר ווי וויכטיג עס איז פאר יעדען אידען צו ארביימען פאר'ן כלל, צו זיין א גוטער כלל־טהוער, וועלכער זאל ארבייטען פאר'ן כלל לשם שמים, און דאס זאגט אונז די גמרא: — "תנו רבנן, בזמן שישראל שרוין בצער, ופירש אחד מהן, באין מלאכי השרת שמלוין לו לאדם, ומניחין לו ידיהם על ראשו, ואומרים: פלוני זה שפורש מן הצבור, אל יראה בנחמת צבור, ותניא אידך, בזמן שהצבור שרוי בצער, אל יאמר אדם אלך לביתי ואוכל ואשתה שלום עליך נפשי וכו' אלא יצער עצמו עם הצבור, שכן מצינו במשה רבינו, שנאמר: וידי משה כבדים, ויקחו אבן וישומו תחתיו, וכי לא היה לו למשה כר או כסת אחת לישב עליה? אלא כך

אסתר תענית

די בעדייטונג פון אסתר תענית — כשרות און טרפות — גוטע בירגער און גוטע אידען — די געפאהר פון אסימילאציע.

דעם טאג פאר פורים, 13טען אדר, פאסט מען, און דער טאג רופט זיך תענית אסתר, ווייל דאס איז אן אנדיינקונג ווי אסתר המלכה צוזא־מען מיט אלע אידען האבען געפאסט און גאט געבעטען, אז המן הרשע זאל ניט קאנען דורכפיהרען זיין באשלוס צו פארניכטען אלע אידען. אסתר האט גע־הייסען פאסטען דריי טעג נאכאנאנד, אבער מען האט ניט געוואלט מאכען שווער דעם עולם מיט א 3 טאגיגען תענית, האט מען געהייסען פאסטען נאר איין טאג, אבער גאר אין אנפאנג איז טאקע געוועזען א מנהג צו פאסטען 3 טעג, ניט נאכאנאנד, נאר מאנטאג, דאנערשטאג, און דער מאנטאג וואס נאך פורים, און אזוי האבען זיך נוהג געוועזען די רבנים אין ארץ ישראל (לבוש, סימן תרפ"ו ב', מסכת סופרים פרק א', ד', מחזור וויטרי, זייטע 717).

אידען אין דער צייט פון אסתר המלכה האבען געזינדיגט דאמיט וואס זיי האבען געגעסען טרפות אויף דעם טיש פון אחשורש, שנהנו מסעודתו של אותו רשע". דער רשע אחשורש וויל זיי מאכען שוואך, ער וויל זיי זאלען עסען וואס ער גיט, ער וויל זיי אנקארמענען מיט טרפות, מיט מאכלות אסורות, און זיי קומען און עסען גאנץ געשמאק, און האבען נאך גרויס הנאה פון די טרפות, דערפאר הייסט אסתר דאס אלע אידען זאלען פאסטען דריי טעג, וצומו עלי שלשת ימים לילה ויום, ווען זיי וועלען ניט עסען דריי טעג נאכאנאנד וועט דיעזער גרויסער תענית מכפר זיין וואס זיי האבען הנאה געהאט פון אחשורוש'עס טיש, וואס זיי האבען טרפות געגעסען. אסתר האט געוואוסט ווי וויכטיג, ווי נוצליך, ווי נויטיג, ווי הייליג כשרות ביי אידען איז, און ווי שרעקליך טרפות איז וועלכע איז מטמא דעם גוף און די נשמה.

און די אידען וועלכע זיינען געוועהנט געווארען צו צרות און רדיפות, הא־בען געפונען שוץ און רוהע אונטער די הערשאפט פון אחשורש, און מערקווירדיג, דיזעלבע אידען וועלכע האבען זיך געלאזט ברענען על קדוש השם, וועלכע זיינען געוועזען אימער גרייט צו שפרינגען אין פייער און צו שטארבען פאר די הייליג־קייט פון דער אידישער אמונה ווען מען האט זיי געצוואונגען צו ווערען אויס אידען, ווען מען האט אבער א שמייכעל געטהאן צו זיי, ווען מען האט זיי פרייהייט געגעבען, און מען האט זיי איינגעלאדען צום קייזערליכען טיש, האבען זיי ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, און האבען טרפות געגעסען. די אידען פון יענער צייט, פונקט ווי פיעלע מאָדערנע אידען פון היינטיגער צייט, האבען געדענקט דאס מען קען ניט זיין א גוטער בירגער אין לאנד און אין דער זעלבער צייט א גוטער איד, ווייל מען א גוטער פאטריאטישער בירגער זיין אין דעם לאנד וואו מען וואוינט, מוז מען פערבויגען די אידישע טראדי־ציאן, די אידישע מנהגים, די אידישע שפראך, די אידישע קולטור, און מען

פאלק, זייער הארץ טהוט ניט וועה ווען דאס יודענטהום ווערט פערשוועכט, פערגעסען ביי דעם אלטען דור, און ווערט ניט איינגעפלאנצט אין די הערצער און נשמות פון דעם יונגען דור, און דערפאר האבען מיר אזא הפקרות אין אונזער רעליגיעזען נאציאנאלען לעבען!!

און ווען משה האלט מלחמה מיט עמלק, שאפט זיין האנד וואונדער, הויבט ער אויף זיין האנד, דאן שטארקט זיך דער איד, לאזט ער אראפ די האנד, שטארקט זיך עמלק; אבער צוגרייטען א פאלק עס זאל וועלען און זיין פעהיג צו גרויסע הייליגע ארבייט, באקעמפפען עמלק־גייסט, איז א שווערע, זעהר א שווערע ארבייט. וידי משה כבדים, די הענד פון דעם גרויסען געט־ליכען קעמפפער ווערען שווער, א שווערע ארבייט, ויקחו אבן, האט מען גע־נומען א שטיין, דער שטיין וועלכער איז אונז גוט בעקאנט, דער שטיין וועלכער איז דער סימבאל פון אידישען צער, פון דעם אידישען קרעכץ. דער אידישער וועהטאג איז מסוגל צו שאפען א גואל... א קעמפפער... ואהרן וחור תמכו בידיו, און אהרן און חור שטיצען איהם, האלטען זיינע הענד... זענען מיט איהם... אהרן דער הייליגער, דער כהן גדול, דער רעליגיעזער פארשטעהער פון פאלק, און חור דער פייערדיגער נאציאנאליסט, דער קעמפפער פאר'ן אמת, חור דער זוהן פון מרים, וועלכע האט מיטגעארבייט מיט איהר ברו־דער משה צו בעפרייען און אויסלייזען די אידען, חור וועלכער האט ער־צויגען זיין קינד אורי אין דעם פייערדיגען אידישען גייסט, אז פון איהם איז ארויס זיין זוהן בצלאל, וועלכער האט דעם משכן געמאכט, און ווען אידען האבען געוואלט דיענען דעם עגל הזהב, האט חור זיך מוסר נפש געווען, ער האט זיי ניט געלאזען, און די אידען האבען איהם ערמארדעט, האבען איהם מיט שטיינער פארווארפען, האבען זיין הייליגע בלוט פארגאסען (שמות רבה, פמ"ח). אט דער פייערדיגער מסירת נפש איד, חור, האט געהאלפען זיין אנקעל משה רבינו אין זיין גרויסען קאמפף מיט עמלק, ער צוזאמען מיט אהרן הכהן, מזה אחד ומזה אחד... איינער פון איין זייט, און איינער פון דעם צווייטען זייט, און ביידע, אי אהרן אי חור, ציהען זייער שטארקייט, זייער מאראלישע גבורה, פון זייער טיעפען גלויבען אין אחדות הבורא, אין דעם איינ־ציגען גאט, אז ה' אחד! גאט איז איינער, אחד, מזה אחד ומזה אחד!... און דערפאר איז ויהי ידיו אמונה... איז די שטארקייט פון משה, פון דעם אידען אין זיין שטארקער און טיעפער אמונה, עד בא השמש... דאס וועט אונז שטארקען ביז דער חושך פון דער וועלט וועט אוועקגעהן, און די זון וועט קומען, עס וועט ליכטיג ווערען אויף דער וועלט, די שטראהלען פון גאטהייט וועלען ליכטיג מאכען די וועלט בכלל, און די מענש־ליכע נשמה בפרט...

גליקליך איז דער, וואס וועט דאס אמאל דערלעבען!!

אשרי המחכה ויגיע לימים אלה!!

פורים

א

חנוכה און פורים — ווארום זאָגט מען ניט הלל אום פורים? — שקלאפען און קעמפפער — אַ אידישע ערציהונג פון קעמפ־פער — די אייביגקייט פון אידישען פאָלק — וואָס המנ׳ס מפלה לעהרענט אונז — שנאת עולם לעם עולם.

חנוכה און פורים! צוויי גוט בעקאַנטע וואוילע ימים טובים, און דאָך זעהט דעם אונטערשייד, חנוכה זאָגט מען הלל, מען לויבט גאָט פאר דעם גרויסען נס, דער זאָגען הלל מאכט דעם יום טוב איינדרוקספאָל, עס מאכט פיהלען די הייליגקייט און די וויכטיגקייט פון דעם יום טוב, און פורים, דאכט זיך, אַ גאַנץ פיינער פרעהליכער יום טוב, אָבער קיין הלל זאָגט מען ניט. ווארום איז דאָס אזוי? וואס איז די אורזאכע?!

און די גמרא ערקלעהרט אונז די אורזאכע, ווייל „אכתי עבדי אחשורש אנן“ (מגילה י״ד) מיר זיינען נאָך אלץ קנעכט ביי אחשורש. און אַ טיעפע קרעכץ ליגט בעהאלטען אין אַט דעם ענטפער פון דער גמרא. חנוכה ווערט געפייערט אויף די גרויסע פאסירונג פון העלדענטהום, אויף די גרויסע גבורות און מסירת נפש, וואס די מכבייער, די אמת׳ע גבורי ישראל האָבען געציינגט אויף דעם שלאכט־פעלד, די גבורות פון יהודה המכבי, פון זיין פאָטער מתתיהו און פון זיינע איבעריגע ברידער האָבען אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט, און פיי־ערען אידישע גבורה, גבורה פון צדיקים וקדושים, גבורה פון כהנים, גבורה פון גרויסע אידישע קעמפפער וועלכע זיינען געגאַנגען פערגיסען זייער בלוט צו בע־פרייען די אידישע רעליגיאָן פון איהרע פערפאָלגער, אַט אזא נצחון דאַרף גע־פייערט ווערען מיט מוטה און נאַציאָנאַלער שטאָלץ, און — אידען זאָגען הלל!

פורים אָבער האָט פאסירט אַ נס, עס האָט געהאַלטען דערביי דאָס אַלע אידען פון קליין ביז גרויס „טף ונשים“ זאָלען אויסגעקוילעט ווערען ווי די שעפ־סען, ווי שרעקליך, ווי נידעריג, וואס פאר אַ שרעקליכע נאַציאָנאַלע שאַנדע, אסתר בעט רחמנות, און דער האַלב־ווילדער אחשורש, וועלכען די גמרא רופט „מלך טפש“ האָט ר ח מ נ ו ת געקראָגען אויף אידען, און האָט זיי ערלויבט צו געבען אַ קלאָפּ פאר אַ קלאָפּ, „להקהל ולעמוד על נפשם“, וואָלט ער זיי ניט ערלויבט, וואָלטען זיי ניט געגאַנגען קעמפפען פאר זייער לעבען, פאר זייער כבוד, פאר זייער שטאָלץ, אָבער אחשורש דער „טפש“ האָט זיי ערלויבט צו קעמפפען פאר זייער לעבען, האָבען זיי געקעמפפט און האָבען באזיעגט די שונאים, מאכען אַ יום טוב פון אחשורוש׳ס רחמנות, איז ניט קיין גרויסער כבוד, דאָס וואָלט דאָך געהייסען אַ ר ח מ נ ו ת י ו ם ט ו ב, וועלכער דערנידעריגט די מענשליכע ווערדע און ברעכט אונטער דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ, ווייל „אכתי עבדי אחשורש אנן“ מיר זיינען נאָך אלץ — גייסטליך — קנעכט פון אחשורש. דערפאר שלאָגט המנ׳ען ווי פיעל איהר קענט. לייענט די מגילה, דאַנקט גאָט פאר׳ן נס, אָבער קיין הלל זאָגט ניט, הלל פאַסט פאר חנוכה

דארף זיך אין גאנצען אסימילירען, און דאן וועלען אידען רוהיג זיין און וועלען גליקליך לעבען. מרדכי וועלכער איז געווען א מאָדערנער איד, א גרויסער שפראַכען־קענער, שהיה יודע בשבעים לשון, איז אָבער אויך געווען א גרויסער ווארימער איד, ער איז געווען איש יהודי, און ער האָט געגעבען אַלע אידען א בריליאנטענעם ביישפּיעל, דאָס מען דאַרף זיין געטריי מיט הארץ און נשמה צו די לאַנד אין וועלכע מיר לעבען, ווען אבער מען וויל אונז אַראָפּפיה־רען פון אונזער אמונה, דאַן מוזען מיר רעוואָלטירען, און מיר דארפען קעמפּפען פאר אונזער אמונה ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט. און די אסימילירטע אידען פון יענער צייט האָבען א גוטע לעקציע געהאט, דאָס טראָץ דעם וואָס זיי האָ־בען זיך אַסימילירט און האָבען טרפות געגעסען, דאָך זיינען זיי קיין מאָל ניט זיכער פון א המן פּאַגראָם, און זיי האָבען מיט פערגעניגען אַנגענומען דעם דריי טאָגיגען תענית פון אסתר תענית, אלס פערגעבונג אויף זייערע שווערע נארישע זינד פון אַסימילירען זיך מיט די גוים.

און ווען מיר פאסטען אום אסתר תענית לאָמיר גוט געדענקען און ווארע־נען אונזערע קינדער וועלכע ווילען זיך אַסימילירען, דאָס אַסימילאַציע איז דער שרעקליכסטער אומגליק, דער גרעסטער סם המות פאר די נשמה, פאר די צו־קונפט, פאר די עקזיסטענץ פון אונזער פּאָלק, און מיר האָבען א גוטען ביי־שפּיעל פון דער געשיכטע פון פורים צו וואָס אַסימילאַציע פיהרט „להשמיד, לַהֲרוג ולאבד אֶת כָל היהודים".

און אין דער צייט ווען מיר דארפעןווירקליך זיין גוטע און געטרייע ביר־גער אין דעם לאַנד וואו מיר וואוינען, דארפען מיר אבער היטען אונזער תורה, אונזערע מצוות, אונזערע דינים ומנהגים, לערנען אונזער שפראַך, דאן וועלען מיר זוכה זיין צו א גאולה שלמה. אמן! ואמן!

טערגעהן, אַזוי זאָגען אונז די אידישע געלעהרטע זכרונם לברכה „המן ובלעם, מה שבקשו לא נתנו להם, ומה שבידם ניטל מהם", המן און בלעם, וואָס זיי האָבען געזוכט האָבען זיי ניט געקראָגען, און וואָס זיי האָבען געהאַט איינענם האָט מען צוגענומען פון זיי (מדרש רבה, בראשית, פרשה כ"ט).

המן וואָלט געלעבט זיין גאַנצען לעבען גליקליך, די ערשטע האנד ביים קעניג, וואָס דאָס מיינט זעהר פיעל אין די אלטע פאַרצייטיגע יאָהרען, זעהר רייך, א פאָטער פון פיעל קינדער, זעהר איינפלוסרייך אין לאַנד, נו, האָט זיך איהם פערוואָלט ווערען רייכערע, שטאַרקערע, צוגרייטען, אָרגאַני־זירען א שרעקליכען פאָגראָם אויף אידען, און דאן ווען ושללם לבוז" ווען מען וועט אָנפאַנגען פאָגראָמירען און ראַבירען אידען, וועט זייער גאַנצער רייכטהום אריינפאַלען אין זיינע הענד. וואָס עס איז געווען דער סוף, ווייס דאָך יעדערער פון אייך, אין יעדען פון אונז, רבותי, ליגט אין א ווינקעל פון הארצען א שטיקעלע המן, וועלכער וויל רייך ווערען אויף יענעמס חשבון, יענעמס אומ־גליק זאָל זיין מיין גליק, דער סוף אָבער וועט זיין א שרעקליכער, געדענקט נאָר גוט די ווערטער פון מדרש „מה שבקשו לא ניתן להם ומה שבידם ניטל מהם".

זאָל המן הרשע זיין פאַר אונז א גוטער ביישפיעל, ניט צו שרעקען זיך צו־פיעל פאַר די המנ'ס פון אלע צייטען, זיין מפּלה וועלען זיי אלע פריהער אָדער שפּעטער האָבען, אידען האָבען געלעבט און וועלען לעבען, אידען זיינען אַן עם עולם, אַן אייביגע פאָלק, וועלכע וועט קיין מאָל ניט אונטערגעהן, און מיר טאָרען ניט מאַכען א לעבען פון פרעמדע אָנגעראַבירטע האב און גוטס, די וואָס טוען דאָס, זאָלען זיך דערמאָהנען די מפּלה וואָס המן האָט געהאַט, דאַן וועלען זיי האָבען א חשבון הנפש, און וועלען ווערען קלינער, פרומער און אָרענטליכער!

און נאָך עפּעס, רבותי, המן האָט געזינדיגט און זיינע קינדער האָט מען אויפגעהאַנגען. אייגענטליך איז דאָך די קשיא פאַרוואָס קומט זיי דאָס? וואָס זיינען זיי שולדיג, אז זייער פאָטער איז א המן?! נאָר דער אמת איז, אז קינ־דער וועלכע ווערען ערצויגען ביי המן אין הויז וואַקסען אויס אַזעלכע רשעים ווי המן אָדער נאָך פיעל ערגער. און אונזערע חכמים וועלכע האָבען גוט געקענט די מענשליכע נשמה און וועלכע זיינען גרויסע פּסיכאָלאָגען געווען, האָבען טאַקע פערשטאַנען אז וואָס פאַר א פאָטער אַזוינע קינדער, און דער מדרש דערצעהלט אונז טאַקע „רב כי הוה מטי להמן בפורים, אמר ארור המן וארורים בניו, לקיים מה שנאמר ושם רשעים ירקב (מדרש רבה פלמ"ט, מסכת סופרים פי"ר) רב ווען ער פלעגט קומען צו דעם נאָמען המן אום פורים, פלעגט ער זאָגען פערפלוכט זאָל ווערען המן, און פערפלוכט זאָלען ווערען זיינע קינדער, וועלכע זיינען געוועזען רשעים, און לערנען גוטעס קענען מיר פון יעדען, אפילו פון המן הרשע, ער האָט געוואָלט מען זאָל אויפהייגען דעם אונשולדיגען מרדכי, האָט מען איהם אויפגעהאַנגען. „בור כרה ויחפרהו ויפול" וכו'. ווען מען גראָבט א גרוב פאַר יענעם, מוז מען אם ענדע אַליין אריינ־פאַלען אין יענער גרוב.

אידען ניט פאר פורים אידען, פאר יהודה המכבי אידען און ניט פאר אחשורש אידען.

וואס לערנען מיר דערפון? דאס מיר מוזען לערנען זיך און אונזערע קינדער צו קעמפפען פאר אונזער כבוד, כבוד האומה. אל תגעו במשיחי, אלו תינוקות של בית רבן — זאגט די גמרא — מען דארף ערציהען די יונגע אידישע קינדער אין אזא פייערדיגען הייליגען וועג פון אמונה און בטחון און ליעבשאפט צו גאט, צו אידען און צו דער תורה, דאס ווען נאר עס האנדעלט זיך וועגען אידען און די תורה זאלען זיי זיין גרייט צו שפרינגען אין פייער, צו פערגיסען דעם לעצטען טראפען בלוט פאר דעם כבוד און גליק פון אידישען פאלק. יעדער אידיש קינד דארף קוקען אויף זיך ווי א צוקינפטינער משיח, וועלכער איז גרייט אוועקצוגעבען זיין גאנצען לעבען פאר דאס אידישע פאלק „משיחי — אלו תינוקות של בית רבן“, די קליינע קינדער דארפען זיך בעטראכטען אלס צוקינפטיגע גואלי ישראל, וועמעס צוועק אין לעבען איז צו דיענען דאס פאלק, און די תורה אלס די זן לוצים, חלוצי הדת, האומה והתורה.

און וואס פאר א טהייערע בריליאנטענע דיימאנדס מיר געפינען אין דער מגילה, וועלכע איז די געשיכטע פון פורים. ערשטענס, געפינען מיר אין דער מגילה דאס אידען דארפען און טארען ניט זיין פערציווייפעלט ווי שרעקליך שלעכט זיי זאל ניט געהן, און ווען א שטורעם פון שנאה, ווען א שרעקליכע כוואליע פון אידען־האס פערפלייצט די גאנצע וועלט, און אט־אט־אט ווערען זיי פערניכטעט, זאלען זיי געדענקען אז אזוינע שלעכטע אומגליקליכע צייטען און פילייכט נאך ערגערע, האבען זיי שוין איבערגעלעבט און זייערע שונאים זיינען שוין לאנג אויף דער וועלט ניטא, און אידען לעבען און טאנצען אויף די קברים פון זייערע שרעקליכסטע און ביטערסטע שונאים.

אלע אידען וויינען, מען זיצט און מען ווארט אויפ׳ן טוידט, מען איז זיכער אז אלע אידען וועלען געווים, אהן שום ספק, אויסגעקוילעט ווערען, וואס איז אבער דער סוף? המן ווערט אויפגעהאנגען, פון די אידישע שונאים בלייבט ניט איבער קיין זכר, און די אידען? — ליהודים היתה אורה שמחה ששון ויקר. אידען פרעהען זיך, אידען זיינען גליקליך!

מיר לערנען אבער זעהר פיעל אלס יחידים, ווי אזוי מען טאר ניט לעבען אונמאראליש, און ווי מיר מוזען לעבען א ריינעם הייליגען לעבען. גערעכטיגקייט דארף זיין דער הויפט אינהאלט פון אונזער לעבען, די גערעכטיגקייט ווי אונזערע גרויסע געטליכע נביאים האבען געפרעדיגט, ווי אונזערע חכמי התלמוד און אלע אידישע צדיקים וקדושים האבען פערשטאנען דעם זין פון צדק ומשפט. און ווען מען לעבט א פאלשען ניט קיין ארענטליכען לעבען, ווען מען וויל אריינכאפען וואס בעלאנגט צו יענעם, דערווערגט מען זיך מיט פרעמדע גוטס, און לא די־וואס מען בלייבט ניט ביי פרעמדע ניט כשר׳ע געלד און גוטס, וואס מען פערמאגט אייגענס ווערט אויך מיט דער צייט אונ־

און אַט אַזאַ גוטע אידישע טאָכטער ווערט ניט פלוצים, זי פאַלט ניט אַראָפּ פון הימעל, זאָנדערן עס פאַדערט זיך שווערע און שטענדיגע ערציהונגס־אַרבייט, און דער גייסט פון אונזער מוטער שרה, די מוטער פון אידישען פאָלק, איהרע מעלות און פרומקייט און גוטסקייט האָבען אימער געשוועבט פאַר אסתר'ס אויגען, שרה איז געווען איהר שטענדיגער אידעאַל, איהר גוטער ביי־שפּיעל, וועמען זי האָט געוואָלט נאָכטהאָן, און דערפאַר האָט זי געקענט קומען צו אַזאַ הויכער מדרגה צו זיין די קעניגין פון 127 מדינות, און אַט דער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין מדרש אסתר: ר' עקיבא האָט געהאַלטען אַ דרשה, און די תלמידים זיצען און כאַפּען אַ דרעמעל, האָט ער זיי געוואָלט אויפוועקען, האָט ער געזאָגט: ווארום האָט אסתר זוכה געווען צו קיניגען אויף 127 מדינות? ווייל גאָט האָט געזאָגט: זאָל קומען אסתר, וועלכע שטאַמט פון אונזער מוטער שרה, וועלכע האָט געלעבט 127 יאָהר, און קיניגען אויף 127 מדינות.

ר' עקיבא, ווי בעוואוסט, איז אַרומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט צו אָרגאַניזירען אַלע אידען אין איין גרויסען קרעפטיגען נאַציאָנאַלען פער־באַנד, צו קעמפּפען מיט רום, וועלכע האָט געוואָלט פערניכטען דאָס אידישע פאָלק און די היילינע אידישע תורה. ר' עקיבא האָט פלאַם־פייערדיגע דרשות געהאַלטען, אין וועלכע ער האָט געזוכט אויפצואוועקען דאָס פאָלק פון שלאָף; עס איז אָבער ניט קיין לייכטע אַרבייט וועקען מענשען פון שלאָף, און ר' עקיבא זעהט, זיינע תלמידים, זיינע צוהערער דרעמלען... ער וויל זיי אָבער אויפוועקען, גיט ער זיי אַ ביישפּיעל פון דער אידישער געשיכטע, אַט איז אסתר, שפּיעלט אַן אויסערגעוועהנליכע פּאָליטישע ראָלע אין דער פּאָליטיק פון פרס ומדי און אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון יענער צייט, ווייל זי איז גוט ערצויגען געוואָרען, זי האָט פאַר זיך אַ גוטען ביישפּיעל פון בעגייסטערונג געהאַט. דער בילד פון שרה האָט אימער געשוועבט פאַר איהרע אויגען, און האָט איהר בעגייסטערט צו גרויסע היילינע פאָלקס־אַרבייט, צו זיין גרייט פערגיסען איהר לעצטען טראָפּען בלוט פאַר'ן גליק פון דאָס אידישע פאָלק, און אַזוי דאַרפען מיר טאָן: מיר מוזען זיין אַלס מופת, אַלס לעבעדיגער ביישפּיעל פאַר אונזערע זיהן און טעכ־טער, זיי זאָלען זעהן אונזער מסירת נפש פאַר דער תורה און פאַר'ן גליק פון אונזער פאָלק, און זיי זאָלען נאָכטהאָן אונזער ביישפּיעל. ווילען מיר האָבען אַזוינע טעכטער ווי אסתר, מוזען מיר האָבען אַזוינע מוטערס ווי שרה איז געווען. און אום צו האָבען אַזוינע טעכטער ווי אסתר, מוזען מיר געבען אונ־זערע טעכטער אַן אמת'ע גוטע אידישע ערציהונג. אונזערע טעכטער מוזען וויסען די העברעאישע שפּראַך, די אידישע געשיכטע, דעם אינהאַלט פון תנ"ך, די נויטיגע דינים ומנהגים, איבערהויפּט, וואָס אַ אידישע פרוי, אַ אידישע טאָכטער דאַרף וויסען.

און ווען ניט מרדכי, דער גדול ליהודים, וואָלט אסתר ניט געווען דאָס וואָס זי האָט זוכה געווען צו זיין. מרדכי האָט אריינגענומען

און אַן אויסערגעוועהנליכע וואונדערבאַרע פּאַטעטישע שילדערונג גיט אונז דער מדרש אסתר, דאָס בשעת מען האָט געזאָלט אויפהייבגען דעם רשע המן, האָבען זיך אַלע בוימער אַ לאָז געטהאָן צום רבונו של עולם מיט דער בקשה, דאָס מען זאָל אויף זיי אויפהייגען המנ׳ען. געזיעגט האָט אָבער דער דאָרן־בוים. המן איז שטעכיג ווי אַ דאָרן, דער בוים איז אַ שטעכיגער, פּאַסט פאַר איהם צו הייגגען אויף אַ דאָרן־בוים, אַ גלייכער שדוך!!

און זעהר אַ וואונדערבאַרער מאמר געפינט זיך אין מדרש, וועלכער שטעלט פאַר דעם געדאַנק פון נצחיות ישראל, דאָס דער אידישער פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגעהן. דער לשון פון דעם מאמר איז זעהר סאַטיריש־בייסענד: „אמר הקב״ה להמן, רשע! שוטה שבעולם! אני אמרתי להשמידם, כביכול, ולא יכולתי, שנאמר, ויאמר להשמידם לולא משה בחירו, ואתה אמרת להשמיד?!״ (מ״ר אסתר). מען מוז קענען העברעאיש, און פערשטעהן דעם מדרש־שפּראַך, אום צו פיהלען דעם בריליאַנטענעם געדאַנק, די בייסענדע סאַטירע פון דיזען מאמר: גאָט זאָגט צו המנ׳ען, רשע! שוטה! איך גאָט האָב אַמאָל געוואָלט פערניכטען די אידען און האָב ניט געקענט, דענקסטו אַז דו וועסט קענען? שוטה! אידען וועלען קיינמאָל ניט אונטערגעהן!!

און דאָס מיינט אפשר דער מדרש דאָס אַלע ימים טובים וועלען בטל ווערען, אָבער פּורים וועט קיינמאָל ניט אונטערגעהן, „כל המועדות יהיו בטלים וימי הפורים לא יבטלו לעולם (מדרש שוח״ט משלי ט׳, תשובת הרשב״א צ״ג), ווייל אימער, אימער וועט עקזיסטירען אויף דער וועלט אידען־האַס, דאָס איז אַן אייביגע שנאה צו אַן אייביגען פאָלק, שנאת עולם לעם עולם, און אימער וועלען די המנ׳ס קריגען זייער מפּלה, און אידען האָבען געלעבט און וועלען לעבען, דוד מלך ישראל — דער סימבאָל פון אידען — חי וקים!!!

פורים

ב

די אידישע פרוי, אסתר המלכה, האָט געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע צו בעפרייען אידען, אין דער צייט פון אחשורש און המן, פון אַ זיכער׳ען, שענדליכען און שרעקליכען טוידט. זי האָט געבעטען אחשורש: תנתן לי נפשי בשאלתי, ועמי בבקשתי, און מיט רעכט באַמערקט הרב ריינעס ז״ל, אַז שאלה מיינט אין העברעאיש מיטעל, ניט קיין צוועק, און בקשה מיינט דער צוועק אַליין, דער תכלית, למשל, ווען אַ קינד בעט ביים פאַטער געלד אויף צו קויפען אַ שפּיעלצייג, איז די געלד ביי איהם אַ מיטעל, אַ שאלה, די שפּיעל־צייג דאָס איז דער צוועק, דער תכלית. אסתר זאָגט, תנתן לי נפשי — בשאלתי, איהר אייגענער לעבען איז ניט דער עיקר, דאָס איז נור אַ שאלה, אַ מיטעל, ועמי בבקשתי, איהר הויפּט בקשה, דער הויפּט־צוועק און ציעל און זין פון איהר לעבען איז איהר פאָלק, דאָס אידישע פאָלק.

פּתאום, האָט ניט קיין מורא, שרעק זיך ניט פאַר די שרעק וואָס קומט פּלוצלונג, און דער צווייטער קינד זאָגט דעם פּסוק עוצו עצה ותופר, אַלע עצות וועלכע אונזערע שונאים גיבען זיך ווי צו פערניכטען אידען וועלען פערשטערט ווערען, און דער דריטער קינד זאָגט ער זקנה אני הוא וכו׳, דאָס גאָט וועט אידען העלפען אין אַלע צייטען, זאָגט דער מדרש „מיד צחק מרדכי, ווי מרדכי האָט דערהערט אָט דיזע פּסוקים פון די קליינע אידישע קינדערלעך, האָט ער אָנגעפאַנגען לאַכען און קוועלען. מרדכי איז גליקליך. פרעגט המן צו מרדכי׳ן: „מה אמרו לך תינוקות הללו, וצחקת?! וואָס האָבען דיר אַזוינס געזאָגט אָט די קליינע קינדער, וואָס דו לאַכסט און ביזט אַזוי גליקליך געוואָרען? ענטפערט מרדכי: „בשורות טובות בשרוני“, אָט די קינדערלעך האָבען מיר אָנגעזאָגט גוטע פרעהליכע בשורות. אַ פאָלק וואָס גיט איהרע קינדער אַ גוטע אידישע ערציהונג, דאָס אידיש פאָלק, וועלכע ערציהט די קינדער אין דעם תנ״ך־גייסט, ווען די קינדער ווייסען גוט דעם תנ״ך און זאָגען גאַנצע פּסוקים אויסווענדיג — אַזאַ פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגעהן!!!

פּורים

די העברעאישע שפּראַך — המות והחיים ביד הלשון — די וויכטיגקייט פון רעדען העברעאיש — די וואָס שעמען זיך מיט אידען — אחדות ביי אידען — די רעליגיעזע אידישע ערציהונג — נזכרים ונעשים — דער אידישער מנהג און דאָס פאָלק — וואָס הייסט אַ איד? — כשרות און טרפות.

מיר לייענען אין דער מגילה: „וישלח ספרים אל עם ועם כל שונו, להיות כל איש שורר בביתו ומדבר כלשון עמו“, אחשורש האָט ארויסגעשיקט בריעף אין אַלע זיינע מדינות, אין יעדער מדינה ווי איהר שריפט איז, און צו יעדען פאָלק אין איהר שפּראַך, דאָס יעדער מאַן זאָל הערשען אין זיין הויז, און ער זאָל ריידען אין דער שפּראַך פון זיין פאָלק.

זעהר קלוג האָט געטאָן אחשורש דער „טפּש“, ווייל זיי האָבען דאָן געהאָט זעהר פיעל פּרויען, פון פערשיעדענע מדינות, און די שפּראַך איז דער פונדאַמענט פון יעדען פּאָליטישען קבוץ, און די שפּראַך פון יעדער נאַציאָן איז דער פּרוביר־שטיין פון פאָלק, דורך דער שפּראַך קענען מיר דערקענען די נשמה פון פאָלק, דעם גייסט פון פאָלק, זיין קולטורעלע לאַגע, און דערפאַר דאַרף יעדערער ריידען כלשון עמו, אין דער שפּראַך פון זיין פאָלק, און ניט אין קיין אַנדערע שפּראַך, וועלכע איז ניט די שפּראַך פון זיין פאָלק.

און דאָס וואָס עס האָט פערשטאַנען אחשורש דער „טפּש“, פערשטעהען ניט אונזערע „חכמים“, און זיי אונטערשעצען די ווערדע און די וויכטיגקייט פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע איז די שפּראַך פון אונזער פאָלק, און זיי פערשטעהען ניט איהר וויכטיגקייט אַלס אונטעררריכטס־שפּראַך אין אונזערע תלמוד תורה׳ס און ישיבות, אין דער ערציהונג פון אונזערע קינדער, זיי פער־

אט די עלענדע יתומה'לע צו זיך אין הויז, און ער האט איהר געגעבען א גוטע אידישע ערציהונג, און ווען אסתר האט זיך ערצויגען איז א ריכטיגער גוטער אידישער הויז, ווען מרדכי, דער איש יהודי, וועלכער האט פעראייניגט דאס יודענטהום און די מענשהייט צוזאמען, ער איז געווען איש און יהודי, מענש און איד, ווען ער האט ערצויגען די יתומה אסתר, איז פון איהר געווארען אסתר המלכה, וועלכע איז געווען גרייט צום שרעקליכען טוידט פאר דער בעפרייאונג פון איהר פאלק. מרדכי'ס ערציהונג האט אויפגעטהאן וואונדער. און דאס האט אפשר געמיינט דער מדרש, וועלכער זאגט, אז אסתר אין דער הויז פון מרדכי האט ניט געזויגען ביי קיין אם, נור מרדכי אליין האט איהר געזויגען, „חזר על כל המניקות, ולא מצא לאסתר מיניקה, והיה מניקה הוא.“ ער, מרדכי, וועלכער האט געוואוסט וואס עס מיינט א גוטע אידישע ערציהונג, ער האט ניט געקענט געפינען א פאסענדע ערציהערין פאר אסתר, לא מצא לאסתר מניקה, און דערפאר והיה מניקה הוא, האט ער אליין איהר אנגעזויגען מיט דעם גייסט פון דער תורה, מיט דעם פייער און הייליגקייט פון דעם קדושים גייסט, און זיין ארבייט האט געבראכט די געווינשטע גוטע רעזולטאטען פון „עמי בבקשתי!“

און מרדכי האט געוואוסט דעם סוד וואס פיעלע, זעהר פיעלע פון אונז ווייסען דאס ניט, דאס דער עקזיסטענץ פון אידישען פאלק, זיין גליק, זיין צוקונפט, ווענדט זיך נור אן א גוטער אידישער ערציהונג, און דערפאר געפינען מיר אין מדרשים און ילקוטים דאס מרדכי איז א אידישער לעהרער און ערציהער געווען, אימער ארומגערינגעלט מיט תלמידים; ער איז אימער מיט די אידישע יוגענד געווען, און ווען המן האט איהם געפיהרט אויפ'ן פערד, האבען זיינע תלמידים איהם באגלייט מיט א פסוק, זמרו לה', זינגט צו גאט! ווען המן איז אריין אין שוהל, האט ער געטראפען מרדכי'ן ארומגערינגעלט מיט תלמידים, וועלכע האבען געלעהרענט וועגען דעם עומר, וואס אידען פלעגען ברייננגען אין בית המקדש. מרדכי האט זיי געלעהרענט דאס פון אלעם וואס מען האט, מוז מען געבען צו גאט, צום בית המקדש, און צום אידישען פאלק. מען דארף געבען דעם „עומר“ אין בית המקדש. און ווען דער אידישער הימעל האט זיך פערוואלקענט, ווען די שרעקליכע גזירה פון להרוג, להשמיד ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד ושללם לבוז, דאס מען זאל אויסקוילען אלע אידען, פון קליין ביז גרויס, מענער, פרויען און קינדער, אין איין טאג, און מען זאל צוראבירען זייער האב און גוטס; ווען דיזע שרעקליכע גזירה האט פינסטער געמאכט דאס אידישע לעבען און אלע אידען זענען געזעסען און געווארט אויפ'ן טוידט, אין יענער שרעקליכער צייט, גיט זיך מרדכי אפ מיט די קליינע קינדער, וועלכע געהען פון תלמוד תורה, און בעט זיך ביי זיי, „אמרו לי פסוקיכם, אדער פסוק לי פסוקיך, זאגט מיר, קינדערלעך, וועלכע פסוקים פון תנ"ך איהר זענט בעהאווענט, און ווען איין קינד זאגט איהם א פסוק אל תירא מפחד

געוועזן. ווען אלע אידען וואָלטען געוועזן פעראייניגט, ווען זיי וואָלטען געוועזן שטאַרק אינערליך, וואָלט קיין קראַפט אין דער וועלט זיי ניט געקענט ברעכען פון דרויסען; ווען אידען וואָלטען געוועזן פעראייניגט, וואָלט דער בית המקדש ניט פאַרברענט געוואָרען, ארץ ישראל וואָלט ניט חרוב געוואָרען, און מיר וואָלטען זיך ניט געוואַלגערט אין גלות שוין באלד 2 טויזענד יאהר! און דער־פאַר זאָגט אסתר צו מרדכי'ן: „לך כנוס את כל היהודים, ווילסטו אידען זאָלען געהאָלפען ווערען, דאַן פעראייניג אלע אידען, לך כנוס את כל היהודים! ווייל נור ווען אידען זענען פעראייניגט, קענען זיי אויסגע־לייזט ווערען!!

און אום צו ערציהען טעכטער וועלכע זאָלען זיין פעהיג און וויליג אוועק־צוגעבען זייער לעבען פאַר'ן אידישען פאָלק, מוז מען די טעכטער געבען א גוטע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ערציהונג, ווייל אסתר, וועלכע האָט אויסגע־לייזט אידען פון טוידט, איז געוועזן רעליגיעז געזאָגען, אסתר איז געוועזן א פרומע אידישע טאָכטער, וועלכע האָט אין אחשורש'עס פאַלאַץ, אין א גוי'עשער סביבה, אָפּגעהיט שבת, און אום זי זאָל ניט פאַרגעסען אין א גוי'עשע הויז, ווען דער שבת קודש קומט, האָט זי ביי זיך געהאַט 7 דיענסטען, שבע נערות, און יעדע מיידעל האָט געטראָגען אויף זיך דעם נאָמען פון דעם טאָג פון וואָך, ווי זונטאָג, מאָנטאָג א. ז. וו., און אז עס פלעגט קומען די מיידעל וועלכע האָט זיך גערופען פרייטאָג, און האָט זיך א בוק געטהאָן צו דער אידישער קעניגין און האָט געזאָגט מיין נאָמען איז פרייטאָג, האָט אסתר געוואוסט אַז היינט דאַרף מען ליכט צינדען, און גרייטען זיך פאַר שבת (ילקוט און מדרש). אסתר האָט זאָגאַר מבער געוועזן חמץ פון איהר הויז ערב פסח, אז אחשורש זאָל ניט וויסען (מדרש רבה קהלת פ"ח). זי פלעגט ווייזען די נידה בלוט צו די חכמים (מגילה י"ג עמוד ב'), און ווייל זי איז געוועזן א פרומע אידישע טאָכטער, האָט זי געציינט וואונדערליכע גרויסע הייליגע ארבייט פאַר די בע־פרייאונג פון איהר פאָלק, און איהר נאָמען איז געבליבען פאַראייביגט אין דער אידישער געשיכטע!

און מיר לייענען אין דער מגילה: „וימי הפורים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור" — דיזע טעג פון פורים ווערען דערמאָנט און ווערען געטהאָן אין יעדען דור. אין אָט די ווערטער ליגט א טיעפער און ביטערער אמת. ווען אידען היטען די תורה, היטען די מצוות, היטען אָפּ ריכטיג אלע אידישע ימים טובים; ווען זיי פייערען דעם יום טוב פורים ווי דער דין און מנהג ביי אידען איז — דאַן איז והימים האלה נעשים, ווערען די טעג פון פורים געהיט, געטהאָן; ווען אָבער מיר ווערען ווייט פון אידישקייט, מיר פייערען ניט די אידישע ימים טובים ווי געהעריג איז — דאַן והימים האלה נזכרים, געדענקט מען דעם פורים ווי ער פלעגט געפייערט ווערען אמאָל, אמאָל, אין די גאַנץ אלטע צייטען. עס איז נזכרים, אָבער ניט נעשים. דאָ אין לאַנד זעהט מען ניט פורים די שלח מנות טרעגער, די

געסען, אדער זיי וויסען ניט אז „המות והחיים ביד הלשון“, אז דער לשון, די שפראך פון א פאלק, האט ביי זיך דעם לעבען און דעם טוידט פון פאלק. לעבט די שפראך — לעבט דאס פאלק, איז טוידט די שפראך — איז טוידט דאס פאלק. א פאלק, וועלכעס האט ניט בכח אויפצולעבען איהר שפראך, איז א טוידט פאלק!... און דערפאר איז די פפליכט פון אונזערע על־טערען צו לעהרנען אונזערע קינדער ניט נור תנ"ך און גמרא, דינים ומנהגים, וועלכע זענען וויכטיג און נויטיג, נור אויך די העברעאישע שפראך. יעדער פא־טער דארף אכטונג געבען דאס זיינע זיהן און טעכטער זאלען ריידען העב־רעאיש, אונזער הייליגע שפראך. רעדען א שפראך, לעבט אפ די שפראך, און אפילו אחשורש דער „טפש“ האט פערשטאנען די נויטינקייט פון ריידען די פאלקס־שפראך, און דערפאר איז זיין גזירה: „להיות כל איש שורר בביתו, ומדבר כלשון עמו!...

און מיר לייענען אין דער מגילה און מיר געפינען דארט אן אוצר פון ברי־ליאנטענע נעדאנקען: „לא הגידה אסתר עת עמה ואת מולדתה, כי מרדכי צוה עליה אשר לא תגיד“, אסתר זאגט ניט אויס פון וואס פאר א פאלק זי שטאמט, און וואו זי איז געבוירען געווארען, ווייל מרדכי האט איהר אנגעזאגט אז זי זאל ניט זאגען.

מיר האבען פיעל יונגע אידישע טעכטער, וועלכע ווילען ניט זאגען אז זיי זיינען אידישע טעכטער, ווייל זיי שעהמען זיך מיט אידען, זיי שעהמען זיך מיט זייער פאלק, אין דער צייט ווען דאס אידישע פאלק האט זיך געדארפט שעהמען מיט אזוינע טעכטער; זיי שעהמען זיך מיט אונז ווייל זיי זענען פרעמד פון אונז, זענען פרעמד פון אונזער שפראך, פון אונזער תורה, פון אונזער גייסט, פון אונזער געשיכטע, פון אונזערע ליידען, פון אונזער קאמפף, פון אונזערע נאציאנאלע גבורות און חלומות, און דערפאר, ווען זיי געפינען זיך אין א ניט־אידישער סביבה, זאגען זיי ניט אויס דעם שרעקליכען סוד, אז זיי שטאמען פון אידען, און זענען אידישע טעכטער. אסתר זאגט אויך ניט אויס דעם סוד, אז זי שטאמט פון אידען, „לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה, אסתר זאגט ניט ווער איהר פאלק איז, אבער ניט דערפאר ווייל זי שעהמט זיך מיט איהר פאלק. חס ושלום! נור כי מרדכי צוה עליה אשר לא תגיד, מרדכי האט איהר געהייסען, האט איהר שטרענג אנגעזאגט, צוה עליה, אז זי זאל ניט אויסזאגען, ווייל מרדכי האט מורא געהאט, אז ווען אחשורש וועט וויסען אז זי איז א אידישע פרוי, דאן וועט די שנאה צו אידען ברעכען די ישועה פאר אידען; אבער אסתר איז אין דער ווירקליכקייט שטאלץ מיט איהר אידישער אפשטאמונג, און זי איז גרייט אוועקצוגעבען איהר גאנצען לעבען פאר דאס גליק פון אידישען פאלק.

אסתר שטודירט דעם אידישען פראבלעם, זי ווייס אז אלע צרות, אלע אומגליקען, וואס קומען אויף אידען, נעהמען זיך פון פרוד לבבות, וואס ביי אידען איז קיין אחדות ניטא. אסתר ווייס אז ווען ביי אידען וואלט אחדות

שטאָלצער איד, ער בוקט זיך ניט צו המנ׳ען, וועלכער טראָגט אַ צלם אויף זיין האַרצען, מרדכי באַהאַלט ניט זיין אידישקייט, אין געגענטהייל, ער איז גליקליך, ער איז שטאָלץ מיט דעם וואָס ער איז אַ איד, און ער מאַכט דערפון קיין סוד נים, ער דערצעהלט אַלעמען אַז ער איז אַ איד, כי הגיד להם, אשר הוא יהודי!! ער האָט זיי געזאָגט אַז ער איז אַ איד, און אַ איד בוקט זיך ניט צו קיין צלם. דער וואָס ווערט בטל פאַר׳ן צלם, איז קיין איד נים!!

לאָמיר ערציהען אונזערע זיהן, זיי זאָלען אויסוואַקסען אַזוינע אידען ווי מרדכי היהודי איז געווען, און לאָמיר ערציהען אונזערע אידישע טעכטער, זיי זאָלען אויסוואַקסען אַזוינע איבערגעגעבענע אידישע טעכטער, ווי אסתר איז געווען, דאַן — וועלען מיר פטור ווערען פון די המנ׳ס פון היינטיגער צייט, און מיר וועלען זוכה זיין צו אַ גאולה שלמה, עם ישראל על פי תורת ישראל, בארץ ישראל.

אמן! ואמן!

פרשת פרה

די אידישע גאולה — די פרת אדומה וועלכע געפינט זיך אין אונז.

די חכמי המשנה האָבען מסדר געווען צו לייענען די פרשה פון פרה אדומה נאָך פורים (מגילה פ״ג), דאָס מען זאָל נעהמען אַ רויטע בהמה, וועלכע האָט קיין מום ניט, און וועלכע האָט אויף זיך קיין יאָך ניט געהאַט, און דער כהן זאָל איהר קוילען און נאָכהער פאַרברענען, און די אש פון דער פערברענטער בהמה זאָל בעהאַלטען ווערען אין אַ ריינעם פלאַץ, און ווען אַ מענש ווערט טמא (אומריין), ווייל ער האָט זיך אָנגעריהרט אַן אַ טויטען, שפּריצט מען אויף איהם פון אַט די אש און ער ווערט דאַן אינגאַנצען ריין (חוקת).

דיזע מצוה איז אונפערשטענדליך פאַר דעם געוועהנליכען אידען, זי איז פון די חוקים, און די גרעסטע אידישע דענקער און פילאָזאָפען האָבען איינגעשטימט אַז דיזע אונפערשטענדליכע מצוה איז פול מיט סודות התורה, זי ענטהאַלט טיעפזיניגע געטליכע פילאָזאָפישע געדאַנקען. אָבער ניט אַלע זענען פעהיג צו פערשטעהן גאַנץ טיעפע געטליכע געדאַנקען. דערפאַר זאָגען אונז אונזערע חכמים ז״ל: „גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה“, דאָס איז אַ גזירה פון גאָט, און טראַכט ניט!! (פסוקתא, פרשת פרה). ר׳ לוי אין מדרש גיט יאָ אַ טעם, אַז די פרה אדומה איז מכפר אויף די זינד וואָס אידען האָבען געדיענט צום גאָלדענעם קאַלב (זעה סיטה מ״ו, זבחים קי״ג, רוקח סימן רמ״א).

מיר, פּראָסטע אידען, ניט קיין פילאָזאָפען, ניט קיין מקובלים, וועלען מיר זיך ניט אַריינלאָזען אין טיעפע פילאָזאָפישע וויסענשאַפטליכע געדאַנקען, מיר וועלען זיך אָבער ערלויבען צו זאָגען אַז אין דעם ענין פון פרה אדומה, וועלכע

פורים־שפיעלער, דעם גאנצען טאראראם, די גאנצע פייערליכקייט פון פורים ביי פיעלע אידען גערעדעט מען פון פורים, אבער מען פייערט איהם נים. לאמיר אבער ערציהען אונזערע קינדער, אז ביי זיי זאל די טעג פורים געטהאן ווערען און אויך געדענקט ווערען, עס זאל זיין ווי אין דער מגילה שטעהט: והימים האלה נזכרים ונעשים!...

און די מגילה פון פורים דעקט פאר אונז אויף נאך א טיפע וואונד אין אונזער לעבען. דאס עס איז שווער, זעהר שווער, צו זיין א פיהרער ביי אידען, און דאס אונזערע אידען, זאלען געזונט זיין, ווילען זעהר זעלטען אנערקענען א מנהיג ווי געהעריג איז. איהר לייענט אין דער מגילה: „כי מרדכי היהודי משנה למלך אחשורש, וגדול ליהודים, ורצוי לרוב אחיו, דרש טוב לעמו, ודובר שלום לכל זרעו.“

עס איז ווירקליך וואונדערבאר! מרדכי דער איד איז דער משנה למלך פון לאנד, ער איז גרוים ביי אידען, ער טהוט גוטס זיין פאלק, ער בריינגט פריעדען צו אלע אידישע קינדער. שטעלט זיך נור פאר, ווי גרוים, ווי וויכטיג, ווי נוצליך אזא מאן איז. האבען דאך אלע אידען געדארפט איהם רעספעקטירען. זאגט די מגילה: ניין! נאך אלע אויסערגעוועהנליכע מעלות, וועלכע ער האט באזעסען, איז ער געווען א רצוי לרוב אחיו, ולא לכל אחיו, שפרשו ממנו מקצת סנהדרין, ער איז געווען אנערקענט ביי די מאיאריטעט פון זיינע ברידער, ביי דעם גרעסטען טהייל, אבער ניט ביי אלע זיינע ברידער. עס איז שווער און כמעט אונמעגליך צו זיין אנערקענט ביי אלע אידען, מען קען ניט זיין א רצוי לכל אחיו!...

די מגילה רופט מרדכי'ן מיט דעם טיטעל איד, איש יהודי. וואס אייגענטליך הייסט א איד? ווער קען טראגען אויף זיך דעם הייליגען נאמען איד? דאס ערקלעהרט אונז רבי שמעון אין ילקוט: „ — רבי שמעון אומר לפי שהיה בן האבות מזרע המלוכה והיה עוסק בתורה כל ימיו, ולא נטמא בפיו מכל מאכל טמא, ולא נהנה מסעודתו של אותו רשע, נקרא שמו יהודי (ילקוט, שם). נור דער וואס איז נים מטמא זיין מויל מיט טמא מאכלים, וועלכער עסט קיינמאל אין זיין לעבען קיין טרפות ניט, דער וואס באשעפטינט זיך מיט תורה זיין גאנצען לעבען, יעדען טאג פון זיין לעבען, דער רופט זיך, און האט א רעכט צו רופען זיך, מיט דעם הייליגען נאמען איד!

און מרדכי דער איד איז נים אומוויסענד, ער קען 70 שפראכען, ער איז משנה למלך, שטאטסמאן. עס איז קיין קונסט ניט צו זיין א פרומער איד און אפהיטען אידישקייט ווען מען לעבט אין א קליין אידיש שטעדטעל, דורכאויס צווישען אידען, פרעמד פון אנדערע שפראכען און וויסענשאפט; מרדכי אבער איש יהודי היה בשושן הבירה, ער איז געבליבען א פרומער איד לעבענדיג אין דער גרויסער קייזערליכער שטאדט שושן. זיין א איד אין שושן הבירה איז נים אזוי לייכט. און מרדכי איז דאס געווען, און מרדכי איז א

טרעטער פון קערפער, ברוטאליטעט, אייזען, בלוט און שווערד, ניט זיי באַ־זיעגען; זיי זענען שוין לאנג אויף דער וועלט ניטאַ, פון זיי איז קיין זכר ניט געבליבען, נור דאָס אידישע פאָלק, שוואך קערפערליך און שטאַרק, זעהר שטאַרק, גייסטליך, ער לעבט און וועט לעבען, און דאַן פערשטעהט מען דעם סוד פון לעבען, אז צופריעדען שטעלען די נשמה באַצאָהלט זיך אימער בעסער ווי צו־פריעדען שטעלען דעם קערפער, און דאַן, ווען דער מענש קומט צוזו אַזאַ מדרגה, דאַן פערברענט די „פרה" די בהמה, וואָס ליגט בעהאַלטען אין דעם מענש, און ער יאָגט זיך ניט נאָך געלד, ער דיענט ניט דעם עגל הזהב, און ווי דער מדרש און ילקוט דריקען זיך אויס, אז די פרה אדומה איז מכפר אויף די זינד פון דעם עגל הזהב ! ! ווייל ווי נור מען קומט צו אַזאַ מדרגה, דאַן בעפרייט מען זיך פון אַלע ליידענשאַפטען, און מען דיענט מעהר ניט צום עגל הזהב.

און דער מדרש האָט אויך געדענקט דאָס אין דער פרה אדומה ליגט דער געדאַנק פון דער אידישער גאולה, ווייל ער זאָגט פרה — אלו ישראל, אדומה — אלו ישראל, תמימה אלו ישראל, שנאמר יונתי תמתי, אשר אין בה מום — אלו ישראל, שנאמר כולך יפה רעיתי ומום אין בך, אשר לא עלה עליה עול, זה דורו של ירמיה שלא קבלו עליהם עולו של הקדוש ברוך הוא, ונתתם אל אלעזר הכהן, זה ירמיה מן הכהנים, ועמיה הגלה לבבל, ושחט אותה לפניו, — את עיני צדקיה עור, ואת בניו שחטו לעיניו, ואסף איש טהור, זה הקב"ה דכתיב ה' איש מלחמה, וטהור עינים, את אפר הפרה — אלו גליותיהם של ישראל, והניח אל מחוץ למחנה במקום טהור — זה ירושלים שהיא טהורה (ילקוט, חקת).

אָט אַזוי קומט דער ילקוט און טייטשט אויס די גאַנצע פרשה פון דער פרה אדומה, אז דאָס געהט אויף דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס איז פערטריבען געוואָרען אין גלות, און נאָך וועט עס אויסלייזען פון גלות און וועט ברייגגען די אידען צוריק אין ירושלים, אמן ! ואמן !

איז מטהר די וואס האבען זיך טמא געמאכט, ווייל זיי האבען זיך אנגעריהרט אן א טוידטען, ליגט בעהאלטען א בריליאנטענער געדאנק:

עס געפינען זיך איידער צופיעל מאדערנע, ראדיקאלע, און אסימילירטע אידען, וועלכע האבען אויפגעהערט גלויבען אז דער אידישער פאלק, וועלכער איז יעצט פאליטיש טוידט, וועט צוריק אויפגעלעבט ווערען אלס שטארקע קולטורעלע, זעלבסטשטענדיגע פאלק; זיי גלויבען ניט אז ארץ ישראל וועט צוריק אפגעלעבט ווערען אלס אידישע לאנד; זיי גלויבען ניט אז אונזער הייליגע נאציאנאלע העברעאישע שפראך וועט צוריק ווערען א לעבעדיגע נאציאנאלע שפראך; זיי גלויבען ניט און ווילען ניט גלויבען אז אונזער חושן משפט וועט ווערען א לעבעדיגער געזעץ־געבער אין דעם ווירקליכען לעבען פון אידישען פאלק אין זיין אייגענע לאנד; זיי גלויבען ניט — אט דיזע אומגליקליכע אידען — אז די אידישע תורה וועט מוזען ווערען אין דער צוקונפט די תורת חיים, די תורה פון דעם אלטעגליכען לעבען, ווייל ווען נים, וועט די וועלט זינקען מאראליש און מענשליך אזוי נידעריג, אז זי וועט פשוט ניט קענען עקזיסטירען! און אט די אלע נים־גלויבער, אט די אלע גאטלאזע, רויטע, ראדיקאלע, אומגליקליכע אידען, זענען, נעביך, טמא, זיי האבען מטמא געווען זייער מחשבה, זייער נשמה, דורך דעם וואס זיי ריהרען זיך אן אין א טוידטען, א טוידטער איד, א טוידטע יורענטהום, א טוידטע תורה, אלעס איז ביי זיי טוידט, ווייל דער טוידט געפינט זיך אין די טיעפעניש פון זייער אייגענער נשמה, אלעס וואס איז שעהן און הייליג איז טוידט פאר זיי. דערפאר, ווען מיר לייענען פורים און בעפאר פורים די געשיכטע פון עמלק, פון המן, ווי עמלק האט ניט געקענט פער'סמ'ען, מטמא מאכען די אידישע נשמה, ער האט ניט געקענט פערניכטען די הייליגע אידישע אמונה, און המן האט ניט געקענט פערניכטען און אויסקוילען אלע אידען, ווען מען טראכט זיך מיעף אריין אין דעם, מוז מען קומען צו דער איבערציינונג, אז דער אידישער פאלק איז אונשטערבליך, דער אידישער פאלק וועט לעבען אייביג, און די אידישע אמונה וועט לעבען אייביג, און קומענדיג צום בעשלוס אז דאס יודענטהום לעבט און וועט לעבען, ווי נור מען הויבט אן גלויבען אין דעם, אזוי איז מען שוין ניט מעהר טמא. אט דער רעיון פון פרת אדומה, אז די „פרה" אין דעם אידען, אלעס וואס איז „בהמית", ווערט פערברענט און גערייניגט. נאך דעם ווי מען טראכט זיך אריין און מען פערשטעהט דעם סוד פון פרשת זכור — עמלק דער באקעמפפער פון דער אידישער רעליגיאן — און פורים — דער המן, וועלכער זוכט פטור צו ווערען פון אלע אידען, און זיי ביידע קענען מיט אידען גאר־ניט מאכען, און אידען און יודענטהום וועלען אייביג לעבען — ווי נור מען פערשטעהט דאס, איז מען מעהר ניט טמא, און דאן ניט ווילענדיג מוז מען אנפאנגען פילאזאפירען וועגען לעבען בכלל, און מען מוז קומען צו דער איבערציינונג אז נים דער קערפער פיהרט די וועלט, נור דער גייסט. דער קערפער שטארבט אוועק, דער גייסט איז אונשטערבליך. ניט עמלק און המן, די פער־

ניט, אשר לא עלה עליה עול, דאן מוז מען איהר פארברענגען, ווייל א בהמה וואס האלט זיך אזוי קלוג, ראדיקאל, רויט, און וויל אויף זיך קיין יאך ניט האבען, איז זי א געפאהר, און מען מוז איהר פארברענגען...

אונזערע חכמים זכרונם לברכה דערצעהלען אונז א וואנדערליכע גע־שיכטע, וואס עס האט אמאל פאסירט מיט א פרה אדומה, „מעשה שהיו מחזרין שנה אחת אחרי פרה אדומה, באו אצל גוי אחד ומצאוה אצלו, אמרו לו מכור אותה לנו, התחיל מתפרנות עליה, אמרו לו בכמה? אמר להם במאה זהובים, אמרו לו טול והוציאה אלינו, נכנס לביתו ויצא אמר להם להוסיף לו עוד חמשים זהובים, הוסיפו לו, ונכנס לביתו ויצא ואמר איני מוכרה פחות משלש מאות זהובים, אחר כך העלה אותה בדמים עד אלף זוז, ונתנו לו הזהובים, ויאמר הגוי בלבו אני אלעיג על היהודים, נכנס ונטל העול והניח על צוארה כל הלילה, לבקר הוציאה להם, מיד הכירו שעלה עליה עול, בדקו אותה ומצאו שתי שערות על צוארה שהן נכפפות מן העול, וראו עיניה מפלפלות ומבטת אל העול, אמרו לו אין אנו צריכין לה עוד, כי כבר עלה עליה עול, החזיר להם הגוי את הזהובים וחנק לעצמו" (פסקתא רבתי, פי"ד, י"ג, תנחומא הישן חקת א').

אידען זוכען א פרה אדומה — דערצעהלען אונז די חכמים — טרעפען זיי איהר ביי א גוי. דער גוי פארשטעהט אז אידען מוזען איהר האבען, בעט ער א הויכען פרייז. זיי גיבען איהם, בעט ער ביי זיי דעם משוגענעם גרויסען פרייז פון טויזענד גילדען, אידען גיבען איהם וויפיעל ער בעט, און דער גוי זאגט: איך וועל לאכען פון די אידען. ביינאכט האט ער ארויפגעלעגט אויפ'ן האלז פון דער בהמה א שווערען יאך, וועלכער האט געפרעסט איהר האלז א גאנצע נאכט; אויף מארגען אין דער פריה קומען זיי אפנעהמען די רויטע בהמה, ערשט זיי זעהען צוויי לאנגע האר פון איהר האלז ליגען איינגעפרעסט פון דעם יאך וואס איז געלעגען אויף איהר, און איהרע אויגען קוקען שקלאפיש אויפ'ן יאך. זאגען זיי צום גוי: דו האסט אונז אפגענארט! זי האט אויף זיך א יאך געהאט, מיר דארפען איהר מעהר ניט האבען. דער גוי האט זיי געמוזט צוריק אוועקגעבען די געלד, און פון גרויס עגמת נפש, וואס ער האט פארלארען אזוי פיעל געלד, איז ער געגאנגען און האט זיך דערווארגען.

קוים האט זי אויף זיך א יאך, טאר מען איהר ניט פארברענגען, ווייל די רעכטע געפאהר איז ווען מען האט אויף זיך קיין יאך ניט, און ווען מיר זעהען די לעצטע צייט אין אונזער לאגער רויטע ראדיקאלען, וועלכע ווילען ניט האבען אויף זיך דעם עול הקדוש ברוך הוא, דעם יאך פון גאט, דעם יאך פון אידישקייט, און קיין געטליכען שכל האבען זיי דאך ניט, דאס איז, רבותי, די מאָדערנע פרה אדומה, די פרה אדומה פון היינטיגער צייט. מיר וועלען אט די פרה אדומה ניט געהן ברענגען אין דעם געוועהנליכען זינען פון ווארט. ערשטענס, וועלען זיי זיך ניט לאזען, צווייטענס, זענען מיר קיין גזלנים ניט, מיר וועלען קיינעם חס ושלום קיין שלעכטעס ניט טאן, מיר האלטען פון דעם כלל אז ישראל אף על פי שחטא

פרשת פרה

די פרה אדומה וועלכע געפינט זיך אין אונז — די מאַיאָ־ריטעט און די מינאריטעט — די מאָדערנע פרה אדומה — די פרה אדומה אידען — די ראדיקאלע שוהלעס — דער פייער פון דער תורה און דער פייער פון די אינקוויזיציע — דער אלטער און דער נייער דור — סעמעטערי און לאנד.

דער איד דארף שטארקער מאכען דעם גייסט, דעם אידישען גייסט, און פ א ר ב ר ע נ ע ן די פרה, די בחמה וואס געפינט א י ן אונז... און ווען מיר זעהען פאר זיך א מאטעריאלישע וועלט, מענשען יאגען זיך ניט נאך גייסט, נור נאך קערפערליכע פערגעניגענס, נאך געלד, נאך לוקסוס, נאך קערפערליכע און גאנץ נידעריגע ליידענשאפטען, דארפען מיר ניט פערצווייפעלט ווערען און זאגען: עס איז פארפאלען, מיר וועלען שוין די וועלט ניט איבערמאכען, איך קען ניט און בין ניט מחויב זיין פרומער פון דער גאנצער וועלט. דאס טארען מיר ניט דענקען און ניט זאגען! דער ערשטער איד אויף דער וועלט, דער גרינדער פון יודענטהום, אברהם אבינו, האט זיך גערופען מיט דעם נאמען ע ב ר י. ערקלעהרט אונז דער מדרש, אז ע ב ר י מיינט אן איין־זייטיגער, פון דעם לשון ע ב ר, ווייל — „כל העולם כולו מעבר אחד, ואברהם מעבר שני", די גאנצע וועלט אין זיין צייט זענען געווען אויף איין זייט, אויף דעם זייט פון עבודה זרה, נארישע, ווידלע געצען־דיענעריי, אבערגלויבען, און אברהם איז אויף דעם זייט פון א י י ן גאט! און אברהם קעמפפט מיט א גאנצע וועלט און געווינט. „זאת חקת התורה, הדא הוא דכתיב מי יתן טהור מטמא, כגון אברהם מתרח (מ"ר פי"ט), תרח איז א געצען־דיענער, אן עבודה־זרה'ניק, א טמא, און זיין זוהן אברהם איז א טהור, ריין און הייליג, און מיר קינדער פון אברהם, דארפען געהן אין זיין וועג, מיר דארפען זיך קיינמאל ניט אפ־שרעקען פאר די מאיאריטעט, פאר די מיליאנען וואס זענען קעגען אונז, ווייל לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם, כי אתם ה מ ע ט מ כ ל ה ע מ י ם, אידען זענען א קליין הייפעל אקעגען די מיליאנען גוים אויף דער גאנצער וועלט, און דאך — דער איד בלייבט א איד. אזוי דארף יעדער יחיד, יעדער איינ־צעלנער איד, ניט שרעקען זיך און ניט בטל ווערען פאר די אלע וואס היטען ניט קיין אידישקייט. ער דארף זיך געהן אין זיין וועג, וועלכעס איז א ד ר ך ה ק ו ד ש, אן אלטע אויסגעטראָטענע הייליגע וועג, און ווען די פ ר ה א ד ו מ ה, די בלוט־רויטע בהמה, די בעסטיע וואס ליגט אין אונז, שטערט אונז לעבודת הבורא, דארפען מיר פארברענען די בהמה וואס געפינט זיך אין אונז!...

א מענש מוז זיין פאראנטוואָרטליך, ער מוז האבען אויף זיך א יאָך, אדער ווי עס רופט זיך אין העברעאיש ע ו ל, א מענש מוז אימער בשעפטיגט זיין, אימער נוצליך זיין, אימער עפעס שאפען; אלעס אין דער נאטור ארבייט און שאפט. ווען אבער עס געפינט זיך א בהמה, וועלכע האט אויף זיך קיין יאָך

עס געפינט זיך, רבותי, א וואנדער־שעהנער מאמר אין מדרש: „משל למה הדבר דומה? לאב ובן שהיו מהלכין בדרך, נתייגע הבן, אמר לאביו: אבא! היכן היא המדינה? אמר ליה: בני, סמן זה יהא בידך, אם ראית בית הקברות לפניך, דע כי המדינה קרובה לך. כך הנביא אומר לישראל, אם ראות הצרות שיכסו אתכם מיד אתם נגאלים, שנאמר יענך ה׳ — ביום צרה“ (דברים רבה פ"ב, ומדרש שוחר טוב, שם).

א פאָטער און א זוהן געהעןביידע אין וועג, האָט זיך איינגעמאַטערט דער זוהן. זאָגט ער: פאָטער! וואו איז די מדינה? ענטפערט ער איהם: מיין זוהן! דעם סימן זאָלסטו האָבען, ווען דו זעהסט פאר זיך א בית הקברות, א סעמעטערי, זאָלסטו וויסען אז נאָהענט פון דער סעמעטערי געפינט זיך די מדינה. אזוי — זאָגט דער מדרש — זאָגט דער נביא צו אידען: ווען איהר זעהט אז גרויסע צרות קומען אויף אייך, איהר זעהט זיך שוין גאר ניט אן, די צרות פארדעקען אייך, דאן זאָלט איהר וויסען, קינדערלאך, אז דאָס איז א גוטער סימן, אז באלד וועט קומען די גאולה. ווייל אזוי זאָגט דוד המלך ע"ה: יענך ה׳, גאָט וועט דיר ענטפערען, ווייסטו ווען? ביום צרה! ווען דו וועסט זיך געפינען אין א שרעקליכער צרה!...

* * *

פאָטער און זוהן געהען אין וועג, א לאַנגער, לאַנגער וועג, א צוויי־טויזענד יעהריגער וועג, א שרעקליכער וועג, פול מיט בלוט, אידישע בלוט, צובראָכענע ביינער, אידישע ביינער, א וועג פון מסירת נפש אויף יעדען טראָט. דער אלטער פאָטער, פון דעם אלטען דור, וועלכער האָט אמונה, האָט בטחון אין גאָט, ער ווערט ניט איינגעמאַטערט, די תורה, די אמונה מאכט איהם שטאַרק, מאכט איהם יונג, אָבער — נתייגע הבן, דער זוהן, דער יונגער, דער מאָדערנער, דער ניט פרומער, ער ווערט איינגעמאַטערט, און ער וויל ניט געהן ווייטער... ער וויל ניט שפּאַנען אין א וועג פון דערנער, א וועג פון בלוט און פייער... ער וויל אראָפּגעהן פון וועג... אָבער איין זאַך האַלט איהם אָפּ: ער איז א נאַציאָנאַליסט, ער פרעגט דערפאר דעם אלטען פאָטער: היכן היא המדינה?! עס ווייס, יעדעס פאָלק האָט זיין מדינה. וואו איז אונזער מדינה? וועלען מיר אמאָל קומען צוריק אין אונזער מדינה, אין ארץ ישראל? און דער אלטער איד ענטפערט דעם יונגען אידען: מיין זוהן, שרעק זיך ניט איבער פאר דעם וועג, אַט דעם שלעכטען וועג פון בלוט און טרעהרען, געה אין איהם און געה ניט אראָפּ פון וועג, אייביג וועט זיך דער וועג ניט ציהען, דעם סימן זאָלסטו האָבען, אז ווען דו וועסט זעהען קברים, צרות, מלחמות, א וועלט־איבערקעהרעניש, א וועלט־מלחמה, דאן וועלען מיר אונזער מדינה דערזעהען!...

וואָס זעהען מיר יעצט? יעצט, נאָך דער גרויסער וועלט־מלחמה. די אידישע לאַגע איז שרעקליך, מיליאָנען אידישע קרבנות זענען געבראַכט גע־וואָרען, קברים פון אונזערע קינדער, וועלכע האָבען זיך נעשלאָגען און גע־

ישראל הוא! אפילו א זינדיגער איד, א פרה אדומה איד, איז אויך א איד. אבער פערברענען די פרה אדומה פון אונזער לאגער מוזען מיר איז א העכערען זין, מיר מוזען איהר פארברענען אין דעם פייער פון אונזער תורה, הלא כה דברי כאש נאום ה׳, גאט׳ס ווארט איז א שטיק פייער!! מיר דארפען ראטעווען די אומשולדיגע יונגע נשמה׳לער פון די קינדער פון די אידישע ארבייטער, וועלכע לעהרנען אין די פרה אדומה שוהלעס, אין די רויטע ראדיקאלע שוהלעס, וואו עס ווערט געפייערט דער יאהרצייט פון קארל מארקס און די קינדער ווייסען ניט פון דער קדושה פון משה רבינו, וואו עס ווערט געפייערט ימים טובים וואס די אידישע געשיכטע האט זיי ניט פערהייליגט, און די קינדער דערצעהלט מען ניט וועגען דעם גרויסען יום־טוב פון יום כפור, דעם שבת שבתון, דער אידעאל פון דער פרה אדומה געזינדעל, דארף בעלויכטען ווערען דורך די ליכט און פייער פון אונזער געטליכער תורה. יתמו חטאים ולא חוטאים, דער פערזאן, דער יחיד אינטערעסירט אונז ניט, אבער דער קאלעקטיוו, דער קבוץ, די גרופע, די וועלט־אנשויאונג פון אט די רויטע ראדיקאלען אונזערע, אשר לא עלה עליהם עול, וועלכע האבען ניט דעם יאך פון הקדוש ברוך הוא, דעם יאך פון די אידישע טראדיציע, די אידעע פון דער פרה אדומה דארף פארברענט ווערן אין דעם געטליכען פייער פון אונזער הייליגער תורה!...

און דער מדרש זאגט: פרה אלו ישראל, שנאמר כי כפרה סוררה סר ישראל, וכו׳, אשר לא עלה עליה עול — שלא קבלו עליהם עולו של הקדוש ברוך הוא. די פרה אדומה — זאגט דער מדרש — דאס איז דאס אידישע פאלק, ווען עס װארפט פון זיך אראפ דעם יאך פון גאט, און דאן ברענט מען איהר... דער פייער פון דער אינקוויזיציע איז א גוטער עדות... די גאנצע גוי׳עשע וועלט זוכט איהר צו פארברענען, פטור ווערען פון איהר... אבער אומזיסט אייער ארבייט! אט גראדע אין דער צייט ווען איהר האט איהר שוין פארברענט, איהר מיינט איהר זענט שוין פטור פון איהר, גראדע דאן קומט די פערברענטע אש, א פאלק א פארברענטע, מען האט פארברענט איהר לאנד, פארברענט איהר בית המקדש, מען האט געברענט איהר תורה אין די גאסען פון די גרעסטע מדינות, מען האט געברענט איהרע קינדער, עס איז געבליבען א פאלק פון אש און שטויב, אין אט די אש, די אפר הפרה, מאכט ריין א טמא וועלט, מטהרת טמאים, פערשפרייט גערעכטיגקייט און מאראל פאר דער גאנצער וועלט, און ווען דו זעהסט איהר אש ליגט אויפ׳ן מזבח, אויף דעם מזבח פון דער ברוטאלישער וועלט, זאג ניט, אונזער האפענונג איז פארלארען, חס ושלום, פארקעהרט, ווען דו זעהסט אז כי שחה לעפר נפשינו, דבקה לארץ בטנינו, אז מיר ליגען שוין אזוי נידעריג, וואס קען שוין נידעריגער ניט זיין, דאן קומה ה׳ עזרתה לנו! דאן וועט קעמען די געטליכע הילף, און מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, און קומען צוריק אין ארץ ישראל.

און דער ר"ן זכרונו לברכה באַמערקט אין זיינע דרשות, אַז וואָסער זועלכע זענען געוועזן אמאָל געזאָדענע הייסע וואסער און האָבען זיך אָפּגעקיהלט איז לייכטער צו אָנוואַרימען זיי, ווי גאַנץ קאַלטע וואסער, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געזאָדען, קיינמאָל וואַרעם ניט געווען. אַ חודש אין וועלכען עס האָט שוין פּאַסירט אַ גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונג, ווען אַ גאַנץ פאָלק האָט דאָן צוּבראָכען די קייטען פון שקלאַפעריי, און האָט אַ גאולה געהאַט, אַזאַ חודש איז מעהר מסוגל, פעהיג און פּאַסיג צו דער אידישער גאולה, ווי יעדער אַנדער חודש פון יאָהר. און דאָס איז דער סוד פון דער גמרא, וואָס זאָגט: „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל", אום חודש ניסן זענען אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, און אין דיזען חודש ניסן וועט פאָרקומען די אמת'ע, גרויסע אידישע גאולה, ווען משיח וועט קומען!

החדש הזה לכם! אידען דאַרפען מקדש זיין און דאַרפען מחדש זיין די לבנה! ווייל די גוים זענען געגליכען צו דער זון, און די אידען זענען געגליכען צו דער לבנה. עס קומט סוף חודש, עס ווערט שרעקליך פינסטער, מען מיינט שוין אויס לבנה, זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אָפּלעבען, קיינמאָל ניט ליכטיגער ווערען, אָם ענדע אָבער ווערט בענייט די לבנה. דאָס רופט זיך אין העברעאיש חדוש לבנה, מען געהט יעדען חודש מחדש זיין די לבנה, אָדער קידוש לבנה, ווייל אין ארץ ישראל פלעגט דער בית דין מקדש זיין דעם חודש דורך עדות, וועלכע האָבען געזעהען די בענייאונג פון דער לבנה, און אין דער צייט פון די חכמי המשנה פלעגט מען מאַכען אויף חדוש לבנה אַ קורצע ברכה, אַזוי ווי אויף דער בענייאונג פון דער זון, „ברוך עושה בראשית" (תוספתא, ברכות, פ"ז, גמרא נ"ט).

דער ירושלמי זאָגט: ברכות י"ג ע"ד) הרואה את הלבנה בחדושה אומר „ברוך מחדש חדשים", דער וואָס זעהט ווי אַזוי די לבנה ווערט ווידער בענייט, דאַרף ער זאָגען: „געלויבט איז גאָט, וועלכער בענייט די חדשים". היינט געפינען מיר אין אַלע אונזערע סדורים אַ געוויסע נוסחא, וועלכע פאַנגט זיך אָן אשר במאמרו ברא שחקים וכו', און מיר זאָגען דאָן אַ פּאָר ווערטער וועלכע ערקלעהרען אונז דעם טיעפען געדאַנק און דעם סוד פון חדוש לבנה, מיר זאָגען: וללבנה אמר שתתחדש עטרת תפארת לעמוסי בטן, שהם עתידים להתחדש כמותה ולפאר ליוצרם על שם כבוד מלכותו. אַזוי ווי די לבנה ווערט בענייט, נאָך די פינסטערניש פון סוף חודש, ווערט ווידער ליכטיג, די לבנה ווערט ווידער געבוירען, אַט אַזוי וועט קומען דער ווידערגעבורט און די בענייאונג פון דאָס אידישע פאָלק (סנהדרין מ"ב, מסכת סופרים פ"ב, אלפסי ברכות סוף פ"ד, רמב"ם הלכות ברכות פ"י, סמ"ג עשין כ"ז, טור אורח חיים סימן תכ"ה).

און ווען מיר טראַכטען זיך אַריין אַ ביסעל טיעפער אין דעם קדוש לבנה, געפינען מיר אין די ברכות פון דער לבנה גאַנץ טיעפע שעהנע געדאַנקען, וועלכע

שטאַרבען אויפ'ן שלאַכט-פעלד פאַר דער פרייהייט פון פוילען, רוסלאַנד, רו־מעניען און פון אַלע אַנדערע לענדער, וועלכע דריקען אונז פּאָליטיש, עקאָנאָ־מיש און קולטורעל, איז שרעקליך גרויס. אונזערע קברים זענען פיעל, מיר האָבען צוגעגרייט אַ שרעקליכען גרויסען בית הקברות. אָה, גאָט! וויפיעל מיליאָנען אומשולדיגע אידישע קברים פון יונגע אידישע קינדער עס געפינען זיך יעצט אין דער גרויסער וועלט. איז וויבאַלד אַז מיר זעהען סעמעטערי, אַ בית הקברות, איז אַ סימן אַז המדינה קרובה לנו, אַז ניט ווייט פון סעמעטערי מוז די מדינה זיין! אונזערע חלוצים האָבען פיעל קברים אין ארץ ישראל, קברים פון די יעניגע וועלכע זענען געשטאָרבען על קדושת הארץ, איבער די הייליגקייט פון ארץ ישראל, און דערפאַר זייט ניט פער־צווייפעלט, אידען, מאַטערט זיך ניט איין, פאַרלירט ניט אייער האָפענונג, איהר יונגע אידען, אייך פעהלט, נעביך, אמונה און בטחון אין גאָט. ווען איהר וואָלט דאָס געהאַט, וואָלט איהר ראַך זעהען אַזוי קלאָהר ווי מעגליך, אַז המדינה קרובה לנו! ארץ ישראל איז געווען און ארץ ישראל וועט בלייבען אונזערס! קיין קראַפט אין דער וועלט וועט ניט קענען צונעהמען דאָס אידישע לאַנד פון דאָס אידישע פאָלק, וואו מיר וועלען לעבען דאָרט במהרה בימינו, אמן! ואמן!

פרשת החדש

כשבחר הקב"ה ביעקב ובניו, קבע להם ראש חדש של גאולה, שבו נגאלו ישראל ממצרים, ובו עתידים להגאל, ורמז להם לישראל שהוא ראש להם לתשועה, שנאמר ראשון הוא לכם לחדשי השנה (שמות רבה, פט"ו).

דער איד און די לבנה — דער חודש ניסן — דער איד האָט שונאים און מאַנצט — דוד מלך ישראל חי וקים — די פּגימות פון דער לבנה — פרויען זיינען ניט מחדש די לבנה — אי־דישע צרות און מסירת נפש.

היינטיגער שבת, איז שבת פרשת החדש. מיר לייענען היינט אין דער תורה: החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה, היינטיגער חדש, חדש ניסן, איז דער ערשטער, דער וויכטיגסטער, דער אַנפאַנג פון אַלע חדשים פון יאָהר. אַלע חדשים פון יאָהר רעכענען זיך פון היינטיגען חודש, ניסן, אייר, סיון, און אַזוי ווייטער.

אין דיזען חודש האָט פּאַסירט דער גרעסטער וואונדער אין דער וועלט; אין דיזען חודש האָט פּאַסירט דער אויסערגעוועהנליכער נס פון יציאת מצרים, אידען זענען אין דיזען חודש אַרויס פון מצרים, האָבען זיך בע־פרייט פון גלות, פון נידעריגער, זעהר העסליכער שקלאַפעריי, און אַלס פרייעס זעלבסטשטענדיגעס פאָלק זענען זיי געגאַנגען נעהמען די תורה אין זייער לאַנד, ארץ ישראל.

פגימות, ניט נור מען טאָר א בהמה ניט קוילען מיט א חלף סיידען ווען דער חלף איז ח ד ו ח ל ק, שאַרף און ג ל א ט (יורה דעה סימן י"ח, ד, סימן י"ח, הגהת הרמ"א, חולין י׳), נאָר דער גאַנצער אידישער לעבען דאַרף זיין ח ד ו ח ל ק, שאַרף און — ג ל א ט, עס טאָר קיין פגימות ניט זיין, עס טאָר זיך ניט פאַרטשעפּען!... און ווען מיר זעהען אז אויף דעם פעלד פון חנוך, פון כשרות, פון שבת, איז עפּעס נ י ט ג ל א ט, עס איז דא א פגימה, מוז מען זיך ווענדען צו א מומחה ומובהק, ער זאָל אראָפּנעהמען די פגימה, דאָס אידישע פאָלק, אזוי ווי די לבנה, טאָר אויף זיך קיין פגימה ניט האָבען, און דערפאַר שטעהט דער איד און בעט „ל מ ל א פ ג י מ ת ה ל ב נ ה!"...

און טאַקע דערפאַר זענען די אידישע פרויען ניט מחדש די לבנה. זיי שעהמען זיך פשוט, ווייל די ערשטע אידישע פרוי, ח ו ה, האָט געזינדיגט מיט דעם עץ הדעת, און זי, די ערשטע, האָט געמאַכט א פ ג י מ ה אין דער לבנה... (של"ה דף ע׳ דע"א).

מען גלויבט, אז דער וואָס איז מחדש די לבנה, מ ו ב ט ח ל ו, איז ער זיכער, ש ל א י מ ו ת ב ת ו ך ה ח ד ש, אז ער וועט ניט שטאַרבען אין יענעם חודש. זעהען מיר דאָך אבער אמת׳ע פרומע אידען, וועלכע זענען מחדש די לבנה און שטאַרבען דאָך? ! דאַרף מען אבער וויסען די אידישע געשיכטע און דאַן ווען מען פערשטעהן דעם זין, דעם געדאַנק פון דיזען גלויבען.

עס איז געווען אמאָל א צייט, דאָס די רעגיערונג, וואו אידען האָבען דאָן געלעבט, האָט ארויסגעגעבען א שרעקליכע גזירה, אז אידען טאָרען ניט היטען ר א ש ח ד ש און טאָרען ניט מחדש זיין די לבנה, ווייל אונזערע שונאים האָבען דאַן פערשטאַנען און געפיהלט דעם סוד פון ראש חדש, אז דער איד שעפּט פון דיזער מצוה בעגייסטערונג און גלויבען, שטאַרקען און טיעפען גלויבען, אין די א י י ב י נ ק י י ט פון אידישען פאָלק, און טאַקי דערפאַר האָבען די שלעכטע רעגיערונגען ניט דערלאָזען אונזערע עלטערען צו מחדש זיין די לבנה, אום ארויסצורייסען ביי זיי פון הארצען יעדע ברעקעל האָפנונג אויף דער גאולה. און מחדש זיין דאַן די לבנה איז געווען, פשוט, סכנת נפשות; זענען אָבער געקומען די חכמי ישראל, די אידישע געלעהרטע, און האָבען פער־זיכערט אלע אידען אז זיי יועט גארניט שאַדען, די מצוה וועט אויף זיי מגין זיין, און וועט זיי ראַטעווען פון א זיכערען טוידט, מובטח לו ש ל א י מ ו ת בתוך החדש, אז דער וואָס וועט מחדש זיין די לבנה וועט נ י ט ש ט א ר ב ע ן דורך די רעגיערונג, גאָט וועט העלפען! און י ה ו ש ע האָט איינגענומען די שטאָדט יריחו, אזוי וועלען מיר איינגעהמען און באקעמפּפען א ו נ ז ע ר ע שונאים, און ווען יהושע האָט יריחו איינגענומען האָט ער מתקן געווען די תפלה פון ע ל י נ ו לשבח לאדון הכל, און פני י ה ו ש ע ב פ נ י ל ב נ ה — אזוי זאָגט אונז די גמרא — אז דער פנים פון יהושע איז ווי דער פנים פון דער לבנה; דערפאַר זאָגען מיר נאָך קדוש לבנה ע ל י נ ו לשבח (זעה כל בו סימן מ"ב, שבלי הלקט, סימן קס"ז, אורח חיים סימן תכ"ו).

באשמעטיגען דעם בעוואוסטען כלל אז ישראל נמשלו ללבנה — די אידען זענען געגליכען צו דער לבנה. די לאגע פון דער לבנה איז די אידישע לאגע, די בענייאונג פון דער לבנה איז די בענייאונג און די ווידערגעבורט פון דאס אידישע פאלק.

בשעת מיר זענען מחדש די לבנה שפרינגען מיר אונטער אקעגען די לבנה און מיר זאגען: כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך, כך לא יוכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה, תפול עליהם אימתה ופחד, אזוי ווי איך טאנץ אקעגען דיר און קען זיך ניט אנריהרען אן דיר, אט אזוי זאלען ניט קענען מיינע שונאים אנריהרען זיך אן מיר, צו טאן מיר שלעכטעס. אויף זיי זאל פאלען א שרעק און א ציטערניש, און גלייך נאכדעם זאגט מען דוד מלך ישראל חי וקים, דוד, דער מלך פון אידען, לעבט און עקזיסטירט (רמ"א או"ח סימן תכ"ו, ב, ראש השנה כ"ה, כוזרו מאמר ב׳ ס"ד ומאמר ד׳ סימן כ"ט).

שרעקליך איז דער אידישער לעבען. מאנכעס מאל איז זיין לעבען שרעקליכער ווי דער שרעקליכסטער טויטט. אויף יעדען שריט און טריט האט דער איד שונאים, שרעקליכע ביטערע שונאים, וועלכע ווילען איהם אומברייגגען פון דער וועלט מיט די שרעקליכסטע אכזריות, שטעהט דער איד און כאפט א טענצעל אקעגען דער לבנה, צו וועלכער דער איד איז געגליכען געווארען, און ער בעט גאט אזוי ווי ער טאנצט אקעגען דער לבנה און קען זיך ניט אנריהרען אן איהר, אזוי זאלען זיינע שונאים ניט קענען אנריהרען זיך אן איהם, צו טהאן איהם שלעכטעס, און דאן רופט ער אוים מיט היילינער בעגייסטערונג: „דוד מלך ישראל חי וקים“, דוד דער סימבאל פון אידישען פאלק — ווי עס איז בעוואוסט — און ווען דוד זאגט א קאפיטעל תהלים, וואו ער רעדט פאר זיך, ווייסען מיר אז ער מיינט דאס ניט זיך, נור דאס אידישע פאלק, ער רעדט אין נאמען פון אידישען פאלק, פון די כנסת ישראל. און דער אלגעמיינער דוד, דער 17 מיליאנענדיגער דוד, דאס אידישע פאלק, איז — חי וקים! לעבט און עקזיסטירט אייביג, וועט קיינמאל ניט אונטערגעהן, וועט בענייט ווערען, אזוי ווי די לבנה ווערט בענייט.

דער וואס פארשטעהט ניט די אידישע נשמה, וועט זיך שטארק וואנדערען ווען ער וועט זעהען אז עס שטעהט אן ארימער שניידער, אן אפערייטאר, אין א שרעקליכען פראכט ביינאכט, ווען אין הויז זיינען קיין קוילען ניטא, און ער ווייס ניט היינט פון וואס ער וועט לעבען מארגען, און אט דער ארימער איד האט קיין אנדער דאגה ניט, נור ער בעט גאט און ער ווינשט מיט׳ן גאנצען הארצען למלא פגימת הלבנה, די לבנה זאל קיין פגימה ניט האבען?!... דער אמת אבער איז, אז דער ארימער פראסטער איד פיהלט אינסטינקטיוו אז די פגימה פון דער לבנה איז זיין פגימה, די פגימת הלבנה איז גרוים, חלול שבת איז א שרעקליכע גרויסע פגימה ביי אידען, וואס נמשלו ללבנה, שבת, כשרות, טהרת המשפחה, חנוך הבנים, וואו מען ניט זיך א קעהר זעהט מען פגימות... און ניט נור אין כשרות, ניט נור אין שחיטה איז דא

שטרעקט אויס איהר האלז צום קוילען, אזוי זענען די אידען." דער איד לעהרענט איז גלות „הלכות שחיטה", און דער איד אין גלות איז קלאָהר, זעהר שטארק בעהאוועגט אין הלכות שחיטה. גאנצע קהלות האָבען געקוילעט זייערע פרויען, זייערע קינדער, זיך אליין און זענען געשטארבען על קדוש השם ווען מען האט זיי געוואָלט שמד'ען; זיי זענען געשטאָרבען מיט שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אויף זייערע ליפּען! און משה רבינו, דער געטליכער מענש, דער איש אלהים, ווען ער האט זיך פערטיעפט אין די אידישע פּראָבלעם, ווען ער האט געזעהן ברוח הקודש וואס מיט אידען וועט פּאסירען אין גלות, ווי גאנצע אידישע קהלות וועלען אויסגעקוילעט ווערען, איז איהם געווען שווער צו פערשטעהן, פון וואנען נעהמט זיך צו אידען אזא געטליכער כח צו לאזען זיך און די קינדער קוילען על קדוש השם! זאָגט רבי עקיבא: זה אחד מג' דברים שנתקשה משה והראהו הקדוש ברוך הוא באצבעו וכו', ויש אומרים אף שחיטה נתקשה משה, שנאמר זה הדבר אשר תעשה את המזבח (מכילתא וילקוט תרומה).

איז אונזער לעבען טרעט יעצט אריין די פרשת החודש, עס נעהט די פרשה החודש יעצט ניט נור דיזען שבת, נור יעדען טאָג. ארץ ישראל ווערט געבויעט, די העברעאישע שפּראך ווערט גערעדט און אפּגעלעבט אין דעם מויל פון אונזערע יונגע זיהן און טעכטער, מיר ווערען יעצט בעֿ־נייט, עס איז פרשת החודש, און דאס ווענדט זיך יעצט אַן אונז אליין: זענען מיר איצט גרויס גענוג פאר אט דיזע גרויסע שעה, די שעה פון אונזער גאולה? ווילען מיר ווערען, שטארק ווערען, ווערען מיר פּאזיטיוו אויסגעלייזט ווערען. היום! אם בקולו תשמעו! החודש הזה — דיזע בענייאונג — די בענייאונג פון פאלק, לאנד, שפּראך, לכם! דאס באלאנגט צו אייך אליין. זאָגט דער ילקוט: החודש הזה לכם — הוא מסור בידכם, ואין אתם מסורין בידו... (ילקוט, בא), די גאנצע בענייאונג ליגט אין אייערע אייגענע הענד. ווען איהר וועט נור שטארק ווערען האָבען די גאולה, וועט איהר אויסגעלייזט ווערען!

דער אומגליק אבער איז, אז ווען דעם אידען איז גוט, ווען די זון שיינט, בענקט ער ניט נאך זיין לאנד, נאך ארץ ישראל, „וישמן ישורון ויבעט", נור דאַן ווען דער אידישער הימעל ווערט פערוואלקענט, ווען די וואלקענס פערפינסטערען דעם אידישען הימעל, ווען זיין לעבען ווערט שרעקליך פינסטער, דאַן איז די וואלקענס ברייננגען איהם אין ארץ ישראל... און אפילו משיח וועט קומען מיט די וואלקענס... עם ענני שמיא... זאָגען אונ־זערע חכמים זכרונם לברכה: „והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר להשתחוות לפני בירושלים, והאיך באים ראש חודש ושבת מסוף העולם? אלא העבים באים וטוענים אותם ומביאים אותם לירושלים, והם מתפללים שם בבקר, והוא שהנביא מקלסם מי אלה כעב תעופנה (פסיקתא), וואלקענס — זאָגט דער פּסיקתא — ווילען ברייגגען די אידען

החדש הזה לכם! דער חדש, די בענייאונג פון דער לבנה איז א ביישפיעל צו אייך. אזוי ווי די לבנה ווערט בענייט, אזוי וועלען אידען בענייט ווערען צוריק אויף זייער לאנד, אין ארץ ישראל, אמן! ואמן!

לפרשת החודש

די אידישע גאונים אין גלות — דער גלות איד איז קלאהר אין הלכות שחיטה — די פרשה פון חודש אין דעם אידישען לעבען — די וואלקענס אין ארץ ישראל.

שרעקליך איז דער גלות־לעבען. אונזערע גאונים, אונזערע גדולים זענען אין גלות; זייערע ארבייטען, אונזערע גרויסע דיכטער, דענקער, פילאזאפען, שריפט־שטעלער, רעדנער, וויסענשאפטס־לייטע רייך צו מאכען, מיט זייער מארך, מיט זייערע פעהיגקייטען פרעמדע פעלקער, פרעמדע שפראכען, פרעמדע ליטע־ראטורען! זיי ארבייטען פאר פרעמדע און ניט פאר אונז! די אומשטענדען פון גלות לאזען ניט ענטוויקלען אונזערע אייגענע כחות אין אונזער אייגע־נעם לאנגער. זאגט דער מדרש: „החדש הזה לכם — אמרו לפניו; רבונו של עולם ארבע מאות שנה אמרת לנו להשתעבד, ועדיין לא שלמו?! אמר להם כבר שלמו, שנאמר הנצנים נראו בארץ, מיד גלו הצדיקים את ראשיהם שהיו מכוסים (שמות רבה, פט"ו), גאט זאגט צו אידען: גענוג גלות! גענוג צרות! איצט קומט די צייט פון דער גאולה, פון א נייעם לעבען. החדש הזה לכם! זאגען אידען, עס איז נאך ניט געקומען די צייט. האסט דאך געזאגט אז מיר דארפען שקלאפען אין מצרים 4 הונדערט יאהר, און עס איז נאך ניטא קיין פיער הונדערט יאהר! זאגט גאט, דער גלות האט זיך געענדיגט! אז ענדע מיט'ן ווינטער! יעצט פאנגט זיך אן אייער פריהלינג. און דאן האט עפעס וואונדער געשעהען. די צדיקים, וועלכע ביז יעצט זענען געווען זייערע קעפ צוגעדעקט, יעצט, צו דער גאולה, האבען זיי אפגעדעקט זיי־ערע קעפ. דאס איז א מליצה. אין גלות האבען זיי זיך ניט ארויסגעזעהן, אין גלות האט מען זיי ניט אנערקענט. וואס קען מען ערווארטען פון א גלות־פאלק?! אין דער גאולה־צייט אבער האבען זיי אויפגעדעקט זייערע קעפ, דאס מיינט זיי האבען באקומען זייער פרייהייט, וועלכע איז דערשטיקט געווארען אין זיי אין גלות.

* * *

און ווער קען צעהלען די מיליאנען ערמארדעטע, געקוילעטע און דערשטיקטע און פערפאלגטע פאר די לעצטע 2 טויזענד יאהר גלות. עס קומט דאך אויס ווי דער תהלים זאגט: „כי עליך הורגנו כל היום, נחשבנו כצאן טבחה, צוליעב דיר גאט לאזען מיר זיך ערמארדען יעדען טאג, מיר זענען פעררעכענט ווי שאף, וועלכע מען האלט אין איין קוילען. „מה יונה פושטת צווארה לשחיטה כך ישראל", אידען זענען געגליכען — זאגט דער מדרש— צו א טויב. אזוי ווי די טויב

„והיה הדם לכם לאות על הבתים". די בלוט וועט אנצייגען די אידישקייט פון אייערע הייזער!...

און דער איד אין גלות איז דער קרבן פסח פון דער ניט־אידישער וועלט. די גרעסטע און שרעקליכסטע פאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד פלעגען פאָרקומען אום פסח. דער איד איז אימער געוועזן א קרבן פסח. מען גיסט און מען שפריצט זיין היילינגע אונשולדיגע בלוט, ושחטו אותו בין הערבים, אימער אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. ווען עס איז געוועזן א צייט פון בין הערבים, ניט טאָג און ניט נאַכט, א צייט וועלכע רופט זיך אין העברעאיש „תקופת המעברה", פון אנדערש ווערען, דאַן איז דער איד אימער געוועזן דער ערשטער כפרה־היהנדעל. מען האָט איהם געקוילעט פאַר פרעמדע זינד, ושחטו אותו בין הערבים, אידען זענען די קרבנות פון פסח. פסח מיינט אין העברעאיש, איבערהיפען, מיר האָבען אימער איבער־געהיפט, אנטלאָפען פון די גוי'עשע קולטור, פון אסימילירען זיך מיט פרעמדע פעלקער. אויף דערויף זאָגט די תורה: ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בוקר, אין דער שרעקליכער פינסטערער נאַכט פון גלות דאַרפט איהר זיצען אין אייער הויז, אין א אידישע הויז, אין א אידישער סביבה. געהט ניט אין א פרעמדער סביבה, אין פרעמדע הייזער. דאָס וועט מוזען געדויערען די גאַנצע נאַכט פון גלות, ביז עס וועט אנפאַנגען טאָגען אויף דער וועלט, ביז עס וועט ווערען ליכטיגער אויף דער וועלט, עד בוקר!... און פאַרגעסט ניט אַז „ושמרתם את הדבר הזה לחק לך ולבניך עד עולם," דאָס זאָל זיין א געזעץ צו דיר און צו דיינע קינדער.

די בלוט פון דעם קרבן פסח און די בלוט פון מילה האָבען אויפגעהאַלטען דאָס אידישע פאָלק ביים לעבען, ער זאָל ניט אפּשטאַרבען, ער זאָל זיך ניט אויסמישען מיט אַלע אנדערע פעלקער. זאָגט גאָט: ואעבר עליך ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך בדמיך חיי, ואומר לך בדמיך חיי, דער איד ווערט געטראָטען אין זיינע אייגענע פערגאָסענע בלוט. זאָגט גאָט צום אידען: מיט דיין פערגאָסענע בלוט וועסטו לעבען בלייבען. זאָגט דער מדרש: „זה דם פסח ודם המילה", די בלוט פון קרבן פסח און די בלוט פון מילה (מ"ר שה"ש. פ"י).

* * *

החדש הזה לכם! די בענייאינג פון דער לבנה איז א ביישפיעל צו אידן! אזוי ווי די לבנה ווערט בענייט, אזוי וועט איהר בענייט ווערען. די גוים זענען גענליכען געוואָרען צו דער זון: זי איז ליכטיג, זי איז גוט. די וועלט בעלאַנגט יעצט צו זיי, זיי האָבען די ערד, די טייכען, די ימים, מיליטער, אַרמעען, געלד, קראַפט, מאַכט, רעגירונגען — דאָס איז די זון! אידען זענען גענליכען צו דער לבנה: א שוואַכע ליכטיגקייט. קריגען נעביך די השפעה פון דער זון. ווי עס דריקט זיך אויס דער גרויסער רעליגיעזער, נאַציאָנאַלער פילאָזאָף און דיכטער רבי יהודה הלוי: „אתמה מאד על מאור היום אשר יזרח אל כל. אבל יחשיך אלי .ואליך". ר' יהודה הלוי וואונדערט זיך אויף די זון, אויף דער ליב־

אין ירושלים... און זיי וועלען מתפלל זיין אין ירושלים אין דער פריה, ווען די גאולה שיינט. ווען קיין נאכט וועט שוין מעהר ניט זיין אין זייער לעבען, און דער נביא זאגט אויך, אידען וועלען פליהען אין ארץ ישראל מים דעם וואלקען... עס איז טרויעריג, זעהר טרויעריג. די אידען פון אמעריקא האבען געקענט לייכט און שנעל אויפבויען ארץ ישראל, אבער, גאט צו דאנקען, די זון שיינט, און קיין וואלקענס איז, גאט צו דאנקען, ניטא, און דערפאר ווערט ניט געבויעט ארץ ישראל אזוי ווי זי האט געקענט און געדארפט געבויט ווערען. די ארימע הונגעריגע אידען פון פוילען האבען היינטיגען יאהר געגעבען מעהר געלד פאר'ן נאציאנאל־פאנד, ווענעס צוועק איז צו קויפען לאנד אין ארץ ישראל, א סך, א סך מעהר ווי די זאטע, רייכע און גליקליכע אידען פון אמעריקא !...

דער קרבן פסח, וועגען וועלכען מיר לייענען היינט, איז דער סימבאל פון אידישען נאציאנאליזם: „כל ערל לא יאכל בו", ער קען זיין א פרומער און גוטער גוי, ער קען זיין דער פערזענליכער גוטער פריינד פון רבינו הקדוש, ער קען זיין פון די חסידי אומות העולם, דער גוי וועט עולם הבא האבען, אבער דעם קרבן טאר מען ניט עסען. „החודש הזה לכם — ולא לאומות העולם„ דאס איז א אידישער נאציאנאלער מאכל, נור פאר אידען, ניט פאר גוים. אנטונינוס האט געזאגט צו רבינו הקדוש: וועסטו מיר געבען עסען פון דעם לויתן אויף יענער וועלט? ענטפערט איהם דער רבי: יא, איך וועל דיר געבען דעם לויתן עסען. פרעגט איהם אנטונינוס: ווארום האסטו מיר פון דעם קרבן פסח ניט געגעבען צו פארזוכען אפילו, און פון דעם לויתן גיסטו מיר? זאגט רבי: וואס זאל איך דיר טאן, מיין פריינד, אז ביים קרבן פסח האט די תורה אונז אנגעזאגט: כל ערל לא יאכל בו! אז דער וואס איז א ערל, ניט נע'מל'טער, טאר ניט עסען דעם קרבן פסח. ווי אנטונינוס האט דאס דערהערט, איז ער געגאנגען און האט זיך מל געווען. „אנטונינוס אמר לרבי מייכילתי את מן לויתן לעלמא דאתי? א"ל אין, א"ל מן אומר פסחא לאו אייכלתנו, ומן לויתן את מוכול לי? א"ל מה נעבוד לך, באימר פסחא כתיב כל ערל לא יאכל בו, כיון דשמע כן אזל וגזר (ירושלמי פ"א דמגילה, ועיין תוספות ע"ז, י' ע"ב).

דער גוטער און פרומער אנטונינוס איז בארעכטיגט צו עסען דעם לויתן, אבער ניט דעם קרבן פסח, סיידען ער זאל ברייגנען א קרבן צום יודענטהום, ער זאל זיך מל זיין!...

און ווען מען ברייגגט דעם קרבן פסח דארף מען שפריצען זיין בלוט אויף די „שתי המזוזות" און אויף דעם „משקוף", דאס מיינט צו הייליגען דאס אידישע הויז מיט קרבנות בלוט. עס פאדערט זיך ווירקליך א שווערער קרבן אום צו האבען א אידישע הויז, וועלכע האט פלאץ פאר'ן שבת קודש, פאר יום טוב, פאר א כשר'ע קיך, פאר אלעם וואס איז ביי אונז הייליג און טהייער. זאגט אונז טאקי דערפאר די תורה:

צו נעהמען, און ווען ער דענקט בלייבען וואהנען אין זיין נייער שטאָדט דאַרף ער געבען מעות חטים באלד, ניט ווארטען 30 טעג. דער פּרי מגדים זאָגט, אז מען דאַרף אפשאצען וויפיעל יעדער בעל הבית קען געבען פאר מעות חטים און אזוי פיעל דאַרף מען פון איהם פאָדערען, און דער וואס ניט ניט פאר מעות חטים, צו העלפען די ארעמע לייט אויף פסח, באגעהט א שרעקליכען גרויסען פארברעכען: די ארימע לייט קוקען, נעביך, ארויס אויף זיין הילפע און ער וויל זיי ניט העלפען. ווי שרעקליך דאס איז!!

מען דאַרף העלפען דעם ארימאן אין יעדער צייט ווען ער פערלאנגט אונזער הילפע, מען דאַרף איהם העלפען יעדען יום טוב, אבער אונזערע חכמים האבען מתקן געווען צו האבען א ספעציעלען פאָנד דערפאר א מעות חטים פאנד, דווקא פאר פסח, ווייל פסח איז דער יום טוב פון פרייהייט, פון גלייכהייט, יעדער זיצט צום סדר אין דער פסח־נאכט מיט דער פאמיליע, און דאַן זאָלען די ארימע זיצען הונגעריגע און פערשמאכטע. דאס וואלט געווען גרויזאם, שרעק־ליך, נים אידיש און ניט מענשליך. און נאך א טעם: חמץ טאָר ער ניט עסען, מצה קאסט טייער און ער האט קיין געלד ניט פארוואס צו קויפען מצה, ווען מיר וועלן איהם ניט העלפען אויף פסח, איז אדער ער וועט מיט זיינע קינ־דערלעך הונגערען אין דעם גרויסען יום טוב פון פרייהייט, אדער ער וועט עסען חמץ און די שולד וועט דאן פאלען, חס ושלום, אויף אונזערע קעפ, דערפאר מוזען מיר באזאָרגען די ארעמע לייט מיט מצה און ווין און אלעס וואס ער באדאַרף האבען אויף פסח (זעה מטה יהודה, משנה ברורה אורח חיים, סימן תר"ט).

רבותי! א גאנצען ווינטער האב איך צו אייך אפעלירט פאר נעלה, פאר ארץ ישראל, פאר תלמוד תורה'ס, פאר ישיבות, פאר די חברה משניות, פאר די מלביש ארומים פאר קראנקע, פאר ארימע, איך האב געבעטען פאר זיי געלד, און איהר האט אימער געגעבען, איהר ווערט אבער ביי זיך אין הארצען אין כעס וואס איך „רייס" צופיעל, וואס איך האלט אין ראבירען אייך, וועל איך אייך זאגען, רבותי, אז פאר אייער כעס האב איך קיין מורא ניט, ווייל איך בין א שליח מצוה, די ארעמע לייט פון דער סביבה האבען מיך געשיקט צו מאכען אז אפיעל פאר זיי היינטיגען שבת. עס האבען מיך געשיקט צו טאן אט דיזע היי־ליגע ארבייט אלטע שוואכע, קראנקע און ארימע, יתומים און אלמנות, אומגליק־ליכע, פערצווייפעלטע, זייער שליח בין איך, איך בין א שליח מצוה, און די גמרא זאגט דאך, שלוחי מצוה אינן נזיקין, לא בהליכתן ולא בחזירתן, א שליח מצוה קען קיינמאל קיין היזק ניט האבען, די מצוה היט איהם אויס פון אלע אומגליקען. דערפאר האב איך פאר קיין זאך קיין מורא ניט, און איך ווייס אז איהר זענט טאקי גערעכט, איהר האלט כסדר אין איין געבען, אבער, רבותי, איך ווינש אייך, אז והיו למשסה שוסיך! אז ווען עס איז חס ושלום באשערט אז מען זאל אייך ראבירען, מאכען א „האלד־אפּ", זאל דאס ניט פארקומען פון אמת'ע רויבער, נור והיו למשסה, שוסיך! דיינע אייגענע רויבער זאלען

טינקייט פון טאג, וועלכע שיינט און לייכט צו אלעמען, אבער זי איז פינסטער און לייכט ניט צום אידישען פאלק, און צום דיכטער פון פאלק.

עס איז א גוט־בעקאנטער פאקט, דאס ווען די לבנה ווערט גאנץ נאהענט צו דער זון ווערט פינסטער איהר אייגענע ליכטינקייט, און אויב זי ווערט ווייטער פון דער זון, ווערט די לבנה־ליכט שטארקער. ווען דער איד, וועלכער איז גע־גליכען צו דער לבנה, ווען ער רוקט זיך צופיעל צו צו דער זון, צו די גוים, אזוי ווערט פערלאשען זיין ליכטיגקייט, זיין תורה, זיין ליטעראטור, זיין קולטור, ער ווערט אינגאנצען אויס איד, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, וואס ווייטער ער ווערט אבער פון דער גוי'עשער וועלט, אלץ שטארקער ווערט זיין אייגענע ליכט, זיין אייגענע תורה, זיין אייגענע קולטור. די לבנה, דאס אידישע פאלק, דארף זיך דערווייטערען פון פרעמדע ליכט, „קומי אורו כי בא אורך!! לייכט, דו אידיש פאלק, מיט דיין ליכטינקייט, מיט דיין תורה.

„כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח כבוד ה'. ווען פינ־סטערניש וועט צודעקען די גאנצע וועלט און אלע נאציאנען פון דער וועלט, אויף דיר אבער, דו איד, וועט ליכטינקייט זיין, עס וועט שיינען דער כבוד פון גאט, די אידישע לבנה וועט בענייט ווערען. החדש הזה לכם!!

צו מעות חטים

(אַן אפיעל צום עולם, מען זאָל געבען מעות חטים)

תתדש הזה לכם, קבעו החדש הזה לי ולכם, ותהיה שמחתכם שלימה, אפילו מי שהוא עני (שמות רבה, פ' ט"ו).
דער מנהג פון מעות חטים — ווער דארף געבען מעות חטים — ווארום דארף מען געבען מעות חטים? — מעות חטים איז א גוטע אינוועסטמענט — דער רמב"ם איבער אידען וואס גי־בען ניט קיין מעות חטים.

עס איז א הייליגער מנהג ביי אידען שוין פון זעהר, זעהר לאנג צו זארגען פאר אונזערע ארימעלייט, זיי זאלען האבען אלעס וואס זיי דארפען פאר פסח, אמאל פלעגט מען זיי געבען ווייץ און מעהל און זיי פלעגען דערפון באקען מצות (ירושלמי ב"ב פרק א' הלכה ו'), און ווען מען גיט געלד, פלעגען זיי פאר די געלד קויפען ווייץ און מעהל צו באקען מצה. דערפאר רופט זיך דאס ביז היינטיגען טאג „מעות חטים", די געלד פאר ווייץ. דער ירושלמי וויל האבען, אז ווען איינער באזעצט זיך אין א נייער שטאדט און האט דארט גע־וואהנט 12 חדשים, איז אויב ער איז רייך — מוז ער געבען מעות חטים, און ווען ער איז ארעם, קומט איהם מעות חטים. און עס איז א מנהג אין אלע אידישע קהלות צו פערפפליכטען דעם עולם דאס זיי מוזען געבען מעות חטים צו די ארימע לייט פון שטאדט (אור זרוע, הלכות פסחים סימן רנ"ה).

דער סמ"ק זאגט, אז היינטיגע צייטען דארף מען ניט א גאנצען יאהר, 12 חדשים, נור עס איז גענוג 30 טעג, סיי אויף צו געבען מעות חטים, סיי אויף

זיי אויף פסח! העלפט מיט אייער דאָלער אריינצובריינגען כאָטש א קליינעם שטראַהל פון ליכטיגקייט אין די עלענדע אומגליקליכע נשמה׳ס פון יענע קינ־דער, יתומים און אלמנות אין דער הייליגער נאַכט פון פסח! !...

און אַט דאָס זאָגט דער מדרש: קבעוּ החודש הזה לי ולכם, ותהיה שמחתכם שלימה אפילו מי שהוא עני (שמו״ר פ׳ ט״י). באשטימט דעם חודש ניסן פאַר מיר און פאַר אייך, ניט נור א י ה ר זאָלט זיך פרעהען אום פסח, ניט נור דאָס זאָל זיין א י י ע ר חודש, נור מאַכט עס זאָל זיין אויך מ י י ן חודש, גאָט ברוך הוא זאָל זיך פרעהען, און גאָט פרעהט זיך ווען מען העלפט דעם אָרימאַן, כ י ה ו א י ע מ ו ד ל י מ י ן א ב י ו ן, גאָט שטעהט אימער — זאָגט דער תהלים — צו די רעכטע האַנד פון דעם אָרימאַן. דער זוהר הקדוש זאָגט אַז ד י ת פ ל ה ל ע נ י איז ביי גאָט שטאַרקער ווי ת פ ל ה ל מ ש ה און ת פ ל ה ל ד ו ד, און, זאָגט דער רבונו של עולם, ווען איהר געהט זיך פרעהען אום יום טוב מיט דעם שמחת יום טוב, זעהט, אידען, אַז אייער שמחה זאָל זיין א גאַנצע, אַן עכטע, א פאָלשטענדיגע שמחה, אפילו מי שהוא עני! א גאַנצע שמחה ביי אידען קען נור דאַן זיין, ווען אפילו דער אָרימאַן פרעהט זיך אויך, און די תורה זאָגט: ושמחת בחגך אתה וכו׳, והגר והיתום והאלמנה, ניט נור דו דאַרפסט זיך פרעהען אין דיין יום טוב, נור דו דאַרפסט זעהן דאָס אויך דער גר, דער עלענדער, די אלמנה, די יתומים, אַ ל ע זאָלען זיך פרעהען מיט דיר צוזאַמען אום יום טוב, דאַן, נור דאַן, ת ה י ה ש מ ח ת כ ם ש ל מ ה, וועט אייער שמחה זיין א פ א ל ק א מ ע נ ע, א ג א נ צ ע שמחה!

רבותי! פסח ביי נאַכט צום סדר וועט איהר דאָך זאָגען כל דכפין ייתי וייכול! דער וואָס איז הונגעריג זאָל קומען און עסען. דאָס מיינט, איהר זענט זיכער אַז קיין אָרימאַן וועט ניט דאַרפען קומען צו אייך עסען, ווייל איהר האָט באַזאָרגט די אָרעמע לייט אַז זיי זאָלען האָבען גענוג צו עסען. איהר וועט דאָס זאָגען מיט שטאָלץ, וויסענדיג אַז איהר האָט פאַר פסח געטהאָן אייער הייליגע פפליכט! רבותי! יעדערער וואָס נ ע ה מ ט ניט מעות חטים דאַרף ג ע ב ע ן מעות חטים. זאָל אייך גאָט העלפען אַז איהר זאָלט אימער קענען געבען און ניט חס ושלום נעהמען. העלפט דעם אָרימאַן און גאָט וועט אייך העלפען! און מיר וועלען זוכה זיין צו פייערען פסח אין ארץ ישראל, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

דיך ראבירען, די ישיבות, די תלמוד תורה'ס, ארץ ישראל, מעות חטים. ורחקו ממך כל מבלעיה, ווען דו וועסט געבען געלד אויף צדקה, אויף מעות חטים, וועלען דערוויטערט ווערען פון דיר די אמת'ע רויבער, וועלכע ווילען דיך איינ־שלינגען. דאס איז א גוטע „אינוועסטמענט", עס וועט זיך אייך גוט באצאהלען. איך בין זיכער, רבותי, אז איהר וועט זיך ניט זעצען פסח צום סדר סיידען איהר וועט פריהער באזארגען די ארימע לייט, זיי זאלען האבען וואס צו עסען פסח. אויב ניט וועט דאך אייער יום טוב ניט זיין קיין ריכטינגער יום טוב, ווייל אט אזוי זאגט דער רמב"ם זכרונו לברכה. לייענט גוט זיינע ווערטער און מאכט עס בעקאנט צו אלע אייערע פריינדע און בעקאנטע.

דער רמב"ם זאגט אזוי: „כשהוא אוכל ושותה ביום טוב חייב להאכיל לגר, ליתום ולאלמנה עם שאר העניים האומללים; אבל מי שנועל דלתות חצרו, ואוכל ושותה הוא ובניו ואשתו, ואינו מאכיל ומשקה לעניים ולמרי נפש, אין זו שמחת מצוה אלא שמחת כרסו ועל אלו נאמר: זבחיהם כלחם אונים להם כל אוכליו ישמאו כי לחמם לנפשם לא יבוא בית ה' — הושע ט, ד' — ושמחה כזו קלון היא להם שנאמר: וזרותי פרש על פניכם פרש חגיכם — מלאכי ב', ג — (רמבם הלכות יום טוב פרק י', הלכה י"ח).

ווען א איד עסט און טרינקט אום יום טוב — זאגט דער רמב"ם — דארף ער געבען עסען דעם גר, דעם יתום, די אלמנה, און אלע אנדערע אומגליקליכע ארעמע לייט. אבער דער יעניגער וועלכער מאכט צו די טויערען פון זיין הויף, ער עסט און טרינקט, ער און זיין פרוי און זיינע קינדער, און ער גיט ניט עסען און גיט ניט טרינקען צו ארעמע לייט, צו פערביטערטע אומגליקליכע נשמות, איז דאס ניט קיין שמחת יום טוב, ניט קיין שמחת מצוה, נור די שמחה פון זיין בויך, זיין מאגען. זיין בויך פרעהט זיך, ווייל ער פאקט אין איהם אריין א גוטע יום־טוב'דיגע סעודה. דאס איז „סטאמעק" שמחה, ניט קיין יום טוב שמחה. און אזא סעודה איז טמא, און אזא שמחה איז א גרויסע שאנדע, א שאנדע פאר דעם יעניגען וואס עסט אליין און גיט ניט קיין ארימאן.

רבותי, אין מיין שטימע הערט איהר איצט די שטימע פון יתומים, די שטימע פון עלענדע, אומגליקליכע אלמנות, די שטימע פון ארימע, קראנקע און שוואכע — זיי בעטען מצה אויף פסח! ווען אייערע קינדער, זאלען געזונט זיין, וועלען זיצען מיט אייך צוזאמען פסח צום סדר זאטע, אנגעטהאנענע אין פיינע מלבושים, פרעהליכע, גליקליכע, טארט איהר ניט פארגעסען אז קינדער פון אייער פאלק, בלוט פון אייער בלוט, קינדער וועלכע קענען ניט זאגען: פאטער, איך וועל דיר פרעגען 4 קשיות, ווייל אט יענע אומגליקליכע קינדער האבען ניט קיין פאטער! זיי ווילען כאטש מצה צום פסח'דיגען טיש, קינדער וועלכע האבען, ניט פאר אונז געדאכט, פארלארען די טייערסטע, דאס הייליגסטע, דאס נוצליכסטע אין דעם קינדערשען לעבען, זיי האבען פערלארען זייער מוטער, זיי האבען נעביך ניט, די אומגליקליכע, קיין מאמע, און דער פאטער ליגט קראנק, אין הויז איז ניטא קיין פיצעל, קיין ברעקעל, קיין פונק, פון פרייד, העלפט

שבת, ווייל דורך די פּיוטים און די דרשות פון יענעם טאָג ווערט ער גרויס און וויכטיג, ער ווערט אַ ש ב ת ה ג ד ו ל ! ! (שבלי הלקט סימן ר״ה).

ג) דער שבת פאר פסח איז דאן אויסגעקומען 10 טאָג אין ניסן. אין אָט יענעם שבת האָט מען זיי אַנגעזאָגט צו נעהמען דעם קרבן פסח, און זיי האָבען נעמאַכט אַ גוטען אַנהויב. זיי האָבען יענעם שבת אָנגעפאַנגען טהאָן מצוות, אין אַ טאָג אין וועלכען עס ווערט אויפגעטהאָן אַ גרויסע זאַך, אַזאַ טאָג רופט זיך אַ ג ר ו י ס ע ר ט א ג, און דערפאַר רופט זיך דער שבת ש ב ת ה ג ד ו ל (אבודרהם).

ד) עס זיינען דאָ געוויסע שבתים אין יאָהר וועלכע טראָגען אַ ספּעציעלען נאָמען, און דעם נאָמען האָט מען גענומען פון אַ געוויסען וואָרט, וועלכער געפינט זיך אין דער הפטרה, וועלכע מען לייענט יענעם שבת. למשל, ש ב ת ח ז ו ן — ווייל דאַן לייענט מען אין דער הפטרה ח ז ו ן ישעיהו, רופט מען דעם שבת, שבת ח ז ו ן, אָדער ש ב ת ש ו ב ה, ווייל דאַן לייענט מען אין דער הפטרה ש ו ב ה ישראל, רופט זיך דער שבת שבת ש ו ב ה, און אָט אין דעם שבת וואָס קומט אוים פאַר פסח לייענט מען אין דער הפטרה די ווערטער פון דעם אונ־שטערבליכען נביא מלאכי: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ה׳ ה ג ד ו ל והנורא, דערפאַר רופט מען דעם שבת — שבת ה ג ד ו ל (מטה משה סימן תרפ״ג). אין אַ טאָג וואָס אין איהם לייענט מען וועגען די גרויסע ארבייט פון אליהו הנביא, אז והשיב לב אבות על בנים ולב בנים אל אתותם, אז די הארץ פון די עלטערען און די הארץ פון די קינדער וועלען זיך פאַראייניגען, אז דער יונגער אידישער דור וועט האָבען אַזאַ גוטע א י ד י ש ע הארץ ווי דער אַלטער דור האָט געהאַט, אַ הארץ וואָס פיהלט דעם קרעכץ, דעם וועהטאָג פון דאָס אידישע פאָלק, אַזאַ טאָג, ווען ער וועט קומען, און אַזאַ שבת, וועלכער רעדט וועגען געבען אונזערע קינדער אַ גוטע אידישע ערציהונג, איז ניט קיין געוועהנליכער שבת, נור — ש ב ת ה ג ד ו ל.

דער שבת פלעגט אמאָל, פאַרצייטען, פעראייניגען עלטערען מיט קינדער מעהר ווי יעדען טאָג פון וואָך, ווייל אויב אין דער וואָכען האָט ווען געקענט פאַסירען דאָס די עלטערען זאָלען ניט עסען צוזאַמען מיט די קינדער אין איין צייט — אַ זאַך וואָס האָט זעלטען פאַסירט — האָט דאָס קיינמאָל ניט געקענט פאַסירען שבת. שבת פלעגט די גאַנצע פאַמיליע עסען צוזאַמען, זינגען זמירות צוזאַמען, פייערען די קדושה פון שבת צוזאַמען. אך ווי שעהן, הייליג און געטליך דאָס איז געווען. דער שבת האָט פעראייניגט די הערצער פון עלטערען און קינדער. ווען מיר לעבען אָבער אין אַזאַ אומגליקליכער צייט, ווען דער ח ל ו ל ש ב ת בושעוועט ווי אַ שרעקליכע מגפה, יעצט טהיילט דער שבת פונאַנדער די הארץ פון די עלטערען און די הארץ פון די קינדער ערגער ווי יעדען טאָג פון וואָך. שבת זיצט דער אַלטער פרומער פאָטער ביים שבת׳דיגען טיש, זינגט שבת׳דיגע זמירות, און אַ זורינע טרעהר פאַלט אַראָפּ פון די אַלטע אויגען. דאָס הייסט, ג ע ז ו נ ג ע ן מ י ט ט ר ע ה ר ע ן, שבת׳דיגע זמירות מיט וואָ־בעדינע טרעהרען, ווייל — זיין זוהן אַרבייט אום שבת. די אַלטע פרומע מוטער

שבת הגדול

די בעדייטונג פון שבת הגדול — די היליגע ערציהונגס־אַרבייט פון אליהו הנביא — די פאַרשטערטע שבתים — על־טערען און קינדער — שבת׳דיגע זמירות מיט וואָכעדיגע טרעה־רען — אליהו און משיח — אליהו׳ס כוס פסח צום סדר — די נויטיגקייט פון שלום — ווען קינדער שפּיעלען מיט מלאכים.

היינטינער שבת איז ניט אַ געוועהנליכער שבת ווי אַלע שבתים פון אַ גאַנצען יאָהר. דיזען שבת רופען אַלע אידען פון דער וועלט דער ג ר ו י ס ע ר ש ב ת, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ש ב ת ה ג ד ו ל. מיר וויסען דאָך דעם אמת, דאָס י ע ד ע ר שבת איז גרויס, יעדער שבת איז הייליג, איז דאָך די פראַגע וואָרום רופט מען עפּעס דיזען שבת שבת ה ג ד ו ל ? !

א) ווייל דער חודש ניסן, אין וועלכען אידען זענען אַרויס פון מצרים, איז דאָן אויסגעפאַלען דאָנערשטאָג. זיי האָבען גענומען דעם קרבן פּסח 10 טאָג אין מאָנאַט ניסן, וועלכער איז דאָן אויסגעפאַלען א ו ם ש ב ת, דער שבת וואָס פאַר פּסח. אידען האָבען זיך דערשראָקען און האָבען געזאָגט: הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם, ולא יסקולונו ? ! (שמות ח׳ כ״ב). איז דען מעג־ליך אַז מיר וועלען נעהמען שעכטען זייער גאָט — דער גאָט פון די מצרים איז געוועזען אַ שעפּס — און זיי וועלען אונז ניט פאַרוואַרפען מיט שטיינער ? ! האָט גאָט געזאָגט צו די אידען: איהר וועט זעהן די וואונדער וואָס איך וועל טאָן מיט אייך ! ווען די מצרים האָבען דערזעהן ווי זייערע פערהאַסטע אידען, וועלכע זענען דאָך זייערע שקלאַפען, זיי שלעפּען זייערע געטער און בינדען זיי צו צו די פיסלעך פון זייערע בעטלעך, זיי זאָלען דאָרט וואַרטען ביז דעם 14טען טאָג פון ניסן און דאָן וועט מען דאָס קוילען פאַר אַ קרבן פּסח, זענען זיי ווילד געוואָרען פון כעס, האָבען געוואָלט אויסקוילען אַלע אידען, און געטליכע וואונ־דער ! זיי זענען מאַכטלאָז, קראַפטלאָז געוואָרען און זיי האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט צו טהאָן שלעכטעס די אידען, און די אידען זענען געבליבען גאַנץ, אונבאַשעדיגט, און אַט צוליעב דיזען גרויסען נס, וואָס האָט פּאַסירט יענעם שבת פאַר פּסח, רופט זיך פון דאַמאָלסט אָן דער שבת וואָס פאַר פּסח ש ב ת ה ג ד ו ל. דער גדול מיינט ד ע ר ג ר ו י ס ע ר נ ס, וואָס האָט געטראָפען אידען יענעם שבת, און דערפאַר איז געבליבען אויף אייביג דער נאָמען פון דיזען שבת — ש ב ת ה ג ד ו ל ! ! (סדור רש״י, סימן שנ״ב, הוצאת בא כער צד חקו, וכל בו סימן מ״ז).

ב) אַן אַנדער ערקלעהרונג איז דאָ, ווייל אין דיזען שבת פאַרברייננגט דער עולם כמעט דעם גאַנצען טאָג אין שוהל. אין דער פריה דער שבת׳דיגער דאַווגען און די פיעלע פּיוטים, וועלכע מען זאָגט צו שחרית און צו מוסף, אין וועלכע עס געפינען זיך די דינים פון פּסח, און ביי טאָג געהט מען הערען די דרשה פון רב. דער רב וועלכער זאָגט ניט קיין דרשות אַ גאַנץ יאָהר האַלט אָבער אַ לאַנגע דרשה אום שבת הגדול. דערפאַר רופט מען דעם שבת דער ג ר ו י ס ע ר

פסח ביי נאכט מאכט מען דעם סדר, די גאנצע שעהנע און הייליגע צע־רעמאָניע ווערט געמאכט נור צוליעב די קינדער, די יונגע קינדער זאָלען ניט איינשלאָפען פסח צום סדר, זיי זאָל אינטערעסירען דער פסח'דיגער סדר, זיי זאָלען קשיות פרעגען, זיי זאָלען תרוצים הערען, כדי דיזער הייליגער יום טוב זאָל איינגעקריצט ווערן טיעף, טיעף אין זייערע יונגע הערצער, אין זייערע יונגע נשמה'לעך. און דאן ווען עלטערען מיט קינדער זענען צוזאמען, דאן ווען דער פאטער גיט זיך אָפּ מיט די אידישע ערציהונג פון זיינע קינדער, דאן ווען דער פאָטער ווערט א מגיד, זאָגט פאר די קינדער די הגדה, דערצעהלט זיי די אידישע געשיכטע פון אמאָל, דאן קומט אליהו הנביא, דאן איז זיין צייט, די צייט פון והשיב לב אבות על בנים ולב בנים אל אבותם. און טאקי דערפאר גרייט מען צו א ספעציעלען כוס פאר אליהו הנביא. אליהו הנביא'ס כוס איז זעהר באליעבט ביי די קינדער, און מיט דעם עפענען די טיהר פאר אליהו הנביא עפענט מען אויף די יונגע אידישע הארץ, די יונגע קינדערשע פאנטאזיע, כאטש 2 אבענדען אין יאָהר, די נעכט פון פסח, צו די סדרים, גיבען מיר אונזערע קינדער א געלעגענהייט זיי זאָלען טראכטען, פאנ־טאזירען און שפּיעלען זיך מיט מלאכים... און דער מלאך איז זייער מלאך, אליהו הנביא.

און אידען טענה'ן צום רבונו של עולם — זאָגט דער מדרש — ביי די ערשטע גאולה האסטו אונז געשיקט 2, משה און אהרן, יעצט, ביי דער איצ־טיגער גאולה, שיק אונז ווידער צוויי, און דאס זענען ליכט און אמת, שלח אורך ואמתך, אור ואמת! זאָגט גאָט: איך וועל שיקען! און זיי זענען: אליהו און משיח, אליהו וועט פעראיי־ניגען דעם אלטען און דעם יונגען דור דורך פערשפרייטען די ליכט פון דער תורה און די נשמות פון אונזערע קינדער. דאס וועט זיין די ליכטיגקייט, דער אור תורה, און משיח וועט דאן נאָכפאָלגען. משיח וועט אויסראמען דעם שקר פון דער וועלט, ווייל דארט וואו שקר איז קען קיין גאולה ניט זיין. משיח וועט פארשפרייטען דעם אמת, חותמו של הקדוש ברוך הוא, אויף דער גאנצער וועלט.

און מיר בעטען דיך יעצט, רבונו של עולם, שלח אורך ואמתך, שיק דיין ליכטיגקייט און דיין אמת, שיק אונז אליהו הנביא און משיח דעם גואל צדק, און מיר זאָלען דערהארען צו פייערען אונזער יום טוב פסח איבער א יאָהר אין דער צייט אויף די שעהנע הייליגע בערג פון ציון וירושלים. ונודה לך שיר חדש על גאולתנו ועל פדות נפשנו, במהרה בימינו!

אמן! ואמן!

דערלאנגט צום טיש דעם שבת'דיגען טשאָלענט און איהר מוטער־הארץ ווערט צוריסען פון צער וואָס איהר טאָכטער עסט אין "שאָפּ" אָדער אין „אַפּיס", און זי פיהלט שבת די עלענדקייט מעהר ווי אַלע אַנדערע טעג. און אַזאַ שבת קען זיך ניט רופען שבת הגדול. ווען אָבער אליהו וועט קומען „והשיב לב אבות אל בנים, ולב בנים אל אבותם", ער וועט אומקעהרען די הארץ פון די עלטערען צו די קינדער, און די הארץ פון די קינדער צו די עלטערען, עס וועלען ניט זיין קיין צוויי באַזונדערע, פערשידענע הערצער, נור עס וועט זיין לב אחד לאביהם שבשמים, איין הארץ צו גאָט אין הימעל, דאַן וועלען היטען שבת די עלטערען צוזאַמען מיט די קינדער, און אַזאַ שבת וועט זיין — אָה, ווי דערלעבט מען דאָס — א שבת הגדול!!...

מיר לייענען אין היינטיגער הפטרה: הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא. זאָגט דער מדרש: „אין אליהו בא לא לרחק ולא לקרב, אלא לעשות שלום בעולם, שנאמר הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא וכו'. אמרו ישראל, בגאולה ראשונה כתיב שלח משה עבדו, אהרן אשר בחר בו ישלח לי אף שנים כנגדם, שלך אורך ואמתך, אמר הקב"ה הנני משלח, שנאמר: הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא, הרי אחד, והשני, הן עבדי אתמך בו בחירי רצתה נפשי בו.

אליהו — זאָגט דער מדרש — האָט זעהר א וויכטיגע הייליגע אויפגאַבע: צו מאַכען שלום אויף דער וועלט. שלום!! ווי שעהן און הייליג עס קלינגט ביי אידען דאָס וואָרט שלום. שלום צווישען מאַן און פרוי, שלום צווישען עלטערען און קינדער, שלום שווישען אָרטאָדאָקסישע אידען און רעפאָרמירטע אידען, צווישען יונגע און אַלטע. און אַט דער אמת'ער שלום קען קומען נור דורך א גוטע אידישע ערציהונג, דאָס איז דורך אליהו, ווייל אליהו איז דער סימבאָל פון אידישען חנוך, דער והשיב לב בנים אל אבותם, און דער־פאַר זאָגט דער מדרש און ילקוט: „אם אין ישראל עושים תשובה אין נגאלים, ואין עושים תשובה עד שיבא אליהו! א טיעפער געדאַנק! עס קען ניט זיין די גאולה אָהן תשובה. דאָס פאָלק, אַזוי ווי ער איז יעצט, וועט ניט קענען בויען און אָפּלעבען ארץ ישראל, סיידען דאָס פאָלק וועט אַנדערש ווערען, פרומער ווערען, בעסער ווערען, נאַציאָנאַלער ווערען, פיהלען די נויטיגקייט פון דער גאולה, און דאָס קען ניט זיין סיידען דער יונגער דור וועט געניסען אַן אמת'ע גוטע, אידישע ערציהונג, וועלכער וועט ברענען מיט הייליגען פייער פון אויפלעבונג פון החזקת התורה והיהדות. דאָס מיינט דער מדרש: „אין עושים תשובה עד שיבא אליהו", ווען אליהו וועט פאַראייניגען דעם יונגען דור מיט דעם אַלטען דור, ניט אַן אויבערפלעכליכע פאַראייניגונג, נור א הארץ־פערבאַנד, און דאָס קומט נור דורך א גוטע אידישע ערציהונג, דאַן וועלען אידען אַנדערש ווערען. קינדער פיהרען איבער די עלטערען, זיי זענען „בנים משחיתים", זיי פערדאַרבען און מאַכען קאַליע די פרומע טאַטעס און מאַמעס, און פרומע קינדער מאַכען פרימער זייערע עלטערען, און דאַן וועלען די עלטערען תשובה טהאָן!...

זייער נאמען איז שוין לאנג אפגעמעקט פון דער וועלט, און אברהם, דער גרינדער פון יודענטהום, לעבט און וועט לעבען אייביג, זיין גייסט, דער גייסט פון דעם פאטער פון דער אידישער נאציאָן, לעבט אין דער נשמה פון דאס אידישע פאָלק.

און — מעשה אבות סימן לבנים, אַלעס וואס עס האט פאסירט מיט טויזענדער יאהרען צוריק־מיט אונזערע אבות, האט נאכהער דאס זעלבע פאסירט מיט זיינע קינדער, דאס אידישע פאָלק, די בני אברהם. אין פערלויף פון זיין וואונדערבארער געשיכטע. אברהם בלייבט גאנץ אין פייער, מען ווארפט זיינע קינדער אין דעם פייער פון דער אינקוויזיציע אין שפאניען... קדושים, קדושים אהן א צאהל, שפרינגען אין פייער... על קדוש השם... עס ברענט דער פייער פון גיהנם... פייער, פייער און פייער!... דער איד איז א קרבן פון פייער... צלי אש!!... ער וועט אבער אויסגעלייטערט ווערען פון דעם פייער... און עס וועט קומען א צייט ווען ער וועט באלייכטען די גאנצע וועלט, און וועט אנווארימען מיליאנען קאלטע, פארפרארענע נשמות מיט דעם הייליגען פייער פון זיין תורה!...

מצות — בזכות שרה, ג׳ עוגות מצות. מען עסט פסח מיט׳ן קרבן פסח מצה, זאגט דער מדרש, ווייל דאס איז דער סימבאל פון די אידישע מוטער שרה, וועלכע האט צוגעגרייט מצות פאר די מלאכים געסט.

די אידישע מוטער! ווי הייליג זי איז! זי האט א קינד, יצחק, איז ער א פייערדיגער איד, ער געהט צו דער עקידה, ער געהט צום טוידט על קדוש השם, ווי מען געהט צו א קאנצערט, און ווען די מוטער שרה דארף געבוירען אזא קינד, קומען צו איהר געסט — מלאכים. די אידישע פרוי, וועלכע האט צו טהאן מיט געטליכע מלאכים, האט זי א קינד ווי יצחק, וועלכער איז זיך מוסר נפש פאר׳ן יודענטהום. און דער גייסט פון אונזער מוטער שרה האט זיך אריבערגעטראגען צו די אלע נשים צדקניות פון אלע לענדער און פון אלע צייטען, מיט וועלכע די אידישע געשיכטע איז אזוי רייך און שטאלץ, און זיי, אט די גרויסע הייליגע אידישע פרויען, זיי, די נשים צדקניות ברייגען אימער די גאולה. אונזערע עלטערען זענען אויסגעלייזט געווארען פון מצרים — זאגט דער מדרש — דורך די נשים צדקניות פון יענעם דור. און ווען מיר וועלען זיך אם ירצה השם אין גיכען זעצען צום סדר פסח ביי נאכט, און מיר וועלען האלטען אין אונזערע הענד די גוט־אויסגעבאקטע מצה, דארפען מיר זיך דאן דערמאנען וואס דער מדרש תנחומא זאגט: מצות — בזכות שרה!! און מיר וועלען דאן פארשטעהן און פיהלען די נויטיגקייט פון געבען אונזערע טעכטער דא אין לאנד אן אמת׳ע גוטע אידישע ערציהונג.

פסח איז דער יום טוב פון פרייהייט! אונזער מוח דארף זיין פריי פון נארישקייט, פון ווילדע געדאנקען, פון שלעכטע פערדארבענע מיינונגען. שלעכטע געדאנקען פאר׳ן מוח זענען נאך ערגער ווי שלעכטע פערדארבענע שפייז פאר׳ן מאגען; פון שלעכטע שפייז פערשטעהט יעדער אז מען מוז זיך היטען;

שבת הגדול

כשר'ען די הארץ און נשמה פאר פסח — דער קרבן פסח און זיין בעדייטונג — געדאנקען וועגען קרבן פסח — די קדושים — די אידישע מומער — שלעכטע שפייז און שלעכטע געדאנקען — וואס דער מורה נבוכים און דער ספר חסידים זאגען וועגען קרבן פסח — אחדות — די תאוה צו געלד.

היינט, שבת הגדול, איז אונזער פפליכט צוצוגרייטען זיך צום הייליגען, ריינעם, שעהנעם יום טוב — פסח. ניט נור כשר'ען די כלים און די הויז דארפען מיר, נור אויך כשר'ען די הארץ, די נשמה, אונזערע געפיהלען, כשר'ען אונזער צונג און מויל, ניט ריידען קיין לשון הרע, רכילות, ליצנות, און ניט עסען קיין מאכלות אסורות, אנטלויפען פון טרפות, פון חמץ. דער זוהר זאגט, אז דער קרבן פסח, וועלכען מען האט געדארפט מקריב זיין, איז דער סימבאל פון די בעסטיע, פון די חיה אין דעם מענשען, וועלכע דער העברעער רופט „יצר הרע", און אט דער יצר הרע דארף זיין ביי אונז א קרבן אום פסח, ער דארף זיין א קרבן פסח, ווייל פסח איז דער יום טוב פון קדושה וטהרה. דאן טארען קיין ליידענשאפטען ניט זיין, מען קריגט דאן אמונה אין גאט און מצה, רופט דער זוהר „מיכלא דמהמנותא", דער אמונה מאכל, און פסח רופט צו אינערליכער פרייהייט, נשמה פרייהייט (רעיא מהימנא, מצוה כ"ח).

און דער רמב"ן זכרונו לברכה זאגט אין זיין פירוש אויף דער תורה, אז חדש ניסן איז מזל טלה, און דערפאר האט דער רבונו של עולם אונז גע־הייסען קוילען די טלה, די שעפס, און עסען איהר, צו איבערצייגען אנדערע און זיך אליין, אז ניט דורך דער קראפט פון מזל זענען מיר בעפרייט געווארען פון מצרים, אין מזל לישראל, א איד האט ניט קיין מזל, זאנדערן מיט דעם רצון פון דעם רבונו של עולם, און אט דער געדאנק מאכט אונזערע נשמות פריי אין דעם פרייהייטס יום טוב פסח!

ווי אזוי דארף מען עסען דעם קרבן פסח? לעהרענט אונז די תורה, צלי אש, ער דארף זיין געבראטען אויפ'ן פייער. על מצות ומרורים יאכלוהו, מען דארף עסען דעם קרבן פסח מיט מצה און מרור. לא תותירו ממנו, מען טאר ניט איבערלאזען פון איהם גארניט. קומען די חכמי המדרש און זאגען אונז: צלי אש — בזכות אברהם שהצלתיו מן האש. דער קרבן פסח דארף זיין גע־בראטען אויפ'ן פייער, דאס איז אברהם, וועמען גאט האט מציל געווען פון פייער. די גאנצע וועלט איז ווילד, נאריש, אבערגלויביש, נעצען־דיענער, אברהם איז דער ערשטער און דער איינציגער איד אויף דער גאנצער וועלט, וועלכער גלויבט און אגיטירט פאר דער ריינקייט פון איין גאט, פאר צדקה און משפט, און דערפאר ווארפט מען איהם אין פייער, מען זוכט ער זאל פארברענט ווערען ליבעדיגערהייט; זיי, די יעניגע וועלכע ווארפען איהם אין פייער, זענען נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק פארגעסען געווארען,

אהבה שלום ורעות, אז גאט וועלכער מאכט רוהען זיין הייליגען נאמען אין דיזע הייליגע הויז, ער זאל מאכען שלום צווישען אייך אליין ליעבשאפט, ברודערליכקייט, שלום און פריינדשאפט (מסכת תמיד, פרק ה').

דער מדרש גיט אונז א בריליאנטענעם משל. וואס פאר א גרויסע קראפט מען ווערט ווען מען איז פאראייניגט. בנוהג שבעולם אם נוטל אדם אגודה של קנים שמא יוכל לשברם בבת אחת?! ואילו נוטלן אחת אחת אפילו תינוק משברן. וכן אתה מוצא שאין ישראל נגאלים עד שיהיו כולן אגודה אחת" (מדרש תנחומא, נצבים).

זאל א מענש נעהמען א גאנצען בינטעל מיט שטעקלעך ווען זיי זענען צוזאמענגעבונדען און פאראייניגט צוזאמען, קען מען זיי ניט ברעכען; נעהמט אבער יעדען שטעקעל באזונדער, קען אפילו א קינד דאס צוברעכען. דאס איז דער כח פון אחדות, פון פעראייניגונג, און אידען — זאגט דער מדרש — וועלען ניט איבגעלייזט ווערען פון גלות ביז ווען פון אלע אידען וועט ווערען איין פערבאנד, איין א ג ו ד ה, ניט פערשיעדענע אגודות. נור דורך אחדות וועלען אידען אויסגעלייזט ווערען. און דערפאר ווען אידען זענען אייבגעלייזט געווארען פון גלות מצרים און זיי האבען געגעבען דעם קרבן פסח, האט מען זיי אנגעזאגט בבית אחד יאכל, עס דארף ביי אייך אחדות זיין, אהן דעם קענט איהר ניט עקזיסטירען!!

רבותי! עס איז מיין פפליכט צו דערמאנען אייך היינט, שבת הגדול. דאס איהר זאלט יעדער פארזיכטיג זיין מיט איינבריינגען דעם פסח אין הויז אריין, צו האבען א ריכטיגען כשר'ען פסח דארף מען ניט זשאלעווען קיין געלד. אידישקייט קאסט געלד. און ווי רש"י זאגט: ביותר צריך לזרז במקום שיש חסרון כיס, מען דארף מזרז זיין דארט וואו עס איז חסרון כיס, ווייל א אמת'ע כשר'ע מצה, ווייץ און כלים דארפען מעהר געלד קאסטען. דארט דארף מען דעם עולם מעהר מזרז זיין. פסח אבער טאר מען זיך ניט רעכענען מיט געלד, דאן דארף מען ווירקליך א חשבון הנפש האבען, און מען דארף קוילען די תאוה פון געלד...

און דאס איז דער טיעפער געדאנק פון קרבן פסח. די שעפס איז דער סימבאל פון רייכקייט. די גמרא זאגט: למה נקרא שמן ע ש ת ר ו ת? ש מ ע ש ר ו ת את בעליהן, שעפסען מאכען רייך [עשתרות פון דעם לשון ע ו ש ר], רייכטום, ווייל זיי מאכען רייך די בעלי־בתים פון די שעפסען... אידען, ארויסגעהענדיג פון מצרים, האבען זיי געדארפט צו טאן מיט געלד, מיט רייכטום, זיי זיינען ארויסגעלאפען צו די מצריים פון הויז צו הויז באָרג'ענט א נ ט ל י י ה ע ן ביי זיי כלי כסף וכלי זהב... אידען האבען דאן בעקומען א גרויסען אפעטיט צו געלד, צו רייכקייט. עס האט אלץ געקלונגען אין זייערע אויערען די געטליכע הבטחה ואחרי כן יצאו ב ר כ ו ש ג ד ו ל! זיי האבען געוואלט האבען גרויס קאפיטאל, ר כ ו ש ג ד ו ל! און דערפאר האט גאט געהייסען קוילען די שעפס, דער סימבאל פון געלד, פון רייכקייט, ש מ ע ש ר ו ת

אַלע ווייסען וואָס עס מיינט אַ שלעכטער מאגען, ניט אַלע אָבער ווייסען ווי שלעכט עס איז שלעכטע געדאַנקען פאַר'ן מוח, פאַר דער אידי־שער נשמה. דאָס איז ממש סם המות! און מיר דאַרפען היטען זיך און אונזערע קינדער פון שלעכטע געדאַנקען, וועלכע קענען פערדאַרבען און פער־סמ'ען אונזער נשמה.

און דערפאַר זאָגט דער גרויסער אידישער דענקער, דער רמב"ם זכרונו לברכה, אַז ווייל די מצרים פלעגען דיענען צו מזל טלה, און דערפאַר האָבען זיי ניט ערלויבט צו קוילען שעפסען, און זיי האָבען געהאַסט די רועי צאן, די פאַסטוכער, טאַקי דערפאַר האָט גאָט אונז געהייסען צו קוילען אַ שעפּס אום פּסח און צו שפּריצען זיין בלוט אויף די טויערען פון דרויסען, אום צו ציינען דאָס מיר זענען ריין פון זייערע מיינונגען, מיר גלויבען ניט און האַלטען ניט פון אַזוינע דומהייטען (מורה נבוכים להרמב"ם).

עס איז דאָ נאָך אַ מיינונג אַז די מצרים פלעגען אריינשעפּטשען עפּעס אין די אויערען פון דעם שעפּס, און פון דעם שעפּסענעם אויער פלעגט אַרויסקריכען אַ שד, און ער פלעגט זאָגען אַלעס וואָס מיט דעם מענשען וועט פּאַסירען אין דער צוקונפט. דערפאַר האָט גאָט געהייסען אַז מען זאָל קוילען די שעפּס פאַר אַ קרבן פּסח, כדי אידען זאָלען ניט גלויבען אין אַזוינע ווילדע נאַריש־קייטען (ספר חסידים, סימן תתשס"ב).

דער קרבן פּסח איז דער סימבאָל פון אחדות, ווייל בבית אחד יאכל, מען דאַרף ניט פונאַנדערגעוואָרפען ווערען, צוטהיילען זיך, אין פערשיעדענע פּלעצער, זאָנדערן אַלע צוזאַמען, בבית אחד יאכל! ווייל אָהן אחדות קענען אידען ניט עקזיסטירען, אָהן אחדות קען קיין גאולה ניט זיין. ווען אידען זענען אַרויס פון מצרים איז ביי זיי אחדות געווען, „שלא אמרו לשון הרע זה על זה", איין איד האָט ניט באַרעדט דעם צווייטען אידען, און שטעהענדיג ביים באַרג סיני זאָגט די תורה ניט ויחנו, זיי האָבען גערוהט, נור ויחן שם ישראל נגד ההר, ער האָט גערוהט, אַלע פערשיעדענע אידען האָבען זיך דאַן פעראייניגט ווי איין איד. דער עיקר איז אחדות! ווי מ'ען טייטשט דעם פּסוק שאלו שלום ירושלים, איהר דאַרפט זוכען דעם שלום פון ירושלים, אָבער דער עיקר שלום דאַרף מען זוכען ניט פון דרויסען: זוכט ניט קיין שלום פאַר ארץ ישראל ניט פון ענגלאַנד און ניט פון די אַראַבער, נור ישליו אוהביך, דער עיקר שלום און אחדות זאָל זיין ביי די וואָס האָבען דיך ליעב, דיינע פיהרער, דיינע פערזאָרגער, די יעניגע וועלכע פיהרען אָן די באַוועגונג פאַר אויפלעבען ארץ ישראל פון איינוועניג, זיי זאָלען האָבען שלום צווישען זיך, ביי זיי אַליין זאָל אחדות זיין, ווייל מיר ווייסען דאָך אַז דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרען נור פון שנאת חנם, פון ניט האָבענדיג קיין אחדות. און דערפאַר פלעגט זאָגען דער משמור וואָס געהט אַרויס פון בית המקדש צו דעם משמור וועלכער פלעגט אַריינגעהן צו פערנעהמען זיין פּלאַץ, אַט די ווערטער: „מי ששכן שמו בבית הזה הוא ישכין ביניכם אהבה

ברידער האבען א ברודער פארקויפט! די שבטים זייער ברודער יוסף, און נאכהער ווייטער לאָבול להם, האבען זיי זיך אייעקגעזעצט, א גאנצע חברה צוזאמען, עסען. דערפאר ווען מען עסט דעם קרבן פסח דארף מען איהם עסען אין אחדות אלע צוזאמען, בחבורה. און דערפאר לא תוציא מן הבשר חוצה!... טראג ניט ארויס גארניט אויפ'ן גאס... עס גיט און לעב ניט פאר זיך, נור אלע צוזאמען, בחבורה... און האט ניט צו טאן מיט דעם חוץ... עסען דעם קרבן פסח דארף נור א איד, א איד מיט אידען, ניט מיט קיין פרעמדע, אפילו א גר תושב טאר דעם קרבן פסח ניט עסען (ספר המצות להרמב"ם, לא תעשה, סימן קכ"ח).

היינט, ווען מיר זענען אבער אין גלות, ווען אונזער בית המקדש איז פאר־ברענט, האבען מיר ניט דעם קרבן פסח, אבער דער געדאנק, די אידעע פון דעם קרבן פסח בלייבט, אז מיר זאלען לעבען אלע צוזאמען, אין אחדות, און שלום בחבורה, דאן וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה, און מיר וועלען זוכה זיין צו פייערען דעם יום טוב פסח אין די לאנד פון אונזערע עלטערען, די לאנד פון אונזערע קינדער, ארץ ישראל, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

פסח

בחדש הראשון בארבעה עשר לחדש בין הערבים פסח לה', ובחמשה עשר יום לחדש הזה חג המצות לה', שבעת ימים מצות תאכלו. ביום הראשון מקרא קדש יהיה לכם כל מלאכת עבודה לא תעשו, והקרבתם אשה לה' שבעת ימים ביום השביעי מקרא קדש, כל מלאכת עבודה לא תעשו (ויקרא כ"ג ד').

די שלש רגלים — דער גרויסער נס — די אמת'ע פרייהייט — דער נאציאָנאלער פריהלינג — דער קרבן פסח — געדאנ־קען און מאָראל פון קרבן פסח — דער איד אלס קרבן פסח.

אין דעם ערשטען מאנאט פון יאהר, ניסן, 14 טעג אין מאאנט, פארנאכט, פאנגט זיך אן דער יום טוב פסח צו גאט, און דער 15טער טאג אין דיזען מאנאט איז דער יום טוב פון מצות צו גאט. עס איז דאן הייליג, קיין ארבייט טאר ניט געטאן ווערען, און קרבנות דארף געבראכט ווערען די זיבען טעג (שם).

די דריי זעהר וויכטיגע אידישע ימים טובים, פסח, שבועות, סכות, ווערען אנגערופען אין העברעאיש אויך מיט דעם נאמען „רגלים", ווייל ווען מיר האבען געלעבט אין אונזער אייגענע הייליגע לאנד, אין ארץ ישראל, פלעגען אונזערע על־טערען, אלס א זעלבסטשטענדיגע פרייע נאציאן אויף איהר אייגענעם באדען, פער־זאמלען זיך יום טוב צייט אין דער הויפט־שטאדט פון ארץ ישראל, וואו דער בית המקדש האט זיך געפונען — אין ירושלים! די הייליגסטע שטאדט פון

את בעליהן... קוילע די תאוה פון געלד... דאס איז א שוועקליכע ווילדע תאוה... זעה ווי דער לענדלארד איז הונגעריג נאך געלד... זעה ווי עקעלהאפט ער איז!... אנטלויף פון די תאוה פון געלד און רייכקייט... אנטלויף! קוילע די שעפס! קוילע דעם קרבן פסח, דעם טלה, דעם סימבאל פון געלד... און דערפאר איז מקחו מ ב ע ש ו ר, עשור איז דער לשון פון ע ו ש ר, רייכקייט, געלד... האט ניט קיין בטחון אויף געלד... און פון דעם האט זיך גענומען די צערע־מאניע פון קוילען דעם קרבן פסח, „שורות שורות היו עומדים שם, של כסף כסף, ושל זהב זהב, והיה נשחט בג׳ פעמים“. מען קוילעט אין בית המקרש דעם קרבן פסח, דער סימבאל פון געלד, און עס שטעהען גאנצע שורות פון זילבער און גאלד און ער ווערט געקוילעט אין דריי מאל. ווארום?

ווייל געלד האבען ניט אלע גלייך, איינער האט ניט גענוג צום לעבען, אפילו די נויטיגסטע צום לעבען. ער איז שרעקליך ארעם, דער אנדערער האט געלד גענוג צום לעבען, ניט ווענינער און ניט מעהר; אנדערע האבען מעהר געלד וויפיעל זיי קענען פארלעבען. דערפאר האט מען געקוילעט דעם קרבן פסח, דער סימבאל פון דער געלד תאוה, אין די דריי חלקים, צו צייגען אז אוהב כסף לא ישבע כסף, דער וואס האט ליעב געלד, וועט קיינמאל ניט זאט ווערען מיט געלד. דער יענינער אבער וואס איז א שמח בחלקו, זעהט ווי מען קוילעט דעם קרבן פסח אין 3 מאל, צו צייגען אונז אז מען דארף פארברענען די תאוה פון געלד אין אלע 3 חלקים, סיי ווען מען האט ניט גענוג, דארף מען זיך אפילו מיט אזא ביסעל געלד אויך באנוגענען. 2) אז מען האט גענוג צום לעבען. 3) אז מען האט צופיעל. ביי אלע אומשטענדען קוילע, פארברען אין זיך די תאוה צו געלד!

די מצריים האבען פערגעטערט געלד, גאלד און זילבער איז זייער גאט געווען, זיי האבען געדיענט צו מ ז ל ט ל ה, דער טלה, די שעפס, ווי פריהער ערקלעהרט, איז דער סימבאל פון געלד, פון רייכקייט, אידען האבען זיך אפ־געלעהרענט פון זיי, און דערפאר האבען זיי געדיענט דעם ענל הזהב... די גאלדענע קאלב... אז מען לעבט אין א ג א ל ד ע נ ע לאנד, ווערט מען א קנעכט צו גאלד, דיענט מען די גאלד... און דערפאר דארף מען קוילען דעם סימבאל פון גאלד, דעם קרבן פסח, און דאן ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם ל נ ג ו ף...

די געלד וועז מען האט צופיעל, די געלד וועלכע איז ניט כשר, טריפה געלד, געלד פון חלול שבת, פון גנבה, פון טרפות, דאס איז א מ ש ח י ת, עס פערדארבט דעם מענשענס כאראקטער, עס פארשטיינערט זיין הארץ, דער דאלאר מאכט אז צרות צווישען עלטערען און קינדער, ברידער און שוועסטער, און — „ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם ל נ ג ו ף“, געלד דארף מען האבען, געלד מוז מען האבען, אבער טריפה געלד, וועלכע זאל אנמאכען א מ ג י פ ה אין הויז, דאס איז א משחית וואס טאר ניט אריינגעלאזען ווערען אין א אידי־שער הויז!

קען מען ערדרייכען נור דורך די גרויסע טיעפזיניגע, מאָראַלישע לעהרע פון דער געטליכער „תורה“, אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה!! פריי קען נור זיין דער יעניגער, וועלכער באשעפטיגט זיך מיט די מאָראַלישע לעהרע פון דער תורה.

און היינט בייגאַכט וועלען מיר אַנפאַנגען צעהלען ספירה. פון פסח ביז שבועות וועלען מיר צעהלען, מיר וועלען צעהלען יעדען טאָג, וואַרטען און האָפען, אַד ווי דערלעבט מען שוין נעהמען די תורה, ווייל ווי נור מיר וועלען די תורה האָבען, דאַן וועלען מיר מוזען פאַר ארץ ישראל קעמפפען, און אַ פאָלק פון תורה און לאַנד קען מעהר ניט זיין פערשקלאַפט!! און פסח איז דער יום טוב פון פרייהייט, זמן חרותינו!!

פסח פאַלט אויס אימער אום פריהלינג. די נאַטור, די שעהנע געטליכע נאַטור, האָט געשלאָפען אַ גאַנצען ווינטער, יעצט, פסח צייט, אַלעס פאַנגט אָן אויפלעבען, אַלעס בליהט, אַלעס לעבט און זינגט, און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וועלכעס האָט געשלאָפען און געווען טוידט פאַר די לעצטע 2 טויזענד יאָהר גלות, פאַנגט אָן אויפצולעבען, עס קומט דער פריהלינג פון דאָס אידישע פאָלק, די העברעאישע שפראַך, די נאַציאָ־נאַלע שפּראַך פון אידען, פאַנגט אָן לעבעדיג ווערען. הונדערטער טויזענדער אידישע קינדערלעך אין ארץ ישראל און אויך אין אמעריקא רעדען העב־רעאיש, אין די בעסטע תלמוד תורה׳ס און העברעאישע שוהלען ביי אידען אין היינטיגען דור ווערען אַלע אידישע למודים אונטעררי‍כט נור אין העברעאיש, אפילו מאַנכע טעגליכע אידישע צייטונגען פון ניו יאָרק האָבען געפונען פאַר נויטיג צו געבען יעדען טאָג אַ העברעאישע אָפּטהיילונג. ארץ ישראל ווערט גע־בויט. דער כבוד פון דעם אידישען פאָלק ווערט בעניט, מען פאַנגט אָן מעהר צו פערשטעהן דעם גרויסען מאָראַלישען ווערטה פון אונזער תנ״ך, פון אונזער משנה, אגדה, תלמוד, מיר האָבען גאָט צו דאַנקען דערלעבט פריהלינג, דער פריהלינג פון דאָס אידישע פאָלק, פון דאָס אידישע לאַנד, פון דער אידישער תורה, פון דער העברעאישער שפראַך, עס בליהט, עס שפּראָצט, עס וואַקסט אַ נייע לעבעדיגע פאָלק און אַ נייע לע־בעדיגע לאַנד מיט אַ לעבעדיגער נאַציאָנאַלער שפּראַך, הנצנים נראו בארץ!!

רבותי! דער יום טוב פסח רופט צו פרייהייט! אינערליכע פריי־הייט! לאָמיר בעפרייען זיך און אונזערע קינדער פון פרעמדע, ניט־אידישע מנהגים, פון פרעמדען איינפלוס, פון נאַכטאַנצען דעם גוי, פון פרעמדע שפּראַכען און פרעמדע ליטעראַטורען, לאָמיר פערשפּרייטען די גרויסע מאָראַ־לישע לעהרע פון אונזער תורה צווישען די אידישע יוגענד, דאַן וועלען מיר זיין אידען שטאָלצע, פרייע, גליקליכע, און מיר וועלען פייערען דעם יום טוב פון פרייהייט אין דער לאַנד וועלכע וועט בעפרייען די גאַנצע מענשהייט פון די וואַכעדיגקייט פון לעבען און וועט היילינ מאַכען דאָס מענשליכע לעבען, דאָס איז — ארץ ישראל. אמן! ואמן!

דער וועלט! און זיי פלעגען געהן אויף יום טוב אין ירושלים פון אלע עקען לאנד, און געהן צו פוס, אלע צוזאמען. ברגלים, מיינט אין העברעאיש, צו פוס. דערפאר רופען זיך אט די דריי אויבען־דערמאנטע הייליגע נאציאנאלע ימים טובים „שלש רגלים“.

שוין באלד 2 טויזענד יאהר ווי מיר האבען פערלארען אונזער לאנד, אונזער בית המקדש פערברענט, רואינירט, חרוב געווארען, און די קינדער פון ישראל זענען צוזעעט און צושפרייט אויף דער גאנצער וועלט. נע ונד, מיליאנען זענען אוימגעקוילעט געווארען, פערברענט און דערטרונקען געווארען, אידען זענען געווארען אין גלות — א פאלק אהן א לאנד, און ארץ ישראל איז געווארען — א לאנד אהן א פאלק, און יעצט לעבען מיר דורך א היסטארישע הייליגע צייט, פאר אונזערע אויגען ווערט געוויזען געטליכע נסים, דער גרעסטער נס האט פאסירט, דאס די פאלק אהן א לאנד קעהרט זיך אום צוריק צו די לאנד אהן א פאלק. דאס אידישע פאלק לעבט אויף צוריק אויף דאס אידישע לאנד. אין דיזער צייט וועלען מיר בעסער פערשטעהן ווי צו פייערן אונזער שעהנעם הייליגען יום טוב פסח!

פסח איז דער יום טוב פון פרייהייט! די פרייהייט פון א גאנצע פאלק! צובראכען די קייטען! אוים שקלאפעריי! ניט מעהר אוועקגעבען געזונט, מארך, צייט, ארבייט, הארץ און נשמה, פאר פרעמדע פעלקער, פרעמדע לענדער. ארבייטען אימער פאר יענעם, רייך געמאכט אלעמען און אליין וואס ווייטער אלס שלאפער, ארימער, און טיעפער ערנידעריגט. וואו זענען אונזערע קינדער? וואו איז די אידישע יוגענד? וואו זענען אונזערע יונגע זיהן און יונגע טעכטער? זיי זענען ניטא — מיר האבען זיי איינגעקלעפט אין די ציגעל פון די גרויסע ריעזיגע פיראמידען, וועלכע מיר האבען געבויט אין מצרים... מיר בויען פרעמדע לענדער, און אין די ציגעל ליגט דער נייער אידישער דור... אין יעדער לאנד, וואו עס האט פאסירט א רעוואלוציאן, וואו מען האט פערגאסען בלוט פאר פרייהייט, וועט איהר דארט געפינען די אידישע יוגענד... זייער בלוט ווערט פערגאסען איבעראל, אונזער יוגענד קעמפפט פאר די פרייהייט פון אנדערע פעלקער, פאר אנדערע לענדער, ניט פאר די פרייהייט פון ארץ ישראל, ניט פאר די פרייהייט פון דאס אידישע פאלק, ווייל אונזער יוגענד איז ווייט פון די אידישע תורה, פון דעם אידישען גייסט, איז ניט בעקאנט מיט די גרויסע וואונדערבארע אידישע געשיכטע, און דערפאר, ווי נור זיי זענען ארויס פון מצרים, ווי נור זיי האבען צובראכען די קייטען פון שקלאפעריי, פיהרט זיי דער גרויסער געטליכער משה רבינו גלייך קיין ארץ ישראל און צום בארג סיני נעהמען א תורה, און גאט זאגט משהן: בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה. פון מצרים גלייך צום בארג סיני, ווייל עס איז נויטיג פאר א פאלק צו זיין א פריי פאלק, און אמת'ע פרייהייט, אינערליכע פרייהייט

איבערגעלאָזען פון דעם קרבן פסח אויף מאָרגען, אויף דעם 15טען טאָג אין ניסן. אזוי זאגט די תורה: „לא תותירו ממנו עד בקר", ווייל מלכים און פרינצען, וועלכע זענען זעהר רייך, לאָזען ניט איבער פון זייערע געקעכצען אויף מארגען, און מיר צייגען דאך פסח אז מיר זענען פריי און גליקליך, טאָר מען ניט איבערלאָזען פון קרבן פסח אויף מאָרגען, און ווען עס בלייבט איבער, מוז דאס פערברענט ווערען. דאס אלעס איז צו צייגען אז מיר זענען פריי און מיר האבען זוכה געווען צו מלכות און גדולה. עס זענען דא פערשיע־דענע דינים וועגען קרבן פסח, זעה (פסחים פרק ה', דף ס"ט, רמב"ם הלכות קרבן פסח פרק א', פרק י' ופרק ח', ספר המצות מצות עשה נ"ה, סמ"ג עשין רכ"ג, ברכות דף ט' מגילה דף כ"א, פסחים מ"א).

ווען מיר פערטיעפען זיך אין דער מצוה פון קרבן פסח, געפינען מיר בריליאנטענע געדאנקען פון וועלכע מען קען זעהר פיעל לעהרנען, מיר לעהרנען דורך א וואונק, דורך א רמז, דאס מען מוז אויפפאסען אויף כשרות, און מען דארף גוט וויסען די דינים פון ניקור, מען דארף ארויסנעהמען פון א בהמה וועלכע מען קוילעט צום עסען 51 אדערען, אין מאנכע געפינט זיך בלוט, אין מאנכע געפינט זיך חלב, און א איד טאָר ניט עסען קיין בלוט און ניט קיין חלב, און דאס זאגט אונז די תורה: אל תאכלנו ממנו נא, איהר זאלט ניט עסען נא. נא מיינט 51, די איין און פופציג אדערען וועלכע מען טאָר ניט עסען צוליעב בלוט און חלב.

מיר לעהרנען אויך זעהר א וויכטיגע לעהרע: אז דאס וואס דו דארפסט טאָן היינט לאז ניט איבער אויף מאָרגען, ווען מענשען וואלטען געהאט אט דיזען וויכטיגען כלל אין לעבען, וואלט די וועלט געשטאנען פיעל העכער ווי זי איז יעצט, און דאס לעהרענט אונז דער קרבן פסח: „לא תותירו ממנו עד בוקר", לאזט ניט איבער אויף מארגען! טהו די מצוה היינט, זאג ניט מארגען וועל איך טאָן, טהו היינט!

און א איד דארף האבען אמונה און בטחון. דער וואס האט וואס צו עסען היינט, און לאזט איבער אויף מארגען, טאמער וועט ער עס מאָרגען ניט האבען — זאגט אויף איהם די גמרא — הרי זה מקטני אמנה, איז ער א קנאפער מאמין אין גאָט. דער וואס האט אמונה און בטחון אין גאָט לאזט ניט אויף מארגען, לא תותירו ממנו עד בוקר!!

דער קרבן פסח פלעגט געקוילעט און געגעסען ווערען פערצייטען ווען דער בית המקדש איז געווען ב ייאידען, מיט פרייד און געזאנג, מיט הייליגע בע־גייסטערונג. דאס איז געווען אמאל, לאנג, לאנג צוריק, ווען מיר האבען געלעבט אלס זעלבסטשטענדיגע פאָלק אין אונזער אייגענע לאנד, אין ארץ ישראל. היינט האבען מיר אויך א קרבן פסח, און דער קרבן פסח איז דער איד אליין, אין גלות.

פסח

ב

דער קרבן פסח אמאָל און היינט.

פערציייטען, ווען מיר האבען געלעבט אין ארץ ישראל, ווען מיר האבען זוכה געווען צו זעהן אונזער בית המקדש, די שעהנסטע געביידע וואס די וועלט האט ווען געזעהן, פלעגט מען דעם 14טען טאג אין ניסן פארנאכט קוילען אין בית המקדש א שעפס אדער א ציעג, וועלכעס איז א יאהר אלט. און דאס האט זיך גערופען א קרבן פסח. עס פלעגט פארקומען דערביי א שעהנע צע־רעמאניע און פיעל הייליגע בעגייסטערונג: אידען פלעגען זיך דאן ארגאני־זירען צו טאן דיזע מצוה ניט אליין, נור א גאנצע חברה צוזאמען גענומען. עס שטעהט אין דער תורה: ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים, און נאכהער אין אבענד, נאכדעם ווען מען פלעגט אפ־עסען א זאטע סעודה פלעגט מען פערבייסען מיט די פלייש פון קרבן פסח. ווען מען פלעגט איהם קוילען אין דער עזרה פון בית המקדש, פלעגט מען דאן לייענען הלל, מען פלעגט בלאזען אין א מוזיקאלישען אינסטרומענט, וועלכער פלעגט זיך רופען אין די אלטע צייטען אין העברעאיש מיט דעם נאמען „חצוצרות", ער פלעגט געקוילעט ווערען אין דער עזרה ביי דריי כתות, און איז דוחה שבת. דער טעם און דער צוועק פון דיזער מצוה איז געווען: דאס אידען זאלען אימער געדענקען די גרויסע נסים וואס גאט האט מיט זיי געטהאן ווען זיי זענען ארוים פון מצרים.

דער קרבן פסח האט נעדארפט געגעסען ווערען נור ווען ער איז געבראטען, „אל תאכלו ממנו נא ובשל מבושל במים כי אם צלי אש". און עס זענען דא צוויי ערקלעהרונגען ווארום דער קרבן פסח האט געמוזט זיין געבראטען: 1) ווייל דאס דערמאנט אונז דאס אונזערע על־טערען, ארויסגעהענדיג פון מצרים, האבען קיין צייט ניט געהאט צו קאָכען די פלייש אין א טאפ, זאנדערן איילענדיגערהייט האבען זיי געמוזט דאס שנעל אפבראטען אויפ'ן פייער און עסען. 2) ווייל די פערצייטיגע קעניגע און פרינצען פלעגען עסען געבראטענע פלייש, וועלכעס איז זעהר א גוטער און געשמאקער מאכל, וואס נור גאנץ רייכע האבען דאס געקענט אויספיהרען צו עסען. דאס גאנצע פאלק האט געמוזט עסען געקאכטע פלייש אויף אנצושטאפען דעם מאגען, און ניט געבראטענס. און ווען מיר עסען דעם קרבן פסח צו דערמאנען זיך דאס מיר האבען זיך בעפרייט פון שקלאפעריי און מיר זענען א פרייע פאלק, א ממלכת כהנים און א גוי קדוש, צייגען מיר מיט דעם וואס מיר עסען דעם קרבן פסח געבראטען דאס מיר זענען פריי און שטאלץ ווי קעניגע און פרינצען. און טאקי דערפאר האט מען ניט געטארט

קינדערלעך! — בעט זיך ביי זיי די אַלטע מוטער, — עס איז דאָך פּסח נאַכט, אַ הייליגע נאַכט, פּסח צום סדר, וועה איז מיר! ווי קענט איהר יעצט לויפען צו „פּייטס“ און צו טאַנצען ווען איהר מוזט זיין מיט אונז. איהר וועט מקצר ימים זיין דעם אַלטען פאַטער! פאַרגיסט ניט זיין בלוט! די קינדער ווילען ניט הערען די מאַמעס „לעקטשורס“, אַנטלויפען אַהן אַ סדר. און ווען די אַלטע זעצען זיך צוב טיש און עס איז ניטאַ ווער עס זאָל פרעגען די 4 קשיות, קאַפּען אַראָפּ צוויי גרויסע בלוטיגע טרעהרען פון דעם אַלטען פאַטערס אויגען און ער מורמעלט פון שטילען צער צו זיך אַליין. אַ גאַנץ יאָהר פיהלט זיך ניט אַזוי שטאַרק, אַזוי טיעף דער וועהטאָג פון האָבען קינדער וועלכע זיינען ניט קיין אידען, עס קומט יום טוב, פּסח, פיהלט זיך דער וועהטאָג טיעפער, שמערצליכער, ער איז אַ — ק ר ב ן פּ ס ח.

רבותי! לאָמיר געבען אונזערע קינדער אַ גוטע אידיישע ערציהונג, לאָמיר צוגרייטען אַ נייעם דור, וועלכער זאָל וועלען און זאָל זיין פעהיג צו טראָגען הויך דעם דגל התורה אין אונזער הייליגע לאַנד, אין ארץ ישראל. אמן! ואמן!!

פּ ס ח

ג

מען דאַרף בודק חמץ זיין.

בדיקת חמץ אַ גאַנצען יאָהר — דער חמץ וואָס איז אין אונז — דער תערובות חמץ — בעלי בתים זוכען חמץ ביי רבנים — מכירת חמץ — אַ צונג וואָס איז חמצ׳דיג.

רבותי! מיר דאַרפען אַלע בודק חמץ זיין, ניט נאָר ערב פּסח, נאָר אַ גאַנ־צען יאָהר, יעדען טאָג פון אונזער לעבען, און ניט נאָר דעם חמץ פון ברויט אין דאָס גלייכען, נאָר דעם חמץ וועלכער געפינט זיך א י ן א ו נ ז. אַ זויערע האַרץ טויג ניט, אַ חמיצ׳דיגע נשמה טויג ניט. חמיצ׳דיגע געפיהלען טייגען ניט. חמץ איז דער סימבאָל פון אַלעם וואָס איז ניט כשר, ניט ריין, ניט הייליג, נ י ט פּ ס ח ׳ ד י ג. און מיר דאַרפען אַפריהער ב ו ד ק ח מ ץ זיין, אויסגע־פינען, וואו ליגט א י ן א ו נ ז דער הויפּט חמץ, און דאַן פערברענגען און מבטל זיין איהם אינגאַנצען. עס דאַרף זיין כור מרע אַפריהער, און נאָכהער עשה טוב. פּונקט ווי אַ מענש ווערט קראַנק, מוז דער דאָקטאָר אַפריהער בודק חמץ זיין, אויסגעפינען די קראַנקהייט, די דיאַגנאָזע, דאָס איז די הויפּט־זאַך, און נאָכהער, ווען דער דאָקטאָר ווייס שוין וואו דער חמץ איז, דאַן פערברענגט ער און ראַמט איהם אויס פון מענשליכען קערפּער. ווען דער מאַגען איז שלעכט מאַכט ער איהם אויסרייניגען אַלעס וואָס איז שלעכט פאַר איהם, אַ מין סור מרע, און נאָכהער שטאַרקט ער איהם און שטעלט אַוועק דעם קראַנקען אַ גע־וויסע צייט אונטער אַ שטרענגע דיעטע צום עסען.

די זעלבע זאַך מוז אויך פאָרקומען מיט אַ קראַנקער אידיישער נשמה. מען דאַרף אויסגעפינען דעם וואָרצעל פון דער קראַנקהייט, בעזייטיגען די קראַנק־

פסח בייגאכט צום סדר, די מאראנען, די אנוסים אין שפאניען. מען זיצט קיי זערליך אנגעטאן אין א פערבארגענעם הייל אונטער׳ן הויז, און מען פראוועט דעם סדר. גאלד און בריליאנטען גלענצען איבעראל, רער פאטער פון הויז, א שפאנישער איד, א הויכער גייסטליכער פאר די שפאניער, א מיטגליעד אין דער קייזערליכער פאמיליע און אין דער זעלבער צייט א בעהאלטענער פרומער איד, וועלכער איז געצוואונגען צו בעהאלטען זיין אידישקייט, ווייל ווען מען וועט זיך דערוויסען אז ער איז א איד, וועט מען איהם און זיינע קינדער פערברענען לע־בעדיגערהייט, ער זיצט און פראוועט דעם פסח׳דיגען סדר, רעדט צו זיין פא־מיליע איבער די גרויסקייט פון גאט, איבער דאס הייליגקייט פון יודענטהום, און פלוצים — דעטעקטיוום און שפאנישע פאליציי אין די בעגלייטונג פון די העכסטע בעאמטע פון די שפאנישע רעגיערונג בעפאלען זיין הויז, מען געפינט איהם צוזאמען מיט זיין פאמיליע ביים אידישען סדר, ביים אידישען פסח׳דיגען טיש, מען ענטדעקט דאן דעם שריקליכען סוד, ער האט גענארט די שפאנישע רעגירונג, די שפאנישע אינקוויזיטארען און מען פערברענט איהם און זיינע קינדער לעבעדיגערהייט אויפ׳ן פייער.

ע ר א י ז א ק ר ב ן פ ס ח ! און יעדער קינד זיינער איז א קרבן, א שרעקליכער קרבן פערברענט געווארען על קדוש השם. דורך דעם הייליגען יום טוב פסח האט מען איהם ענטדעקט, דאס איז א שרעקליכער גלות׳דיגער ק ר ב ן פ ס ח.

* * *

מען זיצט פסח צום סדר, מען גיסט אן א כוס פאר אליהו הנביא, מען עפענט די טיר, און עס רייסען זיך אריין א כאפטע מאסקווער כוליגאנעם, ווילדע קאצאפעס, די אויגען ווילד פערגאסען מיט בלוט און מיט שנאפס, העק און מע־סער אין די הענט, מיט א שרעקליכען געשריי אין רוסיש: „בעי זשידאוו!“ שלאגט אידען! פאנגט זיך אן דער פאגראם, די קירכען קלינגען, גאט היט דעם צאר! די שטאדט שטורעמט פסח צום סדר פון רציחה, און טייכען אידישע בלוט גיסט זיך ווי וואסער. די שרעקליכע פאגראמען פלעגען קומען פסח־צייט. און דער איד אין גלות איז — ק ר ב ן פ ס ח.

* * *

אין אמעריקא. א שעהן געגרייטער טיש לכבוד פסח, אויפ׳ן טיש איז כל טוב, עס בליצט גאלד און זילבער, שעהנע קליידער, גרויסארטיגע רייכע צי־מערען, אלעס שעהן און פיין, נור — דער עלטערער זוהן לויפט אריין ווי א בליץ אין הויז: מא! הארי אפ! שנעל גיב עסען! איך האב קיין צייט ניט! איך האב א וויכטיגע „נעים“ און איך מוז זעהען היינט א „פייט“ אין מעדיסאן סקווער גארדען.

מא! הארי אפ! לויפט אריין אין הויז די טאכטער! איך מוז געהן צו א דענס, עס איז שוין שפעט, מאקס און טשארלי ווארטען אויף מיר, נו הארי אפ!! שנעל!

אונזערע פרומע שוהלען ווילען טהאָן א מצוה צו פּערזענטירען וואָס מעהר אידען זאָלען קומען אין שוהל, דאָס איז ווירקליך א מצוה. וואָס טהוען זיי? זיי נעהמען אריין א חזן אַ עם הארץ, ניט קיין שומר מצוה, מיט א גרויסען דאַבעל באַאהר, און לאָזען ניט אריין קיין אידען אין שוהל הערען פון דעם חזן מיט דעם כּאָהר ושמרו בני ישראל את השבת נור ווען ער קויפט א טיקעט, און לכתחילה דאַרף ער קויפען דעם טיקעט בעפאָר שבת, אָבער בדיעבד — אַזוי פּסק'ענען די טראַסטיעס פון שוהל, די גרויסע פּוסקים — איז מותר צו קויפען דעם טיקעט אפילו אום שבת, אָדער ביי די טראַסטיעס גופא, אָדער ביי א „סטענד" ניט ווייט פון שוהל. דאָס איז שוין, רבותי, א מצוה הבאה בעבירה, דאָס איז שוין תערובות חמץ, א חמץ פון חלול שבת צונויפגעמישט מיט א שוהל מצוה, דאָס איז א טרפה'נער סענדוויטש. אַנטלויפט פון אַזוינע מצוות ווי פון פייער, דאָס איז חמץ, דאָס פיהרט צו כרת, אין כל מחמצת לא תאכלו!!

און איך בעט אייך, רבותי, געדענקט איין זאַך, איהר דאַרפט בודק זיין אייער חמץ און ניט פרעמדען חמץ, אויף אייער חמץ זענט איהר עובר אויף 2 לאווין, לא יראה ולא ימצא, אָבער טשעפּעט ניט קיין פרעמדען חמץ, דער דין איז שלך אי אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים ושל גבוה (רמב"ם הלכות חמץ ומצה פרק ד' הלכה א').

פרעמדער חמץ, און געטליכער חמץ, דעם חמץ פון הקדש מעגסטו זעהן, דער אומגליק אָבער איז פּונקט פערקעהרט, דעם אייגענעם חמץ זעהט מען ניט, מען וויל ניט זעהן, דעם אייגענעם חמץ איז מען גאָר ניט בודק, שלך אי אתה רואה, האָסט געגוג חמץ ביי דיר, ביי דיין פרוי, ביי דיינע קינדער... אין דיין הויז... גאַנצע בערג מיט חמץ האָסטו, און — דו זעהסט איהם גאָר ניט. און דו ביזט דיין חמץ ניט בודק ווי געהעריג איז, אָבער דערפאַר „אתה רואה של אחרים ושל גבוה", ביי אַנדערע דערזעהסטו באַלד חמץ, ביי זיך ניט, „כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, און דו געהסט ניט בודק חמץ זיין ביי זיך, ביי דיינע קינדער, אין דיין הויז, נור דו געהסט בודק חמץ זיין אין פרעמדע הייזער, ביי פרעמדע קינדער, ביי פרעמדע פאַמיליעס, דאָרט זוכסטו חמץ, דו זוכסט שטאַרק, און, געוועהנליך, אַז מען זוכט געפינט מען, איבערהויפּט זענען די בעלי בתים פון די שוהלען גרויסע מבינים צו זוכען חמץ „של גבוה", זיי זוכען חמץ ביי הקדש, ביי כלי קדש, ביי רבנים, חזנים, שמשים, איבערהויפּט ביי רבנים. זיי זאָגען „אם דומה הרב למלאך ה' צבאות, ווען דער רב איז גלייך צו א מלאך, א מלאך האָט ניט וואָס צו עסען, האָט ניט קיין קינדער, האָט ניט פאַרוואָס צו צאָהלען דירה געלד, אויב דער רב איז אויך אַזוי, דאַן — יבקשו תורה מפיהו, דאַן איז ער אַן אמת'ער רב, א צדיק א קדוש, א טהור, אַן אַרימאַן, האָט ניט וואָס צו עסען, נעביך, ואם לאוו, ווען אָבער דער רב וויל לעבען ווי אַלע לעבעדיגע מענשען ווילען, זאָלען און דאַרפען לעבען, ווען מען דענקט נאָך אַז דער רב האָט חס

הייט און נאכהער שטארקען די נשמה, אפריהער בודק חמץ זיין, געפינען דעם אינערליכען חמץ, דארף מען איהם אויסראמען, פערברענען, נאכהער, ווען די נשמה איז א ריינע, ניט קיין חמצ'דינע, דאן, נור דאן, קען מען איהר געבען די פסח'דיגע מאכלים, אמונה, ווי דער זוהר הקדוש רופט מצה „מיכלא דמהמנותא", דער אמונה מאכל, און אלעס וואס עס איז געזונט פאר די אידישע נשמה.

דער כלל דארף זיין אז „כל מקום שמכניסין בו חמץ צריך בדיקה, וואו נור מען בריינגט אריין חמץ דארט דארף מען בודק זיין. אמאל טרעפט דאס דורך די אויג, אך, די מענשליכע אויג! וויפיעל חמץ זי בריינגט דאס אריין! די אויג זעהט, די הארץ געלוסט, די הענד נעהמען, דער קערפער האט הנאה און די נשמה, די געטליכע נשמה, ווערט דורך דעם פעראומרייניגט, ווערט איננאנצען טמא. די אויג איז א „מקום שמכניסין בו חמץ", אן ארט פאר חמץ, און מען דארף דארט בודק חמץ זיין און נוצען די מענשליכע אויג צו זעהן נור זאכען וועלכע זענען הייליג און ריין.

די מענשליכע מחשבה, דער געדאנק! איז אויך א מקום שמכניסין בו חמץ. א געדאנק גיט אמאל א בליץ אין דעם מענשליכען מוח און בריינגט צו שלעכטע, טריפה מעשים. דערפאר זיי בודק חמץ און האלט דיין מחשבה ריין און הייליג. ווען א איד טראכט ריינע, הייליגע געדאנקען, איז ער ריין און הייליג, טראכט ער וועגען שמוציגע מעשים, איז ער שמוציג. דער געדאנק דאס איז דער מענש!!

און דאס דארפען גוט געדענקען אלע אמעריקאנער אידען, אז תערובות חמץ איז אויך אסור! ווייל די תורה זאגט דאך: כל מחמצת לא תאכלו, מען טאר קיין חמץ ניט עסען, אפילו ווען ער איז צומישט במינו אדער שלא במינו (פסחים מ"ג מ"ה, רמב"ם הלכות חמץ פרק א' הלכה ד', ספר המצות לא תעשה קצ"ח, או"ח סימן תמ"ב, תמ"ג, סמ"ג לאוין ע"ט).

און מיר ווייסען דאך דעם תערובות חמץ אין דעם אידישען אמעריקאנער לעבען. א תלמוד תורה ארגנזשירט א באלל מיט א טאנץ, וואו באיעס און מיידלעך זאלען טאנצען ביז'ן ווייסען טאג אריין, דאס איז תערובות חמץ, מען מישט אויס דעם חמץ מיט תורה, און דאס איז ווירקליך א געפאהר, א תלמוד תורה איז הייליג, און יעדער איד וואס טראגט אויף זיך דעם הייליגען נאמען איד דארף בעלאנגען און צאהלען יעדען מאנאט פון זיין לעבען א גע־וויסע בעדייטענדע סוממע אלס מיטגליעד צו דער תלמוד תורה. יעדער איד מוז בעלאנגען צו אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות, און דאן וואלט די פערוואלטונג פון אונזערע הייליגע ערציהונגס־אנשטאלטען ניט געווען געצוואונגען צו ארגנזשירען קאנצערטען, באללער, טהע־אטערס, און די אלע אנדערע אונפאסיגע זאכען פאר א תלמוד תורה, וועלכעס עס איז א תערובות חמץ!!

מקרא קודש יהיה לכם כל מלאכת עבודה לא תעשו. איהר זאלט, פסח, קיין ארבייט ניט טאָן, ווייל זייענדיג א גאַנצען יום טוב לעדיג פון ארבייט און געשעפט, האבענדיג זעהר פיעל לעדיגע צייט, וועלען אלע אידען האבען די מעגליכקייט צו קומען אין שוהל לעהרנען אָדער הערען א לעבעדיגע אידישע וואָרט פון די רבנים, מגידים, דרשנים און מטיפים. ווען מען וואלט געמאַכט געהן אין געשעפט אָדער טאָן ארבייט, אפילו גאַנץ לייכטע ארבייט, וואלט יעדערער געווען פערנומען, ווער אין געשעפט און ווער אין זיין ארבייט. יעצט אבער, ווען עס איז ניט ערלויבט צו טאָן קיינע ארבייט, „כל מלאכת עבודה לא תעשו", יעצט האט מען גענוג צייט זיצען ביים סדר, זיצען ביים פסח'דיגען טיש. קינדער פרעגען קשיות, עלטערען ענטפערען זיי תרוצים. דער גאַנצער סדר איז דאָך געמאַכט געוואָרען נור צוליעב די קינדער, זיי זאָלען האָבען וואס צו פרעגען, אום מיר זאָלען האָבען די גוטע געלעגענהייט צו ריידען מיט זיי וועגען אידישע פרייהייט, וועגען גאָט'ס נסים. ווען קינדער זענען אזוי ווייט פון אידישקייט, אז זיי אינטערעסירט קיין זאַך ניט, אז זיי פרעגען שוין קיין קשיות ניט. ווען קינדער זעהען ניט קיין סימן פון אידישקייט ביים פאטער אין הויז, ווען קינדער זעהען ניט קיין פסח'דיגען סדור, ווען דער אידיש קינד ווערט אין דער בחינה פון „שאינו יודע לשאול", דאן שטעהען מיר חס ושלום פאר דעם קבר פון יודענטהום, דאן זענען מיר די חברה קדישא, וועלכע באגראבט דעם הייליגען אידעאל פון יודענטהום, פאר וועלכען אונזערע עלטערען האבען זיך מוסר נפש געווען, זענען געגאַנגען צום טוידט ווי מען געהט צו א קאָנצערט, האבען פערגאָסען זייער לעצטען טראָפּען בלוט פאר די הייליגקייט פון יודענטהום, און מיר, וועה איז צו אונז, מיר זענען דאס די קברנים, די שמשים, די חברה קדושא, וועלכע העלפט באגראָבען און פערשיטען אונזערע הייליגטהימער. און, רבותי, אז מיר האלטען ביי אזא שרעקליכע לאגע איז גענוג צו זעהען, אז אין מאַנכע אידישע הייזער ווערט דער סדר ניט אפגעריכט, און ווען ער ווערט אפגעריבט איז נור פאר זיך אליין, און ניט פאר די יונגע קינדער, און הונדערטער טויזענדער אידען ארביטען אום פסח, הונדערטער טויזענדער שקלאפען אין דעם יום טוב פון פרייהייט.

רבותי ! דער ערשטער מנין איז געווען געפּאַקט, זאָגט מען מיר, ווייל — מענשען דארפען דאך געהן אין ביזנעס, צו דער ארבייט. דעם ערשטען טאג פסח, דארפען זיי אפּראַוונען פריהער, כדי זיי זאָלען קענען קומען צו ביזנעס, צו דער ארבייט, אין דער ריכטיגער צייט...

הונדערטער טויזענדער קינדער, אונזערע קשיות פרעגער, וואלגערען זיך אין די גאסען, ווייל זייערע פאטערס זענען אין ביזנעס און ביי דער ארבייט. די קינדערלעך וועלען דאך קיינמאל ניט פיהלען די שעהנקייט און הייליגקייט פון אונזער פסח. זייערע עלטערען זענען פסח פער־

ושלום געלד, דאן, אוי וועה, אל יבקשו תורה מפיהו. דאן אז אך און וועה איז צום רב, די בעלי בתים זענען איהם פשוט מקנא און ווערען איהם שונאים. און מען האלט אין איין בודק חמץ זיין ביי אונזערע כלי קודש, און יעדער בעל־הבית ברייננט זיין פעקעל חמץ, אלע זיינע עבירות, צום רב, ער זאגט, אז דער גאנצער חמץ בעלאנגט צום רב, ער גיט דאך דערפאר א דאלער דעם רב, אז ער זאל אפקויפען זיין חמץ, ער רופט דאס מכירת חמץ, און ער מעג אליץ, ער קען און מעג זינדיגען, דער רב אבער, ער דארף זיין זיין כפרה. אזוי איז ער זיכער, אזוי דענקט ער, דער חמץ איז ניט ביי איהם, דער חמץ איז ביים רב, „אתה רואה של אחרים ושל גבוה“.

רבותי! קריכט ניט צו פרעמדען חמץ, זוכט ניט קיין חמץ ביי אייערע רבנים. ווען איהר וועט ביי זיי געפינען חמץ, איז דאס אייער שולד, איהר, בעלי בתים, האט זיי געמאכט חמצ׳דיג, זייער חמץ איז דאך אייער חמץ. עס איז דאך די זעלבע זאך ווי מיט דעם קהל׳שען האנדטוך און קהל׳שען טלית אין שוהל, אלע ווישען זיך מיט דעם האנדטוך, אלע וויקלען זיך מיט דעם טלית, מאכען זיי די בעלי הבתים שמוציג, זיי מאכען שמוציג דעם קהל׳שען האנדטוך און דעם קהל׳שען טלית און נאכהער שרייען זיי דאס דער קהל׳שער טלית איז שמוציג. רבותי! זייט בעסער בודק אייער חמץ, איהר וועט געפינען איבער נענוג, אט דאן, פוילט זיך ניט און זענט מבטל, מיט א אמת, מיט׳ן גאנצען הארצען אייער חמץ און פערברענט איהם, דעם חמץ, פון הויז... פון קיטשען... פון שלאף־צימער... אין דער חמצ׳דיגער צונג... אה, וויפיעל צינגער זענען דאס חמצ׳דיג, לשון הרע... רכילות... נבול פה... שקרים... פערברענט זאל ווערען אזא חמצ׳דיגער צונג! אזא חמץ איז א שרעקליכער חמץ. דער לשון הרע חמץ לאזט ניט צו דעם שעהנעם הייליגען פסח אין אונזער הויז... אין אונזער לעבען... פערברענט דעם חמץ!!!...

פסח

ד

די פסח׳דיגע שקלאפען.

פסח איז דאך א יום טוב פון פרייהייט, זאגען מיר דאך אין אונזערע תפלות זמן חירותינו, זיצען מיר דאך צום סדר ניט ווי א גאנצען יאהר, נאר „אנגעשפארט“ ווי קעניגע, ווי פרינצען, „כולנו מסובין“. מיר זאגען דאך הלל, מיר זינגען צו גאט אויף אונזער פרייהייט, זינגען מיר דאך אין דער הגדה „על גאולתנו ועל פדות נפשנו“, זאגען מיר דאך „אשר גאלנו וגאל את אבותינו“, גאט האט אונז אויסגעלייזט פון שקלאפעריי, און אויך אונזערע עלטערען, מיר זענען מעהר ניט שקלאפען, פרייע מענשען זענען מיר, און דערפאר טאר מען דאך פסח ניט ארבייטען. לייענען מיר דאך אין דער תורה: „ביום הראשון

ריכטיגער גאולה. „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל", אין ניסן — זאָגען אונזערע חכמים זכרונם לברכה — זענען אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות מצרים, און אין ניסן וועלען אידען אויסגעלייזט ווערען פון דעם לעצטען גלות, און מיר וועלען זוכה זיין צו א גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן! ואמן!

לפסח

מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים, וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח. (הגדה של פסח).
ווארום מוז מען דערצעהלען וועגען יציאת מצרים? — די געפאהר פון יאוש אין גלות — די אידישע לאַגע אין מצרים — אידען בונטעווען זיך — דער שיר חשירים אום פסח — די קלויאטשע — די אייביגע ליבע צווישען די כנסת ישראל און הקדוש ברוך הוא — די מסירת נפש פון אידען — די געשיכטע פון אפיקומן — וואָס דער אפיקומן מיינט פאַר אונז.

עס איז ווירקליך א מערקווירדיגע זאך! עס איז ניטאָ קיין מצוה צו דער־צעהלען שבועות וועגען קבלת התורה, וועגען אַט די אלע נסים און וויכטיגע פּאַסירען וואָס זיינען דאַמאָלט פאָרגעקומען. עס איז אויך ניטאָ קיין מצוה צו דערצעהלען אום סוכות וועגען די גרויסע נסים פון די ע נ נ י כ ב ו ד וועלכע האָבען באשיצט דעם אידען, און פסח? פסח איז א מ צ ו ה צו דערצעהלען אונזערע קינדער און אונזערע פריינד וועגען יציאת מצרים. און דער בעל הגדה זאגט: „אפילו כולנו חכמים כולנו נבונים, כולנו זקנים, כולנו יודעים את התורה, מ צ ו ה ע ל י נ ו ל ס פ ר ב י צ י א ת מ צ ר י ם, וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח". אפילו ווען מיר זענען אלע חכמים, אלע נבונים, אלע זענען אלטע לייט, וועלכע ווייסען פיעל, און אפילו ווען מיר אלע ווייסען גוט די תורה, דאך א י ז א מ צ ו ה צו דערצעהלען וועגען יציאת מצרים, און דער יעניגער וועלכער דערצעהלט פיעל וועגען יציאת מצרים, יענער איז א בעסערער און בעריהמטער איד. איז דאך די פראגע, ווארום פסח איז א מ צ ו ה צו דערצעהלען און ריידען וועגען יציאת מצרים?!!

דער אמת אבער איז אז דער ענין וועגען יציאת מצרים האָט זעהר א וויכטיגען און זעהר פראקטישען צוועק, ווייל דער רבונו של עולם האָט גע־וואוסט דאס ווען מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות מצרים וועלען מיר אריינפאלען אין אנדערע שרעקליכע, גרויזאמע גלות'ען, וואו דער טויט וועט זיין פיעל בעסער ווי דער לעבען, און דארט איז די סכנה זעהר גרויס, טאָמער וועט דער שרעקליכער י א ו ש, אַט דער ביטערער אומגליקליכער מיקראָב, וועל־כער רופט זיך אין העברעאיש י א ו ש, טאָמער כאפט ער זיך אריין אין די מוחות, אין די הערצער, אין די נשמות פון די גלות־אידען, און זיי וועלען זיך מיאש זיין פון דער גאולה, און זיי וועלען פערצווייפעלט ווערען אינגאנצען און וועלען זאגען א ב ד ה ת ק ו ת י נ ו נ ג ז ר נ ו ל נ ו, אונזער האָפע־

שקלאפט, זענען זיי אויך פערשקלאפט, די גליקליכע רייכע אמעריקאנער אידישע קינדער מעגען מקנא זיין די ארימע אידישע קינ־דער פון יענער זייט ים מיט יאהרען צוריק.

* * *

שטאלץ ווי א מלאך זיצט דער פארצייטיגער איד אויף זיין הסבה בעט, מיט זיין אשת חיל, וואס איז פלוצים געווארען א מלכה, און אין די גרעסטע רעוואלוציעס, ווען עס טאר זיך ניט געפינען קיין מלכים אויף דער וועלט, וועלען אימער מלכים זיין, ווייל צו יעדען פסח'דיגען סדר איז דער איד א מלך, זיין פרוי — א מלכה, זיינע קינדער — פרינצען און פרינ־צעסינס, בני מלך, און דער מלך דערצעהלט דאס זיינע קינדער, די בני מלך, די וואונדער, די נסים ונפלאות, וואס עס האט פאסירט מיט אונזערע עלטערען, ווי אזוי זיי האבען זיך בעפרייט פון שקלאפעריי.

פסח צום סדר! ווי ליכטיג, ווי הייליג, ווי שעהן עס איז ביי יעדען אידען אין שטוב! בני חורין זיצען ביים טיש, די פרייע נאציאנאלע אידישע נשמה פיהלט זיך אין אלע ווינקעלעך פון שטוב, די שכינה אליין אין געקומען צום סדר, הערען די הגדה. די מאמע, די קינדערלעך — אלע שטראהלען און לייכטען פון פרייד, די מאמע לכבוד פסח האט אנגעטהאן איהר טייערסטע צירונג און האט אויפ'ן טיש אויסגעשטעלט דאס גאנצע ביסעל גאלד און זילבער. די אידישע הויז איז פסח עקסטרא כשר, די כלים זענען גע'כשר'ט, און דער איד גופא איז גע'כשר'ט געווארען לכבוד פסח, אלע, איבערהויפט די קינדערלעך ווארטען אויף א ליעבען גאסט, אליהו הנביא דארף באלד קומען!...!

דער פאטער מיט די קינדער זענען בעגייסטערט ווען זיי זאגען די הגדה. ווי שעהן זיי זינגען! דער אידישער פסח קומט ניט אליין, ער בריינגט מיט זיך דעם גאנצען פריהלינג. ווען ניט פסח וואלט, דוכט זיך, אימער ווינטער געווען, שטענדיג קאלט!...

* * *

קינדער בענקען נאך ימים טובים, זענען פון דער נאטור רעליגיעז גע־שטימט, די אידישע ימים טובים בכלל און דער ריינער שעהנער פריהלינגס יום טוב, פרייהייט יום טוב, פסח, בעזאנדערס, און ווען מיר זעהען ווי טויזענדער יונגע אידישע קינדער קענען ניט געניסען אין זייערע יונגע קינדער־יאהרען דעם פערגעניגען פון פסח, ווייל זייערע פאטערס זענען בעשעפ־טיגט פסח אין נעשעפט אדער ארבייטען פסח, דאן זעהען מיר פאק זיך די שרעקליכסטע טראגעדיע אין דער וועלט, מיר זעהען פאר זיך שקלאפען פון פרייהייט, פסח'דיגע שקלאפען!...

עס איז די העכסטע צייט, רבותי, אויסצוראמען דעם חמץ, פטור ווערען פון שקלאפעריי, אריינפיהרען די ליכטיגע שטראהלען פון אונזערע ימים טובים אין אונזערע הערצער, בעלייכטען מיט די קדושה שטראהלען פון אונזער פסח די יונגע נשמה'לעך פון אונזערע קינדער און דאן וועלען מיר זוכה זיין צו דער

מעהר ניט פאַרקומעז, און ניט נור קערפּערליך זענען מיר פאַרשקלאַפּט געוועז, נור אויך גייסטיג: מיר זענען געוועז שרעקליך אונוויסענד, און ווי מקובלים דריקען זיך אויס, זענען די אידען אין מצרים געוועז איינגעזונקען אין מ״ט שערי טומאה, אינגאַנצען פאַרדאָרבען, אינגאַנצען אומריין, זיי זענען געוועז פשוט'ע געצען־דיענער, עבודה זרה'ניקעס, „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה“, עס איז שווער געוועז, זעהר שווער, צו זעהן דאָן דעם אונ־טערשיעד פון איד ביז גוי, און ווען משה פיהרט זיי שוין אַרויס פון מצרים, צוברעכט זייערע שקלאַפען־קייטען, פיהרט זיי דורכ'ן מדבר, מאַכען זיי א בונט, עס בונטעווען זיך די געוועזענע שקלאַפען. וואָס איז? וואָס ווילען זיי? פלייש ווילען זיי! און זיי בייַנקען צוריק צו די קייטען פון שקלאַפעריי, און זיי זאָגען זיי וואָלטען וועלען בעסער שטאַרבען אבי אין מצרים צו שטאַרבען, אין יענע גאָלדענע לאַנד פון שמוץ און שקלאַפעריי. מיר געדענקען — שרייען די אידען, ווען זיי האָבען זיך צובונטעוועט — אז מיר פלעגען דאָס זיצען אין מצרים נעבען דעם טאָפּ פלייש, ווען מיר האָבען געגעסען ברויט וויפיעל מיר האָבען געוואָלט, „מי יתן מותנו ביד ה' בארץ מצרים, בשבתנו על סיר הבשר, באכלנו לחם לשובע“.

באמערקט אויף די ווערטער דער מדרש זעהר קלוג: מען האָט זיי אין מצרים געזשאַלעוועט א ציגעל צו דער ארבייט, מען האָט זיי לעבען ניט געלאָזט. היינט ווי קומט דאָס אז מען זאָל זיי געבען פלייש עסען?! זאָגט דער מדרש: חס ושלום! מען האָט זיי קיין פלייש ניט געגעבען פאַרזוכען אַפילו, דער מצרי פלעגט זיצען און עסען פלייש, דער איד פלעגט זיצען לעבען איהם און עסען טרוקענעם ברויט, בשבתנו על סיר הבשר, זיי זענען נור געזעסען נעבען טאָפּ פלייש, געזעסען אָבער ניט געגעסען, באכלינו, ווייסט איהר וואָס זיי האָבען געגעסען? ניט פלייש, חס ושלום, נור באכלנו לחם לשובע, געגעסען האָבען זיי נור ברויט, און אויף דאָרויף האָבען זיי געבענקט, און זיי האָבען זיך ניט געשעמט צו קלאָגען בשבתנו על סיר הבשר, זיי האָבען געהאַט די זכיה אין מצרים זיצען לעבען א טאָפּ פלייש און זעהען ווי דער מצרי עסט, און אזא גאָלדענע לאַנד האָבען זיי אוועקגעלאָזען!

אַט אין אזאַ שרעקליכער נידעריגער לאַגע האָבען זיך דאָן געפונען אונזערע עלטערען, ווי דער נביא זאָגט: ואת ערום ועריה, נאַקעט פון אַלעם וואָס עס איז קלוג און שעהן, און דאָך האָט פּאַסירט דער גרויסער נס, וועלכען קיינער האָט ניט געקענט גלויבען, און אידען האָבען זיך ענדליך באַפרייט פון מצרים, זענען געוואָרען א פרייע זעלבסטשטענדיגע קולטורעלע פאָלק, האָבען א געטליכע תורה גענומען, און זיינען געוואָרען דער עם הנבחר, דער אתה בחרתנו מכל העמים! איז ווען מען איז א מרבה לספר ביציאת מצרים, וואָס מעהר מען דערצעהלט וועגען יציאת מצרים אַלץ מעהר פערשטעהען מיר דאָן ווי שטאָלץ מיר דאַרפען יעצט זיין, און ווי מיר טאָרען זיך

נונג איז פארלארען, מיר זענען פארפאלענע, מיר וועלען שוין קיינמאל נוט קומען צוריק אין אונזער לאנד, מיר וועלען שוין קיינמאל ניט רעדען אונזער אייגענע שפראך, לשון הקודש, מיר וועלען שוין קיינמאל ניט האבען צוריק אונזער אידישע רעגיערונג, מיר געהען שוין אינגאנצען אראפ פון דער וועלט־סצענע אלס נאציאן, אלס זעלבסטשטענדיגע פרייע פאלק, צוזאמען מיט אלע אנדערע פעלקער פון דער וועלט, און דאן, ווען א פאלק איז זיך שוין מיאש, ווען דאס גיט אפ די האפענונג, ווען א פאלק פארלירט זיין בטחון און זיין האפענונג, דאן ווערט דאס פאלק פער׳משפט צום טוידט, צום אונטערגאנג, ווייל יאוש איז א געפאהר פאר׳ן יחיד און א געפאהר פאר׳ן כלל (זעה וועגען יאוש אין שו״ע חושן משפט סימן רס״ב, ה׳, מהרי״ק שורש ד׳, רשב״ד חלק ד׳ סימן קנ״ז).

און אט צוליעב דיזען צוועק קומט די מצוה פון דערצעהלען וועגען יציאת מצרים, דאס ווי שלעכט אונז איז יעצט זאלען מיר זיך ניט מיאש זיין פון דער גאולה, ווייל אין מצרים האבען מיר פיעל ערגער געהאט ווי אין היינטיגען גלות, ערגער ווי אין מצרים קען גאר ניט זיין, און דאך זענען מיר אויסגעלייזט געווארען, וועלען מיר פון היינטיגען גלות געוויס אויסגעלייזט ווערען. און אט די יעניגע אידען וועלכע זענען זיך מיאש פון דער גאולה איז דאס א יאוש שלא מדעת, ווייל דער וואס האט דעת, דער וואס וויים עפעס פון דער אידישער געשיכטע, דער וואס וויים די הבטחות פון אונזערע נביאים, דער ווייס אז ווי שלעכט און ביטער אונז זאל ניט זיין וועלען מיר דאך סוף כל סוף אויסגעלייזט ווערען פון גלות און מיר וועלען קומען צוריק צו אונזער לאנד, ווייל מיר האבען גענוג סימנים אויף זיך, סימנים אויף אונזער לאנד און שפראך, סימנים פון אונזער הייליגער תורה און דעם אידישען גייסט, און דארט וואו עס איז דא סמנים אויף אן אבידה, זאגט די גמרא אז כולי עלמא לא פליגו דלא הוי יאוש (בבא מציעה כ״א) זענען אלע איינשטימיג אז דער יאושאיז קיין יאוש ניט... און נאכמעהר, דער דין איז אז ווען גוים האבען צוגע)גנב׳עט אידישע ספרים איז דארט קיין יאוש ניטא, „אם גנבו גוים ספרי ישראל שסופם בא ליד ישראל לא נתייאשו הבעלים מהם (תשובות הגאונים, סימן רפ״ה), ביי ספרים איז קיין יאוש ניטא! די אידישע שונאים, וועלכע ווילען ניט דערלאזען אז אידען זאלען זיך צוריק אומקעהרען אין ארץ ישראל, זיי זענען גנבים, זיי ווילען ארויס׳גנב׳ענען דעם גרעסטען טהייל פון אונזערע ספרים, ווייל ווען איהר נעהמט ארויס פון אונזער תנ״ך, פון אונזער גמרא דעם טהייל וואס בעלאנגט צו ארץ ישראל, וועט איבערבלייבען זעהר א קליינער טהייל פון אלע אנדערע ספרים, און דא קען קיין יאוש ניט זיין, און עס טאר קיין יאוש ניט זיין.

און טאקי דערפאר איז זעהר גרויס די מצוה פון דערצעהלען אום פסח וועגען יציאת מצרים, ווייל מצרים האט אונז פערשקלאפט קערפערליך און גייסטליך, און יענע שקלאפעריי איז געווען א שרעקליכע, א שוידערליכע, א גרויזאמע, אז אויסערגעוועהנליכע. היינטיגע צייטען קען אזא שקלאפעריי

ספר המנהיג הלכות פסח סימן ע"ח, טעמי המנהגים סימן ש"ס, שו"ת שבות יעקב, או"ח סימן נ"ב).

דער אפיקומן, רבותי, איז דער סימבאָל פון דעם אידען אין גלות, א צו־בראָכענער... א פיצעל, א ברעקעל... ער ליגט ניט אויפ'ן טיש צוזאמען מיט די כוסות, מיט די גאָלד און זילבער פון דעם פסח'דיגען טיש, מיט די יחסנים, די מצות, מען פעררוקט איהם אונטער'ן קישען... מען זיצט אויף איהם.. מען בע־גנב'עט איהם... אָבער אם ענדע מוז מען איהם האָבען, מען זוכט איהם, מען קען אהן איהם ניט אויסקומען, ער איז, ער ווערט ענדליך דער הויפט מיוחס, נאָך איהם טאָר מען קיין זאך ניט פארזוכען, ער מוז באהערשען אלעמען אויפ'ן סוף, זיין טעם מוז בלייבען, ער איז דער „צפון", דער בעהאַלטענער, אויף איהם וועט מקוים ווערען די הבטחות פון די נביאים, ער וועט האָבען אלעס וואָס איז באהאלטען פאר איהם צפון!... לאָמיר זוכה זיין צו דער גאולה, אמן! ואמן!

פסח

דער כח פון אַסימילאציע. — די רוחניות'דיגע און די וואָ־כעדיגע גאולה — דער אידישער גייסט און די גאולה — דער כסא און כוסו פון אליהו — די אנוסים אין שפאַניען און דער פסח'דיגער סדר — דער שאינו יודע לשאול — עלטערען און קינדער.

מיר פייערען היינט דעם יום טוב פסח, וועלכער איז דער יום טוב פון פריהלינג, חג האביב, דער פריהלינג פון דער נאַטור און דער פריהלינג פון דאָס אידישע פאָלק. דער יום טוב פון אויפלעבונג און פרייהייט, גײַסטיגע פרייהייט, פרייהייט וועלכע בעפרייט די אידישע נשמה פון אלעם וואָס מאכט איהר וואָכעדיג און ניט ריין, פון אלע איהרע פגימות.

דער שרעק און די טראַגעדיע פון גלות באשטעהט אין די פערשקלאַ־פונג פון דעם גלות פאָלק צו די הערשענדע נאציאָן, צו די הערשענדע שפראך, לאַנד, קולטור און רעליגיאָן, מען ווערט אַסימילירט, זאגט דער מדרש „כשם שהצפור נתונה ביד הצייד, אם מבקש ממית אותה, ואם מבקש מחיה אותה, כך היו ישראל משוקעים במצרים, א"ר אבהו ב"ר אחא בשם רבינו, כך היו ישראל נתונים בתוך מצרים כעובר שהוא נתון בתוך מעיה של בהמה וכשם שהרועה נותן ידו בתוך מעיה ושומטו, כך עשה הקב"ה, שנאמר: לבא לקחת לו גוי מקרב גוי" (מדרש שוחר טוב, ק"ז).

א וואונדערבארען בילד שטעלט אונז פאר דער מדרש. די אידען אין מצרים זיינען פערשקלאַפט, ווי אזוי? פונקט ווי די פויגעל אין די האַנד פון יעגער, וויל ער, טוידט ער איהר, וויל ער — לאָזט ער איהר לעבען!... די אידען זיינען געווען אין מצרים פונקט ווי א קינד וועלכער ליגט ביי דער

ניט מיאש זיין פון דער גאולה, ווייל — כ י מ י צ א ת ך מ א ר ץ מ צ ר י ם א ר א נ ו נ פ ל א ו ת , אזוי ווי מיר זענען דאן ארויס פון מצרים אט אזוי וועט דער רבונו של עולם צייגען געטליכע וואונדער און וועט אונז אויך אויסלייזען פון דעם לעצטען גלות, און מיר וועלען זוכה זיין צו דער גאולה, און דערפאר — מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים!...

און מיר לייענען ש י ר ה ש י ר י ם אום פסח, און דארט זאגען מיר: „לסוסתי ברכבי פרעה, דמיתיך רעיתי", צו די קלאטשע וואס איז איינגעשפאנט אין פרעה'ס רייטוואגען איז נעגליכען די אידישע פאלק! ארימע קלאטשע, ווער פאהרט אויף דיר ניט רייטענדיג, ווער קלאפט דיר ניט אין דיינע שוואכע זייטען?! ווער נעהמט זיך אן פאר דיין כבוד? דיין לאגע איז שרעקליך! ביזט צוקלאפט און צובלוטיגט... ביזט אינגאנצען אין וואונדען... מכות אהן א ברעג... אייגענע און פרעמדע, ניט געבעטענע בעלי טובות, כאפען זיך ארויף אויף דיר און פאהרען רייטענדיג אויף דיר... און דו האסט אזוי פיעל געדולד... ארימע, ארימע קלאטשע!!...

און ניט אומזיסט לייענט מען פסח ש י ר ה ש י ר י ם , ווייל אין שיר השירים ווערט פארגעשטעלט דער גרויסער אייביגער געטליכער ראמאן, די שטארקע ליעבע צווישען דעם רבונו של עולם און די כנסת ישראל... און — מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה... מען האט געצוואונגען דעם אידען מיט טייכען בלוט און טרעהרען, מיט'ן שרעקליכען גרויזאמען טוידט, דער איד זאל זיך שמד'ען, ער זאל זיך איינטונקען אין זייערע מ י ם ר ב י ם... און ווען אפילו דער איד האט זיך איינגעטונקט אין זייערע שמד־וואסער איז ער געבליבען איד, ווי דער אלשיך הקדוש טייטשט „אם שכחנו שם אלהינו, צי האבען מיר פערגעסען" דעם נאמען פון אונזער גאט אפילו אין יענער שרעקליכער צייט, ווען „ונפרוש כפינו לאל זר", ווען מיר האבען אויסגעשטרעקט אונזערע הענד — דורך דעם צוואנג פון שווערד און בלוט — צו א פרעמדען גאט! הלא אלהים יחקר זאת, כי הוא יודע תעלומות לב! גאט וועלכער ווייס וואס עס טהוט זיך ביי א מענשען אין די בעהאלטענע ווינקעלעך פון הארצען, ער ווייס דאך דעם אמת! און אט די מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה! די שמד־וואסער האבען ניט געקענט אויסלעשען די הייסע, פייערדיגע, ברענענדיגע ליעבע פון די כנסת ישראל צום רבונו של עולם!

עס איז א מנהג, רבותי, צו עסען דעם א פ י ק ו מ ן , וועלכער איז אן אנ־דענקונג צום קרבן פסח, וועלכען אונזערע עלטערען פלעגען עסען ווען דער בית המקדש האט עקזיסטירט און איהם פלעגט מען עסען גאר צולעצט, ווייל מען טאר קיין זאך ניט עסען נאכ'ן קרבן פסח, כדי דער טעם פון קרבן פסח זאל פערבלייבען אין מויל. דערפאר עסען מיר היינט צום סדר נאך דער סעודה א כזית מצה, וועלכען מען רופט „א פ י ק ו מ ן". און נאך דעם אפיקומן טאר מען גאר ניט פארזוכען (זעה ירושלמי און תוספתא פסחים מ"ו, רמב"ם הלכות חמץ ומצה פ"ה הלכה ט', או"ח סימן תע"ז, א, רא"ש פסחים פ"י סימן ל"ט,

און דאך האט איהם קיין זאך ניט אפגעשראקען און ער האט געקעמפפט פאר אידישקייט ביז זיין לעצטען טראפען בלוט, און אלע פערפאלגטע אידען פון דער גאנצער וועלט נעהמען פסח ביי נאכט צום סדר אליהו הנביא'ס כוס אין האנד אריין און זאגען „שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך וכו', גיס אויס דיין כעס, רבונו של עולם, אויף די פעלקער וואס ווילען דיך ניט וויסען, וועלכע עסען יעקב'ן, און האבען זיין לאנד וויסט און חרוב געמאכט".

די גמרא זאגט אין פסחים (דף ק"ח), אז פסח ביי נאכט צום סדר דארף מען געבען די קליינע קינדער טרינקען די 4 כוסות. ר' יהודה זאגט מען דארף זיי טהיילען ניס ערב פסח, אום זיי זאלען זיין פעראינטערעסירט אין דעם סדר־נאכט, זיי זאלען ניט איינשלאפען, אום זיי זאלען פ ר ע ג ע ן די קשיות.

אונזער גליק איז ווען אונזערע קינדער פ ר ע ג ע ן, ווען אבער אונזערע קינדער קומען צו אזא מדרגה דאס זיי ווערען אינגאנצען פרעמד פון אונז, ווערען גלייכגילטיג צו אלעס וואס בעלאנגט צו אידען און אידענטהום, ווען זיי אינ־טערסירט לחלוטין גאר ניט די אידישע פאלק און אלעס וואס עס איז הייליג און טהייער ביי אידען, ווען זיי אינטערעסירט קיין זאך ניט בנוגע אידען און אידענטהום, דאן פ ר ע ג ע ן זיי ניט, און ווען אונזערע קינדער הערען אויף צו פרעגען, דאן איז די געפאהר גרויס, זעהר גרויס.

עס איז געווען א צייט ווען א קינד פלעגט פרעגען א קשיא אין אמונה פלעגט ער קריגען פון זיין פרומען פאטער אדער פון זיין מלמד א פאטש אין באק מיט דער באמערקונג: שגץ! מען טאר קיין קשיות ניט פרעגען! היינט אבער, פיהלען מיר זיך גליקליך, ווען אונזערע קינדער פרעגען, ווען א קינד פרעגט עפעס איז דאך א סימן אז איהם אינטערעסירט אידישקייט.

דער וואס איז בעקאנט מיט די וויסענשאפט פון פעדאגאגיע ווייס דאס די בעסטע וועג צו לעהרנען קינדער אז זיי זאלען ג ע ד ע נ ק ע ן וואס זיי לעהרנען, און זיי זאלען זיין שטארק פ ע ר א י נ ט ע ר ע ס י ר ט אין זיי־ערע למודים איז צו לעהרנען זיי דורך פראגען און אנטווארטען, פ ר ע ג ע ן די קינדער און ערווארטען זייער ענטפער. דורך אזא מעטהאדע פעראינטערע־סירען זיך די קינדער מעהר אין דעם למוד און גערענקען בעסער. און נאכהער ווען זיי געהען דורך און לעהרנען דורך א געוויסע לעקציע שטעלט מען זיי פראגען, און פון זייערע ענטפערס ווייס מען אויב זיי ווייסען גרינדליך וואס זיי האבען געלעהרענט אדער ניט. און דער פעהיגער לעהרער זוכט דאס די קינ־דער זאלען פרעגען, זאלען פרעגען קשיות. און דער מסדר פון דער הגדה איז געווען, ווי עס ווייזט אויס, א פעהיגער פעדאגאג, א גוטער ערציהער, וועלכער האט געוואוסט די נשמה פון דעם יונגען קינד, און דערפאר די פארטיגע 4 קשיות, און אלס ענטפער צו די 4 קשיות קומט די גאנצע הגדה, וועלכע דער קלוגער פאטער דארף ניט נור ז א ג ע ן די הגדה, זאנדערן אויך ע ר ק ל ע ה ר ע ן די הגדה צו זיינע קינדער. שרעקליך אבער איז ווען די קינדער אונזערע וויסען

מוטער אין די געדערים. דאס מיינט, אין גאנצען אסימילירט, פאלשטענדיגע אסימילאציע און גייסטיגע שקלאפעריי. אז גאט האט זיי געוואלט אויסלייזען האט ער גענומען. — זאגט די תורה — גוי מקרב גוי. א פאלק פון די געדערים, פון די אינערליכקייט פון די צווייטע פאלק, פון די הערשענדע פאלק, אין וועלכע זיי זיינען כמעט אין גאנצען אסימילירט געווארען.

די רוחניות׳דיגע גאולה איז געקומען אין מצרים בעפאר די וואכעדיגע, קערפערליכע, גאולה. משה רבינו האט געקראגען פאר זיי דעם שבת קודש, שבת האבען זיי גערוהט, און דאן האט ער זיי צוגעשיקט — זאגט דער מדרש — מגילות גאנצע צו לייענען אין זיי דעם שבת׳דיגען טאג. די מגילות האבען גערעדט און אגיטירט פאר ערלייזונג, גאולה, פרייהייט. די ווערטער פון יענע מגילות האבען געהאט אויף זיי א שטארקען און זעהר טיעפען איינדרוק, זיי זיינען געווארען ערהויבען גייסטליך, עס האט זיך בעפרייט דער גייסט פון פאלק, און נאכהער האט שוין נאכגעפאלגט די קערפערליכע בעפרייאונג. און דאס דארפען מיר יעצט טהאן! מיר דארפען בעפרייען דעם אידישען גייסט פון גלות, און דאן וועט קומען די אידישע גאולה!

פסח ביינאכט צום סדר שטעלען מיר אוועק א כוס פאר אליהו, צו ציינגען אז אליהו וועט פעראייניגען די יונגע קינדער מיט די עלטערען, והשיב לב אבות על בנים ולב בנים אל אבותם", און דאן, ווען אונזערע קינדער וועלען געניסען א גוטע אידישע ערציהונג, וועט דער כוס פון אליהו פערווירקליכען דעם אידעאל פון די 4 כוסות וואס מען טרינקט פסח ביינאכט צום סדר, וועלכע זיינען קעגען די 4 לשונות פון גאולה: 1) והוצאתי, 2) והצלתי, 3) וגאלתי, 14) ולקחתי. און ווען א איד ווערט געבוירען, מאכט מען א שטול פאר אליהו הנביא. אז דער נייער געבוירענער איד וועלכען מען פערגיסט יעצט זיין בלוט פאר׳ן יודענטהום, וועט זיין ווי אליהו, וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען פאר׳ן יודענטהום.

די אנוסים אין שפאניען האבען אפגעריכט דעם סדר בעהאלטענערהייט אין א „הייל". די הייל איז געווען רייך פארפוצט לכבוד די הייליגע סדר־נאכט מיט גאלד און זילבער. און מען האט געפראוועט דעם סדר מיט טוידט־שרעק. טאמער כאפט מען זיי אז זיי ריכטען אפ דעם סדר, אז זיי זענען אידען, און דאן וועלען זיי דאך פערברענט ווערען לעבעדיגערהייט על קדוש השם. און אט יענע אומגליקליכע מאראנען, אנוסים, די בעהאלטענע אידען שטעלען אוועק פסח ביי נאכט צום סדר אליהו הנביא׳ס כוס, צו שעפען בעגייסטערונג, פייער, קדושה, מסירת נפש גייסט, ווי אליהו הנביא איז געווען, אז טאמער כאפט מען זיי, זאלען זיי קענען שפרינגען צום טוידט מיט שטאלץ און בעגייסטערונג, ניט אפשרעקען זיך פאר׳ן שרעקליכען גרויזאמען טוידט. זיי קוקען אויף אליהו הנביא׳ס כוס און דערמאנען זיך דאס אליהו הנביא איז אויך געווען פערפאלגט פאר׳ן אמת, פאר געטהייט. ער האט זיך אויך בעהאלטען אין א „הייל". אין א מערה פון די וועלכע האבען געזוכט איהם ערמארדען,

כשרות, טהרת המשפחה, ווען זיי זעהען אַ לעבעדיגען יודענטהום, דאַן קען העלפען לעקטשורס וועגען יודענטהום. צו מצה ומרור דאַרף מען האָבען דעם והגדת לבנך, אָבער אין אַ הויז וואו עס איז פסח ניטאָ קיין מצה ומרור, חס ושלום, דאָרט וועט ניט העלפען דער והגדת לבנך!

ווען מיר האָבען אַ זוהן וועלכער איז אַ רשע און ער זעהט ווי מיר היטען אידישקייט און מיר ריכטען אָפּ דעם סדר פסח ביינאַכט, פרעגט ער אונז מה העבודה הזאת לכם?! פאַר איהם איז היטען אידישקייט אַן עבודה, אַ שווערע און ביטערע ארבייט. האָט דאָך אַ בעוואוסטער אידישער פּאָעט וועלכער האָט זיך גע'שמד'ט געזאָגט: דאָס יודענטהום איז אַן אומגליק, דער יעניגער אָבער וועלכער ווייס און פאַרשטעהט דאָס יודענטהום, יענער ווייס אַז דאָס יודענטהום איז אַ גליק פאַר יעדען אידען. קומט דאָך דער פרומער איד יעדען טאָג פון זיין לעבען אין שוהל און זאָגט אשרינו! מה טוב חלקנו, ומה נעים גורלנו, ומה יפה ירושתנו, אשרינו שאנו משכימים ומעריבים ואומרים פעמים בכל יום, שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד!! דאָס מיינט, גליקליך זיינען מיר וואָס מיר זיינען אידען, וואָס מיר קענען זאָגען יעדען טאָג, צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פריה און אין אָוועגד, אַז גאָט איז אונזער גאָט, גאָט איז איינער!! דער וואָס איז באמת אַ איד, אַ בעוואוסטזיניגער איד, אַ גאַנצער איד, יענער איז גליקליך וואָס ער איז אַ איד. דער ברעקעל איד מיט אַ צובראָכענע און צוריסענע אידישע נשמה. ער איז אומגליקליך, דער פרומער איד ער דאווענט פון פאַרענט, נאָכהער דעם גאַנצען דאווגען, נאָכהער זאָגט ער מעמדות, תהלים, לערענט אַ פרק משניות, חק לישראל, און ער פיהלט אַ 'הייליגען געטליכען פערגעניגען, און ער פיהלט אַז עס איז ניט גענוג פאַר איהם, ער וויל מעהר, דער ניט פרומער אָבער איז דער דאווגען פאַר איהם אַן אָפּקומעניש, אַ שווערע ארבייט. דער רשע פון דער הגדה פרעגט מה העבודה הזאת לכם, דאָס יודענטהום איז פאַר איהם אַ שווערע לאַסט, אַ שווערע ארבייט. און דאָס זאָל זיין פאַר אונז אַ גוטע לעקציע. אַז ווילען מיר ניט האָבען קיין קינדער „רשעים" וועלכע דאָס גאַנצע יודענטהום איז אַן „עבודה", דאַן מוזען מיר געבען אונזערע קינדער אַ גוטע אידישע ערציהונג. וועלען זיי דאַן ניט פרעגען מה העבודה הזאת לכם!

מיר לייענען פסח וועגען די עצמות היבשות, וועגען די טרוקענע ביינער וועלכע דער נביא יחזקאל האָט אריינגעבלאָזען אין זיי גייסט און האָט זיי אָפּגעלעבט. פסח, דער יום טוב פון די אידישע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, דערמאָנט אַז די עצמות היבשות וועלכע מיר האָבען ליידער צופיעל אין אונזער לאַגער היינט צו טאָג, וועלכע זאָגען אבדה תקותינו, אונזער האָפענונג איז פערלאָרען, יענע וועלכע לייקענען אין „תחית המתים" אַז די טויטע אידישע פאָלק וועט צוריק אויפלעבען אויף איהר הייליגע לאַנד, וועט צוריק אָפּלעבען די העברעאישע שפּראַך, יענע עצמות היבשות וועלכע האָבען ניט אין זיך ווי די גמרא זאָגט „לחלוחית של מצוה", מענשען וועלכע באַ־

ניט וואס צו פרעגן, ווייל זיי זענען, צו אונזער גרויסען וועהטאג, שרעקליך אונוויסענד בנוגע אידען און יודענטהום, און דערפאר זאגט אונז דער בעל הגדה ושאינו יודע לשאול, דער וואס ווייס נעביך ניט וואס צו פרעגען— און אזוינע האבען מיר יעצט זעהר פיעל — את פתח לו! דו פאנג אן, ווארט ניט ביז ער וועט דיך פרעגען, ער האט, נעביך, ניט וואס צו פרעגען, נור דו פאנג אן, דערצעהל איהם די געשיכטע פון דיין פאלק, שנאמר והגדת לבנך! זאלסט זאגען, זאלסט ריידען, זאלסט דערצעהלען דיינע קינדער!!

והגדת לבנך! זאלסט א מגיד זיין, זאלסט זאגען דיינע קינדער, זאג זיי, ערקלעהר זיי אלץ וואס דו ווייסט וועגען אידען און אידישקייט, און אט די מצוה פון והגדת לבנך איז ניט נאר גוט פאר פסח, נאר יעדען טאג פון דיין לעבען, יעדען טאג איז והגדת לבנך.

אונזערע זיידעס און באבעס אין אמעריקא וועלכע געפינען זיך אויף די עלטערע יאהרען ביי זייערע קינדער, זיי האבען געקענט פיעל, זעהר פיעל, אויפ־טאהן פאר די אידישע ערציהונג פון זייערע קינדס־קינדער, ווען זיי וואלטען זיי דערצעהלט שעהנע מעשה'לאך, וואס קינדער האבען דאס אזוי ליעב, מעשה'לאך פון אמאליגע פארצייטיגע יאהרען, פון רבנים, גאונים, צדיקים, קדושים, ספורי נפלאות. דאמיט וואלטען זיי געוואונען די יונגע נשמות פון זייערע קינדער און קינדס קינדער פאר זיך און פאר דאס אידישע פאלק. דערצעהלט אייערע קינ־דער פון אייערע קינדער יאהרען, פון דעם חדר, פון דער ישיבה, פון אידישע מנהגים, פון דעם שעהנעם פרומען פארצייטיגען אידישען לעבען!

והגדת לבנך! זאלסט זאגען צו דיינע קינדער! אבער איין זאך טאר־רען ניט פערגעסען אונזערע עלטערען, אז דאס וואס מען זאגט א קינד ער זאל טאן, זאל דער קינד ניט קענען זאגען זיין פאטער, „ווארום טוסטו דאס אליין ניט?" ווען א פאטער דאווענט ניט חס ושלום און לייגט קיין תפלין ניט און ער זאגט זיין קינד ער זאל דאווענען און לייגען תפלין איז דאס ארויסגעווארפען, ווייל דער קינד וועט פיהלען ביי זיך אין הארצען אז זיין פאטער איז א צבוע'ק, א היפאקריט, ער הייסט טאן זאכען וועלכע ער אליין טהוט ניט, מען דארף אליין טאן אלעס וואס א ריכטיגער איד איז מחויב צו טאן, און דאן והגדת לבנך, זאג דיין זוהן אז ער זאל טאן וואס דו טוסט!!

והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים, בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך, זאלסט זאגען דיין זון, צוליב דעם האט גאט בע־פרייט מיך פון מצרים, און דאן צייג איהם די מצה און די מרור. ווען דאס קינד זעהט אז פאר דיר ליגט מצה און מרור, דאן קענסטו איהם זאגען בעבור זה. ריידען וועגען יודענטהום אליין איז ניט גענוג, זאנדערען מען דארף טאן, מען דארף מקיים זיין די מצוות פון דער תורה און ווען קינדער זעהען יעדען טאג פון זייער לעבען, שבת, יום טוב,

מעריב, פאַנגט מען אָן צעהלען ספירה, מען צעהלט אָפּ 49 טעג. זיבען וואָכען, און אם ענדע, דעם 50טען טאָג, פייערט מען דעם יום טוב שבועות (אורח חיים תפ"ט).

מען צעהלט פון פסח ביז שבועות יעדען טאָג, פונקט ווי אַ מענש וועלכער ערוואַרטעט אַ געוויסען טאָג אין זיין צוקונפט, וואָס אין יענעם טאָג, האָפט ער, וועט פערווירקליכט ווערען זיינער אַ לעבענס חלום, אין יענעם טאָג וועט ער זיין גליקליך, און ער קען זיך ניט דערוואַרטען יענעם טאָג, און ער צעהלט די טעג, אַט אַזוי צעהלט דער איד פון פסח ביז שבועות די טעג, ער צעהלט און האָפט, אַט, אַט, וועל איך דערלעבען דעם שעהנעם, דעם הייליגען יום טוב שבועות, די צייט פון קבלת התורה. און דאַמיט צייגט דער איד, אַז דער יום טוב פסח, דער יום טוב פון פרייהייט, קען געפינען זיין ריכטיגע פאָלקאָמענהייט נור אין שבועות, אין דער תורה, און פרייהייט אָהן די תורה איז אַ געפאַהר, אַ גרויסע געפאַהר!... ווייל דער איד איז אַרויס פון מצרים, פון שקלאַפעריי צו פרייהייט, אום ער זאָל זיין דער עבד ה׳, גאָט׳ס קנעכט, עבדי הם — ולא עבדים לעבדים! דער איד וועלכער איז אַ קנעכט צו גאָט קען ניט און טאָר ניט און זאָל ניט זיין פערשקלאַפט פון אַ מענשען, ווייל ער איז דער קנעכט פון גאָט, און דער קנעכט פון זיין הייליגע תורה, וואָס די קנעכטשאַפט, אַט דיעזע שקלאַפעריי איז די העכסטע אינערליכע פרייהייט. און גאָר דעם ערשטען מאָל ווען גאָט האָט געשיקט משה רבינו צו אויסלייזען די אידען פון מצרים, האָט ער איהם ערקלעהרט, מען דאַרף זיי בעפרייען פון די מצריים, אום זיי זאָלען קענען גאָט דיענען און לערנען זיין תורה, און דער פסח איז צוליב שבועות, די פרייהייט צוליב די תורה. ווייל די אמת׳ע פרייהייט איז אין דעם למוד התורה „אין לך בן חורין, אלא מי שעוסק בתורה! דער אמת׳ער פרייער איד איז דער, וועלכער באַשעפטיגט זיך מיט תורה, און דערפאַר צעהלט מען ספירה, מען צעהלט די טעג און מען צעהלט די וואָכען, ווען, ווען, וועלען מיר שוין דערלעבען צו מקבל זיין די תורה און צו פייערען דעם הייליגען יום טוב שבועות.

און עס איז אַ הייליגער פפליכט אויף יעדען אידען צו צעהלען ספירה, ווייל דער פסוק זאָגט וספרתם לכם, זאָגט אויף דעם די גמרא שתהא ספירה לכל אחד ואחד (מנחות ס"ה) דאָס יעדער איינצעלנער איד דאַרף ספירה צעהלען.

ספירה דאַרף מען צעהלען שטעהענדיגערהייט. דער גאַנצער עולם דאַרף זיך אוועקשטעלען צו ספירה, און ניט נאָר צו ספירה, צו אַלע ברכות דאַרף מען זיך אוועקשטעלען, אַזוי זאָגט רב שמואל הכהן גאון, ווייל עס שטעהט אין מלכים א׳ קאַפּיטעל ח׳, ויברך את קהל ישראל, וכל קהל ישראל עומד. איז צו אַ ברכה שטעלט מען זיך. (מאה שערים הלכות חדש וספירת העומר זייטע 108). און אַזוי זאָגט דער ראַ"ש אם ענדע מסכת פסחים; בקמה תחל לספור, אל תקרי בקמה אלא בקומה.

דעקען און באשמוצען דעם אידישען טעמפעל מיט שקצים ורמשים... (סנהדרין דף צ"ב) אט די אלע וועלען ווארפען, וועלען מוזען אפגעלעבט ווערען, אט די מ ו י ט ע אידען וועלען ת ח י ת ה מ ת י ם האבען.

די גמרא זאגט ד׳ חשובים כמתים, סומא, עני, מצורע, ומי שאין לו בנים. פיער סארטען מענשען ווערען פאררעכענט אלס טויטע, דער וואס איז בלינד, ער זעהט ניט וואס יעדער איד איז מחויב צו זעהן... א נייער דור וואקסט אהן א ברעקעל אידישע ערציהונג, איין גאט ווייס וואס עס קען ווערען פון זיי; זיינע קינדער זיינען זיינע אין קערפער אבער ניט אין גייסט, און ער איז בלינד... ער זעהט ניט... דער ארימאן... אידען זיינען רייך, האבען א תנ"ך, א ש"ס ופוסקים, דרוש ומוסר, און ער ווייס גאר ניט, איז אונוויסענד, א טויטער איד... און דער וואס איז ניט ריין... א איד אהן טהרה וקדושה איז א טויטער איד... ומי שאין ל ו בנים. דער וואס האט קינדער, אבער זיי בעלאנגען ניט צו איהם, ניט צו זיין פאלק, ניט צו זיין תורה, שאין ל ו בנים, אזא איד איז א טויטער, א טויטער איד!

פסח איז דער יום טוב פון גאולה, פון אויפלעבונג, זאלען מיר אלע פעראייניגען זיך צוזאמען צו אפלעבען צוריק אלעס וואס ביי אונז איז ליעב, הייליג און טהייער, און דאן איז כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, וועלען מיר זוכה זיין צו א גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן! ואמן!

ספירה און ל"ג בעומר

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עמר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה; עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום והקרבתם וכו׳. (ויקרא כ"ג, ט"ו).

שבעה שבעת תספר לך, מהחל חרמש בקמה תחל לספר שבעה שבעות; ועשית חג שבעות לה׳ אלהיך וגו׳ (דברים ט"ז, ט).

די ווירקונג פון שבת אויף יעדען טאג פון וואך — ווארום צעהלט מען ספירה? פסח און שבועות — פרייהייט און תורה — דער עומר אין בית המקדש און ספירה אין גלות.

אין אונזער הייליגער העברעאישער שפראך, אונזער נאציאנאלע שפראך, ווען מען צעהלט די טעג פון דער וואך דערמאנט מען אין יעדען טאג דאס ווארט שבת, אנשטאט זונטאג, מאנטאג, דיענסטאג, א. ז. וו. זאגט מען אחד ב ש ב ת בשני בשבת, און אזוי ווייטער. דערמיט ווערט אויסגעדריקט דער געדאנק אז די קדושה פון שבת, די שלמות פון שבת, ווערט פערווירקליכט אין די טעג פון דער וואך, און דאס מען לעבט יעדען טאג אין דער וואך מיט די קדושה פון שבת, אז דער הייליגער שבת באקומט דורך דעם זיין פולע אנערקענונג און אפשאצונג.

און אט אזוי דארף מען אנפאנגען דעם צווייטען טאג פסח צעהלען די טעג, יום א׳, יום ב׳, יום ג׳ ב ע ו מ ר, פונקט ווי יעדע וואך פון יאהר פאנגט מען אן צעהלען 7 טעג פון זונטאג ביז שבת, און שבת ווערט געפייערט דאן אין זיין גאנצע הייליגקייט, אזוי אט אזוי פאנגט מען די צווייטע נאכט פון פסח נאך

דער מענש איז דער חוני המעגל פון דער אגדה, וועלכער פרעגט זיך: מי איכא איניש דניים ע' שנין? קען דען א מענש אפשלאָפען און פארשלאָפען 70 יאהר לעבען? עס איז דאָך א רציחה! מען טאָר ניט שלאָפען! מען דאַרף עפעס שאַפען, אויפטאָן אין יעדער מינוט פון לעבען, און דאָך שלאָפט ער אָפּ 70 יאהר און נאָכהער כאַפּט ער זיך אז זיינע אייגענע קינדער דערקענען איהם ניט... ווילען איהם ניט קענען, ווייל ער האָט ניט געלעבט ריכטיג, ניט ער האָט געלעבט די 70 יאהר וואס א מענש דאַרף לעבען, ווי דער תהלים זאָגט: ימי שנותינו בהם שבעים שנה, נור — ער האָט געשלאָפען 70 יאהר!...

דער מענשליכער לעבען ווערט איינגעטהיילט אין דריי טהייל: 1) די יונגע יאהרען, 2) די מיטעלע יאהרען, 3) די אלטע יאהרען, און מיר האָבען דריי תפלות. יעדע תפלה איז געמיינט צו וועקען א געוויסען טהייל פון דעם מענש־ליכען לעבען. אברהם תקן תפלת שחרית. אברהם אבינו האָט מתקן געווען די תפלה פון שחרית.

ש ח ר י ת! דאָס איז דער פריהלינג פון אונזער לעבען, ווען מיר זיינען קינדער. מ נ ח ה — דאָס איז אונזערע מיטעלע יאהרען, דאָס האָט יצחק מתקן געווען, און יעקב האָט מתקן געווען מ ע ר י ב. מעריב! ווען אונזער זון פארגעהט, ווען מיר ווערען גראָה און אלט, ווען מיר דאַרפען זאָגען דעם לעצטען זיי געזונט צו דער וועלט, אין וועלכע מיר האָבען געלעבט.

* * *

אין דער צייט פון ספירה, ווען מיר הויבען דאָן אויף דעם כבוד התורה, און ווען מיר קומען גאַנץ נאָהענט צו דעם גרויסען יום טוב שבועות, ז מ ן מ ת ן ת ו ר ת נ ו, די צייט ווען מיר האָבען אונזער תורה גענומען, אין יענער צייט זיינען געשטאָרבען די תלמידים פון ר ב י ע ק י ב א, די 24 טויזענד תלמידים פון רבי עקיבא, זיינען אין ספירה צייט אוועק פון דער וועלט, דערפאַר ווייל זיי האָבען ניט אָפּגעגעבען כבוד איינער דעם אנדערען, און ווייל זיי האָבען מקנא געווען איינער דעם צווייטען, (יבמות ס"ב ע"ב, מ"ר ס"א). אָן אומגליקליכע צייט איז דאָס געווען, א צייט ווען די ריעזען פון תורה ווערען הרוב, און די וואס שטיצען די תורה, די מחזיקי התורה, פאַלען אוועק, און רבי עקיבא איז געווען געצוואונגען צו אָרגאַניזירען נ י י ע תלמידים און איבער אנייעס צו באַפעסטיגען די תורה ביי אידען.

און פון יענער צייט איז אוועק גאַנצע ט ו י ז ע נ ד יאהר, און איז ספירה צייט, צווישען פסח און שבועות, איבערהויפט אין דייטשלאַנד, האָבען אידישע זיהן און אידישע טעכטער איבערצייגט אלעמען אז זיי ווייסען צו האַל־טען טהייער און הייליג די תורה, דעם גייסט פון דער תורה, אין ס פ י ר ה־צ י י ט, די צייט ווען מען גרייט זיך צום יום טוב פון ק ב ל ת ה ת ו ר ה, האָבען זיי ארויסגעוויזען אין דער ווירקליכקייט פון לעבען זייער ליבשאַפט צו גאָט מיט הארץ און נשמה, ווייל דאָ, אין ספירה־צייט, האָבען ה ו נ ד ע ר־ט ע ר ט ו י ז ע נ ט ע ר א י ד ע ן, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען,

אין ארץ ישראל ווען דער בית המקדש האט עקזיסטירט, פלעגט מען דאן ווען מיר פאנגען אן צעהלען ספירה, ברייננגען דעם „ע ו מ ר", א געוויסע מאס פון גערשטעז, און ווי די גמרא און מדרשים גיבען אונז איבער, פלעגט פארקומען אן אויסערגעוועהנליכע גרויסע הייליגע צערעמאניע ביי ברייננגען דעם עומר אין בית המקדש, און די תורה זאגט אונז „והבאתם את עומר ראשית קצורכם אל הכהן, והניף את העומר לפני ה' לרצונכם, ממחרת השבת יניפנו הכהן (אמור) אז די ע ר ש ט ע תבואה וואס מען שניידט אפ פון פעלד דארף מען ברייננגען א געוויסע מאס אן ע ו מ ר צום כהן, דער כהן הויבט דאס אויף פאר גאט, און דאן בריינגט מען געוויסע קרבנות צו פייערען דעם טאג פון ברייננגען דעם ע ו מ ר, און ביז מען בריינגט דעם עומר טאר מען ניט עסען קיין נ י י ע תבואה, ח ד ש, נאכהער מעג מען עסען חדש. די ע ר ש ט ע פון די נייע תבואה, דער עומר, דארף געבראכט ווערען אין בית המקדש צו גאט דורך דעם כהן. (ויקרא כ"ג—י"ד), און די גמרא זאגט: מפני מה אמרה תורה הביאו עומר בפסח? כדי שתתברך לכם תבואה שבשדות (ראש השנה ט"ז) ווארום האט די תורה געהייסען אז מען זאל ברייננגען דעם עומר אום פסח? כדי דורך דעם עומר זאלען געבענשט ווערען די תבואה אין די פעלדער. ווענגען די איינצעלהייטען איבער דעם עומר אין חדש זעה (פסיקתא פ"ח, מנחות ס"ה, ס"ג, פ"ב, מגילה כ', שולחן ערוך יורה דעה סימן רצ"ג, כל בו סימן כ"ו, קדושין ל"ו, ל"ז, ירושלמי חלה פרק ב', תוספות קדושין ל"ח, יד אליהו סימן כ"ד, רמב"ם הלכות תמידין פ"ז, שלחן ערוך או"ח סימן ת"צ, ספר המאור לאלפסו, המנהיג פ"ג, ע"ב, תשובה הרשב"א ח"ו סימן מ"ר, תניא, סימן נ', מנהגי מהר"י טירנא, ר"ן סוף פסחים, רוקח סימן תצ"ר).

דאן ווען מיר האבען געלעבט אין אונזער לאנד האבען מיר דעם עומר ג ע ב ר א כ ט, יעצט אין גלות צ ע ה ל ע ן מיר דעם עומר, ס פ י ר ת ה ע ו מ ר, דאס איז אן אנדענקונג צו חורבן בית המקדש. מיר דערמאנען זיך אויף די א י י ג ע נ ע פעלדער און וועלדער וואס מיר האבען פערמאגט אין אונזער א י י ג ע נ ע לאנד, אויף אונזער בית המקדש וואס איז חרוב גע־ווארען אין די גאנצע צייט פון ספירה פאלט א שרעקליכער אומעט, א נאציא־נאלער טרויער, אויף יעדען אידען, פון פסח ביז שבועות, די שעהנסטע צייט פון יאהר, פריהלינג, אלעס לעבט און בליהט, אלע פעלקער פרעהען זיך דאן מיט דער נאטור, און מיר אידען, אל תשמח ישראל אל גיל כעמים, מיר, מיר טרויערען אויף דעם וואס מיר האבען געהאט און מיר האבען אלעס פארלארען!

און אין די צייט פון ספירה, ווען מען צעהלט יעדען טאג פון לעבען, דארף יעדער איד א חשבון הנפש האבען מיט זיך אליין וואס ער האט אויפגעטהאן יעדען טאג פון זיין לעבען. די טעג לויפען אוועק, דער לעבען איז קורץ, מען קוקט זיך גאר ניט ארום, און — צדקה תציל ממות! דער קבר איז אפען! און — וואס האסטו אויפגעטהאן, דו מענש, אין דיין קורצען לעבען?!

גיט אין די הענד פון אייערע קינדער פייל און בויגען אום ל"ג בעומר, כחצים ביד גבור כן בני הנעורים, אונזער יוגענד, דאָס זיינען אונזער פייל און בויגען, זיי זאָלען און דארפען זיין דורכגעדרונגען מיט דעם פייער פון אהבת התורה וקדושת הארץ, און זיי זאָלען אונזערע קעמפפער זיין, דאן וועלען מיר זוכה זיין צו באזעצען זיך אין אונזער לאנד, ריידען אונזער נאציאָנאַלע שפראך, העברעאיש, שטודירען און פערשפרייטען די ליכטיגקייט פון אונזער תורה במהרה בימינו, אמן! ואמן!

שלשה ימי הגבלה

והגבלת את העם סביב. (שמות י"ט).

די פילאָזאָפיע פון הגבלה — הגבלה און קדושה — די השפעה פון דער תורה אויף דעם מענשליכען כאַראַקטער — אַ מענש דאַרף זיך קענען באהערשטען — די מענשליכע אויג און דער מלאך המות — גאַנצע אידען און ברעקלעך אידען — פרקי אבות.

דריי טעג בעפאר שבועות איז שלשת ימי הגבלה, דריי טעג פון הגבלה. הגבלה אין העברעאיש איז פון לשון גבול, אַ גרענעץ, שלשת ימי הגבלה מיינט 3 טעג פון באגרעניצונג, ווייל בעפאר מתן תורה האט גאָט גע־זאָגט צו משה רבינו: לך אל העם וקדשתם, געה צום פאָלק! עס איז די פפליכט פון אונזערע גדולים געהן צום פאָלק, ניט זיצען פערשפארט אין די ד' אמות און טאָן גוטס פאר דער אייגענער נשמה, און ניט ארען פאר'ן פאָלק, זאָנדערען לך אל העם! געה צום פאָלק, וקדשתם! און דו זאָלסט זיי הייליגען! ניט נאָר יחידים דארפען קדושים זיין, נאָר ביי אידען דארף דאָס גאַנצע פאָלק הייליג זיין. והיו נכונים ליום השלישי, כי ביום השלישי ירד ה' לעיני כל העם על הר סיני, און זיי זאָלען זיין פאָרבערייט, זיי זאָלען זיך גרייטען צום דריטען טאָג, ווייל, דעם דריטען טאָג וועט גאָט ברוך הוא אַראָפּנידעריגען פאר די אויגען פון גאַנ־צען פאָלק אויפ'ן בארג סיני, והגבלת את העם סביב לאמר השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו, כל הנוגע בהר מות יומת און דו זאָלסט באַגרע־נעצען דאָס פאָלק ארום, זאָלסט זיי זאָגען: היט זיך! זייט פאָרזיכטיג! ארויפגעהן אויפ'ן בארג און אנריהרען זיין ברעג. דער וואָס וועט זיך אנ־ריהרען אין דעם בארג וועט ער גלייך שטארבען (שמות, י"ט—י"ג).

אַ מענש שטרעבט און דארף שטרעבען אין דער הויך, זיין גייסט פליהט הויך, הויך, ווי אַן אדלער, צום בארג! צום בארג! אַ תורה ווערט געגעבען פון בארג! ניט פון אַ טהאָל! משה רבינו איז אויפ'ן שפּיץ בארג, אבער ווען מען דארף זיך אראָפּלאָזען צום פאָלק טהוט ער דאָס, „וירד משה מן ההר אל העם! און משה — ווען מען דארף נור — געהט אראָפּ פון בארג, פון דער הויך, און לאָזט זיך אראָפּ צום פאָלק... אבער צו הויך דארף מען ניט קריכען... מען קען אַראָפּפאַלען און גע'הרג'עט ווערען... דער בארג דארף האָבען אַ גבול,

האבען מקדש השם געווען, זיי האבען פערגאסען זייער לעצטען טראָפען בלוט, האבען זיך מוסר נפש געווען פאר די אידישע הייליגע אמונה. ווייל די גאנצע גרויסע גליקליכע רייכע וועלט איז ביי זיי גארנים, אויב אז צוליב דעם זאָלען זיי באדארפען חס ושלום שמד'ען זיך. זיי האבען אבער דאן, אין דער צייט פון די נוסעי הצלב געלאזען זיך קוילען על קדוש השם, און גאנצע אידישע קהלות זיינען דאן אויסגעקוילעט געווארען, אידישע בלוט האט זיך דאן געגאסען ווי וואסער, און די גאנצע אידישע וועלט האט ארומגענומען א שרעקליכער טרויער, א נאציאנאלע אבלות, דאס איז בעקאנט אין דער אידישער געשיכטע אלס גזירת תת"נו.

און דערפאר איז די צייט פון ספירה א צייט פון טרויער ביי אידען, מען טאר קיין מוזיק ניט הערען, מען טאר ניט חתונה האבען, אידישע פרויען זיינען זיך נוהג ניט צו טאן קיין ארבייט ווען די זון פארגעהט, בעפאר ספירה, די צייט ווען מען האט מקבר געווען די תלמידים פון רבי עקיבא (שבלי הלקט סימן רל"ה, אבודרהם דף פ"ח) עס איז אבלות ביי אידען אין דער צייט פון ספירת העומר, צו גערענקען אז אלע צרות נעהמען זיך דערפון וואס מען גיט ניט אפ קיין כבוד די תלמידי חכמים, ווען מען גיט ניט אפ קיין כבוד די תורה און די וועלכע שטודירען די תורה קען קיין גוטער סוף ניט זיין, ווי עס האט פאסירט מיט די תלמידים פון ר' עקיבא. און דורך די אבלות פון ספירה דערמאנען מיר אונזערע זיהן און טעכטער אז אין יענער צייט זיינען געשטארבען אונזערע עלטערען, דעם טויט פון גבורים, פון קדושים, זיי האבען מיט זייער טויט, מיט זייערע הייליגע פערגאסענע בלוט מקדש השם געווען, און זיי האבען מיט זייער העלדישען און הייליגען טויט געוויזען א ביישפיעל צו די קומענדע דורות, צו אונזערע יונגע זיהן און טעכטער ווי מען דארף קעמפפען און שטארבען אין קאמפף פאר די קדושה פון אונזער תורה און אמונה. און אז די אידישע קדושים ווערען פעראייביגט ביים פאלק פון ישראל. יאהר איין יאהר אויס ווערט געטרויעט אין יעדע אידישע הויז פון פסח ביז שבועות אויף דעם טויט פון יענע הייליגע קדושים.

ל"ג בעומר איז א יום טוב, ווייל דאן האבען די תלמידים פון רבי עקיבא אויפגעהערט שטארבען, און ל"ג בעומר געהען ארויס די תלמידים פון די חדרים, תלמוד תורה'ס און ישיבות מיט פייל און בויגען, דער סימבאל פון מלחמה, מלחמה מיט די רוימער, מלחמה מיט די וואס פערברענען אונזער בית המקדש, אונזער הייליגטהום, מלחמה מיט די וואס טרייבען אונז פון אונזער הייליגע לאנד, פון ארץ ישראל, ווי ר' עקיבא האט זיך מוסר נפש געווען ביז דעם לעצטען טראפען בלוט פאר די הייליגע פרייהייט פון זיין פאלק, און אונזערע קינדער, די תלמידים פון די חדרים, תלמוד תורה'ס און ישיבות דארפען זיין די נאכפאלגער פון ר' עקיבא אין זיין הייליגען קאמף.

השמרו לכם עלית בהר ונגוע בקצהו! היט זיך פון אַרויפקריכען אויפ'ן בארג און אַנריהרען אין זיין ברעג! האַלב געבילדעטע, האַלב געווילדעטע, זאָגט די וועלט. א גאַנץ איינפאַכער מענש ווייס דאָס ער איז אונוויסענד, און דער־פאַר האָט ער דרך ארץ און רעספּעקט פאַר דעם יעניגען וועלכער איז באמת געבילדעט. דער יעניגער אבער וואָס ווייס א ביסעל, איז ער ערגער פון דעם וואָס ווייס גאָר ניט, ווייל ער נאַרט זיך אָפּ און מיינט אַז ער ווייס אַלעס אין דער צייט ווען ער ווייס ניט, און גאַנץ אָפט זעהען מיר אידען קענען א ביסעלע לעהרנען נאַרען זיך אָפּ און האַלטען זיך פאַר גרויסע לומדים און פאַרלירען זייער רעספּעקט פאַר די אמת'ע לומדים. דאָס זענען אידען וואָס קריכען אויפ'ן בארג סיני, אבער זיי האָבען נור אַנגעריהרט א ברעג פונ'ם בארג, און זיי מיינען אַז זיי זענען אַזוי וויכטיג ווי משה רבינו! ווייל זיי האָבען זיך אויך געדראַפּעט אויפ'ן בארג סיני! אָט די „קריכער" זענען א נעפאַהר, און דערפאַר זאָגט מען זיי: א היט זיך פון קריכען אויפ'ן בארג און אַנריהרען נור דעם ברעג בארג... כל הנוגע בהר מות יומת! דער וואָס איז ניט העכער פון אַלעמען באמת, נור ער איז א נוגע בהר, ער ריהרט נור אָן דעם בארג, די הויכקייט, און ניט מעהר, ער איז א געפאַהר פאַר זיך און פאַר אַנדערע, מות יומת! ער איז ניט ווערטה וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. עס איז דאָ לוחות למדנים, ער ווייס ווען דער מולד איז, ער ווייס ווען מען בענטשט ראש חודש, און דאָס איז גענוג פאַר איהם צו מיינען אַז ער איז אַזאַ למדן ווי דער רב און רודפ'ען דעם רב אויב ער, דער רב, גיט ניט אָפּ כבוד איהם, וועלכער ווייס די ראשי תיבות פון לוח!...

והגבלת את העם! די מצוה פון הגבלה איז זעהר גרויס, צו מגביל זיין, באַגרעניצען די מענשליכע ליידענשאַפטען, אדער ווי דער העברעער רופט דאָס כבוש התאוות, איינגעהמען און ברעכען די תאוות, די מענשליכע ליידענשאַפטען, ווייל די תאוות ווערען שטאַרקער און גרעסער פון טאָג צו טאָג, ווי אונזערע חכמים זאָגען: לשעבר אם לא היה אדם רואה לא היה מתאוה, ועכשיו בין רואה ובין אינו רואה הוא מתאוה (פסיקתא רבתי פרק ט"ו).

אמאָל, פאַרצייטען — זאָגט דער פסיקתא — האָט א מענש נור דאַן תאוה געהאַט צו דער זאַך וועלכע ער האָט געזעהען אין היינטיגע צייטען. צי ער זעהט, צי ניט, ער וויל אַלעס, סיי מען מעג, סיי מען טאָר ניט. די תאוה איז שרעקליך גרויס!!

און ווען א מענש שטאַרבט ליעגט מען שערבלעך אויף די אויגען, ווייל דער מענש מיט זיינע אויגען וואָלט וועלען איינשלינגען די גאַנצע וועלט, און די אויג איז דער מלאך המות פון דעם מענשען, ווייל העין רואה והלב חומד, די אויג זעהט און די האַרץ וויל. אַלע צרות און אומגליקען ברייננגט אויפ'ן מענשען די אויג, וועלכע זעהט אַלץ, און דאַן די האַרץ וויל אַלץ, און דער מענש פאַרלירט זיין נשמה, די וועלט און יענע וועלט, צוליעב זיינע שרעקליכע תאוות, און דאָס

א גרענעץ... קריך ביז דאַנעט און ניט העכער... דאָס פאָלק דאַרף האָבען אַ גבול, און יעדער מענש דאַרף זיך קענען איינצאַמען, באַגרעניצען, און ניט קריכען וואו מען דאַרף ניט!... והגבלת את העם! מען דאַרף קענען קאָנטראָלירען זיך, ברעכען די ליידענשאַפטען, איזהו גבור? הכובש את יצרו!... און מען קען זיך ניט באַגרעניצען, מען קען קיין ימי הגבלה ניט האָבען אָהן דער תורה, ווייל נור די תורה היילינגט דעם מענשען און עדעלט אויס זיין כאַראַקטער. און ווען מען איז אָבער גלייכצייטיג ניט פעהיג צו נעמען די תורה, צו פערשטעהן איר, צו געניסען דעם געטליכען טעם פון דער תורה, אריינצודרינגען אין די געהיימ־ניסע פון דער תורה וואו מען זאָל ניט האָבען די שלשת ימי הגבלה, וואו מען זאָל ניט איינצאַמען די חיה אין דעם מענשען, וואו מען זאָל ניט באַגרע־ניצען די מענשליכע ליידענשאַפטען, כבוש התאוות, וואו מען זאָל ניט אויסאַרבייטען זיך אליין אלס העכערער מענש, אדם עלאה, מען דאַרף באַזיצען גוטע מדות און קדושה אום זוכה צו זיין צו דער וויסענשאַפט פון דער תורה.

און ווען איינער קען גוט לעהרנען און האָט שלעכטע מדות איז ער מחלל השם. עס איז דער גרעסטער חלול השם, זאָגט די גמרא אין יומא, ווען די וועלט זאָגט: פלוני שלמד תורה, כמה מכוערים מעשיו! אָט יענער האָט גע־לעהרענט תורה און פיהרט זיך אויף ניט שעהן, איז דאָס אַ געוואַלדיג גרויסער חלול השם! גוט אויפפיהרען זיך מיינט האָבען דרך ארץ, און די גמרא זאָגט: דרך ארץ קדמה לתורה כ"ו דורות, זעקס און צוואַנציג דורות בעפאָר מען האָט אונז געגעבען די תורה האָט מען אונז דרך ארץ געלעהרענט, ווייל בעפאָר מיר געהן לעהרנען תורה מוז מען פריהער דרך האָבען, מען דאַרף וויסען ווי צו האַלטען זיך, ווי צו באַגרעניצען זיך, הגבלה בעפאָר קבלת התרה. און דערפאַר האָט דער רמב"ם זכרונו לברכה געשריבען: הלכות דעות בעפאָר הלכות תלמוד תורה, ווייל בעפאָר דו געהסט צו דער תורה, האָב פריהער דרך ארץ, האָב גוטע מדות.

הגבל את העם וקדשתו! בעפאָר מען נעהמט אַ תורה מוז מען האָבען הגבלה און קדושה, באַגרעניצען זיך און ווערען הייליג. די תורה זאָגט והתקדשתם והייתם קדושים, כי קדוש אני (ויקרא י"א מ"ד), איהר זאָלט הייליג זיין, ווייל איך גאָט בין הייליג. מען דאַרף זיך אַליין קענען, קאָנטראָלירען זיך, אונטערזוכען אַלע מחשבות און געפיהלען, אונטער־דריקען די ניט ריינע מחשבות, ווען מיר האָבען אָפּגעלעבט אַ טאָג פון אונזער לעבען, ווען מיר שליסען אָפּ דעם טאָג, ווען מיר געהן ביי נאַכט שלאָפען, דאַרפען מיר נאַכטראַכטען וואָס מיר האָבען געטהאָן אַ גאַנצען טאָג, ווי אַזוי מיר האָבען געלעבט, און ווען מיר געפינען אויס, אַז מיר האָבען זיך ניט ריכטיג אויפ־געפיהרט, ניט געלעבט אַ הייליגען לעבען, ווייל די תאוה צו געלד, צו כבוד, גאוה, פיהרען אונז איבער, דאַן, דו איד, נעהם זיך אַליין אין די הענד אריין! צאַם איין די חיה אין דיר, באַהערש זיך אַליין, הגבלה!

שטענדיג גאַנץ, מען דאַרף זיין פון די תמימי דרך!...

און דערפאַר האָבען אונזערע חכמים מתקן געווען צו זאָגען פרקי אבות אין די שבתים פון פסח ביז שבועות, ווייל אין די פרקי אבות ליגט בעהאַלטען אַ אויסערגעוועהנליכער גרויסער אוצר פון בריליאַנטען און דיימאַנדס, דאָס איז דער גרעסטער און דער בעסטער אוצר פון גוטע מענשליכע מדות, אַ אוצר פון דעות ומדות פון אונזערע הייליגע אידישע חכמים זכרונם לברכה. וואַרום איז צו דעם וואָס ניט נור ער „זאָגט" פרק, נור וועלכער זוכט צו פערשטעהן די טיעפע געדאַנקען, און די שעהנסטע און בעסטע פערעל פון עטהיק און מאָראַל וואָס ליגט באַהאַלטען אין יעדער וואָרט פון פרקי אבות, און ווען מען האָט פון פסח ביז שבועות גוט דורכגעשטודירט און גוט פערשטאַנען אַט די פרקי אבות, דאַן באַזיצט מען פאָלשטענדיגע גוטע מדות און מען איז אַ גאַנצער מענש, אַ אדם השלם, און אַ מענש וועלכער איז אַ בעל מדות טובות, און האָט אַריינגעזויגען אין אַלע ווינקעלעך פון זיין נשמה אַ אוצר פון מאָראַל און עטהיק, אַזאַ מענש, און נור אַזאַ, קען פערשטעהן און פיהלען די הייליגקייט און די וויכטיגקייט פון אונזער הייליגער תורה.

נאָך די פרקי אבות פון פסח ביז שבועות, נאָך אַ אוצר פון מאָראַל, פון מצות ומוסר, קומט דער יום טוב שבועות, דער יום טוב פון דער הייליגער תורה, וועלכע הייליגט דעם מענשליכען לעבען, און נאָך די לעהרע פון די פרקי אבות קומען די שלשה ימי הגבלה, פון מוסר, פון מאָראַל, קומט הגבלה. נור דאַן קען מען באַגרעניצען די מענשליכע ליידענשאַפטען און ווערען באמת הייליג.

„והגבלת את העם וקדשתו"!!...

שבועות

א

דער צעהלען ספירה — חג הקציר — יום הבכורים — חג השבועות — עצרת — קבלת התורה — די צערעמאָניע פון די בכורים — תקון שבועות — רות — דוד המלך'ס יאהרצייט — שבועות'דיגע בלינצעס — מילכיגס אום שבועות.

גאָט צו דאַנקען, געלויבט איז השם יתברך, מיר האָבען דערלעבט צו פייערען דעם שעהנעם הייליגען יום טוב שבועות. שבועות מיינט אין העברעאיש, וואָכען, ווייל די תורה הייסט אונז צעהלען 7 וואָכען פון פסח ביז שבועות, און נאָכהער פייערען דעם יום טוב שבועות. צעהלען אידען יעדען טאָג; וואַרטען און האָפען אַט, אַט, וועלען מיר דערלעבען דעם הייליגען יום טוב שבועות.

איז אפשר דער סוד פון די ווערטער וואס די גמרא זאגט: מלאך המות מלא עינים! וואו די מענשליכע אויג קוקט דארט איז דער מלאך המות!...

פון וואס באשטעהט דער מלאך המות? וואו איז זיין פלאץ? וואו איז זיין אפים? אין דעם מענשליכען אויג, מלא עינים...

און דערפאר זאגט דער מדרש, אז דער מענש געהט ניט אוועק פון דער וועלט און ער זאל האבען כאטש א העלפט פון וואס זיין אויג זעהט און זיין הארץ געלוסט, וויפיעל ער האט איז איהם אלץ וועניג. האט ער הונדערט דאלאר וויל ער צוויי, „אין אדם יוצא מן העולם וחצי תאותו בידו, אית ליה מאה בעי דיעבדון תרתי מאה, ומאן דאות ליה תרתי מאה בעי דיעבדון ארבע מאה (קהלת רבה פ"א י"ג).

און דער יעניגער וואס וויים ניט דעם סוד פון הגבלה, דער וואס קען ניט באהערשען און באגרעניצען זיינע תאות, זיינע לײדענשאפטען, יענער וועט האבען א מיאוס'ן סוף, ער וועט זעהר ניט גוט אפשניידען, זיין סוף וועט זיין א שרעקליכער. מיר זעהען דאך מענשען וועלכע טראגען זיך ארום מיט שרעקליכע אומריינע געדאנקען. ער זוכט דאס זיין פרוי זאל שטארבען, אים ער זאל קענען האבען איהרע געלד, אדער ער זאל קענען התונה האבען מיט איהר יונגער און שעהנער שוועסטער. די ענדע וועט זיין — אזוי זאגען אונזערע חכמים — אז זי וועט איהם באגראבען! זיין תאוה צו געלד אדער צו דער פרוי וועלכע ער וויל האבען וועט ברייגגען זיין פריהצייטיגען טוידט, „הנותן עיניו באשתו שתמות ויירשנה או שתמות וישא את אחותה, לסוף היא קוברתו" (תוספתא סוטה פ"ה, אבות דרבי נתן פ"ג).

הגבלה! באגרענץ דיינע תאוות, אז דו זאלסט גאר ניט וועלען וואס בעלאנגט ניט צו דיר, און אזוי איז דער דין אז דער וואס געלוסט און וויל אין זיין הארצען יענעמס הויז, יענעמס פרוי, און אלעם וואס בעלאנגט צו יענעם און ער טראכט און זוכט פלענער ווי אזוי ער זאל דאס האבען פאר זיך, האט ער עובר געווען אויף די לא תעשה פון לא תתאוה, זאלסט ניט געלוסטען יענעמס, וועלכע געפינט זיך אין דער תורה ביי די עשרת הדברות, „כל המתאוה ביתו או אשתו וכליו של חברו וכל כיוצא בזה, כיון שחשב בלבו איך יקנה דבר זה ומפתה בלבו בדבר, עבר לא תעשה של לא תתאוה, ואין תאוה אלא בלב בלבד (שלחן ערוך חושן משפט סימן שנ"ט א', ספר המצות להרמב"ם לת' סימן רס"ה ולא תעשה סימן רס"ו, מכילתא פ' יתרו, סמ"ג לת' סימן קנ"ח).

און בעפאר מען געהט מקבל זיין די תורה מוז מען אפריהער האבען די שלשת ימי הגבלה, מען מוז באגרעניצען און איילצאמען זיך, און אויסארבייטען אין זיך גוטע מדות, מען זאל ווערען גאנצער מענש, מיט א גאנצע נשמה, און נאכהער קען מען געהן אין דער הייליגער וועג פון דער תורה, און דאס זאגט דער תהלים: אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה', אום צו געהן אין דער וועג פון גאט'ס תורה מוז מען זיין פאל-

ער ערוואַרט דעם גרויסען הייליגען טאָג פון קבלת התורה. אונזערע עלטערען האָבען דאַן ווען זיי האָבען געדאַרפט די תורה נעהמען וואַרשיינליך ניט געשלאָפען פון גרויסע הייליגע בעגייסטערונג און ערוואַרטונג. מיר טוען אויך אַזוי. מיר זיינען אויף און מיר לערנען דעם אינהאַלט פון אונזער תורה אין דעם תקון שבועות.

מיר לייענען רות שבועות. אַט יענע וואונדערבאַרע שעהנע נאַטור־שילדערונג, ווייל דאָרט ווערט ענטפלעקט אין דעם פולען גלאַנץ די הייליגקייט און שטאַרקייט פון אונזער תורה. ד י מ ו ט ע ר פ ו ן י ו ד ע נ ט ה ו ם, וועלכע האָט צוגעצויגען די ניט אידישע פּרינצעסין ר ו ת זי זאָל אוועקלאָזען איהר גאָט און איהר פאָלק און זי זאָל אָננעהמען דעם אידישען גלויבען. און נאָך א טעם איז, ווייל ד ו ד ה מ ל ך, וועלכער האָט געשטאַמט פון רות, איז געשטאָרבען שבועות (שערי תשובה לאורח חיים, סימן תצ"ד) און דער מנהג איז דאָס די ח ב ר ה ת ה ל י ם זאָגט דאַן תהלים פאַר זיין נשמה. אין ירושלים איז א מנהג צו געהן דעם צווייטען טאָג שבועות, דער יאָהרצייט פון דוד המלך, אויף זיין קבר און מען זאָגט תהלים ביי זיין קבר (דבר יום ביומו, סימן כ"ן ע"ב).

עס איז א מנהג ביי אידען דאָס די פרויען מאַכען שבועות'דיגע בלינצעס און קרעפּלעך וועלכע האָבען דריי זייטען, צו דערמאָנען אונז וואָס די גמרא זאָגט, געלויבט איז גאָט וועלכער האָט אונז געגעבען א געדריטעלטע תורה (תורה, נביאים, כתובים) צו אידען וועלכע זיינען א געדריטעלטער פאָלק (כהנים, לוים, ישראלים) דורך א געדריטעלטען גואל, דאָס איז משה רבנו, וועלכער איז געקומען אויף דער וועלט דער דריטער, נאָך מרים און אהרן, אום שבועות, וועלכער איז דער ד ר י ט ע ר ט אָ ג נאָך די ש ל ש ה י מ י ה ג ב ל ה, אין דעם דריטען מאָנאַט, סיון (שבת פ"ח, רש"י שם, מנהגי ישורין, דף ס"ז).

עס איז א מנהג ביי אידען אוועקצושטעלען בוימער אין שוהל און אין הויז, כדי צו דערמאַנען אונז וואָס די גמרא זאָגט, אז שבועות איז דער יום הדין פאַר די פירות פון די בוימער, און מיר זאָלען בעטען גאָט פאַר זיי (מגן אברהם סימן תצ"ד, חק יעקב סימן ז') און עס איז א מנהג צו פערשפּרייטען גראָז אין שוהל און מען באַפּוצט די הויז מיט גראָז, דאָס איז אַן אנדענקונג פון יענע גליקליכע צייט, ווען אונזערע עלטערען האָבען די תורה גענומען, זיי האָבען זיך דאַן געפונען אַרום באַרג סיני, וואו בוימער און גראָז, גרינע לאָנקעס מיט א ים פון גרינע גראָז האָט באַפּוצט און באַשיינט די גאַנצע געגענד אַרום און אַרום. (לבוש, שם) און דער ש ל " ה ה ק ד ו ש ברייננט דעם מנהג דאָס שבועות טהיילט דער שמש אין שוהל צו יעדען מאַן און פרוי שמעקענדיגע גראָזען, ווען דער חזן זינגט האל בת עצומות (של ה' מסכת שבועות דף ק"פ ע"ב).

עס איז א מנהג צו עסען מילכיגס אום שבועות, ווייל ווען אונזערע עלטערען האָבען גענומען די תורה און זיינען נאָך קבלת התורה געקומען אהיים עסען, האָבען זיי ניט געהאַט וואָס צו עסען נאָר מילכיגע מאכלים, ווייל אום

דער יום טיב שבועות רופט זיך אויך אין דער תורה מיט דעם נאָמען ח ג ה ק צ י ר, ווייל דאַן האָט מען געשניטען די תבואות פון די אידישע פעלדער, עס איז געווען די שעהנע גליקליכע ש נ י ט צ י י ט. עס רופט זיך דיעזער יום טוב אויך י ו ם ה ב כ ו ר י ם, ווייל אין יענער צייט פלעגען אונזערע עלטערען אין ארץ ישראל ברייגגען די ערשט פאַרטיגע פרוכט פון די בוימער און פון די פעלדער אין בית המקדש אריין צום כהן, און, עס טוט וועה די הארץ ווען מיר לייענען אין דער משנה וועגען די אויסערגעוועהנליכע שעהנע און הייליגע צערעמאָניע וואָס פלעגט שבועות צייט פאָרקומען אין ארץ ישראל בכלל און אין בית המקדש אין ירושלים בפרט ווען מען האָט געבראַכט די בכורים. גאַנצע שטעדט פלעגען זיך פעראייניגען אום מאַרטשען צוזאַמען אין ירושלים אויף יום טוב און ברייגגען די בכורים. מען פלעגט שלאָפען אין גאַס אונטער די שעהנע בלויע הימלען פון ארץ ישראל. גאַנץ פריה פלעגען זיי אויפגעוועקט ווערען דורך דעם פייערדיגען אויפרוף: „קומט, לאָמיר געהן אין ציון, אין דער הויז פון אונזער גאָט“ — „קומו ונעלה ציון אל בית ה׳ אלהינו“ — דער אקס וועלכער איז געווען געווידמעט פאַר קרבן שלמים פלעגט געהן פאָר־אויס, זיינע הערנער זיינען געווען דעקאָרירט מיט גאָלד, א קרוין פון איילבערט בוימער איז געווען פערפלאָכטען ארום זיין קאָפּ, מוזיק שפּיעלט. ירושלים פלעגט שיקען א דעלעגאַציע צו עמפּפאַנגען די ע ו ל י ר ג ל, די אידישע פאַר־מערס פון ארץ ישראל, די בכורים ברייגגער. דער באַראַבאַן קלאַפּט. זיי אלע מאַרשירען מיט קלאַפּענדע הארץ פול מיט פרייד און נאַציאָנאַלען גליק צום ה ר ה ב י ת. דער כאָהר פון די לוים אויף׳ן בית המקדש זינגט צו גאָט היי־ליגע הארץ־רייסענדע זיסע אידישע מעלאָדיען. זיי זינגען „ארוממך ה׳ כי דיליתנו ולא שמחת אויבי לי“. דער כהן קומט איבערנעהמען די בכורים, אלע פיהלען זיך גליקליך. עס איז שבועות ביי אידען אין ארץ ישראל!

אין גמרא האָט דיעזער יום טוב א גאַנץ אנדער נאָמען, ניט חג הקציר, ניט שבועות, ניט חג הבכורים, נאָר ע צ ר ת, און ווי דער א ב ן ע ז ר א ערקלעהרט מיינט דאָס א פּ ה א ל ט ו נ ג, מען ווערט אָפּגעהאַלטען און לעדיג פון אלע וועלט־אינטערעסען, מען טהוט דאַן קיין ארבייט ניט. מ ע ן ר ו ה ט ! ! אין דער צייט ווען דער בית המקדש האָט עקזיסטירט, פלעגט מען שבועות ברייגגען אין בית המקדש א נייע מתנה צו גאָט, א מ ת נ ה ח ד ש ה ; די ש ת י ה ל ח ם און אנדערע קרבנות (זעה ויקרא כ״ג, י״ז, במדבר כ״ח, כ״ו). שבועות איז אויך דער י ו ם מ ת ן ת ו ר ת נ ו, דער טאָג ווען אידען האָבען די תורה גענומען, די תורה, וועלכע איז דער גרעסטער ספר וואָס די מענשהייט פערמאָגט. די תורה, וועלכע איז דער פונדאַמענט פון ציוויליזאַציאָן, מאָראַל, מענשליכקייט.

נעכטען ביינאַכט האָבען מיר כמעט ניט געשלאָפען, מיר האָבען ת ק ו ן ש ב ו ע ו ת געזאָגט, וועלכער איז א קיצור פון תנ״ך, גמרא און זוהר און אזהרות און פּיוטים פון די תרי״ג מצוות, ווייל ווי אזוי קען א איד שלאָפען ווען

זיינע טיעפקייטען, און די סודות התורה, און וויסענשאפט איז געגליכען צום ים, דער פסוק זאגט ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים, די וועלט וועט אמאל פול ווערען מיט וויסענשאפט ווי די וואסער דעקט צו דעם ים, און דער ים איז פול מיט וואסער, און דער איד וועלכער שטודירט די געהיימניסע פון דער תורה איז א ים שפאלטער, ביי איהם איז ק ר י ע ת ה י ם, ער שפאלט דעם ים פון תורה און וויסענשאפט. און דורך דער וויסענשאפט פון דער תורה ווערט דער איד פיעל העכער ווי א מלאך, און דאמיט ערקלעהרט דער ע ו ל ל ו ת א פ ר י ם א פסוק אין דער תורה. די תורה דערצעהלט אונז, ויסע מלאך האלהים ההולך ל פ נ י מחנה ישראל וילך מ א ח ר י ה ם, בעפאר קבלת התורה איז דער מלאך געשטאנען העכער פון דעם אידען. ער איז געגאנגען אין פראנט, ל פ נ י מחנה ישראל, דער מלאך איז געווען דער פיהרער, דער וועג־ווייזער, נאכהער אבער דורך דעם כח פון דער תורה איז געווארען פונקט פאר־קעהרט, דער איד איז געווארען העכער ווי דער מלאך, דער איד ווערט דער פיהרער, ער געהט אין פראנט און דער מלאך בלייבט פון הינטען, ו י ס ע מ א ח ר י ה ם!

די גמרא דערצעהלט אונז כשבקש הקב"ה לתן תורה לישראל אמרו מלאכי השרת לפני הקדוש ברוך הוא מה לילוד אשה בינינו? ווען גאט האט געוואלט געבען די תורה צו אידען, האבען די מלאכים געזאגט צו גאט, ווי קומט א מענש וועלכער ווערט געבוירען פון א פרוי, ווי קומט ער צווישען אונז מלאכים? ווער איז דער מענש, דער ילוד אשה, און ווער זיינען די מלאכים? א מלאך שטעהט העכער פון מענש!! אמר לו הקדוש ברוך למשה החזר להם תשובה, זאגט גאט צו משה רבינו, גיב זיי אן ענטפער, און משה טענה'ט צו די מלאכים. אין דער תורה שטעהט, זאלסט זעקס טעג ארבייטען און שבת זאלסטו רוהען, איהר, מלאכים, ארבייט דען א גאנצע וואך? דארפט איהר היטען שבת! איז פאר אייך דער כבד את אביך ואת אמך, האלט עהרליך פאטער און מוטער, האט איהר, מלאכים, פאטערס און מוטערס? איז פאר אייך א לא תגנוב, א לא תרצח? די תורה איז דאך פאר מ ע נ ש ע ן געגעבען געווארען, ניט פאר מלאכים. לא ניתנה התורה למלאכי השרת, און ווי באלד אז אידען האבען גע־נומען די תורה שטעהען זיי פיעל העכער פון די מלאכים, א מענש מיט דער תורה שטעהט פיעל העכער פון א מלאך אהן דער תורה!

און מערקווירדיג! היינטיגער הייליגער יום טוב שבועות, וועלכער איז בע־קאנט צו אלע אידען פון דער גאנצער וועלט מיט דעם נאמען ש ב ו ע ו ת ווערט אבער דערמאנט אין דער תורה מיט דעם נאמען י ו ם ה ב כ ו ר י ם, און נים חג השבועות. ווייל בכורים מיינט, די ערשטע פארטיגע פרוכט, און דער נאטור פון מענשען איז צו האבען א גרויסען אפעטיט צו וועלען עסען די בכורים, די ערשט פארטיג געווארענע פרוכט, ווי דער נביא שטעלט דאס פאר, כבכורה בטרם קיץ אשר יראה הרואה אותה בעודה בכפו יבלענה, די ערשטע פארטיגע פרי ווען ער דערזעהט זי איז ווען זי איז נאך אין זיין האנט,

צו עסען פלייש, דארף נעהמען פיעל צייט צו קוילען די בהמה אדער די עוף נאכהער. נאך שחיטה קומט נקור, ארויסנעהמען די אדערען וועלכע מען טאר ניט עסען, נאכהער מליחה זאלצען דאס פלייש, נאכהער קאכען אין כשר'ע גישיר. האבען זיי דערפאר געמוזט מילכיגס עסען, און מיר טוען דאס אויך אלס אנדענקונג צו יענע גליקליכע און הייליגע צייט (משנה ברורה, בשם גדול אחד) דער כלבו זאגט מען איז זיך נוהג צו עסען שבועות מילך און האניג, ווייל די תורה וועלכע מיר האבען גענומען שבועות איז גע־גליכען צו מילך און האניג (שם ס"י ק"ו) און זעה (מנחות ס"ה, פסיקתא פ"ל סי' קצ"ג, תניא סימן נ"ה, מנהגי מהר"י טירנא, מטה משה חלק ה' סימן תר"צ, דרשות אבן שועב עה"ת דף נ"ט, לבושי מכלול סימן ג', לקוטי צבי, סדר היום, זוהר אמור צ"ח, מנהגי מה"ריל הלכות שבועות, משנה ברורה סימן תצ"ד ס"ק י', לקוטי הלוי צד 18, רמ"א סימן תצ"ד, ספר מטעמים 59, 60, כל בו סימן נ"ב, רוקח סימן רצ"ז). א זיסען און גליקליכען לעבען וועלען מיר אין אונזערע קינדער האבען ווען מיר וועלען לעבען נאך דעם גייסט פון דער תורה, ווען די הויכע אידעאלען פון דער תורה וועלען ביי אונז פערווירקליכט ווערען אין דעם אלטעגליכען לעבען, אז „והערב נא ה' אלהינו את דברי תורתך בפינו ובפיות כל עמך ישראל". די ווערטער פון דער תורה זאלען זיס זיין ביי אונז, דאן וועלען מיר פערשפרייטען די ליכט פון דער תורה, דעם מאור שבתורה, און דער אינהאלט פון דער תורה וועט ווערען דער אינהאלט פון לעבען, דאן וועלען מיר זוכה זיין צו לערנען תורת ישראל בארץ ישראל. אמן ואמן!

שבועות

די וויכטיגקייט פון תורה אין דעם אידישען לעבען — דער איד און דער מלאך — דער יום הבכורים — א דור דעה און א דור חסר דעה — די צוויי תורות פון יעדען אידען — נעשה און נשמע — די תורה פון מענש צו מענש, און די תורה פון מענש צו גאט — די פילאזאפיע פון יודענטהום — מצוות אהן א טעם, און א טעם אהן מצוות — דינים און מנהגים אין תלמוד תורה — א אידישקייט אהן אידישקייט — אחדות.

היינט, שבועות, דער יום טוב פון דער תורה, לערענט אונז, דאס דורך דעם למוד התורה ווערט דער איד דערהויבען צו זעהר א הויכע מאראלישע מדרגה, און אהן דער תורה איז מען ווילד, אונוויסענד און פארגרעבט, און דאס ווען אידען זיינען געגאנגען פון מצרים נאך ארץ ישראל און נעהמען די תורה, וועלכע זאל זיי מאכען פאר א הייליגע קולטורעלע פאלק, האט גאט געשפאלטען דעם ים פאר זיי. און דער קריעת ים סוף לערענט אונז, אז וויל מען אלעס וויסען, פער־שטעהן, מוז מען תורה לערנען. די תורה דאס איז דער ים, א ים פון וויסענ־שאפט, מען דארף נאר קענען שפאלטען דעם ים, אריינדרינגען אין

אהן נשמע, איז א שטיק אייז, נשמע אהן נעשה, איז ווינד און רויך,ביידע זא־כען צוזאמען אבער נ ע ש ה ו נ ש מ ע האלט אויף א פאלק אהן א לאנד, אהן א רעגיערונג, באלד צוויי טויזענד יאהר, ניט אומזיסט איז די וועלט פאר־ציטערט געווארען ווען אידען האבען ביי קבלת התורה א געשריי געטאהן: נ ע ש ה ו נ ש מ ע!

און יעדער איד, פונקט ווי דער מלך ישראל, באדארף האבען צוויי תורות וועלכע זיינען א י י ן תורה. א) די תורה פון מענש צו מענש, בין אדם לחבירו, ווי צדקה, גמולת חסדים, כבוד אב ואם, הכנסת אורחים, הכנסת כלה, הבאת שלום בין אדם לחבירו און פיעל אנדערע אזוינע מצות, און ב) די תורה פון מענש צו גאט, ב י ן א ד ם ל מ ק ו ם, און מען דארף זיין פאלקאם אין ביידע טהיילען פון דער תורה, אי די תורה פון מענש צו גאט, און אין די תורה פון מענש צו מענש, אי בין אדם למקום אי בין אדם לחבירו, אום צו זיין א ג א נ צ ע ר פאלשטענדיגער א י ד, ווייל א ג א נ צ ע ר איד מיינט מ ע נ ש א ו ן א י ד צוזאמען גענומען! און דער מדרש תהלים זאגט אין אדם נקרא צדיק אלא אם כן הוא טוב, אמר רבי טביומי; צדיק והוא טוב למה הוא דומה? לפעמון של זהב ומקישו של מרגליות. א מענש קען זיך ניט רופען צ ד י ק, דאס מיינט אין גאנצען פרום, געטליך, סיידען ער איז אויסער פרום אויך ג ו ט, דאן איז ער ג א ל ד א ו ן פ ע ר ע ל!

נעשה ונשמע! מען דארף טאן מצוות און מען דארף וויסען דעם טעם פון דער מצוה, דעם שכל, די פילאזאפי פון יודענטהום, זאגט דער מדרש „משל למטרונה שהכניסה למלך שני הדסים, אבדה אחד מהן והתחילה מצרה עליו, אמר לה המלך שמרי זה האחד והרי הוא כאילו שמרת את שניהם, כך ישראל כשעמדו על הר סיני ואמרו כל אשר דבר ה׳ נ ע ש ה ו נ ש מ ע, אבדו את נעשה, כי עשו עגל מסכה, אמר להם הקדוש ברוך הוא, שמרו את נשמע והרי הוא כאילו שמרתם את שניהם“.

ווען מען טהוט אהן א טעם, אהן א שכל, קען מען אמאל טהאן וואס מען טאר ניט טאן, אידען האבען געטאן אהן פערשטעהן וואס מען טהוט, וואס איז געווען דער סוף? האבען זיי אן עגל הזהב געמאכט, אן עבודה זרה געשאפען, געבוקט זיך צו אייגענע האנד ארבייט, וישתחוו למעשה ידיהם, ווייל אז מען וויל ניט וויסען פון גאטהייט, נאר טאן אליץ וואס גאט הייסט, ניט וועלענדיג ווי־סען גאט אליין, קען אן עגל הזהב ביי זיי א גאט ווערען... פרום אהן שכל קען אמאל צו נארישע עבודה זרה פיהרען, דער שכל פון פרומקייט איז — ד י ת ו ר ה! פרומקייט אהן תורה איז אפטמאל אן עבודה זרה פרומקייט... „רע־לידזשעם“ אהן תורה, עם הארצי׳שע פרומקייט איז עגל הזהב פרומקייט... אונ־זערע חכמים האבען שוין לאנג געזאגט „ולא עם הארץ חסיד! אז עם הארץ קען קיין חסיד ניט זיין!! אידען האבען אן עגל געמאכט, אן עבודה זרה געשאפען, זאגט דער מדרש, האט גאט געזאגט צו אידען, איהר האט פערלארען דעם „נעשה“ היט יעצט דעם „נשמע“, וועט איהר האבען ביידע זאכען, אי נעשה אי

כאפט ער און שלינגט איהר איין! אט אזוי דארף זיין די תורה ביי אידען. די תורה דארף געלערענט ווערען, געשטודירט ווערען, יעדער אות פון דער תורה פאדערט שטרענגע אויפמערקזאמקייט. און דאן איז די אלטע הייליגע תורה אימער נ י י, אימער מאדערנע, ווערט קיין מאל ניט אלט, ווייל זי איז ב כ ו ר י ם ' ד י ג, אלע טאג ווערט בעשאפען א נייער חדוש, א נייער' פשט'ל, די תורה וועלכע מען לערענט, מען שטודירט טיעף און גרינדליך שאפט יעדען טאג נ י י ע ג ע ד א נ ק ע ן און דערפאר רופט זיך אין דער תורה דער טאג פון שבועות י ו ם ה ב כ ו ר י ם..ווייל די תורה איז ליעב ביי אונז הייליג און טייער, אלט און ניי, מאדערנע, ערשט געווארענע חדושים, פונקט ווי די בכורים. עס איז דערפאר זעלבסט פערשטענדליך אז אויב מען ערציהט די קינדער פון דעם נייעם דור מיט א ביסעל „עברי זאגעכץ, און זיי וויסען ניט דעם טעם פון דער תורה, זיי פיהלען ניט די גייסטיגע אוצרות וואס ליגען באַהאלטען אין יעדען פסוק פון דער תורה, אז אט די קינדער וועלען אויסוואקסען אהן די וויסענשאפט פון דער תורה, אהן די ליעבשאפט צו דער תורה, וועט דאס ניט זיין א ד ו ר ד ע ה, נאר עס וועט זיין א ד ו ר ח ס ר ד ע ה.

א אידישער מלך — זאגט די גמרא — האט געדארפט שרייבען צוויי ספרי תורה, איין תורה פאר זיך אליין, וועלכע זאל ליגען בעהאלטען אין די קייזערליכע אוצרות, „אחת שמונחת בבית גנזיו" און איין תורה וועלכע זאל זיין מיט איהם ווען ער געהט צום פאלק, אין זודיגען, קאבעדינגען אלטעגליכען לעבען, „שיוצאת ושנכנסת עמו". יעדער איד דארף אין דעם הינזיכט א מלך זיין, כל ישראל בני מלכים הם", יעדער איד דארף צוויי תורות האבען: א תורה פון נ ע ש ה, פון ווירקליכע טהאטען, פון מעשים, פון מ צ ו ת מ ע ש י ו ת, וואס „יוצאת ושנכנסת עמו", ווען ער געהט ארבייטען אין פעקטארי, אין זיין געשעפט, אויף יעדען שריט און טראט אין לעבען זאל ער די תורה מיט זיך מיטנעהמען, ע ר ז א ל ל ע ב ע ן א י ן ד ע ם ג י י ס ט פ ו ן ד ע ר ת ו ר ה, ער זאל ארבייטען און האנדלען לויט דעם שלחן ערוך, ו א ח ת ש מ ו נ ח ת ב ב י ת ג נ ז י ו. און די צווייטע תורה, אדער, ריכטיגער געזאגט, ד י צ ו ו י י ט ע ט ה י י ל פון דער תורה, איז א ח ו ב ו ת ה ל ב ב ו ת תורה, ש מ ו נ ח ת ב ב י ת ג נ ז י ו, א תורה וועלכע רייניגט די הארץ, לייטערט די נשמה, הויבט אויף דעם אידישען גייסט, מאכט ציטערען דעם מענשען און מאכט איהם הייליג, דאס איז א „נ ש מ ע" תורה. אבער נשמע אהן נעשה איז גאר ניט ווערטה, מען דארף לייגען תפלין, און דאן נאך דער נעשה קומט דער „נשמע" פ א ר ש ט ע ה ן די מצוה פון תפלין, מען דארף ארייננשטעלען א מזוזה אויף די טיהרען, דאס איז נ ע ש ה, נאכהער דארף מען שטודירען די מצוה פון מזוזה לויט די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה, קבלה, חסידות, דרוש, מוסר, אידישע פילאזאפי (זעה דעם „ספר המזוזה" להרב שמריהו ליב הורוויץ) און דאס איז נ ש מ ע. דער נ ש מ ע מאכט אז דער נ ע ש ה זאל זיין מיט הארץ און נשמה, נ ע ש ה

ה י ט, ד א ס ק י נ ד ו ו ע ט פ ר ו ם מ א כ ע ן ז י י נ ע ע ל ט ע ר ע ן. אזוינע ביישפּיעלע האָבען מיר געזעהן פיעל, זעהר פיעל, איבערהויפּט אין דיעזען לאַנד, אז ניט די עלטערען לערנען די קינדער, נאָר די קינדער לערנען, און זעהר פיעל זיינען זיי משפּיע אויף זייערע עלטערען. היט דעם נשמע — זאָגט נאָט — דער נשמע וועט אייך ברייננען צום נעשה.

און דער וואָס איז גוט בעקאַנט אין דער אידישער געשיכטע, וויים, אז עס איז געוועזען צייטען ווען אידישע פריידענקער האָבען ניט געהאַלטען פון נעשה, נאָר פון נשמע, מען דאַרף — האָבען זיי געזאָגט — לערנען און שטודירען די וויסענשאַפט פון דער תורה, די ט ע מ י ם פון אלע מצוות, ווייל דאָס איז אַ שטודיום, א שכל זאַך, א וויסענשאַפט, אָבער נ ע ש ה טאָן מצוות, דאָס איז פאַר נאַראָנים, קלוגע מענשען טהוען ניט! געוועזען ווידער אזעלכע וואָס האָבען געזאָגט מען דאַרף ניט קיין „נשמע" מען טאָר ניט דענקען, מען טאָר ניט קלעהרען, מען טאָר קיין קשיות ניט פרעגען, מען דאַרף ניט קיין מאָרך, מען דאַרף נאָר האָבען ה ע נ ד, טהו וואָס מען הייסט דיר און זיי קיין חכם, טהו — און דאָס אלעס! דער אמת׳ער איד וויים אָבער דעם אמת, אז אום צו זיין אַ ג א נ צ ע ר איד מוז זייןביידע זאַכען, אי נ׳ע ש ה, אי נ ש מ ע, דער עיקר איז — נ ע ש ה, צו נעשה מוז אָבער „נשמע" זיין, מען דאַרף וויסען, מען דאַרף פאַרשטעהן, וואָס מיר טוען און ו ו א ר ו ם מיר טוען. דער „נשמע" מאַכט שטאַרקער און פייערדיגער דעם „נעשה", און דאַמיט ערקלערט דער נ פ ו צ ו ת י ה ו ד ה א וואונדערבארען מאמר אין דער גמרא.

די גמרא דערצעהלט אונז אין מסכת סוטה פ"א אויף דעם פּסוק ולא ידע איש את קבורתו אז „וכבר שלחה מלכות אצל גסטרא של בית פעיר, הראוני היכן משה קבור? עמדו מלמעלה נדמה להם למטה, עמדו למטה — נדמה להם למעלה, נחלקו לשתי כתות, אותן העומדים למעלה נדמה להם למטה, אותן העומדים למטה נדמה להם למעלה, לקיים מה שנאמר ולא ידע איש את קבורתו.

ד׳י רעגיערונג וויל אויסגעפינען וואו איז דער קבר פון משה רבינו, שטעהען זיי פון אויבען דוכט זיך זיי אז משה איז אונטען... שטעהען זיי פון אונטען דוכט זיך זיי אז משה איז אין דער הויך. ער איז פון אויבען. ווערען זיי צוטהיילט אויף צוויי פערשיעדענע כתות. איז די וועלכע שטעהען פון אויבען צייגט זיך זיי אז משה איז פון אונטען, די אָבער וואָס שטעהען פון אונטען דענקען זיי אז משה איז פון אויבען, ולא ידע איש את קבורתו, און קיינער וויים ניט וואו משה איז!!

מענשען ווייסען ניט, פאַרשטעהען ניט וואָס איז בעסער, נשמע אָדער נעשה? ווען מען שטאַרבט אָפּ, ווען מען ליגט אין קבר, וואָס באַצאָהלט זיך דאָז בעסער, די פילאָזאָפיע פון אידישקייט, אָדער אידישקייט אָהן פילאָזאָפיע, מ ע ש ה אָדער ע י ו ן, מען וויל וויסען ה י כ ן מ ש ה ק ב ו ר?! וואו ליגט אם בעסטען דער קבר, דער אפּרוה, דער גליק, פון משה דעם תורה־געבער, צי למעלה, אין דער הויך, אין „נשמע", אין טיעפע פילאָזאָפישע געדאַנקען,

נשמע" איז, דאָרט וואו מען פּערשטעהט די נשמה פון יוד־דענטהום, דעם גייסט פון אידישקייט, דאָס איז — די תורה הקדושה, דאָרט מוז מען אויך מיט דער צייט קומען צו נעשה. דער מאור התורה, די ליכטיגקייט פון דער תורה וועט בעלייכטען די וועג פון נעשה... און מען וועט אָנפאַנגען טאָן, מען וועט אָפּהיטען די מצוות המעשיות, תלמוד גדול — זאָגט די גמרא — דער לערנען איז גרויס, זעהר גרויס, ווארום? שמביא לידי מעשה, ווייל דער תלמוד ברענגט צו מעשה, ווען מען לערענט פיעל און גרינדליך וועגען שבת, דאַן היט מען שבת, לערענט מען ניט וועגען שבת, היט מען ניט ריכטיג שבת.

און פעראַנטוואָרטליך פאַר גאָט, פאַר דער תורה, פאַר דער אידישער צו־קונפט, פאַר די אידישע געשיכטע וועלען זיין די יעניגע עלטערען, גבאים און דירעקטאָרען פון תלמוד תורה'ס און ישיבות, די לעהרער און די פּרינסיפּאַלס וועלכע לערנען ניט מיט אונזערע יונגע קינדער די אידישע דינים ומנהגים, זיי טענה'ן וואס טויג אונז לערנען מיט זיי, למשל, וועגען שבת, אז זייערע עלטערען זיינען אליין מחלל שבת, און אויף דערויף ענטפערען מיר, ווייל אונזערע קינדער זעהען ניט קיין ריכטיגען שבת, ווייל זיי זעהען ניט ציצית ותפלין, טאַקע דערפאַר דאַרף מען זיי לערנען וועגען דעם און וועגען אלע אידישע דינים ומנהגים אין די תלמוד תורה און ישיבה. פאַר־צייטען, אין דער אלטער וועלט, ווען איינער האָט ניט געלערענט קיין תורה איז ער דאָך אויסגעוואַקסען א פרומער איד וועלכער האָט אָפּגעהיט די מצוות פון דער תורה, ווארום? ווייל ער האָט ניט געלערענט פון דער גמרא, פון שולחן ערוך, אז מען דאַרף היטען שבת, אבער ער האָט דאָס געלערענט הלכה למעשה, פון זיין פאָטער און מוטער, פון זיינע שכנים, פון זיינע פריינד, פון דער גאַנ־צער סביבה, היינט אבער ווען די גאַנצע סביבה ארום דאָס אידישע קינד איז ניט קיין סביבה פון אָפּהיטען אידישע דינים ומנהגים, היינט אָבער ווען די אידישע הויז איז ניט קיין אידישע הויז, און ווען מיר וועלען איהם ניט לערנען אין תלמוד תורה קיין דינים ומנהגים, קענט איהר דאַן זיין זיכער אז דאָס וועט אויסוואַקסען אזא מאָדנער משונה'דיגער איד, וועלמער וועט לאַנג ניט קענען לעבען און עקזיסטירען אין דער וועלט מיט אזא מאָדנע משונה'דיגע אידישקייט, א אידישקייט אהן אהן שבת, אהן יום טוב, אהן תפלין, אהן ציצית, אהן כשרות, ווען אבער מען וועט לערנען מיט די קינדער וועגען שבת, ניט ריידען, ניט לעקטשורען, נאָר לערנען וועגען שבת, וועלען די דינים ומנהגים פון שבת, די דינים פון תפלין, און אלע אנדערע דינים ומנהגים אריין קריכען טיעף טיעף אין דאָס קינדערשע נשמה'לע, און עס וועט אזוי לאַנג ליגען בעהאַלטען אין די טיעפעניש פון דעם קינד'ס הארץ און נשמה די אידישע דינים ומנהגים, ביז זיי וועלען זיך צוואַוואַקסען, ענטוויקלען, און וועלען ווירקליך שאַפען וואונדער, אז דאָס קינד וועט היטען דאָס וואָס זיינע עלטערען האבען ניט גע־

האָבען געוואָלט דעם נעשה, אַלע צוזאַמען האָבען געוואָלט די תורה, און דער־פאַר, אין דעם זכות פון אחדות האָבען זיי זוכה געווען צו קבלת התורה.

לאָמיר זיך פאַראייניגען אַלע צוזאַמען, פונקט ווי אונזערע עלטערען האָבען זיך פאַראייניגט ביי קבלת התורה, און דאַן וועלען מיר זוכה זיין דאָס מיר און אונזערע קינדער־קינדער וועלען זוכה זיין צו לערנען און היטען די תורה אין דער לאַנד פון אונזער תורה, אין ארץ ישראל, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

שבועות

די שתי הלחם — תורה שבכתב און תורה שבעל פה — די צוויי לוחות — נעשה ונשמע — גאָט און מענש — שבת און זונטאג — העברעאיש און אידיש — דער רב און דער ראבי — די פאָבליק סקוהל און די תלמוד תורה — די אָרטאָדאָקסען און די ראַדיקאַלען — עלטערען און קינדער.

אין דיזען הייליגען יום טוב שבועות פלעגען אונזערע עלטערען וועלכע האָבען געלעבט אין ארץ ישראל ווען דער בית המקדש האָט עקזיסטירט, פלעגען זיי ברייננען דעם שתי הלחם, ווייל דאַמיט האָבען זיי געצייגט דאָס מיר אידען קענען נור דאַן עקזיסטירען, ווען מיר וועלען לערנען, שטודירען און אָפּהיטען די צוויי תורות אונזערע וועלכע זענען איינס: דאָס זענען די תורה שבכתב, און די תורה שבעל פה, וועלען מיר לערנען נור תורה שבכתב, דעם חומש, די נביאים, זענען מיר קאַראימעס, ניט קיין גאַנצע אידען, ווייל עס איז אונמעגליך צו פערשטעהן אונזער תורה שבכתב אהן די תורה שבעל פה — די גמרא — ווייל די תורה שבעל פה איז א פירוש, אַן ערקלעהרונג אויף תורה שבכתב (עקידה, שער ס"ז).

מען קען ניט אמת גוט פערשטעהן די תורה שבעל פה ווען מען פער־שטעהט ניט גרינדליך גוט די תורה שבכתב. דער ווילנער גאון ז"ל האָט אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען געלעהרענט נור חומש, ווייל דער ווילנער גאון, וועלכער האָט געהאַט אין זיין קאָפּ ש"ס, בבלי וירושלמי, ספרא, ספרי, תוספתא, מכילתא, מדרשים, ילקוטים, קבלה, מוסר, און אַלע פוסקים, און איז געווען דאַצו אַ קענער פון דער העברעאישער שפּראַך און אַ מדקדק, ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו פעראייניגען די גאַנצע אידישע תורה, און אַלעס וואָס דער רבנישער אידישער מאָרח האָט געשאַפען — אין אַ פסוק חומש!!

די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה, דאָס איז אונזער דאָפּעלטער ברויט; דער שתי הלחם, וואָס מען האָט מקריב געווען שבועות אין בית המקדש, דאָס איז ווי דער נביא זאָגט: לכי לחמו בלחמי, די תורה דאָס איז דער געזונטער, נוויטיגער און נוצליכער שפּייז, דער ברויט פון אידישען פאָלק.

2 תורות, און — 2 לוחות האָט משה רבינו גענומען פון באַרג סיני, און די צוויי לוחות האָבען ענטהאַלטען די צוויי טהיילען פון יודענטהום, דער

וועלכע טראַגען זיך אוועק הויך, הויך, אין די הויכע הימלען אריין, דאָס מיינט עיון, נשמע, אָדער למטה, אונטען אין דער פּראַקטישער וועלט פון טאָן, אין עולם המעשה, איז די יעניגע וועלכע שטעהען הויך, זעהר הויך, זעהען דעם אמת אז משה איז למטה, אונטען אויף דער פּראַקטישער וועלט. אידען בויען שוהלען, תלמוד תורה׳ס, ישיבות, היטען שבת, לייגען תפלין, אָהן פילאָזאָפיע, זיי טוען, זיי שאַפען, און דאָרט איז משה!... די אָבער וועלכע שטעהען פון אונטען וייסען און פערשטעהען גאַנץ גוט אז משה איז למעלה, הויך, זעהר הויך, אין די סודות פון דער תורה, אין די טיעפע געדאַנקען פון דער תורה, דאָרט איז משה... נחלקו לשתי כתות, האָבען זיך אידען צושפּאַלטען אויף צוויי באַזונדערע כתות, צוויי קלאַסען אידען, פון עומדים למעלה אידען, ווי די אידען פון אלכסנדריה זענען געווען, וועלכע האָבען געזוכט דעם טעם פון דער מצוה, און ניט די מצוה אליין, און עומדים למטה, אידען וועלכע ווילען אַ טרוקענע מצוה אָהן תורה און אָהן שכל און אָהן אַ טעם. די אידישע געשיכטע אָבער לעהרענט אונז אז די עומדים למעלה אידען, אידען וואָס ווילען טעמים אָהן מצוות האָבען לאַנג ניט געקענט שטעהן אויבען... זיי זענען אַרונטערגעפאַלען... האָבען צובראָכען די קעפּ און פערלאָרען דעם מאַרך... די עומדים למטה אידען האָבען זיך לאַנג ניט געקענט האַלטען. פון שטעהן די גאַנצע צייט אונטען, ניט אַ פּליה טאָן אַ ביסעל העכער, איז די האַרץ זייערע פערשטיינערט געוואָרען... מצוות אָהן האַרץ און אָהן נשמה... אוןביידע האָבען געמוזט מודה זיין אז דאָרט וואו זיי זוכען איז משה ניטאָ... ווייל משה איז אי למעלה אי למטה... ער איז אַ איש אלהים, אי איש אי אלהים, אי שכל און מעשה, נעשה און נשמע, ווייל נור נעשה און נשמע מאַכען דעם אידען אַ גאַנצען ריכטיגען איד!!

און דאָס זאָגט שמעון הצדיק: על שלשה דברים העולם עומד, אויף 3 זאַכען שטעהט די אידישע וועלט: על התורה, דאָס איז עיון, דאָס איז נשמע, ועל העבודה, דאָס איז נעשה, ועל גמילת חסדים, דאָס איז — גוטע מדות, וועלכע מען דאַרף נויטיג האָבען צו דער תורה, וועלכע איז אַ תורת חיים, אַ תורה פון לעבען פאַר לעבעדיגע אידען. און דער לעבען פאַדערט גוטע מדות און קדושה, די קדושת החיים, די הייליגקייט פון לעבען!

ווען גאָט האָט אידען די תורה געגעבען האָט ער ניט געזאָגט אנכי ה׳ אלהיכם, מיט אַ לשון רבים, איך בין אייער גאָט, זאָנדערן ער האָט געזאָגט אנכי ה׳ אלהיך, מיט אַ לשון יחיד, איך בין דיין גאָט! ווייל אַלע אידען זענען דאַן געווען פאַראייניגט, אַלע אידען ווי איין איד. דער פּסוק זאָגט: ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה׳ נעשה, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט צוזאַמען, אַלע צוזאַמען

קומט לעהרנעו פארנאכט, ווען ער איז שוין אויסגעמאטערט פון א גאנצען טאָג לעהרנען ניט־אידישע למודים. אט די מכה פון 2, אלעס איז ביי אונז צו צוויי, האט אונז דער גלות געגעבען. דער גלות ווערט ביי אונז פארגעשטעלט אלס נח׳ס קאסטען, וועלכער שווימט אין א מבול... קיינמאל ניט זיכער... האט ניט קיין פעסטען באָדען אונטער זיך... עס שוועבט נור צווישען הימעל און ערד... אהן א יסוד, אהן א באָדען אונטער זיך, דאס איז נח׳ס קאסטען, און ביי נח׳ס קאסטען שטעהט אין חומש שנים, שנים באו אל נח אל התיבה!... צו צוויי, צו צוויי קומען אין נח׳ס קאסטען, 2 שבתים, צוויי שפראַכען, צוויי רבנים, צוויי שוהלעס, אלץ צו צוויי, „שנים שנים"... (זעה דעם זוהר פנחס, רע"מ רנ"ט).

און ווען אידען האבען גענומען די תורה האבען זיי געזאגט: נעשה ונשמע!! זאגט אונזער גרויסער לעהרער רבנו מנחם בן זרח אין זיין בעריהמטען ספר „צדה לדרך" אז דערפאר האט מען שבועות געבראכט אין בית המקדש די שתי הלחם צו מרמז זיין ביידע זאכען, אי נעשה, אי נשמע. מיר האבען נשמע אידען, אידען משכילים, וועלכע האבען ליעב די וויסענשאפט פון יודענטהום, האבען ליעב צו פילאזאפירען וועגן די עטהיק און מאראל פון יודענטהום, ווייסען דעם ריכטיגען דאטום ווען אביי און רבא זענען געבוירען געוואָרען, און וואס פאר א מאכלים זיי האבען ליעב געהאט: זיי ווייסען אבער ניט וואס אביי ורבא האבען געזאגט, זיי פעהלט די הוויות אביי ורבא, און ווען אפילו זיי ווייסען, פיהלען זיי ניט די קדושת התורה פון אביי ורבא, זענען ניט מקיים די מצוות המעשיות, וואס אהן דעם איז מען קיין איד ניט. דאגעגען האבען מיר נעשה אידען, וועלכע זענען ווייט פון נשמע, זיי דאווענען און ווייסען ניט קיין פירוש המלין, זיי טהוען א מצוה און ווייסען ניט די כוונה, דער טיעפער זין פון דער מצוה. האבען דאך אונזערע חכמים ז"ל שוין לאנג געזאגט „ולא עם הארץ חסיד" און זייערע מצוות זענען דאך ווי דער נביא זאגט „מצות אנשים מלומדה", ער טהוט דאס ווי א מאשין, פון געוואהנהייט, אבער אהן הארץ, אהן נשמה, אהן התלהבות, אום צו זיין א גאנצער איד, א מסירת נפש איד, א פייערדיגער איד, מוז מען זיין א נעשה ונשמע אידען, פערשטעהען דאס יודענטהום און היטען די מצוות המעשיות.

די גמרא זאגט (ראש השנה י"ז): בארבעה פרקים העולם נדון בפסח על התבואה, בעצרת על פירות האילן, שבועות איז דער יום הדין פון די פירות, דאן, דער טאג פון קבלת התורה. זאל יעדער פאטער און יעדע אידישע מוטער האבען א חשבון הנפש, און א ציטער טאן פאר דעם יום הדין פון זייערע אייגענע פירות, אונזערע קינדער זענען אונזערע פירות, די קינדער זענען אונזערע בכורים, וואס די בכורים „תביא בית ה' אלהיך", זיי דארפען אין בית המקדש זיין, ערצויגען ווערען ביים כהן, כי האדם עץ השדה, די עלטערען — דאס איז דער בוים, די קינדער — דאס זענען די פירות — ווען די קינדער רייסען זיך אוועק פון דער תורה זענען

טהייל וואס בעלאנגט צו גאט, בין אדם למקום, און דער צווייטער טהייל פון יודענטהום אין בעצוג פון מענש צו מענש, בין אדם לחבירו, און אין גלות איז אונזער גאנצער לעבען א דאפעלטער. מיר האבען שבת, דעם הייליגען שבת, און מיר האבען, צו אונזער גרויסען אומגליק, א צווייטען שבת, א שבת שני של גליות, דאס איז דער זונטאג, אט דער גוי׳עשער זונטאג, קאנקורירט זעהר שטארק מיט דעם שבת קודש, און דער גרעסטער טהייל אידען פון אמעריקא רוהען זונטאג און ארבייטען שבת!!!

מיר האבען צוויי שפראכען, העברעאיש — אדער לשון הקודש, די הייליגע נאציאנאלע שפראך פון דעם אידישען פאלק, און אידיש, די פאלקס־שפראך, די גלות־שפראך, וועלכע ווערט נערעדט ביי דעם גרעסטען טהייל פון אידישען פאלק, און עס געהט אן א שטארקער נארישער קאמפף צווישען העברעאיסטען און אידישיסטען. יעדער פון זיי וויל אז נור זיין ליעבלינגס־שפראך זאל זיין די הערשענדע שפראך פון פאלק, און זיי ווילען ניט פערשטעהן אז „מקום יש בראש להניח שתי תפלין", עס איז דא פלאץ פאר העברעאיש און פאר אידיש. פאר די יע־ניגע אומגליקליכע אידען וועלכע קענען נעביך ניט קיין העברעאיש, די אמת׳ע און די איינציגע נאציאנאלע שפראך פון דאס אידישע פאלק, מוז מען ריידען, שרייבען און אגיטירען אין אידיש, די שפראך וועלכע האט אריינגענומען אין זיך דעם קרעכץ, דעם שמערץ פון דעם אידען אין גלות, און וועלכע איז אזוי נאהענט און היימיש צו אונז, די שפראך אין וועלכער עס האט גערעדט דער ווילנער גאון, ר׳ זלמן ליאד׳ער, ר׳ חיים וואלאזשינער, דער צמח צדק, און אנדערע גאונים, צדיקים און קדושים.

מיר האבען צוויי סארטען רבנים אין אמעריקא, דער אלטער טראדיציא־נעלער רב, וועלכער איז „א מוסמך להוראה פון גאונים, וועלכער ווייס ש״ס ופוסקים, און איז דורכגעדרונגען מיט קדושת התורה, און דער נייער מאדערנער ראבי, וועלכער איז ניט קיין רב, נור א ראבי, וועלכער ווייס ניט קיין ש״ס ופוסקים, טאר קיין שאלות ניט פסק׳ענען, נור איז ביי זיין געמיינדע „א גייסטליכער פיהרער", א גוטער כלל־טהוער, א „סאשעל ווארקער", וועלכער גיט זיך אפ מיט אידישע כלל ארבייט, מיט ליטעראטור, און מיט זארגען און ארבייטען פאר די אידישע ערציהונג פון זיינע מעמבערס און האלטען דרשות וועגען „דזשודאיזם".

אונזער גאנצער לעבען אין גלות איז ניט קיין נארמאלער, עס פעהלט גאנצקייט און איינהייט אין אונזער לעבען. וואו נור מיר גיבען זיך א קעהר, זעהען מיר אלעס אין דער בחינה פון „שניות", פון „שתי רשויות", צוויי שוהלעס פאר אונזערע קינדער, איינע אין דער פריה, ווען דאס קינד איז אויס־גערוהט, דאס איז די גוי׳עשע „פאבליק סקוהל", און די צווייטע שוהלע, להבדיל בין קדש לחול, איז די העברעאישע, די תלמוד תורה, וואו דער קינד

און די תורה זאָגט אונז ועשית חג שבועות לה׳ אלהיך, דער יום טוב שבועות ווערט געפייערט נור צו גאָט, לה׳ אלהיך, דער גוף האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דיזען יום טוב, און דערפאָר, ווייל דער יום טוב שבועות איז א יום טוב פאַר דער נשמה, דערפאַר איז די שמחה גרויס, ווייל א גוף שמחה האָט קיין ווערדע ניט, ׳עס איז נור אויף איין מאָמענט, עס איז גאָר ניט, א נשמה שמחה אבער איז א דויערענדע, א טיעפע, א שטאַרקע, א זיכערע, און דערפאָר ווייל דו פייערסט דעם יום טוב שבועות אלס נשמה יום־טוב, ושמחת לפני ה׳ אלהיך אתה ובנך ובתך, זאָלסט זיך פרעהען פאַר גאָט דיין גאָט דו און דיין זוהן און דיין טאָכטער, ווייל די נשמה שמחה נעהמט ארום אלעס און אלעמען, אלע דאַרפען זיך פרעהען אין דעם יום טוב שבועות!

גיט אבער א קוק ביים יום טוב סוכות, דאָרט זאָגט די תורה „חג הסוכות תעשה לך, באספך מגרניך ומיקביך“. דער יום טוב סוכות איז ניט צו גאָט נאָר תעשה לך, דאָס איז דיין יום טוב, דו וועסט זיך פרעהען, און ניט אימער קענסטו זיך פרעהען, נאָר דאַן כי יברכך ה׳ אלהיך, ווען גאָט וועט דיך בענשען, ווען דו וועסט זיין רייך און גליקליך, אבער וועלכער מענש איז דאָס באמת גליקליך, איז טאַקי דערפאַר והיית אך שמח, אך איז א מעוט, אז ווען אפילו דו וועסט זיך פרעהען, וועט דאָס ניט זיין קיין גאַנצע שמחה נאָר א מעוט, א ביסעל געפרעהט זיך והיית „אך“ שמח! שבועות אבער, דער יום טוב פון דער אידישער נשמה, וועסטו זיך באמת פרעהען, ווייל דאָס איז דער יום טוב פון קבלת התורה, און דאַן — ושמחת לפני ה׳ אליהך! וועסטו זיך פרעהען אָהן אַן „אך“, נור אַן אמת׳ע גאַנצע שמחה.

היינט איז דער יום טוב פון אונזער תורה, און די תורה איז פאַר אונז אלעמ, די תורה איז די קמיע וועלכע ראטעוועט אונז פון אלע אומגליקען, די תורה וועלכע דער רבוני של עולם האָט אונז געגעבען דורך משה רבינו איז ניט א מתנה, א מתנה קען אמאָל זיין על מנת להחזיר, היינט גיט מען די מתנה דעם, און מאָרגען נעהמט מען ביי איהם צו די מתנה און מען גיט איהר אַן אַנדערען, די תורה איז דערפאר ניט א מתנה נאָר תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, די תורה איז אונז געגעבען געוואָרען אלס ירושה, בני בכורי ישראל! זאָגט דער רבונו של עולם, דער איד איז דער זוהן פון דעם רבונו של עולם, און די תורה איז א ירושה, און א ירושה טאָר מען ניט צונעהמען אפילו פון א שלעכטען זוהן און איבערגעבען צו א גוטען זוהן. און דערפאר וועט די תורה אייביג זיין מיט אונז, דאָס איז תורת עולם לעם עולם! (זעה ספר התנוך מצוה ת׳, שו״ת רוב״ש סימן קס״ז, רמב״ם יד החזקה הלכות נחלות, טוש״ע תו״מ סימן רעה — ספ״ה, אבן העזר סימן צ, קדושין י״ז, יבמות כ״ב, ב״ב, קי״א).

דער יום טוב שבועות איז אויך דער יום טוב פון געטליכער פרייהייט, דער גרויסער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פילאָזאָף ר׳ יהודה הלוי זאָגט אין כוזרי ווארום פאנגען זיך אָן די עשרת הדברות מיט אנכי ה׳ אלהיך אשר

זיי אראפּגעפּאלגע, ניט גוטע פּרוכט חס ושלום, און ווען די עלטערן וועלן אויפשטעהן פון זייער שלאף, ווען זיי וועלן וואך זיין, דאן וועלן זיי פיהלען און פערשטעהן די נויטיגקייט פון צו לעהרנען תורה מיט זייערע קינדער, און דערפאר איז מען אויף שבועות ביי נאכט. עלטערן! צו קבלת התורה טאָרט איהר ניט שלאָפען. און דער של"ה הקדוש, פון וועמען איך שטאם, זאגט דאס שבועות ביינאכט ווען מען איז וואך זאל מען ריידען לשון הקודש! לאמיר לעהרנען תורה, און די שפּראך פון דער תורה, לשון הקדש, און מיר וועלען זוכה זיין צו א גאולה שלמה, אמן!

שבועות

ועשית חג שבועות לה׳ מסת נדבת ידך ושמחת לפני ה׳ אלהיך אתה ובנך ובתך. (ראה).

שבועות און די אנדערע ימים טובים — קערפּער און גייסט — א מתנה און א ירושה — דאָס יודענטהום און פריי־הייט — ווען מען איז פאַרשקלאַפט צו אַן אידעאל — חירות הגוף און חירות הנפש — שכל און אמונה.

דער יום טוב שבועות איז העכער און הייליגער ווי אַלע אַנדערע ימים טובים פון א גאַנץ יאָהר. אַלע אַנדערע ימים טובים ווערען ביי אונז געפּייערט ווייל דאן האָבען־מיר א גוטען טאָג געהאַט, א יום טוב, פאר׳ן קערפּער, ווי צום ביישפּיעל דער יום טוב פסח, ווייל־מיר האָבען זיך בעפרייט פון צרות, גלות, שקלאַפעריי, קלעפּ און שמיץ, סוכות — מען קלייבט אריין די תבואה פון די פעלדער, עס וועט זיין גענוג צו עסען, די ענני כבוד האָבען אונז באשיצט, אַלץ זאַכען וועלכע בעלאַנגען צום גוף, שבועות אבער איז דער יום טוב פון גייסט! דער יום טוב פון קבלת התורה, און אַזוי ווי גייסט איז אימער העכער פון קערפּער, אַזוי איז דער יום טוב שבועות, דער יום טוב פון גייסט העכער און הייליגער ווי אַלע אַנדערע ימים טובים.

ניט אַלע זענען גלייך גייסטיג הויך — זאָגט דער רמב״ם, — איינער באַקומט נור א ביסעל גייסט, פאר זיך אַליין, אָבער ניט גענוג אויף צו לעהרנען און מ׳שפּיע זיין אויף אַנדערע, אַנדערע ווידער האָבען גענוג גייסט פאר זיך און אויך פאר אַנדערע. וואָס גייסטליכער א מענש איז אַלץ העכער און הייליגער איז ער (מורה נבוכים, חלק ב׳, פרק ל״ז), און אין דעם זין זאָגט אויך דער זוהר פ׳ ויקרא: אית מאן דזכה בנשמתא, ואית דזכה באתערותא דרוח, ואית דלא זכה אלא בנפשא, עס גיבט פערשיעדענע מדרגות אין דעם מענשליכען נעטליכען גייסט. און אַזוי זאָגט אויך דער בעוואוסטער מקובל דער רמ״ק אין זיין ספר הפרדס (שער ל׳ פ״ג), און דערפאַר וואָס גרעסער און הייליגער דער איד איז אַלץ מעהר און טיעפער פיהלט ער די הייליגקייט פון דעם יום טוב שבועות! דער איש הרוח פייערט מיט בעגייסטערונג דעם חג הרוח, דעם יום טוב פון קבלת התורה!

א מענש פון דער נאַטור מוז זיין פערשקלאַפט צו א העכערען כח פון זיך, קיין פאָלשטענדיגע אבסאָלוטע פרייהייט איז ניטאָ, און אזא ווילדע פרייהייט איז אַ געפאהר, איז א איד ניט פערשקלאַפט צו גאָט, איז ער א שקלאַף צו די נידעריגסטע ברוטאַלע ליידענשאַפטען וועלכע ער קען דאַן בשום אופן ניט קאָנ־טראָלירען.

פסח האבען מיר באקומען פרייהייט, קערפּערליכע פרייהייט, דער גוף האָט זיך אויסגעגלייכט פון דעם קאַנטשיק, דאָס איז ח י ר ו ת ה ג ו ף, אָבער קיין אמת'ע נשמה פרייהייט, דאָס איז ניט קיין ח י ר ו ת ה נ פ ש. שבועות אָבער באקומען מיר די אמת'ע פרייהייט, די נשמה פרייהייט, די ח י ר ו ת ה נ פ ש. אי חרות הגוף אי חירות הנפש, און דאָס זאָגט טאַקי דער פסוק אנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מ ב י ת ע ב ד י ם, איך, גאָט, האָב דיך בעפרייט פון מצרים פון דער הויז פון ק נ ע כ ט. צוויי סאָרטען קנעכט, אי א ג ו ף און אי א נ ש מ ה קנעכט, ווייל אמת'ע פרייהייט קומט נאָר מיט דעם יום טוב שבועות, מיט קבלת התורה, א י ן ל ך ב י ן ח ו ר י ן א ל א מ י ש ע ו ס ק ב ת ו ר ה!

און מיר לייענען רות אום שבועות, דאָרט לייענען מיר ווי נעמי, וועלכע איז דער סימבאָל פון די כנסת ישראל, נעמי וועלכע איז דער ביישפּיעל פון אידישע פאָלק, נעמי איז רייך און גליקליך מיט פיעל קינדער אין איהר לאַנד, דאָס אידישע פאָלק, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט נעמי'ן האָט פּאַסירט מיט דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל, און אַן אומגליק טרייבט איהר ארויס פון ארץ ישראל, איהרע קינדער ווערען אסימילירט אין גלות, שטאַרבען אויס, און דער רבונו של עולם ער איז בועז, דאָס איז צוויי העברעאישע ווערטער ב ו ע ז, אין איהם איז ש ט א ר ק י י ט, און זי, רות, די טאָכטער פון נעמי, איהר זוהנ'ס פרוי, די יונגע אלמנה, וועלכע איז ביי איהר פאררעכענט אַלס אייגענע טאָכטער, זי איז ד י י ו נ ג ע א י ד י ש ע פ א ל ק, ווייל אַ גאולה, זי זאָגט צו בועז, צום רבונו של עולם, ופרשת כנפיך על אמתיך! ער זאָל איהר אויסלייזען, בועז איז דער ג ו א ל, און ער זאָגט הלא שמעת בתי אל תלכי ללקוט בשדה אחר, זוך ניט קיין אנדערע פעלדער פון וויסענשאַפט, נאָר באַשעפטיג דיין קאָפּ, דיין הארץ און דיין נשמה און דיין אייגענע פעלד, אין דער הייליגער תורה. ולא תעבורי מ ז ה, געה ניט אוועק פון דעם רבונו של עולם, פון ז ה אלי ואנוהו. (זעה בית מועד, דרוש ל"ר).

דער איד דאַרף מקבל באהבה זיין די שקלאַפעריי פון גאָט, לערנען, שטו־דירען די תורה, און טאָן מצוות, אָבער דאָס מיינט ניט אז ער טאָר ניט קלערה־רען, דענקען, פילאָזאָפירען, פערשטעהן דעם טעם פון יעדער מצוה, חס ושלום! אזא שקלאַפעריי וויל ניט די תורה. אדרבא, די תורה וויל פרייהייט, און נאָר פרייהייט, אָבער אין די שקלאַפעריי פון מענש צו גאָט ליגט ד י א מ ת' ע, ד י ה ע כ ע ר ע פ ר י י ה י י ט. זאָגט דער ב י נ ה ל ע ת י ם על מה נאץ רשע אלהים?! אמר בלבו לא תדרוש! דער וואָס וויל ניט דענקען

הוצאתיך מארץ מצרים, איך בין דיין גאט וועלכער האב דיך ארויסגעצויגען פון דעם לאנד מצרים, און ניט אנכי ה' אלהיך אשר בראתי השמים והאר"ץ וכל צבאם, עס וואלט געווען פיעל וויכטיגער און פאסינער ווען גאט פאנגט אן די עשרת הדברות ניט מיט א פרט, מיט יציאת מצרים, נאר מיט א כלל. איך בין דיין גאט וועלכער האב בעשאפען הימעל און ערד און אלעס וואס די וועלט פאר־מאגט. דאס איז א כלל, א גרויסע וועלטליכע ארבייט, וויכטיגער ווי יציאת מצרים? ! און דער כוזרי האט וועגען דעם א געוויסען תירוץ, דער בעוואוסטער דרשן פוסק און גאון רבנו ע ז ר י ה פ י ג ו ז"ל זאגט אבער וועגען דעם א וואונדערבארען גוטען געדאנק אין זיין ספר בינה לעתים דרוש מ"ד, אז דערפאר פאנגען זיך אן די עשרת הדברות מיט יציאת מצרים צו צייגען, אז די גרעסטע, הייליגסטע און וויכטינגסטע זאך אין דער וועלט איז — פ ר י י ה י י ט. און דערפאר זאגט ער „אשר הוצאתיך מארץ מצרים מ ב י ת ע ב ד י ם". ניט נאר א איד, א מענש, קען ניט לעבען אהן פרייהייט, נאר אפילו א בעל חי וואס קען ניטריידען, א שטומע חיה, מוז פרייהייט האבען, און ווען מען נעהמט צו פון זיי די פרייהייט, געפינען זיי זיך אין א שרעקליכע לאגע און זיי זיינען שרעקליך פארזארגט און אומעטיג.

א פויגעל ווען זי איז פריי אונטער'ן הימעל, זינגט זי זעהר שעהן, איהר געזאנג, איהר קאנצערט וואס זי גיט ניט אפ יעדען פריהמארגען אין וואלד, מאכט פרעהליך א מענשליכע הארץ, איהר געזאנג איז א געזאנג פון פרייהייט, ווען מען כאפט אבער די פויגעל און מען פארשפארט איהר אין א שטייג, די פויגעל זינגט אומעטיג, הארצרייסענד, גאנץ שטיל, די פויגעל ווערט אויס פוי־געל ווען זי פארלירט איהר פרייהייט. מען דארף אבער זיין א מבין אויף פרייהייט, אמאל איז ווען מען איז פערשקלאפט צו א גרויסען הייליגען אידעאל, איז אט די שקלאפעריי די העכסטע פרייהייט. זיין פערשקלאפט צו א הויכע געטליכע פערזאן איז דאס ניט קיין שקלאפעריי, און אונזערע חכמים זאגען אויף דעם פסוק ולה שפחה מצרית ושמה הגר, ארשב"י הגר בתו של פרעה היתה, וכיון שראה פרעה מעשים שנעשו לשרה בביתו, נטל בתו ונתנה לה, אמר: מ ו ט ב ש ת ה א ב ת י ש פ ח ה ב ב י ת ז ה, ו ל א ג ב י ר ה ב ב י ת א ח ר. ה ג ר, די דינסט פון שרה איז געווען — זאגט דער מדרש — די טאכטער פון פ ר ע ה, און ווען פרעה האט געזעהן ווי הייליג און אריסטאקראטיש שרה איז, האט פרעה געזאגט ב ע ס ע ר ז א ל מייז טאכטער הגר זיין א דינסט ביי שרה'ן אין הויז, ווי זיין א הארענטע אין אנ'אנדער הויז. פרעה איז געווען אמבין אויף שקלאפעריי, און ער האט געוואוסט דעם סוד אז זיין פערשקלאפט ביי א גרויסע הייליגע פערזענליכקייט איז דאס ניט קיין שקלאפעריי, און בפרט ווען א איד ווערט אין גאנצען פער־שקלאפט צום רבונו של עולם, צו זיין הייליגע תורה, צו זיינע מצוות איז ער דאן דער העכסטער איד און געניסט פון אמת'ע אינערליכע פרייהייט.

שבועות

בשעה שירד משה מלפני הקדוש ברוך הוא, בא שטן ואמר לפניו: רבונו של עולם תורה היכן הוא? אמר לו נתתיה לארץ הלך אצל הארץ ואמר תורה היכן היא? אמר לו אלקים הבין דרכה, הלך אצל הים ואמר לו אין עמדי, הלך אצל תהום ואמר לו אין בי, שנאמר תהום אמר אין בי וים אמר אין עמדי, אבדין ומות אמרו באזנינו שמענו שמעה, חזר ואמר רבינו של עולם, חפשתיה בכל הארץ ולא מצאתיה, אמר לו לך אצל בן עמרים, הלך אצל משה ואמר לו תורה שנתן לך הקדוש ברוך היכן היא? אמר לו וכי מה אני שנתן לי הקדוש ברוך הוא תורה? אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, משה, בדאי אתה? אמר לו רבונו של עולם חמדה גנוזה ישלך שאתה משתעשע בה בכל יום, אני אחזוק טובה לעצמי? א"ל הקדוש ברוך הוא למשה הואיל ומיעטת עצמך תקרא על שמך שנאמר זכרו תורת משה עבדי (מסכת שבת).

די תורה און דער שטן — דער שטן און די רעפאָרם יודענטהום — די תורה און די צייט — די גרינגע מלמדים און די אַמעריקאנער קינדער — פלפול-אידען און סדור אידען — די אידישע פרויען און די תורה.

אין אלע צייטען און אין אלע לענדער קומט דער שטן און פרעגט תורה היכן היא? וואו איז די תורה? יעדער דור האָט זיין שטן, יעדע צייט, יעדע תקופה האָט איהר שטן, עס קומט דער „שטן" און מאַכט זיך פאר א צדיק און פרעגט צו וואָס דארף מען לערנען מיט קינדער די אידישע געשיכטע, העברע־איש, דקדוק, תורה היכן היא? ! וואו איז די תורה?... געוויס מוז מען לערנען מיט אונזערע קינדער תורה, קינדער מוזען לערנען און גוט וויסען חומש, רש"י, נביאים, משנה, גמרא, דינים ומנהגים, די למודים זיינען דער עיקר, אָהן די אויבען דערמאנטע למודים קען ניט זיין קיין ריכטיגע אידי־שע ערציהונג. אבער אויסער דיעזע למודים מוז געלערנט ווערען מיט אונ־זערע קינדער די העברעאישע שפראך, לשון הקודש, העברעאיש איז דער שלי־סעל צו אלע אונזערע אוצרות, ווייל אלע אונזערע ספרים זיינען דאך געשריבען אין העברעאיש, ווייל מען אין א הייליגען אידישען ספר אריינקוקען, מוז מען העברעאיש קאָנען, מען מוז באקאנט מאכען אונזערע קינדער מיט די געשיכטע פון אונזער פאָלק, מיט זיינע גבורים, קדושים, גדולים, גאונים, די גייסטיגע ריעזען פון אלע צייטען, און דער יעניגער וואָס זאָגט אז מען דארף ניט לערנען אונזערע קינדער העברעאיש, אידישע געשיכטע, אידישע געזאנג, דער טענה'ט די טענה פון שטן תורה היכן היא? !...

דער שטן וויל רעפאָרם, ער האלט זעהר שטארק פון רעפאָרם יודענטהום, ער זאָגט אז מען האָט אָנגעשריבען אזוי פיעל פשט'לאך, פלפול, גזירות און גזירות לגזירות, אז די תורה אליין זעהט זיך גאָר ניט אָן, דער שטן פרעגט דער־פאר תורה היכן היא? !... און ווען נאָט שיקט דעם שטן צו דער ערד, וואו מענשען, וואו אידען לעבען על פי דרך התורה, ווייל די תורה איז ניט

קלעהרען, פילאזאפירען איבער גאטהייט און יודענטהום ווערט ער אן אפיקורס ווייל דער רשע קלעהרט ניט, דערפאר ווערט ער א רשע על מה נאץ רשע אלהים? ווארום דערצארענט דער רשע גאט? ווייל אמר בלבו לא תדרוש! ווייל דער רשע זאגט אין זיין הארצען צו זיך אליין לא תדרוש! קלעהר ניט! דענק ניט! פילאזאפיר ניט! מען טאר ניט קלעהרען! לא תדרוש! אט פון דעם לא תדרוש נעהמט זיך דער נאץ רשע אלהים!! ער זאגט איהם קלעהר ניט צו עס איז דא א גאט, דערווייל וויים ער טאקי ניט צו עס איז דא א גאט!

געוועהנליך, צו חקירה מוז מען אמונה האבען, אהן אמונה קען מען קיין איד ניט זיין, און דארט וואו די חקירה האלט שמאל, מוז מען זיך אנשפא־רען אן אמונה, און ביי אמונה זיינען אלע מצוות און אלע ענינים פון דער תורה גאנץ גלייך, אלע זיינען הייליג, און אלע זיינען וויכטיג. דרך אמונה בחרתי. ווען איך קלייב אוים די וועג פון גלויבען, פון אמונה, דאן איז משפטיך שויתי, דאן זיינען אלע משפטים פון גאט און פון דער תורה אלע גלייך, נאר דער שכל אנאליזירט, פערגלייכט, שאצט אפ, וועלכעס איז וויכטיג, און וועלכים איז וויכטיגער, אבער ווי עס קומט צו אמונה, איז אלעס הייליג. און אלעס אין דער תורה הקדושה איז וויכטיג. ר׳ עזריה פיגו זאגט אבער זעהר ריכטיג „אם אפשר לחבר השמירה עם השכל בקיום המצוות מה טוב ומה נעים“ (בינה לעתים, דרוש מ״ה) אויב מען קען פאראייניגען די מצוות צוזאמען מיט דעם שכל איז געוויס גוט.

זאל אונז הקדוש ברוך הוא העלפען צו לערנען די תורה, היטען איהרע מצוות, און וויסען דעם שכל פון דער תורה, די נשמה פון דער תורה, און מיר זאלען זוכה זיין צו מקיים זיין אויך די מצוות התלויות בארץ, אין ארץ ישראל, אמן! ואמן!

טערגעהן, ווייל די גרעסטע סכנה פאר'ן יודענטהום איז ניט קענען די תורה, דערפאר טענה'ט ער אָדער גאָר אָדער גאַרניט, אָדער פּלפּול אידען אָדער סדור אידען. דער אמת אָבער איז אז פּלפּול איז געווים א גוטע זאך, דער רבונו של עולם פרעהט זיך מיט פּלפּול התורה, אָבער—עס קען זיין א שטארקע און הייליגע יודענטהום אהן פּלפּול, „אין מקרא יוצא מדי פשוטו“, וועו מען וויים דעם פּשט פון דער תורה, רמז, דרוש און סודות התורה, איז אויך גענוג!...

דער שטן וויל אונז נארען, ער וויל אונז איינשמועסען, אז די תורה געפינט זיך ביי „אבדון ומות“, דארט וואו עס איז קיין לעבען ניטאָ, וואו עס איז ניטא קיין שעהנקייט. די תורה — זאגט דער שטן — געפינט זיך נור וואו קיין לעבען איז ניטא, דארט וואו ארעמקייט און צרות און דחקות איז פאראן, דארט וואו „אבדון ומות“ איז, דארט זוכט די תורה! אָבער דאָס איז א שרעקליכער און מיאוס'ער ליגען. דער ירושלמי זאגט אין קידושין: „עתיד אדם ליתן דין על כל מה שראתה עינו ולא אכל“, אין געגענטהייל א איד דארף און זאל געניסען פון לעבען על טהרת הקודש, וויפיעל נור ער קען. א איד א בן תורה זאל געניסען פון לעבען, נור בהיתר און ניט חם ושלום באיסור. און די תורה איז א תורה פון לעבען, לא נתנה תורה למלאכי השרת, די תורה איז געגעבען געווארען ניט צו מלאכים נור צו מענשען!... די תורה איז מענשליך, און דער גרעסטער און הייליגסטער איד און מענש, משה רבינו, דער מקבל התורה, רופט זיך בן עמרם, ניט גאָט'ס זוהן נור עמרם'ס זוהן. די תורה פון גאָט'ס זוהן טארען מיר ניט נעהמען, און ווען אפילו מען האט אונז געברענט אויף די פייערען פון דער אינקוויזיציע, מיר זאלען אננעהמען די פאלשע תורה פון גאָט'ס זוהן, האבען מיר זיך געלאזט פארברענען, מיר זענען געשפרונגען אין פייער און אין וואסער, מיר האבען געקוילעט אונזערע קינדער און זיך, און האבען ניט גענומען און וועלען ניט נעהמען תורה'ס פון גאָט'ס זוהן. גאָט'ס זוהן איז נור דאָס אידישע פאָלק בכלל, בני בכורי ישראל, אָבער נעהמען די תורה האבען מיר גענומען פון „בן עמרם“, און גאָט זאגט דערפאר: לך, געה, ניט צום „איש אלהים“, ניט צום „רעיא מהימנא“, נור לך אצל בן עמרם, און אָט דער בן עמרם איז א איש אלהים, „מחציו ולמטה איש, מחציו ולמעלה אלהים“.

גייסטליך און קערפערליך! אמאָל איז דער איד געווען מעהר רוחני, מעהר גייסטליך, היינט איז ער געווארען מעהר גשמי. זאגט דער ילקוט א בריליאנטענע ווארט: „וזאת לפנים בישראל, על הגאולה ועל התמורה, ר"ח בר פפא פתר קריא בישראל, אתמול הייתם מקלסים על הגאולה, שנאמר זה אלי ואנוהו, ועכשיו על התמורה, שנאמר וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב“ (ילקוט רות).

נעכטען און היינט! אמאָל און היינטיגע צייט! אמאָל, פארצייטען, האבען אונזערע עלטערען געלויבט גאָט על הגאולה, ווייל די אידישע

אויפ׳ן הימעל, לא בשמים היא, ענטפערט איהם אבער די ערד, אז א ל ה י ם הבין דרכה. די תורה וועלכע איז געגעבען צו מענשען קען ניט, דארף ניט, און טאר ניט רעפארמירט ווערען, ניט די תורה דארף זיין נאך דער צייט נאך — ווי דער שטן וויל האבען — נאר די צייט דארף זיך צופאסען צו די תורה, די צייט איז קורץ, ניט שטענדיג, צייטען בייטען זיך, אבער די תורה איז אן א י י ב י ג ע, די תורה בייט זיך ניט, אזוי ווי די נאטור בייט זיך ניט, אזוי ווי הימעל און ערד בייטען זיך ניט, און ווען מען זאל קענען בייטען און ענדע־רען די תורה ווי די רעפארמער ווילען, דאן וועט דאס זיין אויף א קורצע צייט א ת ו ר ת ח י י ם, א תורה פון לעבען, דער לעבען בייט זיך אימער, און אזא תורה וואס מוז זיך אימער צופאסען צום לעבען מוז זיך אויך אימער בייטען, אבער קיין נ ע ט ל י כ ע תורה וועט דאס ניט זיין, עס וועט ניט זיין קיין ת ו ר ה ה ק ד ו ש ה, און אונזער תורה איז דאך א נעטליכע תורה! —

דער שטן געהט צום ים, ער זוכט די תורה ביים ים, ער טענה׳ט אז נאר די נ ר י נ ע, די וואס דער ים האט ערשט געבראכט, די יעניגע אידען וועלכע קומען פון יענעם זייט ים, נאר ביי זיי איז די תורה, אין יוראפ, אויף יענעם זייט ים, דארט איז די תורה, אבער אין אמעריקא קען קיין תורה ניט זיין, דאס זאגט דער שטן! ער וויל צונעהמען דעם מוטה פון די אמעריקאנער אידען, אז זיי זאלען ניט שטיצען די היגע תלמוד תורה׳ס און ישיבות, ווייל אלעס וואס דא ווערט געטאן פאר תורה איז ארויסגעווארפען, ווייל דיעזע לאנד איז ניט קיין פלאץ פאר תורה, נאר אויף יענעם זייט ים איז די תורה און ניט דא, ניט אין דיעזען לאנד. דער ים אבער זאגט „אין עמדי" די אידישע אמעריקאנער געבוירענע קינדער זיינען ניט מיט מיר, זיי פארשטעהען מיך ניט, זיי קענען מיך ניט פערשטעהן... און איך קען ז י י ניט פערשטעהן... און דערפאר קען די ים תורה, די אריבערגעקומענע תורה מלמדים ניט משפיע זיין אויף די היגע יוגענד, און ווען די פון ים אריבערגעקומענע ווילען באמת ערציהען דעם היגען געבוירענעם אידישען דור אין דעם גייסט פון דער תורה, מוזען זיי צוליב החזקת התורה והיהדות צופאסען זיך צו די היגע אומשטענדען, און מען קען, ווען מען וויל נאר, ערציהען די היגע געבוירענע קינדער אלס אמת גוטע ערענסטע טרייע אידען צו אלץ וואס ביי אונז איז ליעב, הייליג און טהייער.

און דער שטן געהט זוכען די תורה צום ת ה ו ם, צו די פ ל פ ו ל זאגער, וועלכע קענען אריינדרינגען אין די טיעפעניש פון דער תורה, וועלכע לאזען זיך אראפ צום ת ה ו ם מיט זייערע שארפזיניגע פלפולים, און וויבאלד אז היינ־טיגע צייטען ביי היינטיגע אומשטענדען איז כמעט ווי אונמעגליך צו לעהרנען מיט אונזערע קינדער פלפול, קיין תהום לומדים וועלען זיי דאך זא ווי זא ניט ווערען, בכן איז אלעס ארויסגעווארפען, און מען דארף איהם נור לעהרנען א ביסעל „עברי"־זאגעכץ, ער זאל קענען דאווענען, און דאס אלעס. אזוי טענה׳ט דער שטן, פארפלוכט זאל ער ווערען! ער וויל אז עס זאל אויסוואקסען א דור פון עם הארצים, ווייל נור דורך עם הארצות קען חס ושלום יודענטהום אונ־

גייסט, און ווי וויכטיג עס איז צו ערציהען אונזערע טעכטער אין דעם אידישען גייסט, ווייל דער הויפט פאַקטאָר אין יודענטהום זענען די אידישע פרויען, און ווען גאָט האָט געדאַרפט געבען די תורה האָט ער געזאָגט צו משה רבינו: „כה תאמר לבית יעקב, אלו הנשים, בעפאָר מען גיט די תורה צו אידען, דאַרף מען זיך דורכשמועסען אַפריהער מיט די אידישע פרויען, זיי זאָלען וועלען נעהמען די תורה. פרעגט דער מדרש: „ולמה לנשים תחלה? ווארום דאַרף מען ריידען וועגען דער תורה צו די פרויען צוערשט? ענטפערט דער מדרש: „כדי שיהו מנהיגות את בניהן לתורה“ (מדרש רבה פ׳ כ״ח), לעהרנען מיט קינדער תורה, דאָס איז די הייליגע פפליכט פון דעם פאָטער, אָבער פיהרען דעם קינד צו תורה, ליעב מאַכען איהם די תורה און אידישקייט, דאָס בעלאַנגט צו דער מוטער. און ווילען מיר געווינען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פאַר תורה, מוזען מיר פאַראינטערעסירען די פרויען אין דער געטליכקייט פון דער תורה, ווייל ווען די פרויען וועלען ליעב האָבען די תורה וועט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק ליעב האָבען די תורה. די מענער וועלען נאָכפאָלגען די פרויען. אזוי זאָגען אונזערע חכמים: „ר׳ פנחס אמר ערב שבת עמדו ישראל בהר סיני, האנשים לבד והנשים לבד, אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, לך לבנות ישראל אם רוצות לקבל את התורה, מפני שדרכם של אנשים הולכים אחר דעתן של נשים (פרקי דר״א פ׳ מ״א).

ביים באַרג סיני, ווען אידען האָבען גענומען די תורה — זאָגט דער מדרש — זענען געשטאַנען ביי קבלת התורה מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער, האָט גאָט צו משה׳ן געזאָגט: געה צו די אידישע טעכטער, צי ווילען זיי נעהמען די תורה, ווייל דער עיקר זענען די פרויען, די מענער שלעפען זיך נאָך נאָך דעם מיינונג פון די פרויען, און אז די פרויען וועלען נעהמען די תורה וועלען דאַן די מענער אויך היטען די תורה.

ווען מיר לייענען היינט אין שוהל די מגילה פון רות, געפינען מיר דאָרט ווי רות זאָגט צו איהר שוויגער־מוטער נעמי: „עמך עמי, ואלהיך אלהי“ — דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט. און אָט אין די פּאָר ווערטער ליגט א מוסר השכל פאַר אונז, אז דער וואָס האָט ליעב דאָס אידישע פאָלק מיט אַן אמת, דער יעניגער האָט ליעב אַלעס וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט: דעם שבת, די תורה, די העברעאישע שפּראַך. ווען עמך עמי, ווען דיין פאָלק איז מיין פאָלק, איז ואלהיך אלהי, וועט דיין גאָט ווערען מיין גאָט.

און אום אונזערע קינדער זאָלען אויסוואַקסען ווירקליכע גוטע בעניים־טערטע אידען איז נויטיג צו געבען זיי א גאַנצע אידישע ערציהונג, אי א רעליגיעזע און א נאַצאָנאַלע, דאָס אונזער פאָלק, אונזער גאָט זאָל זיין זייער גאָט, און דאַן וועלען מיר זוכה זיין צו א גאולה שלמה, במהרה בימינו.

אמן! ואמן!

נשמה איז אויסגעלייזט געווארען פון דער ממשלה פון די שלעכטע ליידענ־שאפטען, את מול היתם מקלסים על הגאולה, און דער איד האט אימער פארהיילינגט און פארגעטערט שעהנקייט, געטליכע שעהנקייט, מאראלישע שעהנקייט. א איד וועלכער איז געווען שרעקליך העס־ליך, אפגעלאזען, פערנאכלעסיגט, בנוגע צו קערפערליכע אינטערעסען, און וועל־כער האט פערמאגט א רייכע, א שעהנע נשמה, וועלכער איז גע־שטאנען מאראליש זעהר הויך, וועלכער איז געווען א צדיק, און טראץ דעם וואס ער האט געהאט ניט קיין שעהנעם פנים, ניט קיין שעהנעם קערפער, האבען אלע געזאגט אז ער איז — א שעהנער איד, ווייל דער איד האט געזעהן שעהנקייט אין מדות טובות, אין מאראל, אין אידישקייט. שעהנקייט ליגט אין גאטהייט, „זה אלי ואנוהו“, אין מיין גאט ליגט די העכ־סטע און די נאבעלסטע שעהנקייט. דאס איז געווען אמאל, פארצייטען. אבער היינט ווערט מען פארגרעבט, פארקערפערט, דער צוועק פון לעבען היינט — איז דער לעבען אליין, צו האבען א „גייד טייב“. דער לעבען האט קיין אינהאלט ניט, דער מענש האט ניט צו טאן מיט דער נשמה, ער וויל ניט זעטיגען דעם נשמה־הונגער, דער מענש איז פערוואנדעלט געווארען אין א שור אוכל עשב, א אקס וועלכער עסט גראז און ווערדזשעט־טייבעלס, אום שטארקער צו מאכען זיין קערפער! פארצייטען האבען עלטערען נחת געהאט ווען זייער זוהן איז בלאס און שוואך, ווייל ער לעהרענט כסדר. ער האט דאך ניט „א טראפען בלוט אין זיך“, פלעגט די פארציי־טיגע מוטער דערצעהלען וועגען איהר קינד, דעם למדן, מיט אן איסערגעווהענ־ליכען שטאלץ. און היינט שיקט מען ניט הונדערטער טויזענדער אידישע קינ־דער אין תלמוד תורה לעהרנען א אידיש ווארט, ווייל זיין קערפער וועט דאן ניט זיין שטארק גענוג, „וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב“.

און די גמרא דערצעהלט אונז אין מנחות דף כ"ט, אז משה רבינו איז ארויף אויפ'ן הימעל האט מען איהם געצייגט דעם גרויסען גייסטליכען ריזען רבי עקיבא, וועלכער איז געווען איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, וועלכער האט פערגאסען זיין לעצטען טראפען בלוט על קדוש השם. אבער די גרעסטע טראגעדיע איז „ששוקלין את בשרו“, ווי מען זעהט ווי ר' עקיבא'ן שאצט מען ניט פיעל רוח, וויפיעל גייסט ער האט, נור מען וועגט זיין פלייש, וויפיעל פלייש ער האט! און ר' עקיבא'ס אייניקלאך היינט צו טאג בלייבען אהן א פיצעל נשמה, נור מען וועגט זיך ווי־פיעל „פונטלעך פלייש“ עס קומט זיי צו אין די זומער־מאנאטען פאר ימים נוראים, „שוקלין את בשרו!“... און ניט אלע ווייסען אז די וועג פון יודענ־טהום און צום יודענטהום איז דרך הרוח — די וועג פון גייסט, אידישען גייסט!!...

און היינט, שבועות, דער יום טוב פון דער תורה, איז נויטיג און זעהר וויכטיג צו בעטאנען די וויכטיגקייט פון דער אידישער תורה און פון אידישען

די זיבעז שבתים פון נחמה, צו צייגען אז דער וואס קלאָגט אויף דעם חורבן פון ארץ ישראל, פון בית המקדש, פון ירושלים, וועט ניט א י ב י ג קלאָגען. נאָך די טרעהרען, קרעכצען און זיפצען, וועט קומען פרייד, גליק און טרייסט; נאָך די „פורעניתא" וועט קומען „נחמתא". כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, דער וואס קלאָגט אויף ירושלים איז ניט נור ער ו ו ע ט זעהן די נחמה פון ירושלים, ניט נור אין דער ווייטער צוקונפט וועט ער זעהן די נחמה פון ירושלים, נור ר ו א ה, ער זעהט יעצט, אין דעם געוויין פיהלט ער אז די נחמה וועט קומען, וועט מוזען קומען, ווייל — מקבלין תנחומין על המת, ואין מתקבלין תנחומין על החי, אויף א מענשען וואס איז טודט לאָזט מען זיך טרייסטען, ווייל עס איז דאָך שוין אַלעס פארפאלען, ער איז דאָך טוידט, אבער מען לאָזט זיך ניט טרייסטען אויף א לעבעדינגען. וואלט ווירקליך ארץ ישראל געווען טוידט פאַר אונז, אזוי אז מיר וואלטען ניט געהאט די קלענסטע האָפנונג אויף אפצולעבען איהר, דאן וואלטען מיר א שבת נחמו געהאט, אבער מיר וואלטען ניט געהאט יערען יאהר א בין המצרים, דריי וואכען, נייען טעג, שבעה עשר בתמוז, תשעה באב. מיר וואלטען דאן א ו י פ ג ע ה ע ר ט ק ל א ג ע ן, ווייל — פארפאלען, ארץ ישראל איז טוידט פאַר אונז, אין מקבלין תנחומין על המת! אבער אונזערע דריי וואכען, 9 טעג, און תשעה באב זענען שטארקער ווי אונזער שבת נחמו, איז א בעוויז אז ארץ ישראל לעבט און וועט לעבען, און — אין מקבלין תנחומין על החי! אויף א זאך וואס לעבט קען מען זיך ניט לאָזען טרייסטען!! און דערפאַר כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ושאינו מתאבל על ירושלים אינו זוכה ורואה בשמחתה, דער וואס קלאָגט ניט אויף ירושלים איז א בעוויז אז פאַר איהם איז ירושלים, חס ושלום, טוידט! אזוי אז עס העלפט ניט דער קלאָגען. און וויבאלד אז ער איז ניט א מתאבל על ירושלים, איז א סימן אז א י נ ו ר ו א ה, ער זעהט יעצט ניט בשמחתה, אין איהר פרייד, ער קען ניט זעהן ווי אזוי ירושלים וועט אמאָל גליקליך און פרעהליך זיין, ער דענקט אז ירושלים איז שוין אינגאנצען פארלארען פאַר אונז, אז עס העלפט שוין ניט קיין קלאָגען. אז איך דאַרף פאַר־שטעהן אז ניט ירושלים איז פארלארען פאַר אונז, פאַר איהם, נור ע ר איז פארלארען פאַר ירושלים און פאַר דעם גאנצען אידישען פאָלק.

דאס לעהרענט אונז די שרעקליך אומעטינע צייט פון בין המצרים. מיר דארפען אבער דורך די טרויער, דורך די טרעהרען, דורך די תעניתים פון שבעה עשר בתמוז און תשעה באב לייטערען אונזערע אידישע נשמות, און פארבונדען זיך שטארקער, פעסטער מיט דעם כלל ישראל און העלפען ארבייטען פאַר בויען און אפלעבען די חורבות פון ציון וירושלים, דאן וועלען מיר זוכה זיין צו זעהן בנחמת ציון וירושלים.

רבותי! אין אונזער גרויסען אומעט זעהען מיר שטראַהלען פון פרייד, פון נחמה, אין אונזער קלאָג זעהען מיר שמחה, און ווייל מיר קלאָגען אזוי שטאַרק אויף דעם חורבן איז דאָך א סימן אז מיר גלויבען צו דערלעבען די

בין המצרים

בין המצרים — די דריי וואָכען — די נייען טעג — א פילאזאָפישע ערקלעהרונג איבער אונזער נאַציאָנאלען אומעט און צער — א לעבעדיגע ארץ ישראל און טויטע אידען.

די טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז נאך תשעה באב רופען זיך די דריי וואכען, און די טעג פון אב ביז תשעה באב רופען זיי זיך די נייען טעג, אויסער דעם נאָמען „די דריי וואכען". אין אידיש רופען זיך אט די דריי אומעטיגע וואכען, אט די וואכען פון נאַציאָנאלען טרויער, רופען זיי זיך אין העברעאיש מיט דעם נאָמען „בין המצרים", ווייל בין המצרים מיינט אין העברעאיש צווישען די לאַגערען, די גרעניצען. און דער געטליכער מקינן, ווען ער באקלאגט מיט די שארפסטע ווערטער דעם חורבן פון בית המקדש פון ארץ ישראל, און פון דאָס אידישע פאלק, גיט ער א שרעקליכען קרעכץ און זאגט: רודפיה השיגוה בין המצרים (איכה א׳ ג). די אידישע שונאים, וועלכע האבען פערפאלגט און נאכגעיאגט די אידען, האבען געכאפט די אידען צווישען די גרעניצען, בין המצרים!!

מצר מיינט אויך אין העברעאיש אצרה, אן אומגליק, מן המצר קראתי יה, און דערפאר רופען זיך אט די שרעקליך אומעטיגע דריי וואכען בין המצרים!

אין די בין המצרים טעג, אין די דריי וואכען עסט מען ניט קיין פלייש און מען טרינקט ניט קיין וויין (תניא, סימן נ"ח, און זעה טור או"ח סימן תקנ"א), ווייל דאן, אין יענע טעג איז דאך בטל געווארען דער קרבן תמיד און נסוך המים אין בית המקדש, איז דערפאר איז מען זיך נוהג אבילות, ניט צו עסען פלייש און ניט טרינקען קיין וויין, ניט עסען קיין נייע פרוכט, ניט אנטהאָן א נייעם בגד, כדי מען זאל ניט דארפען מאכען א ברכה שהחיינו (נגיד ומצוה, דף ק"ד ע"ב, אין זעה ירושלמי פסחים פ"ד, הלכה א׳, סדור רש"י סימן ת"ה, רמב"ם הלכות תענית פ"ה הלכה ו׳, תענית כ"ט).

די דריי וואכען האבען אימער ארויפגעצויגען א שרעקליכען וואלקען אויף דעם אידישען הימעל אין גלות. דער איד האט געפיהלט דאן דעם חורבן בית המקדש. אין די דריי וואכען פון שבעה עשר בתמוז און תשעה באב האט מען געלייענט שבת אין שוהל די הפטרות וועלכע האבען ענטהאלטען אין זיך די שארפסטע פייערדיגסטע רייד פון אונזערע אונשטערבליכע נביאים, וועלכע האבען פאראויסגעזעהן דעם שרעקליכען גרויסען חורבן, ווען אידען וועלען אויפהערען צו זיין ריכטיגע אידען. דאס זענען די גוט־בעקאנטע הפטרות דברי ירמיהו, שמעו דבר ה׳ חזון ישעיהו, וועלכע רופען זיך „שלש דפורענותא". דערפאר אבער באלד נאך תשעה באב פאנגט מען אן לייענען זיבען שבתים נאכאנאנד הפטרות וועלכע ענטהאלטען אין זיך טרייסט־רייד פון די נביאים. זיי רופען זיך, אט די שבתים, אין העברעאיש, „שבע דנחמתא".

•

ווען דער גרויסער געטליכער נביא ירמיה שטראָפט די אידען זאָגט ער זיי: „החמיר גוי אלהים? ועמי המיר כבודו בלא יועיל, וכו׳, הלא זאת תעשה לך עזבך את ה׳ אלהיך בעת מוליכך בדרך, קיין פאָלק פאַרבייט ניט זיין גאָט ווי איהר אידען טהוט, דאָס האָט געמאַכט, ווייל דו האָסט אוועקגעלאָזען דיין גאָט, דו האָסט דעם עגל געדיענט, אין דער זעלבער צייט ווען גאָט האָט דיך געפיהרט אין וועג.

אלע אידישע זינד נעהמען זיך — זאָגען ספרים — פון די זינד פון דעם עגל הזהב. דערפון נעהמט זיך אויך די שרעקליכע גרויסע זינד און לײדענשאַפט פון יאָגען זיך נאָך געלד, געלד מאַכען! געלד האָבען! געלד פערדיענען! דאָס איז דער וואונש און דער פערלאַנג פון יעדען און פון אלעמען, און א סך געלט פערדיענט מען באיסור און ניט בהיתר, כשר׳ע געלד איז זעהר ווענינ, טרפה געלד איז פיעל, זעהר פיעל, און דער יעניגער וועלכער גיט אוועק זיין צייט, זיין מאָרך, זיין נשמה צו האָבען פיעל, זעהר פיעל געלד, מוז ווערען טריף.

און ווען משה רבינו שטראָפט אידען אין דעם ספר דברים רעכענט ער זיי אויס אַ גאַנצען פעקעל פון זינד, וואָס זיי האָבען בעגאַנגען: „בין פארן ובין תופל ולבן וחצרות ודי זהב (דברים א׳). באמערקט אויף דעם ר׳ מנחם רבא אין זיין בעוואוסטען ספר „בית מועד“, אז פארן מיינט תאות המשגל, לײדענשאַפט צו פרויען, תופל מיינט צופיעל עסען און טרינקען, לבן — מיינט פוצען זיך צופיעל, חצרות — מיינט בויען פאַר זיך פרעכטיגע פאַלאַצען מיט גרויס לוקסוס, ודי זהב — מיינט די שרעקליכע תאוה, די גרויסע לײדענשאַפט צו געלד. און אָט פון די לײדענשאַפט, פון דער געלד־תאוה נעהמען זיך אלע צרות ביי אידען, דער שבת ויום טוב ווערט פאַרשוועכט, די תורה ווערט ניט געשטודירט, דער כבוד פון א תלמיד חכם ווערט נעפאַלען, די שוהלען פאַלען אריין אָפט מאָל אין שלעכטע הענד, און מען מאַכט „ביזנעס“ מיט אלעם וואָס ביי אונז דאַרף זיין ליעב, הייליג און טהייער. אלע צרות נעהמען זיך פון דיענען צו געלד, פון מאַכען דעם דאָלאַר פאַר א גאָט, פון דיענען דעם עגל הזהב. און דערפאַר דער גרויסער חורבן פון אידען און אידישקייט.

און דערפאַר איז דעם 17טען טאָג אין תמוז פאָרגעקומען שבירת הלוחות, ווען אידען ברעכען זייערע לוחות, ווען מען היט ניט דעם שבת, דעם לא תרצח, דעם לא תנאף, דעם כבד את אביך, דאַן קומט דער שונא און ברעכט אונזערע הייליגע לוחות.

דער איד קען קיין איד ניט זיין ווען ער איז ניט פעהיג צו ברייננען קרבנות פאַר אידישקייט. דער איד אליין איז א שטענדיגער קרבן פאַר די לעצטע 2 טויזענד יאָהר, ער איז — א עולת תמיד, זאת העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה, די גאַנצע 2 טויזענד יעהריגע גלות נאַכט, איז דער איד א קרבן פאַר גאָט, פאַר דער תורה, און פאַר זיין הייליגער אמונה. ווען אבער ער ווערט ניט פעהיג צו ברייננען קרבנות פאַר אידישקייט, דאַן „בטל התמיד“, ווערט בטל דער בית המקדש קרבן, דער קרבן תמיד, און דער איד בלייבט אליין, עלענד, איינזאַם, א איד אָהן א הייליגטהום...

נחמה, ווייל איך ענדיגעז, רבותי, מיט א ביסעל נחמה. לאמיר קלאגעז אויף דעם חורבן וואס איז געווען, אבער מיר דארפען גלויבען אין די ישועות ונחמות וואס עס וועט געווים פארקומען אין אונזער צוקונפט.

און דאמיט ווערט אויך ערקלעהרט ווארום עס רופען זיך אט די דריי וואכען בין המצרים, ווייל אין יענע טעג קומט אוים צו לייענען אין שוהל די פרשות מטות ומסעי, און אט אין יענע סדרות ווערט ארומגערעדט ווי אזוי מען זאל צוטהיילען ארץ ישראל צו די שבטים, לאלה תחולק הארץ, און אזא צייט איז דאך א צייט פון בין המצרים, ווען מען איז פארטאן און שטארק באשעפטיגט צווישען די גרעניצען, בין המצרים, צווישען עבר הירדן און צווישען ארץ ישראל (בני יששכר, ספר מטעמים צו, און טעמי המנהגים לקוטים ל"ב ע"א).

און ווען מיר לייענען שבת אין די שוהלען אט אין די דריי וואכען ווען מיר טרויערען ווענען דעם בית המקדש און ווענען ארץ ישראל, ווען מיר לייענען דאן ווענען א לעבעדיגע ארץ ישראל, וועלכע ווערט געטהיילט צו אידען, טרייסטען מיר זיך דאן, און מיר האפען, אז גאר אין גיכען וועלען מיר דערלעבען אט יענע גליקליכע צייט ווען ארץ ישראל וועט באמת בעלאנגען צו אונז, און — נור צו אונז! און מיר וועלען דאן זינגען שירי ציון בין המצרים, צווישען די גרעניצען פון לאנד, ביי חלוקת הארץ, אמן, כן יאמר ה', און מיר אלע זאלען זוכה זיין בנחמת ציון וירושלים, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

שבעה עשר בתמוז

וואס מיר לערנען פון שבעה עשר בתמוז — די היסטאָריע פון שבעה עשר בתמוז — די תאוה פון געלד און דער גלות.

דעם 17טען טאג אין תמוז פאסטען מיר, ווייל אין אַט דעם טאָג האבען די באבילאנער דורכגעבראכען די וואנט פון דער פעסטונג, אריינגעריסען זיך אין ירושלים און אנגעפאנגען א שרעקליכע שחיטה (ירמיהו ל"ט, כ', כ"ב, ו'), מיט שרעקליכער גרויזאמקייט, מיט אויסערגעוועהנליכער רציחה האבען זיי גע־טוידט מענער, פרויען און קליינע קינדער, אלע אוצרות און טייערע כלים פון בית המקדש האט דער שונא צוגענומען, דעם אידישען קעניג צדקיהו מיט זיינע זיהן האט מען געפאנגען, און דער קעניג פון בבל האט געהייסען טוידטען די זיהן פון צדקיהו פאר זייער פאטער אין די אויגען, און צדקיהו'ן האט מען אויסגעשטאכען די אויגען, געשמידט אין קייטען און אוועקגעפיהרט קיין בבל.

דעם 17טען טאג אין תמוז האט אין דעם אידישען לעבען פאסירט אויסער־געוועהנליכע שרעקליכע פאסירונגען: די לוחות זענען צובראכען געווארען, דער קרבן תמיד אין בית המקדש איז בטל געווארען אפוסטומוס האט פארברענט אונזער תורה, ער האט אויך אין היכל אריינגעשטעלט א צלם, און אין די צייטען פון צווייטען בית המקדש איז צושפאלטען געווארען די הייליגע שטאדט ירושלים דורך טיטוס הרשע (תענית כ"ו, כ"ח, שו"ע, או"ח סימן תקמ"ט).

דער שונא האָט פאַרברענט די תורה — איז אונזער היילינע פפליכט היינט צו אָפּלעבען, צו שטאַרקען, צו פערשפּרייטען די תורה, צו בויען וואָס מעהר און וואָס בעסער תלמוד תורה'ס און ישיבות.

דער שונא האָט אריינגעשטעלט א צלם אין היכל, איז אונזער פפליכט ניט נאָר צו פאַרטרייבען דעם-צלם פון אונזער היכל, נאָר אויך צו פערטרייבען אלע-מען און אלעם וואָס זיינען ניט פּאַסיג פאַר א היכל הקודש, און דאן וועלען מיר זוכה זיין צו א ביאת הגואל, אמן! ואמן!

שבת חזון

וועז אונזערע רבנים קלאָגען — וואָס עס קומט פאַר שבת חזון — אַ בריליאַנטענער געדאַנק אין זוהר — אידישע טרעהת-רען און גוי'שע טרעהרען — טרעהרען וועלכע פיהרען אין ארץ ישראל.

דער שבת וואָס פאַר תשעה באב רופט זיך שבת חזון, ווייל יע-נעם שבת לייענט מען אין דער הפטרה חזון ישעיהו. און עס איז א מנהג ביי אידען אז מען רופט אויף שבת חזון צו מפטיר דעם רב פון שטאָדט. ווארום עפּעס דעם רב? ווייל—שהוא יודע לקונן (מג"א סימן רפ"ב, י"ד) ווייל דער רב ווייס ווי צו קלאָגען, אַן אָרטאָדאָקסישער רב ביי אידען ווייס זעהר גוט ווי מען קלאָגט... ער איז געוועהנט צו צרות און צו קלאָג, ווייל דער רב פיהלט דעם גלות מעהר פון אלעמען, ניט נאָר דעם גלות פון קערפּער, נאָר אויך די „שכינתא בגלותא", די גלות פון דער אידישער נשמה, פון די אידישע תורה, פון דעם אידישען גייסט, וועלכער מאַטערט זיך אין גלות. ווי דער זוהר הקדוש דריקט זיך אויס „בכל אתר דישראל גלו תמן שכינתא גלתה עמהון" (זוהר שמות ב' ע"ב) און אַזוי שבת טאָר מען ניט טרויערען, מען טאָר ניט זיין אומעטיג, מען טאָר ניט פראַוועז קיין אבלות, ניט ווי אלע שבתים אָבער איז שבת חזון, דיעזען שבת בייט מען ניט איבער זאָגאר די שבת'דיגע קליידער, נאָר א נייעם שבת'דיגען פרוכת הענגט מען אויף אויף דעם ארון קודש שבת אין שוהל, אָבער ניט מעהר ווי דאָס, א נייעם שעהנעם בגד טאָר מען ניט אָנטאָן אפילו אויף שבת, ווייל עס איז אן אומעטיגער שבת, דער שבת הזון, א שבת אין וועלכען מען דענקט וועגען חורבן, און דער חורבן מוז אומעטיג מא-כען יעדען ריכטיגען אידען!

יעצט איז פאַר תשעה באב, דער רעכטער טרויער, די צייט ווען א איד גיט א טרעהר אויף דעם חורבן, און זאָלען מיר דיעזען טרעהר ניט גרינג שע-צען, עס איז שוין די העכסטע צייט אז מיר זאָלען פערשטעהן ווי אונזערע טרעהרען האָבען אונז געשטאַרקט אין גלות, האָבען אונז געהאָלפען צו אריבער-טראָגען אונזערע צרות און יסורים, און אונזערע טרעהרען וועלען אונז ברייגנען צוריק אין ארץ ישראל, און אָט יענע טרעהרען וועלען זיין די טרעהרען פון דער גאולה!!

ווען אידען היטען די תורה, דאן היט די תורה דעם אידען, ער זאל חס ושלום ניט אונטערגעהן. ווען אבער אידען פערשטעהען ניט דעם גליק וואס די תורה גיט זיי, דאן פערשטעהט דאס זייער שונא און דער שונא קומט „ושרף את התורה“, און ער פארברענט די תורה! ווייל ער וויים און פארשטעהט זעהר גוט, אז ווען ער פארברענט די תורה האט ער דאמיט פארברענט דעם גאנצען אידישען פאלק, ווייל אהן די תורה קענען אידען ניט עקזיסטירען!

און ווען אידען ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען די נויטיגקייט פון זיין פאראייניגט אלע צוזאמען פאר די אידישע לאנד, און ווען דער שונא קומט זיי צו פערניכטען, איז אנשטאט צו פעראייניגען זיך נאך שטארקער ווי פריהער אום מיט פעראייניגטע קרעפטען צו שטירצען דעם שונא, ווערען זיי אבער, ווי צו להכעים, צוטהיילט, צופיצעלט, צוברעקעלט, צוואווארפען אין פערשיערענע קלאסען, פארטייען, ריכטונגען, ווען דאס אידישע פאלק ווערט צושפאלטען דאן — הבקעה העיר, ווערט די הייליגע שטאדט צושפאלטען, און דער שרעקליכער חורבן קומט!!

ווען ניט קיין פאסיגע פערזאנען ווערען די בעלי בתים, די טאן־געבער, די פיהרער אין אונזערע טעמפלען, שוהלען און בתי מדרשים, ווען ניט קיין גאנץ ריינע הענד ריהרען אן אונזער היכל, דאן קומט דער שונא און שטעלט אריין א צלם אין היכל!... און וויפיעל טעמפלען, מאדערנע, רעפארמירטע, האט איהר וואס זיי האבען אלע „מאדערנע אימפראוומענטס“, א סדור וואס האט שווינדזוכט, „קאנסאמפשאן“, ניטא דארט קיין ווארט וועגען ציון וירושלים, וועגען משיח, דער „ראבי“ וויים אבסאלוט גאר ניט פון ש"ס ופוסקים, פונקט ווי א גלח, נאר איין זאך פעהלט זיי — א צלם בהיכל!...

לאמיר, רבותי, היינט, שבעה עשר בתמוז, פעררינכטען, וואס מיר האבען צובראכען, די לוחות, די צובראכענע לוחות, דארפען מיר גאנץ מאכען און הייליג מאכען, די טיעפע הייליגע פילאזאפישע געדאנקען און מאראל וואס געפינען זיך אין די לוחות זאלען מיר פארשפרייטען צווישען אונזערע קינדער, דער נייער אידישער יונגער דור, דער קרבן תמיד איז היינט ניטא אין בית המקדש, לאמיר אבער פערטיעפען זיך אין די טיעפע הייליגע געדאנקען פון אונזער תורה וועלען מיר דאן ווידער פעהיג זיין צו בריינגען קרבנות פאר אידישקייט, ווען נאר דאס וועט זיך פאדערען פון אונז. און אנשטאט דעם קרבן תמיד אין בית המקדש, וועלען מיר אויסבעסערען אונזערע תפלות וועלכע פערנעמען דעם פלאץ פון די קרבנות, דאס אונזערע תפלות זאלען זיין פערשטענדליך און הייליג פאר אונז.

מעג האט צושפאלטען ירושלים, איז אונזער פפליכט היינט צו העלפען בויען און אויפלעבען און שטארק מאכען, און רייך מאכען ארץ ישראל בכלל און ירושלים בפרט.

אַן ענדע, און זוען דער איד וועט אָנהייבען פיהלען באמת וואָס דער חורבן מיינט פאר איהם, וואָס גלות מיינט פאר איהם און פאר זיינע קינדער, דאַן וועט די טרעהר פיהרען אין ארץ ישראל. עשו'ס טרעהר האָט געפיהרט אין גלות, און דעם אידענס טרעהר וועט פיהרען צו דער גאולה, ווען נאָר עס וועט קומען די ברענענדע, שטאַרקע, אמת'ע אידישע נאַציאָנאלע טרעהר!...

דער יחיד, דער איינצעלנער איד, פיהלט ניט אזוי שטארק די טראַגעדיע פון דעם חורבן, ווייל דאָס בעלאנגט דאָך ניט צו איהם אליין, זאָנדערען דער צער, די אבלות, בעלאנגט דאָך צום כלל ישראל, און דאן זאָגט דער איד א ווערטעל: „וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט ר' ישראל", מען זאָגט דאָס נאָך שארפער אין העברעאיש „צרת רבים חצי נחמה", די צרה פון א סך איז א האלבע נחמה", און דערפאר דערצעהלט מען דאָס דער גרויסער אלכסנדר מוקדון האָט פאר זיין טוידט געבעטען זיין מוטער אז נאָך זיין טוידט זאָל זי מאכען א גרויסארטיגע סעודה און איינלאדען נאָר די יעניגע וועלכע זיינען באמת גליקליך, ווען עס פעהלט אין לעבען אבסאָלוט קיין זאַך ניט. ווי ערשטוינט איז אבער געוואָרען די מוטער פון אלכסנדר מוקדין ווען קיין מענש אין דער וועלט איז ניט געקומען צו דער סעודה, דאן האָט זי פארשטאַנען וואָס איהר זוהן האָט געמיינט מיט זיין בקשה, דאָס האָט ער געוואָלט טרייסטען זיין געטרייע מוטער, אז זי זאָל ניט זאָרגען וואָס איהר זוהן איז געשטאָרבען, ווייל קיין אמת'ע גליקליכע זיינען אויף דער וועלט ניטאָ. יעדערער האָט עפּעס א צרה, און צרת רבים חצי נחמה.

ווען אָבער יעדער יחיד וועט פארשטעהן אז דער חורבן איז ז י י ן חורבן, ווייל לעבענדיג אין א פרעמדע ניט אידישע וועלט, קענען ז י י נ ע קינדער ניט זיין ריכטיג א י ד י ש ע קינדער ווי ער וואָלט וועלען, און — ז י י ן הויז, די א י ד י ש ע הויז איז חרוב, זיין שבת איז חרוב, אלעס וואָס איז הייליג און טהייער ווערט חרוב אין א פרעמדע ניט אידישע גלות סביבה, און גלות פּסיכאָלאָגיע, דאן וועט יעדער יחיד ניט זאָגען צרת רבים חצי נחמה, נאָר יעדער יחיד וועט טרויערען אויף דעם חורבן, און דורך זיין טרויער וועט ער העלפען בויען ארץ ישראל, וואָס דאָס מיינט א טרעהר וואָס פיהרט צו דער גאולה, דאן וועלען פון די אלע יחידים ווערען א פ אָ ל ק, וואָס טרויערט אויפ'ן חורבן, און אָט דאָס פאָלק וועט אויפשטעהן און בויען, און וועט דאן זוכה זיין צו א גאולה שלמה, אמן! ואמן!

עס געפינט זיך א וואונדערבארער מאמר אין זוהר, א פערעל, אן אמת'ער פערעל, ווען נאר מען פערשטעהט דעם טיעפען זין פון דיעזען מאמר, דער זוהר זאגט אזוי: „פורקנא דישראל לא תליא אלא בבכי, כד ישתלמון ויכלון בכי דמעות דבכה עשו קמו אבוי דכתיב (בראשית כ"ז) וישא עשו קולו ויבך, אותו בכי דבכה עשו ואינון דמעין אחיתו לישראל בגלותיה, כיון דיכלון אינון דמעין, בבכיה דישראל יפקון מגלותא. הה"ד (ירמיה ל"א) בבכי יבאו ובתחנונים אוביל‌ם.

די אידישע גאולה — זאגט דער זוהר — קען קומען נאר דורך אידישע טרעהרען. די טרעהרען פון עשו הרשע האבען געפיהרט אידען אין גלות, און ווען עשו'ס טרעהרען וועלען זיך ענדיגען, וועלען דאן קומען די אידישע טרעהרען און וועלען זיי פיהרען צוריק אין ארץ ישראל, צו דער גאולה!

אידישע טרעהרען און גוי'שע טרעהרען! ווען וויינט דער גוי און ווען וויינט דער איד, להבדיל, עשו וויינט ווען יעקב נעהמט צו די ברכות, און קען זיך ניט בארוהיגען, לויפט איהם נאך און יאגט איהם שוין באלד 2 טויזענד יאהר, מיט דער טענה: „דו האסט מיך אפגענארט! א איד איז א שווינדלער!" — ס'טייטש, עשו, דיר האט מען דאך געגוג ברכות געגעבען, דו האסט דאך די גאנצע וועלט, איך, יעקב, עס נאר דיינע שיריים, וואס עס פאלט אראפ פון דיר עשו, פון דיין רייכען טיש, חאפ איך צו, שטיקלעך, ברעקלעך, וידו אוחזת בעקב עשו. וואס ביי עשו'ן איז דאס אין פיאטע, א טפל, ניט קיין עיקר, דערפון האט געמוזט לעבען דער איד אין די פינסטערע גלות לענדער פאר די לעצטע צוויי טויזענד יאהר! וידו אוחזת בעקב עשו!... — ס'טייטש, עשו, מיר האבען דיר געגעבען א תהלים וועלכען דו זינגסט אין דיינע קירכעס, דו האסט גענומען אונזער א סמאליערם א זוהן, א פישער, און דו האסט איהם פאר א גאט, פאר גאט'ס א זוהן געמאכט, דו זאגסט ניט ווי מיר זאגען ולא על בר אלהא סמיכנא, אז מיר גלויבען ניט ווי מיר פערלאזען זיך ניט אויף גאט'ס א זוהן, ווייל גאט האט נאר איין זוהן, און דאס איז דאס אידישע פאלק, בני בכורי ישראל, בנים למקום, דו אבער גלויבסט אין א בר אלהא, און דו ביזט דאך אזוי ניט דאנקבאר אז דו נעמסט אונזערען א קינד, מאכסט איהם פאר א גאט, פאר א „בר אלהא", און דערפאר ווארפסט אונז נאך מיט שטיינער, מאכסט פאגראמען, קוילעסט מענער, פרויען און קינדער, פערפאלגסט אונז, באדסט זיך אין אונזער בלוט. פאר וואס? פאר ווען?

עשו האט זיך צוקאכט, יעקב האט זיין ברכה אויסגענארט, און ער האט א טרעהר געלאזען, ער האט זיך פונאנדערגעוויינט, און ווען עשו גיט א טרעהר מיינט דאס טייכען מענשליכע בלוט, פון יענער טרעהר וואס עשו האט געגעבען קענען מיר זיך ניט אויסצאהלען, זיינע טרעהרען האבען אונז אין גלות געפיהרט, אבער ניט אייביג וועלען געדויערען זיינע טרעהרען, צו אלעס נעהמט

רבונו של עולם! בני היכן הם?" אמר לו: חטאו, והגליתים לבין האומות. אמר לו: לא היו בהם צדיקים?" א"ל עשותה המזמתה וכו', אמר לו היה לך להביט לברית מלה שבבשרם, אמר לו חייך כפרו בה, שנאמר ובשר קודש יעברו מעליך (מ"ר, איכה פ"א).

תשעה באב ביינאַכט — זאָגט דער מדרש — איז אברהם אבינו אריין אין קדשי קדשים, האָט איהם גאָט אַנגענומען פאַר'ן האַנד און האָט מיט איהם פיעל שפּאַצירט, און גאָט פרעגט איהם: וואָס טהוט מיין פריינד אין מיין הויז? זאָגט צו איהם אברהם: רבונו של עולם! וואו זענען מיינע קינדער? וואו זענען די אידען? ענטפערט גאָט: זיי האָבען געזינדיגט און איך האָב זיי פאַרטריבען צווישען די פעלקער. און אפילו די מצוה פון מילה זענען זיי ניט מקיים.

חרוב געוואָרען דער בית המקדש, עס איז נאַכט, אַ שטילע פינסטערע נאַכט, אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, אין דער הייליגער חורבה פון בית המקדש, געפינט זיך גאָט... שטיל, פינסטער, חרוב, און גאָט איז דאָרטען... און דער גרינדער פון אידישען פאָלק, דער פאָטער פון דער אידישער נאַציאָן, אבי האומה העברית, אברהם אבינו, געפינט זיך אויך אין דער פינסטער־ניש פון דער תשעה באב נאַכט, אין דער חורבה פון בית המקדש... און תשעה באב ביינאַכט טרעפען זיך אין דער חורבה פון בית המקדש גאָט און אברהם... און דאָ — זאָגט דער מדרש — אחזו הקב"ה בידו, נאָט צייגט אונזער פאָטער אברהם אַז דער עיקר פון יודענטהום איז ניט נור פילאָזאָפירען און דענקען ווי אַ איד, נור טאָן ווי אַ איד, מקיים זיין די מצות המעשיות, בידך לעשותה, דאָס איז די מליצה אחזו בידו!... די האַנד איז דער סימבאָל פון טהעטיגקייט, פון טאָן, אָבער טאָן אָהן שכל, אָהן בע־גייסטערונג, ניט וויסענדיג די וויסענשאַפט פון דער תורה, אַזאַ טאָן איז קאַלט און טרוקען, דערפאַר והיה מטייל בו ארוכות וקצרות, ער האָט איהם ערקלעהרט אַז אין יודענטהום ליגט „ארוכות וקצרות", קורצע מצוות, נעהם און טהו! לייג תפלין, טראָג ציצית! היט שבת! און פאַרטיג, קורץ און גוט! די קצרות פאָדערען אָבער אריכות! מען דאַרף פאַרשטעהן וואָס מען טהוט, און דאַצו איז נויטיג לעהרנען, שטודירען, ש"ס און פוסקים, קבלה, חסידות, דרוש, מוסר, דאָס איז לאַנג, ארוכות, און עס איז אויך נויטיג, קצרות, צו דער דרך ארוכה איז נויטיג אַ דרך קצרה, מען דאַרף טאָן אַזוי און ניט אַנדערש, ווייל אַזוי שטעהט אין שלחן ערוך!... קורץ און שאַרף! פרעגט אברהם אבינו ביי גאָט: בני היכן הם? וואו זענען מיינע קינדער? די ריכטיגע אידען וואָס פּאַסען זיך צו זיין מיינע קינדער. ענטפערט גאָט: חטאו, זיי האָבען געזינדיגט, והגליתים לבין האומות, זיי זענען פערטריבען צווישען די פעלקער, ניט נור זייער קערפּער איז אין גלות, נור אויך זייער גייסט, זייער נשמה, זייער האַרץ, זיי אַלע גע־פינען זיך אין דער פרעמד, זייער תורה, זייער שבת צוזאַמען מיט זיי איז פער־

שבת חזון

פילאָזאָפיע און דענקען — די אידישע טאָכטער און דער חורבן — די שטימע פון דעם נביא — ווערטער און מעשים — דער חורבן.

היינטיגען שבת לייענען מיר אין דער הפטרה די שטארקע הייליגע ווערטער פון ישעיה הנביא, מיר טראכטען זיך אריין אין חזון ישעיהו בן אמוץ, די זעהונגען, די געטליכע זעהונגען, וועלכע דער נביא ישעיה האט געזעהן. מיר לייענען אין דער הפטרה ווי דער גרויסער נביא שטראָפט און ווארענט די אידען זיי זאלען זיך אומקעהרען פון זייער שלעכטען וועג. ער דונערט מיט זיין נביא שטימע און רופט צום הימעל און צו דער ערד, די נאטור און מענש זאלען הערען גאט'ס ווארט, און דער נביא שליי־דערט דאס פאלק אין פנים אריין דעם גרויסען שרעקליכען ביטערען אמת, און ער רופט זיי מיט דעם נאמען גוי חוטא! א זינדיגע פאלק! עם כבד עון! א פאלק וואס איז פול מיט זינד! שלעכטע קינדער! פערדארבענע קינדער! בנים משחיתים! וועלכע האבען אוועקגעלאזען גאט! און דער נביא פייערט און ווארענט זיי און פראפעצייהעט א שרעקליכע גרויזאנע צוקונפט. „ארצכם שממה, עריכם שרופות אש, אדמתכם לנגדכם זרים אוכלים אותה, אייער לאנד וועט ווערען חיסם, אייערע שטעדט וועלען פארברענט ווערען אויפ'ן פייער, פרעמדע וועלען צונעהמען אייער לאנד, ווייל, אייערע הענד זענען פול מיט בלוט! וואשט זיך! ווערט ריין! — דונערט די שטימע פון דעם נביא — הערט אויף שלעכטעס טאן, זוכט גערעכטיגקייט, העלפט די אלמנה, דעם יתום.

אין אין היינטיגער סדרה, די סדרה פון שבת חזון, לייענען מיר: אלה הדברים אשר דבר משה. דברים מיינט אין העברעאיש, שטארקע, שארפע ווערטער. משה רבינו, דער גרעסטער איד און מענש אין דער גאנצער וועלט, איז געווען גרוים און הייליג אלס איד, אלס מענש, אבער ניט אלס רעדנער. משה רבינו האט געזאגט: לא איש דברים אנכי, איך בין ניט א מאן פון ווערטער. ער איז א מאן פון מעשים, פון טהאטען, אבער ניט פון ווערטער. ווען אבער דער מאמענט פאדערט אויך ווערטער, שטארקע פייערדיגע ווערטער, ווערט משה רבינו א שטארקער פייערדינער וואָרט־פיהרער, א געטליכער רעדנער, און — אלה הדברים אשר דבר משה! משה רעדט און שטראפט דאס פאלק! און ווען משה רבינו, ישעיה הנביא, און ירמיה הנביא, ווען זיי ריידען צום פאלק, צו דער אידישער הארץ, און די הארץ פיהלט ניט, דאן — קומט דער חורבן, דער חורבן פון די לאנד, דער חורבן פון בית המקדש, און צוזאמען מיט זיי דער חורבן פון פאלק!

און עס געפינט זיך אין מדרש א וואונדערבארע ערצעהלונג, וועלכע ענט־האלט א בריליאנטענעם געדאנק. דער מדרש דערצעהלט אונז: „בליל תשעה באב נכנס אברהם אבינו לבית קדשי קדשים, אחזו הקדוש ברוך הוא בידו, והיה מטייל בו ארוכות וקצרות, אמר לו: מה לידידי בביתי? ! אמר לו:

און ווען מיר ווילען צוריק אויפלעבען אונזער פאלק, אונזער לאנד, דעם גייסט פון אונזער היילינער תורה, די העברעאישע שפראך, דאן מוז מען פריהער אויפלעבען ד י א י ד י ש ע ט א כ ט ע ר, מיר מוזען געבען א גוטע אידי־שע ערציהונג צו אונזערע טעכטער. אהן א גוטע אידישע ערציהונג איז אונ־מעגליך צו עקזיסטירען.

די מענער פון יענער צייט האבען יא געפיהלט זייער פפליכט צו זייער לאנד. פיעל פון זיי האבען פערגאסען זייער לעצטען טראפען בלוט צו פער־טהיידיגען דעם כבוד און פרייהייט פון אידישען פאלק און די אידישע לאנד. און זיי האבען געוויזען אויסערגעווהנליכע גבורות. העלדען־מוטה אויפ׳ן שלאכט־פעלד, אז ווען מיר עפענען די אידישע געשיכטע און אפילו די אלגעמיינע גע־שיכטע, און מיר לייענען וועגען די העלדען־טהאטען, וועגען די גבורות פון אונ־זערע עלטערען, פון די גבורי ישראל, ווערען מיר ווירקליך ערשטוינט, מיר ווערען ממש איבערראשט. און מיר געפינען וועגען דעם א וואונדערבארען שעהנעם מאמר אין מדרש, וועלכער כאראקטעריזירט דעם נאציאנאלען שטאלץ און גבורה פון די אידישע מענער פון יענער צייט.

„על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו — אמר להם נבוכדנאבר, תעמדו ותקישו לפני עבודה זרה בכנורות שלכם, מסתכלים אלו באלו ואומרים: לא דיינו ש ה ח ר ב נ ו את בית המקדש, אלא עכשיו אנו עומדים להקיש לפני הננס הזה ולפני העבודה זרה הזו? למה״ד למלך בו״ך שנשא בת מלכים, אמר לה: עמדי והשקיני כוס אחת, ולא רצתה להשקותו, כעס עליה והוציאה מתוך ביתו, והלכה ונשאת למוכה שחין, אמר לה עמדי והשקיני כוס אחת, אמרה לו: ריקה! בת מלכים הייתי ונשאתי למלך, ועל שאמר לי השקיני כוס אחת ולא רציתי להשקותו כעס עלי והוציאני מתוך ביתו, שאלו השקיתיו הייתי מוסיף על כבודי כבוד, עכשיו אתה אומר לי עמדי והשקיני?! (מדרש שוח״ט תהלים קל״ז).

אידען ווערען פערטריבען אין בבל, נבוכדנאצר הייסט זיי אז זיי זאלען שפיעלען אויף זייערע מוזיקאלישע אינסטרומענטען פאר איהם און פאר זיין עבודה זרה, ענטפערען אידען: ווייניג פאר אונז וואס מ י ר האבען חרוב געמאכט אונזער בית המקדש, דורך אונזערע זינד, וועלען מיר נאך געהן שפיעלען פאר נבוכדנאצר און זיין עבודה זרה? ! דאס איז גלייך — זאגט דער מדרש — צו א קעניג וועלכער האט געהייראט מיט א קייזערליכע טאכטער, בעט ער ביי איהר א טרונק, האט זי ניט געוואלט איהם געעבן א טרונק, איז ער אין כעס געווארען אויף איהר און האט איהר ארויסגעטריבען פון זיין הויז, איז זי גע־גאנגען און האט געהייראט מיט א קרעציגען מאן, הייסט ער איהר זי זאל לויפען און געבען איהם א טרונק. זאגט זי צו איהם: דו פוסטער מאן וואס דו ביזט! איך בין א קייזערליכע טאכטער, האב געווען געהייראט א קעניג, און דערפאר וואס איך האב ניט געוואלט דערלאנגען איהם א טרונק האט ער מיך ארויס־געטריבען. ווען איך ניב איהם אבער א טרונק וואלט איך געווען גליקליך, און

טריבען צווישען די פרעמדע פעלקער, צווישען גוים, און זיי ליידען גלות, א שרעקליכען גלות!... זאגט אברהם: היה לך להביט בברית מילה שבבשרם, ווען זיי האבען ניט קיין גייסט, האבען זיי דאך אמווענינגסטענס א הייליגען קער־פער, זיי זענען דאך מל זייערע קינדער? זאגט גאט: חייך כפרו בה, שנאמר ובשר קודש יעברו מעליך, דארט וואו קיין גייסט איז ניטא, דארט קען ניט זיין א הייליגער קערפער, און דארט וואו קיין גייסט איז ניטא, הערשט א שרעקליכע ברוטאלע מאטעריאליסטישע קראפט, און ווען דער גייסט פון פאלק איז אין גלות, קען קיין השראת השכינה ניט זיין!

און דא קומט דער גרויסער נביא ישעיה און שטראפט די פרויען, די אידישע פרויען פון זיין צייט, ווייל זיי האבען זיך אסימילירט, זיי זענען ניט געווען אידיש גענוג. וואלטען מיר דאן געהאט ריכטיגע גוטע אידישע פרויען, וועלכע פערמאגען אידישען גייסט, אידישע הערצער און נשמות, א גרויסע שטאר־קע ליעבע פאר אידען און אידישקייט, וואלט ארץ ישראל ניט חרוב געווארען! ווען אבער די אידישע טעכטער האבען זיך אנגעפאנגען אויסמישען מיט די פרעמדע פעלקער, דאן איז דער שרעקליכער חורבן געקומען!!

און מיר לייענען די שטארקע ווערטער פון דעם נביא: „ויאמר ה׳ יען כי גבהו בנות ציון, ותלכנה נטויות גרון, ומשקרות עינים, הלוך וטפוף תלכנה וברגליהם תעכסנה. די אידישע טעכטער אין יענער צייט זענען פערדארבען געווארען, זיי פלעגען זיך פוצען, פארבען, פודרען זיך, טאן און געברויכען פער־שיעדענע מיטלען ווי צו געפעלען ווערען מענער. און זעהר א שרעקליכען בילד פון יענער צייט גיבען אונז די חכמים: „היה ירמיה מחזר עליהן ואומר: בנותי! עשו נא תשובה עד שלא יבאו השונאים עליכן, והיו אומרות: ימהר יחישה מעשהו למען נראה, דוכום רואה אותי והוא נוטל אותי לו לאשה, וכיון שנכנסו השונאים לשם היו יוצאות לפניהם מקרשטות (ילקוט ומסו שבת ס״ב ע״ב, יומא ט׳ ע״ב).

דאס איז א שרעקליכער בילד! ירמיה שרייט צו זיי: מיינע טעכטער! טהוט תשובה בעפאר דער שונא וועט קומען צו אונז, און זיי פלעגען ענט־פערען: זאל ער קומען וואס שנעלער! א רייכער גענעראל, אן אפיציער וועט מיך דערזעהן וועט ער געוויס מיך נעהמען פאר א פרוי, און ווען די אידישע שונאים וועלכע האבען חרוב געמאכט אונזער לאנד און אנגזער בית המקדש, ווען אט די שונאים האבען זיך אריינגעריסען אין אונזער לאנד, זענען די אידישע טעכטער ארויסגעגאנגען בעגעגענען זיי איינגאנצען פארפוצט!!... גע־פארבט און געפוידערט!... נאט, נעהמט אונז צו זיך!...

אט דא ליגט די שרעקליכע אורזאכע פון חורבן. טעכטער פון א פאלק וועלכע געהען באגעגענען דעם שונא פון פאלק און לאנד מיט אפענע ארעמס און פערפוצטע, א פאלק וואס האט אזוינע טעכטער, א לאנד וואס האט אזוינע קינדער, מוז אונטערגעהן!...

תשעה באב

די היסטאָריע פון תשעה באב — די וויכטיגסטע דינים
און מנהגים פון תשעה באב — טיטוס הרשע און דער פרוכת—
די פרחי כהונה און דער פאַרברענטער בית המקדש — די
שליסלען פון בית המקדש זיינען אין הימעל.

דער ניינטער טאָג אין אב איז דער גרויסער נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג פון אידישען פאָלק. אין אַט דעם טאָג האָבען די באַבילאָנער פאַרברענט דעם ערשטען בית המקדש (מלכים ב', כ"ה, ח), וועלכען שלמה המלך האָט געבויט מיט 410 יאָהר צוריק, און דער בעסטער טייל פון אידען זענען פערטריבען געוואָרען אין גלות קיין בבל, און מיט 656 יאָהר שפּעטער, אין דעם זעלבען טאָג, דעם ניינטען אב, איז דורך די רוימער חרוב געוואָרען אונזער צווייטער בית המקדש, און עס האָט זיך אנגעפאַנגען אונזער לאַנגער, שווערער, אומגליקליכער גלות. און ווי עס קלאָגט דער דיכטער:

ס'נעמט מיך דורך דער אַלטער טרויער
אין דעם ניינטען אב ביינאַכט,
אויף דער ערד דעם קאָפּ געבויגען,
זיץ איך אבל'דיג פאַרשמאַכט...

וואָס ערוואָרבען האָט יהודה
דורך פיעל יאָהרען לאַנגע, שווערע,
זעה איך ווערט פאַרוויסט, פאַרניכטעט,
מיט'ן לעבען, מיט דער עהרע...

(א. רייזען, איכה)

תשעה באב ווערט אַנגערופען אין תנ"ך מיט דעם נאָמען צ ו ם ה ח מ י ש י (זכריה ח', י"א). דער גאַנצער טאָג תשעה באב דאַרף זיין געווידמעט צום תענית, פאַסטען, טרויערען אויף דעם חורבן, און האָבען א חשבון הנפש. דערפאַר טאָר מען קיין אַרבייט ניט טאָן אום תשעה באב. רבי עקיבא זאָגט: כל העושה מלאכה בתשעה באב אינו רואה סימן ברכה לעולם, וחכמים אומרים כל העושה מלאכה בתשעה באב ואינו מתאבל על ירושלים אינו רואה בשמחתה, שנאמר שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה (ישעיה ס"ו, תענית ל"ו). דער וואָס אַרבייט אום תשעה באב וועט אויף זיין גאַנצען לעבען ניט זעהן קיין סימן ברכה, און ער וועט ניט זוכה זיין פרעהען זיך מיט די פרייד פון ירושלים. תשעה באב זענען מיר אַלע אבלים, און פּונקט ווי אן אבל, אַזוי טאָרען מיר ניט עסען, טרינקען, וואַשען זיך, אַנטאָן די שיך אין תשמיש המטה, און מען טאָר ניט לעהרנען קיין תנ"ך ומשנה, תלמוד און מדרש, הלכות און הגדות, ווייל אַט די אַלע למודים פאַרשאַפען דאָך א אידען פרייד און פערגעניגען. דערפאַר דאַרף ער לייענען קינות, איוב, געוויסע קאַ־פּיטלען אין ירמיה, וואו עס רעדט זיך וועגען חורבן און צרות. און קליינע

יעצט, דו קרעציגער, פערלאנגסט פון מיר איך זאל דיר א טרונק געבען?!

שטאלץ, זעהר נאציאנאל שטאלץ זענען דאן געווען די אידען, איבערהויפט די אידישע מענער. וואלטען די טעכטער פון ציון געווען אזוי שטאלץ, וואלטען מיר קיין חורבן ניט געהאט. טעכטער אבער וואס ווארפען זיך אין די ארעמס פון די אפיצערען וועלכע מאכען חרוב זייער לאנד, אזוינע טעכטער זענען א חורבן פאר'ן פאלק, זיי זענען א שרעקליכער נאציאנאלער אומגליק.

און דערפאר איז אונזער פפליכט צו ערציהען אידיש אונזער יוגענד, ווי דער מדרש זאגט: קרא עלי מועד לשבור בחורי — מצינו שסלוקן של בחורים קשה כחורבן בית המקדש (מ"ר איכה, פ"א).

אזוי איז דאס, סלוקן של בחורים, ווען אונזערע בחורים, ווען אונזער יוגענד געהען אוועק פון אונז, פערלאזען אונז, אינטערעסירען זיך ניט מיט זייער פאלק, זיי ווערען לעבעדיגערהייט נסתלק פון אונז, סלוקן של בחורים, אזא אומגליק איז ניט קיין קלענערער אומגליק פון חורבן בית המקדש. ווען די אידישע יוגענד ווערט חרוב, איז דאס א בית המקדש חורבן. קרא עלי מועד לשבור בחורי!... דער אומגליק איז אז אונזער יוגענד, אונזערע בחורים באזיצען צובראכענע אידישע נשמות, זיי ווערען אפגעבראכען פון דעם אלטען, הייליגען אידישען פאלק, לשבור בחורי!...

מיר דארפען דערפאר געבען א גוטע אידישע ערציהונג צו אונזערע יונגע זיהן און טעכטער, און דאן וועלען מיר זוכה זיין בישועתם של ישראל ובתחית האומה על אדמתה, אמן! ואמן!

און איבעו זיך אין דער עבודה פון כהנים, און זענען ארויף אויפ׳ן דאך פון היכל און האבען געהאלטעז אין זייערע הענד די שליסלעז פון בית המקדש, און זיי האבען אויסגעשריען צו גאט: רבונו של עולם, וויבאלד אז מיר האבען ניט זוכה געווען אנצוגעהן מיט אונזער הייליגע ארבייט אין די הייליגסטע הויז אויף גאט׳ס וועלט, אין בית המקדש, מוזען מיר דיר איבערגעבען די שליסלען פון בית המקדש, איז ארוים פון הימעל אזוי ווי א האנד, און האט צוגענומען די שליסלען פון זייערע הענד... און באלד נאכדעם האבען זיי זיך אריינגעווארפען לעבעדיגערהייט אין פייער... (תענית כ״ט).

דער בית המקדש ברענט, דעם אידען׳ס האפענונג און שטאָלץ ווערט פאר־ברענט... דער געשריי פון די ווילדע ברוטאלע רוימער, דער געשריי פון טריאומף, פון נצחון איז גרויס... כהנים שטעהען אויפ׳ן דאך... די שליסלען פון בית המקדש אין די הענד... און — שא! די בלוט ווערט פערפראָרען אין די אדערען, עפעס אויסערגעוועהנליך... עפעס א האנד, פון הימעל... אלע זעהען דאס, לאזט זיך אראפ, נעהמט צו די שליסלען פון בית המקדש... די כהנים ווארפען זיך אין פייער, און די שליסלען פון בית המקדש זענען אין הימעל... אין הימעל!...

מען דארף האבען מענשען און געלד צו בויען ארץ ישראל, א סך מענשען און א סך געלד, מען דארף אבער אויך אנקומען צום הימעל... דאָרט, אין הימעל, ליגען דאך די שליסלען פון בית המקדש... און דערפאר מוז מען ניט נור מענש און געלד האבען, נור אויך די שליסלען פון בית המקדש... פון דעם הימעל... און דעם פייער וואו כהנים ווארפען זיך און שטארבען על קדוש השם!... מען דארף האבען ארץ ישראל על פי תורת ישראל, על פי אמונת ישראל, ואז נזכה בנחמת ציון וירושלים, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

תשעה באב

ארץ ישראל און גלות — דער חורבן אמאָל און היינט —
דער גייסטיגער הונגער — די טויטע מוטערס און קינדער —
ווען א פאָלק איז בלינד — תורה און די גאולה.

שוין 2 טויזענד יאהר ווי מיר זיצען ווי אבלים אויף דער ערד און מיר גיסען מיט טרעהרען אויף דעם חורבן פון בית המקדש, פון ארץ ישראל, פון דאס אידישע פאלק, מיר ווייסען, מיר פארשטעהען, מיר פיהלען אז אהן ארץ ישראל, אהן דעם בית המקדש, דער גייסטליכער הייליגער אידישער צענטער, קען נען מיר ניט לעבען א ריכטיגען א ג א נ צ ע ן אידישען לעבען, שווער, עס איז זעהר שווער צו היטען אין גלות אונזער תורה, אונזער שבת, אונזערע ימים טובים, אונזערע דינים ומנהגים, שווער צו ערציהען אונזערע קינדער אמת אי־דיש ווי מיר וואלטען געוואלט, ווייל דער גלות שאפט א גוי׳שע, ניט אידישע, גלות סביבה, און אין אזא שרעקליכע אסימילאטארישע סיבה איז שווער צו ער־ציהען א י ד י ש ע קינדער, איז שווער, זעהר שווער צו זיין א ריכטיגער איד, און אט אזוי פאסירט דאס מיר און אונזערע קינדער ווערען אלץ מעהר פרעמד, מיר ווערען דערווייטערט פון אלעם וואס ביי אונז האט געדארפט זיין

קינדער דארפען תשעה באב ניט לערנען, ווייל די ווערטער פון דער תורה מאכען פרעהליך, ווי דער פסוק זאגט: פקודי ה׳ ישרים משמחי לב (תענית ל׳).

תשעה באב איין שוהל נעהמט מען אראפ דעם פרוכת פון ארון קודש, אלס צייכען פון טרויער און אויך אלס אנדענקונג צו די בעוואוסטע פאסירונג וואס טיטוס הרשע איז אריין אין בית המקדש, האט געשטאכען דעם פרוכת און דאן האט א נס פאסירט און פון דעם פרוכת האט אנגעהויבען קאפען בלוט... מענשליכע בלוט... טיטוס האט דאן פערשטאנען דעם וואונק פון הימעל, אז די תורה איז די בלוט פונ׳ם אידישען פאלק, און אזוי ווי א מענש קען ניט לעבען אהן בלוט, אזוי קען דער איד ניט לעבען אהן דער תורה, און אזוי ווי ווען די בלוט ווערט קאלט, מוז מען אנווענדען פערשיעדענע מיטלען צו אנוואַרימען די בלוט, אזוי ווען די התלהבות פון דער תורה ווערט קאלט ביים אידישען פאלק, אזוי דארף מען זוכען פערשיעדענע מיטלען ווי אנצוואווארימען די אידישע נשמה מיט דעם הייליגען פייער פון דער תורה, און אלס אנדענקונג וועגען די געשיכטע פון טיטוס מיט דעם פרוכת, נעהמט מען אראפ אינגאנצען דעם פרוכת, אום מען זאל זיך דערמאנען אז עס פעהלט דער פרוכת, און וואס עס האט אמאל פאסירט מיט׳ן פרוכת (יומא כ״ז, מנהגי ישורין סימן קל״ח, ספר מטעמים 131).

די ספרדים וויקלען איין תשעה באב די ספר תורה מיט א שווארצע מפה, און שיטען אז אויף דער מפה אש, און זיי מאכען ניט קיין הגבה, נור גלילה אהן הגבה (נהר מצרים, הלכות תשעה באב סימן ט״ו, און ווען מען דארף אריינשטעלען די ספר תורה אין ארון קודש זאגט דער עולם מיט א הארציגען אומעטיגען נגון דעם אומעטיגען קאפיטעל תהלים: על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו וכו׳ (שם).

עס איז א מנהג ביי די אידען פון אלגיר צו בלאזען שופר, צעהן קולות, בעפאר דעם מעריב פון מוצאי תשעה באב און נאך מעריב איז מען מחדש די לבנה, כדי אנזאגען אידען אז זיי וועלען בענייט ווערען אזוי ווי די לבנה, שהם עתידים להתחדש כמותה, און דאס איין גיבען וועט קומען משיח (מנהגי ק״ק אלגיר צד קנ״ו, און עס איז א מנהג ביי די אידען פון מצרים דאס נאכ׳ן תענית בענשט איין איד דעם צווייטען: זאלסט זוכה זיין אין גיבען צו די טרייסט פון ציון. זיי זאגען דאס אלע אין העברעאיש, „תזכה לראות בנחמת ציון בקרוב״ (נהר מצרים הלכות תשעה באב סימן כ׳, און זעה דעם של״ה מס׳ תענית דף ר״ז ע״ב, שאלתות ויקהל סימן ס״ו, שו״ע או״ח סימן תק״ז, תענית כ״ו, כ״ט, ל׳, טור סימן תקנ״ב, לקוטי הפרדס לרש״י ענין תשעה באב, תניא, סימן נ״ט, לקוטי הלוי צד 34, ספר האשכול חלק ב׳ סימן ה׳, סדור רב עמרם גאון צד 43, באר היטב לאו״ח סימן תקנ״א, ירושלמי ברכות פ״ד דף ח׳ ע״י, תשב״ץ סימן שס״א).

די גמרא דערצעהלט אונז, אז ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען, האבען זיך פערזאמעלט די פרחי כהונה, די יונגע כהנים, וועלכע לעהרנען

און ווען מיר פרעגען זיך אליין, ווי איז דאָס מעגליך אז א גאנצע פאָלק זאָל קענען לעבען רוהיג, גלייכגילטיג, אין דער צייט ווען דאָס קען חס ושלום בלייבען אין גאנצען קינדערלאָז? אָהן מוטערס און אָהן קינדער?!... קומט אן אגדה אין מדרש און דערצעהלט אונז א קליינע פאַסירונג, און ווען מיר לייענען דאָס דורך, און מיר פאַרטראַכטען זיך אין דעם בעהאַלטענעם זין, אין דעם געדאַנק פון דער אגדה, ווערט אונז אלעס קלאָהר און פערשטענדליך.

דער אידישער קעניג צ ד ק י ה ו אנטלויפט פון שונא דורך א הייל וואָס האָט זיך געצויגען גלייך פון זיין הויז ביז ע ר ב ו ת י ר י ח ו, האָט גאָט צונעשיקט א הירש, וועלכער איז געלאָפען איבער דעם דאַך פון הייל. די כ ש ד י ם האָבען זיך גענומען יאָגען נאָכ׳ן הירש, און ווען זיי זיינען צוגע־לאָפען צו דער טיר פון הייל, האָבען גענומען ארויסקריכען פון הייל צדקיהו און זיינע קינדער, די כשדים האָבען זיי באלד דערזעהען, און האָבען זיי גלייך ארעס־טירט. און נבוזראדן האָט זיי אוועקגעשיקט צום קעניג נבוכדנאצר, ער זאָל טאָן מיט זיי אלעס וואָס ער וויל.

בעט זיך צדקיהו ביים קעניג נבוכדנאצר, האָב רחמנות, טהו מיר א טובה, הרג׳ע מיך אפריהער, אום איך זאָל ניט דאַרפען זעהען מיט מיינע אויגען די פאַרגאָסענע בלוט פון מיינע קינדער. בעטען זיך אבער די קינדער פון צדקיהו, ערמאָרדע אונז א פריהער, ווייל מיר ווילען ניט, מיר קענען ניט, מיר טאָרען ניט זעהען די פאַרגאָסענע בלוט פון אונזער פאָטער. און נבוכדנאצר האָט גע־פאָלגט די קינדער, ער האָט זיי נעקוילעט פאַר זייער פאָטער אין די אויגען, נאָכהער האָט ער ביי צדקיהו ארויסגענומען די אויגען, און האָט זיי אריינגע־וואָרפען אין אויווען, און האָט איהם בלינדערהייט אוועקגעפיהרט אין בבל. (מדרש מובא ברש״י).

צדקיהו דאָס איז דער סימבאָל פון אידישען פאָלק, צדקיהו — דאָס איז דער 15 מיליאָנעדינגער צדקיהו, זיינע קינדער ווערען נעקוילעט שוין צוויי טויזענד יאהר, עס גיסט זיך זייער בלוט ווי וואסער, און אזוי אָנהאַלטען קען מען ניט, טאָר מען ניט, איין גאָט ווייס וואָס דער סוף וועט זיין, און אין די פרייע לענדער וואו מען קוילעט ניט זיינע קינדער, נעהמט מען צו ביי זיי די א י ד י ש ע נשמה, דעם אידישען גייסט, די אידישע תורה, און וואָס טוט צדקיהו? צדקיהו שווייגט! אז עס איז גאָר שלעכט, אז עס האַלט ביי טויט, ביי א פאָגראָם, קריכט ער זיך באַהאַלטען אין קעלער, אין הייל, ער מיט די קינדער, און דער וואָס ווייס די נעשיכטע פון פאָגראָמען, יענער ווייס דאָך, ווי אזוי מען פלעגט אויסגעפינען די „בעהאַלטענע" אידען, און וואָס פאַר א שרעקליכען סוף זיי האָבען נעהאַט, ווי קען מען אבער דולדען אזא שרעקליכע ניט נאָרמאַלע לאַגע, וואָרום שווייגט צדקיהו? איז דער איד? איז דער תירוץ, חמט את עיניו... ער האָט קיין אויגען ניט... ער איז בלינד... ער זעהט ניט וואָס מיט איהם קומט פאָר... ער זעהט ניט און פאַרשטעהט ניט זיין צוקונפט... וואָלט ער ניט בלינד נעווען, וואָלט ער גענלעבט אין דער גרויסער וועלט מיט אָפענע

הייליג און טהייער, פיר וואס אונזערע עלטערן האבן פארגאסען זייער לעצ־טען טראפען בלוט.

און דער חורבן פון אמאל איז דער חורבן פון היינט, וואס עס האט אמאל פאסירט, פאסירט יעצט. דער מדרש גיט אונז איבער א שרעקליכען טראגישען בילד פון חורבן, א בילד וועלכער מאכט פריהרען די בלוט אין די אדערען, און וועלכער שטעלט די האר קאפויר, וועלכער מאכט א שטורעם אין דער אידישער הארץ, וועלכער רעגט אויף די אידישע נשמה.

אט דאס איז וואס דער מדרש דערצעהלט אונז „ותבא העיר במצור ויחזק הרעב בעיר, והיו בנות ציון מתחברות בשוקים והיו רואות אלו את אלו, זאת אומרת לחברתה; למה יצאת לשוק? שלא יצאת לשוק מימיך, והיא עונה ואומרת לה; מכסה אני ממך? קשה היא מכת הרעב, איני יכולה לסבול!! והן אוחזות זו בזו, וחוזרות ומבקשות בתוך העיר ואינן מוצאות: והן מגפפות את העמודים ומתות עליהם בראש כל פנה, ובניהן, יונקי חלבן, היו מהלכין על ידיהם ועל רגליהם, כל אחד ואחד מכיר את אמו, והוא עולה ונוטל את דדה ונותנו בפיו, שמא ימשך לו חלב, והוא אינו מושך, ונפשו מטרפת, והוא מת אל חיק אמו (פסיקתא רבה כ"ו).

אין ירושלים ברעכט אויס א שרעקליכער הונגער, מענשען פאלען ווי פליגען. די טעכטער פון ציון געהען ארום אין די גאסען פון ארץ ישראל זוכען א ברעקעל ברויט צו שטילען דעם שרעקליכען הונגער, ניטא, מען קען קיין זאך ניט גע־פינען, זיי פאלען אוועק טויטע פון הונגער אין יערער ווינקעל פון גאס, און זייערע קליינע יונגע זויג קינדער, פוויזען, קריכען אויף אלע פיער, זיי קריכען צו דער טויטער מוטער, נעהמען די מוטערס ברוסט אין מויל אריין, זיי זוכען די מוטערס מילך, צו שטילען זייער הונגער, און דאס קליין קינד געהט אויס פון הונגער אין דער מוטערס שויס.

און די זעלבע געשיכטע פאסירט אויך היינט, דא אין דער ז א ט ע ר רייכער אמעריקא, אט אין דיעזע גאט געבענשטע לאנד, זעהען מיר הונדערטער טויזענדער יונגע אידישע קינדער געהען נעביך אויס פון הונגער, ניט קיין ברויט־הונגער, נאר נשמה־הונגער, תורה־הונגער. זיי זיינען מאראליש, אידיש — טויט! עס איז ניט די קינדערס שולד, וואס זיינען זיי נעביך שולדיג, אז זיי־ערע מוטערס האבען ניט מיט וואס צו זויגען זיי, צו ערציהען זיי אלס אידען? ווייל די מוטערס אליין ווייסען אבסאלוט גאר ניט פון אידען און אידישקייט. זיי ווייסען ניט, די מוטערס פון דעם נייעם אידישען דור, די געשיכטע פון דאס אידישע פאלק, זיי ווייסען ניט די אידישע נאציאנאלע שפראך העברעאיש, ווייסען ניט אידישע דינים ומנהגים, ווייסען ניט די אידישע, די העברעאישע ליטעראטור, ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען וואס עס קומט פאר מיט אידען און יודענטהום אויף דער גאנצער וועלט, און ביי אט אזוינע מוטערס קענען דאך ניט ערצויגען ווערען ריכטיגע א י ד י ש ע קינדער.

שבת נחמו

דער מוסר השכל פון שבת נחמו — די נביאים און די אי־דען — די פּאָעזיע פון מדרש — די אידישע אמונה און אונזער יוגענד — די ביבעל קריטיקער און די גאָטלאָזע אידען — רע־ליגיאָן און וויסענשאַפט.

היינטיגער שבת רופט זיך שבת נחמו, ווייל מיר לייענען אין דער הפטרה היינטיגען שבת די ווערטער פון ישעיה נ ח מ ו נ ח מ ו ע מ י, טרייסט, טרייסט מיין פאָלק זאָגט אייער גאָט.

מען דאַרף וויסען ווי צו פיהרען א פאָלק, ווי צו לערנען א פאָלק און ווי צו זיין דער וועגווייזער פון פאָלק, און אויך ווי צו זיין דער פאָלקס־רעדנער, ניט אלע קענען דאָס, נאָר די געצעהלטע, די יחידי סגולה. עס איז אויך זעהר שווער צו זיין א נביא ביי אידען. גאָט שיקט זיי דעם בעוואוסטען נביא ע מ ו ס, און דאָס פאָלק רעספּעקטירט איהם ניט, ווייל — ער איז ניט קיין גוטער רעדנער, האָט ער צו זיי געשיקט דעם נביא מ י כ ה, האָבען זיי איהם געגעבען פעטש. פרעגט גאָט את מי אשלח, ומי ילך לנו? וועמען זאָל איך יעצט שיקען ריידען צו די אידען און וועקען זיי צו תשובה? ווער וועט יעצט געהן, ווער? ענטפערט ישעיה הנביא הנני, שלחני! גאָט, איך בין פאַרטיג, שיק מיך! זאָגט איהם גאָט: ישעיהו, מיינע קינדער, די אידען, פאָלגען ניט, זיי גיבען צרות זייער פיהרער, ווילסטו א נביא זיין ביי אידען, דאַן מוזטו נעהמען אויף זיך צו ליידען צרות, צו קריגען קלעפּ, און צו האָבען בזיונות, ווילסטו דאָס? קענסטו דאָס נעהמען אויף זיך? און ישעיה ענטפערט מיט פייערדיגע בעגייסטערונג: איך געהם דאָס אן! דאַן זאָגט גאָט: ישעיה! דו וועסט ווערען דער אונשטערבליכער נביא, ווייל דו האָסט ל י ע ב דיין פאָלק, זוכסט זייערע מעלות און ניט זייערע חסרונות, און דערפאַר וועסטו שטעהן הע־כער פון אלע נביאים און דיר וועט באשערט זיין צו פּראָקלאַמירען די אידישע נחמה, דו וועסט זאָגען צום פאָלק, אין מיין נאָמען, טרייסט, טרייסט, מיין פאָלק, זאָגט גאָט: נחמו, נחמו עמי, יאמר אלהיכם!

אט דאָס איז דער לשון פון מדרש „ואשמע את קול ה' אומר וכ" שלחתי את עמוס והיו קורין אותו פסילום (קטיע לישני), אמרו הניח הקב"ה את עולמו ולא השרה שכינתו אלא על הדין פסילוסאי על הדין קטיע לישנא? שלחתי את מיכה והיו מכין אותו על הלחי כמד"א (מיכה ד') בשבט יכו על הלחי... מעתה את מי אשלח, ומי ילך לנו? ואומר: הנני, שלחני! אמר לו הקב"ה: ישעיהו! בני טרחנים הם, סרבנים הם, מקבל אתה עליך ללקות בשבילם? אמר לו: על מנת כן! (ישעיה נ') גוי נתתי למכים, איני כדאי שאלך בשליחותך אצל בניך!... א"ל הקב"ה, ישעיה! אהבת צדק, לצדק את בני, ותשנא רשע, שנאת מלחייבם, על כן משחך אלהים אלהיך שמן ששון מחביריך, מהו מחבריך? „א"ל הקב"ה, כל הנביאים מתנבאים נביא מפי נביא וכו" אבל אתה מתנבא מפי הגבורה, ולא עוד אלא שכל הנביאים מתנבאים נבואות פשוטות, אבל אתה מתנבא נבואות כפולות נחמו, נחמו עמי (ילקוט ישעיה, תמ"ג).

אויגעז, דאן וואלט ער געוואוסט ווי קלוג און ריכטיג עס זיינען די ווערטער פון ירמיה הנביא „אמר ירמיה לישראל עד שאתם אומרים שירים ומזמורים לפני העבודה זרה, צהלי קולך בדברי תורה, צהלי קולך בבתי כנסיות (פתיחתא דמ"ר איכה א׳, פסיקתא ד׳ כ׳ פי"ג; ילקוט ישעיה רמז רפ"ד).

אנשטאט וואס די אידען איז גלות גיבען אוועק זיך און זייערע קינדער די ע ב ו ד ה ז ר ה, פרעמדע דינסט, מען דינט פרעמדע פעלקער, פרעמדע לענ־דער, פרעמדע שפראכען, פרעמדע קולטורען, בעסער אוועקגעבען אונזער צייט, מארך, פעהיגקייטען, געלד און אלעס וואס מיר פארמאגען צו אויפבילדען אונ־זער ליטעראטור, אונזער קולטור, ווי שטארק, ווי גליקליך, ווי זעלבסטשטענדיג מיר וואלטען דאן געווען!

רבותי! היינט, תשעה באב, ווען מיר זיצען און קלאגען אויף דעם חורבן פון אונזער לאנד, מוזען מיר א חשבון הנפש האבען, און וויסען די א ו ר־ז א כ ע ווארום די לאנד איז חרוב געווארען, און דאס איז זעהר א וויכטיגע פראגע. און דעם ריכטיגען ענטפער אויף דער גרויסער פראגע „על מה אבדה הארץ?! ווארום איז ארץ ישראל פארלארען געווארען פון אונז? האבען ניט געקענט געבען ניט די חכמים, ניט די נביאים, ניט די מלאכים, נאר דער רבונו של עולם אליין. גאט זאגט: ווייסטו ווארום ארץ ישראל איז חרוב געווארען פאר אידען? „על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם" (נדרים פ"ח), ווייל אי־דען האבען אוועקגעלאזען גאט'ס תורה. און יעצט, רבותי, ווען מיר ווייסען שוין די ריכטיגע, די אמת'ע אורזאכע פון דעם חורבן, ווייל אידען האבען די תורה אוועקגעלאזען, יעצט מוזען מיר שטארקען די תורה, לערנען און גרינדליך שטו־דירען די תורה. מיר און אונזערע יונגע קינדער היער אין לאנד, און מיר דארפען שטיצען די אנשטאלטען וואו עס ווערט געלערענט גאט'ס תורה, און דאן בזכות התורה וועלען מיר זוכה זיין צו א גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן! ואמן!

הערה ועצה טובה
אל פרחי הדרוש וההטפה!

הייתי מיעץ לכם, למסור אל קהל השומעים שלכם, את האגדות היפות על דבר החורבן, האגדות שנמצאות בתלמוד בבלי וירושלמי, במדרשים וילקוטים, האגדות האלה הן אוצר גדול מלא ושלם של שירה ופיוט עברי, ויש בהן כדי להרעיש את הנשמה העברית, ולנגוע במיתרי הלב העברי, בנימי הלב היותר דקים, — החלק היותר גדול של השומעים אינם בקיאים בהגדה, ואפילו אלה שיודעים לעיין בעצמם בתלמוד ובמדרש יתענגו עד מאד אם ישמעו מפה המטיף דובר צחות, בעל לשון, ובעל הסברה הגונה, את האגדות היפות יחד עם נגון יפה מלא עצב, שמחריד את הלב והנפש!... כמובן, יש צורך להמתיק, להנעים, ולהטעים את האגדות, לבארן ולהסבירן ולהראות, להדגיש ולהבליט את „המוסר" היפה שבהן, יש בזה עבודה מרובה.

אבל — כראית היא העבודה!

המחבר.

פּערעל פון דער וועלט־ליטעראַטור, און אַט יענע פּערעל זענען ווירקליך שוואַרצע קויהלען, וואָס בריהען און פאַרברענען די נשמה, אין דער צייט ווען די אמת'ע פּערעל געפינען זיך אין אונזער תנ"ך, אין ש"ס ופוסקים, ספרי דרוש און מוסר!... (זעה וואס דער בעוואוסטער געלעהרטער רבי יעקב דער, שווינגער־פאָטער פון ר"ש אבן תבון שרייבט אין זיין בעריהמטען ספר „מ ל מ ד ה ת ל מ י ד י ם," ד').

עס איז זעהר וויכטיג צו שטודירען און לעהרנען נוצליכע און פּראַקטישע וויסענשאַפט, וועלכע קענען צוניץ קומען אין דעם אַלטעגליכען מענשליכען לעבען. עס איז אָבער ניט ערלויבט, עס איז שעדליך, פון גאַטלאַזע פריידענקער, וועלכע פער'סמ'ען די הארץ און די אידישע נשמה. באַמערקט אויף דעם דער בעוואוסטער אידישער דענקער און פילאָזאָף, דער ר א ב " ד זכרונו לברכה. ער זאָגט אַזוי: מיר האָבען 2 ליכט, די נ ר ה ד ת און דעם נ ר ה ד ע ת והחכמה, די ליכט פון דער תורה, די ליכט פון רע־ליגיאָן, און די ליכט פון וויסענשאַפט. און מיר האָבען זעהר ווענינ צווישען אונז ש ט אַ ר ק ע און ג אַ נ צ ע אידען, וועלכע זאָלען האָבען גענוג כח אנצוצינדען און האַלטען ביידע ליכט צוזאַמען, אין דער רעכטער האַנד די ליכט פון רעליגיאָן, דעם נ ר ה ד ת, און אין דער לינקער האַנד, דעם נ ר ה ד ע ת, די ליכט פון וויסענשאַפט. מענשען זענען שוואַך, און ווען זיי צינדען אָן די ליכט פון אמונה פאַרלעשט זיך ביי זיי די ליכט פון וויסענשאַפט, און צינדען זיי אָן די ליכט פון וויסענשאַפט, פאַרלעשט זיך ביי זיי די ליכט פון אמונה (אין זיין הקדמה צו זיין בעוואוסטען פילאָזאָפישען ספר „האמונה הרמ"ה). דאָס איז זעהר אַ וויכטיגע טהעמא, און זעה וועגען דעם (דעם מהר"ל מפּראַג אין זיין ספר „נתיבות עולם" נתיב התורה, פי"ד, שו"ת, יעב"ץ חלק א', שאלה מ"א) תשובות הרמ"א סימן ז', און וואָס ר' שניאור זלמן לאַדיער זאָגט אין „תניא" קונטרס אחרון פ"ח, שו"ע הרב הלכות תפלה סימן ק"ד, און אין זיין סדור התפלה במבוא לשבת, און אין זיין שלחן ערוך הלכות ת"ת פ"ג הלכה ז', און וואָס רבינו בחיי זאָגט אין „כד הקמח" אות יחוד השם, און וואָס יעב"ץ זאָגט אין „אור החיים" פ"ב, און זעה עקידה שער ס"ו, ראשית חכמה שער האהבה פי"א, ושער הענוה פ"ו, שו"ת מהרי"ט ח"ב שאלה ח', מורה נבוכים חלק ב' פרק ט"ו, „נפש החכמה" למהר"ם די ריאון).

ווען איהר וועט איינקוקען אַט אין די אַלטע פּלעצער וואָס איך האָב יעצט דאָ דערמאָנט, וועט איהר זיך דאָרט איבערצייגען אַז אונזערע גרויסע אידישע לעהרער ווילען ניט מיר זאָלען קיינע חכמות, קיינע וויסענשאַפט לעהרנען. אין גענענטהייל, מען דאַרף אַלץ לעהרנען, שטודירען, און אַלץ וויסען, מען דאַרף אָבער זעהר און זעהר פאַרזיכטיג זיין ווען עס קומט צו אמונה, מען דאַרף וויסען דאָרט וואו צו זוכען בריליאַנטען און דיימאַנדס, און וואו עס ליגען די שוואַרצע קויהלען, וואָס פאַרברענען די מענשליכע נשמה. און רעליגיאָן, די אמונה, איז אהן צווייפעל דער אינהאַלט פון דעם מענשליכען לעבען, וואוהין דער מענש אנטלויפט און געפינט טרייסט ווען דער לעבען ווערט ביטער און זעהר, זעהר

ווען ישעיה רופט אידען גוי חוטא עם כבד עון, קומט א מלאך און ברענגט זיינע ליפען. ווען ישעיה זאגט צו גאט אז ער איז ניט ווערטה צו גהן ריידען צו אידען, ער איז צו קליין צו האבען אזא גרויסע זכיה ריידען פאר אידען, קריגט ער דערפאר חן אין גאט'ס אויגען, און ווערט דער גרעסטער נביא ביי אידען, און דערפאר, אין דעם איינציגען שבת ביי אידען וואו מען לייענט אין די שוהלען א פראקלאמאציע פון נחמה, ציטירט מען די ווערטער פון דעם נביא ישעיה און דער גאנצער שבת רופט זיך אויף די ערשטע ווארט פון זיין מייסטערהאפטער בריליאנטענער רעדע פון נחמו, נחמו עמי!...

דער ילקוט זאגט אז גאט בעט אידען זיי זאלען איהם, כביכול, טרייסטען, נחמו נחמו, טרייסט מיך, טרייסט מיך. ווער זאל מיך טרייסטען? עמי! מיין פאלק ישראל זאל מיך טרייסטען. ווארום? ווייל משל למה"ד למי שנשבו בניו בחייו, למי מנחמים, לא לאביהם? כך (ירמיה י') בני יצאוני ואינם (ילקוט, שם). ווען ביי איינעם — זאגט דער ילקוט — האט מען אוועקגענומען זיינע קינדער, וועמען טרייסט מען דאן? דעם אומגליקליכען פאטער, וועלכער איז געבליבען אהן קינדער. אזוי איז ביי מיר. מיינע קינדער זענען אוועק פון מיר, זענען געבליבען גאטלאז, אידען אהן אמונה, אהן גאט, זענען עלענדע, אומגליקליכע, זוכען עפעס, בענקען נאך עפעס און ווייסען ניט וואס... די הארץ איז פוסט... די נשמה איז ליידיג, ליידיג, און דער לעבען האט דאן קיין אינהאלט ניט, איז גראב, ברוטאליש, האט קיין ווערטה ניט, אדער מען איז אינגאנצען אונוויסענד, אדער מען לייענט ביכער און זשורנאלען וועלכע זענען פול מיט כפירה, וואס לייענענדיג זיי ווערט מען אינגאנצען גאטלאז, און אין דער צייט וואס איז אונזער תורה ליגען בעהאלטען אמת'ע בריליאנטען, געהט מען זוכען איז אנדערע ביכער בריליאנטען וועלכע בריהען און פער'סמ'ען און פארברענען די אידישע נשמה. אויף זיי פאסט זיך זעהר גוט דער משל פון מדרש: א תלמיד איז געגאנגען מיט זיין רבי'ן, האט ער דערזעהן עס ליגט א ברענענדע קויל, האט ער געמיינט אז דאס איז א דיימאנד וואס לייכט, האט ער דאס גענומען אין האנד און האט די האנד פארברענט. אין א צייט ארום איז ער ווידער געגאנגען מיט זיין רבי, האט ער דערזעהן עס ליגט א דיימאנד, האט ער גע־מיינט אז דאס איז א קויל, האט ער מורא געהאט טשעפען איהר. זאגט צו איהם זיין רבי: נעהם! הויב אויף, דאס איז א ווירקליכער דיימאנד (דברים רבה פ"א סימן ח').

אונזער יוגענד ווייס נעביך ניט וואו עס ליגען די דיימאנדס און וואו עס ליגען די קויהלען. זיי לעהרנען ניט אונזער תנ"ך, אונזער ש"ס ופוסקים, אונ־זערע ספרי מוסר. זיי דיינקען אז דאס זענען שווארצע קוהלען, דאס איז פאנאטיזם, קלעריקאליזם, עס ברענט און פארברענט, און דערפאר געהען זיי זוכען דיימאנדס אין די גוי'עשע ביכער, אין זייערע ליטעראטורען, אדער אין די נייע מאדערנע אידישע שרייבער און מחברים, וועלכע טאנצען נאך דעם גוי, אט די פערקאכטע ביבעל־קריטיקער וכדומה, דארט קלייבען זיי דיימאנדס,

בית המקדש, דאַן ווערעז אויך געשענדעט זיינע טעכטער, און די גאַנצע ניט־אידישע וועלט פייניגט איהם, גיסט זיין בלוט, און טרעט זיין כבוד אונטער זייערע גראָבע ברוטאַלע פיס. ווען אָבער דער איד וועט זיך אומקעהרען צוריק צו גאָט, דאַן וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך, ויראו ממך, דאַן וועלען אַלע פעלקער פון דער וועלט ניט קענען, ניט וואַגען צו טשעפּען איהם. נאָך תשעה באב וועט קומען אין זיין לעבען דער שבת נחמו, נאָך זיינע טרעהרען וועט קומען די גאולה, און דאַן האָט דער איד גאָרניט צו זאָרגען, באש הצתיה ובאש עתיד אני לבנותה — זאָגט די גמרא — מיט דעם פייער פון שנאת חנם איז פאַרברענט געוואָרען דער בית המקדש, ארץ ישראל, און מיט דעם פייער פון דער תורה, פון דער אמונה, און מיט פייערדיגע ארץ ישראל אַרבייט וועט דער רבונו של עולם העלפען בויען ארץ ישראל, און דערפאַר — נחמו נחמו עמי!...

גאָט און פאָלק

א דרשה צו שבת נחמו

שבת חזון און שבת נחמו — עלטערען און קינדער — אידען און גאָט — די קראַפט פון אמונה — גאָט און נאַטור — וואָס בעוואוסטע פילאָזאָפען זאָגען — רעליגיאָן און נאַציאָן.

היינט, שבת נחמו, לייענען מיר אין דער הפטרה פון היינטיגען שבת ווי דער נביא ישעיה זאָגט, אין נאָמען פון גאָט: „נחמו נחמו ע מ י יאמר א ל ה י כ ם! טרייסט, טרייסט, מיין פאָלק, זאָגט אייער ג אָ ט! מיר זעהען דאָ אין די ווערטער פון דעם נביא א זעלטענע פאַרבינדונג פון ג אָ ט א ו ן פ אָ ל ק. גאָט בעט זיך אז מען זאָל טרייסטען זיין פאָלק, ווייל גאָט און דאָס אידישע פאָלק איז איינס. ווי דער זוהר זאָגט: קוב״ה אורייתא וישראל חד הוא״. גאָט, די תורה און אידען זיינען איינס. עס וואָלט געווען דערפאַר זעהר וויכטיג, רבותי, ווען מיר זאָלען אין היינטיגע דרשה ערקלעהרען אביסעל טיעפער, גרינדליכער, דעם ענין פון גאָט און אידען. איהר וועט, האָפענטליך, פיעל לערנען פון אזא דרשה. און ווען איהר וועט היינט ארויס פון שוהל נאָך דער דרשה וועט איהר דאַן וויסען דאָס ניט אומזיסט האָט איהר פערבראַכט א שטיקעל צייט פון אייער לעבען ביי דער דרשה, ווייל איהר האָט עפּעס גע־לערענט, איהר ווייסט עפּעס וואָס פריהער, פאַר דער דרשה, האָט איהר ניט געוואוסט און לערנען דאַרף אימער א איד, ווייל א איד אהן לערנען, אהן תורה, איז קיין איד ניט!

גאָט! אהן גאָט איז דער לעבען גאָר ניט ווערט, ממש גאָרניט. אהן גאָט איז דער לעבען קיין לעבען ניט, איז דער לעבען ערגער ווי א גיהנם. דער יעני־גער אָבער וועלכער גלויבט אין גאָט מיט אן אמת, מיט זיין גאַנצע הארץ און מיט זיין גאַנצע נשמה, יענער איז א גליקליכער, ניט נאָר אויף יענער וועלט, נאָר אויך אויף דער וועלט. דער גלויבען אין גאָט מאַכט איהם שטאַרק, פול מיט האָפנונג, און שרעקט זיך ניט פאַר קיינעם ניט, ה׳ לי, לא אירא, מה יעשה לי אדם? ווען גאָט איז מיט מיר — זאָגט דוד המלך אין תהלים — האָב איך

שלעכט. אמונה איז דער גליק און דער אינהאלט פון מענשליכען לעבען!! און דערפאר ווען אידען דערוויטערען זיך פון זייער היילינער אמונה, ווען זיי ווערען גאטלאז, איז דער אומגליק אזוי גרויס, איז די טראגעדיע אזוי טיעף, אז די מליצה שטעלט שטעלט פאר ווי גאט בעט זיך אז מען זאל איהם טרייסטען, און מען דארף אויך טרייסטען די אומגליקליכע אידען וועלכע זענען געבליבען איינזאם, עלענד, אליין, אהן גאט, נחמו, נחמו, עמי!...

רבותי! עס געפינט זיך א גרויסער מאמר אין ילקוט ישעיה רמז תמ״ג. דער מאמר איז ווירקליך א גרויסער מייסטערווערק, איינע פון די שעהנסטע פערעל אין דער ליטעראטור פון מדרש און ילקוטים. ווען איך זאל בריינגען דעם גאנצען לשון פון מדרש, א בלומען־שפראך, רייך און זאפטיג, פול מיט געטליכע פאעזיע און שעהנהייט, און נאכהער איבערזעצען די רייכע פאעטישע שפראך פון מדרש אין אונזער ארימע מאמע־לשון, אין אידיש, און ערקלעהרען די טיעפע פילאזאפישע געדאנקען וואס ליגען בעהאלטען אין דיזען מאמר, וואלט דאס גענומען צופיעל צייט, זעהר פיעל צייט, און עס איז שוין שפעט, און דער עולם איז אמעריקא וויל ניט הערען קיין לאנגע דרשות, אלזא וועל איך צווינגען זיך אליין צו איבערגעבען דעם אינהאלט פון מדרש אזוי קורץ ווי מעגליך.

גאט זאגט צו די נביאים: געהט און בעט איבער די כנסת ישראל פאר די פיעלע צרות וואס זי האט, געביך, געליטען און ליידעט אהן א שיעור. נון קומען אלע נביאים טרייסטען די אידען, קומען די נביאים הושע, עמוס, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי, און זאגען פסוקים פון נחמה, ארויסגענומען פון זייערע רייך צום פאלק אין תנ״ך, און אידען ווערען ניט געטרייסט, זיי צייגען יעדער נביא, אז דארט וואו ער האט א גוטע ווארט פאר זיי, א טרייסט־ווארט, געפינען זיך אבער פיעל מעהר ווערטער פון שטראף, פון מוסר, מוסר און מוסר, אי צרות האבען זיי שטענדיג, אי מען האלט זיי אין שטראפען, אין איין מוסר׳ן זיי... קומען אברהם, יצחק, יעקב און משה רבינו טרייסטען אידען, און דער אומגליק איז אזוי גרויס, די צרות פון פאלק אזוי פיעל, דער גלות אזוי שרעקליך, אזוי גרויזאם, אז — אידען ווערען ניט געטרייסט. קומען זיי אלע צוריק צו גאט און זאגען: רבונו של עולם! זי וויל זיך ניט לאזען טרייסטען, אינה מקבלת ממנו תנחומין, שנאמר ענ י ה סוערת לא נחמה, די ארימע שטורעמדיגע אידישע פאלק וויל זיך ניט לאזען טרייסטען. זאגט גאט: קומט! קומט מיט מיר צוזאמען, א י ך וועל איהר טרייסטען. דא קומט פאר אין מדרש א וכוח צווישען די כנסת ישראל און דעם רבונו של עולם. עס איז ווערטה טויזענד דאלאר א טיקעט צו הערען אט דעם אינטערעסאנטען וכוח. און דער סוף איז — אידען ווערען געטרייסט. נור מיט גאט ווערט א איד געטרייסט, נור אין דער היילינער אמונה געפינט דער איד א טרייסט און א רפואה צו זיינע צרות און וועהטאגען, און דערפאר איז היינטיגער שבת, דער שבת וואס קומט נאך די בין המצרים, נאך די 3 וואכען, נאך תשעה באב, נאך אלע אידישע צרות, נאך דעם גרויסען אידישען חורבן, דאן פיהלט מען אז ווען דער איד אנטלויפט פון גאט, ווען עס ווערט חרוב זיין היילינטהום, זיין

הספרדי ל"ד) און דאן, רבותי, וועט איהר פערשטעהן ווי נאריש עס זיינען אט יענע חכמים וועלכע גלויבען ניט, חס ושלום, אין דעם רבונו של עולם.

דער גרויסער אידישער פילאָזאָף ר' י ו ס ף ה צ ד י ק ז"ל, וועלכער איז געוועזן דיין אין קארדאווע, שפאניען, אין דעם יאהר 1138, און וועלכער איז אויך געוועזן א בעריהמטער משורר, ער האט פערפאסט א גרויסע פילאָזאָפישע ווערק מיט דעם נאמען „ע ו ל ם · ק ט ן" אין 4 טהייל, דארט בעהאנדעלט ער מיט טיעפע פילאָזאָפישע געדאנקען די טיעפע חקירה איבער די בעציהונג פון גאט צו מענשען, צו דער וועלט, איבערהויפט די אויסערליכע וועלט (MICROCOSM) און דער מענש. א טיעפע פילאָזאָפישע פראגע מיט וועלכע עס האט זיך בעשעפטיגט דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף פלאטאן און אויך די אראבישע פילאָזאָפען, און דיעזער טיעפער דענקער און פילאָזאָף ר' יוסף הצדיק צוברעכט אהן רחמנות אט די אלע נארישע טענות פון אונזערע פריידענקער און צייגט איבער מיט טיעפע פילאָזאָפישע געדאנקען אז עס איז דא א גאט, און דער צוועק פון דער פילאָזאָפי איז אז מען זאל זיך איבערצייגען אין די עקזיסטענץ פון גאט, און דאן ווען מען געהט אין גאט'ס וועגען ווערט מען אן אמת'ער צדיק (זעה זיין ספר „עולם קטן" חלק ב', מאמר ד', חלק האחד, און זעה דעם „ס פ ר ה ק ב ל ה" דפוס אמסטערדאם זייטע מ"ז, ס פ ר ה י ו ח ס י ן ה ש ל ם 220, כ ר ם ח מ ד ח"ה 93, דאקטאר מאקס די פילאָזאָפי דעם יוסף ן' צדיק מינסטער 1895).

און דער בעוואוסטער פילאָזאָף יש"ר מקאנדוא זאָגט אין זיין ספר „מצרף לחכמה" (פל"ד): איך וויים אז די וואס מיינען אז זיי זענען פילאָזאָפען און פריידענקער וועלען לאכען פון מיינע רייד און וועלען זאגען אז איך האב פערגעסען מיין חכמה. איך בין געווארען אז עובר בטל א. ז. וו.. ארט דאס מיך ניט. זאלען זיי ריידען. עס איז בעסער פאר מיר מען זאל מיך רופען שוטה מיין גאנצען לעבען אבי איך זאל ניט זיין חס ושלום א רשע פאר גאט איין שטונדע פון מיין לעבען."

עס איז אונמעגליך פאר מיר איבערצוגעבען אייך וואס די גרעסטע אמת'ע דענקער, וואס די גרעסטע פילאָזאָפען פון דער וועלט האבען געהאט צו זאגען וועגען גאט, דאס וואלט דארך גענומען יאהרען און יאהרען צו ערקלעהרען, צו ריידען. איך וויל נור באטאנען אזוי שטארק ווי מעגליך אז די אמת'ע גרויסע פילאָזאָפען האבען אנערקענט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, און אומגליקליך איז דער מענש, דער איד, וועלכער לעבט א לעבען אהן גאטהייט, אהן קדושה.

היינטיגען שבת לייענען מיר: נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם, מען טרייסט אונז, אבער די נחמה דארף זיין א צ ו ו י י ע נ ד י ג ע, א נחמה כפולה, מען דארף טרייסטען גאט, אז די גאטהייט וועט פערשפרייט ווערען צווישען אלע אידען פון דער וועלט, דאס יעדער איד וועט זיין אין דער הויכער מדרגה פון נעבען זיין לעצטען טראפען בלוט פאר גאט און פאר'ן פאלק ישראל, פאראיי־

פאר קיינעם קיין מורא ניט. וואס קען מיר דאן טאן א מענש? דוד געהט קעמפפען מיט דעם גרויסען ריעז גלית הפלישתי און ער ערקלערט ווארום ער האט קיין מורא ניט פאר דעם מאן וואס אלע האבען געציטערט? דוד ערקלעהרט דאס ווען ער זאגט צו גלית'ן „אתה בא אלי בחרב ובחנית ובכידון ואנכי בא אליך בשם ה' צבאות אלהי מערכות ישראל (שמואל א' י"ז מ"ז) דו, גלית, דו גרויסער גבור, דו קומסט צו מיר מיט'ן שווערד, מיט פערשיעדענע כלי זיין, אבער איך קום צו דיר אין דעם נאמען פון גאט, און דוד הקטן האט באזיגט און באקעמפפט דעם וועלט בעריהמטען ברוטאלען גבור גלית, ווייל ער איז געקומען מיט דעם פייערדיגען גלויבען אין גאט! און דאס האט ירמיה הנביא געזאגט אין א פאר ווערטער „מקוה ישראל ה', מושיעו בעת צרה" (ירמיה י"ד, ח) גאט איז די אידישע האפענונג, און אין די גרעסטע צרה פון זיין לעבען ווערט ער דאן געהאלפען.

דער תהלים האט א שמייכעל געטהאן פון יענע קליינקעפּעלדיגע מענשען וואס האלטען זיך פאר גאנצע פילאזאפען און קלעהרען צו עס איז דא א גאט, און דער תהלים זאגט זיי: מאכט זיך ניט נאריש, אך יש אלהים שופטים בארץ (תהלים נ"ח נ"ב). געוויס איז דא א גאט וואס משפט און פיהרט די גאנצע וועלט. און גאט איז איבעראל „אם אסק שמים שם אתה, ואציעה שאול הנך! אשא כנפי שחר אשכנה באחרית ים — גם שם ידך תנחני ותאחזני ימינך (תהלים קל"ט) א מענש קען ניט אנטלויפען פון גאט, ווייל דארט וואו נאר א מענשליכע פוס גיט א טראט, דארט איז גאט!... מבשרי אחזה אלוה (זאגט איוב י"ט כ"ו) איך זעה גאט אין מיר אויף יעדען שריט און טראט.

דער היינטיגער מענש, דער פראגרעסיווער, דער ראדיקאל, דער אויפגעקלעהרטער, ער זאגט אלעס איז נאטור, די נאטור דאס איז גאט, ער פערשטעהט אבער ניט אז די נאטור מוז אפריהער האבען אן אבי הטבע, און זיי ווייסען ניט אז אין אידישע ספרים ווערט געבראכט אז אלהי"ם בגימטריא הטבע, אז אין דער נאטור ליגט די גאטהייט, אבער ניט אז די נאטור אליין איז גאט. ווען איהר ווילט, ווען אייך אינטערעסירט דיזע וויסענשאפטליכע און זעהר אינטערעסאנטע און באלעהרענדע טהעמא צו שטודירען גרינדליך, דאן קוקט אריין אין (ראשית חכמה, שער האהבה פ"ז ד"ה ורבותינו. ופי"א בד"ה עוד אפשר לומר. של"ה מס' פסחים בד"ה ומו, שו"ת חכם צבי סימן י"ח, יערות דבש חלק א' דף י"ג, וחלק ב' קי"א, דבש לפי מערכת ט סימן א'. אור החכמה פ' מקץ נ"ט, תפארת עוזיאל פ' שמות י"ב, ספר הברית חלק א' מאמר ג' פ"ו, ברכת אברהם ט' רע"א ינ"ג תפארת ישראל ברכות פ"ז סימן כ', ארץ חמדה ר"פ בראשית ור"פ קרח, מזבח הזהב, קרבן כ"ח, עמוד ענן על מדרש תדשא, פ"ב, מערת המכפלה סימן י"ח, נפש החיים לר"ח מוואלאזין שער א' פ"ב, כוזרי מאמר ד' סימן א' ובפירוש קול יהודה, גבורות ה' פר"ה ונפש החיים שער ב. פ"נ י"ט, אפיקי יהודה דרוש ו' סי' ז' בע"נ, ודרוש ט"ז ס"ס ד', ערי יהודה שער היסוד סימן ז', ברית מנוחה להמקובל הר"א מרימון

ווען ביי איינעם שטאַרבט די פרוי, ווען מען דאַרף מען דאָן טרייסטען, ניט דעם מאַן? ווען ציון איז טוידט, דאַרף מען גאָט טרייסטען, ווייל נור ווען מען איז רעליגיעז, ווען מען איז איבערגעגעבען צו גאָט, נור דאַן קען זיין די אמת'ע ישועה, נור דאַן קען ציון געטרייסט ווערען, אָבער ניט נור רעליגיעז דאַרף מען זיין, נור אויך אידיש נאַציאָנאַל, אַזוי זאָגט דער מדרש: „אף על פי כן לכו ופייסו לכנסת ישראל", ניט נור גאָט דאַרף געטרייסט ווערען, נור אויך דאָס אידישע פאָלק, עס דאַרף געטרייסט ווערען גאָט און פאָלק צוזאַמען, נחמו נחמו עמי!... (ילקוט ישעיה מ').

דער וואָס איז אי רעליגיעז אי נאַציאָנאַל, יענער וויינט אויף דעם חורבן פון ארץ ישראל און גלייכצייטיג פרעהט ער זיך אויף דער נחמה, אויף דער ישועה פון ארץ ישראל אין דער צוקונפט, דאָס מיינט שבת חזון — אומעט און טרערהען — און שבת נחמו — שמחה, זעהר פיעל פרייד, און דאָס מיינט אפשר די גמרא: „לוא שמרו ישראל ב' שבתות מיד היו נגאלים", ווען אידען וואָלטען געהיט 2 שבתים, שבת חזון און שבת נחמו, דאָס מיינט נעהמען א שטאַרקען אנטהייל אין דעם צער פון אידישען פאָלק און אין דער שמחה פון פאָלק, דאַן וואָלטען זיי שוין לאַנג אויסגעלייזט געוואָרען!...

„לקו בכפלים ומתנחמים בכפלים", דער גלות האָט דעם אידען געשלאָגען איז צווייען, ער האָט געבראַכט צרות פאַר די עלטערען וועלכע האָבען ניט גע־קענט ערציהען זייערע קינדער אין גלות אין דעם דרך התורה, און צרות פאַר די קינדער וועלכע האָבען ניט געקענט לעבען א ריכטיגען אייגענעם נאַציאָנאַלען לעבען, מיט אַן אייגענער רעגיערונג, מיט אַן אייגענעם אָרט לעבען, מיט אַן אייגענער לאַנד, מיט אייגענע שוהלעס, אוניווערזיטעטען, דערפאַר צו דער גאולה וועט זיין נחמו נחמו, א צווייענדיגע נחמה, מתנחמים בכפלים, א נחמה פאַר די עלטערען, און א נחמה פאַר די קינדער. זאָגט טאַקי דער ילקוט: אמר הקדוש ברוך הוא לישראל, כשלקו הבנים לקו האבות עמהן,, ואף כשתתנחמו יתנחמו האבות עמכם (ילקוט תהלים, כ"ג).

ווען אידען וועלען קומען צוריק אין ארץ ישראל וועט דאָס זיין א נחמה אי פאַר די עלטערען אי פאַר די קינדער,ביידע וועלען בעפרייט ווערען פון גלות, די עלטערען — פון זייער גלות, די קינדער — פון זייער גלות. ביידע וועלען דאַן לעבען א נאַטירליכען לעבען, די קינדער וועלען דאַן היטען דעם זעלבען שבת וואָס זייערע עלטערען היטען, וועלען לעהרנען די זעלבע תורה, וועלען ליעב האָבען די זעלבע לאַנד, וועלען ריידען די זעלבע שפּראַך, „נחמו לאבות, ונחמו לבנים", עס וועט זיין דאַן א צווייענדיגע נחמה, אי פאַר עלטערען, אי פאַר קינדער. נחמו נחמו, ווייל דער גאָט פון די עלטערען וועט אויך זיין דער גאָט פון די קינדער, און עס וועט ניט פונאַנדער געטהיילט ווערען גאָט פון פאָלק, און פאָלק פון גאָט, זאָנדערן דער וואָס איז רעליגיעז, דער וואָס איז צו גאָט, וועט אויך זיין נאַציאָנאַל, ער וועט זיין פייערדיג איבערגעגעבען צו זיין לאַנד, שפּראַך, און פאָלק, און דער פייערדיגער נאַציאָנאַליסט, דער וואָס האָט

ניגען גאט און פאלק, און ווען יעדער איד וועט זיין אמת רע־ליגיעז און נאציאנאל, גאט און פאלק צוזאמען וועלען פארנעמען זיין מארך און זיין הארץ מיט דער נשמה, דאן, און נור דאן, וועט קומען דער אמת'ער שבת נחמו אין דעם לעבען פון דאס אידישע פאלק. עס וועט זיין ווי די גמרא זאגט: „מתנחמים בכפלים", די נחמה וועט זיין א צווייענדיגע, אי א רעליגיעזע אי א נאציאנאלע.

און דיזער טיעפער געדאנק ליגט בעהאלטען אין מדרש, משל למטרונא שהלך המלך בעלה ובניה וחתניה למדינת הים, ובאו ואמרו לה באו בניך, אמרה: מה איכפת לי? תשמחנה כלותי! כיון שבאו חתניה, אמרו לה באו חתניך! אמרה: מה איכפת לי? תשמחנה בנותי! אמרו לה בא המלך בעלך, אמרה: האי חדותא שלימה חדו על חדו, כך לעתיד לבא באים הנביאים ואומרים לירושלים בניך מרחוק יבואו, והיא אומרת להם מה איכפת לי? ובנותיך על צד תאמנה, אמרה מה איכפת לי? כיון שאמרו לה הנה מלכך יבא לך צדיק ונושע אמרה הא חדותא שלימה, באותה שעה היא אומרת שוש אשוש בה' ותגל נפשי באלהי (מ"ר שה"ש פ"א).

א קייזערליכע פרוי — זאגט דער מדרש — איז געבליבען אליין. איהר מאן, דער קעניג, איהרע זיהן, איהרע איידעמס זענען אוועק אין א פרעמדע לאנד. קומט מען און מען זאגט איהר אן א בשורה: דיינע זיהן זענען געקומען! ענטפערט זי: זאלען זיך פרייען מיינע שנור, אז עס זיינען געקומען איהרע איידעמס. זאגט מען איהר אן: דיינע איידעמס זענען געקומען. ענטפערט זי: זאלען זיך פרעהען מיינע טעכטער! ווי אבער מען האט איהר אנגעזאגט: דיין מאן איז געקומען, זאגט זי: אט דאס איז מיין שמחה, די אמת'ע שמחה. אזוי — זאגט דער מדרש — וועט פאסירען מיט אידען. די נביאים וועלען קומען און אנזאגען ירושלים: דו וויסט, ירושלים, אידישע מוטער, די מוטער פון פאלק ישראל, בניך מרחוק יבואו, אט דיינע קינדער וועלכע זענען אימער געשטאנען פון ווייטען פון אידען, מרחוק, וועלכע האבען זיך גע־שעהמט מיט דעם נאמען איד, יעצט זענען זיי נאציאנאליסטען געווארען, און זיי קומען אין ירושלים, אין ארץ ישראל. ענטפערט ירושלים: מה איכפת לי? וואס ארט דאס מיך? ציוניסטען אהן גאט, זענען ניט קיין גרויסער גליק פאר ירושלים. ווען אבער מען האט אנגעזאגט ירושלים: הנה מלכך יבא לך, עס קומט צוריק די אידישע רעגיערונג מיט דעם חשן משפט צוזא־מען, פאלק, לאנד צוזאמען מיט גאט, צדיק ונושע, עס איז א ישועה מיט'ן צדיק צוזאמען... באותה שעה היא אומרת, דאן זאגט ירושלים. שוש אשיש, ווייסט איהר אידען ווען איך, ירושלים, קען זיך באמת פרעהען? — בה', מיט גאט! ותגל נפשי — באלהי! אהן גאט קען זיך ירושלים ניט פרעהען!

נחמו, נחמו עמי! זאגט דער מדרש, אמר הקדוש ברוך הוא למי צריך לנחם, למי שמתה אשתו, לא בעלה? כך נמשלה ציון, במחשבים הושיבני כמתי עולם, לא אותי צריכים לנחם?! נחמיני, נחמיני, עמי!

יהודה המכבי, דער אונשטערבליכער גרויסער נאַציאָנאַלער העלד, האָט גענומען פון פאָלק אַ גרויסע בעדייטענדע סומע געלד, און האָט די געלד געשיקט נאָך ירושלים, אַז פאַר די געלד זאָל מען קויפען קרבנות און מקריב זיין די קרבנות, אום צו מכפּר זיין אויף די נשמות פון די געפאַלענע אידישע העלדען פון דער גרויסער מלחמה, וועלכע האָבען פערלאָרען זייערע רע־בענס אויפ'ן שלאַכט־פעלד, קעמפפענדיג פאַר די אידישע אמונה און פאַר די אידישע לאַנד (ספר החשמונאים ב', פי"ב), און דערפון נעהמט זיך דער מנהג פון הזכרת נשמות, אַז די לעבעדיגע דערמאָנען די נשמות פון די טוידטע און זיי גיבען געלד, זיי גיבען צדקה פאַר די נשמות פון די טוידטע (שבלי הלקט סימן פ"א, רמ"א בשם המרדכי או"ח יו"כ סימן תרכ"א, ספר חסידים סימן ק"ע).

דער עיקר הזכרת נשמות איז צו געבען צדקה פאַר די נשמות וועלכע מען איז מזכיר, אַזוי איז די מיינונג פון רבינו בחיי און פון מנשה בן ישראל און אנדערע גדולי ישראל.

דער ספרי זאָגט: כפר לעמך ישראל — אלו החיים, אשר פדית — אלו המתים, מלמד שהמתים צריכים כפרה, והחיים פודים אותם (ירושלמי ב"ק פ"א, הלכה ה', מרדכי ביומא סימן תרס"ז, או"ח סימן תרכ"א, ספר חסידים סימן תתשע"א).

אַז מען וויל מיט אַן אמת אויסלייזען די נשמות וועלכע דאַרפען ביי אונז זיין ליעב, הייליג און טהייער, דאַרף מען צדקה געבען פאַר זייערע נשמות, ווייל די מתים דאַרפען האָבען פאַר זיך אַ כפרה און מיט דער צדקה וואָס מען גיט פאַר זייערע נשמות ווען מען איז מזכיר נשמות, דאָמיט לייזט מען זיי אויס און מען טהוט זעהר פיעל גוטס מיט יענע נשמות (לבוש סימן תרכ"א, סדור רש"י סימן רי"ד, מחזור וויטרי צד 392).

רבותי! באַלד וועט איהר מזכיר נשמות זיין, איהר וועט זיך דערמאָנען אויף אייערע פערשטאָרבענע פאָטערס, מוטערס, שוועסטער, ברידער, מאַנכע על־מערען וועלען דערמאָנען יונגע נשמה'לעך וועלכע זענען אוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט, זיי וועלען זיך דערמאָנען אויף זייערע יונגע קינדער וואָס ניט לאַנג צוריק האָבען זיי זיך געשפּיעלט מיט זיי, פערגעניגען געהאַט פון זיי, אריינ־געקוקט אין זייערע שעהנע יונגע אונשולדיגע קינדערשע אויגעלעך, ווי געטליכע מוזיק האָט געקלונגען זייער שעהנע קינדערשע שטימעלע ווען זיי האָבען אויס־געשריען, פאָטער! מוטער! אָדער פאַ! מאַ! און יעצט, דאָס ליעב קינד ליגט באַגראָבען אויפ'ן בית עולם אונטער אַ קאַלטען קבר, עס איז צוגעקומען אַ נייער, פרישער, יונגער קבר'ל, אַ פרישער בערגעל ערד אויף דער סעמעטערי, און אַ לאַך אין דער מאַמעס האַרץ, וואָס קען קיינמאָל ניט פאַרנעהט ווערען!...

אין דער ווייבערשער שוהל שטעהט יעצט אַ יונגע אידישע טאָכטער, וועלכע דערמאָנט איצט די נשמה פון איהר ניט לאַנג פערשטאָרבענער מוטער, וועלכע האָט געזאָלט פיהרען איהר קינד צו דער חופה, און, צום גרויסען אומגליק, האָט די מאַכטער געמוזט פיהרען איהר געטרייע ליעבע מוטער אין קבר אריין!

ליעב דעם פאלק ישראל, וועט אויך ליעב האבען דעם גאט פון ישראל. דאן וועלען זיין אמת'ע גאנצע אידען.

עס וועט זיין א נחמה פאר — גאט און פאלק!!...

נחמו נחמו עמי, יאמר אלהיכם!!...

הזכרת נשמות

הזכרת נשמות אין די שוהלען — הזכרת נשמות אידען — די היסטאָרי און די בעדייטונג פון הזכרת נשמות — דער עיקר הזכרת נשמות איז געבען צדקה — נשמות פארשטאָרבענע און נשמות לעבעדיגע טויטע — אַ קאָנווענשאָן פון נשמות.

היינט, צו הזכרת נשמות, איז די שוהל געפאקט, און ניט נור אין אונזער שוהל, נאר אלע שוהלען פון לאנד זענען יעצט איבערגעפאקט. אזא גרויסען עולם, אהז עין הרע, זעהען מיר ניט קיין שבת און קיין יום טוב. שבת זענען אונזערע שוהלען כמעט האלב ליידיג, פוסט. ווען ניט די קדישים זאגער און די אבלים ווייס אייז גאט צי מיר וואלטען אן עולם געהאט שבת און יום טוב אין שוהל. היינט אבער איז די שוהל געפאקט מעהר ווי אלע מאל, ווייל — מען איז געקומען צו הזכרת נשמות. ביי אונז אין אמעריקא געפינט זיך א נייער סארט איד, א הזכרת נשמות איד, אידען וואס קענען ניט אָרדער ווילען ניט קומען אין שוהל יעדען שבת און יום טוב קומען זיי אבער צו הזכרת נשמות. מען דערצעהלט דאס עס געפינען זיך אזוינע אידען וועלכע גהען יום כפור עסען אין א טריפ'ען רעסטאראנט, וועלכער איז ניט ווייט פון שוהל, ווייל אויב זיי וועלען זוכען א כשר'ן רעסטאראנט וועלען זיי אָנוועהרען הזכרת נשמות!... עס איז ווירקליך א וויץ, א שפאס, א געלעכטער, אבער אז אַך אין וועה צו אזא געלעכטער.

יעצט אבער, רבותי, ווען מיר אלע זענען געקומען צו הזכרת נשמות, ווילען מיר דאך געוויס וויסען וואס איז דאס הזכרת נשמות? פון וואנען נעהמט זיך דאס? צו וואס דארף מען דאס? און וואס איז בכלל דער זינן פון הזכרת נשמות? דערפאר, רבותי, וועל איך אייך בעטען איהר זאלט מיר שענקען אויפ־מערקזאמקייט און וועל זוכען צו ערקלעהרען וואס הזכרת נשמות מיינט.

מיר דערמאנען די טוידטע, יענע אויסגעלייזטע הייליגע נשמות וועלכע זענען געווען מיט אונז און זענען יעצט מעהר ניטא. מיר דערמאָנען אָט יענע נשמות וועלכע זענען אזוי ליעב און טהייער צו אונז. מיר דערמאָנען די טוידטע, און מיר פיהלען און פארשטעהען דאן דאס זייער סוף וועט זיין אויך אונזער סוף, מיר וועלן אויך א מאל שטארבען, אלע מענשען זענען שטערבליך, און אָט די געדאנקען וועלען אויפוועקען אונזער הארץ, אונזער נשמה, אונזער געוויסען, און וועלען פיהרען צו א חשבון הנפש. מיר וועלען דאן אָנהויבען פּערטיעפען זיך אין דעם זינן פון לעבען, און מיר וועלען פערשטעהן דאס א אידישער לעבען דארף זיין א לעבען פון קדושה וטהרה (זעה מנהגי ישורין סימן ס"ב, קו הישר פו בשם מהר"י, פניאל, שבלי הלקט, סימן פ"א).

העלפען אז אין איירע הייזער, אין אייערע פאמיליעס וועט מעהר ניט פארקומען קיין טוידטען־פעלע, קיין קראנקהייט, קיינע צרות חס ושלום, און מיר אלע וועלען דערלעבען צו תחית המתים, ווען מיר וועלען זיך ווידער זעהן מיט די אויפגעלעבטע נשמות וועלכע זענען ביי אונז אזוי טהייער, און מיר וועלען זוכה זיין צו א ביאת הגואל על הררי ציון וירושלים, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

הזכרת נשמות

די געהאנגענע אידישע זיהן און טעכטער אין די פאָגראָמען — די היינטיגע אידישע נשמות וואָס הענגען אין דער לופטען — די קינדער פון רצפה בת איה און די קינדער פון ר׳ ישמעאל כהן גדול — ווען אידישע קינדער הייראטען גוים — דער פאָטער שטאַרבט מיט דער ספר תורה, און די טאָכטער מיט דעם רויטען פלעג.

מיר דערמאנען היינט די נשמות פון עלטערען, קינדער, שוועסטער און ברידער, דאָס זיינען אונזערע נשמות וועלכע האבען זיך געשיידט מיט אונז און מיר קענען ניט און מיר טאָרען ניט פארגעסען זיי, אָבער ווען מיר דערמאנען די אלע נשמות, טאָרען מיר ניט פארגעסען אָט יענע הייליגע נשמות וועלכע זיינען אוועק פאר דער צייט פון דער וועלט דורך די פאָגראָמען, דורך די ברוטאלישע מערדערישע הענד פון שונאי ישראל אין אלע צייטען און אין אלע לענדער, מיר זאָלען אויך דערמאנען די נשמות פון די נייע קדושים וועלכע האבען פערגאָסען זייער לעצטען טראָפען בלוט, ווייל זיי זיינען אידען, אין אוקראינע, פוילען, און אלע אנדערע לענדער.

מיר עפענען אויף אונזער תנ״ך און מיר לייענען אין שמואל ב׳ קאפיטעל כ״א, א וואונדערבארע פאסירונג, „ויהי רעב בימי דוד שלש שנים, שנה אחרי שנה, ויבקש דוד את פני ה׳, ויאמר ה׳ אל שאול, ואל בית הדמים, על אשר המות את הגבעונים, ויקרא המלך לגבעונים ויאמר אליהם, והגבעונים לא מבני ישראל המה, ויאמר דוד אל הגבעונים, מה אעשה לכם? ובמה אכפר? וברכו את נחלת ה׳, ויאמרו לו הג בעונים, אין לנו כסף וזהב עם שאול ועם ביתו ואין לנו איש להמית בישראל, ויאמר מה אתם אומרים אעשה לכם, ויאמרו ינתן (זהו הכתיב, והקרי יתן, ושנוהם ענין אחד, כי הכתיב ינתן מבנין נפעל, והקרי יתן מבנין הפעל) לנו שבעה אנשים מבניו והוקענום להו בגבעת שאול בחיר ה׳, ויאמר המלך אני אתן, ויקח המלך את שני בני רצפה בת איה אשר ילדה לשאול, את אדמני ואת מפיבושת, ואת חמשת בני מיכל בת שאול ויתנם ביד הגבעונים ויקיעום בהר לפני ה׳. ויפלו שבעתים יחד והם הומתו בימי קציר בראשונים בתחלת קציר שעורים, ותקח רצפה בת איה את השק ותטהו לה אל הצור מתחלת קציר עד נתך מים עליהם מן השמים, ולא נתנה עוף השמים לנוח עליהם יומם ואת חיות השדה לילה.

א שרעקליכע פאסירונג! אין דער צייט פון דוד המלך האָט אויסגעבראָכען א שרעקליכער הונגער וועלכער האָט געדויערט 3 יאהר נאכאנאנד, האָט דוד

טרעהרעז ווערעז יעצט פערגאסעז! די מחזורים, די סדורים, די תחנות וועלעז באלד אויסגעווייקט ווערעז פוז הזכרת נשמות טרעהרעז! עלענדע הערצער, עלענדע נשמות וועלעז אויסליידיגעז באלד זייער עלענד, זייערע בעהאלטענע צרות, איז די הזכרת נשמות טרעהרעז, באלד, באלד, וועט די שוהל ווערעז פול מיט נשמות, די נשמות וועלעז קומעז באלד אהער, זיי וועלעז קומעז זוכעז זייער תקוז, זייער כפרה, איהר אלע וועט באלד זאגעז: יזכור אלהים את נשמת אבי מורי וכו' בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתו. און מיר טארעז ניט זייז פאלש צו זיך אליין, מיר דארפעז זיך אליין ניט נארעז אין אזא ערענסטעז הייליגעז מאמענט, אין דעם מאמענט ווען מיר וועלעז באלד בייוואהנעז א הייליגע קאנווענשאז פוז נשמות, נשמות וועלכע זענעז אזוי ליעב, אזוי הייליג, אזוי טייער ביי אונז, און לאמיר, רבותי, גוט פערשטעהן וואס מיר וועלעז באלד זאגעז, ווי אזוי מיר וועלעז דאס דערמאנענז אונזערע ליעבע און טהייערע נשמות. מיר זאגעז דאך „גאט זאל דערמאנענז די נשמה פון מיין פאטער, גאט זאל דערמאנענז די נשמה פון מיין מוטער". ווארום? וואָרום זאל גאט דערמאנענז זייערע נשמות? ווייל — בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתם!!! ווייל איך בין מנדר יעצט צדקה דורך די צדקה וואס איך זאג צו יעצט און וועל געווים אפגעבען באלד נאך יום טוב. אט צוליעב דעם זכות פון דיזער צדקה זאל גאט דערמאנענז די נשמות פון מיינע עלטערעז, די נשמה פון מיין קינד, די נשמה פון מיין ברודער, פון מיין שוועסטער. וויבאלד אזוי, איז דאך דער עיקר הזכרת נשמה ניט זאגעז מיט'ן מויל יזכור, דאס העלפט ניט, זאנדערן שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתם! דער עיקר הזכרת נשמה איז צו געבען צדקה פאר זייערע נאבעלע נשמות.

רבותי! ווען איהר דערמאנט יעצט די נשמות פון אייערע פערשטארבענע עלטערעז, דארפט איהר דערמאנענז יעצט די נשמות פון אונזערע יונגע אידישע קינדער אין אמעריקא, די נשמות פון די קינדער וועלכע לעהרנען אין תלמוד תורה, אין ישיבה, און דער אמת'ער הזכרת נשמה וועט זיין ווען איהר וועט יעצט שנדר'עז געלד פאר די לעבעדיגע נשמה'לעך פון אונזערע יונגע קינדער וועלכע דארפעז געניסעז א גוטע אידישע ערציהונג.

שטעלט זיך נור פאר! ווען אייערע עלטערעז וועלכע זענען דאך געוועז אידעז און פרויעז פון דעם אלטעז דור, ווען זיי וואלטעז יעצט אויפשטעהן פון קבר און וואלטעז זעהן ווי דאס יודענטהום ווערט חרוב, וואלטעז זיי געווים געוואלט פון צרות, פון פערדרוס, פון עגמת נפש, אריינקריכעז צוריק אין קבר אריין, זיי וואלטעז געווים געוואלט שטיצעז מיט'ן גאנצעז הארצעז תלמוד תורה'ס און ישיבות, שטארקען און אויפהאלטעז די תורה ביי אידעז, און דערפאר קענט איהר קיין בעסערע הזכרת נשמה ניט מאכעז פאר זיי ווי די ווירקליכע אמת'ע הזכרת נשמה צו געבען צדקה, צו שנדר'ן געלד אויף אויפצוהאלטעז אונזערע הייליגע ערציהונגס-אנשטאלטעז, און דאן וועט אייך גאט

פרעגט די גמרא: וכי היכן מצינו בשאול שהמית את הגבעונים? — אלא מתוך שהרג נוב עיר הכהנים שהיו מספיקין להם מים ומזון מעלה עליו הכתוב כאולו הרגן, שאול האָט ניט געטויט די גבעונים, נאָר ווייל שאול האָט אויסגע־הרג'עט די שטאָט נ ו ב פון וועלכע די גבעונים האָבען געהאט צום לעבען רעכענט איהם דער פסוק גלייך ווי ע ר האָט געטויט די גבעונים.

זאָגט דוד — אזוי ערקלעהרט די גמרא — וואָס אנבעלאַנגט צו שאול, איז שוין אריבער מעהר ווי א יאהר נאָך זיין טויט, און איצט איז ניט די פאַ־סיגע צייט, עס איז צו שפּעט צו מאכען אויף איהם א הספד, וואָס אנבעלאַנגט אָבער צו די גבעונים דאַרף מען זיי שיקען רופען און איבערבעטען זיי. די גבעונים זיינען געווען נ י ט א י ד ע ן, וועלכע ווייסען ניט פון רחמנות, און זיי פערלאַנגען אלס באַלוינונג פאר זייער צער: נקמה! זיי ווילען בלוט, זיי ווילען אז מען זאָל זיי געבען זיבען פון שאול'ס קינדער, און זיי וועלען מיט זייערע הענד אויפהענגען אָט די זיבען אונשולדיגע קרבנות אין ג ב ע ת ש א ו ל. דוד פּרובט דינגען זיך מיט זיי, ער וויל זיי געבען אַלעס אין דער וועלט, אָבער ניט אומשולדיגע מענשליכע לעבענס. עס העלפט אָבער קיין זאַך ניט, זיי ווילען דוקא 7 מענשליכע לעבענס צונעהמען, זאָגט צו זיי דוד: ג' סימנין יש באומה זו, רחמנין, וביישנין, וגומלי חסדים, וכו', דריי סימנים איז דאָ דורך וועלכע מען קען דערקענען ווער עס איז א איד, רחמנות, ביישנות און גמילת חסדים, אָט די גבעונים אבער קענען מיט אידען קיין מחותנים ניט זיין. זיי ווייסען ניט פון רחמנות, זיי ווילען בלוט, מענשליכע אומשולדיגע בלוט. האָט דוד גענומען די צוויי זיהן פון ר צ פ ה ב ת א י ה וועלכע זי האָט זיי גע־בוירען צו שאול המלך, און די פינף זיהן פון מ י כ ל, שאול'ס טאָכטער, און ער האָט זיי אָוועקגעגעבען צו די גבעונים, די גבעונים האָבען גענומען די זיבען קינדער און האָבען זיי אויפגעהאנגען לעבעדיגערהייט אויפ'ן בארג, דאָס איז געווען אין דער צייט ווען מען שניידט גערשטען, און רצפה בת איה — דער־צעהלט דער תנ"ך — האָט גענומען א זאק און האָט פאַרדעקט די טויטע קער־פערס פון איהרע קינדער און זי האָט ניט געלאָזען די פויגלען פון הימעל זאָלען טשעפּען איהרע קינדער ביי טאָג, און די חיות פון פעלד זאָלען טשעפּען איהרע קינדער ביי נאכט!...

א שרעקליכע וואונדערבאַרע געשיכטע! מוטערס! איהר אלס אידי־שע מוטערס, איהר מוזט געוויס פיהלען יעצט וואָס רצפה האָט געפיהלט ווען זי האָט געהיט די טויטע קערפּערס פון איהרע געהאנגענע קינדער, דאָס איז, רבותי, די ע ר ש ט ע פּאַסירונג אין דער אידישער געשיכטע פון גע־האנגענע אידיישע קינדער, די ע ר ש ט ע אָבער ניט די ל ע צ ט ע עפּענט די אידישע געשיכטע, לייענט און איהר וועט ערשטוינט ווערען וויפיעל מיליאָ־נען אידישע זיהן און טעכטער זיינען געהאנגען געוואָרען, געקוילעט געוואָרען, דערוואָרגען געוואָרען, פאַרברענט געוואָרען פאר די לעצטע צוויי טויזענד יאהר גלות! געהט איצט אין די גרויסע געדיכטע וועלדער פון פוילען און אוקראינע און איהר וועט נאָך אפשר געפינען טויטע אידישע קערפּערס פון אידישע פרויען

אַנגעפרעגט גאָט וואָס דאָס איז? האָט איהם גאָט געענטפערט: דער הונגער איז צוליב שאול'ן, ווייל ער האָט געטויט די גבעונים. זאָגט אויף דעם די גמרא אין יבמות דף ע"ח, אז דעם ערשטען יאהר פון הונגער האָט דוד המלך גיפרעגט ביי די אידען, אפשר האָט איהר צווישען זיך אזוינע אידען וועלכע דיענען די עבודה זרה, און פאר אזא זינד געהט קיין רעגען ניט, און דערפון ווערט אַ הונגער? בדקו ולא מצאו, האָט מען געזוכט עבודה זרה'ניקעס, און מען האָט ניט געפונען. דעם צווייטען הונגער יאהר האָט דוד געזאָגט צום פאָלק; אפשר געפינט זיך צווישען אייך גרויסע בעלי תאות, בעלי עברות, ווייל דערפאר שטראפט גאָט מיט הונגער, בדקו ולא מצאו, מען האָט געזוכט און מען האָט ניט געפונען קיין בעלי עבירות, דעם דריטען יאהר הונגער האָט דוד געפרעגט: אפשר געפינען זיך צווישען אייך פוסקי צדקה ברבים, ואינם נותנים? מענשען וועלכע מאכען „פלעדזשעס", זאָגען צו צו געבען צדקה ווען אלע הערען דאָס, און זיי גיבען ניט אָפּ וואָס זיי האָבען צוגעזאָגט, דאָס איז א שרעקליכער פאַרברעכען, וואָס צוליב דעם געהט קיין רעגען ניט און עס ווערט א הונגער, אזוי זאָגט שלמה המלך אין משלי (כ"ה) נשיאים ורוח וגשם אין, איש מתהלל במתת שקר, ווען איינער באריהמט זיך אז ער וועט געבען צדקה און גיט ניט, וועט פאַר דיעזען פארברעכען ניט געהן קיין רעגען, בדקו — ולא מצאו! מען האָט געזוכט און מען האָט ניט געפונען. אלע אידען זיינען פיינע, פרומע, און זעהר אָרענטליכע. טאָ פארוואָס איז דער הונגער דריי יאהר נאָכאנאנד? עס מוז דאָך אַן אורזאכע זיין, מען דארף, מען מוז אויסגעפינען וואָס איז די אורזאכע. זאָגט די גמרא, אמר: אין הדבר תלוי אלא בי, איך קען זיך אויף קיינעם ניט פארלאָזען. די זאך איז צו ערענסט. דער גרויזאמער שרעקליכער הונגער קען נאָך חרוב מאכען דאָס גאנצע אידישע פאָלק, איך מוז אליין אויסגעפינען וואָס איז די אורזאכע, מיד ויבקש דוד את פני ה', באַלד האָט דוד געפרעגט גאָט, זאָגט ריש לקיש ששאל באורים ותומים, ער האָט געפרעגט ביי די אורים ותומים, וועלכע פלעגען זאָגען דעם צוקונפט און אלעס וואָס איז וויכטיג און נויטיג פאר'ן כלל ישראל, דאָס איז געווען דער שם המפורש וועלכען מען פלעגט אריינטאָן אין דעם חשן וועלכער פלעגט זיך אימער געפינען אויף דעם האר'ץ פון כהן גדול. און דורך א געוויסע הייליגע מעטהאָדע פלעגען ארויסקומען געוויסע אותיות, וועלכע דער כהן גדול האָט געוואוסט ווי צונויפ־שטעלען זיי און לייענען און זיי געבען אן ענטפער אויף זיינע פראגעם (זעה חיי משה, אבן עזרא און רמב"ן שמות כ"ח ל, ויקרא ח"ג, שבועות ט"ו, תוספות ד"ה שאין, ב"ב קכ"ב, משנה שבועות פ"ב א', יומא פ"ז, ה, יומא ע"ג, רמב"ם בית הבחירה פ"ד הלכה א', כלי המקדש פ"י הלכה י', קדמוניות ח"ג ח' 9) און די אורים ותומים האָבען געענטפערט דוד'ן אז דער הונגער איז געקומען ווייל מען האָט ניט ריכטיג מספיד געווען דעם ערשטען אידישען קעניג ביי אי־דען, שאול המלך, און אויך ווייל שאול האָט געטויט די גבעונים.

אמרו: בוא ונשיאום זה לזו ונחלק בולדות, כיון שהרגישו בני ישמעאל בדבר, זה ישב בקרן זוית זו, וזו ישבה בקרן זוית זו, זה אומר: אני כהן בן כהנים גדולים, אשא שפחה!? וזו אומרת: אנני כהנת בת כהנים גדולים, אנשא לעבד?! בכו כל הלילה, כיון שעלה עמוד השחר הכירו זה את זו, ונפלו זה על זו וגעו בבכיה עד שיצאה נשמתם, ועליהם קונן ירמיה הנביא: על אלה אני בוכיה, עיני עיני יורדה מים (גיטין נ״ח).

א שרעקליכע פאַסירונג: דער זוהן און די טאָכטער פון ר׳ ישמעאל כהן גדול זיינען געפאנגען געוואָרען ביי צוויי גוים, האָבען זיי זיך ביידע געטראָפען צוזאמען, און האָבען אָפגערעדט צו חתונה מאַכען דעם זוהן, וועלכער איז אַ קנעכט ביי אַ גוי צו דער טאָכטער פון ר׳ ישמעאל וועלכע איז געפאנגען געוואָרען אלס דינסט צו א צווייטען, און דאן וועלען זיך ביידע גוים טהיילען מיט די שעהנע קינדער וועלכע וועלען געבוירען ווערען ביי אזוינע שעהנע עלטערען. עס איז אַ פינסטערע נאַכט, זיי זיינען צוזאמען אין איין צימער, ער, דער זוהן פון ר׳ ישמעאל זיצט אין א ווינקעל און וויינט. איך — טענה׳ט ער מיט זיך — בין א כהן, שטאַם פון כהנים גדולים, זאל איך הייראטען א דיענסט? און די טאָכטער פון ר׳ ישמעאל וויינט און קלאָגט: איך בין דאָך אַ כהנת, אַ טאָכטער פון כהנים גדולים, זאל איך נעהמען א קנעכט? !... א גאנצע נאכט זיינען זיי ביידע געזעסען און געוויינט. ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרען, האָבען זיי זיך דערקענט, און דער ברודער איז געפאַלען די שוועסטער אויפ׳ן האלז, זיי האָבען געוויינט צוזאמען געאָרעמט ביז זייערע הייליגע נשמות זיינען אַרויס... און היינט? היינט האָבען מיר נשואי תערובות „אינטערמערידזש", אידישע טעכטער הייראַטען גוי׳שע בחורים, אידישע בחורים הייראטען גוי׳שע טעכטער, און הייליגע אידישע בלוט ווערט פאַרמישט מיט גוי׳שע בלוט, און גוי׳שע קינדער ווערען געבוירען... וועלכע וועלען אמאָל ווארפען שטיינער אויף אידישע קעפ!... היינט, צו הזכרת נשמות, לאָמיר דערמאָנען די זיהן און טעכטער פון ר׳ ישמעאל כהן גדול, אין אנדערע אידישע זיהן און טעכטער וועלכע האָבען געהיט זייער אמונה ביז דעם לעצטען טראָפען בלוט, און זיינען געשטאָרבען על קדוש השם, לאָמיר דערמאָנען יעצט זייערע נשמות, הזכרת נשמות!...

און אַט איז פאר אונז א בילד פון אידישען לעבען, פון ווירקליכען לעבען, אַן אמת׳ע פאַסירונג, וועלכע האָט פאַסירט אין רוסלאַנד בעפאר די שרעקליכע גרויסע פאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין די צייטען פון קייזער ניקאָליי.

ר׳ אברהם דער אלטער, אלע קענען איהם, א איד א צדיק, לערענט תורה, דאווענט, גיט צדקה, פאסט תעניתים, און שרייבט א ספר תורה, און האלט די ספר תורה אין זיין חדר, אין זיין הויז, וואו ער האָט אן אייגענעם מנין מיט אן אייגענע ספר תורה, צום אנדענקונג פון זיין פערשטאָרבענע פרוי.

און קינדער, פון גדולי ישראל, פון קדושים, און יעצט, צו הזכרת נשמות, דער־מאנט, דערמאנט זייערע נשמות, הזכרת נשמות!...

רבותי! יעצט, צו הזכרת נשמות, מוזען מיר דערמאנען די 7 אונשולדיגע נשמות וועלכע זיינען אוועק פון דער וועלט און מיט זייער טויט האבען זיי מקדש השם געוועז, און די גמרא דערצעהלט אונז: „שהיו עוברים ושבים אומרים: מה טיבן של אלו? הללו בני מלכים הן! ומה עשו? פשטו ידיהם בגרים גרורים, אמרו, אין לך אומה שראויה להדבק בה כזו, ומה בני מלכים כך, בני הדיוטות עאכו"כ, מיד נתוספו על ישראל מאה וחמשים אלף" (יבמות ע"ח ע"ב).

עס הענגען די קינדער פון שאול המלך, מענשען פון פערשיעדענע נאציא־נען, וועלכע פאהרען פארביי זיי, שטעלען זיך אפ און פרעגען ווער זיינען זיי, אט די וואס הענגען דא? קייזערליכע קינדער! — ענטפערט מען זיי. — ווארום האט מען זיי געהאנגען? — ווייל זיי האבען געטשעפעט די גבעונים, וועלכע זיינען גרים אין ארץ ישראל, אין די אידישע לאנד, דאן פלעגען זיי אויסשרייען מיט בעגייסטערונג: די הייליגסטע פאלק אויף דער גאנצער וועלט איז דאס אידישע פאלק! הענגען זייערע אייגענע קייזערליכע קינדער פאר אן עולה וואס זיי האבען געטאן צו פרעמדע, דאס קען נאר טאן א פאלק פון קדושה און גע־רעכטיגקייט. — זענען דאן צוגעקומען צו אידען נייע הונדערט און פופציג טויזענד מענשען, וועלכע האבען זיך מגייר געוועזן און האבען אנגענומען דעם אידישען גלויבען. אט יענע קינדער פון אונזער פאלק האבען מקדש השם געוועזן, וואס וועט אבער זיין מיט די הונדערטער טויזענ־דער יונגע נשמות פון אונזערע קינדער היינט צו טאג דא אין לאנד? ! עס הענ־גען יעצט נשמות פאר אונז, זיי זיינען ניט הימעלש, זיי זיינען ווייט פון גאט, פון הימעל, פון דער תורה, ווייסען נעביך ניט וואס אידישקייט איז, אין גאנצען ערד נשמות קענען זיי דאך אויך ניט זיין, זיי זיינען דאך אייניקלעך פון ר' עקיבא, פון ר' חנינא בן תרדיון, פון ר' יהודה הלוי, פון צדוקים און קדושים, וואס דען זיינען זיי? — נשמות וועלכע הענגען צווישען הימעל און ערד, צווישען גייסט און קערפער, עלענדע, צוריסענע, ארעמע נשמה'לעך, מיר זאלען דערמאנען אט די נשמות, עפעס טאן און אויפטאן פאר זיי, זייט מזכיר זייערע נשמות, איצט, צו — הזכרת נשמות...

ווען מיר זיצען תשעה באב אויף דער ערד און מיר קלאגען און וויינען אויף דעם חורבן בית המקדש, פארגיסען מיר טרעהרען אויף דעם זוהן און אויף די טאכטער פון ישמעאל כהן גדול, וועמען די שונאים ביים חורבן בית המקדש האבען געצוואונגען צו הייראטען צוזאמען, און די גמרא גיט איבער דיזע שרעק־ליכע פאסירונג מיט שטארקע ווערטער, וועלכע לאזען איבער טיעף אין דער נשמה א שרעקליכען איינדרוק, מעשה בבנו ובתו של ר' ישמעאל כהן גדול שנשבו לשני אדונים, לימים נזדווגו שניהם במקום אחד, זה אומר: יש לי עבד שאין כיפיו בכל העולם, וזה אומר יש לי שפחה, שאין בכל העולם כלו כיפיה,

הזכרת נשמות

אידען וואָס זיינען מיט זייער טויט מקדש השם, און אי־דען וועלכע זיינען מיט זייער טויט מחלל השם — פערשיעדענע סאָרטען הזכרת נשמות — קינדער אָהן מוטערס — מערדער וועלכע שטאַרבען מיט שמע ישראל אויף די ליפּען — די שוהל און די מוטער — דער קדושים טויט פון ר' חנינא בן תרדיון — די 2 תקופות אין אידישען לעבען.

מיר שטעהען יעצט אין שוהל מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ, מיט קלאַפּענדיגע אומעטיגע הערצער, מיט צוּוועהטאָגדיגע נשמות, באַלד, באַלד, וועלען מיר מזכיר נשמות זיין, און דער קוואַל פון אידישע טרעהרען וועט זיך עפּענען און וועט פערפלייצען די סדורים, די מחזורים און די קינות. יעדער וואָס איז יעצט געקומען אין שוהל מזכיר נשמות זיין האָט דאָך עפּעס פערלאָרען, ער האָט פער־לאָרען אַ נשמה וועלכע איז איהם געווען ליעב און טהייער. שטעהען דאָך יעצט אין דער וויבערשער שוהל יונגע אלמנות, עלענדע אלמנות מיט עלענדע הער־צער, זיי האָבען פערלאָרען זייער חבר אין לעבען, שטעהען דאָך מוטערס און וויינען, גיסען טרעהרען אויף זייערע ניט לאַנג פערשטאָרבענע יונגע קינדערלעך, ניט לאַנג צוריק געלעבט, געלאַכט, געשטיפט, טאַטע־מאַמע האָבען נחת געהאַט, און יעצט, — אַ פערלאָשענע ליכטעל פאַר דער צייט, אַ פרוכט וואָס איז אראָפּ־געריסען געוואָרען פון בוים פאַר דער צייט. און אַט שטעהען אין שוהל יונגע קינדער, גאָר יונגע. וואָס טהוען זיי דאָ יעצט? זיי זענען געקומען מזכיר נשמות זיין זייערע ניט לאַנג פערשטאָרבענע מוטערס! אַ ק י נ ד אָ ה ן אַ מ ו ט ע ר, גאָט, וואָס קען ערגער זיין?! ווי אומגליקליך, ווי עלענד איז אַ קליין קינד ווען ער האָט נעביך ניט די מעגליכקייט צו רופען מיט זיינע ליפּען זיין מוטער, ווען זיין קינדערשע שפּראַך ווערט אַרעם, ווען די שעהנסטע און די היילינגסטע וואָרט אין דער מענשליכער שפּראַך, מ אַ מ ע, מ ו ט ע ר, ווען אַט די וואָרט פעהלט דעם קינד, דאַן פעהלט איהם נעביך אַלעס אין לעבען. עס וויינט די יונגע טאָכטער, ווייל איהר מוטער, איהר גוטע געטרייע מוטער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבען און זי איז געבליבען גאַנץ אַליין, עלענד אין דער וועלט. און אין דיזען ערענסטע, אומעטיגען און הייליגען מאָמענט דאַרפען מיר אָבער אויך גיסען טרעהרען אויף אַ נייעם סאָרט נשמות וואָס געהן פון אונז אַוועק און לאָזען אונז איבער פאַרשעהמטע מיט צובראָכענע הערצער, מיט אַראָפּ־געלאָזענע קעפּ פון וועהטאָג און צער.

איהר אַלע האָט דאָך געוויס געהערט, איהר האָט דאָך וואַהרשיינליך גע־לייענט אין די צייטונגען וועגען דעם שרעקליכען טוידט אויף'ן „עלעקטריק טשער" פון יונגע אידעשע זיהן, וועלכע האָבען אונשולדיגע מענשען ערמאָרדעט און זענען געשטאָרבען אַלס הורגי נפש, רוצחים, גענגסטער, מערדער, גאַז־מען, און מיט זייער טוידט האָבען זיי מ ח ל ל ה ש ם געווען; איהר האָט וואַהרשיינ־ליך אויך געלייענט אַז געהענדיג צום עלעקטריק טשער, געהענדיג צום טוידט

זיין טאכטער, א פארברענטע סאציאליסטקע, לייקענט אין גאט, אין תורת משה, גלויבט אין קארל מארקס, האלט א רויטען סאציאליסטישען פלאג, אין איהר צימער, ביים פאטער אין הויז, דער אלטער פאטער זעהט זיין טאכטער מיט איהר רויטע פאהן און די הארץ פלאצט, און די אלטע אויגען גיסען בלוטיגע טרעהרען, די טאכטער זעהט איהר אלטען „פאנאטישען" „בורזשואזנעם" פאטער מיט זיין ספר תורה און זי קריצט מיט די ציין!...

און ווען דער שרעקליכער פאגראם האט אויסגעבראכען, לויפט מיט איטי־פעט דער אלטער פאטער צו מציל זיין די הייליגע ספר תורה, די ערלים זאלען איהר חס ושלום ניט מטמא מאכען, לויפט די טאכטער זיינע מיט איטפעט צו ראטעווען די רויטע סאציאליסטישע פאהן!...

און אויף מארגען, נאכ'ן פאגראם, געפינט מען ביידע, דעם אלטען פאטער מיט דער יונגער טאכטער, זיי ליגען ביידע טוידטע. די פאגראמשטשיקעס האבען איבערגעשניטען זייערע העלזער, ער — אין א טייך מיט בלוט, און די ספר תורה נעבען איהם... זי, זיין טאכטער, א געשענדעטע, א געקוילעטע, און דער רויטער סאציאליסטישער פאהן נעבען איהר...

רבותי! לאמיר גיסען מיט טרעהרען, זידיגע, הייסע, ווארימע, ברענענדע, בלוטיגע טרעהרען, אויף אזוינע ארימע, אומגליקליכע, צוריסענע נשמות. לאמיר באשליסען, לאמיר נעהמען אויף זיך צו ארבייטען מיט הארץ און נשמה פאר די אידישע ערציהונג פון אונזערע זיהן און טעכטער, אז א ו נ ז ע ר ספר תורה זאל אויך זיין ז י י ע ר ספר תורה, אלעס וואס ביי א ו נ ז איז הייליג און טהייער, זאל זיין ביי ז י י הייליג און טהייער. מיר טארען ניט איבערלאזען אליין אט די עלענדע אלטע און יונגע נשמות, דערמאנט זיך נור גוט אויף אט די נשמות, יעצט, ביי הזכרת נשמות, זייט מזכיר ז י י ע ר ע נשמות.

ה ז כ ר ת נ ש מ ו ת!!!

רבותי! מיר האבען יעצט געדראָפּט האבען עס זאָל קומען צו אונז ר׳ צדוק און ער זאָל אויפשטורעמען אַלע אידישע הערצער, ער זאָל מאַכען צו וויינען אַלע אידען פון אמעריקא, ווייל מיר האבען ניט איין „חלל“, נור פיעל, זעהר פיעל. אויף וועמען, רבותי, זאָלען מיר ברייננגען אַן עגלה ערופה, על העיר, אויף דער שטאָדט ניו־יאָרק, די גרעסטע אידישע קהלה אין דער גאַנצער וועלט זייט אידען זענען אַ פאָלק, און אין אזא גרויסער אידישער קהלה פון מעהר ווי אַ מיליאָן אידען — כן ירבו — דאָ זאָלען מיר געפינען הונדערטער טויזענדער אידישע קינדער וועלכע געניסען ניט קיין ברעקעל אידישע ערציהונג, על העיר? או על העזרות, אדער זאָלען מיר, דאַרפען מיר ברייננגען אַן עגלה ערופה אויף די עזרות פון בית המקדש אויף מאַנכע פון אונזערע שוהלען וואו עס פעהלט די השראת השכינה, וואו דאָרט הערשט דער גייסט פון „ביזנעס“ און עס הארצות? אויף וועמען זאָלען מיר ברייננגען אַן עגלה ערופה? ! וויינט ניט יעצט, רבותי, אויף די נשמות פון טוידטע עלטערען, אויף זיי איז ניטאָ וואָס צו וויינען, זיי האבען געלעבט ווי אידען און זיינען געשטאָרבען ווי אידען. וויינט, רבותי, אויף די טוידטע נשמות פון אונזערע קינדער, דערמאָנט זיך יעצט אויף זייערע נשמות, זייט מזכיר נשמות, הזכרת נשמות!!!

אונזערע חכמים זכרונם לברכה דערצעהלען אונז: כשחלה ר׳ יוסי בן קסמא, הלך ר׳ חנינא בן תרדיון לבקרו, אמר לו: חנינא אחי, אי אתה יודע שאומה זו מן השמים המליכוה, שהחריבה את ביתו, ושרפה את היכלו, ועדיין היא קיימת, ואני שמעתי עליך שאתה יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים וספר תורה מינח לך בחיקך, א״ל מן השמים ירחמו, אמר לו: אני אומר לך דברים של טעם ואתה אומר: מן השמים ירחמו, תמה אני אם לא ישרפו אותך ואת ס״ת באש, אמר לו רבי מה אני לחיי עוה״ב?“ אל כלום מעשה בא לידך וכו׳, אמרו לא היו ימים מועטים עד שנפטר רבי יוסי בן קסמא והלכו כל גדולי רומי לקברו, והספידוהו הספד גדול, ובחזרתן מצאוהו לרבי חנינא בן תרדיון שהיה יושב ועוסק בתורה, מקהיל קהלות ברבים וספר תורה מונח לו בחיקו, הביאוהו וכרכוהו בספר תורה, והקיפוהו בחבלי זמורות והציתו בו את האור, והביאו ספוגין של צמר ושראום במים והניחום על לבו, כדי שלא תצא נשמתו מהרה, אמרה לו בתו: אבא אראך בכך? אמר לה: אלמלי אני נשרפתי לבדי היה הדבר קשה לי, עכשיו שאני נשרף וספר תורה עמי, מי שיבקש עלבונה של תורה, הוא יבקש עלבוני, אמרו לו תלמידיו: רבי, מה אתה רואה? אמר להם: גוילין נשרפין ואותיות פורחות וכו׳ (ע״ז דף י״ח).

צו די יעניגע וועלכע פערשטעהען ניט קיין העברעאיש, קיין גמרא לשון, וועל איך איבערזעצען דיזען מאמר אין אונזער ארימער מאמע־לשון, אין אידיש.

ווען ר׳ יוסי בן קסמא איז געוואָרען קראַנק, איז געקומען ר׳ חנינא בן תרדיון איהם געוואָהר ווערען. זאָגט ער איהם: מיין ברודער חנינא, ווייסטו דען ניט אז די פאָלק אונטער וועמען מיר וואָהנען האָט מען איהר פון הימעל געמאַכט הערשען איז באַהערשען די וועלט? גיט נור אַ קוק,

האבען זיי „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד“ געזאגט, האבען פאר׳ן טוידט א „מעסעדזש“ געלאזען צו אלע יונגע אידישע קינדער אין אמעריקא, זיי זאלען זיך נעהמען א מוסר, א ביישפיעל פון זייער סוף און זיי זאלען זיך היטען ניט געהן אין דער שרעקליכער וועג וואס פיהרט צום טוידט, ווי זיי האבען געטאן, און זיי האבען אויסגעשריען פאר׳ן טוידט צו די אידישע בחורים, צו די אידישע באיעס פון אמעריקא: ווילט איהר ניט האבען דעם סוף וואס מיר האבען יעצט, דאן באזוכט די אידישע שוהל און פאלגט אייערע מאמען!! אט די אידישע רוצחים זענען געגאנגען צום טוידט מיט שמע ישראל אויף זייערע ליפען, דערפאר ווייל זיי האבען ערמארדעט אומשולדיגע מענשען, און זייער שטארבען אויפ׳ן עלעקטריק טשער האט געבראכט א חלול השם צו די אידען פון אמעריקא, און, רבותי, ווי לאנג צוריק פלעגען מיר האבען יונגע אידישע זיהן וועלכע פלעגען געהן צום טוידט מיט שמחה, מיט שמע ישראל אויף די ליפען, און זייער חטא איז געווען נור דאס וואס זיי זענען געווען הייליגע אידען, קינדער פון אן עם קדוש, און מיט זייער טוידט האבען זיי מקדש השם געווען!

רבותי! אט די אידישע רוצחים, אט די אידישע „גענגסטערס“ זענען אונזערע שרעקליכע קרבנות, קרבנות פון גלות, פון ניט האבענדיג א גוטע אידישע ערציהונג, פון א שלעכטער פערדארבענער סביבה. עס ליגען אין דער אידישער גאס גע׳הרג׳עטע, און מיר דארפען ברייננגען יעצט אן עגלה ערופה!...

די גמרא דערצעהלט אונז: „מעשה בשני כהנים שהיו שניהם שוין ורצין ועולין בכבש קדם אחד מהן לתוך ארבע אמות של חבירו. נטל סכין ותקע לו בלבו, עמד ר׳ צדוק על מעלות האולם ואמר: אחינו בית ישראל שמעו! הרי הוא אומר כי ימצא חלל באדמה ויצאו זקנים ושופטיך וכו׳, אנו על מי להביא עגלה ערופה? על העיר, או על העזרות? געו כל העם בבכיה (יומא, דף כ״ג).

צוויי כהנים — דערצעהלט די גמרא — זענען געלאפען אין בית המקדש אויף די טרעפ פון מזבח, און יעדערער האט געוואלט לויפען גיכער פארכאפען פאר זיך די הייליגע ארבייט, און ווען איינער איז אנגעלאפען אין דעם צווייטענס ד׳ אמות, האט יענער גענומען א מעסער און האט איהם אריינגעשטאכען אין הארץ, א שרעקליכער מארד אין בית המקדש. האט זיך ר׳ צדוק אוועקגעשטעלט אויף די טרעפ פון בית המקדש און האט געהאלטען זעהר א קורצען, שארפען, ריהרענדען הספד, ער האט געזאגט מיט גרויס אומעט אין זיין שטימע: ברידער! אידען! הערט! די תורה זאגט אונז אז ווען מען געפינט א חלל, א גע׳הרג׳עטען מענשען, און מען וויים ניט ווער עס האט איהם גע׳הרג׳עט, קומט דאן פאר א געוויסע צערעמאניע פון ברייננגען אן עגלה ערופה. ברידער! אידען! אויף וועמען דארפען מיר יעצט ברייננגען אן עגלה ערופה, אויף דער שטאדט ירושלים, אדער אויף די עזרות פון בית המקדש? ! און דאס גאנצע פאלק איז אויסגעגאנגען פון געוויין!

נאכהער איז געקומען א צווייטע פעריאָדע, א צווייטע תקופה ביי אידען, א צייט ווען עס איז ניטא „גוילין נשרפים“, מען ברענט ניט קיין פאַרמעט פון א ספר תורה, אידען געניסען פרייהייט, גלייכהייט, און גראדע יענע צייט איז א געפעהרליכע צייט פאר אידען און יודענטהום, דאן איז א צייט פון — אותיות פורחות, די אותיות פון דער תורה האבען ניט קיין שייכות מיט'ן לעבען, דער לעבען און די תורה פאראייניגען זיך ניט... די תורה זאגט, למשל, ושמרו בני ישראל את השבת, אידען זאלען שבת היטען, איז ווען אידען היטען שבת, דאן קומען אט די אותיות פון דער תורה וועגען שבת היטען און קלעפען זיך אן, אן דעם שומר שבת, די אותיות פון דער תורה קריכען אריין אין לעבען. אבער ווען אידען זענען מחלל שבת, דאן איז די אותיות פון ושמרו בני ישראל את השבת, פליהען נעביך ארום אין דער וועלט אריין און האבען ניט קיין מקום מנוחה, דאס איז „אותיות פורחות“, און אָט די צייט, אט די תקופה פון „אותיות פורחות“ איז א שרעקליכע תקופה, א געפאהר פאר'ן יודענטהום!...

די חכמי המקובלים זאגען אז די נשמה פון יעדען אידען איז אן אות אין דער תורה, ווען אבער די נשמות זענען ווייט פון גאָט, ווייט פון דער תורה, קענען זיי דאן ניט זיין קיין אותיות אין דער תורה, נור זיי זענען, אָט יענע נשמות, פליהענדע אותיות, וואס האבען ניט קיין פּלאַץ אין אונזער הייליגער תורה. קינדער וועלכע ווערען ניט ערצויגען אין דעם גייסט פון דער תורה זענען „אותיות פורחית באויר“, און דערפאר, רבותי, יעצט ווען מיר זענען מזכיר נשמות, לאמיר דערמאנען און עפעס אויפטאָן ממשות'דיג פאר די „אותיות פורחות“ פון אונזער פאלק, לאמיר ערציהען אונזערע קינדער אין דעם גייסט פון ר' חנינא בן תרדיון, אין דעם קדושים גייסט. פארגעסט ניט אונזערע יונגע נשמות, רבותי! זייט מזכיר די נשמות!!!...

זי האָט חרוב געמאַכט אונזער בית המקדש, זי האָט פאַרברענט דעם געט־ליכען היכל, און דאָך עקזיסטירט זי. איז דאָס ניט וואונדער איבער וואונדער? און דו פאָלגסט איהר ניט. זי וויל ניט אז אידען זאָלען תורה לעהרנען, און דו זיצסט אימער און שטודירסט די תורה, און דו קלייבסט צונויף אַרום זיך א גרויסען עולם, און ביי דיר אין שויס ליגט א ספר תורה און לעהרענסט די תורה מיט אַלעמען, דו שפּיעלסט זיך מיט פייער, חנינא, איך האָב שטאַרק מורא אז די ענדע וועט זיין אז די רעגיערונג, די רוימישע רעגירונג וועט פאַרברענען דיך מיט דער ספר תורה צוזאַמען. די ענדע איז געווען — דערצעהלט די גמרא — אז פּערטרעטער פון דער רוימישער רעגיערונג האָבען איהם ווירקליך געכאַפּט ווי ער זיצט און א ספר תורה איז ביי איהם אין שויס און ער לעהרענט תורה, האָט מען איהם ארעסטירט, און מען האָט איהם איינגעוויקעלט אין דער ספר תורה און מען האָט איהם אָנגעצונדען אין פייער, און מען האָט געלייגט נאַסע וואָל אויף זיין הארצען, כדי זיין נשמה זאָל ניט ארויס באַלד, עס זאָלען מעהר געדויערען זיינע יסורים. זאָגט איהם זיין טאָכטער: פאָטער! אין אַזא שרעק־ליכער לאַגע זעה איך דיך!! דו ווערסט דאָך פאַרברענט לעבעדיגערהייט!?' ענטפערט ער איהר: טאָכטער מיינע! ווען איך אַליין וואָלט געברענט וואָלט ווירקליך ניט גוט געווען. נעצט אָבער, ווען איך ווער פאַרברענט און די ספר תורה איז מיט מיר, איז דער גאָט וואָס וועט זיך אָננעהמען פאַר דעם בזיון התורה, ער וועט זיך אָננעהמען אויך מיין שאַנדע, מיין באַליידיגונג. פרעגען איהם די תלמידים: רבי, וואָס זעהסטו יעצט, יעצט פאַר'ן טוידט? ענטפערט ער זיי: איך זעה, די פּאַרמעט פון דער ספר תורה ווערט פאַרברענט, אָבער די אותיות פון דער תורה פליהען, זיי פליהען!...

א טיעפער פילאָזאָפישער געדאַנק ליגט דאָ בעהאַלטען. דיזער הייליגער געטליכער און אונשטערבליכער קדוש, ר' חנינא בן תרדיון, האָט געזעהן וזייט, זעהר ווייט. ער האָט געזעהן צוויי פערשיעדענע צייטען, צוויי תקופות, אין דעם אידישען לעבען. א צייט ווען די גוי'עשע וועלט וועט ברענען אין די גאַסען די אידישע תורה, מען האָט געברענט אידישע ספרים, מען האָט געברענט דעם תלמוד אין די גאַסען פון פיעל לענדער און פעלקער, דאָס איז געווען אַ צייט, אַ תקופה, פון גוילין נשרפים, ספר תורה, פּאַרמעט האָט געברענט. אָבער נור פּאַרמעט, ווייל די נשמה פון דער תורה קען ניט פאַרברענט ווערען, קען ניט פאַרניכטעט ווערען. די תורה איז אַן אייביגע. און ווייל דער איד האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דער תורה, האָט מען איהם, דעם אידען, אויך געברענט. און ווען מען האָט געברענט יענעם פייערדיגען תורה איד, איז ניט נור פלייש, קערפּער, ביינער, האָט מען געברענט, זאָנדערן דער איד איז דאַן געווען א לעבעדיגע ספר תורה, איז ווען מען האָט איהם געברענט איז דאַן געווען וספר תורה עמו, די תורה איז געווען אין איהם און מיט איהם, ווען א איד האָט געברענט על קדוש השם האָט די תורה געברענט מיט איהם.

אַלטע הייליגע אידישע חכמים — דאָרט וואו דער ספר איז, קען קיין שווערד נישט זיין, דאָרט וואו שווערד איז, קען קיין ספר ניט זיין.

ניט לאַנג צוריק האָט געבושעוועט אַ שרעקליכע, מורא׳דיגע, גרויזאַמע וועלט־מלחמה, די גאַנצע מענשהייט האָט זיך געטרונקען אין טייכען בלוט, ווייל דער שווערד באהערשט די וועלט. וואָלט אָבער דער אידישער ספר באהערשט די וועלט, וואָלטען דאַן קיינע טייכען מענשליכע בלוט ניט פערגאָסען געוואָרען, וואָלטען שטעדט און מדינות ניט חרוב געוואָרען, וואָלטען דאַן אלמנות און יתומים ניט געווען אַזוי פיעל ווי די זאַמד פון ים.

די שמות פון די ספרים וועלכע מיר געהען איצט מקבר זיין, זענען הייליגע שמות, און אַט די הייליגע שמות וועלען מיר מקבר זיין אויפ׳ן הייליגען אָרט, און אַ גרויסע שייכות האָבען די הייליגע שמות צום הייליגען אָרט, די סעמעטערי ווערט אָנגערופען ביי אידען „דער הייליגער אָרט“, ווייל הייליג איז יענער אָרט וועלכער דערמאָנט אונז דעם סוף פון מענשען, השארת הנפש, און תחית המתים, הייליג איז דער אָרט וועלכער וועקט אין אונז געדאַנקען פון תשובה, פון חשבון הנפש, די „סעמעטערי“ איז אונז מזכיר דעם יום המות פון דעם מענשען, און אַט די שמות דערמאָנען אונז דעם יום המות פונ׳ם יודענטהום דאָ אין לאַנד, ניט דעם טוידט פון יודענטהום, ווייל דאָס יודענטהום איז אונשטערבליך, און מיר גלויבען זעהר שטאַרק אין אַ ליכטיגער צוקונפט פון יודענטהום, נור איצט, אַט אין דער צייט אין וועלכער מיר לעבען, זעהען מיר דאָך דעם יום המות פון יודענטהום.

איהר זעהט פאַר זיך דאָ גאַנצע פּעק מיט שמות. די שמות זענען פון סדורים, מחזורים, סליחות, קינות, תחנות, אָבער גאַנץ ווייניג פון חומשים, און כמעט ווי גאָר ניט פון תנ״ך, משניות, גמרא, פוסקים, ספרי מחקר, תשובות, דרוש, מוסר. וואָרום איז דאָס אַזוי? וואו זענען די שמות פון גמרא ופוסקים? וואָרום זעהט מען זיי ניט? ווייל — מען לעהרענט איצט זעהר ווייניג תנ״ך, משניות, גמרא, פוסקים, ספרי מחקר און ספרי מוסר. די שרעקליכע עם הארצות פּילט אַז אונזער גאַנצען אידישען לעבען: אין הויז, אין גאַס, און אויך אין שוהל, און ווען מען לעהרענט ניט אַזוינע ספרים קען דאָך פון זיי קיין צוריסענע שמות ניט זיין. אונזער גאַנצע אַמעריקאַנער יודענטהום איז נור אַ סדור און סליחות יודענטהום, און ניט קיין גמרא ופוסקים יודענטהים. איז דען דאָס ניט דער יום המות פון יודענטהום?!...

איהר זעהט פאַר זיך אַלטע שמות פון אַלטע אידען. וואו זענען אָבער די אַלטע שמות פון די יונגע אידען?! אומזיסט אייער זוכען; איהר וועט זיי כמעט ווי ניט געפינען! אונזערע קינדער, דער נייער אידישער דור אין אַמעריקאַ, לעהרענט פערשיעדענע ספרים אָבער ניט קיין אידישע ספרים. אַלע אוצרות פון אונזער תורה זענען דאָך פערשלאָסען פאַר אונזערע קינדער, אַלעס וואָס ביי אונז איז ליעב, הייליג און טהייער איז פאַר זיי לחלוטין פרעמד. עס וואַקסט אַ נייער אידישער דור דאָ

אונזערע אַלטע שמות

אַן אויסצוג פון אַ דרשה וועלכע איך האָב געהאַלטען אין דער שוהל פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער תלמוד תורה ביי דער לויה פון גניזת השמות, ביום מקבר זיין די שמות פון שוהל.

ווערטהע פערזאַמלונג!

איך זעה פאַר זיך איצט אַ געפּאַקטע שוהל פון מענער און פרויען, ניט אין אַ געוועהנליכע צייט. שוין באַלד 18 יאָהר ווי איך רייד צו אייך יעדען שבת און זונטאָג, טויזענדער דרשות איבער אידען און אידישקייט האָב איך פאַר אייך געהאַלטען, אָבער דאָס איז דעם ערשטען מאָל וואָס איך רייד צו אייך זונטאָג אין דער פריה, אַנשטאָט צו האַלטען מיין דרשה פאַר נאַכט, בין מנחה למעריב. וואָהרשיינליך איז די דרשה אויך ניט קיין געוועהנליכע, און דער צוועק וועלכער האָט אייך פערזאַמעלט דאָ אַזוי פריה איז אויך אַן אויסערגעוועהנליכער.

וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט? וואָרום איז איצט די שוהל אַזוי געפּאַקט? וואָרום זעה איך טרעהרען אין אייערע אויגען, אַן אומעט, אַ מרה שחורה ליגט אויסגעגאָסען אויף אייערע פּנים׳ער. איהר זענט צו אַ לויה געקומען!!! וועמען געהט איהר דאָס באַגלייטען צום הייליגען אָרט? וועמען געהט איהר מקבר זיין? — שמות, אַלטע שמות!!

וואָלטין אונזערע רויטע ראַדיקאַלען דאָ געוועזען איצט, וואָלטען זיי אָפּגעלאַכט פון אונז „שוהל אידען", „פאַנאַטיקער", „בורזשוקעס", „פינסטערלינגע", מיט וואָס פאַר אַ נאַרישקייט מיר באַשעפטיגען זיך דאָס, מיט מקבר זיין אַלטע שמות... אַ רחמנות אויף זיי. זיי פאַרשטעהען ניט אונזער אידישע נשמה, און דערפאַר איז אַלץ וואָס ביי אונז איז ליעב, הייליג און טהייער, איז ביי זיי וואָכעדיג, ביליג, און שרעקליך פערהאַסט. זיי ווייסען און פיהלען נעבעך ניט, אַז אַט אין די אותיות פון די אַלטע שמות ליגט דער געטליכער קראַפט, דער סוד פונ׳ם עקזיסטענץ פונ׳ם אידישען פאָלק. דער אידישער ספר איז דאָך אונזער סאַבמאַרין, אונזער אַרמעע, אונזער פלאָטע, אונזער שטאַרקסטע כלי זיין אין דעם צוויי טויזענד יעהריגען גלות.

ווען דעם אידען׳ס לעבען אין דעם חשך׳דיגען גלות איז ניט אריבערצוטראָגען, ווען פעק מיט צרות דריקען דעם אידען, ווען אפילו איין ליכטיגער שטראַהל פון לעבען דרינגט ניט אריין אין זיין אָרימע הויז, ווען דער שרעקליכער דלות, נויט, צרות פון קינדער, גזירות, פּאָגראָמען, גירושים, בויגען זיין קאָפּ צו דער ערד, דאַן עפענט אויף דער איד די גמרא, לערענט גמרא מיט אַן אומעטיגען גמרא נגון, עס וויינט זיין נשמה, און אַט אין דעם נו, נו, אמר אביי, אַט אין דעם גמרא נגון פערטרינקט ער אַלע זיינע צרות, אַלע זיינע יסורי הגוף והנפש, און באַקומט מוטה מיט פרישע כחות צו לעבען און קעמפּפען אַלס מענש און אַלס איד.

„הסייף והספר ירדו כרוכים מן השמים" (מ"ר בחקותי), דער שווערד און דער ספר זענען געקומען צו אונז ביידע גלייך פונ׳ם הימעל, — זאָגען אונזערע

אומעטיגע געדאנקען, רבותי, האָבען ביי מיר ארויסגערופען אָט די אַלטע שמות, און דערפאַר האָב איך אייך אומעטיג געמאכט, און טייכען מיט טרעהרען האָט איהר פאַרגאָסען. אָבער איהר מעגט דאָך ווירקליך שטאָלץ זיין. אין דער צייט וואָס פיעלע אנדערע זוכען נור געלד מאכען, זוכט איהר, רבותי, געלד ג ע ב ע ן, איהר קויפט מצוה'ס, איהר טהוט איצט דאָס וואָס משה רבינו האָט געטאָן ווען אידען זענען ארויס פון מצרים. אַלע אידען האָבען דאַן געזוכט געלד, און משה האָט געזוכט יוסף'ס ביינער!...

דער מדרש זאָגט: ויקח משה את עצמות יוסף — כל ישראל היו עסוקים בכסף וזהב, ומשה היה עסוק בעצמות יוסף, אמר הקב"ה עליך נתקיים חכם לב יקח מצות, משה היה קבור בתוך פלטרין, כדרך שהמלכים קבורים, די מלכים, די געקרוינטע קעפ ווערען נעביך באגראָבען מיט זייערע פאלאצען... א סך נשמות געפינען זייער קבר אין די רייכע קייזערליכע פאלאצען... בפלטרין של מלכים... און יוסף, דער „א י ש ע ב ר י" טראָגט א קעניגליכע קרוין. הערשט ניט אין ארץ ישראל, נור אין ארץ מצרים... דאָס איז א קבורה בפלטרין של מלכים... גוט, טיעף באגראָבען... ועשו מצרים כ ל ב י ם ש ל ז ה ב בכשפים, שאם יבא אדם לשם יהיו נובחים וקולם הולך בכל ארץ מצרים מהלך מ' יום (שמו"ר פ"ק).

א מאָדנער כח, א כשוף, א צויבער, א שווארצע גבורה ליגט אין געלד, אז טאָמער וויל מען ארויסנעהמען יוסף'ן פון קבר... קומען די געלד־מאכער, די „מאני מייקערס", אָט די „כ ל ב י ם ש ל ז ה ב" און בילען שטארק... און די שטימע פון גאָלד איז העכער און שטארקער פון אַלעס, עס פערשרייט און פארטויבט אַלעס. און דער יעניגער וועלכער וויל ארויסשלעפען יוסף ה צ ד י ק פון פרעמדע גוי'עשע קברים, קומען די „כ ל ב י ם ש ל ז ה ב" און לאָזען ניט, זיי בילען צו שטארק... און צוליעב אָט די כלבים של זהב ווערען א סך גוטע נשמות באגראָבען אויף אייביג אין פרעמדע, ניט־אידישע קברים... אבער — וישתקן משה!... משה, דער איש אלהים, משה דער מאן פון גייסט, פון קדושה, ער מאכט שטיל, ער מאכט שטום אפילו די כלבים של זהב... צו איהם קענען זיי ניט צוקומען, אויף איהם קענען זיי קיין שליטה ניט האָבען. א טומעל, א געלאף, א „בום", אַלע לויפען, מען כאפט גאָלד, גאָלד! גאָלד! א שרעקליכער געלאף נאָך גאָלד... און ווען מען לויפט נאָך גאָלד צו־טרעט מען לויפענדיג קליינע קינדער... שבת און יום טוב... כשרות... טהרת המשפחה... אַלע אבער לויפען כאפען גאָלד, פיעל שטארקער, גיכער ווי לויפען כאפען א קדושה, א ברכה, און ווען אַלע לויפען נאָך גאָלד, לויפט משה אויך כאפען — כאפען די ביינער פון יוסף הצדיק, כאפען א מצוה!... און איהר, פריינדע, טהוט יעצט נאָך משה רבינו, איהר לויפט יעצט כאפען באנדלעך פון שמות הקדושים, איהר גיט געלד פאר תלמוד תורה, איהר כאפט אריין א מצוה.

איז לאנד, וועלכער איז פרעמד צו אונזער גרויסער רייכער ירושה, ש"ס ופוסקים פאר וועלכע אונזערע עלטערען האבען זיך מוסר נפש געווען, זענען געשטארבען על קדוש השם מיט שמע ישראל אויף די ליפען.

גרארע געפינט איהר זיך איצט אין ר' ישראל סאלאנטער תלמוד תורה, וואו עס ווערט געלהרענט מיט אונזערע יונגע קינדער חומש מיט רש"י, נביאים, משניות, גמרא, דינים ומנהגים און אידישע געשיכטע, אבער דערמאנט זיך אויף אט יענע הונדערטער טויזענדער אידישע קינדער וועלכע געניסען ניט קיין ברעקעל אידישע ערציהונג, וועלכע וואקסען אויף פרעמד צו אונזער פאלק, צו אונזער גאט, צו אונזער הייליגער תורה, און אונזערע אידישע נשמות וועלען דאך פערציטערט ווערען פון דעם שרעקליכען יום המות פון יודענטהום ! ! ווייל צוזאמען מיט די אלטע שמות זענען מיר דאך ביםלאכווייז מקבר דעם אלטען דור מיט אלע זיינע הייליגקייט און — קיין נייע וועלען מיר ניט האבען. ווי שרעקליך דאס איז ! ...

דער אלטער פאטער גוסס'ט, שטארבט, איהם איי מען מקבר אויפ'ן הייליגען ארט און זיינע איבערגעבליבענע ספרים ברייגגען די אמעריקאניזירטע קינדער אין שוהל, אין תלמוד תורה, און מאכען פון זיי אלטע שמות. לאמיר איצט ברייגגען צוריק די אלטע שמות צו די אלטע פאטערס, צו די אלטע מוטערס, אויפ'ן הייליגען ארט, וועלכע בענקען אפשר נאך זיי ליגענדיג אין קבר אזוי עלענד, אהן א קדיש, אהן א יאהרצייט, אהן א פרק משניות...

ניט איינפאכע שמות געהען מיר איצט מקבר זיין, נור נשמות, נשמות פון אלטע פאטער און מוטערס, אין אט די שמות ליגען נשמות בעהאלטען, צוריסענע, באליידיגטע, פארשעהמטע נשמות פון עלטערען...

וואס פאר שרעקליכע הארץ־רייסענדע טראגעדיעס אט די שמות וואס ליגען פאר אונז איצט וואלטען אונז געקענט דערצעהלען, ווען מיר וואלטען זייער שפראך פערשטאנען, ווען זיי וואלטען ריידען געקענט !...

וואס פאר א שרעקליכע צייט מיר לעבען יעצט איבער ! דא שטעהען אידען, מענער און פרויען, בינדען פעקלעך שמות, באצאהלען פאר דער מצוה פון טראגען די פעקלעך שמות אויפ'ן טוידטען וואגען צו דער קבורה, און זיי טהוען דאס מיט א הייליגען רעספעקט, און א ביסעל ווייטער פון שוהל, אין גאס, אין לעבען, זעהט איהר אידען וואס ברעכען די לוחות... זענען מחלל שבת וכל קודש בישראל, שמות מקברים און לוחות ברעכער אין איין שטאדט און אין איין צייט !...

די רבנים, די כלי קודש, די תלמידי חכמים, די לעבעדיגע ספרי תורה איז מען מבזה, א פראכטער עם הארץ, וועלכער ווערט פרעזידענט פון שוהל, האט צו זאגען אויפ'ן רב פון שוהל, אויף ש"ס ופוסקים, די ארטאדאקסישע שוהלען מאכט מען פאר אן ארון אין וועלכען מען איז מקבר די רבנים און די דרשנים און — לוחות ושברי לוחות מונחים בארון זה... די רבנים און דרשנים ווערען בעהאנדעלט ווי אלטע שמות. הונגער און ארעמקייט ביים לעבען, און א שעהנע לויה מיט א גרויסען הספד, מיט א גרויסען קבר נאכ'ן טויטט...

אידישע עלטערען! די שמות האבען יעצט א לויה, א קבורה, א הספד, אלעס האבען זיי, נור איין זאך פעהלט זיי — א ק ד י ש! קיין קדיש האבען זיי ניט. עלטערען אין אמעריקא זענען צו די שמות געגליכען, זיי האבען נאכ'ן טוידט אלעס, אז אייגענעם פלאט, פיעל „סעמעטערים", פון שוהל, פון לאדזש, פון די „סאסייעטיעס", מעהר „סעמעטערי" וויפיעל א טוידטער קען באנוצען, זיי האבען מאנכעס מאל א שעהנע לויה, א הספד, זיי האבען אלעס, נור קיין ריכטיגען קדיש האבען זיי ניט. מען לעבט אפ א לעבען, מען ארבייט שווער און ביטער, און נאכ'ן טוידט פעהלט דער הארציגער יתגדל ויתקדש שמיה רבה, מיט פרוש המלות!... ווער רעדט א פרק משניות פון אן אייגענעם קינד, דאס איז צופיעל לוקסוס. צייגט ניט, רבותי, אזא טוידט אויף דעם נארישען, פוסטען לעבען אונזערען?! מיר לעבען, ארבייטען, האווען, און הארעווען אוים, מיר ערציהען קינדער וועלכע וועלען זיין פרעמד צו אונזער ש"ס ופוסקים, אין פיעלע, זעהר פיעלע פון זיי וועלען ניט קענען איבערלייענען די מצבה פון זייערע עלטערען, אויב די מצבה איז מיט העברעאישע ווערטער, אין לשון קודש!...

רבותי! זייט מקבר די אלטע שמות בכבוד, און קויפט נייע ספרים פאר דעם נייעם אידישען דור אין אמעריקא. דער עיקר איז אז אונזערע יונגע קינדער זאלען גאט'ס ווארט לעהרנען און גוט שטודירען, וועלען מיר דאן זוכה זיין קומען צוריק אהיים, צוריק אין ארץ ישראל, ארץ האבות והבנים, און מיר וועלען דארט לעבען א גליקליכען לעבען, א לעבען פון קדושה וטהרה על פי תורת ישראל, קדושת החיים על פי קדושת התורה בארצנו הקדושה, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

TITLE OF BOOK

NAME OF PUPIL

SCHOOL

THIS BOOK COVER IS PRESENTED WITH THE COMPLIMENTS OF

THE ROYAL BANK OF CANADA



"THE COVER WITH THE DOUBLE CORNER."